STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06307

TSVISHN SHTUREMS

Lili Berger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל י ל י ב ע ר ג ע ר

צווישן שטורעמס

LILI BERGER

AU MILIEU DES TEMPÊTES

Buenos Aires - París, 1974

לילי בערגנער

צווישן שטורעמס

ראָמאַן

פאַרלאַג „פ ר יַ נ ד ש אַ פ ט"
בוענאָס איירעס - פּאַריז 1974 — תשל"ד

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער מיטהילף פֿון דער בוך־
קאָמיסיע בײַ דעם „פּאַריזער סאָציאַלן פאָנד״
אין פראַנקרײַך

חוץ די היסטאָרישע, זענען אַלע אַנדערע
געשטאַלטן אויסגעטראַכטע

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שײַכות צום בוך זיך ווענדן צו:
Lili Berger, 8 Rue, de L'aqueduc
93 Montreuil, París - France

ערשטער טייל

קאַפּיטל I

דער צוג איז אָנגעקומען אויפֿן וואָקזאַל מיט אַ גרילצנדיקער סאַפּעניש, אָפּגעסאַפּעט און זיך אָפּגעשטעלט. אַנעט האָט געקוקט דורכן פֿענצטער פֿון וואַגאָן. דער צופֿאַלנדיקער אָוונט איז געווען אַ שוואַרצער, אַ נאַסער. אין דער פֿינצטערניש האָבן געצאַפּלט אומעטיק־רויטלעכע ליכטער. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָס קאַרגע עלעקטרישע ליכט ווערט זיך קעגן דער פֿינצטערניש זי זאָל עס נישט איינשלינגען. זי האָט דערפֿילט אַ פֿײַכטע קעלט אין די ביינער. אין נידערשלעזישן שטעטל ב. איז דאָס וועטער נאָך אַ מילדס. דער האַרבסט איז געווען אַ פֿרילינגדיקער. וואָס נענטער צו וואַרשע, אַלץ איז דאָס וועטער ערגער. ס׳גייט אַ נאַסער שניי. די ווײַסע, צעקראָכענע שניי־פֿליטערלעך פֿאַלן פֿאַמעלעך צו צו דער ערד און צעגיסן זיך.

דאָס וועטער לייגט זיך אויפֿן געמיט ווי בלײַ. דער פֿאַרטריבענער אומרו קומט צוריק: ווי וועט עס איצט זײַן? ווען זי דאָ קאָנען אָנהייבן אויפֿסנײַ?

זי האָט געהאַלטן בײַ איר זײַט דאָס פֿינף־יעריקע יינגל, מיט דער רעכטער האַנט געדריקט צו זיך, ווי זי וואָלט געוואָלט אים באַשיצן קעגן אַן אומבאַקאַנטער געפֿאַר און געמורמלט צו אים מיט אַ בלאַסן שמייכל: „דער טאַטע וואַרט אויף אונדז, אפֿשר דײַן ברודער אויך”. זי האָט דאָס שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און יעדעס מאָל האָבן די ווערטער מיט אַ האַמער געזעצט אין האַרץ. זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן חרטה האָבן: וואָס פֿאַראַ אײַנפֿאַל האָט זי פּלוצלינג געהאַט זיך אַליין צו לאָזן אין וועג? פֿאַרוואָס האָט זי נישט געוואַרט ער זאָל קומען נאָך איר?

דער וואַגאָן איז שוין ליידיק. זי וואַרט. אַ קאַלטער שטראָם האָט זיך

פלוצלינג אַרײַנגעגאַסן אין וואַגאָן־דורכגאַנג. אין דער געעפנטער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מאַן אין אַ שווערן מאַנטל מיט אַ רוסישער פופײַקע אויפן קאָפּ. ער איז מיט שנעלע טריט צו צו אַנעטן, אַרײַנגענומען זי ווי אַ קינד אין זײַנע אָרעמס און שטיל אין איר אַרײַנגעשעפּטשעט: „אַניעלאַ, אַניטשקאַ, אַניאַלעק, מלאכל מײַנס".

זי האָט זיך פּאַמעלעך באַפרײַט פון זײַנע שווערע אָרעמס, אויפגעהויבן צו אים די אויגן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ס'איז נישט קיין טעות. פון אויפגעשטעלטן קאָלנער, פון דער ברייטער פופײַקע האָט אַרויסגעקוקט אַן אָפּגעמאָגערט, שטראַלנדיק פּנים. זי האָט אויפסנײַ דערזען ווי דאָס פּנים האָט זיך געענדערט. די אַמאָליקע גלאַטיקע הויט צעקנייטשט, נאָר דער שמייכל דער זעלבער; די ברוינע, וואַרעמע אויגן נאָך וואַרעמער. זיי קוקן אויף איר מיט ליבשאַפט. די ליפּן ציטערן לײַכט, ווען ער רעדט צו איר:

— פאַרוואָס האָסטו נישט געגעבן צו וויסן אַ ביסל פריִער? איך וואָלט אַלץ געטאָן זיך צו באַפרײַען, צו קומען נאָך דיר.

ער האַלט זי בײַ ביידע הענט, וויל זיי נישט אַרויסלאָזן, מורמלט שטיל:

— האָסט זיך גאָרנישט געענדערט, יאָ געענדערט... נאָך שענער געוואָרן...

זי לענט אָן אויף אים אַ רגע לײַכט דעם קאָפּ. ער פאַלט צו מיט די ליפּן צו איר מויל, זויגט ווי אַ דורשטיקער אַ פרישן זאַפט. אַנעט רײַסט זיך ווידער צערטלעך אָפּ, ווײַזט מיט די אויגן אָן אויף די ייִנגלעך. זיי שטייען פון ביידע זײַטן און קוקן פאַרגאַפטע, מיט קינדערשער קנאה, דער קלענערער הינטער דער מאַמען, דער גרעסערער הינטער דעם טאַטן.

— מאַרעק, פאַרגעסט אין די קינדער.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון הינטער אַנעטן דאָס צעטומלטע ייִנגל, אויפגעהויבן אין דער הויך, אַוועקגעלייגט צוויי הייסע קושן אויף די קאַלטע בעקלעך און צוריק אים געשטעלט אויף די פיס. קלאָד האָט ווידער אַ שווײַגנדיקער אַרונטערגעשאַרט זיך הינטער דער מאַמען. דאָס עלטערע ייִנגל איז אָן אָנגעכמורעטער אָפּגעטראָטן פון טאַטן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטרינען. אַנעט האָט זיך באַזינט, גיך זיך דערנענטערט צו

אים, אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. זי האָט אים אַ קוש געטאָן און געפּרווט אויפהייבן זײַן קאָפּ. דאָס ייִנגל האָט עקשנותדיק געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

— יורי, גיב אַ קוש דער מאַמען.

מאַרעק האָט זיך אָנגעבויגן צו קלאָדן.

— און דו, זונעלע, וועסט נישט אַ קוש געבן דעם פּאַפּאַ?

קלאָד האָט זיך אײַנגענורעט אין דער מאַמען.

— טאָ זאָלן זיך די ברידער צעקושן.

די ייִנגלעך זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך. נישט דער גרעסערער, נישט דער קלענערער האָבן געמאַכט אַ שריט פון אָרט. אַנעט האָט גענומען בײדע ייִנגלעך פאַר די הענט און אָנגעהויבן זיך אײַלן. די צערעמאָניע דויערט צו לאַנג. אַ גליק וואָס דער צוג בלײַבט שטיין אויפן אָרט, ווען נישט וואָלט ער זיי ערגעץ אַוועקגעפירט. אַז מאַרעק האָט ווייניק חוש פאַר רעאַליטעט, האָט זי געדענקט. לויט די צוויי פריערדיקע באַגעגענישן זעט נישט אויס ער זאָל זיך אין דעם פּרט האָבן אַ סך געענדערט. מ׳וועט אַליין דאַרפן נעמען די לייצעס אין די הענט.. זי האָט אים דערמאָנט ער זאָל רופן אַ טרעגער צו די וואַליזקעס.

פאַרן וואָקזאַל האָט געוואַרט אַ גרויסע לימוזינע. דער שטייפער שאָפער איז אַרויס און געעפנט דאָס טירל. יורי האָט זיך באַזעצט אין פראָנט, נעבן רודער. קלאָד האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל. מאַרעק האָט געדריקט צו זיך אַנעטן, אַרײַנגענומען אירע בײדע הענט אין זײַן ברייטער האַנט, צוגעטראָגן זיי פון מאָל צו מאָל צום מויל. פינף נפשות זענען געזעסן אין אויטאָ און געשוויגן. דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט איבער די בלאָטיקע, קוים באַלויכטענע גאַסן. דאָ און דאָרט איז אַ גאַס אײַנגעוויקלט אין פינצטערניש. דער וועג פון הויפּט־וואָקזאַל ביז דער בעלוועדערסקע גאַס האָט אַנעטן אויסגעזען, ווי זי וואָלט דורכגעמאַכט אַ מהלך פון איין שטאָט אין אַ צווייטער.

— דאָ זענען מיר בײַ זיך, צום ערשטן מאָל האָבן מיר אַן אייגענע שטוב.

אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער גערוימער דירה. זי האָט איר אויסגעזען צו גרויס, אומהיימלעך.

זי האָט געקוקט אויפן מאַן, ווי זי וואָלט אים איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן צום ערשטן מאָל געזען. זײַן ברייטער, אָפענער שמייכל האָט אָפּגעדעקט

קינסטלעכע ציין. די געדאַנקען האָבן זיך געקרײַזט אין מוח אַזוי ווי מוראַשקעס לויפן איבערן לײַב. צו נײַן און דרײַסיק יאָר אַזוי פיל קינסטלעכע ציין. וואָס איז געוואָרן מיט זײַנע אייגענע, די געזונטע, ווײַסע ציין? ער האָט קיינמאָל קיין צין־ווייטיק נישט געהאַט. ס'האָט זיך איר אויפסנײַ געוואָרפן אין די אויגן די שראַם אויף דער לינקער, אונטער־שטער באַק. בלויז די אויגן, די וואַרעמע, גוטע אויגן די זעלבע. די גלאַנ־ציקייט אין זיי נאָך גלאַנציקער. ער האָט אויפגעכאַפּט אירע זײַטיקע, פאַרשעריקע בליקן.

— אַנוש, מיידעלע מײַנס, מיט דיר, נעבן דיר וועל איך צוריק ווערן דײַן „שיינער פּרינץ". אָן דיר בין איך געוואָרן אַזוי ווי איך בין איצט.

— די שראַם אויפן באַק אויך ווײַל אָן מיר?

זי האָט געהאַט פאַרדרוס אויף זיך. עס כאַפּט זיך איר שטענדיק אַרויס עפּעס, וואָס זי וואָלט נישט געדאַרפט זאָגן. זי האָט געוואָלט פאַרריכטן מיט אַ שפּאַס.

— האָסט אפשר געהאַט אַ דועל צוליב אַ קראַסאַוויצע?

— ביסט שטענדיק געווען איינע, מײַן איינציקע. נאָר קוק איצט נישט אויף מיר צופיל. און פרעג נישט. איך בעט דיך. כ'וויל האָלסט זײַן אַזוי גליקלעך, ווי איך. כ'וועל אַלץ טאָן ס'זאָל אַזוי זײַן.

זי האָט מער נישט געפרעגט, גענומען זיך מיט גענױטקייט צו אירע מאַמעשע אַרבעטן, אַנגעקאָרמעט די יינגלעך און געפירט זיי אין צימער זיי זאָלן זיך לייגן שלאָפן. זי מוז וואָס גיכער בלײַבן מיט אים אַליין, זי וויל וואָס גיכער זיך דערוויסן וואָס ס'איז מיט אים געשען. דער צען־יעריקער יורי האָט נישט געוואָלט זיך אויסטאָן אין איר קעגנוואַרט.

— שעמסט זיך פאַר דער מאַמען?

— כ'שעם זיך נישט, כ'וויל זי זאָל אַרויסגיין.

— נישט זי, נאָר די מאַמע.

— טאָ זאָל די מאַמע אַרויסגיין, וועל איך זיך אויסטאָן.

ער האָט דאָס געזאָגט אין רוסיש. אַנעט האָט פאַרלאָזט דאָס צימער. ווען די יינגלעך זענען געלעגן אין בעט, איז זי צוריק אַרײַן, אַ קוש גע־געבן יורין אין שטערן, דערנאָך זיך דערנענטערט צו קלאָדס בעטל. דאָס יינגל האָט זיך אונטערגעהויבן, מיט בײדע הענטלעך זיך אײַנגעקלאַמערט אין איר האַלדז און מיט אַ כליפּ געמורמלט:

— כ׳וויל מיר זאָלן פאָרן צוריק צו אונדז, צו די קינדער, מאָרגן זאָל מען...

„די ערשטע נאַכט" האָט אַנעט אַ נאָמען געגעבן יענע נאַכט. זי איז דורך אין שגעזן, אין פרייד און אין שרעק, אין צאַפּלענישן און נישט דערזאָגענישן. אַנעט האָט מער נישט געוואָלט וואַרטן, האָט געוואָלט וויסן וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן ביי אים אין די צוועלף יאָר צעשיידונג. בעת די ערשטע טרעפונגען און פון די בריוו, האָט זי זיך וויניק וואָס דערוווסט. „כ׳בין אַזוי גליקלעך דיך צו האָבן אָפּגעפונען" — האָט ער געשריבן. — „כ׳האָב אַ קינד, ער האָט נישט קיין פאָטער", האָט זי געענטפערט אויף זיינע ערשטע בריוו. „איך האָב אויך אַ קינד, ער האָט נישט קיין מאַמע און אויך נישט... וועסט זיין זייערביידנס מאַמע, איך — זייער ביידנס טאַטע. מ׳וועט זיי דאָס מאַכן גלויבן".

זי האָט נאָך נישט געוווסט אין וואָס זי גופא וועט גלויבן, אין וואָס זי וועט זיך קאָנען אָנקלאַמערן. אין פאַרשלאָסענעם שופלאָד איז געלעגן דער אויסלענדישער פאַספּאָרט. זי האָט אים געשריבן אין איינעם פון אירע בריוו, אַז וואָלט ער זיך אָפּגערופן אַ צוויי וואָכן שפּעטער, וואָלט ער זי שוין דאָ נישט געטראָפן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיינע פילע באַשעפטיקונגען און געקומען אויף אַ טאָג. זי האָט אים נישט דערקענט. ער זי יאָ. אין יתומים־הויז האָט יענעם טאָג געוויזשט מער ווי שטענדיק. דער טומל האָט דורכגעהאַקט די וואַנט פון קליינטשיקן צימער. קלאָר איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן, געקלעפּט צו איר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט דער פרעמדער מענטש זאָל נישט צונעמען די מאַמע. אַ דערציִערין האָט געוואָלט אים פאַרשפּילן, פאַרנעמען זיך מיט אים, דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן מאַכן קולות, אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף דער מאַמעס שויס. אַנעט האָט זיך פאַרענטפערט פאַר מאַרעקן: אַלע קינדער אין יתומים־הויז זענען נערוועזע, פון אָנהייב געווען פאַרווילדעט.

עטלעכע וואָכן איז אַנעט אַרומגעגאַנגען אַ צעדולטע. יעדן טאָג אַ בריוו פון אים, אין אָוונט אַ טעלעפאָן. ער וויל ווידער קומען, ער גייט אויס פון בענקשאַפט. איצט, אַז ער האָט זי אָפּגעפונען, קאָן ער נישט לעבן אָן איר.

זי האָט אויך מער נישט געקאָנט לעבן אַליין. פון אירע דריי און דריי־

סיק יאָר האָט מען אָפּגעריסן צוועלף יאָר. צוועלף יאָר בענקשאַפט, אַנגסט, פאַרדאַכט, אומזיסטע האָפענונגען. פינף יאָר גיין כסדר דעם טויט אַנט־קעגן; באַווײנט אײנעם, דערנאָך אַ צווייטן. אַ צעבראָכן שיפל, אַרויסגע־וואָרפן דורך די צעווילדעטע ים־כוואַליעס. ווי אַזוי פאַרלאָזט מען איצט דאָס לאַנד, ווען ער איז דאָ? וואָס ווייסט זי אָבער הײַנט וועגן אים? וועגן זײַן קינד? פון זײַנע בריוו פאַרשטייט זי נישט קיין סך, ער ענטפערט נישט אויף קיין פראַגן. ס׳וועט זײַן אָן אַ סוף, אָן אַן עק.

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט האָט זי באַשלאָסן. אינדערפרי געגעבן צוויסן אין יתומים־הויז, אַז זי פאָרט מאָרגן פרי אַוועק. אַ פאַרטרעטערין איז סײַווי געווען צוגעגרייט, זי האָט זי שוין געהאַט אַרײַנגעפירט אין דער אַרבעט. די צוויי וואַליזקעס זענען אויך געווען צוגעגרייט. זי האָט טע־לעגראַפירט צו מאַרעקן.

געקומען איז אַנעט אַנגעשטאָפּט מיט שאלות, מיט רעטענישן. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער האָבן אַ באַשייד. איר אומגעדולד האָט פאַר־שטערט זייער „ערשטע נאַכט״. אַ שעה־צוויי האָט זי געשוויגן. זײַנע צערטלעכקייטן האָבן זי פאַרשיכורט. זי האָט געצאַפּלט אין זײַנע אָרעמס ווי מיט יאָרן צוריק. פּלוצלינג איז איר באַפאַלן אַ מורא. אַ שטימע האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז: „כ׳וויל נישט האָבן קיין קינד״!

— טײַערע מײַנע, וועסט נישט... דערווײַל... דערווײַל בין איך...

— וואָס דערווײַל...?

ער האָט נאָך עפּעס אומדײַטלעך אַרויסגעשטאַמלט. ס׳האָט אים אָבער באַלד באַנג געטאָן זײַן אויפריכטיקייט, געדריקט זי שטאַרקער צו זיך און געקושט אירע אויגן.

אַנעט זאָגט וועגן זיך, אַז דער שכל איז בײַ איר שטענדיק אַ קריכער. זי האָט זײַנע נישט דײַטלעכע ווערטער נישט פאַרשטאַנען אין ערשטן אויגנבליק, געכאַפּט זיך אַ ביסל שפּעטער און מער נישט געקאָנט זיך אײַנהאַלטן נישט צו פרעגן.

— און יורי?...

— וואָס יורי?

— זאָגסט, אַז דו...

— בלויז דערווײַל. דער דאָקטער זאָגט ס׳וועט זיך אײַנגיכן ענדערן. געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע. ס׳איז

געווען מלחמה, נישט געווען קיין שום שוצמיטלען. ביי פרויען שלעכט געווירקט מערסטנטיילס אויף דער ראיה, ביי מענער סעקסועל. דאָס היילט זיך גיכער און בעסער ווי די ראיה.

— און יורי, דיינער?

— נישט מיינער. ער ווייסט נישט. ער דאַרף נישט וויסן. ער איז... ער איז מיינער.

— ווּעמענס געווען?

— סעוועקס...

— ער לעבט נישט?

— ניין.

— געשטאָרבן, צי אין דער מלחמה?

ער האָט נישט געענטפערט. האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן אירע ברוסטן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם זי זאָל נישט הערן זיין שווער אָטעמען. אַנעט האָט געגלעט זיינע שיטערע האָר, וואָס זענען מיט צוועלף יאָר צוריק געווען זייער געדיכט. זי פלעגט זאָגן, אַז ער האָט אַ באַוואַקסענעם קאָפּ ווי אַ שעפּס. פלעגט אַמאָל מיטביידע הענט אָננעמען גאַנצע זשמעניעס האָר און דראָען, אַז זי וועט אויסשערן אַ ביסל, ווען ער וועט שלאָפן, זי וועט טאָן אַזוי ווי דלילה האָט געטאָן מיט שמשונען. איצט האָט זי צערטלעך צוגעדריקט צו זיי די ליפּן. פראַגן האָבן זיך איר געשטופּט אויפן צונג. זי האָט זיך איינגעהאַלטן זיי אַלע נישט אַרויסצושיטן מיט איין מאָל.

— יוריס מאַמע?...

דאָס מאָל האָט ער זיך צוגעאיילט צו ענטפערן, נישט געלאָזט איר פאַרענדיקן.

— כ׳האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט זיין מאַמע, מ׳האָט דיך פאַרלוירן און צוריק געפונען.

— ער גלייבט דיר?

— יאָ. ער געדענקט נישט זיין מאַמע, האָט נישט קיין קלאָרן באַגריף וואָס דאָס איז.

— ביז וויפל יאָר איז ער געווען מיט זיין מאַמען?

— אפשר צוויי, אפשר מערער אַ ביסל, כ׳ווייס נישט גענוי.

אַנעטן האָבן אָנגעהויבן צו שוועבן פאַר די אויגן די אָפּגעראַטעוועטע

קינדער, וואָס זיי האָבן נאָך דער מלחמה צונויפגעקליבן. די ייִנגערע האָבן נישט געוווּסט פון וואַנען, פון וועמען זיי שטאַמען. איצט האָט זיך אַ פראַגע אַרויסגעריסן פון זיך אַליין.

— האָסט אים פון ערגעץ אַרויסגעראַטעוועט?

— ער האָט מיך געראַטעוועט... פריער ער מיך... דערנאָך איך אים...

קיין ווײַטערדיקע פראַגע האָט זי נישט באַוויזן צו שטעלן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון איר, זיך אויפגעזעצט, אַרײַנגענומען אַנעטן אין זײַן שויס, אײַנגעטוליעט זי אין זײַנע אָרעמס און שטיל זיך געבעטן בײַ איר:

— טײַערע, איינציקע מײַנע, פרעג נישט קיין פּרטים. אפשר וועלן מיר זיך אַמאָל דערוויסן... דאָס, וואָס מיר ווייסן, איז גענוג דו זאָלסט זײַן זײַן מאַמע, פּונקט ווי איך וועל זײַן קלאָדס טאַטע. ער איז גלײַך געוואָרן מײַן אייגן קינד. כ׳האָף ער וועט מיך... זיי וועלן אונדז באַטראַכטן פאַר זייערע עלטערן. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דיר. מיר הייבן אָן אַ נײַ לעבן. לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם וואָס געווען. דעם נעכטן וועלן מיר נישט ענדערן. געדענקסט האָסט מיך אַמאָל געלערנט ייִדיש? צי געדענקסטו אויך, אַז דו האָסט מיר געלייענט פּרצן? ס׳האָט זיך מיר אויף שטענדיק פאַרגעדענקט עפּעס. דוכט מיר אַ סקיצע אָדער עסיי פון אַ באַנד עסייען, איך געדענק נישט דעם טיטל.

אַנעט האָט אים דערמאָנט.

— מסתמא „געדאַנקען און אידייען”.

— פּרצן קענסט דו און נישט איך, אָבער אין זכרון האָבן זיך אײַנגעקריצט אַזעלכע ווערטער: „אָן חרטה, אָן טענות. אַזוי מוז מען... חרטה איז איבערהויפּט אַ נאַרישע זאַך. הײַנט קאָן מען אַ דעה האָבן אויף דעם מאָרגן. דעם נעכטן קאָן גאָט אַליין נישט ענדערן”. כ׳האָב די ווערטער אַ סך מאָל אײַנגעחזרט און איבערגעחזרט פאַר זיך גופא.

— איך לערן מיך נישט מיט אַזאַ לײַכטקייט ווי דו. חברה פלעגט זאָגן, אַז ווען דו בלײַבסט מיט אַ פאַרקילונג אין בעט, שטייסטו אויף מיט אַ נײַער, אויסגעלערנטער שפּראַך. איך האָב אויך נישט אַזאַ גוטן זכרון, ווי דו. איך בין אָבער אַ היסטאָריקער, איך וויל וויסן וואָס ס׳איז געשען נעכטן. אָן דעם קאָן מען נישט פאַרשטיין וואָס ס׳קומט פאַר הײַנט, ווי אַזוי מ׳וועט דאַרפן מאָרגן...

ער האָט איר איבערגעריסן מיט אַ לאַנגן, הייסן קוש.

— ווילסט מיר פאַרמאַכן דאָס מויל?

— כ׳וויל זאָלסט מיך צוריק ליב האָבן, אַזוי ווי אַמאָל.

— ווילסט מיך גאָרנישט פרעגן?

ער האָט, שווײַגנדיק, געגלעט אירע האָר.

— ווילסט נישט וויסן ווער ס׳איז געווען קלאָדס טאַטע? צי כ׳האָב געהאַט אַנדערע?...

— ס׳וועט גאָרנישט ענדערן. כ׳האָב דיך ליב. נאָך מער ווי אַמאָל. איך וועל דיר קיין פראַגן נישט שטעלן. וועסט אַמאָל וועלן, וועסטו דערציילן.

— כ׳וויל איצט דערציילן. כ׳מוז. אַנדערש... אַנדערש וועל איך נישט קאָנען אײַנשלאָפן.

— טאָ דערצייל.

— געדענקסט דײַן יינגערן שול־חבר?

זי האָט געוואַרט. ער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

— קלאָד שטיינבערג. ער איז דער ערשטער געפאַלן קיין פּאַריז, געלערנט דאָרט כעמיע. זײַנע קענטעניש אין כעמיע האָבן דאָ גוט גע־דינט. אויפצורײַסן דײַטשע צוגן, בריקן. ער האָט געהאָלפן פאַרלייגן אַ „לאַבאָראַטאָריע". מ׳האָט דאָרט פאַבריצירט אויפרײַס־מאַטעריאַל. כ׳בין געווען זײַן פאַרבינדלערין צווישן וואַלד און שטאָט. בלויז איין מאָל גע־בליבן מיט אים. צו שפּעט געווען זיך אומצוקערן אין דער געהיימער דירה. דעמאָלט זיך דערוווּסט וועגן, וועגן... ער האָט מיך ליב געהאַט. צוליב דיר קיינמאָל נישט דערמאָנט. דעמאָלט האָבן מיר שוין נישט גע־גלויבט דו זאָלסט זיך צוריקקערן, זאָלסט לעבן. מיר האָבן אויך נישט געגלויבט, אַז פון דער־אָ נאַכט זאָל...

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געזוכט ווי אַזוי ווײַטער צו ציִען דעם פאָדעם. דאָס רעדן איז איר אַלע מאָל שווערער געוואָרן.

— ער איז אַוועק אינדערפרי און מער זיך ניט אומגעקערט. נאָך צען וואָכן דערוווּסט זיך, אַז כ׳בין שוואַנגער. מ׳האָט מיך צוגערעדט זיך צו באַפרײַען. מיר האָבן געהאַט אַ דאָקטער. כ׳האָב אָפּגעזאָגט. כ׳האָב געוואָלט האָבן קלאָדס קינד. נישט צו באַגרײַפן הײַנט ווי אַזוי כ׳האָב דעמאָלט... כמעט אַלע פאַרבינדלערינס זענען אומגעקומען, דאָ, אויף דעפּאָרטאַציע. איך האָב זיך שטענדיק אַרויסגעראַטעוועט. נישט צו באַגרײַפן ווי אַזוי

קלאָד איז געקומען אויף דער וועלט. געדענקסט ווי כ׳האָב זיך שטענדיק איבערגעשריבן מיט מײַן לערערין פון פראַנצויזיש? מ׳פלעגט זאָגן, אַז ס׳זיצט אין איר אַ פראַנצויזישער דיבוק. אַפילו מיט איר הונט האָט זי גערעדט פראַנצויזיש. איך בין אַוועק צו איר מיט אַרישע פּאַפּירן אין טאַש, מיט קלאָדן אין די אָרעמס, אויפן האַלדז אַ צלמל. מ׳האָט גע׳מיינט אַט־אַט ענדיקט זיך די מלחמה. ס׳האָט נאָך געדויערט לאַנג. איר ברו־דער, דער גלח, האָט אים געמאַכט אַ טויף־מעטריקע. זי האָט גערעדט מיט אים פראַנצויזיש, אַזוי ווי מיט איר הונט. כ׳האָב אים אָפּגענומען ערשט, ווען ער איז דריטהאַלבן יאָר אַלט געווען. ער האָט זיך געריסן צוריק צו איר, גערופן זי מאַמאַן. זי איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוריק, 72 יאָר געהאַט; כ׳האָב געוויינט נאָך איר, ווי נאָך...

ס׳האָט איר פאַרפעלט אָטעם. אין האַלדז האָבן די ווערטער, וואָס זי האָט נאָך געוואָלט אַרויסזאָגן, פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ קנויל, און דער קנויל האָט געשטיקט, געשטיקט. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. ערשט, ווען ער האָט אײַנגעגראָבן די ליפּן אין איר האַלדז, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער כליפּ, וואָס האָט זי באַפרײַט פון דער שטיקעניש. דערנאָך האָט זי מיט אַ ציטערנדיקער שטימע אים אַרײַנגעשושקעט: „איצט ווייסטו אַלץ, געוואָלט זאָלסט וויסן באַלד פון אָנהייב. כ׳וואַרט פון דיר דאָס זעלבע, כ׳וועל מער נישט פרעגן, וועסט אַליין".

אויפגעוועקט האָט זי קלאָד. ער איז געשטאַנען מיט באָרוועסע פיס־לעך פאַרן בעט און געהעשעט, ווי עס סקאַמליעט אַ פאַרפרוירן, פאַר־בלאָנדזשעט הינטל. אָנעט האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ הינערפּלעט. אויפן נאַכט־טישל איז געלעגן אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט עטלעכע אויפגע־שריבענע זאַצן: „שלאָף, מײַן ליבע. רוט זיך בײדע אָפּ. אין קיך אַלץ צו־געגרייט. נאָך דער אַרבעט אַ זיצונג. דער טאָג וועט הײַנט זיך ציִען פאַר מיר אומענדלעך".

פאַר אָנעטן האָבן זיך אויך די שעהן געצויגן אומענדלעך. זי האָט נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען. די גרויסע וווינונג האָט איר אויס־געזען אומהיימלעכער, פרעמדער ווי נעכטן. דורכן פענצטער האָט אַרײַנ־געקוקט אַ נידעריק־גרויער הימל. זי האָט אַרויסגעקוקט און דערזען אַ

וויסע ערד, דאָ און דאָרט שוואַרצע פלעקן. ס'האָט געשנייט מסתמא אַ גאַנצע נאַכט. פון אונטערן דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ טונקל־גרויע טויב. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל אין שויב און אַנטלאָפן. קלאָר איז צוגעשטאַנען צו עפענען דאָס פענצטער, זי וועט אַריינקומען די טויב, מ'וועט איר געבן צו עסן. זי איז נישט געקומען. פון פענצטער האָט זיי אָפּגעצויגן דער טעלעפאָן. „אַניעלקאַ? אויסגעשלאָפן זיך? וואָס? דרייסט זיך אַרום ווי אויפן עולם התוהו? מיר זענען ביי זיך, אין אונדזער אויסגעבענקט לאַנד, אין אונדזער אייגענער שטוב און נישט אויפן עולם התוהו".

אָפליייגנדיק דאָס טרייבל זענען אירע בליקן געפאַלן אויפן טעלעפאָן־ביכל. זי האָט נישט גערעכנט היינט צו קלינגען און פאַרט אָפּגעזוכט איר אייגן נאָטיץ־ביכעלע, אָנגעהויבן מישן. צו וועמען זאָל זי אָנקלינגען? אָט איז דער טעלעפאָן פון יעקב שטיין. צופעליק אים באַקומען מיט עטלעכע טעג צוריק. אַזוי פיל יאָרן נישט געהערט פון אים! ער איז געווען איר ערשטער לערער פון יידישער געשיכטע אין דער ציש"אָ־שול. ער פלעגט איר אונטערדרוקן מאיר באַלאַבאַנס ביכער, צוגערעדט צו שטודירן געשיכטע, צעפלאַקערט אין איר די נייגונג צו יידישער פאָרשונג. ער אַליין האָט דאָס פאַרוואָרפן זינט ער איז צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט דער ערשטער פוילישער אַרמיי. אָבער באַראַטן זיך מיט אים וועט גוט זיין. וואָס זאָל זי אים זאָגן? אַ, פאַרגעסן, ער הייסט היינט יעזשי ניעמאָווסקי. ווי אַזוי זאָל זי זיך ווענדן צו אים? גאַנץ פשוט, ווי אַמאָל: גוט מאָרגן, לערער שטיין! ער פלעגט זאָגן שלום־עליכם. שטענדיק פלעגט ער זיך אַזוי באַגריסן. ס'וועט נישט טויגן. גוט מאָרגן און געענוג. אין פויליש. זי האָט נאָך קיינמאָל מיט אים קיין פויליש נישט גערעדט. נאָר זאָל זיין אין פויליש, ער איז איצט ביי דער אַרבעט.

זי האָט נישט דרייסט אָנגעדרייט די ציפערן. ס'האָט זיך אָפּגערופן אַ באַקאַנטע שטימע. זי האָט דערקענט זיין ווילנער אַקצענט. ס'האָט זיך אין איר אויפגעוועקט די אַמאָליקע היימישקייט.

— גוט מאָרגן לערער שטיין.

אַ שטילשווייגן. אפשר אַ טעות? צום טייוול, זי האָט זיך פאַרגעסן, געזאָגט שטיין. די שטימע פון דער צווייטער זייט דראָט איז ווידער דערגאַנגען צו איר אויער.

— ווער רעדט? וועמען דאַרפט איר?
— כ׳וואָלט געוואָלט רעדן מיט מאַגיסטער ניעמאָווסקי...
— דאָס בין איך. ווער רעדט?
— אײַערע אַמאָליקע שילערין פון...
— וואָס פאַרא סיורפּריז! גיט מיר אײַער טעלעפאָן, כ׳וועל צו אײַך אָנקלינגען.

זי האָט אויסרעציטירט די ציפערן און ערשט דערנאָך זיך געכאַפּט, אַז דאָס מאָל האָט זי דאָס געטאָן אין ייִדיש. ער קאָן מיינען, אַז זי האָט דאָס געטאָן ספּעציעל, אַזאַ קידער־ווידער, שלעכט אָנגעהויבן. אפשר דערפאַר זי גאָרנישט געפרעגט, אָפּגעפּטרט זי מיט אַ צוזאָג אָנצוקלינגען?

קלאָד האָט זי אַ צי געטאָן פאַרן קלייד. ער הערט נישט אויף צו קאַפּריזעווען. ער וויל נישט זײַן אין שטוב, וויל גיין עפּעס אויסקלעפּן פון שניי, ער וויל... אַ סקריפּ פון טיר האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. יורי איז אַרײַן מיט אַ צעשפּיליעטן מאַנטל און אַן ערנסט פּנים. אַנעט האָט זיך דערפרייט. פון הײַנט אָן איז ער איר קינד. זי וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך אויך פרייען מיט זײַן אָפּגעפונענער מאַמע... יורי איז אָבער אַוועק צו זיך אין צימער, האָט אַרײַנגעשטעקט מעשה דערוואַקסענער בײדע הענט אין די הויזן־קעשענעס, געדרייט זיך הין און צוריק און אונ־טערגעפּיפּן. אַנעט איז אַרײַן צו אים. קלאָד האָט אים צוגעוואָרפן אַ בייזן קוק, נישט אָפּגעלאָזט דער מאַמעס האַנט.

— יורי, קום עסן.
— ספּאַסיבאָ, ניע כאָטשו.
— האָסט געגעסן מיטאָג אין שול?
— דאַ!
— יורי, זונעלע, פאַרוואָס רעדסטו צו אונדז רוסיש? דײַן ברודערל פאַרשטייט נישט.

ער האָט ווײַטער געענטפערט אין רוסיש:

— אַ ייִנגל האָט הײַנט אָפּגעלאַכט פון מיר, ווען כ׳האָב גערעדט פּויליש. ער האָט געזאָגט איך בין נישט קיין פּאָליאַק, נאָר אַ רוס. ער האָט אויך געזאָגט איך בין אַ ייִד. אַ רוס און אַ ייִד.

אַנעט איז געשטאַנען ווי מ׳וואָלט איר מיט אַ שווערער זאַך אַ לייג געטאָן איבערן קאָפּ. יוריס אומעטיקע אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגע־

האַנגען אין איר, האָבן זי אויסגעניכטערט. זי איז צו צו אים מיט אויס־געשפרייטע אָרעמס. יורי איז רויט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. קלאָד האָט געקוקט מיט קנאה. מיטאַמאָל האָט ער מיט אַ וויינענדיקן קול אַ געשריי געטאָן אין פראַנצויזיש:

— מאַמאַן! קום צו מיר!

אַנעט האָט גענומען ביידע יינגלעך פאַר די הענט, אַוועקגעזעצט זיך מיט זיי אויף יוריס בעטל און אַריינגערעדט אין עלטערן: „יורי, ביסט דאָך שוין אַ גרויסער און נעמסט זיך איבער מיט דעם, וואָס אַן אי־דיאָטיש יינגל האָט דיר געזאָגט!"

— מאַמאַן!

קלאָדס אייפערזוכט איז געוואַקסן. ער האָט אויף צו להכעיס גערעדט פראַנצויזיש.

— וואָס האָט ער דיר דערציילט?

— יורי האָט מיר דערציילט וואָס ס׳איז היינט געווען אין שולע. איצט וועט ער זיך שפּילן מיט דיר.

— איך וויל זיך נישט שפּילן מיט אים! איך וויל מיר זאָלן פאָרן אַ היים!

יורי האָט זיך איינגעהערט אין די פרעמדע ווערטער און געפרעגט אין רוסיש:

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער וויל זיין גרויסער ברודער זאָל זיך מיט אים שפּילן...

יורי האָט זיך צעשמייכלט און דערציילט די מעשה פון אינדערפרי. דער טאַטע האָט אים געהייסן אַ קוש טאָן דעם ברודער פאַרן אַוועקגיין אין שול. קלאָד האָט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און נישט געלאָזט.

— מאַמאַן! ווען וועלן מיר צוריקפאָרן צו אונדז?

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער וויל זאָלסט רעדן פויליש און נישט רוסיש, ער פאַרשטייט נישט.

קלאָד האָט נישט אויסגעהאַלטן.

— כ׳וויל נישט ער זאָל רעדן! כ׳וויל צוריק צו אונדז! צו אונדזערע קינדער!

ס'האָבן זיך דערהערט האַסטיקע, שווערע טריט. מאַרעק איז געקומען פריִער ווי ער האָט אויסגערעכנט. אין די אָרעמס האָט ער געהאַט אַ בו־קעט בלומען, אײַנגעוויקלט אין גלאַנץ־פּאַפּיר. נאָך אים האָט געטראָגן דער שאָפער, אַ באַלאָדענער מיט פּעקלעך. ער האָט זיי אַרײַנגעטראָגן אין קיך, שטײַף זיך פאַרנייגט און אַוועק. מאַרעק האָט געקוקט אַ פאַרגאַפּטער אויף דער אידיליע. אומזיסט האָט ער זיך דעם גאַנצן טאָג געשראָקן.

ער האָט דערלאַנגט אַנעטן די בלומען, אַ צי געטאָן בײדע ייִנגלעך צו זיך, אַ קוש געגעבן קלאָדן, יורין, אַנגעבויגן זיך צו אַנעטס הענט און געפּלאַפּלט פון שמחה: „נישט געקאָנט הײַנט אַרבעטן. כ'האָב דיך געלאָזט מיט זיי בײדע אַליין. אָבער דו גיסט זיך שטענדיק אַן עצה. כ'זע, האָסט שוין קלאָדן דערנענטערט צום ברודער".

ערשט בײַם אָוונט־ברויט האָט אַנעט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך אײַנגעקוקט אין מאַנס פּנים. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויפסנײַ פאַרענדערט. זי איז געזעסן אַנטקעגן אים, געמאַכט דעם אַנ־שטעל, אַז זי הערט זיך אײַן מיט נײַגיר אין זײַנע רייד. אין דער אמתן האָט זי אים מער אָבסערווירט, ווי געהערט. דאָס פּנים האָט איר איצט אויסגעזען נאָך מער אויסגעצויגן. די באַקן באַדעקט מיט אַ נישט געזונ־טער ראָזיקייט. די קליינע שראַם אויף דער לינקער, אונטערשטער באַק דײַטלעכער. די קינסטלעכע ציין האָבן בײַם עסן דאָס מאָל מער צוּוויסן געגעבן, אַז זיי זענען צו גרויס. ס'איז קענטיק געווען זײַן אָנשטרענג נישט צו באַוועגן צו שטאַרק מיטן מויל. אויפן שטערן האָבן זיך געפּערלט עט־לעכע טראָפּנס שווייס. ער איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש. זי געדענקט, ווי ער איז שטענדיק געזעסן גלײַך. איצט זעט אויס, ווי די פּלייצע זאָל האָבן זיך צוגעוווינט צו זײַן אָנגעבויגן. וואָס האָט אים צוגע־וווינט דערצו? צווישן דרײַסיק און פערציק יאָר קומט נישט פאָר אַזאַ ענ־דערונג. זי האָט אויך נישט געלעקט קיין האָניק, פונדעסטוועגן... זאָל ער האָבן קראַנק געווען?

דער אָוונט־ברויט האָט זיך געצויגן לאַנג. מאַרעק האָט געוואָלט קאָנ־צענטרירן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויפן זעלבן און דערציילט אַן עפּיזאָד נאָך אַן עפּיזאָד. יורי איז געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אַן אָפן מויל. זײַנע אויגן האָבן פון מאָל צו מאָל זײַטיק און פאָרשעריש גע־בלאָנקעט פון דער מאַמען צום טאַטן. פון צײַט צו צײַט האָט ער אין זײַנע

רייד אַרײַנגעוואָרפֿן עטלעכע ווערטער, אַרײַנגעשטעקט אַ פּראַגע. קלאָר איז געווען אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיטשקע, באַוועגט זיך נערוועז אויף דער שטול, באַקלאָגט זיך פֿאַר דער מאַמען אין פּראַנצויזיש, דאָ און דאָרט אַרײַנגעמישט אַ יידיש וואָרט. אַנעט האָט אים אײַנגענומען אויך אין אַ געמיש פֿון פּראַנצויזיש און יידיש. טראַכטנדיק וועגן מאַן, איז איר דורכ־געלאָפֿן אַ געדאַנק אין קאָפּ: „אַ משפּחה פֿון פֿיר מענטשן, וואָס רעדן צווישן זיך אין פֿיר שפּראַכן".

דער טעלעפֿאָן אין צווייטן צימער האָט איבערגעריסן אירע צעשוי־בערטע מחשבות. מאַרעק איז אַהינגעגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען, האָט צערטלעך אַ גלעט געטאָן אַנעטן איבערן קאָפּ.

— צו דיר, דײַנער אַ באַקאַנטער, ער הייסט מאַריאַן.

אַנעטס פּנים האָט אויפגעלויכטן. מאַריאַן! ער איז געווען דער ער־שטער פֿון אַמאָליקע חברים, וואָס זי האָט אָפּגעפֿונען נאָך דער מלחמה. ער האָט זיך פּלוצלינג געװיזן אין יידישן הויז אין לובלין. זייער שמחה איז געווען אין לשער. די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ באַקאַנטן מענטש. ער איז פֿאַרשוווּנדן פּונקט אַזוי פּלוצלינג, ווי ער האָט זיך באַוויזן. ער האָט זי פֿאַרט אָפּגעזוכט אין שלעזישן יתומים־הויז. דאָ נישט לאַנג האָט זי אים געענטפֿערט אויף זײַנעם אַ בריוו.

— מאַריאַן, דו? זייער שיין פֿון דײַן זײַט, וואָס דו קלינגסט שוין.

— כ'האָב שוין אַפֿילו אַן אויסזיכט אויף אַרבעט פֿאַר דיר, אין אַ פֿאַרלאַג. דער דירעקטאָר איז מײַנער אַ באַקאַנטער.

— אין אַ פֿאַרלאַג? איך רעכן זיך צו נעמען צו יידישער פֿאַרש־אַרבעט.

— לאָז צו רו. ווערסט זיך נישט פֿאַרמאַכן אין קיין געטאָ.

אַנעט האָט צוריק צום טיש זיך נישט אומגעקערט. צופֿיל אויף איין טאָג, אויפֿן ערשטן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בעט. זי וועט אַ רגע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דורכן ברייטן פֿענצטער אַנטקעגן איר האָט אַרײַנ־געקוקט די לבנה, באַלויכטן דעם שלאָף־צימער. דער אָוונטיקער הימל, נאָכן אויסשנייען זיך, האָט זיך אָנגעקליידט אין אַ טונקל־בלויעם שלייער, און זי, די לבנה, אַ רונדיק־פֿולע, אַ זילבערן־גלאַנציקע, שפּאַצירט זיך זאָרגלאָז איבערן הימלישן פֿירמאַמענט. ווי גוט ס'איז צו קוקן אויפֿן לויטערן הימל, אויף דער זאָרגלאָזער לבנה, ווי גוט וואָלט געווען...

מאַרעק האָט זיך שטיל אַרײַנגעשלײַכט, צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, געזעצט זיך נעבן ווײַב, אַרײַנגענומען אירע הענט אין זײַנע.

— אונדזער זונעלע שלאָפֿט, אײַנגעשלאָפֿן בײַם טיש, כ׳האָב אים אויסגעטאָן, געלייגט אין בעט.

— כ׳וועל גיין צו די קינדער.

— ניין, מיר דאַרפֿן אַ ביסל זײַן אַליין. מיידעלע מײַנס, דאָס אַלץ צו שווער פֿאַר דיר; וועסט אין עטלעכע טעג אַרום אַרויספֿאָרן מיט קלאָדן זיך אָפּרוען, נאָענט פֿון שטאָט, איך זאָל קאָנען אָפֿט קומען.

— איך דאַרף זיך נישט אָפּרוען, כ׳בין נישט מיד, כ׳דאַרף אָנהייבן אַרבעטן.

— וועסט סײַווי נישט קאָנען, ערשט אין אַ צוויי־דרײַ וואָכן אַרום וועט זײַן אַ דינסט.

— אָן אַ דינסט קאָן איך זיך נישט באַגיין? אַפֿילו נישט קיין צוויי וואָכן?

— דאָ קאָן מען נישט, וועסט זען.

— די אַרבעטער און זייערע ווײַבער, וואָס אַרבעטן, האָבן דינסטן?

ער האָט נישט געענטפֿערט. אַנעט האָט בײַ דער שײַן פֿון דער לבנה ווידער זיך אײַנגעקוקט אין מאַנס פּנים. וואָס וואָלט זי נישט געטאָן אַראָפּצורײַסן די פֿרעמדע מאַסקע? ווען זי וואָלט כאָטש געוווּסט פֿון וואַנען עס שטאַמט אַזאַ אויסזען!

— מאַרעק, איך בעט דיך, קוק נישט אויף מיר, ווי אויף אַן אויסגעצערטלט קינד. איך ווייס גאָרנישט וואָס ס׳איז מיט דיר געווען אין דער צײַט פֿון אונדזער צעשיידונג, דו ווייסט אויך נישט קיין סך וואָס ס׳איז מיט מיר געווען. מײַן באָבע פֿלעגט זאָגן, אַז פּרנסה איז מלחמה. איך האָב געפֿירט אַזעלכע מלחמות נאָך דײַן פֿאַרשווינדן. געאַרבעט דאָס לעצטע יאָר אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ וועשערײַ, אין... בײַ וואָס נישט? אין יתומים־הויז געווען אויף די פֿיס פֿון זיבן פֿרי ביז שפּעט אָוונט.

אַנעט איז נישט אויסן געווען זיך צו באַקלאָגן, פֿאַרקערט, געוואָלט ער זאָל וויסן, אַז זי איז צוגעוווינט צו שווערער אַרבעט. בײַ מאַרעקן האָט זיך אָבער אָפּגערופֿן אַן אַלט שולדגעפֿיל. ער האָט זי געלאָזט אויף גאָטס באַראָט, כאָטש ער האָט איר אײַנגעשפּאַרט... ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? ער האָט אויסגערעכנט אויף אַ צוויי חדשים, העכסטנס צען וואָכן.

וויפל מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז די צעשיידונג איז אויף שטענדיק? צי דאַרף ער, צי טאָר ער איר דערציילן?

⁂

זיי האָבןביידע אויסגערעכנט בלויז אויף אַ צען וואָכן. ביידע געמאַכט דעם זעלבן חשבון.

ס'איז געווען סוף זומער 1937. מאַרעק און סעוועק, געבונדן מיט אַ פרײַנדשאַפט פון דער שול, פון אוניווערסיטעט, מיט פאַרטייִשער אַרבעט און מיט אַ בשותפותדיקן קליינעם אורטייל, וואָס זיי זענען אָפּגעזעסן אין איין קאַמער אין מאָקאָטאָווער תפיסה, האָבן אין פראַנקרײַך נישט געקאָנט צעשפרייטן זייערע יונגע, אָדלערישע פליגלען. מאַרעק אַ כעמיקער, אַ דיפּלאָמירטער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און מיט אַ ליצענץ פון פילאָזאָפיע פון דער סאָרבאָנע, האָט אין פאַריז געאַרבעט בײַ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. סעוועק, מיט צוויי יאָר עלטער, אַ פיזיקער־אינזשעניר, האָט מער געזוכט אַרבעט ווי געאַרבעט. פראַנקרײַך האָט נישט געדאַרפט נישט זייערע דיפּלאָמען און קענטענישן, נישט זיי גופא. זיי זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון „נישט געוווּנטשענע”. נישט איין מאָל האָט סעוועק מיטן ווײַב פאַרבראַכט אַ האַלבן טאָג אויפן „5טן שטאָק” פון דער פּאַריזער פּרעפעקטור. מאַרעק האָט זיך אויך געריכט אַהין פאַרבעטן צו ווערן. ס'איז זיי דערעסן געוואָרן. זיי האָבן אויסגעקוקט מיט ליכט אויף ענדערונגען אין געבוירן־לאַנד. די ענדערונגען זענען נישט געקומען. זיי האָבן געזוכט אויף דער וועלט־קאַרטע ווו זיך צו לאָזן און קאָנען ברענגען נוצן. זיי האָבן נישט געפונען. דאָס איינציקע לאַנד, וואָס נייטיקט זיך אין זייער ווייסן, איז דאָס גרויסע לאַנד פון זייערע אידעאַלן. ווו אַנצוקלאַפּן האָבן זיי געוווּסט. פאַריז איז אַ צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער, פּאָליטישער עמיגראַציע. זייער איבערגעגעבנקייט, זייערע שפּראַך־קענטענישן האָבן געעפנט פאַר זיי טירן. זיי האָבן אָבער לאַנג געוואַרט אויף אַן ענטפער.

אין צווישנצײַט האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגער־קריג אין שפּאַניע. זיי האָבן זיך פאַרגעלייגט מ'זאָל זיי אַהין שיקן. מ'האָט זיי נישט געשיקט. זיי דאַרפן וואַרטן אויף אַן ענטפער. זיי האָבן זיך דערוואַרט. ס'איז געקו־

מען אַ הסכּמה. נאָכמער: אַן אײַנלאַדונג. מסתמא זענען זיי מיט זייערע וויסנשאַפטלעכע קענטענישן דאָרט נויטיקער ווי אַנדערשוו.

סעוועק איז געפֿאָרן מיטן ווײַב. מאַרעק דערוויַיל אַליין. אַנעט האָט געהאַלטן אין מיטן באַלייגן עקזאַמענס. די צווייטע העלפֿט איז איבערגע־רוקט אויפֿן נײַעם אַקאַדעמישן יאָר. זי וועט נישט איבעררײַסן. וועט נישט פֿאַרלירן קיין יאָר. זאָל ער אויספֿועלן מ׳זאָל זי אַריבערוואַרפֿן עטלעכע חדשים שפּעטער. ער האָט אויסגעפֿועלט.

מאַרעק איז געווען געערגערט, אַנעט — צופֿרידן. זי האָט אויסגע־פֿירט. דעם מאַן האָט זי געטרייסט: וואָס איז אַ צען וואָכן? ס׳וועט זײַן אינ־טערעסאַנט. מ׳וועט אויפֿסנײַ פֿאַרזוכן בענקשאַפֿט. מ׳וועט זיך שרײַבן לי־בעס־בריוו.

זי האָט געשריבן, מאַרעק נישט. פֿון אָנהייב יאָ געשריבן, אַנעט האָט אָבער קיינמאָל קיין בריוו נישט דערהאַלטן. זי האָט געקלאַפּט אין אַלע טירן, נאָכגעפֿרעגט, אַלאַרמירט. קיין ענטפֿער איז נישט געקומען. אַלע דרײַ, ווי אַ שטיין אין וואַסער.

אַנעט האָט ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל געפּרוּווט נאָך אַ פּלי טאָן. דאָ, דאָרט געבעטן, געוויינט, געפֿאָדערט אַן אויפֿקלערונג. געווען גרייט מיט אונטערגעשאָסענע פֿליגלען זיך צו לאָזן צו אים. זאָל מען זי אַריבער־וואַרפֿן! נישט מעגלעך ער זאָל זי האָבן פֿאַרלאָזט. אפֿשר אַן אומגליק־פֿאַל? ער זאָל האָבן אַזוי סתּם קראַנק געוואָרן האָט זיך איר נישט גע־לייגט אויפֿן שׂכל. געווען שטענדיק געזונט, פֿעסט. אַ מענטש איז אָבער נאָר אַ מענטש. מ׳קאָן אַרויסגיין אויפֿן גאַס און אַרונטערפֿאַלן אונטער אַ לאַסט־וואָגן. פֿאַרוואָס זאָלן זיי אַלע דרײַ האָבן אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַ לאַסט־וואָגן? פֿאַרוואָס זאָל מען זיך נישט קאָנען עפּעס דערוויסן? ס׳איז דאָך נישט אויף עק וועלט?

חברים מער באַהאַוונטע ווי זי, האָבן געפּרוּווט מיט איינצעלנע ווערטער פֿאַרטײַטשן די מיסטעריע: אפֿשר טראָצקיזם? דאָס ערשטע סאָצי־אַליסטישע לאַנד מוז זיך פֿאַרטיידיקן. פֿאַרטיידיקן זיך קעגן וועמען? מאַ־רעק, סעוועק און ריטע טראָצקיסטן?! ווי אַזוי?! ווען?! ווו?! זיי האָבן אפֿשר געהאַט צופֿיל פֿאַרבינדונגען. ווער קאָן דאָס וויסן? צוריק געשמועסט, ס׳איז נישט אונדזער זאַך. מ׳וועט זיי קיין שלעכטס נישט טאָן. אויב אַ פֿאַרדאַכט,

וועט מען זיי אין ערגסטן פֿאַל צײַטווײַליק איזאָלירן. אַז מען הערט נישט וועגן זיי, דאַרף מען מסתּמא נישט הערן.

אַנעט האָט ווײַטער נישט געררוט. נישט אויפֿגעהערט צו שרײַבן בריוו. ווײַטער געקלאַפּט אין טירן. מ׳האָט אויפֿגעהערט זי אויפֿצונעמען.

ס׳זענען פֿאַרבײַ צוויי יאָר. זומער 1939. שוואַרצע, דראָענדיקע וואָלקנס האָבן פֿון צײַט צו צײַט אָנגעיאָגט אויפֿן אײראָפּעיִשן הימל. פֿון פֿראַנקרײַכס מזרחדיקן שכן האָט זיך געהערט אַ וועלפֿיש געבריל. אַנעט האָט אָבער פֿון לאַנג אָפּגעמאַכט בײַ זיך: נאָך די לעצטע עקזאַמענס, פֿאָרט זי קיין פּוילן זען די משפּחה. זי האָט באַצײַטנס צוויסן געגעבן איר אַמאָליקער לערערין פֿון פֿראַנצויזיש. יענע האָט גראַטולירט צום פֿאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט און מיט אומגעדולד דערוואַרט איר אָנגעזאָגטן וויזיט. זי האָט ליב געהאַט אירע אַמאָליקע שילער וואָלן זי באַזוכן, בפֿרט די וואָס רעדן פֿראַנצויזיש. די אַריסטאָקראַטישע דאַמע, אַ דערצויגענע אויף פֿראַנצויזיש, האָט געהאַט אַ קולט צו אַלץ, וואָס קומט פֿון פֿראַנקרײַך.

טיף אין האַרצן האָט בײַ אַנעטן געטליִעט אַ פֿונק האָפֿענונג. אפֿשר וועט זי דאָרט זיך עפּעס דערוויסן וועגן מאַרעקן? אַלצאיינס וואָס. זי וויל בלויז וויסן ווי עס האַלט מיט אים. פֿאָרט פֿון דאָרטן נענטער. קלאָד שטיינבערג פֿאָרט אויך זען די עלטערן. ער וועט איר העלפֿן, צוזאַמען וועלן זיי אפֿשר עפּעס דערשנאַפּן, כאָטש קיין סך צײַט צו זוכן וועלן זיי נישט האָבן. זי, אַנעט, האָט אַ צוזאָג אויף אַ גוטער אַרבעט. אין אַ זעקס וואָכן אַרום דאַרף זי צוריקפֿאָרן.

זי איז צוריק נישט געפֿאָרן. די מלחמה האָט איר פֿאַרשטעלט דעם וועג.

זי האָט וועגן מאַרעקן מער נישט געטראַכט. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי זי האָט אין אַלץ פֿאַרגעסן. אַלץ, וואָס ביז איצט, איז געוואָרן אַ ווײַטער, פֿאַרנעפּלטער חלום. אין איר לעבט בלויז אַ חיהשער אינסטינקט נישט צו לאָזן זיך דערהרגענען און אַ ברענענדיקער דראַנג צו הרגענען די, וואָס הרגענען אויס דאָס פֿאָלק. אַמאָל האָט זי נישט געקאָנט אַרײַנגיין אין קיין יאַטקע קויפֿן פֿלייש, איצט וואָלט זי מיט אירע אייגענע הענט געשניטן פֿלייש פֿון אַ דײַטש, זי וואָלט דערשטיקט מיט אירע פֿינגער.

דאָס געפיל פון נקמה איז אַזוי שטאַרק, ווי דער אינסטינקט פון לעבן. אַלץ, וואָס האָט פריער געהאַט אַ גרויסן ווערט, איז פאַרבלאַסט געוואָרן, איינגעאַנצן אויסגערונען. פאַרבליבן זענען בלויז די צוויי געפילן. אין שעהן פון באַזאַכטקייט, אין שלאָפלאָזע נעכט אין אַ בונקער, אָדער אין אַ געהיימער דירה אויף דער אַרישער זײַט, האָט זי זיך צוגעשווירן, אַז אויב זי וועט לעבן בלײַבן, וועט זי אָוועק פון דאַנען, ווו די אויגן וועלן טראָגן. אין יענע שעהן איז באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו פראַנקרײַך.

פון וואַלד איז זי אַוועק צו איר קינד. זי וואָלט עס געוואָלט אָפּנעמען און ווייסט נישט ווו זי וועט זיך מיט אים אַהינטאָן. די גוטהאַרציקע דאַמע האָט נישט אָפּגעגעבן, גערעדט צו איר שכל הישר: ווו וועט זי מיט אַזאַ קינד זיך אַרומוואַלגערן? ווו וועט זי איצט עס קאָנען פלעגן?

קלאָד איז געווען אַ קרענקלעך קינד. דער בויך אַ גרויסער, אַן אויפגעבלאָזענער, די פיסלעך דינע, די הויט אַ געלבלעכע, אַ דורכזיכטיקע. די אַלטע לערערין איז געוואָרן אַ „בוריס", אַ פלעגערין, אַ דאָקטער. דער מעדיצינישער „לארוס" האָט איר גוט געדינט.

אַנעט האָט זיך געלאָזט אין דער ערשטער, גרעסערער, באַפרײַטער שטאָט, קיין לובלין. אין איר שטעטל ברענט נאָך דאָס מלחמה־פײַער. סײַווי וועט זי דאָרט קיינעמען נישט געפינען. אין לובלין האָט זי געזוכט ייִדן, אָנגעקומען אין הויז אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ, אין דעם ערשטן זאַמלפונקט. ייִדן זענען געקומען פון וואַלד, פון בונקערס, פון באַהעלטענישן, אַרויסגעקראָכן ווי חיות נאָך אַ לאַנגער יאַגד פון פאַרשידענע לעכער. מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און פחד אין די אויגן האָבן זיי געזוכט אייגענע און אַ דאַך איבערן קאָפּ. די ערשטע הילף האָבן אָרגאַניזירט די, וואָס זענען געקומען פון די מזרח־גרענעצן.

מ'האָט אָנגעהויבן צונויפקלײַבן די אָפּגעראַטעוועטע קינדער. די ערשטע האָט מען געבראַכט פון מײַדאַנעק, דערנאָך פון קלויסטערס, פון קריסטלעכע, שטאָטישע היימען און אַנשטאַלטן, פון דאָרפישע כאַטעס. די עלטערע זענען אַליין אַרויסגעקראָכן פון בונקערס און נאָרעס. קליינע ייִדישע פאַראָבקעס זענען אַנטלאָפן פון פויערישעווירטשאַפטן, מיטגעגאַנגען מיטן באַפרײַערישן מיליטער. אַלע זענען זיי געווען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, שמוציקע, פאַרווילדעטע, פאַרלייזיקטע, צעטומלטע, צעשראָקענע. די ייִנגערע געדענקען נישט זייערע נעמען, זייער עלטער. זיי

וויינען, ליאַרעמען, איינע שרײַען פון שלאָף, אַנדערע שטעלן זיך פאַרן שלאָף אויף די קני, טוען תפילה, פאָדערן מ׳זאָל אויפהענגען הייליקע בילדער אויף די ווענט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס מאַכן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן אויפן אָרט. און מ׳דאַרף ווײַטער זוכן, אָפּנעמען זיי, צונויפ־זאַמלען. דאָ און דאָרט גיבן קריסטלעכע משפחות אַליין אָפּ, ברענגען זיי צופירן אין יידישן הויז, אַנדערע דאַרף מען צווינגען אָפּצוגעבן. פויערים פאָדערן פאַר אָפּגעבן אַ יידיש קינד גרויסע סומעס אין דאָלאַרן, אָפּטמאָל דאָס פאַרמעגן פונעם קינדס אומגעבראַכטע עלטערן. דאָ און דאָרט האָבן די אַפּוטרופּסים זיך אויפריכטיק צוגעבונדן צום קינד, ווי דאָס קינד צו זיי, זיי ווילן זיך נישט שיידן.

— כ׳האָב צוויי מיידעלעך, איר קאָנט מיר זאָגן וועלכעס פון זיי איז אַ יידיש קינד?

— מ׳האָט אונדז צוויסן געגעבן, אַז יידישע עלטערן האָבן געלאָזט בײַ אײַך אַ דרײַ־יעריק מיידעלע.

— ביידע זענען מײַנע, כ׳האָב זיי ביידע גלײַך ליב — האָט דער לוב־לינער אינזשעניער געטענהט.

אַנעט איז געשטאַנען פאַרן הויז און געיִשובט זיך: זאָל זי דאָ דער־ווײַל פאַרבלײַבן? זאָל זי אָננעמען דערווײַל די אַרבעט, וואָס מען לייגט איר פאָר, אָדער זיך אַרומזען ווי אַזוי ווײַטער זיך צו טאָרעווען אַ וועג? אַן אָפּגעריסן יינגל פון אַן אומבאַשטימטן עלטער האָט איר איבערגעריסן דעם יישוב־הדעת.

— דאָ איז דאָס הויז פון די זשידקעס? ווו זענען זיי די זשידקעס?

עמעצער האָט זיך געוואָרפן צו אים, געטריבן אים.

— אַוועק פון דאַנען! דײַן זאַך ווו ס׳איז דאָס הויז פון זשידקעס?

דאָס יינגל האָט מיטן אָרעם פאַרשטעלט דאָס פנים, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף קלעפּ, אָפּגעטראָטן אַ ביסל און וויינענדיק געשטאַמלט:

— איך בין אויך... כ׳ביך... כ׳בין אַ זשידעק.

מ׳האָט אים נישט געוואָלט גלייבן, געקוקט אויף אים מיט אומצוטרוי. אַנעט האָט אים אָנגענומען פאַרן האַנט, אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. ס׳האָט פון זיי אַרויסגעקוקט פחד און געבעט.

— ביסט אַ ייִדיש ייִנגל?

— כ׳בין. אַרויסגעגנבעט זיך, כ׳בין אַ פּאַראָבעק אויפֿן דאָרף.

— ווי הייסטו?

מ׳רופֿט מיך פֿראַנעק.

ער האָט אָנגעהויבן אָנשטרענגען דעם מוח, אַרויסציִען עפּעס פֿון זכרון, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן.

— כ׳געדענק... מודה אני... טאַטע, מאַמע, שבת...

מער האָט ער נישט געדענקט.

אָנעט האָט אים אָפּגעשוירן די פֿאַרלייזיקטע האָר, אַראָפּגעצויגן די שמאַטעס: ס׳האָט זיך געראַיעט אין זיי. דאָס לײַב, אַ באַדעקטס מיט אַ מיאוס אויסשיטעכץ, איז זינט יאָרן נישט געוועזן געוואַשן.

יעדן טאָג זענען צוגעקומען נײַע. קינדער אָן נעמען, אָן אַן עלטער, קינדער־זקנים, קריפּלען, קינדער מיט צלמלעך אויף די העלדזער. זיי האָבן די צלמלעך נישט געלאָזט אַראָפּנעמען. די צעטומלעניש און די אַנגסטיקע שרעק האָבן זיך אײַנגענעסטעט טיף. מ׳האָט געדאַרפֿט היילן די גופֿים און נשמות.

ס׳איז אָוונט. די קינדער זענען אויסגעזעצט, גרייט זיך צו נעמען צום עסן. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ טראַסק פֿון שויבן. דער אַרײַנגעוואָרפֿענער שטיין איז געפֿלויגן צו ווײַט, קיינעמען נישט געטראָפֿן. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געוויין, אַ געיאָמער. דאָס קליינוואַרג צעלויפֿט זיך, וויל זיך אויסבאַהאַלטן, טוליעט זיך צו די דערוואַקסענע. מ׳נעמט זיי אײַן, מ׳רעדט זיי אײַן: דער שטיין האָט פֿאַרבלאָנדזשעט, נישט אונדז מיינט מען...

מער האָט מען זיי נישט געקאָנט אָפּנאַרן. קריסטלעכע קינדער שטעקן זיי אַרויס אַ צונג, מען שפּעט זיי נאָך, מען רײַסט אַראָפּ פֿון זיי די היטלען, מען באַפֿאַלט זיי אויפֿן גאַס, אויפֿן שפּאַציר; מ׳קאָן זיי נישט אַרויסלאָזן אַליין, מען מוז אומעטום וואַכן איבער זיי.

די פּוילישע ערד איז שוין באַפֿרײַט פֿון מזרח ביז די ווײַטע נײַע מערב־גרענעצן. פֿאַר די פֿאַריתומטע, אָפּגעראַטעוועטע קינדער זוכט מען אַן אַנדער אָרט, אַ מער זיכערס. דאָס לובלינער יתומים־הויז ווערט איבערגעפֿירט אין נידערשלעזישן שטעטל ב. אַהער קומען נײַע אָפּגעזוכטע ייִדישע קינדער. עס קומען צו קינדער פֿון רעפּאַטרייִרטע ייִדן פֿון ראַ־

טנפאַרבאַנד. זיי זענען אַלע צעטומלט, דערשראָקן, דערשלאָגן, אויסגעדאַרט, אויסגעסקוואַרט. זיי רעדן אין פאַרשידענע שפּראַכן, זיי שטאַמלען, יאָנקען זיך, ציטערן אויף ביי אַן אָפּקלאַנג, וואָס קומט פון דרויסן. איינע בעטן זיי פירן צוריק צו זייערע קריסטלעכע מאַמעס, אַנדערע, די עלטערע, ווילן אַוועק.

אַנעט נויגט צו דאָס אויער, הערט אויס, פרעגט אויס. יעדעס קינד האָט אַ לאַנגע, נישט געאַנטע געשיכטע. זי טיילט זיך מיט אירע אָבסערוואַציעס, מיט איר מיינונג אין דער אָנפירערשאַפט: די, וואָס ווילן, דאַרף מען דערמעגלעכן אַוועקצופאָרן. מען קוקט אויף איר מיט פאַרדאַכט. זי גופא וויל אַוועקפאָרן, עס דאַרף זיין אַן אויסרייד.

זי האָט געוואָלט, אָן אַן אויסרייד. זי איז נישט אַוועקגעפאָרן. צוליב די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, צוליב איר אייגן פאַריתומט קינד.

קלאָד האָט שוין צוויי און אַ האַלבן יאָר. ער איז ווייטער אַ נערוועזיש און ראַכיטיש קינד. ער האָט אין קינדער־הויז פאַרגרעסערט די שפּראַך־צעמישונג מיט דער שפּראַך פון זיין ערשטער מאַמע. די קינדער שפּעטן אים נאָך, ער צאָלט זיי אָפּ מיט קלעפּ. ער שאָקלט זיך אויף די דינע פיסלעך, וואָס שניידן זיך איין אין אַ בויגן, יאָגט זיך נאָך אַ קינד, וואָס האָט אים דערצאָרנט און שלאָגט מיט די דאַרע, געלע הענטלעך. ווי אַזוי זאָל זי איינע אַליין זיך לאָזן מיט אים אין דער וועלט? צו וועמען? זי מוז אַליין זיך מיט אים פאַרנעמען. איידער זי פאָרט אַוועק, מוז זי אים שטעלן אויף די פיס. ס׳איז איר און קלאָדס קינד. מיט זיין אומקום, איז אומגעקומען אַ טייל פון איר גופא. נאָך מאַרעקס פאַרשווינדן איז ער געווען אַ גוטער חבר, אַ פריינד. נאָך יענער נאַכט נאָך זיין אומקום, איז ער געוואָרן דער נאָענטסטער מענטש, וואָס זי האָט געהאַט אויף דער וועלט. זי האָט זיך אַליין געפרעגט, ווי ס׳איז מעגלעך מ׳זאָל אַזוי בענקען נאָך עמעצן, וואָס איז מער צווישן די לעבעדיקע נישטאָ. בעת דעם געבורט, אַ פאַרשיכורטע פון ווייטיק, האָט זי אַריינגעשטופּט די פינגער אין מויל און גערופן פאַרשטיקטערהייט: קלאָד! קלאָד! ווען מ׳האָט איר דאָס ערשטע מאָל צוגעלייגט דאָס עופעלע, איז אויף אירע ציטערדיקע ליפּן געווען דער נאָמען קלאָד. זי האָט אַליין נישט געוווּסט צי זי שעפּטשעט צום קינד, צי צו זיין טאַטן. אויפן קינד האָט זיך איבערגעגאָסן אַ טאָפּלטע ליבשאַפט.

אַנעט רוט נישט טאָג און נאַכט, פּירט אויס אַלע אָנווײַזונגען פון דאָקטער. זי באַמערקט צומאָל נישט ווי גיך קלאָד האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער נײַער היים. ער קריגט ליב די קינדער, איז איינער פון די ייִנגסטע פון דער גרויסער קינדער־משפּחה.

די נידערשלעזישע שטעטלעך האָבן באַקומען אַ ייִדיש פּנים. ייִדן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין דײַטשע הײַזער פון וועלכע די באַלעבאַטים זענען אַנטלאָפן. עס רוישט און קאָכט זיך מיט אַ נײַ לעבן. ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון, ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן, קלובן, שולן, פאַרשולן, אינטער־נאַטן. מען בויט ייִדישע אינסטיטוציעס. מען שפּילט ייִדיש טעאַטער. דאָס אַנטלויפן, דאָס אַרויספאָרן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ייִדן אָרדענען זיך אײַן, וואָרצלען זיך אַלץ מער אײַן. נידערשלעזיע איז אַ קליינטשיק ייִדיש מלוכהלע. עס פאַרמעסט זיך אויף גרויסע אויפטוען. נײַע צײַטן, נײַע לי־דער. אין ייִדישע מײַלער קלינגט אַ נײַ געזאַנג. צו די פאַרוואָרלאָזטע קינדער האָט זיך אומגעקערט דער קינדערישער שמייכל. דאָס הויז קלינגט מיט קינדערישן געלעכטער, מיט פריילעכן טומל. אַנעט שטוינט, דאָס האַרץ קוועלט. אַן אויסגעשאָכטן, פאַרברענט פאָלק איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים. האָט זי דען נישט קיין שטיקל חלק אין דעם? ס׳איז דען נישט, ווײַל איר אידעאַל ווערט פאַרווירקלעכט דאָ? אויף דער מיט בלוט דורכגעווייקטער ערד גייען אויף נײַע שפּראָצן. פאַרוואָס וויל זי אַנטלויפן פון דאַנען? וואָס טרײַבט זי? וואָס שרעקט זי? פאַרוואָס וויל זי פאַרלאָזן איר געבוירן־לאַנד? צי באַגייט זי נישט קיין עוולה קעגן די פאַרבליבענע? קעגן די קינדער, וואָס דאַרפן זי? קעגן איר אייגן קינד? דאָס, וואָס אירע אויגן האָבן צוגעזען, גייט נאָך ווי אַ געשפּענסט. זי ווייסט. פאַרוואָס זאָל זי אָבער זיך נישט באַפרײַען פון די געשפּענסטער?

דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט האָט זי נישט קיין צײַט צו טראַכטן דערוועגן. בײַנאַכט, אין בעט, אַמפּערט זי זיך, קריגט זיך אַרום מיט זיך. צוויי אַנעטן רײַסן זיך בײַ די נעז. ס׳געווינט שטענדיק די, וואָס האָט געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו אַנטלויפן, ווו די אויגן וועלן טראָגן. זי געווינט נישט לײַכט. די אַנדערע אַנעט טרעט נישט אָפּ נאָכן פאַר־שפּילן. זי הייסט איר יעדעס מאָל זיך נאָך איבערלייגן. זי ווײַזט איר אויף שוואַרץ אויף ווײַס, עסט איר אָפּ די גאַל. ווען איין אַנעט האָט שוין געהאַט אָנגעגעבן אויפן פּאַספּאָרט אַרויסצופאָרן, האָט די אַנדערע גע־

טראַכט, אַז ס׳איז בלויז אויסצופירן אַ צוזאָג, לשם וועגן. זי וועט נאָך אָפּצ:ען, וועט נאָך אַליין אײַנזען.

ס׳איז 1949. אַנעט האָט לאַנג געוואַרט אויפן פּאַספּאָרט. זינט צוויי חדשים ליגט ער פֿאַרשלאָסן אין שופלאָד. זי האָט נישט געוואָלט פּאָרן מיט קלאָדן אין די גרויסע היצן. בעסער אין האַרבסט... אַלץ איז פּאַרטיק צו דער רײַזע. אין צימער שטייען צוויי נײַע וואַליזקעס. זי האָט אײַנגעקויפט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט פּאָרן ביסל אָפּגעשפּאָרטן געלט. פון די פּאַרבלי־בענע אַמעריקאַנער רעזערוון האָט זי נאָך באַקומען אַ מאַנטל, אַ צוויי קליידלעך. מער וועט זי שוין נישט אָפּליגן. אויב נישט איצט...? וואָלט זי נישט געהאַט אויסגעקויפט אַ בילעט מיט אַ טערמין, וואָלט זי קיין גאַנצע צוויי וואָכן נישט געוואַרט.

דער האַרבסט איז אַ לינדער, כמעט אַ וואַרעמער. דאָס פענצטער פון קליינעם צימערל איז אָפן. די זון, גליטשנדיק זיך אַראָפּ צום האָרי־זאָנט, קוקט אַרײַן. די קינדער אויפן הויף, אַנטקעגן פענצטער, שפּילן זיך, טומלען. קלאָר לאָזט זיך הערן מער ווי אַנדערע. אַנעט הערט גאָרנישט און זעט גאָרנישט. זי זיצט אויפן אײַזערנעם בעטל אָנגעבויגן איבער בייגעלעך פּאַפּיר. די הענט ציטערן, די ליפּן שעפּטשן: „מאַרעק לעבט. מאַרעק לעבט. ער לעבט״... צוויי בריוו זענען דערגאַנגען מיט איין מאָל צוזאַמען מיט אַ טעלעגראַמע. זיי זענען אָנגעקומען פּאַר מיטאָג. זי האָט נישט געהאַט קיין צײַט אָפּצולעזן אין ביורא, ערשט צוזאַמען מיט דער טעלעגראַמע אָפּגענומען. זי האָט געלייענט איין מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. ער לעבט! ער האָט זי פון לאַנג געזוכט, האָט אײַנגעלייגט וועלטן זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן איר. וואָלט ער געקאָנט, וואָלט ער גלײַך געקומען צו פליען.

קאַפּיטל 2

אַנעט האָט זיך אונטערגעגעבן. זי וועט דערווײַל אַרויספֿאָרן מיט קלאָדן. זי זעט שוין אַליין: אָן אַ „מענטש" אין שטוב, האָט זי געבונדענע הענט. נאָר אויב שוין אַרויספֿאָרן, איז אין ייִדישן אָפּרו־הויז, וואָס אויף דער אַמאָליקער „ייִדישער ליניע".

דער דעצעמבער־פֿראָסט ברענט. די סאָסנע־ביימער זענען אָנגעקליידט אין ווײַסע מלבושים. דער שניי אין פּאַרק, אין שיטערן סאָסנע־וועלדל מיניעט זיך מיט אַלע ניואַנסן פֿון זילבער. ער קנאַקט און צעקלינגט זיך אונטער די טריט.

קלאָד זעט אויס, ווי אַ בײַכיק פּעסעלע. אַנעט האָט אַרויפֿגעצויגן אויף אים אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט. דאָס לאַנגע פּעלצל, וואָס דער טאַטע האָט אים באַזאָרגט פֿון דער ספּעציעלער קראָם פֿאַר קאַדרן, שלאָמפּערט זיך פֿאַר די פֿיס אין וואָלאַקעס. דאָס פֿוטערנע צו גרויסע היטל מיט אויערן־שליאַפּעס איז אַראָפּגעפֿאַלן איבער די אויגן. אַ גראָבער, וואָלענער שאַל אַרום האַלדז פֿאַרשטעלט דאָס מויל. דאָס נעזל קוקט אַרויס אַ רויטס, ווי ס'וואָלט רויט געווען פֿון כּעס. אַנעט, אײַנגעוויקלט אין דרײַ וואָלענע זשאַקעטלעך, אין אַ ביליקן אַמעריקאַנער מאַנטל, פֿירט פֿאַרן באַהענטשקעטן הענטל קלאָדן, דערציילט אים אַ מעשה וועגן אַ שניי־מענטש, וואָס גייט אַרום נאַקעט און האָט נישט מורא פֿאַר קעלט און פֿראָסט. די סטעזשקע ציט זיך לענגאויס דער באַן־ליניע. אַרום זענען די ביימער באַשיט מיט ווײַסן, בלישטשנדיקן פּוך. דאָס וואָלענע טיכל אויפֿן קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט איבערן שטערן און פֿאַרשטעלט דעם ווײַט.

פּלוצלינג איז אַנטקעגנגעקומען אַ געשפּענסט: אַ שוואַרצע, גרויסע

קאָזע אויף צוויי פּיס. די פּיס אין הויכע, שמוציקע שטיוול האָבן פֿאַרלאַנגזאַמט די טריט. פֿונעם אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿון קאָזע־פּוטער האָט אַרויסגעשטעקט אַ רויט, אָנגעדראָלן פּנים אָן אַ שטערן. די שוואַרצע טשערעפּאַכע אויפֿן קאָפּ האָט אים פֿאַרשטעלט. שטעכיקע אויגן האָבן מיט חידוש געקוקט אויף מאַמע און זון, ווי אויף אַ בייז ווונדער. אַנעטן איז הייס געוואָרן. זי איז צו ווייט אָפּגעגאַנגען פֿון הויז. פֿאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען בילדער פֿון נישט ווייטן עבר. קלאָד, צי ער האָט דערפֿילט דער מאַמעס שרעק, צי דאָס געשפּענסט האָט אָנגעוואָרפֿן אויף אים אַ פּחד, האָט זיך צעוויינט. דער פּויער אין דער קאָזעפּעל האָט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל אַ קוויטשיק געלעכטערל, אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער סטעזשקע און פֿאַרגעזעצט זײַן וועג. אַנעט האָט זיך נישט ווילנדיק אומגעדרייט. צי וועט ער הינטער דער פּלייצע נישט אויסציִען די האַנט מיט נעגל זי צו ווערגן? יענער האָט זיך אויך אומגעדרייט. ער האָט זיך אָבער, ווײַזט אויס, געאײַלט, האָט אָנגעהויבן שטעלן פּיס. אַנעט האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קינסטלעכן געלעכטער: „האָסט זיך דערשראָקן פֿאַר זײַן שוואַרצן קאָזע־פּוטער?” זי האָט געגעבן קלאָדן צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס שוואַרצער קאָזע־פּוטער וואַרעמט בעסער ווי פּעל פֿון ווײַסע און גרויע קאָזעס. קלאָד האָט מער נישט געוואָלט שפּאַצירן, אָנגעהויבן פֿאָדערן מ׳זאָל צוריק פֿאָרן אַ היים, צו זייערע קינדער.

אין אָפּרו־הויז, בעת די מאָלצײַטן, רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. אויסגעזעצט ענג בײַ טישלעך און טישן עסן מענטשן ווערטער צוזאַמען מיט די שפּײַזן. אַ באַדערפֿעניש אַזאַ זיך אויסצורעדן. באַיאָרטע ייִדן מיט צעאַקערטע פּנימער, מיט אָנגעבויגענע פּלייצעס, מיט אַ געהיימניספֿולן פֿלאַם אין די אויגן רעדן אַרײַן איינע אין די אַנדערע. פּרויען גיבן זיך איבער וואָס מען קאָן נאָך באַקומען אין די קאָמיטעטן; מען רעדט געדיכט, אַ וואָרט ייִדיש, אַ וואָרט פּויליש. אַ דאַרע שכנטע פֿון אַ דערנעבנדיקן טישל אין אַ צו ברייטן בלויעם סוועטער און אין אַ צו לאַנגער זשיפּיצע וואַרפֿט זיי צו: „עפּעס רעכטס נישטאָ. האָבן געשיקט דאָס געמיינסטע”.

אַנעט אָבסערווירט דיסקרעט, שפּיצט אָן די אויערן, נעמט פֿון מאָל צו מאָל אַרום מיט די אויגן דעם גאַנצן זאַל. אַן אינדזל, אַ וועלט פֿאַר זיך. זי עסט לאַנגזאַם די פּעטע זופּ און לאָזט בלאָנקען די בליקן. זי פֿילט, אַז מען אָבסערווירט זי אויך. מען הענגט אָן אויף איר די אויגן און מען ציט

זיי צוריק. אַ קליינוווקסיקע פרוי אָן אַ באַשטימטן עלטער, אין אַ צו לאַנג טוועטערל מיט קורצע אַרבל און מיט אַ לאַנגע שורה ציפּערן אויף דער רעכטער האַנט, שלײַכט זיך צו צו איר מיט נישט דרייסטע טריט און אַ זשעניִרטן שמייכל. זי פרעגט: „ס׳איז אמת איר זענט געקומען פּונקט צו דער מלחמה פון פּאַריז? איר פאָרט נישט צוריק? מ׳זאָגט אַז ס׳איז נישטאָ דאָרט צו עסן, האַ?״ אַנטעס שכן, אַ צעוואַקסענער בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און שעלמישע אויגן, ענטפערט פאַר איר: „מ׳עסט דאָרט זשאַבעס!״ אַ בלאָנד־חנעוודיק מיידל מיט אַ פּאַרריסן נעזל, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון וואָלה, העלפט אים אַרויס: „מ׳עסט דאָרט פערדן־פלייש פּונקט ווי אין געטאָ״! און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. דער בחור מיט די שעלמישע אויגן שטייט נישט אָפּ: „מ׳עסט דאָרט שליִ־מאַקעס, לעבעדיקע, מ׳שטעקט אַרײַן אַ גאָפּל און כאַפּ! אין מויל!״ אַלע לאַכן, אַנטעס לאַכט מיט, דאָס בלאָנדע מיידל טרייסלט זיך פון געלעכטער, נאָר קלאָר זעט אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט וויינען.

די קליינוווקסיקע פרוי מיט דער שורה ציפּערן אויפן אָרעם שטייט צו צו אַנעטן: „נישט אמת, האַ? דאָס יונגוואַרג מאַכט אויס מיר ס׳געלעכטער, האַ?״ דער יונג, דער כוואַט האַלט זיך בײַ זײַנס: „אַז מע זאָגט אײַך, זאָלט איר גלייבן!״ בײַ אַ שכנותדיק טישל רײַסט אָפּ דעם קאָפּ פון טע־לער אַ מאָגערער בחור מיט אַ צעבראָכענער האַנט אין גיפּס. אין דער וועסט־קלאַפּע שטעקט אַ רויט שטערנדל. ער וואַרפט צו זײַנע פאַר ווער־טער: „אַז מען פאָרט אַוועק פון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, פרעגט מען פאַרוואָס מ׳פאָרט נישט צוריק?״ דאָס פּאָרל בײַ אַנטעס טישל קוקט זיך איבער. די פרוי אין צו ברייטן, בלויעם סוועטער בײַם צווייטן טישל מורמלט צו אירע שכנטעס: „הלוואַי וואָלט איך דאָרט געקאָנט זײַן״. די אַנדערע שווײַגן. די קליינוווקסיקע פרוי מיט דער שורה ציפּערן אויפן אָרעם קערט זיך אום אויף איר אָרט, קענטיק זי האָט נאָך וואָס צו פרעגן און פרעגט נישט.

אַן אויסגעפּוצטע דאַמעלע, וואָס מען רופט פּאַני רעדאַקטאָר, פאַר־וואַרפט דעם קאָפּ מיט די אָנגעלאַקטע האָר, ציט אויס דעם דינעם האַלדז, ווי אַ הענדל אַ קריי צו טאָן. זי איז דאָ ווי אַ יוון אין סוכה. זי פאַרשטייט נישט קיין ייִדיש, רעדט מיט אַ צוגעקליבענער ליטעראַרישער שפּראַך. ווערטער פּערל, נאָר זי האָט זיי נישט צו וועמען צו ווענדן. זי זיצט אַליין

ביי אַ קליין רונדיק טישל ביים פענצטער און קוקט געוויינלעך אין פּראָס־טיקן דרויסן. אַנעט איז פּאַר איר אַ רעטעניש. דער שמועס וועגן פראַנק־רייך גיט איר אַ געלעגנהייט אויסצוטוישן עטלעכע ווערטער. וועגן פראַנק־רייך וואָלט זי אויך געקאָנט עפּעס זאָגן, נישט ווייניק זיך אָנגעלייענט. אַנעטן רופט מען אָבער צום טעלעפאָן. ס׳איז מאַרעק. ער קלינגט צוויי מאָל אין טאָג, ביי מיטאָג און אָוונטברויט.

ווי גיך אַנעט לייגט קלאָדן אין בעט, גייט זי אַראָפּ אין גרויסן זאַל. זי זוכט מיט די אויגן. אפשר וועט זי דאָ פּאָרט עמעצן געפינען? עס גע־שעט, אַז דורך אַ צופאַל. זי געפינט אין ערגעץ קיינעמען נישט. בלויז אומבאַקאַנטע פּנימער. אַ צוזאַמענגלויף פון אומעטום. יעדערער איז אויף אַן אַנדער אופן אַרויס פון דער שרפה. יעדערער האָט זיין אייגענע גע־שיכטע. איינע דערציילן גערן, אַנדערע זענען פאַרביסענע שווייגערס. דאָ און דאָרט זיצט ווער אין אַ ווינקל, ווי ער וואָלט געוואָלט בלייבן מיט די אייגענע מחשבות. דאָ און דאָרט אַ רימל, מען רעדט הויך, געדיכט, מען פירט וויכוחים. אַנדערע רעדן מיט אַ מורמלעריי, מען גיט זיך איבער נייעסן אין דער שטיל. אַנעט שטעלט אָן די אויערן, זי כאַפּט אויף אָפּ־געריסענע ווערטער, שטיקלעך זאַצן: „מ׳לאָזט שוין נישט", „מ׳וועט אינ־גאַנצן נישט לאָזן".

נישט ווייט פונעם רימל, ביים וואַנט, זיצט אַ ייִד. אויסגעבויגן, ווי אַן אַלטער, אונטערגעבראָכענער בוים, די אויגן איינגעגראָבן אין דיל, זעט ער אויס ווי ער וואָלט נישט געזען, נישט געהערט וואָס ס׳טוט זיך אַרום. אַנעט זעצט זיך צו אויף דער שכנותדיקער שטול. דער ייִד הייבט אונטער דעם קאָפּ, שענקט דער שכנטע אַ זייטיקן בליק און זיפצט אויס:

— אַ נייע צרה, מ׳לאָזט שוין נישט.

אַנעט האָט אין דער רגע פאַרגעסן און תמעוואַטע געפרעגט:

— וואָס לאָזט מען שוין נישט?

דער ייִד האָט אויסגעדרייט צו איר דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ, גע־ענטפערט מיט צוויי פראַגן אויף איר איינער:

— וואָס, מ׳לאָזט נישט? אויפן עולם הדמיון זענט איר? אַרויספאָרן לאָזט מען נישט.

ער האָט איר צוגעטראָפן, זי איז אויפן עולם הדמיון. מען דאַרף אָבער אין איר נישט דערקענען. זי גיט זיך צו האַרץ.

— אַ, דאָס מיינט איר, איך ווייס...

דער ייִד ווערט נײַגיריק:

— איר האָט זיך אײַנגעאָרדנט צו פֿאַרבלײַבן?

— און איר?

— וואָס איך? כ׳בין אַליין. אַז מען איז אַליין ווייסט מען נישט וואָס צו טאָן. ווי האָט מען געזאָגט בײַ ייִדן? איינער איז קיינער.

אַנעט פרעגט מער נישט. דער ייִד האָט אָבער אַ באַדערפֿעניש צו רעדן.

— גיי ווייס וואָס ס׳איז בעסער. פֿריִער געטראַכט, וואָס דאָס לויפֿע־ניש? ווו זוכן גליקן אַליין? אַ דאָך איבערן קאָפּ איז דאָ? וואָס אין מויל צו לייגן איז דאָ? לעבן לאָזט מען? טאָ זיץ דערווײַל.

— איצט האָט זיך דען געענדערט?

— כ׳האָב אײַך געזאָגט איר זענט אויפֿן עולם הדמיון. פֿריִער האָט מען געקאָנט פֿאָרן.

— איר זענט דאָך סײַווי נישט געפֿאָרן.

— אָבער מ׳האָט געקאָנט. אַז מ׳קאָן נישט פֿאָרן טויג נישט. אַזוי איז דאָס. מ׳האָט זיך געטראַכט, ס׳וועט נישט גוט זײַן, נעמט מען דאָס פּעקל וואָס? מ׳איז שוין דאָ אַזוי פֿאַרזיכערט? די היגע אַנטיסעמיטן זענען גע־וואָרן אויס אַנטיסעמיטן? צו דער נײַער רעגירונג קאָן מען גאָרנישט האָבן, כ׳זאָג נישט, פֿאַרקערט, פֿרײַנדלעך צו ייִדן. וואָס קומט אַרויס, אַז אַ וואָרט ייִדיש אויפֿן גאַס האָט מען מורא צו רעדן. אין וואַרשע, ווי אין וואַרשע.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און באַלד צוגעגעבן:

— און אַז ס׳וועט עפּעס קאַליע ווערן? אַז ס׳וועט זיך חלילה וחס אַ שאָקל טאָן? ייִדן וועלן ווידער זײַן דאָס ערשטע כּפּרה־הינדל. ניין, ס׳טויג נישט, אַז מע לאָזט נישט אַרויס.

אַנעט האָט אָנגעהויבן ציילן די טעג, די שעהן. לאַנגע, אומענדלעכע צען טעג. זי האָט אָפּגעטעמט, ווען דער שאָפֿער איז אין אַ פֿרימאָרגן גע־קומען נאָך איר.

מאַרעק איז געקומען פֿון דער אַרבעט מיט צוויי פּאַקעטן און אַ שײַ־

נענדיק פּנים. ער האָט אָפּגעלייגט די פּעקלעך, אַרומגענומען אַנעטן, דער־נאָך אויפגעוויקלט דרײַ רויטע נעלקעך און אַ שעכטל שאָקאָלאַדקעס.

— דאָס פֿאַר דיר, און דאָס פֿאַר אונדזער זונעלע, פֿאַר קאַזשיקן...

— פֿאַר קאַזשיקן?!

— פֿאַר קלאַדן...

— האָסט אים געענדערט דעם נאָמען?

— הײַנט געהאַט אַן אַ שיער אַרבעט מיט דעם אַלעמען.

— מיט וואָס?

— נו, ווייסט, מיט די פֿאָרמאַליטעטן. אָפּגעריסן זיך אויף עטלעכע שעה און מיט איין מאָל אַלץ דערליידיקט. פֿון הײַנט האָבן מיר אַלע פֿיר דעם זעלבן נאָמען. מיר האָבן צוויי זין, זיי זענען ברידער, מוזן האָבן דעם זעלבן פֿאַמיליע־נאָמען.

אַנעטן איז דאָס געהאַט אַרויס פֿון זינען, זי האָט זיך ווי אויפגע־כאַפּט פֿון שלאָף.

— ווי הייסט איצט קלאַד?

— ווי מיר אַלע, גורסקי, קאַזשימיערזש גורסקי, קאַזשיק, יורי — יעזשי, יורעק.

אַנעט האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ.

— קאַזשימיערזש גורסקי! מײַן קלאַד! צום דריטן מאָל ענדערט מען אים דעם נאָמען. אין דער טויף־מעטריקע האָט ער געהייסן וואַצלאַוו זאַרעלסקי... דעמאָלט האָט מען געמוזט. נאָך דער מלחמה האָב איך אַרויס־גענומען אַ געבורט־שײַן אויף זײַן טאַטנס נאָמען. מ׳האָט מיך אין יתומים־הויז איבערצײַגט, אַז ער דאַרף האָבן דער מאַמעס נאָמען. זינט מיר האָבן חתונה געהאַט געטראָגן דײַן נאָמען, אויסער אויף די אַרישע פּאַפּירן. איצט האָסטו מיר צוגעקלעפּט אַן אַנדערן נאָמען. קלאַדן אויך.

מאַרעק איז געזעסן אין פֿאָטעל אַ פֿאַרלוירענער, ווי ער וואָלט אָפּ־געטאָן אַ פֿאַרברעכן. ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט.

— ביסט מײַן פֿרוי, ק׳אַד איז מײַן קינד, ביסט באַשטאַנען איך זאָל זײַן זײַן אמתער טאַטע, מיר מוזן האָבן אַלע דעם זעלבן נאָמען.

— צוליב וואָס האָסטו דײַן נאָמען געענדערט?

— נישט איך האָב געענדערט. מ׳האָט מיר אים געענדערט. כ׳האָב זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט זײַן פֿאַר דיר אַ פּראָבלעם.

— צי קאָנען מיר נישט בויען דעם סאָציאַליזם מיט אונדזערע איי־גענע, יידישע נעמען? מוז מען דאָס טאָן מיט אַרישע נעמען?

— מ׳קאָן. איך בין פון דײַן מיינונג. ס׳איז אָבער נישט אָפּהענגיק פון מיר. חוץ דעם, נישט פאַרגעשטעלט זיך זאָלסט מאַכן דערפון אַן עסק. כ׳וואָלט בעסער געוואָלט...

— וואָס וואָלסטו בעסער געוואָלט?

— דעם איצטיקן פּאָסטן זיך אויך אַליין נישט צוגעקליבן, כ׳וואָלט באַשטאַנען נישט צו זײַן דירעקטאָר פון כעמישן אינסטיטוט. ס׳איז שוין געשען. דרייען צוריק קאָן מען נישט. איבעריקנס, די גאַנצע זאַך איז ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי, און דו עסט זיך אָפּ די גאַל.

אַנעט איז געשטאַנען אָנגעבלאָזן, ווי אַ געקריוודעט קינד. מאַרעק האָט זי צוגעצויגן צו זיך, געגומען אויף די קני, אַרײַנגערעדט אין איר:

— דיר שיקט שוין שטענדיק גאָט עפּעס צו זאָלסט זיך מאַכן האַרצ־קלעמעניש. זעסט דען נישט, אַז כ׳האָב אַנדערש נישט געקאָנט? קלאָר איז אונדזער ביידנס, מײַנער אויך, ער מוז הייסן ווי איך.

— האָט ער געדאַרפט הייסן איידעלמאַן! אַזוי האָבן מיר שטענדיק געהייסן.

מאַרעק האָט געקוקט אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ. אין דער רגע זיך דערפילט שולדיק. וואָס וויל זי פון אים? זי האָט זיך דערמאָנט, מ׳פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז דער נאָמען איז זייער צוגעפּאַסט צו אים. איידעלמאַן... ער איז מסתמא צו איידל צו דעם אַלעמען, מ׳דאַרף דאָ האָבן שאַרפע נעגל. ער האָט אַפילו נישט קיין קליינע נעגעלעך. זי איז געווען גרייט שלום צו מאַכן, צומאָל אים אַרויסצוהעלפן.

— כ׳האָב דיר געוואָלט געבן מײַן מעטריקע.

— האָסט שוין אַן אַנדערע מעטריקע.

— אַן אַנדערע?

— אויף אונדזער איצטיקן נאָמען.

— ווי האָסטו דאָס געמאַכט? מען דאַרף דאָך...

— נישט איך האָב דאָס געמאַכט. פאַראַן אַ ספּעציעלער אַמט דערצו. כ׳האָב נישט געוואָלט דאָס לאָזן פאַר דיר.

— צו דעם אַלעמען דאַרף מען דאָך... מען דאַרף די נעמען פון די

עלטערן. האָסט זיי אפשר געענדערט די נעמען? אין מײַנע אַרישע פּאַפּירן האָב איך געמוזט... זאָג האָסט זיי אויך געענדערט די נעמען?

ער האָט נישט געענטפערט.

— דאָס וועסטו נישט קאָנען אויסבאַהאַלטן פאַר מיר, זאָג מיר ווי אַזוי הייסט מײַן טאַטע?

— פאַר אונדז איז ער ווײַטער ר׳ אַברהם. אין דײַן מעטריקע הייסט ער יאַן. דעם פאַמיליען־נאָמען נישט נויטיק געווען צו ענדערן, ס׳קלינגט גוט.

בײַ אַנעטן האָט זיך פאַרקרימט דאָס מויל, ווי מ׳וואָלט איר דערלאַנגט אַ ביטערניש אויסצוטרינקען. זי האָט מיט אַ ווײנענדיקער שטימע שטיל איבערגעחזרט:

— יאַן, מײַן טאַטע, דער קאַצקער חסיד... יאַן.

די ערגערניש איז פּלוצלינג איבערגעגאַנגען אין פּראָטעסט. זי האָט אויסגעבראָכן:

— זיי מאַכן חוזק פון אונדז! וועמען איז נויטיק די גאַנצע קאָמעדיע? צום בויען סאָציאַליזם דאַרף מען פאַרקריפּלען? דאַרף מען...? צו וואָס? צו וועמען?

מאַרעק קען גוט זײַן ווײַב, זי צינדט זיך שטענדיק אָן ווי שטרוי, מ׳דאַרף וויסן, אָנטרעפן ווי אַזוי אײַנצולעשן.

— ס׳זעט אויס ווי מיר וואָלטן צום ערשטן מאָל געטוישט אונדזערע נעמען. צי האָסטו פאַרגעסן, אַז דו האָסט נישט געהייסן אַמאָל אַנעט? און אין אַמאָליקן פּוילן האָבן מיר דען נישט געהאַט קיין געטוישטע נעמען?

— די פאַמיליען־נעמען האָבן מיר קיינמאָל נישט געטוישט! און צו טוישן דעם נאָמען האָט אונדז קיינער נישט געצוווּנגען, אויב מיר האָבן געטוישט, איז דאָס געווען פון אייגענעם ווילן.

— וואָס פאַראַ אונטערשיד? גריבלסט זיך, מײַן ליבע, צופיל אין די אַלע זאַכן.

מאַרעק האָט שלעכט אָנגעטראָפן. אַנעט האָט זיך אָפּגעריסן פון אים, ווי ער וואָלט זי אָפּגעבריט, אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבערן צימער:

— מ׳האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז איך גריבל זיך. אויב כ׳האָב

געוואָלט זיך עפּעס דערווייזן, פֿאַרשטיין, האָב איך זיך געגריבלט. איך גריבל זיך אויך, ווען איך פֿרעג דיך פֿון וואַנען דאָס־אָ!

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און געוויזן מיטן האַנט אויף דער שראַם בײַ זײַן מויל. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי מיינט די קינסטלעכע ציין.

— כ׳וועל דיר אָנזאָגן אַ בשׂורה. כ׳וועל אײַנגיכן האָבן שיינע ציין, ווי די אַמאָליקע. זיי זענען שוין אין דער אַרבעט.

בײַ אַנעטן האָט זיך דאָס פֿײַער אויסגעלאָשן. די חרפּה האָט פֿאַרטריבן די בונטאַרישקייט. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פֿאַרענטפֿערן. זי האָט בלויז אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט. מאָרעק האָט זי אַרומגענומען און שטיל אין איר אַרײַנגערעדט:

— טײַערע, שטעל מיר מער נישט קיין אומנוציקע פֿראַגן. וואָס פֿאַראַ באַדײַטונג האָבן די אַלע קליינלעכע זאַכן? מיר זענען לאַנג געווען פֿאַריאָגטע, בלאָנדזשעדיקע פֿייגל. מיר האָבן אָפּגעפֿונען די נעסט; ווי זאָל איך נישט גליקלעך זײַן וואָס כ׳האָב דיך אָפּגעפֿונען? כ׳האָב דיך און אַן אייגענע היים. מען בויט זי נאָך די היים. געדענקסט ווי פֿלאַמיק דו פֿלעגסט רעציטירן „מיר בויען אַ נײַ הויז”? עס בויט זיך נישט אַזוי לײַכט, אַזוי גיך ווי מיר האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. ס׳טרעפֿט, אַז אַ ציגל, אַ שווערע שטאַנג פֿאַלט אַראָפּ אויפֿן קאָפּ. ס׳קאָן שווער פֿאַרווונדן. ס׳קאָן... ס׳קאָן צומאָל... און מען בויט ווײַטער דאָס נײַע הויז.

נאָך יעדן אויסברוך ווערט אַנעט נאָכגיביק. איר מאַמע פֿלעגט זאָגן, אַז דער האַרטער עקשן, ווערט דערנאָך ווייך, ווי צו אַ מכּה צוצולייגן. זי האָט אָנגעהויבן אײַנטענהן מיט זיך: פֿאַרוואָס קומט מאָרעקן זי זאָל אים אָפּעסן די גאַל? איז זי פֿאַרבליבן, דאַרף זי אײַנגיין אויף פּשרות. איר איז שווער אַראָפּצושלינגען אַ סך זאַכן. פֿון וואַנען ווייסט זי, אַז אים אַרן נישט די זעלבע זאַכן? דאָס, וואָס ער זאָגט גאָרנישט, איז קיין באַווײַז נישט. ווער ווייסט וואָס ס׳ליגט אים נאָך אויפֿן האַרץ, וואָס ער ברענגט נישט אַרויס פֿאַרן מויל. אַמאָל האָט ער פֿאַר איר קיין סודות נישט געהאַט. הײַנט פֿילט זי, אַז יאָ. דאַרף זי אים דאָס נעמען פֿאַר אומגוט? זיי זענען צוועלף יאָר נישט געווען צוזאַמען. האָט זי אים דען אַלץ דערציילט? ס׳זענען טאַקע פֿאַראַן זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט אויסבאַהאַלטן, פּונקט ווי

די שראַם. אין דעם פאַל וואָלט זי בעסער געוואָלט ס׳זאָל זיך אים האָבן איינגעגעבן אַ צוגעטראַכטע מעשה, איידער דאָס קרעקן זיך מיט די ווער־טער וועגן אַ פאָרפאַל ביי דער אַרבעט. מאַרעק קאָן אָבער נישט זאָגן קיין ליגנס. ס׳גייט ביי אים נישט דורך גלאַטיק דורכן האַלדז. נישט איין מאָל זעט ער אויס ווי ער וואָלט נישט געווען אין זיין אייגענער הויט. פאַרוואָס זאָל זי אים נאָך דורען אַ קאָפּ? מ׳דאַרף קאָנען אַוועקקוקן. מען דאַרף קוקן נישט נאָר אַרום זיך, נאָר אויך אין זיך גופא. און מען דאַרף קאָנען פון דער אייגענער פינצטערניש אַרויסציִען אַ ביסל ליכט זיך צו באַלויכטן. זאָל זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן צו דרייען מיט דער נאָז!

ס׳איז מסתמא אויך אמת וואָס מ׳האָט איר געזאָגט אין יידישן קאָ־מיטעט: „איר זעט צופיל שוואַרצע פלעקן. פאַרקאַטשעט די אַרבל, זייט פאַרנומען, האָרעוועט ווי מיר, וועט איר נישט האָבן קיין צייט צו זוכן פעלערן, צו קוקן דורך אַ שפּאַקטיוו”. זיי אַקערן טאַקע מיט דער נאָז די ערד, זענען איינגעשפּאַנט ווי אָקסן אין דער סאָכע. צי וואָלט זי נישט געדאַרפט טאָן דאָס זעלבע אָן צו שטעלן שאלות זיך און אַנדערע? ס׳וואָלט איר אויך דעמאָלט געווען לייכטער זיך אַריינצוקנעטן אין דעם נייעם קנעטעכץ.

אָט־אָט איז אַנעט דורכגעקומען מיט זיך. מ׳דאַרף זיך צוקלייבן אַן אַרבעט און פאַרגעסן אין דעם איבעריקן. זי האָט שוין געהאַט דורכגע־רעדט מיט אייניקע אַלטע באַקאַנטע. זי קאָן אָבער נישט פאַרדייען זייער רייד. אַלע דאָס זעלבע: „פאַרמאַך זיך נאָר נישט אין קיין געטאָ”. די געקומענע פון פראַנקרייך, פון פאַלעסטינע, פון די אַמעריקאַנער לענדער האָט מיטגעריסן דער גרויסער שטראָם. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ברעכן זיך שטאַרק די ציין מיטן פוילישן לשון און מען שטופּט זיך נאָר אַהין. אַ ניי אַנטלויפן פון זיך גופא. פון אומעטום הערט זי דעם זעלבן פזמון. מאַ־רעקס און אירער אַן אַלטער פאַריזער פריינד דאָקטער סאָלאָווייטשיק, שרייבט צו איר: „וועסט מסתמא איצט אַרויסשווימען אויף די ברייטע וואַסערן”. ברייטע וואַסערן באַדייט אַרבעטן צווישן נישט ייִדן. די איי־גענע וואַסערן זענען פאַר זיי אַלע צו שמאָל, צו פלאַך. ער, דער יידישער קולטור־טוער און מעדיקער, וואָס האָט בלויז יידישע פאַציענטן, ווינטשט איר צו שווימען אין ברייטע וואַסערן. ברייטער צו מאַכן די אייגענע וואַ־

סערן פֿאַלט זיי נישט אײַן. ערגער נאָך זיך אָנצוטרעפֿן מיט די־אָ מענטשן אויג אויף אויג דאָ, אויפֿן אָרט. זיי קוקן אויף דיר ווי אויף אַ חסר־דעהניק. זי האָט גערעדט מיט דוד הירשמאַנען. ער איז גלײַך נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פֿון פּאַלעסטינע. זי געדענקט אים פֿון די צײַטן, ווען ער איז געווען אין השומר הצעיר. אין פּאַלעסטינע איז ער געזעסן אין תפֿיסה, געשלאָגן זיך מיט די ענגלענדער. אַ גוטער זשורנאַליסט. און קנאַקט אַ ייִדיש און העברעיִש, אַז ס׳איז אַ מחיה צו הערן. רעדט ער, דאַקעגן, פּויליש, טוען ווי די אויערן.

— ווי אַזוי גיט איר זיך אַן עצה מיטן לשון אין דער פּוילישער רע־דאַקציע? — האָט אים אַנעט געפֿרעגט.

— מיט די ציין בײַס איך זיך אַרײַן אין דער שפּראַך. דערווײַל בע־סערט מען אויס מײַנע אַרטיקלען, ביז איך וועל מיך אײַנבײַסן.

— פֿאַרוואָס אַרבעט איר נישט אין קיין ייִדישער צײַטונג?

ער האָט זי אָנגעקוקט ווי זי וואָלט נישט גערעדט צו דער זאַך.

ס׳האָט זיך זיי פֿאַרדרייט דער קאָפּ. ס׳הייסט בײַ זיי גיין מיטן נײַעם לעבן, אַרײַנגיסן זיך אין ברייטן שטראָם. זי וויל גיין מיטן ייִדישן שטראָם, זאָל דאָס זײַן אַ קליין שטראָמעלע, אַבי אַן אייגנס. עס ווײַזט אָבער אויס, אַז זי איז פֿאַרשפּעטיקט מיט אַ שיינע פּאָר יאָר. איז געזעסן אין קינדער־הויז „אויף דער וואַליזקע״, געווען אויפֿן מאַרגינעס פֿונעם אויפֿגייענדיקן לעבן. מ׳דאַרף אָנהייבן פֿון אָנהייב, אָבער נאָר נישט פֿאַרטשעפּען די הענט בײַ וואָס ס׳לאָזט זיך. נאָר נישט לאָזן זיך מיטשלעפּן מיטן רעשיקן געווירבל.

אַנעט האָט טעלעפֿאָניש זיך אָפּגערעדט צו קומען אין דער ייִדי־שער אַקאַדעמיע. יענעם פֿרימאָרגן האָט זי דערפֿילט בלײַ אין די פֿיס. מאַרעק טאָר דערוועגן נישט וויסן. זי וועט נישט אָפּלייגן. זיך גופֿא דאַרף מען אויך אָפּנאַרן. זיך נישט אונטערצוגעבן האָט זי זיך אויסגעלערנט אין וואַלד.

זי האָט אָפּגעפֿירט קלאָדן אין פֿאַרשול. דאָס ייִנגל האָט זיך דאָס מאָל אײַנגעשפּאַרט. ער וויל נישט בלײַבן, ער וויל מיטגיין מיט דער מאַמען, וויל צוריק אַהיים. זי האָט געמיינט דאָס ערגסטע איז דורך, ער פּאַסט זיך צו. יורי אַרבעט אין שטוב מעשים, דערציילט אים מעשיות אין זײַן רוסישן פּויליש. קלאָדן געפֿעלט יוריס פּויליש. ער מישט שוין

אויך אַרײַן רוסישע ווערטער. פֿון די קינדער אין פֿאַרשול האָלט ער זיך נאָך צו ביסלעך פֿון דער ווײַטנס, ווי זייער רײַנער פּויליש וואָלט אים נישט ניחא געווען. די דערציִערין טײַטשט אַלץ אויס דערמיט וואָס דאָס ייִנגל איז אַן עקשן, כּמעט אַן אינדיווידואַליסט. איצט האָט זי אָנגעוואָנדן אײנע פֿון אירע מיטלען דורכצוברעכן זײַן עקשנות. זי האָט אים פֿאַרנאַרט, געוויזן עפּעס און אַ ווונק געגעבן צו אַנעטן זי זאָל נעלם ווערן.

אַנעט האָט געפֿאָלגט. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז קלאָדס געוויין יאָגט זי נאָך. זי שטעלט אָבער פֿיס, וויל מיט האַסטיקע טריט פֿאַרטויבן דעם אומרו אין האַרץ. אַ יונגע פֿרוי פֿאַרהאַל׳ט זי.

— אַנטשולדיקט, ווו האָט איר געקריגן אַזעלכע פֿוטערנע שיך? קאָנט איר מיר געבן דעם אַדרעס?

אַנעט פּטרט זי גיך אָפּ און לויפֿט ווײַטער. צום טראַמוויי. אַ צרה מיט די שיך. מ׳האַלט זי אין איין פֿרעגן ווו זי האָט זיי געקויפֿט. גיי דערצייל יעדערן, אַז זי האָט זיי באַקומען פֿון פּאַריז. דער ביליקער מאַנטל אויך נישט פֿון דאַנען. מ׳האָט זי שוין איין מאָל געהאַט אָנגענומען פֿאַר אַן אויסלענדערין און געפֿרעגט צי זי וואָלט נישט געקאָנט עפּעס פֿאַרקויפֿן, בײַ זיך אין לאַנד וועט זי לײַכט קריגן נײַע. זי וואָלט געדאַרפֿט טוישן די נישט היגע מלבושים.

דאָס קלינגעניש פֿון אָנקומענדיקן טראַמוויי האָט זי אָפּגעריסן פֿון אירע רעיונות. זי האָט זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן מיט די עלנבויגנס, אַרײַנגעשטופּט זיך. זי קאָן שוין דעם וויץ: „ס׳איז דען דאָ צו ווייניק טראַמווײַען? ניין, טראַמווײַען איז נישט צו ווייניק, נאָר מענטשן איז דאָ צופֿיל“. דער גוף ווערט צעקוועטשט פֿון דער צוזאַמענגעדרענגעניש. ווי הערינג אין אַ פֿאַס. אין מוח שפּינען זיך געדאַנקען: ווי אַנדערש עס זעט אויס אין די נידערשלעזישע שטעטלעך. עס דערוואַכט אַ בענקשאַפֿט. אומעטום לאָזט מען איבער עפּעס פֿון זיך גופֿא. פּלוצלינג דערזעט זי פֿאַר זיך דעם טונעל. זי איז פֿאַרפֿאָרן אַ סטאַציע ווײַטער. זי הייבט ווידער אָן צו אַרבעטן מיט די עלנבויגנס. דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ. די צוזאַמענגעדרענגטע מאַסע גיט זיך אַ וויג הין און צוריק. עס פֿאַלט אַרויס אַ קגויל פּאַסאַזשירן, ווי מ׳וואָלט זיי אַרויסגעוואָרפֿן. עס קוועטשן זיך אַרײַן אַנדערע.

אַנעט, אַ צעקבייטשטע לאָזט זיך צוריק. צוליב איין סטאַציע וועט

זי זיך נישט שטופּן. ווו איז זי? זי דערקענט ווידער נישט די געגנט. זי האָט זי אַמאָל גוט געקענט. פון גענשע און פראַנצישקאַנסקע פלעגט זי זיך אַהער אַראָפּלאָזן אויף „טרעף־פונקטן”. מיט מאַרעקן פלעגט זי זיך דערנאָך טרעפן אין זאַקסישן גאָרטן, ערגעץ אין דער געגנט אין אַ קאַוויאַרניע. זי — אַ גימנאַזיסטקע, ער — אַ סטודענט.

זי האָט זיך מיט געוואַלד אָפּגעריסן פון די דערינערונגען, אַרומגעקוקט זיך. פון דאַנען זעט מען דעם צפונדיקן טייל וואַרשע. דאָרט שפּרייט זיך אויס אַ שוואַרצע פּאַנאָראַמע פון רויִנען. די שטאָט איז דאָרט אָפּגעשונדן פון דער הויט. אַן אויסגעשאָכטענע, פאַרברענטע שטאָט. דאָרט האָט זי געזען אַרויסשטאַרצן אינגעווײדן פון הײַזער, אויסגעדרייטע געדערים, צעריסענע לײַבער אָנגעהויפט אויף בערג און בערגלעך. דאָ און דאָרט הײַזער־סקעלעטן מיט אויסגעברענטע אויגן־לעכער. זי האָט געהערט ווי זיי האָבן געשריִען שטומערהייט, געמורמלט שטילערהייט אַ געבעט, אַז מען זאָל זיי נישט אַראָפּרײַמען. אַזוי דאַרף דאָס פאַרבלײַבן אויף דור־דורות מען זאָל פון די ווײַטסטע מקומות, אין אַלע צײַטן קומען זען. אָבער מען הייבט שוין אָן צו באַנדאַזשירן די יידישע צעקאַליעטשעטע שטאָט מיט רושטאָוואַניעס, דערוויַיל בײַ אירע זײַטן. ס׳וועלן אויך דאָרט זײַן נײַע הײַזער. מענטשן וועלן דאָרט ווידער לעבן, קינדער וועלן זיך דאָרט שפּילן, וועלן לאַכן...

אַנטעט פאַררײַסט דעם קאָפּ. פון דאַנען איז נישט ווײַט צום געטאָשטח. זי איז בלויז איין מאָל דאָרט געווען. ווען זי איז צוגעקומען צום בונקער, האָט זי זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געגעבן. ס׳האָט אָפּגעהילכט אין די אויערן אַ חוזק־געלעכטער. אַ כאָפּטע ייִנגלעך האָבן פון די חורבות זי נאָכגעפּאָלגט מיט די אויגן. ווען זי האָט זיך אומגעדרייט, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן זיך שטיקן פון געלעכטער. אייניקע האָבן אַרײַנגעשטעקט די פינגער אין מויל און געפּיפן. זי איז אַוועק, ווי דאָס געלעכטער און דאָס פײַפערײַ וואָלט זי פאַרטריבן. דער ווינט האָט אונטערגעהויבן צעפוילטע שמות. מיט פאַרנעפּלטע אויגן פון טרערן האָט זי געזען ווי זיי שפּרינגען פאַר די פיס. גראָבע טראָפּנס האָבן זיך געקײַקלט איבער די באַקן. זי האָט דעמאָלט דערציילט מאַרעקן וועגן איר אַליינקן באַזוך, האָט געמוזט צוזאָגן, אַז מער וועט זי דאָרט אַליין נישט גיין. זי קאָן סײַווי זיך אַהין איצט נישט לאָזן, מען וואַרט אויף איר.

די גרויסע געבײַדע, וואָס זי האָט אַמאָל געקענט איז קלענער גע־וואָרן. זי איז גרוי, אבלדיק. אַן אָפּגעראַטעוועט פּיצל ערד פון אַ יבשה, וואָס אַ מבול האָט פאַרפלייצט און אַראָפּגעשווענקט.

— אַנעט?!

זי איז שוין געווען אינעווייניק, האָט זיך אומגעקוקט.

— דאַנקע!

אַ הויכע, אַ גלײַכע, מיט אַ געדיכטן קאָפּ געלע האָר, האָט זיך דאָס מילכיקע פנים אינגאַנצן צעגאָסן אין אַ שמייכל, געמישט מיט פאַרוווּנ־דערונג. זי האָט אויסגעצויגן צו איר די הענט.

— איך פריי מיך וואָס דו ביסט אין וואַרשע.

— איך נישט...

ס׳האָט זיך איר אַרויסגעכאַפּט. אַזאַ מיאוסע טבע בײַ איר, וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. אפשר דאַרף מען מיט דאַנקען זײַן פאַר־זיכטיק? גלײַך נאָך דער מלחמה האָט זי זיך אומגעקערט אין געבוירנ־לאַנד. מ׳האָט זיך דערציילט, אַז דער מאַן אירער האָט זי געבעטן צו־וואַרטן כאָטש עטלעכע חדשים; ער איז געווען אַנגאַזשירט אין דער פוי־לישער אַרמיי אין פראַנקרײַך און נישט לאַנג צוריק געהאַט זיך צוריק־געקערט פון געפאַנגענשאַפט. פאַר דאַנקען איז געווען איבער די כוחות צו וואַרטן. זי איז אַוועק אַליין. דער מאַן איז געקומען מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.

דאַנקע האָט אַנעטן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס.

— געקליבן זיך אָנצוקלינגען צו דיר, מ׳האָט מיר געזאָגט דו זוכסט אַרבעט.

— צוליב דעם געקומען צום דירעקטאָר.

— ער איז נישטאָ. אין שטוב מיט אַ פאַרקילונג.

— ס׳גייט מיר הײַנט, דאַנקע, מיט דער פוטער אַראָפּ. קוים זיך אָפּ־געריסן, כ׳קלייב זיך צו אים פון לאַנג.

— ס׳וועט נישט אַנטלויפן. ווי זאָגט מען דאָ? אַרבעט איז נישט קיין האָז, בפרט...

— בפרט וואָס?

— ס׳וואָלט כדאַי געווען זיך פריִער דורכצורעדן. מ׳דאַרף פריִער

זען די פּאַטשעוּוקע. אַ שאָד כ׳האָב נישט קיין צײַט. מיר וועלן דאָך אַרויפגיין אויבן.

אַ קײַלעכדיקער מאַן מיט אַ פול פּנים און געקרײַזלטע, שוואַרצע האָר איז דורכגעלאָפן אין האָל. אַנעט האָט אים נאָכגעקוקט.

— ס׳איז דאָקטאָר פּאַזנער. ער הענגט אויף אַ האָר.

— פאַרוואָס?

— אַ לאַנגע מעשה. קום אין דער הויך.

זיי זענען דורך די ברייטע טרעפּ אַרויף אויפן ערשטן שטאָק. דאַנקע האָט זיך געאײַלט. אַנעט האָט נישט געקאָנט בײַקומען דעם נסיון און אַרײַן אין ערשטן אויסשטעלונגס־זאַל, אײַנגעגראָבן זיך מיט די אויגן אין די עקספּאָנאַטן. דאַנקע האָט זי אָפּגעריסן.

— רעכנסט טאָקע דאָ צו אַרבעטן?

— אויב איך וואָל׳ט דאָ געפונען פאַר זיך אַן אָרט. דו ביסט צופרידן פון דער אַרבעט?

— איך גיי אינגיכן אַוועק.

— פאַרוואָס?

— אַ סך זענען אַוועק, יעדערער צוליב אַן אַנדער סיבה. ס׳ווערט אַלע מאָל שיטערער. די, וואָס האָבן דאָ פון אָנהייב אָן געאַרבעט, וואָס האָבן אַלץ געשטעלט אויף די פיס, זענען אַוועקגעפאָרן.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט.

— ביסט געקומען כמעט צו נעילה. אַ ביסל צו שפּעט. דער גרויסער סעזאָן איז שוין דורך. אַ שאָד וואָס דו ביסט נישט געווען די ערשטע יאָרן, ווען מ׳האָט פון אומעטום צונויפגעשלעפּט אוצרות פאַרבליבענע דאָקומענטן, אָפּגעפונענע אַרכיוון, קונסט־ווערק, ביבליאָטעקן. מ׳האָט דאָס אַהער געבראַכט פון אַלע עקן לאַנד. ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט, געוווּסט די באַדײַטונג פון דעם, האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום צונויפזאַמלען די אוצרות דאָקומענטן. צי ווייסטו, אַז ווען דו האָסט פאַרלאָזט לובלין, האָט מען דאָרט געשאַפן אַ היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס האָט גלײַך אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן? דערנאָך האָט מען די קאָמיסיע איבערגעטראָגן קיין לאָדזש. ס׳איז געווען דער צווייטער ייִדישער צענטער אין באַפרײַטן פּוילן. אין חרובן וואַרשע האָט מען זיך איבערגעטראָגן ערשט, ווען די־אָ געבײַדע איז רעמאָנטירט געוואָרן. דו שטעלסט זיך נישט פאָר

מיט וויפל פלייס און מסירת־נפשדיקייט מ'האָט צונויפגעזאַמלט דאָס עשירות, וואָס געפינט זיך דאָ. ס'זענען אין די ערשטע יאָרן געווען היס־טאָרישע קאָמיסיעס אין אַ סך שטעט, וואָס האָבן געזוכט און געניששטערט אויף די ערטער, געווען ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן, זיי האָבן געאַרבעט איבערן גאַנצן לאַנד.

אַנעט האָט זיך צוגעהערט ווי אַ פאַרשעמטע, האָט פאַרביסן די ליפּן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאַנקע האָט דאָס באַמערקט.

איך ווייס, דו ביסט אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. האָסט גענומען אויף זיך אַ שווערע אַרבעט, דו האָסט דאָך ליב אויסצוקלייבן דאָס שווערסטע. איך וויל דיר נאָר זאָגן, אַז אין יענע יאָרן, ווען דו האָסט זיך פאַרנומען מיט די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, האָט מען אָפּגעטאָן אַ ריזיקע אַרבעט, געמאַכט גרויסע פּלענער, ברייט זיך פאַרמאָסטן. דעם אמת געזאָגט, זענען די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען, נישט געווען קיין אויסנאַם. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סך אימפּעט. איצט פיל איך בחוש, אַז עפּעס אַ געהיימע האַנט האָמעוועט. שווער צו זאָגן פון וואַנען דאָס קומט. צי זאָל דאָס זײַן דערפאַר וואָס דער גרעסטער טייל ייִדן זענען אַוועקגעפאָרן? האָט דאָך דער קעלצער פאָגראָם געלאָזט נאָך זיך אַן אמתע פּאַניק. ייִדן זענען געלאָפן ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן, פונדעסטוועגן האָט עס נישט אײַנגעהאַלטן דעם פאַרנעם אין דער אַרבעט. הער פאַרמעסט אויסצופאָרשן אַלזײַטיק דעם חורבן און דעם ייִדישן ווידער־שטאַנד איז געוואָרן אַלע מאָל ברייטער; מען האָט געזוכט, געפאָרשט, מען האָט אומעטום אויפגענומען גבית־עדות. איצט איז נישטאָ, וואָלט איך גע־זאָגט, די זעלבע קאָניונקטור. די אַטמאָספער האָט זיך געענדערט. נישט קיין גוטע. דיר וועט דאָ שווער זײַן. איך קען דיך. וועסט זיך נישט אַרײַנ־פּאַסן.

— צי זענען אויך אויפגענומען געוואָרן גבית־עדות וועגן די אָפּגע־ראַטעוועטע קינדער אויף דער אַרישער זײַט?

— ס'זענען באַלד פון אָנהייב געווען אָנווײַזונגען צו פאָרשן די אי־בערלעבונגען פון די ייִדישע קינדער, צי פון די, וואָס האָבן זיך געראַ־טעוועט אויף דער אַרישער זײַט, ווייס איך נישט.

— מיר גייט אין די.

— כ'האָב מורא...

אַ זײַטיק טירל, וואָס אַנעט האָט ביז איצט נישט באַמערקט, האָט זיך געעפנט. ס׳איז אַרויס אַ ברייט־ביינערדיקע פרוי, נישט קיין יונגע, נישט קיין אַלטע. אַ פּנים אַ קאַלטס, אויגן שפּיציקע, גיי ווייס אין וואָסער עלטער זי איז. זי איז דורכגעגאַנגען און זיך נישט באַגריסט. דאַנקע האָט געהיים אַ ווונק געטאָן. ווען יענע איז פאַרשוווּנדן, האָט זי זיך פאַנאַנדערגערעדט:

— ווו מען זייט זי נישט, וואַקסט זי אויס. פאַראַן אַן אַנדער אַרײַנגאַנג, מוז זי קריכן דורך דאַנען. אַ מכשפה. קוקט יעדערן אויף די פינגער. בײַ מיר אין צימער רופן מיר זי די „שקאַפע”. זאָלסט נאָר נישט דאַרפן אָנקומען צו איר.

— צו וועמען זאָל איך הײַנט אַרײַנגיין?

— צום בעסטן וואָלט געווען צו דאָקטאָר פײַגנבוים, נאָר ער האָט אַן אויסלענדישן גאַסט. אויב ווילסטו דורכויס הײַנט עמעצן זען, מוזסטו אָנקומען צו אַדאָלף קורניצקי. ער איז ענלעך צו דער שקאַפע, נאָר דו ביסט אַ גאַסט. געסט נעמען אַלע אויף גוט. איך אַרבעט אונטער דער שקאַפעס אויפזיכט. מ׳וועט אפשר אַרויסגיין צוזאַמען, אויב דו קאָנסט צוואַרטן.

אַנעט איז פאַרבליבן אַליין אין האָל, האָט באַטראַכט די מוזעאַליען און אַ קוק געכאַפּט אויפן זייגערל. אין שטוב וועט זי שוין נישט גיין, בעסער פון דאַנען דירעקט נאָך קלאָדן. זי האָט זיך דעצידירט און אָנגעקלאַפּט אין טיר. הינטער אַ ברייטן ביוראָ־טיש איז געזעסן אַ פעסט־געבויטער מאַן. אויפן פּנים אַן אויסדרוק, וואָס זאָגט, אַז ער גלויבט אין זיך.

— כ׳האָב זיך אָפּגערעדט מיטן דירעקטאָר.

— דער דירעקטאָר האָט מיר געקלונגען, געבעטן אים אַנטשולדיקן. ער איז קראַנק. אין וואָס האַנדלט זיך?

— כ׳בין אַ היסטאָריקערין. געענדיקט פאַר דער מלחמה געשיכטע, געוואָלט זיך אינפאָרמירן...

ער האָט זיך צוגעאײַלט, גערעדט אין פּויליש:

— אַז מען ענדיקט געשיכטע איז מען נאָך נישט קיין היסטאָריקער. ווו האָט איר געאַרבעט?

— אויף מײַן געביט נאָך אין ערגעץ נישט.

— ווי איך זע, האָט איר קיין שום סטאַזש נישט.

— מען דאַרף אַמאָל אָנהייבן. כ׳האָב גערעדט מיטן דירעקטאָר טע־לעפּאָניש, ער האָט מיך פאַרבעטן, געזאָלט באַקומען אײַער נײַעם פּלאַן פאַר פאָרש־אַרבעט.

ער האָט אַרויסגעצויגן עטלעכע צונויפגעשפּיליעטע דאַקטילאָגראַ־פירטע בויגנס, דערלאַנגט איר.

— צי האָט דער דירעקטאָר נישט געזאָגט ווען איך זאָל קומען?

— ווי קאָן ער וויסן ווי לאַנג די גריפּע וועט אים האַלטן אין בעט? אײַער ענין איז מיר באַקאַנט. מיר האָבן נישט קיין עטאַטן.

— דער דירעקטאָר האָט מיר פאָרגעלייגט אַ צוזאַמענאַרבעט. איך שטעל זיך אָן אויף פאָרש־אַרבעט.

— איר האָט געלערנט אין פּאַריז, נישט אמת? מיר האָבן אַן אַנדערן מעטאָד ווי אויפן מערב. אונדזער מעטאָד איז אַ ריין מאַרקסיסטיש־ווי־סנשאַפטלעכער.

דאַנקע האָט געוואַרט אויף איר מיט אומגעדולד. זי האָט זי פאָר־געשטעלט פאַר עטלעכע מיטאַרבעטער. די שמייכלענדיקע, פרײַנדלעכע פּנימער האָבן זי נאָך דער קאַלטער באַד דערוואַרעמט.

— קום, כ׳האָב דערליידיקט מ׳זאָל דיר ווײַזן די אַרכיוון.

אַ מיטלוווקסיקער מאַן מיט ראָזע, קינדערישע בעקלעך, האָט אויס־געצויגן צו איר אַ ברייטן שלום עליכם.

— אין דער אמתן דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די אַרכיוון, נאָר וואָס וועלן מיר זיך שפּילן אין פאָרמאַליטעטן? איר וועט מיר מסתמא נישט פאַרשיטן, האַ?

— און אויב מ׳וועט מיך פרעגן צי...? וואָס זאָל איך ענטפערן?

— איך פאַרלאָז מיך אויף אײַך. איך דאַרף אײַך נישט לערנען וואָס צו ענטפערן.

אַנטעטן האָבן זיך מער פון אַלץ געוואָרפן אין די אויגן די ריזיקע, הילצערנע, אָפענע קאַסטנס מיט אָנגעהויפטע בלעטלעך, צוזאַמענגעשפּי־ליעטע, פאַרשריבענע פּאַפּירן, פּאַפּירלעך, בלעטלעך, ווי ס׳וואָלט געווען צוזאַמענגענומען אַרויסצוואַרפן אויפן מיסט.

— וואָס איז דאָס?

— אַלץ וואָס איר ווילט. מ׳האָט צונויפגעקליבן פון אומעטום. אַ שלל פון פאַרשידענע דאָקומענטן. חוץ די אוצרות, וואָס מ׳האָט שוין אין אָרדע־

נונג געבראַכט, זענען נאָך פֿאַראַן ביי אונדז אַזעלכע־אַ קאַסטנס. מ׳דאַרף אויססאָרטירן, קלאַסיפֿיצירן, אַרבעט אַ סך, נאָר קיין הענט דערצו זענען נישטאָ. אפשר וועט איר זיך דערבאַרעמען איבער דעם.

דאַנקע האָט זיך צעלאַכט.

— קיין בעסערע גליקן האָסטו נישט פֿאַר איר?

— איך וואָלט געהאַט פֿאַר איר בעסערע גליקן אויך. ווען ס׳וואָלט זיך נאָר געוואָנדן אין מיר. נאָר איך וויל נישט טאָן ווי אַנדערע, וואָס קנייפּן די באַקן די פֿאַרב זאָל שטיין, הלוואַי זאָל איך זיין אַ פֿאַלשער נביא, ס׳גייט גיכער צו פֿאַרשמעלערן, ווי צו פֿאַרברייטערן. מיר האָבן אַמאָל געהאַט עטלעכע דרייסיק בלויז אינערלעכע מיטאַרבעטער, היינט קוים אַ דריטל.

— פֿאַרוואָס?

— צי ווייס איך פֿאַרוואָס? מענטשן זענען אַוועקגעפֿאָרן, קיין נייע זענען נישט צוגעקומען.

— פֿאַרוואָס קיין נייע נישט צוגעקומען?

— איך פֿרעג דאָס זעלבע, זיך אַליין. קיין אַנדערע פֿרעג איך נישט. איך ווייס כ׳וועל קיין ענטפֿער נישט באַקומען. אפשר וועט איר אונדז צו־קומען? נאָר לאָמיר איצט פֿריִער לאָזן כאַפּן אַ קוק, כ׳וויל איצט אָנמאַכן אַ חשק צו בלייבן דאָ מיט אונדז.

אַנעט האָט זיך געלאָזט פֿירן איבער די קעלערן, איבער זייטיקע צי־מערן. זי האָט נישט געוווסט ווו פֿריִער די אויגן צו ווענדן. זי האָט זיך נישט פֿאַרגעשטעלט מען זאָל האָבן נאָך די שחיטות אַזוי פֿיל צונויפֿגע־קליבן. זי האָט געוואָלט זען נאָך און נאָך. דאַנקע האָט זי קוים אָפּגעצויגן פֿון די קאָלעקציעס אין דער ביבליאָטעק. ס׳איז געגנוג אויף איין מאָל. זי איז אַרויס מיט איר אין דרויסן.

— איצט רעדן מיר פּויליש צי פֿראַנצויזיש?

— מיר רעדן ווי מיר רעדן.

— אויפֿן גאַס, אין טראַמוויי רעדט מען נישט קיין יידיש.

— פֿאַרוואָס?

— אָן אַ פֿאַרוואָס.

— דאַנקע, איך דערקען דיך נישט.

— וועסט זיין אין דער הויפּטשטאָט אַזוי לאַנג ווי איך, וועסטו זיך

אויך נישט דערקענען. מיינסט דו ביסט אין אַ ייִדיש בידערשעזיש שטעטל? ביסט דאָרט צו לאַנג געזעסן. וועסט זיך דאַרפן צוגעוווינען.

ס׳איז אָנגעקומען אַ טראַמוויי. פאַר פיר אַ זייגער דאַרף מען זיך נישט טאָרעווען אַ וועג מיט די עלנבויגנס. אַנעט האָט דערקענט דאָקטאָר פאָזנער. ער איז אײַנגעשטיגן און געלאָזט זיך צום סוף וואַגאָן.

— באַקען מיך מיט אים.

דאַנקע האָט אָנגעהויבן רעדן פראַנצויזיש:

— לאָז צו רו. ס׳איז אים אָנגעדאָסט אויפֿן האַרץ. כ׳האָב דיר געזאָגט ער הענגט אויף אַ האָר. אַ ליאַדע טאָג קאָן זיך די האָר אָפּרײַסן און ער פאַלט אַראָפּ.

— פאַרוואָס?

— ווידער אַמאָל פאַרוואָס? ביסט געזעסן ביז איצט מיטן קאָפּ פאַרשטעקט אין אַ קינדער־הויז און איצט ווילסטו אויף איין פוס זיך אַלץ דערוויסן. איין זאַך וואָלט איך דיר איצט יאָ געוואָלט זאָגן. וואָלסט אפשר דערווײַל געדאַרפט זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דײַנע פּלענער וועגן פאָרשונגס־אַרבעטן. אין צוויי וואָכן אַרום גיי איך אַרבעטן אין די מלוכישע אַרכיוון. איך האָב דאָרט באַקאַנטשאַפטן. איך קאָן אַ פרעג טאָן וועגן אַ באַשעפטיקונג פאַר דיר, ווילסט?

— ס׳ציט מיך נישט צו קיין אַרכיוו־אַרבעט. איך בין נישט פעיִק הערצו. חוץ דעם פאַרהוירן צופיל צײַט, מ׳דאַרף זיך אָפּנעמען. אויב נישט דאָ, איז אפשר אין דער „קאָמיסיע פאַר פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס״. איך וואָלט געוואָלט אויף מײַן אופן צולייגן אַ האַנט צו אַזעלכע זאַכן. איך בין דאָ געווען.

— דו ביסט דאָ געווען, אָבער איצט ביסטו אַ גרינע. מיינסט, אַז אין יענער קאָמיסיע וועסטו האָבן אַ לײַכט לעבן, אויב וועסט וועלן לויט דײַן אייגענעם שכל עפּעס טאָן? מײַנע אַ באַקאַנטע אַרבעט דאָרט, זי איז געווען אין אוישוויץ, האָט אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט ייִדישע לאַגערניקעס, וואָס האָבן געגרייט דעם אויפשטאַנד. ביז מיט אַ יאָר צוריק האָט מען געקאָנט דערמאָנען דערוועגן, הײַנט נישטאָ קיין סעזאָן.

אַנעט האָט זיך געאײַלט אָפּצונעמען קלאָדן. מ׳דאַרף דעם ביטערן

טעם פון די הײַנטיקע באַגעגענישן מיט עפּעס פּאַרזיסן. מאַרעקן איז גלײַכער װעגן דעם אַלעמען נישט צו דערציילן. זי װעט הײַנט שוין אין ערגעץ נישט קלינגען. דאַנקען איז גענוג אויף הײַנט.

קלאָד איז געזעסן אין אַ װינקל אויף אַ נידעריק בענקעלע און געהעשעט. דאָס פּנים איז געװען בײַ אים פֿאַרפּלאַמט, די אויגן פֿיבערדיק־רויט. זי האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערן און דערפֿילט טעמפּעראַטור. די דערציִערין האָט צעלייגט די הענט.

אין שטוב האָט דער טערמאָמעטער געװיזן 40 גראַד. פֿרײַלין מאַרטע האָט פֿאַרבראָכן די הענט. זי האָט טאַקע די נאַכט געהאַט אַ שלעכטן חלום. דער מלאך המות האָט מיט דער קאָסע בײַנאַכט אויפֿגעהאַקט די טיר. זי האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט און פֿאַרגעסן. און אָט װאָס אַ חלום איז.

אַנעט האָט אָפּגעריסן דעם טעלעפֿאָן, געזוכט מאַרעקן. בלויז יורי האָט נישט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. ער קען אָן אַ שיעור היימישע רפֿואות. קעגן היץ צום בעסטן שניי צום שטערן, נאָך בעסער געריבענע קאַרטאָפֿל. אַנעט הערט נישט װאָס מען רעדט צו איר. זי קלינגט אין מאַרעקס הייל־אַנשטאַלט. צו װעמען דאַרף מען אַ דאָקטער? צו אַ קינד? דאַרף מען קלינגען אין דער קינדער־אָפּטיילונג.

װאָס? צו אַ יִנגל מיטן נאָמען קאַזשימיעזש גורסקי? דער נומער פֿון דער קאַרטע? ער האָט נאָך נישט קיין קאַרטע? מען קאָן נישט קומען צו אַ קראַנקן, װאָס האָט נישט קיין קאַרטע. אַנעט בעט, װיינט, דאָס קינד האָט פֿערציק גראַד היץ. ס׳העלפֿט װי אַ טויטן באַנקעס. װי קאָן מען שיקן אַ דאָקטער צו אַ קראַנקן, װאָס מען געפֿינט נישט אין דער עווידענץ? װאָס האָט נישט קיין קראַנקן־קאַרטע?

ס׳הייבט זיך אָן אַ זוכעניש אין טעלעפֿאָן־בוך. אַנעט שרײַבט אויס אַ רשימה פֿון דאָקטוירים, זי קלינגט. ניין, זיי קאָנען נישט קומען, זיי פֿירן נישט קיין פּריוואַטע פּראַקטיק, זיי טאָרן נישט.

קלאָד ליגט אין בעט און סאָפּעט װי אַ נישט דערשאָכטן גענדזל. ער האָט מער נישט קיין כּוח צו העשן. אַנעט לויפֿט אַראָפּ צו דער הויז־װעכטערין, אפֿשר װייסט זי װעגן אַ דאָקטער. װאָס? אַ פּריוואַטער דאָקטער? װער װעט אײַנשטעלן? זיי האָבן מורא.

אַנעט װאַרפֿט זיך װידער צום טעלעפֿאָן, אַלאַרמירט באַקאַנטע. זאָל

מען זוכן, ברענגען אַ דאָקטער. יורי מאַכט דערווײַל אַ פּאַפּקע פון געריי־בענע קאַרטאָפּל און לייגט צו צו קלאָדס שטערן. פּרײַלין מאַרטע שיקלט און רײַבט קאַרטאָפּל. יורין פאַלט פּלוצלינג אײַן אַ געדאַנק:

— מאַמע, כ'גיי ברענגען אַ דאָקטער, כ'ווייס ווו. כ'וועל זאָגן אַ מענטש שטאַרבט אויף אַ האַרץ־אַטאַק. כ'וועל זאָגן, אויב ער גייט נישט, וועט דער קראַנקער שטאַרבן און מ'וועט אים דערפאַר אַרעסטירן.

— יורי, זאָלסט אַזוי נישט זאָגן, מען טאָר נישט. בעט, דערצייל, אַז אַ קינד איז זייער קראַנק, ס'האָט נאָך נישט קיין קראַנקן־קאַרטע און מ'מוז האָבן אַ פּריוואַטן דאָקטער.

— מיטן אמת וועט מען גאָרנישט אויפטאָן. אַז ער וועט מורא האָבן, וועט ער קומען. נו, זאָל זײַן, כ'וועל זאָגן, ווי דו הייסט.

ער איז אַוועק און צוריקגעקומען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט גע־קלונגען, געקלונגען, מען עפנט נישט. ס'איז קיינער נישטאָ. אַנעט האָט זיך דערווײַל גענומען צום קראַנקן. קלאָדס פּנים איז אויסגעשמירט מיט געריבענע קאַרטאָפּל. פּרײַלין מאַרטע האָט נישט געקאַרגט און קלאָד האָט זיך נישט געוועהרט קעגן יוריס רפואות. ער איז אײַנגעשלאָפן מיט אַ כאָרכלעניש. אַנעט האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער פלאַמט ווייניקער ווי פריער.

אַנעטס אַלאַרם דורכן טעלעפאָן האָט געבראַכט עטלעכע באַקאַנטע. אויך זיי האָבן נישט געפונען קיין פּריוואַטן דאָקטער. מאַרעק איז געקומען שפּעט. נאָך אַ האַלבן טוץ טעלעפאָנען איז געקומען אַ יונגער בחור אין אַ ווײַסן כאַלאַט — פון דער גיכער הילף. ער האָט געלאָזט, ווי געוויינלעך, אַ רפואה און אַן עצה צו רופן אַן אַנדערן דאָקטער. דער אַנדערער דאָקטער איז געקומען אויף צו מאָרגנס פרי, ווען די לונגען־אָנצינדונג איז שוין געווען גוט אויסגעפיקט.

אין דרײַ וואָכן האָט זיך אַנעט געענדערט נישט צו דערקענען. אַ באַרג איז אויף איר אַראָפּגעפאַלן און דריקט, דריקט. זי מוז אים אַראָפּ־שאָקלען, באַפרײַען זיך. זי האָט אָנגעהויבן צוריק קלינגען צו אַמאָליקע באַקאַנטע. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר שול־חברטע איזאַבעלאַ, זי איז געווען אין ראַווענסברוק, נאָך דער מלחמה אין אַ דיפּי־לאַגער אין דײַטש־לאַנד. זי האָט אָנגעקלונגען צו אַלעקן, געבעטן דעם אַדרעס. אַלעק האָט איר אײַליק איבערגעריסן: ער קען נישט אַזעלכע, דערמאָנט זיך נישט. ער

האָט אָפּגעלייגט דאָס טרײַבל. דעם זעלבן אָוונט, אַ צוויי שעה שפּעטער איז ער געקומען אַ צערודערטער זיך אַנטשולדיקן און שטיל צוויסן געגעבן, אַז איזאַבעלאַ „זיצט”. פאַרוואָס? ער ווייסט נישט. זאָל זי בעסער נישט פרעגן און נישט דערמאָנען מער איר נאָמען. עטלעכע פון זײַנע אַמאָליקע באַקאַנטע מיט וועלכע ער איז געווען אין שפּאַניע פעלן אויך. ער גייט נישט צו די משפּחות. בעסער נישט צו פרעגן, מען דאַרף נישט זײַן צו נײַגיריק. מען דאַרף נישט קריכן מיט קיין געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אומעטיק־פאַרחידושטע אויגן. אָלעק האָט איר פרײַנדלעך געראַטן, געשטראָפט, זאָל זי נאָר נישט מאַכן קיין מינע פון אַ מאַרטירערין! זאָל זי נישט שטעקן די נאָז, וווּ מען דאַרף נישט. די רעוואָלוציע האָט אירע געזעצן און מיר וועלן גאָרנישט ענדערן.

דעם דיאַלאָג, וואָס זי האָט געזאָלט פירן מיט אָלעקן, האָט זי דערנאָך געפירט מיט זיך אַליין. איז די רעוואָלוציע אַ טײַוואָלאָנישע מאַכינע, וואָס דרייט זיך מיסטעריעז, קעגן אונדזער ווילן, כאַפּט אַרײַן אין אירע ציינער אָט דעם, אָט יענעם? אָדער איז דאָס אַ וויסטער חלום? אין נידערשלעזישן שטעטל האָט זי געלעבט אין אַ פאַרמאַכטן קרײַז, נישט געזען ווײַטער פון דער נאָז. דאָ איז זי אויף אַן אָפן פעלד. צי זעט זי נאָך אַלץ נישט, אַז דאָ און דאָרט איז שטעכיק ווילדגראָז? מיט וועלכן וועג זאָל זי זיך פאַרנעמען? מען ווײַזט איר אָן אויף אַ גלײַכע, שמאָלינקע סטעזשקע, נישט ריזיקירן נישט רעכטס און נישט לינקס, מען ווייסט נישט ווו ס׳פירט. נאָר נישט גיין מיט קיין ברייטן וועג, ס׳איז באַרג און טאָל, אַן אומפאַרזיכטיקער טריט און ברעכסט האַלדז און נאַקן.

צום לאַנגן ווינטער האָט פאַרט גענומען אַ סוף. דער שנײַ צעגייט ווי פוטער אויף דער זון. די ווײַסע ערד ווערט גרוי, בלאָטיק. ס׳דוכט זיך מען פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס. דאָ און דאָרט שוואַרצע קאַלוזשעס.

בײַם דירעקטאָר נחמן ווײַסליץ אין קאַבינעט איז שוין פרילינגדיק, געמיטלעך. אַנעט האָט זיך דאָ דערפילט היימיש. ווײַסליץ האָט קלוגע אויגן און אַ שפּרודלדיקן לשון. ראשית איז ער אַ גאַסט מכבד מיט אַ פּאַר־

ציע ווּיצן, משלים. נישט יעדער נמשל פון משל איז אַנעטן קלאָר געווען, ס׳קאָן זײַן אַזוי און ס׳קאָן זײַן אַנדערש.

— נו, ווי האַלט איר אין דער וועלט?

אַנעט דערציילט. צוליב די שטוביקע באַדינגונגען האָט זי דערווײַל געמאַכט איבערזעצונגען, האָט ווידער באַקומען אַן איבערזעצונג. איר באַגער איז זיך צו ווידמען אַן אַנדערער אַרבעט, זי האָט שטענדיק געטרוימט וועגן ייִדישער פאָרשונג. קיין דערפאַרונג האָט זי נישט, פּלענער בלויז. זי וואָלט געוואָלט דערווײַל מאַכן קליינע עטיודן, סקיצן, וואָס זאָלן קאָנען פאַרעפנטלעכט ווערן. איז שטענדיק געווען אַ חסיד פון באַלאַבאַנס קליינע אַרבעטן. נעבן די ברייטע טעמעס, האָט ער געפאָרשט קליינע אָפּשניטן, עפּעס אַ געביט. זי פאַרגלײַכט זיך נישט, ס׳גייט אין דעם מאָדעל.

— באַלאַבאַן איז ווײַטלעך פון אונדז. מיר האָבן אַ ביסל אַן אַנדערן מעטאָד און אויך אַן אַנדערן צוגאַנג.

— כ׳וויס. כ׳רעד וועגן אופן פון דער אַרבעט. כ׳וואָלט געוואָלט אויספאָרשן קליינע, באַגרענעצטע געביטן, אפשר וועט עס ראוי זײַן פאַרעפנטלעכט צו ווערן.

— איר האָט דורכגעקוקט אונדזער פּלאַן פאַר פאָרש־אַרבעטן?

— דורכגעקוקט עטלעכע מאָל. אַלע אָקופּאַציע־טעמעס אינטערעסירן מיך. דאָ איבערגעלעבט די מלחמה. כ׳וואָלט אָבער צופרידן געווען איר זאָלט מיך שיקן אויף פּראָצעסן פון היטלעריסטישע מערדער, דערווײַל אַלס פּראָטאָקאָלאַנט, דערנאָך וואָלט מען געזען וואָס מ׳קאָן דערפון מאַכן. פאַראַן בײַ אײַך אַ טעמע, וואָס הייסט „היטלעריסטישער קינדער־מאָרד״, אַן אַנדערע — „איבערלעבונגען פון קינדער״. אויף דער ערשטער טעמע האָט מען שוין געשריבן צו ביסלעך. איך וואָלט זיך גענומען צו דער צווייטער, איך קען גוט די איבערלעבענישן פון ייִדישע קינדער אויף דער אַרישער זײַט, כ׳האָב געאַרבעט מיט אַזעלכע קינדער. פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט אינטערעסירט מיך דער ייִדישער אָנטייל אין די פּוילישע אויפשטאַנדן.

— איר מאַכט זיך צו ברייטע פּלענער. איר פאַרמעסט אײַך אויפן שווערסטן. מיר האָבן נישט קיין עטאַטן...

— איך באַשטיי צו זײַן אויף אַ קליינעם ריטשאַלט.

איך וואָלט גערן געגעבן מײַן הסכמה. פֿאַראַן דאָ, אָבער, אויך אַנדערע מענטשן. איך וועל פּרוּוון אונטערשטיצן אײַך.

זי איז געוואָרן דרייסטער.

— ווען איך וואָלט הערווײַל כאָטש געהאַט עפּעס אַ צײַגעניש, אַז איך אַרבעט מיט... אַז איך וועל מיטאַרבעטן. אָן דעם קאָן מען אין ערגעץ נישט אַרײַנגיין.

— איר וועט ברענגען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, מײַן סעקרעטאַרשע וועט אײַך דאָס מאַכן אויפֿן אָרט.

— כ׳האָב בײַ זיך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. איך קאָן צוּוואַרטן.

— איר האָט מסתמא מער ענערגיע ווי כּוח. און אַז איר זענט שוין יאָ אַזאַ עקשן, בעט דעם חבר שפּינמאַן, ער פֿאָרט קיין העלענוועק, דאָס גרעסטע קינדער־הויז דאָרט. זאָל ער אײַך מיטנעמען.

אַנעט האָט באַקומען פֿרישע כּוחות. זי האָט ווײַסליצעס אונטערשטיצונג, האָט שוין אַ שטיקל פּאַפּירל אין קעשענע. זי האָט נישט איינמאָל לעצטנס געהערט: „אַז מען שמירט, פֿאָרט מען״. אײַ, דאָס אַלץ איז געבעטלט, רעקאָמענדאַציע, וואָס זי פֿאַרטראָגט נישט? אַ דאגה האָט זי, זאָל זײַן פֿון אַ קאָזאַק, אַבי צום געזונט.

דאָס הויז פֿון ייִדישן קאָמיטעט איז אַ מין קאָמבינאַט מיט פֿאַרשידענע מעכאַניזמען, רעדער, שרויפֿן און שרײַפּעלעך, דאָ איז די קיך, וווּ עס קאָכט זיך אַלץ אויס. פֿון דאַנען גייען דירעקטיוון, אָנווײַזונגען אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וווּ עס לעבן ייִדן. אַהער קומען באַריכטן פֿון די אָרטיקע קאָמיטעטן. מען קומט מיט אָנפֿראַגן, מיט בקשות. דאָ זענען מענטשן שטענדיק פֿאַרנומען, פֿאַרהאָרעוועט, פֿאַריאַכמעט, אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און לעבן אין דער אַרבעט. איינע זיצן צוגעשמידט צו די ביוראָטישן אין די רעדאַקציעס, אין פֿאַרלאַג, פֿאַרשידנאַרטיקע קאָמיסיעס, אַנדערע אײַלן הין און צוריק, לויפֿן איבער די טרעפּ אין אײַלעניש. אַלע האָבן פֿולע הענט אַרבעט, מ׳האָט נישט קיין צײַט צו רעדן אַ וואָרט מיט אַן אַרײַנגעקומענעם. מ׳האָט נישט ווען די נאָז אָפּצווווישן.

לויט די פּלאַקאַטן, באַקאַנטמאַכונגען, אַפֿישן, אויסגעהאָנגענע אויף די ווענט פֿון די האָלן און אַרײַנגענג, לויט די אויסגעשטעלטע פֿאַנקאַרטן,

טאַבעלן, זעט אויס ווי ס׳וואָלט געווען אין לאַנד אַ גרויסע ייִדישע מחנה. דאָ זיצט דער גענעראַל־שטאַב, וואָס פירט אָן מיט דער מחנה, זאָרגט פאַר איר, איז איר איבערגעגעבן בלב ונפש.

דער חבר משה שפּינמאַן שפּרודה׳ט מיט ענערגיע. ער זיצט אויף דער שטול און אײַך דוכט זיך ער זיצט נישט, נאָר איז אין כסדרדיקער באַוועגונג. אַז ער איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש, זעט מען פון די פילע אַקטיוויטעטן, וואָס ער קאָנצענטרירט אין זײַנע הענט. טראָץ זײַן פאַר־נומענקייט האָט ער אַנעטן אויפגענומען אין זײַן קאַבינעט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ מזלדיקער מינוט. ער איז גלײַך אײַנגעגאַנגען זי מיט־צונעמען אין זײַן אויטאָ אין יתומים־הויז. עס פאַלט אויס זונטיק. קיין אַנדערן טאָג קאָן ער זיך נישט אָפּרײַסן. ס׳קומט אים אויס צו אַרבעטן זיבן טעג אין דער וואָך. פאַר אַנעטן איז דאָס אַ גליק וואָס ער מוז אַר־בעטן דעם זיבעטן טאָג. זונטיק איז מאַרעק אין שטוב. זי וועט קאָנען אָן האַרץ־קלאַפּעניש אַוועקפאָרן אויף אַ טאָג. זי איז אַזוי מלא שמחה, אַז זי פאַרגעסט און באַדאַנקט אים אויך וואָס ער פאָרט זונטיק און נישט קיין אַנדערן טאָג.

— פאַר אײַך איז דאָס אַ פאַרווײַלונג, פאַר מיר אַ שווערע האָרע־וואַניע. אינדערפרי דאָרט, נאָכמיטאָג אַ רעפעראַט אין לאָדזש. מען מוז אָפּרײַסן עטלעכע שעה פון שלאָף צוצוגרייטן.

הכלל, איר גליק וואָס ער האָט זונטיק אַ רעפעראַט אין לאָדזש, פאַר איין וועגס טרעט ער דאָרט אָפּ, ס׳איז עטלעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. אַנעט וויל איצט דורכויס אויסנוצן די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן ווי עס האַלט אין דער וועלט מיט ייִדן אין פּוילן. זי איז פאַר־זיכטיק, האַלט איר צונג ווי אַ הונט אויף דער קייט. ס׳טאָרן נישט זײַן קיין נישט באַטראַכטע ווערטער.

— חבר שפּינמאַן, כ׳וואָלט געוואָלט אַ ביסל שמועסן מיט אײַך, אויב איר זענט נישט צופיל פאַרנומען. געווען די אַלע יאָרן פאַרגראָבן אין יתו־מים־הויז. איך בין זייער ווייניק אינפאָרמירט וועגן דעם נײַעם, וועגן...

ער האָט איר נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— אונדזער פּרעסע, די אַנדערע אויסגאַבעס לייענט איר?

— אַוודאַי.

— דאַרפט איר דאָך זײַן גוט אינפאָרמירט.

זי האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג נישט צו זאָגן דאָס, וואָס מען דאַרף נישט.

— אַ ביסל.

— צו זײַן אינפאָרמירט דאַרף מען זיך אײַנגלידערן אין נײַעם ייִדישן לעבן, מען דאַרף זיך אַרײַנוואַרפן אין דעם אַלעמען, זײַן טעטיק, אָנגאַרטלען די לענדן, אונטערשטעלן אַ פּלייצע!

— איך וועל זיכער ווײַטער נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. דער־פאַר ווילט זיך עפּעס דערוויסן פון אַזאַ מענטש ווי איר. קאָנט איר, למשל, מיר זאָגן וויפל ס׳איז פאַראַן ייִדן אין פּוילן?

— די היסטאָריקערין קריכט גלײַך אַרויס פון אײַך.

— איז דאָס שלעכט צי גוט?

ער האָט נישט געענטפערט, געמאַכט בלויז אַ נערוועזע באַוועגונג. אַנעטן האָט זיך געדוכט, אַז זײַן נערוועז געזיכט איז נערוועזער געוואָרן. די שטריכן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן. די שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן געשפּראָצט מיט ענערגיע און פאַרביסנקייט, זענען געוואָרן פינקלדיקער. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל, ווי אַ פיש אויף דער יבשה צו כאַפּן לופט.

— ס׳איז שווער הײַנט צו ענטפערן אויף אײַער פראַגע. געווען פון אָנהייב אַ דרײַ הונדערט אָדער צוויי הונדערט פופציק טויזנט מיט די, וואָס זענען געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. די רעאַקציע האָט געריסן פון אונדז לעבעדיקע שטיקער, וויל ווײַטער רײַסן פאָסן. זי האָט פּראָקלאַ־מירט יציאת אייראָפּע, ראשית כל יציאת פּוילן. מיט יציאת פּוילן איז דער רעאַקציע אַ ביסל געלונגען. ייִדן האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע. מיר טוען אָבער אַלץ זיך קעגנצושטעלן, ווײַל מיר ווייסן, אַז נאָר אין סאָציאַליסטישן פּוילן קאָנען צוריק אויפגעלעבט ווערן די שיינע טראַדיציעס פון פּוילישן ייִדנטום. מיר זענען נישט קיין סך, זאָל מען מיר אָבער ווײַזן אַ לאַנד אויפן מערב מיט מיליאָנען ייִדן, ווו ס׳זאָל זײַן אַ ייִדישער מלוכה־טעאַטער, אַ ייִדישער מלוכה־פאַרלאַג, אַ וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע, אַ טאָג־פּרעסע, ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אַ פאַרצווײַגט שול־וועזן, אַלץ, אַלץ אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה. און ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון, לאַנדווירטשאַפטן זענען גאָרנישט? פאַראַן אַפילו אַ ייִדישער פישער־קאָ־אָפּעראַטיוו אין נידערשלעזיע. כ׳זע איר האָט ווייניק געזען. איר וועט זײַן

אין אונדזערע שיינע קלובן אין לאָדזש, וואָצלאַוו, לובלין, קראָקע, קאַ־טאָוויץ, ליגניץ און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. צי ווייסט איר, אַז מיר האָבן 25 טאָג־שולן? מלוכישע יידישע שולן, פאַרשולן, אינטערנאַטן פאַר יוגנטלעכע, קלובן פאַר יוגנטלעכע און קינדער. איר פאָרט זיך באַ־קענען מיט אַ צווייטער קינדער־היים נעבן לאָדזש. מיר האָבן אַזעלכע איבער אַ צענדליק. פון די יוגנטלעכע און קינדער וועט אויסוואַקסן אַ געזונטער דור יידן, וואָס וועט צוזאַמען מיט אונדז עלטערע ווייטער ציִען די גאָלדענע קייט פון פוילישן יידנטום.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם, געהאַקט די ווערטער ווי האָלץ. גערעדט שנעל, געדיכט, מיט פּאַטאָס און ענטוזיאַזם. אַנעטן האָט זיך אָנגעשטעקט דער ענטוזיאַזם. זי האָט אָבער נישט ליב קיין נערוועזיטעט. נערוועזע מענטשן פאַרטראָגן שלעכט נערוועזישקייט ביי אַנדערע. זי האָט געהאַט אַ נישט גוט געפיל, קוקנדיק, ווי זיין מאַט פּנים ווערט רויט בעתן רעדן, ווי עס ציט דורך אַ נערוועזער טיק. ער האָט אויף אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן און באַלד ווידער אַרויסגעוואָרפן אַ פּעקל ווערטער:

— אין דעם, אין דעם דאַרף מען זיך אײַנשפּאַנען! ס'איז דאָ איבער־גענוג אַרבעט פאַר אײַך און פאַר אַ סך אַנדערע, וואָס האַלטן אין איין שטעלן קלאָץ־קשיות, אָדער זיצן נאָך אויף דער וואַליזקע.

— איך בין גרייט זיך אײַנצושפּאַנען. איז דען דאָס איז סתירה מיט וועלן וויסן ווי ס'זעט אויס? אַט האָט מען מיר געזאָגט, אַז פון די בערך דרײַ הונדערט טויזנט יידן זענען פאַרבליבן אפשר אַ פּופציק טויזנט, אָדער ווייניקער, און אַז אַ סך ווילן נאָך אַוועקפאָרן.

— איך טראָג נישט אַרום אין טאַש קיין ציפערן, ווי אײַערע אינ־פאָרמאַטאָרן. נעמט אײַך צו דער אַרבעט, וועט איר פאַרשפּאָרן אַרומגיין זוכן אינפאָרמאַציעס.

— איך האָב גלײַך נאָך דער מלחמה זיך גענומען צו דער אַרבעט. איצט נעם איך זיך צו אַ נײַער. שוין דורכגערעדט מיטן חבר ווײַסליץ.

— וואָס וועט איר דאָרט טאָן?

— איר האָט אָקאָרשט געזאָגט, אַז ס'קריכט פון מיר אַרויס די היס־טאָריקערין, נו, נעם איך זיך צו פאָרשערישער אַרבעט.

— שלעכט, שלעכט אויסגעקליבן. איר האָט שטודירט אין פּאַריז. אַזוי

פיל יאָרן אויפן מערב. ביי אונדז איז געשיכטע באַזירט אויף מאַרקסיזם־לעניניזם. איר דאָרט טראַכט מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס.

— אין די מערבדיקע לענדער זענען אויך דאָ קאָמוניסטן, אויך דאָרט לערנט מען דעם מאַרקסיזם־לעניניזם.

— נישט צווישן ייִדן! נישטאָ, נישטאָ צווישן ייִדן קיין אמתע קאָמוניסטן־מאַרקסיסטן.

אָן אַ קלאַפּ אין טיר האָט זיך אַריינגעשלייכט אַ הויכע, גלייכע געשטאַלט. די געשטאַלט האָט געוואָלט זיך צוריקציִען, אין דער האַלב־אָפּענער טיר. משה האָט געגעבן אַ ווונק צו בלייבן, האָט אַרויסגעצויגן פון שופלאָד אַ גרויסן דאַקטילאָגראַפירטן בויגן, דערלאַנגט אים און פאַר־געזעצט:

— כ׳האָב אייך געזאָגט, מען טראַכט דאָרט מיט אַנדערע קאַטעגאָ־ריעס ווי מיר. שלמה, האָט ער זיך געוואָנדן צום אַריינגעקומענעם, האָסט מיר דערציילט וועגן דיינע באַגעגענישן מיט חברים פון די מערב־לענ־דער. וואָס זאָגסטו צו זייער מאַרקסיזם־לעניניזם?

שלמה זיגמאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן בויגן פּאַפּיר און פּאַ־נאַנדערגעשפּרייט די ליפּן צום רעדן. פון צווישן די ליפּן האָט זיך פריִער אַרויסגעקייקלט אַ געדיכטער שמייכל, וואָס האָט זיך פּאַנאַנדערגעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים. זיגמאַן איז אין אַלעמען דער היפּך פון שפּינמאַנען. זיין פּנים איז רויִק און געמיטלעך. דאָס פּיער, דער פלאַם ברענט אינע־ווייניק. די ווערטער זענען געלאַסענע, פּונקט ווי די באַוועגונגען, אָבער מען פילט אין זיינע ווערטער אַזאַ זיכערקייט, ווי ביי אַ מיליטערמאַן, וואָס האָט איינגענומען דעם שונאס אַלע אַרמייען און צעשמעטערט אַלע זיינע פּאָזיציעס. שלמה זיגמאַן איז צופרידן געווען וואָס משה שפּינמאַן האָט זיך געוואָנדן צו אים ווי צו אַן עדות:

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז דאָרט פאַרשטייען זיי לחלוטין נישט דעם מאַרקסיזם און אַוודאי נישט דעם לעניניזם. וואָס איז דאָ צו רעדן? ווען זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי אַנדערש אויסגעזען. ווען די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן, איז געווען אַ גינסטיקע סיטואַציע צו נעמען די מאַכט, האָבן פאַרטאַכליעוועט, זיי זענען ווי די...

אַ האַסטיקער קלאַפּ אין טיר האָט אים אַרויסגעראַטעוועט, ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרענדיקן. אַן אַריינגעשטעקטער קאָפּ

האָט מיט די אויגן געקוקט משהן. דער האָט זיך אונטערגעהויבן ווי צו גיין לעשן אַ שרפה. אַנעט האָט אויסגעצויגן אַ האַנט צו זיגמאַנען און זיך פאַרגעשטעלט. זי האָט אַ סך געהערט פון אים, איז צופרידן זיך צו באַ־קענען. ער האָט אויך געהערט פון איר. ער ווייסט, זי האָט געאַרבעט אין אַ קינדער־הויז, געגרייט זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

— בייזע צינגער האָבן געזאָגט איר זענט געווען אויף דער זייט פון די, וואָס האָבן אַרויסגעפירט קינדער.

אַנעט האָט אויסגעשטעלט אויף אים בייזע אויגן. ער האָט זיך פאַר־ענטפערט:

— מסתמא רכילות, וואָס מען דערציילט אַלץ.

— אויב רכילות צוואָס חזרט איר איבער?

— די מעשה מיט די קינדער לאָזט נישט רוען. די ציוניסטן האָבן אַרויסגעגנבעט, געהיים אַרויסגעפירט. נישט קעגנשטעלן זיך ענערגיש איז דאָס זעלבע ווי צוהעלפן. אַנשטאָט צו ברענגען יידישע יתומים פון די קאַ־פיטאַליסטישע לענדער אַהער, וויל מען די היגע אַרויספירן אַהין.

אַנעט האָט אין פלוג נישט באַנומען און איבערגעפרעגט. ער האָט פּרעציזירט:

— אין פראַנקרייך, צום ביישפּיל, זענען געבליבן יידישע יתומים. זייערע אומגעקומענע עלטערן האָבן געשטאַמט פון פּוילן, געווען פּוילישע בירגער. וואָלט מען זייערע קינדער באַדאַרפט ברענגען אַהער. אָ, ווען איר פאַרט וועגן דעם, וואָלט איך פאַרשטאַנען.

אַנעט האָט ווידער אָנגעהאַנגען אויף אים די אויגן, פאַרחידושטע, פרעגנדיקע. זיגמאַנס פּנים איז געוואָרן ערנסט, דער שמייכל איז אויס־גערונען.

— די היים פון יידישע יתומים איז דאָס פאָלקס־פּוילן. זייערע על־טערן זענען געווען פּוילישע יידן.

אַנעט האָט אַרויסגעצויגן אַ נייעם וואָפן. דער טאָן איז געווען אַן איינגעהאַלטענער, אָבער אַ רמז פון איראָניע האָט זיך דאָך געלאָזט פילן.

— די פּוילישע פאָלקס־רעגירונג איז אַזוי רייך, אַז זי קאָן ברענגען יידישע יתומים פון אויסלאַנד?

— אין אַ מלוכה־בודזשעט שפּילט נישט קיין ראָל אויסצוהאַלטן עט־לעכע קינדער־הייזער.

אַנעט האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו זײַן אָנגרײַפעריש.

— ווי איך ווייס, איז די פאָלקס־מלוכה נישט ביכולת צו געבן די קלענסטע פּענסיע די אלמנות און קינדער פון אומגעקומענע רעוואָלוציאָנערע טוערס, קינדער פון די בעסטע חברים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן.

ער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. אין דער באַוועגונג איז געווען ביטול. ער וואָלט מיט דעם אַליין נישט אָפּגעקומען. אין קאַבינעט איז אָבער פּלוצלינג ווי אַ דונער אַרײַנגעפאַלן שפּינמאַן, גערופן אים אויף אַ זיצונג, אונטערגעאײַלט אים און אָנגעזאָגט אַנעטן זי זאָל למען השם זונטיק נישט פאַרשפּעטיקן, ער האָט נישט קיין צײַט צו וואַרטן.

דער וועג קיין לאָדזש האָט זיך אויסגעצויגן. דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט איבערן בלאָטיקן שאָסיי, דער מאָטאָר האָט געקרעכצט, נישט געהאַט קיין כוח אַרויסצושלעפּן די רעדער פון דער געדיכטער, קלעפּיקער מאַסע צעגאַנגענעם, מוטנעם שניי. דער שאָפער האָט געמוזט מאַכן אַקראָבאַטישע שטיק בײַם רודער.

דער פרילינגדיקער פרימאָרגן איז אַ גרויער, פאַרשלאָפענער. דער הימל אַ נידעריקער, אַ באַוועגלעכער. די שיטער צעוואָרפענע דאָרפישע כאַטעס בײַם וועג זענען אַרײַנגעוואַקסן אין דער נאַסער, אויפגעשוואָלענער ערד; זיי בויגן אומעטיק די רוקנס פון אַלטקייט ווי זקנים, וואָס טראָגן אויף די פּלייצעס די משא פון יאָרן. פון הינטער עטלעכע הײַזקעס קוקט אַרויס אַ שײַער, אַ געדעקטער מיט קאַלירלאָזן, צעפוילטן שטרוי. ס'זעט אויס ווי מ'וואָלט אויפן רוקן פון שײַער אַרויפגעלייגט אַ באַרג מיסט. די שיטערע ביימער בײַם וועג שטייען נאַקעט ווי בר־מינַנס אָן תכריכים.

אַנעט איז כסדר איבערגעבויגן אין דער העלפט און קוקט דורכן פענצטערל פון אויטאָ. די מרה־שחורהדיקע לאַנדשאַפט לויפט פאַרבײַ ווי אַ פילם־טאַשמע. די אויגן העַנגען זיך אָן אויף אַן אָביעקט און רײַסן זיך באַלד צוריק אָפּ. אַנעט באַגערט שפּינמאַן זאָל מיט זײַנע רייד פאַריאָגן דעם גרויעם אומעט. זי שטעלט אָן דאָס אויער.

משה שפּינמאַן קוקט אויך דורכן טיר־פענצטערל, וואָס פון דער צווייטער זײַט אויטאָ. ער קוקט און רעדט. די ווערטער פליסן פון זײַן מויל

דאָ ריטמיש, דאָ גיבן זיי אַ ריס, אַ שלײַדער ווי אַ סטיכיע. פון מאָל צו מאָל רײַסט זיך אָפּ אַ וואָרט, אַ זאַץ, באַקומט פליגלען און הייבט זיך אויף העכ־העט ווײַט, אין דער הויך.

— איר זעט? קוקט אײַך גוט צו. דאָס האָבן מיר באַקומען אין ירושה. אין די שטעט חורבות, צעשטערונג, בערג מיט פאַרברענטע, צעמאָלענע ציגל, אונטער זיי פאַרסמאָליעטע מתים, אין די דערפער אײַנגעהויקערטע כאַטעס, פאַרפוילטע שטרויענע דעכער, אָפּגעשטאַנעגקייט, מיטלאַלטער, פינצטערניש. די בערג פאַרוויסטונג האָט מען געדאַרפט אָפּרוימען מיט די הוילע הענט. בויען אויף חורבות אויך מיט די הוילע הענט. קוקט! דאָ דאַרף מען אויך אַלץ אָנהייבן פון אָנהייב. פריִער דאַרף מען ברענגען דאָס נײַע וואָרט. ס׳זאָל דערגיין צום מוח. ס׳מוז לאַנגזאַם טריפן, אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ. אַ כסדרדיקער טראָפּן גראָבט זיך אײַן אַפילו אין אַ פעלדז. מען שטעלט זיך נישט פאָר ווי שווער דאָס איז. מען מוז צונויפנעמען אַלע כוחות. מען מוז אין דעם נײַעם מיט די ציינער זיך אײַנבײַסן. מען מוז! מען מוז! יעדערער פון אונדז מוז צולייגן אַ האַנט. מען טאָר נישט קאַרגן קיין כוחות. ווי איקאַר פון דער גריכישער לעגענדע, מוזן מיר זיך צו־קלעפּן פליגלען צו קאָנען נעמען דעם געהעריקן פלי.

אַנעט האָט געפונען אַן אָרט ווו אַרײַנצושטעקן אַ וואָרט. אין פלוג האָט זי חשק געהאַט צו דערמאָנען, אַז איקאַר איז געפלויגן צו הויך, די פליגלען האָבן זיך צעוואַרעמט, אָפּגעקלעפּט און... זי האָט זיך באַרע־כנט צו דער צײַט. נישט אַלע מאָל געלינגט איר דאָס. זי האָט שוין גע־האַט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, געמוזט אויף דער הייסער מינוט עפּעס צוטראַכטן, זי האָט געפרעגט:

— און אונדזער... אונדזער אייגענער פלי? דער ייִדישער? וועלן מיר נאָכקומען? אויך זיך אויפהויבן הויך?

— ס׳איז געוואָנדן בלויז אין אונדז גופא. מיר וועלן מאַכן פון אונדז־זער לעבן דאָס אויף וואָס מיר זענען פעיִק. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זענען פאַראַן. פון אונדז איז אָפּהענגיק צי מיר וועלן גיין באַרג אַרויף, צי מיר וועלן טאָפּטשען אויף אַן אָרט. מיר האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו גיין באַרג אַרויף. דאָס זענען אויך מודה אונדזערע קעגנער. לייענט באַריכטן פון די, וואָס באַזוכן פוילן. זיי זענען אונדז מקנא די מעגלעכקייטן, כאָטש

די ייִדישע וועלט־רעאַקציע איז ווײַטער גרייט צו שנײַדן פון אונדז פּאַסן ג׳יטן מעסער פון יציאת פּוילן.

די כאַטעס זענען פאַרשוווּנדן. דער אויטאָ האָט זיך געריקט דרייסטער כאַרויס. דער אָפּגעצוואָגענער שאָסיי איז שנעלער געלאָפן צוריק. אַנעט האָט איצט מעכאַניש געקוקט אין גרויעם דרויסן. אָן אַ שיער פראַגן האָבן זיך איר געשטופּט אויפן צונג. ווי אַזוי זיך אײַנהאַלטן צו פרעגן, ווען דו זיצסט נעבן אַ מענטש, וואָס איז אויסגעוווּן אַ וועלט?

— איר, חבר שפּינמאַן, זענט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. ווי האָט עס דאָרט אויסגעזען בײַ ייִדן נאָך דער מלחמה?

— איר מיינט די דײַטשן זענען דאָרט געווען מילדער? האָבן נישט ווייניקער געזייט טויט און פאַרוויסטונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקע־רונג, דער עיקר אין די דרום־געביטן.

— ווען איר זענט אַוועקגעפאָרן זענען די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן שוין געווען צוריק אויפגעבויט?

ס׳האָט זיך איר געדאַכט ער האָט נישט דערהערט. ער האָט געקוקט דורכן פענצטערל, ווי ער וואָלט פּלוצעם אין דרויסן עפּעס דערזען. ער קאָן זיך נישט אָפּרײַסן. אַנעט האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז איר פראַגע איז נישט קיין באַקוועמע. זי האָט געוואָלט זי איבערחזרן, אָבער לויט איר געוווינהײַט צו וועלן אַלץ וויסן, האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט פון צונג אַן אַנדערע פראַגע:

— די פאַרבינדונג אײַערע מיט די פירערס פון אַנטיפאַשיסטישן קאָ־מיטעט איז אַ גוטע?

משה שפּינמאַן האָט זיך מיט דער לינקער האַנט אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַרויסגענומען אַ שעכטעלע פון קעשענע, אַרויסגענומען אַ פּיל און אַראָפּגעשלונגען. דאָס האַרץ בײַ אים איז זייער קאַפּריזנע. ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַ קראַמף. אַנעט האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אין ווינקל, געמאַכט אים מער פּלאַץ ער זאָל קאָנען זיך אַ ביסל אויסציִען. דאָס פּנים בײַ אים איז געווען פאַרקרומט. ביסלעכ־ווײַז האָט עס זיך אויסגעגלייטערט. דער קראַמף האָט נאָכגעלאָזט. אַנעט האָט מיט זאָרג אים געמוסרט: אַז דאָס האַרץ איז נישט אין אָרדענונג, רוט מען זיך אָפּ דעם זיבעטן טאָג, מען היט זיך צו. גענוג צו אַרבעטן זעקס טעג. ער האָט שטיל געמורמלט:

— וואָס ווייסט איר ווי מען איז אײַנגעשפּאַנט אין אַקער. איר פילט נישט וואָס דאָס איז אַזעלכעס רעוואָלוציע. מען מוז אָנהאַלטן טריט, אויב מען וויל נישט צעטראָטן ווערן. די רעדער פון דער רעוואָלוציע דרייען זיך מיט אַ טײַוולאָנישער גיכקייט. אַ נישט־פּאַסיקע באַוועגונג און זיי קאָנען אויך צעמאָלן אַ מענטש, אַ פאָלק...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. אַנעט איז געווען זיכער, אַז ס'האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט אַ קראַמפּ אין האַרץ. זי האָט אים געוואָלט דער־מאָנען ער זאָל נעמען נאָך אַ פּיל. באַלד האָט זי ווידער דערהערט אַ מור־מלערײַ, דאָס מאָל אַזוי שטיל, אַז ס'איז קוים הערגאַנגען צו אירע אויערן:

— מיר, מיר... ייִדן קאָנען די ערשטע צעמאָלן ווערן אין די רעדער פון דער רעוואָלוציע.

אַנעטן האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט פון היץ.

די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס און באַשטראַלט די שיינע, וואַלדיקע געגנט. דער ווינט האָט צעריסן דאָס גרויע שפּינוועבס איבערן הימל און שטיקער בלויקייט האָבן אַראָפּגעקוקט צו דער יונגער ערד. דער ווינטער האָט דאָ געלאָזט מער שפּורן ווי אין שטאָט, ווי אויף די וועגן. דאָך האָט זיך שוין געפילט דער אָנקומענדיקער פרילינג. דער זאַפט אין די ביימער הייבט אָן צו צירקולירן שוין סוף פעברואַר. שענקט די זון אַ ביסל וואַרעמקייט, וואַרפן די נאָדל־ביימער גיך אַראָפּ פון זיך דעם ווינ־טערדיקן לבוש, הייבן אָן אַרויסצושיקן פרילינגדיקע ריחות.

אין גרויסן קינדער־הויז זשומעט עס פון יונגן געפילדער, געזאַנג און שפּיל. אַ קינדער־בינשטאָק.

זונטיק גייט מען נישט אין שול, נישטאָ קיין לימודים אויפן אָרט. מען נעמט זיך אָפּ פאַר אַ גאַנצער וואָך. אין איין זאַל שפּילן 17־16 יאָריקע ייִנג־לעך און מיידלעך אַרום אַ לאַנגן טיש אין פּינג־פּאָנג; אין אַ צווייטן זאַל שטודירט מען אײַן מיט ייִנגערע קינדער טענץ, ריטמישע באַוועגונגען אונטער דער באַגלייטונג פון אַ פּאַרטעפּיאַן. פון אַ דריטן טראָגט זיך אַ כאָראַלער געזאַנג. אין גרויסן האָל שוועבן דורך קינדער, גרויסע, קלע־נערע, גאָר יונגע. זיי האָבן גלאַנציקע קינדערישע אויגן, פולע בעקלעך און פילדערן מיט קינדערישער פרייד און געלעכטער.

ווער זענען זיי? יעדעס פון זיי האָט אַ באַזונדערע, לאַנגע ביאָגראַפיע. דאָ זענען פֿאַראַן אַרויסגעשמוגלטע אויף פֿאַנטאַסטישע אופנים פון געטאָס אַרויסגעוואָרפענע פון צוגן אויפן וועג קיין טרעבלינקע, אויסבאַהאַלטענע אין אַרישע היימען, אין קריסטלעכע אַנשטאַלטן, אונטערגעוואָרפענע אין געהיים דורך עלטערן, ווען מ'האָט זיי געטריבן צום טויט, דאָ אין קינדער־הויז האָבן זיי געפונען אַ נײַע היים און מאַמעשע וואַרעמקייט.

אַנעט איז דאָ אַרײַנגעפאַלן אין אַן אמתן שמאַלצגרוב. זי וועט זיך דאָ מער דערוויסן ווי פון אַלע דאָקומענטן און פּאַפּיר'לעך. די עלטערע קינדער געדענקען, קאָנען דערציילן, וועגן די ייִנגערע זענען פֿאַראַן אויסקונפטן.

די דערציִערין פון די עלטערע איז טאַמאַרע שטאָקשטיין. דער רבונו של עולם, ווען ער האָט באַשאַפן דעם מענטש בצלם אלוקים האָט זיך צו דער צײַט אַרומגעזען, אַז דער מענטשלעכער מין דאַרף באַשטיין פון אַ זכר און אַ נקבה. ווען ער האָט באַשאַפן טאַמאַרע שטאָקשטיין, האָט ער אַ סברה פאַרגעסן אין דעם. איז זינט טאַמאַרע איז געקומען אויף דער וועלט, האָבן די עלטערן אירע געוואָרפן אויף איר אַן אומחן: אי דאָס איז אַ מיידל, אי ס'האָט אין גאַנצן אַ ייִנגלשן אויסזען. און דאָס מיידל איז אויסגעוואַקסן אומגעהובלט, אַ הויכע, ווי אַן אויסגעוואַקסענע פּיעטרושקע, מיט אַ ברייטן פּנים און אַ מאַנסבילשן געשטעל. פון קינדווײַז אָן האָט זי געהאַט אַ קאָמפּלעקס, פּריִער צוליב די עלטערנס קאַלטקייט צו איר, דערנאָך צוליב איר אויסזען. במשך פון אירע 48 יאָר האָט זי קיין ביסל פּערזענלעך גליק נישט פאַרזוכט. דער איינציקער בחור, וועלכן זי האָט געוואָגט אויסצוזאָגן וועגן איר ליבע צו אים, איז באַלד דערנאָך אַרײַנגעפאַלן אין תפיסה און פאַרבליבן דאָרט לאַנג. דעם לעצטן יאָר אוניווערסיטעט האָט זי גופא פאַרענדיקט אין תפיסה. דערנאָך איז עס געגאַנגען כשורה: פון איין תפיסה אַרויס, אין דער אַנדערער אַרײַן. די פּאָליציי האָט זי אומעטום דערשנאַפּט. זי האָט געבענקט נאָך פרײַהייט. נאָך מער נאָך ליבע. וועלכער בחור וועט זיך דען פאַרליבן אין איר? חברים האָבן זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ חברטע, קיינמאָל נישט ווי צו אַ פרוי. איז ווי קומט דאָס וואָס דווקא אין אַזאַ ווי זי ריזל'ט אַזאַ ווײַבלעכע בענקשאַפט נאָך ליבע, וואָס צערײַסט דעם גוף, די נשמה?

גאָט אָבער שטראָפט מיט איין האַנט און בענטשט מיט דער אַנדע־

רער. טאַמאַרען האָט ער געקאַרגט אַ ביסל ווײַבלעכן חן. דערפאַר נישט געקאַרגט איר קיין האַרץ, געגעבן איר אַ האַרץ פון הוילן גאָלד און בריליאַנטן, וואָס אַ יעדער איינער האָט עס גלײַך דערקענט.

די מלחמה האָט טאַמאַרען פאַרטראָגן אין לאַנד פון אירע טרוימען. די ערשטע באַקאַנטשאַפט, וואָס זי האָט דאָרט געמאַכט, זענען געווען היימלאָזע קינדער: קינדער פון געשטאַרבענע, דורך באָמבעס דערהרגעטע פּליטים, פון אומגעקומענע מיט מיתות משונות. דאָס קליינוואַרג האָט גלײַך דערפילט אין איר דאָס בריליאַנטענע האַרץ און געקלעפּט צו איר ווי צו אַ מאַמען. זי האָט זיי צונויפגעקליבן, געבראַכט אין אַ יתומים־הויז און געבליבן דאָרט אַ לערערין.

ווי גיך די פּויליש ערד איז אָפּגערוימט געוואָרן פון די היטלעריסטישע חילות, האָט טאַמאַרע זיך אומגעקערט און גענומען זיך צו איר נײַער באַשעפטיקונג: צונויפקלײַבן די פאַריתומטע, על פּי נס לעבן־געבליבענע יידישע קינדער. זי האָט פאַרגעסן אין אירע אַמאָליקע אוניווערסיטעט־סטודיעס, אין אירע פילאָזאָפישע נייגונגען. און טאַמאַרע שטאָקשטיין, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט קיין ליבע, אַפילו נישט קיין צאַרטן גלעט פון אַ מענערישער האַנט, איז געוואָרן אַ מאַמע פון אַ סך קינדער. די נישט אויסגעלעבטע ליבע האָט זי כפל־כפלים אָוועקגעשאָנקען דעם קליינוואַרג.

די שוואַרץ־חנעוודיקע לאה קרעמער איז אין יתומים־הויז אויך געקומען צוליב אַן אינערלעכער באַדערפעניש. זי האָט געמוזט שטילן איר גרויסן צער. דער היטלעריסטישער מבול האָט אָראָפּגעשווענקט איר גאַנצע משפחה צוזאַמען מיטן מאַן און צוויי קינדער. דאָ צווישן קליינוואַרג האָט זי געלאָשן איר ברענענדיקע בענקשאַפט. די פאַריתומטע מאַמע האָט דאָ געפונען אי אַ היים, אי קינדער, וואָס דאַרפן אַ מאַמע. דער טרויער שטעקט נאָך אין אירע גרויסע, ברוינע אויגן, אָבער צווישן די קינדער פינקלען די אויגן מיט ליבשאַפט. מיט איר געלאַסנקייט פּאַסט זיך לאה אַזוי צו די יינגסטע, ווי טאַמאַרע מיט איר אימפּעט און דינאַמישקייט צו די עלטסטע קינדער.

ביידע זענען אַנעטן פון דער ערשטער מינוט צוגעפאַלן צום האַרץ. ביידע איז אַנעט אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. זיי דאַרפן דאָס לעבן אַ קרוי־

בישע נשמה. צי זיי קאָנען איר איבערגעבן איינצעלהייטן ווי אַזוי קינדער האָבן זיך געראַטעוועט? אַ שאלה? ווער דען ווייסט אַזוי פּיל ווי זיי? זיי וועלן זי נאָך צוזאַמענפירן מיט אַנדערע, רעקאָמענדירן צו באַהאַוונטע מענטשן, וואָס האָבן פון סאַמען אָנהייב זיך פאַרנומען מיטן אויפשטעלן איבער אַ צענדליק קינדער־היימען איבערן לאַנד.

אַנעט האָט געקלונגען צו מאַרעקן, גערעדט מיט ענטוזיאַזם: זי בלייבט דאָ נעכטיקן, וועט קומען אויפצומאָרגנס אָוונט מיטן באַן. זי האָט דאָ געפונען נייע פריינד, זי האָט געפונען אַ קוואַל מיט אויסקונפטן פאַר איר פאַרטראַכטער אַרבעט.

מאַרעק האָט קיין ענטוזיאַזם נישט אַרויסגעוויזן, האָט מער געשוויגן ווי גערעדט. אין זיין שווייגן איז געווען זאָרג און אומרו. די נייע זאָרג פאַרן ווייב האָט זיך אַריינגעגנבעט אין האַרץ קורץ נאָך זייער צוזאַמענקומען זיך. ער האָט דאָס אויסבאַהאַלטן, בלויז אויף פאַרשטעלטע אופנים געגעבן איר אָנצוהערן דערוועגן.

קאַפּיטל 3

דאַנקע איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַר דער גרויסער, צענטראַלער בוי־געגנט, האָט דורכגעשניטן דעם פּלאַץ, פאַרנומען זיך מיט אַן אויסגעטראָטענעם וועג נישט ווײַט פון די רושטאַוואַניעס. דורך דאַנען שפּאַרט זי אײַן אַ שטיק גאַנג. די בוי־אַרבעטער האָבן זיך געפּאָרעט מיט פּוילע באַוועגונגען. דער אַרבעטס־טאָג האַלט בײַם סוף, ס׳איז אַ פערטל צו פיר נאָך מיטאָג. פּלוצלינג האָבן זיך אירע אויגן אַ רגע אָנגעהאַנגען אויף אַ באַקאַנט פּנים. ווער זאָל דאָס זײַן? זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז ער...? דער מאַן אין די הויכע פאַרבלאָטיקטע שטיוול, איבער וועלכע ס׳האָבן זיך געבאַמבלט די אַרײַנגעשטעקטע, ברייטע הויזן, אין אַ וואַטעוואַנעם שפּענצער, האָט מיט אַ לאָפּאַטע איןביידע הענט געמאַכט שנעלע באַוועגונגען בײַם אָפּרוימען אַ סטערטע זאַמד מיט ליים. דאָס פּנים איז בײַ אים געווען פאַרשוויצט, רויט. ער האָט געאַרבעט מיט פליס. דאַנקע האָט אים דיסקרעט אָבסערווירט, געוואָלט זיך אָפּשטעלן און גיך פאַרגעזעצט דעם וועג. זי האָט זיך פאַרהאַלטן ערשט בײַם פּראָוויזאָרישן טרינק־הויז, וווּ אַרבעטער קומען נעמען אַ גלעזל.

— העי, פּייעראַנט!

דאַנקע האָט געוואָרט בײַם זײַטיקן, שכינותדיקן געסל. אַ גרופּע בוי־אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט מיטן זעלבן וועג אין טרינק־הויז. זי האָט אָפּגעוואַרט און אַרײַן נאָך זיי, אַרײַנגערוקט זיך אין אַ ווינקל בײַ אַ ליידיקן טישל, באַשטעלט אַ ביר. די אַרבעטער האָבן שטייענדיק בײַם בופעט, אויסגעליידיקט עטלעכע פלעשלעך בראָנפן, אָנגעקלאַפּט זיך מיט די גלעזלעך. דאַנקע האָט פּאַמעלעך געזופּט דעם שוימיקן ביר און זײַטיק אָבסערווירט דעם מאַן, וואָס איז געווען אויסגעדרייט צו איר מיט דער פּלייצע.

ער האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל אין מויל מיט איין מאָל, אַרײַנגעגאָסן אין זיך דעם בראָנפן מיט גענעטיקייט. איר האָט זיך געדאַכט ער וויל איבערשטײַגן די אַנדערע.

דאנקען איז געוואָרן פריקרע. ס׳איז אַן אומטאַקט פון איר זײַט. ער וויל נישט מ׳זאָל וויסן און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אים נאָכשפּיאָנירן. זי האָט אַרויסגענומען פונעם בײַטל אַ מטבע, געלאָזט אויפן טיש צוזאַמען מיטן נישט־דערטרונקענעם ביר און מיט פאַרטראָגענע בליקן אַוועק.

אין אָונט האָט זי אָנגעשריבן אַן העפלעכן בריוו צו דאָקטאָר פאָזנער. זי האָט געוואָלט אָנקלינגען און זיך מישב געווען. דעם בריוו וועט זי שיקן פון לאָדזש, זי פאָרט אַהין זונטיק. זי האָט געבעטן אַ טובה, זי וויל זיך טרעפן מיט אים וועגן אירער אַן אַרבעט, ער מיט זײַן ערודיציע קאָן איר געבן אַן עצה. זי האָפט ער וועט נישט אָפּזאָגן.

ער האָט נישט אָפּגעזאָגט. געקומען דעם צווייטן זונטיק אינדערפרי אויפן אָנגעוויזענעם אָרט אין לאַזשענקע־פּאַרק. דאַנקע האָט לאַנג געטראַכט און צוגעטראַכט אַ מעשה: זי דאַרף דאָקומענטאַציע צו אַן אַרבעט, ווייסט נישט ווו צו זוכן, ווייסט אויך נישט ווי אַזוי זיך צו נעמען דערצו.

דאָקטאָר פאָזנער האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן. גיך אַראָפּגעשלונגען דעם שמייכל און טרוקן געענטפערט:

— איך קאָן לײדער נישט געבן קיין שום עצות. געקומען אויף אײַער אײַנלאַדונג אײַך צו ווײַזן, אַז כ׳בין אַ דזשענטעלמען. איך פאַרנעם מיך הײַנט נישט מיט געשיכטע, נישט מיט קיין שום ענלעכע ענינים.

זי האָט געפרעגט נישט דרייסט:

— מיט וואָס דען, אויב ס׳איז נישט קיין סוד...?

— איר ווייסט מיט וואָס, איר האָט געזען מײַן באַשעפטיקונג.

דאַנקען האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים. זי האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אָנגעהויבן צולייגן צו די באַקן. ס׳האָט פאַרשטאַרקט די צעטומלטקייט. זי האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע. געוואָלט העלפן אַ מענטשן און געמאַכט דאָס מיט אַ געשיקטקייט פון אַ העלפאַנט, ווען ער קריכט אַרײַן אין אַ פאָרצעלײַ־געשעפט. דאָס ערגסטע וואָס אַ דורכפאַל זעט זיך גלײַך בײַ איר אָן אויפן פּנים.

דאָקטאָר פאָזנער האָט דאָס בפירוש געזען, געוואָלט איר אַרויסהעלפן,

— איך ווייס, אַז איר האָט די בעסטע כוונות לגבי מיר, כ׳האָב דאָס נישט איין מאָל געזען בעת פאַרזאַמלונגען.

זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— חבר פּאָזנער... דאָקטאָר פּאָזנער, נעמט מיר נישט פאַר אומגוט, כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אומגלויבלעך... כ׳האָב געטראַכט... כ׳קאָן אײַך העלפן קריגן אַרבעט אויף אײַער געביט, דערוויַיל אין די אַרכיוון... דערווײַל, שפּעטער קאָן מען...

ער האָט זי אָנטוואָפּנט מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער.

— איך דאַנק אײַך פון גאַנצן האַרצן. נישט נויטיק. כ׳וויל בעסער טראָגן ליים, ציגל, נאָך דער אַרבעט גיין טרינקען בראָנפן מיט די אַרבעטער. מ׳מוז אַזוי, אויב מען וויל זײַן איינער פון זיי. כ׳טאָר זיך נישט אויסטיילן.

— איר קאָנט דאָך באַקומען אַ געהעריקע אַרבעט, איך פאַרזיכער אײַך, גערעדט שוין דערוועגן.

ער האָט בייז אַ פרעג געטאָן:

— גערעדט וועגן מיר? פאַר מיר?

זי האָט זיך ווידער פאַרלוירן.

— אָן אײַער הסכּמה אײַך נישט דערמאָנט, געפרעגט בלויז צי ס׳זענען פאַראַן עטאַטן, מײַנעם אַ קאָלעגע...

ער האָט איר איבערגעריסן:

— איך דאַנק אײַך. איך בין דערווײַל אַ בוי־אַרבעטער.

— דערווײַל? ווי לאַנג?

— איך ווייס נישט.

— זי האָט געפּרוווט שמייכלען.

— ראָמאַנטיזם? פילן אויף דער אייגענער הויט ווי אַזוי מען טראָגט ציגל און ליים?

— איך בין נישט קיין ראָמאַנטיקער, גיכער זענט איר דאָס.

— וואָס דען?

— כ׳האָב אַ פרוי און צוויי קליינע קינדער. מ׳דאַרף פאַרדינען.

— דאָרט וועט איר באַדײַטנד בעסער פאַרדינען.

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק,

— אַ דאַנק אײַך, אַ דאַנק. פֿאַר דער פֿריערדיקער האַלטונג אויך, פֿאַר אַלץ. אָבער איך בלײַב אויפֿן בוי־פּלאַץ.

דאַנקע איז געבליבן ווי מ׳וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. דאָקטאָר פּאָזנער האָט איר צוגעוואָרפֿן אַ פֿרײַנדלעכן בליק.

— איר ווילט זיכער וויסן פֿאַרוואָס איך זוך נישט קיין אַנדערע אַרבעט?

זי האָט געשוויגן.

— איר קאָנט האַלטן אַ סוד?

— מ׳האָט מיך אַמאָל אײַן תּפֿיסה געשלאָגן, כ׳האָב קיין שום סוד נישט אַרויסגעגעבן.

— מ׳וועט מיך אין ערגעץ צו קיין אַנדערער אַרבעט נישט צונעמען.

— איר טרײַבט אפֿשר איבער. אַז מען זאָגט אָפּ, הייסט נאָך נישט...

— מ׳האָט מיך באַזײַטיקט פֿון דער אַרבעט און מיטגעגעבן אַ „רעקאָמענדאַציע". אַמאָל האָט דאָס געהייסן „שוואַרצער בילעט".

— אויף לאַנג?

— איך ווייס נישט. אָן אַ טערמין.

איצט איז דאַנקען דאָס גאַנצע בלוט פֿון פּנים אָפּגעפֿלאָסן. זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס פֿרעגן, נאָר די פֿראַגע איז געבליבן אין אָפֿענעם מויל.

— פֿאַרוואָס ס׳איז אַזוי געשען דאַרף איך אײַך נישט דערציילן.

— ס׳איז דאָך נישט מעגלעך ס׳זאָל זײַן צוליב דער מעשה מיט דער אַרבעט וועגן יידישן ווידערשטאַנד?

— פֿאַרוואָס נישט מעגלעך? די צענזור האָט אַרויסגענומען גאַנצע אָפּזאַצן, ס׳האָט זיך נאָך ווער אַרײַנגעמישט און אָן מײַן וויסן געטאָן דאָס איבעריקע. כ׳האָב פּראָטעסטירט. ס׳האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו זאָגן, אַז מען דעפֿאָרמירט, פֿאַרלוימדעט דעם ווידערשטאַנד בײַ יידן. אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ס׳האָט זיך פֿאַרענדיקט אַזוי ווי ס׳האָט זיך פֿאַרענדיקט.

— נישטאָ דאָס שלעכטס, ס׳זאָל נישט אויסגיין צום גוטן. אַזוי זאָגט אַ פֿאָלקס־ווערטל. נישט שטענדיק איז דאָס ריכטיק. דאָס מאָל יאָ. ס׳וועט דיר אויסגיין צום גוטן.

אַזוי האָט טאַמאַרע אַרײַנגערעדט אין אַנעטן, ווען דער דאָקטער האָט פּאַראָרדנט אַרויסצופּאַרן מיט קלאָדן אויף פרישער לופט. נאָך דער קראַנקייט איז דאָס יינגל נישט גיך געקומען צו זיך. מאַרעק האָט שוין פון לאַנג געהאַט באַשטעלט אַ צימער אין „הויז פאַר קינד און מוטער״ אין דער שיינער באַרגיקער געגנט, וואָס שמט מיט איר ספּעציעלן קלימאַט פאַר קינדער. אַנעטן איז ווידער אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין אויפן קאָפּ. גיי פאַר־גראָב זיך ווידער ערגעץ אין אַ לאָך. קוים עפּעס אײַנגעפּעדעמט. און זי קאָן נישט פועלן בײַ זיך אַרויסצושיקן קלאָדן מיט פרײַלין מאַרטע.

דאָס פאַרעלטערטע פוילישע מיידל האָט אַ גוט האַרץ, נאָר דער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט טראַטשינעס. דער דײַטשער לאַגער האָט זי נישט איבערגעמאַכט. זי האָט ליב צו דערציילן וואָס זי איז דאָרט אויסגעשטאַנען, זינט דעמאָלט הינקט זי אויף אַ פוס און די אויבערשטע ציין שטאַרצן אַרויס פון מויל, ווי מ׳וואָלט זיי קונציק אַרויפגעהאַקט צו דער אויבערשטער ליפּ.

— זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט מיר ווי איך וואָלט געווען אַ יידישקע. מוטער הייליקע, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן! מיט די יידן ווי מיט די יידן, אָבער מיט אונדז קריסטן זענען זיי זיך נישט קיין סך בעסער באַגאַנגען.

— און מיט יידן האָבן זיי געטאָרט אַזוי? — האָט אַנעט געפרעגט.

— איך זאָג נישט, נאָר ס׳איז עפּעס אַנדערש. מ׳זאָגט, אַז ס׳איז אַ גאָטס־שטראָף פאַר דעם וואָס זיי האָבן געקרייציקט אונדזער גאָט. מ׳זאָגט ס׳איז געווען אָנגעשריבן, אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט ווען זיי וועלן דאַרפן אָפּקומען פאַר זייערע זינד. פאַרוואָס איז דאָס אָבער אונדז קריסטן געקומען אַזוי צו מוטשען?

אַנעט האָט איר מער קלאָדן נישט אָנגעטרויט, כאָטש דאָס פאַרעלטערטע מיידל איז איר געקראָכן אונטער די נעגל.

טאַמאַרע איז איצט ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. אַרײַנגעשטעלט זיך אומגעריכטערהייט. ווי גיך זי קאָן זיך אָפּרײַסן פון דעם קינדער־בינשטאָק, קומט זי צו אַנעטן. יעדעס מאָל גיט זי צו נײַע פּרטים צו די ידיעות, וואָס אַנעט זאַמלט צו איר אַרבעט. זי לערנט זי אויך ווי אַזוי מ׳דאַרף לעבן אין דער „נײַער וועלט, וואָס ווערט איצט געבוירן״. פון איר לאַנגער

דערפאַרזונג ווייסט זי, אַז מען מוז האָבן אַ סך געדולד, מ'דאַרף קאָנען אַלץ איבערטראָגן, בפרט ווען עס גייט אין אַ געריכטער זאַך.

אין דער לאַנגער, אַלטמאָדישער קלייד, מיט די גלאַטיק־פאַרקעמטע האָר, צוגעפּלאַטשיקטע צום שאַרבן און פאַרנומענע הינטערן קאָפּ אין אַ מאָגער גרעקל, האָט זי אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך אָן שווערקייטן אויסגעטאָן פון אַלע פאַרגעניגנס פון לעבן — אַ נזיר, וואָס קאָן לעבן אין אַליינקייט, בלויז מיט זיך און מיט גאָט. איר גאָט איז געווען איר אידעאַל, זי האָט אָבער געהאַט אַ מיסטישע באַדערפעניש צו פאַרמיטלען צווישן גאָט און מענטש. גאָט און מענטש זענען נישט געווען קיין אַבסטראַקטע באַגריפן, זי האָט געוואָלט זיי דערנעענטערן, זיי זאָלן ענג פאַרקערן צווישן זיך. פאַר יעדערן האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַן עצה, אַן אויסוועג אין אַן עת־צרה.

— מאַך זיך נישט אָן קיין נישט נייטיקע דאגות. דו געהערסט צו די, וואָס אויב זיי האָבן נישט קיין צרות, מאַכן זיי זיך אַליין אָן.

מאַרעקן האָט טאַמאַרע שטענדיק צוגעטראָפן. אים האָט אויך אַ גוטער מלאך זי צוגעשיקט. זי איז פאַר זײַן ווײַב ווי אַ באַלזאַם צו אַ וווּנד. וואָס וואָלט ער נישט געטאָן אַבעט זאָל זײַן גליקלעך! זי איז אָבער אַ שטיק אומרו. זעט אַלע מאָל מער וואָס מען דאַרף נישט זען. יעדעס מאָל צאַפּלט זי אויפסנײַ אויף. ער וואָלט באַשטאַנען זי זאָל בכלל איצט אויפגעבן דעם פּלאַן פון פאַרשערישער אַרבעט, אי צוליב זיך, אי צוליבן קינד, וואָס איז נאָך אַ קראַנקייט.

טאַמאַרע האָט געפונען אַ פשרה. קודם האָט זי ביידע דערמאָנט, וואָס אַ געניאַלער מענטש האָט געזאָגט: „נישטאָ קיין סיטואַציע אָן אַן אויסוועג". דאָ איז דער אויסוועג אַ פּשוטער. אַנעט נעמט קלאָרן צוזאַמען מיטן פּעקל דאָקומענטאַציע־פּאַפּירלעך און פאָרט. זי וועט דאָרט געפינען עטלעכע שעה אין טאָג צו אַרבעטן.

אַנעטן איז די עצה געפעלן. מאַרעק האָט קיין ברירה נישט געהאַט און אײַנגעגאַנגען. טאַמאַרע האָט געקאָנט לײַכטער מאַכן דאָס שווערסטע געמיט. צו אירע אַרגומענטן האָט זי שטענדיק צו הילף גענומען ציטאַטן פון גרויסע אויטאָריטעטן, וואָס זי האָט געדענקט אויף אויסנווייניק אַפילו, ווען מ'וואָלט זי אויפגעוועקט פון שלאָף. מאַרעק האָט נישט ווייני־

קער פֿאַרגעדענקט אויסצוגן פֿון ביכער, נאָר ער ציטירט נישט ווי אַמאָל. כאָטש ער האָט שטילערהייט, אַנעט זאָל נישט הערן, געהאַט געזאָגט טאַמאַרען, אַז ציטאַטן זענען טיילמאָל ענלעך צו פֿאַלשע מטבעות. וואָס אַפֿילו זיי קלינגען גוט, האָבן זיי נישט קיין דעקונג, פֿלעגט ער מיט אויפֿ־מערקזאַמקייט זיך צוהערן צו זיי. זיי האָבן אים דערמאָנט לידער, וואָס ער האָט געזונגען מיט באַגײַסטערונג אין דער ערשטער יוגנט און וואָס מען זינגט נישט מער מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם אין דער רײַפֿער עלטער.

טאַמאַרע האָט ווייניק וואָס געוווּסט וועגן מאַרעקס נישט ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט. זי האָט נישט געזוכט צו וויסן. „מען דאַרף נישט פֿרעגן, ווען יענעם איז נישט ניחא צו ענטפֿערן”. אַזוי פֿלעגט זי עצהגען אַנעטן. געטאָן האָט זי דאָס אויך צוליב דער גרויסער אַכטונג צו מאַרעקן.

אַנעט האָט ווידער אַמאָל געקאָנט בענטשן די שעה, ווען זי האָט באַ־געגנט טאַמאַרען. ווײַט פֿון שטאָטישן טומל, פֿון אַלערליי זאָרגן האָט זי אין די צוויי חדשים געקאָנט אויסגיסן אויפֿן פּאַפּיר, וואָס ס׳האָט זינט עט־לעכע יאָר געווירבלט אין איר. אין די לאַנגע אָוונטן, ווען קלאָד איז גע־שלאָפֿן, האָט זי אין צווייטן ווינקל צימער איבערגעדעקט דעם אַבאַזשור פֿון נאַכט־לעמפּל מיט אַ טונקל בלויעם פּאַפּיר, געזעסן אָנגעבויגן ביז איבער האַלבער נאַכט. נאָכמיטאָג, ווען דאָס יינגל האָט גערוט, אָדער גע־שפּילט זיך מיט די קינדער, האָט זי ווידער זיך צוגעקלעפּט צום טישל. זי האָט זיך געאײַלט. מיט דער שכנטע בײַם טיש האָט זי אָפּגעמאַכט מיט־צונעמען קלאָדן אויף די נאָכמיטאָג־שפּאַצירן אויפֿסנײַ צו קאָנען אײַנ־גראָבן דעם קאָפּ אין די בויגנס פּאַפּיר. פֿאַר אירע אויגן האָבן דורכדע־פֿילירט קינדער פֿאַרווילדעטע, צעקאַליעטשעטע, מיט אויסגעדרייטע גלי־דער, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן פֿון שרעק. זי האָט זיך איבערגעטראָגן אין דעם יידישן הויז אין באַפֿרײַטן לובלין צווישן צעטומלטן קליינוואַרג, צווישן קינדער לעבעדיקע מתים, וואָס מ׳האָט געבראַכט פֿון מײַדאַנעק. עס טויכן אויף שווידער־בילדער איינס נאָכן אַנדערן. די פּעדער גליטשט זיך שנעל איבערן פּאַפּיר. זי דאַרף צומאָל קיין סך נישט אַרײַנקוקן אין די פֿאַרצייכענונגען, ס׳האָט זיך אײַנגעקריצט אויף שטענדיק אין זכרון. זי שרײַבט אין פֿיבער. די ליפּן באַוועגן זיך צום טאַקט פֿון דער פּען, ווי זי וואָלט אָרײַנגערעדט אין איר. זי שרײַבט ווי אַ לונאַטיקערין. אַ גרויסע

פֿײַערדיקע לאַווע האָט זיך אָנגעזאַמלט אין איר, זי מוז דאָס דורך דער פּע־דער אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך אויב נישט וועט עס זי פֿאַרברענען.

זי האָט געלייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, צוגעגעבן אַ פּרט, גע־שטראָכן, קאָנדענסירט. ס׳האָט איר צוגעגליקט: דער בוכהאַלטער האָט מיט דער הסכּמה פֿון דער פּאַרוואַלטערין איר אויסגעליִען די שרײַב־מאַשין. זי האָט ווידער געקירצט און ס׳איז פֿאַרט אַרויסגעקומען קאַרגע צוואַנציק דאַקטילאָגראַפֿישע זײַטלעך. מעגלעך, אַז צו גרויס פֿאַר אַ צײַטשריפֿט און דאָך בלויז אַ טייל אויפֿגעשריבן. בלויז פֿאַקטן, ווײַט נישט אַלע.

עטלעכע טעג האָט זי אַרומגעשפּאַצירט ווי אַ פֿאַרטשאַדעטע. קלאָד האָט דרײַ־פֿיר מאָל איבערגעפֿרעגט די זעלבע זאַך. די פֿאַרוואַלטערין האָט פֿאַרגעלייגט אַרײַנצושיקן צו איר דעם דאָקטער. אַנעט האָט געדאַנקט. זי האָט געפֿונען אַן אַנדערע עצה: האָט אַרײַנגערוקט דעם מאַנוסקריפּט אין אַ גרויסן קאָנווערט, צוגעשריבן אַ בריוול און אַוועקגעשיקט רעקאָ־מענדירט אין דער דרײַ־חדשימדיקער אויסגאַבע „נײַעסטע געשיכטע״, די צײַטשריפֿט פֿון דער „היסטאָרישער געזעלשאַפֿט״. דאָס דאַרפֿן לייענען קודם כּל נישט יידן. פֿאַר אַ יידישער אויסגאַבע וואָלט זיך נישט געלוינט אַזוי צו אײַלן. ס׳וועט זיכער באַווײַזן צום נאָענטסטן נומער. אין אַ וואָך אַרום וועט זי זײַן צוריק.

זי האָט אָפּגעטעטעמט, ווי זי וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון אַ הערמעטיש פֿאַרמאַכטן קאַמער. ערשט איצט האָט זי זיך אַרומגעזען, וואָס ס׳טוט זיך אַרום איר.

דער פֿרילינג האָט זיך צעבליט. די באַרגיקע געגנט האָט שימערירט מיט געלע און בלאָע גלעקל־בלימלעך. די נאָדלען אויף די סאָסנעס זענען געוואָרן זאַפֿטיק־גרין. פֿאַנאַנדערגעשפּילטע קינדער, באַגלייט פֿון די אויסגערוטע, עלעגאַנטע מאַמעס, האָבן געשפּרונגען, געבריקעוועט ווי יונגע זשרעבאַקעס. ערשט איצט האָבן זיך אַנעטן געוואָרפֿן אין די אויגן די יידישע פּנימער פֿון מאַמעס, די שוואַרצע, בלישטשענדיקע אויגן פֿון קינדער.

נישט ווײַט פֿון נײַעם, „הויז פֿאַר מוטער און קינד״ שטייט אַן אומ־געלומפּערטע, גרויסע געבײַדע אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט פֿון אײַזערנע שטאַכעטן. אין פֿראָנט אַ גרויסער אויפֿשריפֿט: „קינדער־פּרעוואַנטאָריום״.

אַנעט האָט זיך פאַרהאַלטן. ס׳דערגייט קוים אַ רויש פון קינדער. הינטערן הויז אין אַ גרויסן אָפּגעלאָזענעם גאָרטן, האָבן אויסגעבלאַסטע, אויסגע־מאַגערטע קינדער פון פאַרשידענעם עלטער זיך געשפּילט צוזאַמען מיט די אויפזעערינס אין אַ ראָד. זיי האָבן זיך געשפּילט אָן קינדערישער פרייד.

קלאָד איז אַוועק מיט די אַנדערע קינדער. אַנעט איז געבליבן אַליין, געשטאַנען און געקוקט. זי האָט זיך דערנענטערט צו די שטאַכעטן:

— צי קאָן מען באַזוכן דאָס הויז? כ׳בין... כ׳בין געווען אַ דערציִערין, געאַרבעט מיט אַזעלכע קינדער.

— פאַרבאָטן צו באַזוכן.

— אָנשטעקעוודיק?

— אַז איר זענט אַ דערציִערין, דאַרפט איר וויסן, אַז אין אַ פּרע־וואַנטאָריום איז נישטאָ קיין אָפענער טובערקולאָז. דאָ זענען קינדער, וואָס קאָנען קראַנק ווערן אויף טובערקולאָז, אויב מען וועט נישט פאַרכאַפּן.

— פאַרוואָס קאָן מען נישט באַזוכן?

— מ׳דאַרף אַ דערלויבעניש.

דער גלאָק האָט געקלונגען. דאָ עסן די קינדער אָונט־ברויט מיט אַ שעה פריִער. דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַנעט געזען ווי מיידלעך אין ווײַסע שירצן שטעלן אויס אויף לאַנגע טישן טעלערס קאַשע מיט מילך. בײַ די טעלערס רייפטלעך ברויט. אַנעט האָט אינטענסיוו געקוקט. אָן אויפזעערין האָט איר צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק.

נאָכן מילדן, וואַרעמען פרילינג־טאָג האָט בײַנאַכט דער הימל זיך צעבייזערט, צעוואָיעט, געפאָכעט מיט פײַערדיקע זיילן. די נאַכטיקע פינצ־טערניש איז צעריסן געוואָרן פון בליצן און דונערן. אַ שלאָקס־רעגן האָט געפּליוצט אויף דער אײַנגעשלאָפענער ערד.

אַנעט איז די נאַכט נישט געשלאָפן, אָנגעטאָן זיך אין גרויעם פּרי־מאָרגן און אַראָפּ אין גרויסן האָל, דעם באַדעקטן מיט עלעגאַנטע, פּלוי־שענע מעפּיכער. זי האָט ליב אַרײַנצוטעמען די לופט נאָכן רעגן. בײַם אַרויסגאַנג איז געשטאַנען די פאַרוואַלטערין מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און געקוקט דורך דער אָפענער טיר צו דער ליימיקער, געדיכטער בלאָטע.

— איר זענט געקומען מיר העלפן זיפצן?

אַנעט האָט איר אויסגעזען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מאַמעס. זי, די

יידישע פרוי פון אונגאַרן, אַ געוועזענע דירעקטאָרין פון אַ שול, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פוילישן קאָנסול, איז פאַר דער מלחמה פאַר־וואָגלט געוואָרן קיין פוילן. דער פרעמדער אַקצענט האָט זיך איר נאָך נישקשהדיק נאָכגעשלעפּט און זי איז דערפאַר נישט וויניק אויסגעשטאָ־נען. דערצו קאָן זי נישט פאַרטראָגן קיין עוולות, קיין שטותערייען.

— נו, שטייט נישט אַלץ אויפן קאָפּ און נישט אויף די פיס? איר שטעלט אײַך פאָר ווי אַזוי עס וועלן אויסזען די שיינע טעפּיכער, ווען די קינדער וועלן אַרויסציִען די שיך פון דעם שיטערן ליים?

אַנעט האָט געקוקט אויף איר ווי זי וואָלט גערעדט פון שלאָף, גע־וואָלט זי ברענגען צו דער וואָר.

— מ׳האָט דאָך געקאָנט פריִער אויסברוקירן און... און דערנאָך לייגן טעפּיכער.

— אַוודאי האָט מען געקאָנט. ס׳וואָלט געווען גענוג דערוויַיל אַ צעג־דליק פּורלעך זשוויר. אויף דעם דאַרף מען אויך געלט. איך ברעך מיר דעם קאָפּ ווי אַזוי אויסצוקאָמבינירן.

— אויף טעפּיכער האָט איר געהאַט געלט און אויף זשוויר נישט?

— איר באַנעמט וואָס ס׳הייסט אָוועקשטעלן זאַכן מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף? איך באַקום אַ בודזשעט. אַלץ איז גענוי אויסגערעכנט פון אויבן. דאָרט ווייסט מען בעסער וואָס ס׳איז נייטיק פאַר אַ קינדער־הויז, ווי דאָ אויפן אָרט אַ מענטש פון פאַך. אויף טעפּיכער איז געווען צוגע־טיילט אַ גרויסע סומע, איבעריקנס באַשטעלן זיי דאָס אַליין. אויף זשוויר קיין גראָשן נישט. דער ליימיקער ראַמש פאַרן הויז קאָן וואַרטן. אויף לוקסוס־וואָזאָנען יאָ, אויף הילצערנע דעפּטאָקעס בײַ די וואַנעס — נישט. צו וואָס דאַרפן קינדער אַזעלכע טײַערע טעפּיכער? דעקאָראַטיווע וואָזאָ־נעס? איך פרעג אײַך?

— פאַרוואָס ענדערט איר נישט אַזוי ווי איר פאַרשטייט?

— מ׳טאָר ניט. מ׳דאַרף אויסגעבן דאָס געלט אויף דעם אויף וואָס ס׳איז באַשטימט. ס׳קומט אַ קאָנטראָל. דאָס הויז דאַרף רעפּרעזענטירן, ס׳דאַרף גלאַנצן. אײַ, אונטערן גלאַנץ איז נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן? ס׳איז נישט קיינעמס עסק.

— צי איז נישט מעגלעך איר זאָלט קאָנען?...

— טוט עפּעס, אַז אַלץ שטייט אויפן קאָפּ. און... איך דאַרף נישט טראַכטן, אַז אַנדערער קאָפּ טראַכט פאַר מיר. פאַר אײַך וויל נישט עמעצער אַנדערש טראַכטן?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט, כאָטש דאָס הויז איז נאָך דער צעטומלטער נאַכט געשמאַק געשלאָפן.

— מיט אײַך קאָן מען רעדן. כ׳האָב עס גלײַך אין אָנהייב דערפילט.

אַנעט האָט איר נאָכגעטאָן און זיך אויך אַרומגעקוקט.

— פאַרענדיקט דאָס שרײַבן?

— יאָ.

— איר שרײַבט וועגן אַמאָל? געשיכטע?

— וועגן... וועגן געראַטעוועטע יידישע קינדער.

— פאַראַן נאָך אין דער געגנט, בײַ פּויערים, אומגליקלעכע קליינע פאַראָבקעס.

— איר קענט גוט די געגנט?

— דורכגעמאַכט דאָ די אָקופּאַציע, מײַן מאַן האָט נאָך געלעבט. פאַר דער מלחמה האָט דער גרעסטער טייל פאַנסיאָנען דאָ געהערט צו יידן.

זי האָט געוויזן מיט דער האַנט אין דער ווײַט.

— דאָס פּרעוואַנטאָריום דאָרט האָט געהערט צו אַ יידישן דאָקטער.

— איר קענט דאָס פּרעוואַנטאָריום?

— געווען דאָרט איבער צוויי יאָר פאַרוואַלטערין. כ׳האָב רעזיגנירט, געבעטן מיך צוטיילן צו אַן אַנדערער אַרבעט.

— פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזט דאָס פּרעוואַנטאָריום?

אַנעט האָט געפרעגט און אַליין נישט געפילט ווי אין אירע רייד איז געווען פאַרוואָרף. די פאַרוואַלטערין האָט איראָניזירט.

— צוליב קאַשע. צוליב קאַרטאָפל.

— צוליב קאַשע?!

— צוליבן בודזשעט. דאָרט פאַלט אויס אויף באַשפּײַזן אַ קינד כמעט פינף מאָל ווייניקער ווי דאָ. דאָרט זענען קראַנקע קינדער פון אַרבעטער, דאָ דער גרעסטער טייל געזונטע קינדער פון...

אין אַנעטן האָט עס אַ קאָך געטאָן.

— איך וואָלט נישט אַוועקגעגאַנגען, כ׳וואָלט זיך געשלאָגן!
— שלאָגן קאָן מען זיך קאָפּ אין וואַנט. די וואַנט וועט איר נישט דורכברעכן. זי איז אַ בעטאָנענע. דעם קאָפּ צעקלאַפּן — דאָס יאָ.

דער קאַבינעט פון הויפּט־רעדאַקטאָר שפּרייט זיך אויס אין דער לענג. דער גרויסער ביוראָ־טיש שטייט בײַם סוף, אַנטקעגן דער טיר. צום ביוראָ פירט אַ לאַנגער, רויטער באַבלימטער טעפּיך.

אַנעט האָט זיך נישט געריכט צו ווערן אָפּגעשיקט אַהער. דער וועג פון טיר האָט איר אויסגעזען אַ לאַנגער, דער מענטש הינטערן ביוראָ זייער אַ פאַרנומענער. דער קאָפּ איז אײַנגעגראָבן אין אַ מאַנוסקריפּט. ער האָט אויסגעצויגן צו איר די האַנט און אָנגעוויזן אויף אַ שטול. זי האָט דערקענט איר מאַנוסקריפּט, באַמערקט ווי אויף די בויגנס איז דאָ און דאָרט אַ רויטער שטריך.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר האָט געמישט די בלעטלעך, ווי ער וואָלט אויפסנײַ זיי שטודירט. ס׳האָבן אַרויסגעקוקט פון זיי אַ סך רויטע שטריכן. בײַ אַנעטן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן. זי איז געקומען אַהער אַ האָפּערדיקע, איצט זיצט זי ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ משפּט. ער האָט אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון טיש, געוואָנדן די אויגן צו איר און רעטאָריש געפרעגט:

— איר זענט אַ היסטאָריקערין?
— יאָ.
— פאַרוואָס פאַרנעמט איר זיך מיט קינדער? איר זענט נישט, ווי עס שײַנט מיר, קיין פּעדאַגאָג.
— די־אָ קינדער געהערן צו דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע.
— וווּ האָט איר שטודירט?
— אין פראַנקרײַך.
— אײַער ערשטע אַרבעט?
— די ערשטע.
— ש׳לעכט אָנגעהויבן, זייער שלעכט.
— דאָס זענען זאַכן, וואָס איך קען גוט, געווען... געווען אַן עדות, אַליין צוגעזען.

— איר זענט אַ פּאַרטייִשע?

— יאָ.

— שרײַבט איר צו פּאַרעפנטלעכן, אַז פּוילישע פּויערים האָבן גע־פּאָדערט פאַנטאַסטישע סומעס פאַר אָפּגעבן ייִדישע קינדער? אַז מ׳איז אין באַפרײַטן פּוילן באַפאַלן די אָפּגעראַטעוועטע קינדער אויפן גאַס? געוואָרפן שטיינער אין שויבן? אַז ס׳האָט געדראָט אַ פּאָגראָם? אַז פאַר פּסח האָט מיליטער געמוזט באַוואַכן דאָס אָטוואָצקער יתומים־הויז? אַז אין דער אָטוואָצקער פּוילישער שולע האָט מען געמוזט פירן די ייִדישע קינדער באַוואַכט? ווו איז דאָס מקריב זײַן זיך פון פּוילישן פאָלק בײַם ראַ־טעווען די ייִדישע קינדער?

— איך שרײַב אויך וועגן דעם, אונטערגעשטראָכן דאָס אײַנשטעלן דאָס לעבן פון פּוילישע מענער און פרויען בײַם ראַטעווען ייִדישע קינדער, אַז דער גרעסטער טייל פון די אָפּגעראַטעוועטע קינדער זענען לעבן גע־בליבן נאָר אַ דאַנק זיי, געווען אויסבאַהאַלטן אין קלויסטערס, קריסט־לעכע היימען. אָבער די אַנדערע פאַלן זענען אויך אמתע פאַקטן, פאַראַן דאָקומענטן, פאַראַן עדות, איך אַליין...

ער האָט איר איבערגעריסן מיט שאַרפע בליקן. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין איר מיט שטרענגקייט. די שטרענגקייט האָט איר אַרײַנ־געשטופּט די ווערטער צוריק אין מויל. אַ רגע האָט זי געשוויגן, באַלד זיך אָנגענומען מיט כוח:

— די פאַקטן האָב איך אויפגענומען בײַ מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די אָפּגעראַטעוועטע קינדער, פּאַרטייִשע מענטשן, אויס־געפּרוווטע קאָמוניסטן, זיי זענען געווען עדות דערפון.

— ווער זענען זיי די עדות?

— איך בין דער ערשטער עדות, געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן.

זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— ווי קאָן מען שרײַבן וועגן קינדער־מאַרטיראָלאָגיע און גישט אַרויסברענגען דעם גאַנצן אמת?

— פאַראַן אַ סך אמתן, פאַרשידענע אמתן. מיר דאַרפן דעם אמת, וואָס נוצט אונדזער זאַך.

— די אָנגעגעבענע אמתע פאַקטן קאָנען דען שאַדן ברענגען אונדזער זאַך?

זי האָט זיך דערמאָנט אַ ציטאַט, נישט געווען זיכער צי זי געדענקט בוכשטעבלעך, האָט דאָך ריזיקירט:

— לענין האָט געזאָגט, אַז דער אמת איז שטענדיק רעוואָלוציאָנער.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אויספאָרשן אין איר געזיכט. זי האָט דערפילט, אַז זי איז בלייך געוואָרן. ער האָט איר געשאָנקען אַ בלאַסן שמייכל. זיין שטימע איז געוואָרן ווייכער:

— זעצט פאַר, זעצט פאַר, ביטע.

— ס'זענען דערשינען נאָך דער מלחמה ביכער אין וועלכע... אַדאָלף רודניצקי, קאַזשימיערזש בראַנדיס, אַנדערע האָבן נאָך דער מלחמה אַרויסגעבראַכט אַזעלכע פאַקטן, אין אַ פאָרשערישער אַרבעט מוז מען נאָך נענטער זיין צום אמת.

— ס'איז נישט דורכגעטראַכט. מען דאַרף אַ סך טראַכטן איידער מען נעמט זיך צום שרייבן.

די בונטאַרישקייט האָט זיך ביי איר אָפּגערופן. זי וועט זיך נישט אונטערגעבן. פאַרן אמת דאַרף מען זיך שלאָגן, זי איז שטענדיק גרייט געווען דערויף.

— מעגלעך די אַרבעט איז נישט... איך זאָג נישט, אַז זי איז גוט אָנגעשריבן. אָבער די פאַקטן זענען אמתע. אַלץ, וואָס איז דאָ געבראַכט געוואָרן איז דער ריינער אמת. אַזוי איז דאָס געווען.

איר שטימע איז געווען אַ שטילע, איינגעלאָשענע, זי איז אָבער געקומען פון ערגעץ טיף. אַ דערשטיקטע שטימע, וואָס וויל דורכויס זיך אַרויסרייסן דערהערט צו ווערן. אויפן הויפּט-רעדאַקטאָרס ליפּן האָט אַ שוועב געטאָן אַן איראָנישער שמייכל. דאָס פּנים איז גיך צוריק ערנסט געוואָרן.

— חברטע, איר גייט אויף אַ גליטשיקן וועג, איר קאָנט זיך שטאַרק אויסגליטשען. צי מיינט איר, אַז דאָס וואָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווען איך וואָלט אייער אַרבעט גוט אָפּגעשאַצט? שיין וואָלט איך אויסגעזען אויב איך וואָלט דאָס געשיקט אין דער צענזור.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ס'האָט באַדייט, אַז ס'איז פאַרענדיקט.

מ׳האָט איר געהאַט געזאָגט, אַז אויב ער רופֿט אַרויס אַ מחבר און דער מחבר באַגעגנט בײַ אים זײַן טעקסט, געדויערט עס זייער לאַנג. ער האָט אַ סך געדולד, קאַרגט נישט קיין צײַט און ווײַזט אָן וואָס און ווי אַזוי צו ענדערן דעם מאַנוסקריפּט. שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן זאַץ באַזונדער, צו־מאָל אויף אַ וואָרט. מיט איר איז דאָס געווען אין גאַנצן אַנדערש. ער האָט איצט אויסגעצויגן צו איר די האַנט, כמעט פֿרײַנדלעך. זי האָט אָנגעוויזן אויפֿן טעקסט:

— נעם איך צוריק מײַן מאַנוסקריפּט.

— מיר גיבן נישט צוריק קיין מאַנוסקריפּטן. אַ מחבר דאַרף דאָס וויסן. איר האָט זיכער אַ קאָפּיע.

ער האָט העפֿלעך זיך פֿאַרנויגט פֿאַר איר און רויק, פֿרײַנדלעך צו־געוואָרפֿן:

— איך ראָט אײַך נישט צו באַנוצן זיך מיט אײַער קאָפּיע.

באַלעק האָט הילכיק געלאַכט. זײַן בלאָנד תמימותדיק ווײַב האָט געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים. זי האָט אויף איר אייגענעם אופֿן אונטער־געהאַלטן דעם מאַן. אַרויסזאָגן זיך אַליין וועגן וואָס ס׳זאָל נישט זײַן, וועט זי נישט. בייזע צינגער זאָגן, אַז זי טראַכט מיט באַלעקס קאָפּ.

אַנעט האָט זיך געהיצט. דערציילט די גאַנצע מעשה מיטן מאַנוס־קריפּט און אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין: ס׳איז אַ פֿאַרלעצונג אויף די עלעמענטאַרסטע פֿרײַהייטן פֿון וואָרט. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז אַזעל־כער ווי דער־אַ זאָל זײַן דער פּוסק־אַחרון. ס׳גייט איר נישט אַזוי איר אַר־בעט זאָל אָפּגעדרוקט ווערן, עס גייט איר אין דער זאַך גופֿא.

מאַרעק האָט געשוויגן. פֿון צײַט צו צײַט געלאַכט, ווי זײַן שטייגער, אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט, באַרויקט דאָס ווײַב, געגלעט זי מיט זײַנע וואַ־רעמע, פֿאַרליבטע אויגן. ער האָט אָנגעהויבן באַדויערן וואָס ער האָט אָנגענומען די אײַנלאַדונג אויפֿן זונטיק־מיטאָג. זײַן אויסרעכענונג איז גע־ווען צו צעשטרײַטן אַנעטן צווישן פֿרײַנד און דאָ האָט זיך גאָר אויפֿ־סנײַ אַלץ צוריק אויפֿגערודערט.

מיט באַלעקן קענען זיי זיך נאָך פֿון די סטודענטישע יאָרן. מיט

אַנעטן איז ער עטלעכע חדשים געווען אויפן בריסעלער אוניווערסיטעט, אונטער מאַרעקס אָנווײַזונגען צוזאַמען איפגעשטעלט אַ קאָמוניסטיש סטודענטן־קעמערל, צוזאַמען עקספּולסירט געוואָרן פון לאַנד, צוזאַמען מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן געוואַנדערט איבערן קליינעם לוקסענבורג, געגנבעט עטלעכע מאָל גרענעצן, לסוף אָנגעקומען קיין פּאַריז, ווו זיי האָבן געטראָפן אַ לעבעדיקע יידישע חברה סטודענטן פון פּוילן, האַלבע סטודענטן, „אייביקע" סטודענטן, פּאָליטישע עמיגראַנטן און סתם עמיגראַנטן, וואָס זענען געווען גרייט צו „מאַכן די רעוואָלוציע" אויף יעדן אָרט, ווו דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן. מ׳האָט געוווינט אין ביליקע, שמוציקע האָטעלן, אויף מאַנסאַרדעס, געשלאָפן צו צוויי־דריי אין איין בעט, געגעסן, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, צוגעגאָסן אַ ביסל וואַסער צו דער זופּ, ווען עמעצער איז אומגעריכטערהייט אַרײַנגעפאַלן צום אָוונטברויט. האָט ווער נישט געהאַט קיין אייגן ווינקל, איז ער אַרויפגעקומען מיט אַ צוויי שעה פריִער איידער מ׳האָט פאַרמאַכט דאָס טויער און אַוועק אינדערפרי אין אַ גינסטיקער צײַט. מ׳האָט געפונען אָן אַ שיער מיטלען אָפּצונאַרן די „קאָנסיערזשקע" אָדער די אייגנטימער פון האָטעל און אין־בערגענעכטיקט ווייניקסטנס איינעם פון דער הײמלאָזער כאַליאַסטרע.

אַנעט איז געווען אַ פּריווילעגירטע. מאַרעק האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון פרנסה פאַר ביידע, שטענדיק געזוכט און אַלע מאָל געפונען וואָסער ס׳זאָל נישט זײַן באַשעפטיקונג. ער איז נישט געווען איבערקלײַבעריש, אַבי צו פאַרדינען וואָס מער ס׳זאָל סטאַיען אָפּצויאָגן דעם הונגער פון וואָס אַ גרעסערער צאָל מײַלער.

„דער דרײַלינג" — סעוועק דער עלטסטער, מאַרעק דער מיטלסטער און קלאָד דער יינגסטער — האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל ווײַטלעך פון דער יידיש־ריידנדיקער, צעשויבערטער כאַליאַסטרע. זיי זענען געקומען פון אַנדערע היימען, מיטגענומען מיט זיך אומעטום דאָס פּוילישע לשון און קולטור. זיי האָבן זיך אויך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיטן פאַרענדיקן אַ פאַקולטעט אין געבוירן־לאַנד, מיט עקשנות פאַרגעזעצט דאָס שטודירן אויף דער עמיגראַציע. אַנעט איז געווען אַ בריק צווישן צוויי פאַרשידענע עמיגראַציעס. זי האָט צוגעטראָגן די פאַרגוייִשטע רעוואָלוציאָנערן די נײַעסן פון דער טומלדיקער יידישער חברה. זי איז געווען אי דאָ, אי

דאָרט. מאַרעק האָט זי פון דאָרטן נישט געקאָנט אָפּרײַסן. ס׳האָט זי געצויגן צו זיי ווי אַ מאַגנעט, ביז זי איז געוואָרן איינע פון זיי. מאַרעקס סביבה האָט זי גערופן „די העכערע ספערן״, נישט איין מאָל האָט זי זיי אויסגעלאַכט, פאַרגעוואָרפן, אַז זיי פוצן זיך אין פרעמדע, שיינע פעדערן, אַנטלויפן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט. מאַרעק פלעגט פאַרשווײַגן, נישט געוואָלט זי אָנרירן אויס מורא זי נישט צו פאַרלירן. זײַנע חברים האָבן נישט פאַרשוויגן, באַשולדיקט זי אין נאַציאָנאַליזם, ייִדישיזם, סעפּאַראַטיזם, אין קליינבירגערלעכן טראַדיציאָנאַליזם, וואָס וועט, לויט דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, פאַרשווינדן. אַנעט האָט זיך נישט געלאָזט בלאָזן אין דער קאַשע, נישט געבליבן קיינעמען שולדיק און מיט פאַקטן, היסטאָרישע געשעענישן אויפגעוויזן ווי אין אַלע צײַטן און בײַ אַלע פעלקער אַסימילירן זיך, אַנטלויפן פון די פאָלקס־זײַטן און פאָלקס־מנהגים די רײַכע עקספּלואַטאַטאָרישע שיכטן. דער דאַך פון קליינעם צימער אויפן לעצטן שטאָק האָט זיך געהויבן פון די אַמפּערנישן. מאַרעקס נישט אַרײַנמישן זיך האָט אַנעט אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן, ער הייבט אָן אַריבערגיין אויף איר זײַט, וועט זיך ביסלעכווײַז אויסטשוכן, אַראָפּוואַרפן פון זיך די פרעמדע פעדערן. פאַרן שלאָפן גיין פלעגט זי אים מיט פאַטאָס פאָרלייענען ייִדישע דיכטער, רעציטירן אויף אויסנווייניק, וואָס זי האָט געלערנט אין דער צישאָ־שול. מאַרעק האָט זיך צוגעהערט צו די פערזן פון לייוויקן, מאַנגערן, משה לייב האַלפערן מער אויס ליבשאַפט צו אַנעטן ווי צו די דיכטער. ס׳איז אים געווען אַלצאיינס וואָס זי לייענט אים אָדער זינגט אַבי ער קאָן זיך אײַנהערן אין איר שטימע, אַרײַנקוקן אין אירע טיפע, בלויע אויגן.

זײַן פרײַנדשאַפט מיט באָלעקן איז געקומען דורך אַנעטן. יענער איז געווען אַן אייביקער סטודענט. אין פראַנקרײַך האָט ער זיך פּראָלעטאַריזירט, דאָ געפּרעסט הויזן, דאָ איבערגעדרייט הענטשקעס און צו געפינען אַ שטאָך אַרבעט האָט מען געדאַרפט זיך דרייען צווישן ייִדן.

באָלעק האָט אַלץ אָנגעהויבן לערנען און גאָרנישט פאַרענדיקט. פון דער האַלב־אַסימילירטער, גאַליציאַנער ייִדישער היים האָט ער אַרויסגעטראָגן דרײַ שפּראַכן: ייִדיש, פויליש און דײַטש. ער האָט גיכער ווי אַנדערע זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש, צוגעלערנט זיך אַ ביסל ענגליש,

רוסיש, שפּאַניש און באַקומען דעם נאָמען פּאָליגלאָט. ס'איז געווען מער ווי מען באַדאַרף צו ווערן אי אַ יידישער, אי אַ פּוילישער זשורנאַליסט וואָס פאַרנעמט זיך מיט וועלט־פּראָבלעמען. גלײַך נאָך דער מלחמה האָט ער אײַנגעפּאַקט זײַן גאַנץ פאַרמעגן אין אַ צוויי־דרײַ וואַליזקעס, גענומען דאָס בלאָנדע ווײַב, אַוועק אין באַפרײַטן פּוילן און גיך אַרויפגעשווומען הויך. צום פּאָסטן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער אָנגעזעענסטער צײַטונג, האָט ער צובאַקומען אַ נײַעם נאָמען. אויף די אַרטיקלען פון באָלעס־לאַוו שטשאַווינסקי האָט מען זיך פאַררופן ווי אויף אַ גרויסן בקי אין וועלט־פּאָליטיק. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך געהאַט פאַרנומען מיט יידישע ענינים, אָבער נישט פאַרגעסן זײַנע אַמאָליקע יידישע פרײַנד. מיט אַנעטן איז ער ווײַטער פאַרבליבן אויסגעבונדן, ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן זי אָפּצוציִען פונעם „געטאָ", געראָטן איר צו פאַרבײַטן געשיכ־טע אויף זשורנאַליסטיק, וואָס אַנעט האָט נישט איין מאָל אָפּגעוואָרפן.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך דערפרייט מיט זײַן אײַנלאַדונג צו דער זונטיקדיקער סעודה. די מעשה מיטן מאַנוסקריפּט האָט איר נישט גע־לאָזט שלאָפן. און מיט באַלעקן האָט זי פּאַרט נישט איין מאָל געהאַט דורכ־געמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. ער האָט איר אָבער לאַנג נישט געלאָזט רעדן און אָפּגעפּסקנט:

— פּטרסט אַוועק דײַן צײַט, דײַן געזונט. אפשר וואָלט שוין צײַט געווען זאָלסט אויפהערן מיט דײַן מאַרטיראָלאָגיע?

— מײַן מאַרטיראָלאָגיע? זי איז דײַנע אויך.

— איך בין נישט קיין מאַרטירער.

— זענען דאָס געווען דײַנע נאָענטע. פון ווען אָן גייט דיר בלויז דײַן אייגענער נפש אָן?

— לאָז אָפּ! וואָס איז פון דיר געוואָרן? מ'קאָן דאָך מיט דיר נישט רעדן קיין האַלבע שעה, זאָלסט נישט דערמאָנען די מאַרטיראָלאָגיע. ס'פּאַסט זיך נישט צו דײַן פּנים און אַוודאי נישט צו די נײַע באַדינגונ־גען. האָסט בײַ יענעם רעדאַקטאָר נאָך גוט אָפּגעשניטן. וועסט אָנהייבן מיט אַזעלכע מעשיות בײַ אַנדערע, וועט מען דיר ערשט געבן פּולווער צו שמעקן.

ער האָט מיט הייטערקייט זיך געוואָנדן צו מאַרעקן:

— קאָנסט גישט אַראָפּנעמען פון איר דעם קרײַץ, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויף זיך און טראָגט.

זי האָט געענטפערט פאַרן מאַן:

— אָ, עמאַנציפּירסט זיך אַלע מאָל מער, באַצייכנסט יידישע צרות מיט אַ קריסטלעכן באַגריף. נאָר זאָל זײַן, אַ שאָד נאָר וואָס דו פאַרגעסט, אַז דעם קרײַץ האָבן מיר אַליין נישט גענומען, מ׳האָט אים אַרויפגעלייגט אויף אונדז.

— מיר האָבן אים שוין אַראָפּגעוואָרפן און דו ווילסט אים דורכויס ווײַטער טראָגן.

מאַרעק האָט זיך דאָס מאָל אָפּגערופן.

— צוואָס טויגן דיר אַזעלכע אַלטע טערמינען. מ׳האָט דעם קרײַץ אומעטום פאַרביטן מיט נײַע, מאָדערנע אינסטרומענטן. צוואָס אָבער דאָס אַלץ בײַ אַ זונטיקדיקן טיש? אַנעטן וואַרפסטו פאָר, אַז ס׳פּאַסט זיך נישט צו איר פּנים און אַליין ווערסטו מורהדיק ערנסט.

אַנעט האָט אומגעריכטערהייט באַקומען אַן אָנשפּאַר. זי האָט זיך גע־וואָנדן צו באַלעקן:

— ניין, מאַרעק איז זיך טועה, ס׳איז נישט קיין ערנסטקייט, ס׳איז ציניזם.

זי האָט צוגעגעבן גוטמוטיק:

— זעט אויס, אַז אין דיר האָט שטענדיק געשטעקט אַ שטיקל ציניקער. כ׳האָב דאָס אַמאָל אָנגענומען בלויז פאַר הומאָר. דער ציניזם האָט געדרימלט אין דיר, דאָ האָט ער באַקומען אַ גינסטיקן באָדן זיך אויפצוּוועקן.

באַלעק האָט זיך צעלאַכט. ס׳האָט אים עפּעס דערמאָנט און סתּם איז ער געווען צופרידן פון זיך.

— פלעגסט דאָך מיר אַמאָל זאָגן, אַז איך בין אַ שוויצער, אַן אַק־טיוויסט־שוויצער, ווי האָב איך געקאָנט זײַן אי אַ שוויצער, אי אַ ציניקער?

— זעט אויס, אַז ס׳קאָן גיין צוזאַמען. מ׳קאָן זיך אויך שטאַרק ענ־דערן.

— דאָס יאָ! דו ביסט דער בעסטער באַווײַז. ביסט געווען אַ פריי־לעך מיידל. פלעגסט ליב האָבן צו זינגען, צו טאַנצן.

ער האָט זיך אימפּעטיק אויפגעהויבן.

— קום, לאָמיר בעסער טאַנצן, ראָמע, שטעל אָן דעם פּאַטעפאָן.

אַנעט איז געוואָרן בײַסיק. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט אים דערציילט די מעשה מיטן מאַנוסקריפּט, האָט געוואָלט נקמה נעמען, אַ שטאָך אים געבן. דער פּאַטעפאָן האָט אָנגעהויבן שפּילן, באַלעק האָט געוואָלט זי נעמען צום טאַנצן.

— איך טאַנץ נישט ווי מען שפּילט מיר צו, כ׳האָב נאָך דעם נײַעם טאַנץ, ווי דו נישט אויסגעלערנט.

— וועל איך דיך אויסלערנען.

ער איז געווען צופרידן פון זײַן ענטפער. מיט אײפער זיך געוואָנדן צו מאַרעקן:

— דו האָסט דאָך אַן אמתע מאַרטירערין. ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך זי געמאָלן אַ צוגענאָגלטע צום קרײַץ.

— באַדויער נישט וואָס דו ביסט נישט קיין מאָלער. שרײַב־פּאַפּיר פאַרטראָגט בעסער אַלץ, וואָס מען לייגט אַרויף דערויף ווי לײַוונט צום מאָלן.

מאַרעק האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל.

— די יינגלעך וואַרטן אויף אונדז.

זי האָט די קינדער געגעבן פריער מיטאָג און געשיקט אין קינאָ, זי האָט שטענדיק אויסגעמיטן זיי אַרײַנצופירן אין אירע דאגות.

— פאַרוואָס האָסטו זיי נישט מיטגענומען?

— זיי זאָלן נישט הערן און נישט וויסן וועגן יידישער מאַרטי־ראָלאָגיע.

— אין דעם פאַל ביסטו גערעכט. ווען דײַנע יינגלעך וואָלטן דאָ געווען, וואָלטן מיר זיכער דערוועגן נישט גערעדט. מ׳וואָלט זיך דער־ציילט פריילעכע מעשיות. מאַרעק, דאָס קומענדיקע מאָל זאָלסטו אומבאַ־דינגט מיטנעמען די יינגלעך.

מאַרעק איז שוין געווען אין קאָרידאָר, בײַ דער גאַרדעראָבע, געוואָלט אונטערטראָגן אַנעטן דעם מאַנטל. באַלעק האָט אים אַרויסגענומען פון זײַנע הענט, דזשענטלמענעריש אים אָנגעטאָן זײַן פרײַנדין און בײַם געזע־גענען זיך פּאַטעטיש אַ קוש געטאָן איר אין האַנט.

ווי גיך דאָס פּאַרפּאַלק איז אַראָפּ פון די שטיגן, האָט מאַרעק גענומען דאָס ווײַב אונטערן אָרעם און שטיל־אומעטיק אין איר אַרײַנגערעדט:

— מײַן ליבע, מען טאָר נישט אַזוי. אַזוי קאָן מען נישט לעבן! ער איז דײַנער אַן אַלטער פרײַנד. רײַסט זיך מיט אַלע אַרום. רײַסט איבער מיט דײַן אייגענער, אַמאָליקער סביבה.

זי איז געווען בייז אויף זיך. אין מאַרעקס אָנוועזנהײַט האָט זי נישט געדאַרפט פאַרפירן אַזאַ שמועס. ער האָט אַזוי אויך גענוג צו זינגען און צו זאָגן מיט איר. זי האָט געזאָלט מער נישט ענטפערן און פאַרט אַרויס־געשטאַמלט:

— ס׳איז נישט מער מײַן סביבה.

אין שטוב איז אויסגעבראָכן אַ נײַער קאָנפליקט. צוליב די ייִנגלעך. ווי גיך זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס פּוילישע לשון, האָבן זיי פאַרוואָרפן די פריערדיקע שפּראַכן. פונדעסטוועגן האָט דער עלטערער מיט נייגיר זיך צוגעהערט, ווען דער טאַטע האָט דערציילט אַ מעשה אין רוסיש און דער ייִנגערער איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשטעלטע אויערן, ווען די מאַמע האָט אים געלייענט אין פראַנצויזיש. ווען ס׳איז געקומען צו אַ וואָרט ייִדיש, האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעקערט. יורי האָט נישט ווייניקער געהערט אין שטוב ייִדיש ווי פראַנצויזיש. אָנעט פלעגט זיי זינגען ייִדישע לידלעך, צום שלאָפן גיין זיי צוואָרפן אין ייִדיש צערטלעכע ווערטער. ביסלעכ־ווײַז איז דאָס זיי געוואָרן אַ באַלאַסט. קלאָד האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן: ער וויל נישט די מאַמע זאָל רעדן צו אים אַזוי ווי קיינער רעדט נישט, דער טאַטע אויך נישט. יורי האָט געהאַט מער דערפאַרונג, געוווסט עפּעס וועגן די מענטשן, וואָס רעדן אַזוי און האָט געשמייכלט, ווי אַ דערוואַק־סענער. ווען די מאַמע האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ ייִדיש וואָרט, האָט ער זיך איבערגעוווּנקען מיטן טאַטן. אָנעט האָט פאַר די קינדער אויסבאַהאַלטן איר ערגערניש און האָט זיך אין זייער אָפּוועזנהײַט אָפּגערעכנט מיטן מאַן. צו הילף קומט אים טאַמאַרע. זי וואָלט געוואָלט אַלץ פאַרגלעטן, או־מעטום שלום מאַכן.

— וואָס ווילסטו פון די קינדער? זיי האָבן זיך אַקלימאַטיזירט, ס׳איז זיי נישט לײַכט אָנגעקומען. זיי וועלן אויסוואַקסן אַן קאָמפּלעקסן.

— פֿאַרוואָס שטערט זיי נישט דאָס רוסיש און פֿראַנצויזיש זיך צו אַקלימאַטיזירן און אויסוואַקסן אָן קאָמפּלעקסן?

טאַמאַרע זוכט צו פֿאַרטײַטשן די האַרבע פֿראַגע און ווייסט נישט ווי אַזוי. זי קוקט אויף מאַרעקן אַן אומעטיק פֿאַרטראַכטן און וואָלט געוואָלט אים אַרויסהעלפֿן. זי פֿרווט ענטפֿערן אויף אַנעטס פֿראַגע מיט אַ פֿראַגע?

— פֿאַרשטייסט דען אַליין נישט, אַז ס׳איז נישט דאָס זעלבע?

זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער, מישב געווען זיך און גענומען צו הילף די פּעדאַגאָגיק.

— די קינדער האָבן זיך אָנגעליטן ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט גוט פּויליש, ס׳איז נאַטירלעך וואָס זיי ווילן איצט נישט רעדן קיין אַנדערע שפּראַך, זיי ווילן רעדן אַזוי ווי אַלע קינדער.

— זיי זאָגן דאָך אָבער נישט אָפּ צו רעדן רוסיש און פֿראַנצויזיש, כאָטש אַנדערע קינדער רעדן נישט און פֿאַרשטייען נישט, נישט קיין רוסיש און נישט קיין פֿראַנצויזיש. פֿאַרוואָס איז דאָ אַזאַ קעגנווילן צו רעדן אַ וואָרט ייִדיש? קלאָר איז דאָך צוגעוווינט געווען צו ייִדיש. ס׳זעט אויס ווי די קינדער וואָלטן זיך אָנגעשטעקט אין אַזאַ ווידערגעפֿיל.

— וואָס עסטו דיר אָפּ די גאַל? וואָלסט דען מיט קאַזשיקן אויסערן שטוב גערעדט ייִדיש? אין בעסטן פֿאַל וועט דאָס זײַן פֿאַר אים אַ שטוב־שפּראַך, וואָס קאָן אים אויסזען ווי אַן אויסבאַהאַלטענע שפּראַך.

אַנעט איז אויפֿגעשפּרונגען:

— אַ שטוב־שפּראַך? אַן אויסבאַהאַלטענע שפּראַך? וואָס מיינט דאָס? זי האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח צו רעדן געלאַסן.

— פֿאַרוואָס זאָל מען אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד זיך דאַרפֿן מיט ייִדיש אויסבאַהאַלטן?

— דו זעסט דאָך אַליין ווי דאָס זעט אויס. זאָגסט דאָך, אַז די קינדער האָבן זיך אָנגעשטעקט ווײַל אַנדערע פֿירן זיך אַזוי.

— איך וויל נישט זײַן ווי אַנדערע! איך וויל מײַנע קינדער זאָלן זיך נישט שעמען און נישט אויסבאַהאַלטן זיך מיט ייִדיש און נישט מיט דעם וואָס זיי זענען ייִדן. אויב מען באַהאַלט זיך אויס מיט דער שפּראַך, באַהאַלט מען זיך אויך אויס...

זי האָט אָפּגעהאַקט, נישט געוואָלט צושפּיצן.

— ס׳איז אויך נישט קיין זינד צו רעדן מיט די קינדער פּראָגצוי־זיש, רוסיש. נאָר שאָוויניסטן קאָנען קוקן שלעכט דערויף.

— האָסט מיר אַליין געהאַט דערציילט ווי אין „הויז פאַר מוטער און קינד״ האָבן יידישע מאַמעס געקוקט אויף דיר ווי אויף אַ ווילד באַ־שעפעניש דערפאַר וואָס דו האָסט צײַטנווײַז גערעדט מיט קלאָדן אַ וואָרט יידיש.

— זאָלן זיי מיך האַלטן פאַר אַ ווילד באַשעפעניש, איך לאַך פון זיי! זיי זענען אַלע ווילדע שאָוויניסטן. דערצו האָבן זיי ווילדע מינדערווער־טיקייטס־קאָמפּלעקסן.

— ביסט גערעכט, אָבער קיינער האָט נישט ליב מ׳זאָל קוקן אויף אים ווי אויף אַן אויסטערליש באַשעפעניש. דו קאָנסט דאָס אפשר אויס־האַלטן. די קינדער וועלן לײַדן דערפון.

— זיי וועלן זיך צוגעוווינען...

אַנעט האָט אַליין נישט באַנומען, וואָס זי האָט דערמיט געמיינט. טאַמאַרע האָט זיך אָנגעשטויסן.

— צוגעוווינען צו וואָס? מ׳זאָל קוקן אויף זיי ווי אויף אויסטערלישע באַשעפענישן?

מאַרעק האָט זיך אָפּגערופן מיט דער אויסרעכענונג צו פאַרענדיקן:

— וואָס האָבן מיר זיך צו שפּאַרן. סײַווי וועלן די ייִנגלעך טאָן אַזוי ווי ס׳וועט זיי געפעלן. אַזעלכע זאַכן לייזן זיך פון זיך אַליין.

— ניין! ס׳לייזט זיך נישט פון זיך אַליין! די שטוב, די עלטערן האָבן עפּעס צו זאָגן, מ׳לאָזט קיין שום זאַך נישט אויף הפקר. צו אַלעמען האָט מען אַ שטעלונג, אַ צוגאַנג. דאָס לאָזן אויף גאָטס באַראָט איז פאַרדעכ־טיק, דערצו פירט מען נאָך אַ טאָפּלטע בוכהאַ׳טעריע.

מאַרעק און טאַמאַרע האָבן זיך איבערגעקוקט. בעסער נישט צו ענט־פערן. זיי האָבן ביידע קיין חשק נישט געהאַט ווײַטער צו ציִען. אַנעט האָט זיך צעהיצט און וועט זיך אָפּקילן. אין אַנעטן האָט זיך אָבער אָנ־געצונדן אַ פײַער, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אויסלעשן. זי האָט טאַ־מאַרען פאַרשאָטן מיט פראַגן:

— וואָס באַדײַטן די יידישע שולן, אויב מען דאַרף לאָזן די זאַך אַזוי ווי עס גייט? צוואָס לערנט מען אין דײַן יתומים־הויז די קינדער

שרײַבן און לייענען יידיש? צוּוואָס האָב איך אויסגעלייגט די כּוחות מ׳זאָל אין יתומים־הויז לערנען די קינדער יידיש? צוּוואָס געפירט זיי אין דער יידישער שול? צוּוואָס גיט מען אַרויס יידישע לערן־ביכער, אויב דאָס דאַרף זײַן אַ שפּראַך מיט וועלכער מ׳וועט זיך נישט קאָנען באַנוצן אויפן גאַס?

זי האָט געפירט די בליקן פון טאַמאַרען צו מאַרעקן:

— צוּוואָס די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע? צי דאַרף מען דאָס פאַר אַ שילד? איידער דאָס זאָל זײַן היפּאָקריזיע, איז מיר ליבערשט מ׳זאָל דאָס אײַנפּאַקן און פאַרטיק. זאָגט אָפן, אַז מען דאַרף דאָס נישט.

מאַרעק איז אַוועק אין קיך עפּעס צוגרייטן. טאַמאַרע האָט אַ דער־שלאָגענע זיך פאַרטיידיקט:

— רעדסט צו מיר, ווי ס׳וואָלט פון מיר אָפּהענגיק געווען, ווי איך וואָלט דאָ געהאַט עפּעס צו זאָגן. איך וואָלט באַשטאַנען ס׳זאָל זײַן אַזוי ווי דו ווילסט. איך קאָן דאָ אַזוי פיל ענדערן ווי דו.

— אָבער דו מאַכסט מיט דעם טאַראַראַם אַרום די יידישע שולן. דו געהערסט דאָך צו אַן אָרגאַניזם פאַר יידישן שול־וועזן.

— מײַן קינד, כ׳בין עלטער פון דיר. כ׳האָב מער געזען און האָב מער דערפאַרונג. אויב דו מיינסט, אַז ווען איך וועל שרײַען ווי דו, וועל איך עפּעס אויפטאָן, האָסטו אַ טעות. איך וועל דיר איצט אויסזאָגן אַ סוד: דער טאַראַראַם אַרום די שולן ווערט אַלע מאָל קלענער, נאָך נישט שטילער, אָבער קלענער. די יידישע שולן האָבן שוין אָנגעהויבן זיך אײַנשרומפּן, נישט אַזוי לויט דער צאָל קינדער, ווי אינערלעך, לויטן יידישן כאַראַקטער. איצט דאַרף מען זיי נאָך. איך ווייס נישט אויף ווי לאַנג. ס׳קאָן קומען אַ צײַט, ווען מען וועט זיי נישט דאַרפן, אַפילו נישט פאַר קיין שילד, ווי דו רופסט עס. פאַרוואָס ווייס איך נישט, אָבער איך ווייס, אַז ס׳קאָן געשען.

איר גוטמוטיק פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן.

— זעסטו, מײַן קינד, מיר לעבן אין באַדינגונגען, וואָס זענען פריער שווער געווען פאָרויסצוזען. איך ווייס נישט וואָס ס׳וועט זיך פון דעם אַלעמען אויספּיקן. מײַן עלטער, נאַרישער קאָפּ באַנעמט נישט אַ סך זאַכן. אַמאָל איז מיר אַלץ געווען קלאָר ווי דער טאָג, כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט

געגנוי ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען, ווען מיר וועלן ווערן די באַלעבאַטים פון לאַנד. מיר, מיין איך, די פּאַרטיי. איז וואָס זאָל איך טאָן, אַז אַלץ איז נישט אַזוי ווי כ׳האָב זיך אויסגעמאָלן?

— איך פאַרשטיי דיך נישט. וואָלסטו געוועזן ווי אַנדערע, וואָס האַלטן, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין, איז מילא. ס׳זעט אָבער אויס ביי דיר ס׳זאָל זיין עפּעס אַ פּאַטאָליזם. ביסט דאָך אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קאָמוניסט, ביסט געזעסן אין תפיסות, האָסט געקעמפט.

— מיט וועמען זאָל איך היינט קעמפן? קעגן וועמען אַרויסטרעטן? שונאים וואַרטן נאָר מיר זאָלן זיך רייסן צווישן זיך, אי פון דער נאָענט, אי פון דער ווייטנס. נאָך מער פון דער נאָענט.

אַנעט האָט געקוקט אויף איר מיט גלייקע אויגן, איינגעהאַלטן זיך נישט איבערצורייסן טאַמאַרען. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון איר אַזעלכע ווערטער, האָט געוואָלט הערן וואָס מער. טאַמאַרע האָט זיך געכאַפּט און פאַרקערעוועט דעם דישעל.

— דו ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש און אַנטדעקסט יעדן טאָג, יעדע שעה זאַכן ווי אַ קינד, וואָס יעדעס מאָל אַנטדעקט עס אַן אַלטע זאַך אויפסניי. נאָר איך בין גלאַט אַראָפּ פון וועג. מיר האָבן גערעדט וועגן דיינע קינדער און איך בין פאַרקראָכן קיין בויבעריק.

— טאַמאַרע, ביסט נישט פאַרקראָכן קיין בויבעריק. פּרווו מיר נישט פאַררעדן די ציין, ווי דאָס טוט מיט מיר מאַרעק. מיינע קינדער און דיין פאַרקריכן קיין בויבעריק האָבן מסתמא עפּעס געמיינזאַמעס.

— איז וואָס ווילסטו?

— פון דיר, טאַמאַרע, וויל איך הערן וועגן דעם געמיינזאַמען צווישן מיינע קינדער און דעם בויבעריק.

— אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען אים קיין צען קלוגע נישט אַרויסנעמען.

— ס׳איז מיר ליב צו הערן פון דיר אַ יידישן וויץ, נאָך ליבערשט וועט מיר אָבער זיין, האָלסט מיר אויפריכטיק ענטפערן אויף מיינע פראַגן.

טאַמאַרע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט גערעדט שנעלער ווי גע־וויינלעך, האָט געוואָלט וואָס פריער פאַרענדיקן.

— הער, מיין קינד, דיינע קינדער, ווי אַנדערע פון זייער גלייכן,

ציִען ווי יונגע פלאַנצן אַרײַנצוּוואַקסן אין נײַעם באָדן. איך האָב גענוג אָבסערווירט דאָס קליינוואַרג פון אונדזערע קינדער־היימען. דו אויך. געדענקסט וואָס אַזעלכע קינדער האָבן פון אָנהייב געענטפערט, ווען גוטע נשמות האָבן זיי געפרעגט צי זיי ווילן בלײַבן אָדער אַוועקפאָרן? אַוועקפאָרן פון דאַנען, האָבן געענטפערט די, וואָס האָבן שוין עפּעס פאַרשטאַנען. דער ווײַט גרעסטער טייל פון זיי איז פאַרבליבן. ווען זיי וועלן דערוואַקסן ווערן און פאַרלאָזן די קינדער־היימען וועלן זיי באַגערן זיך אָפּצושאָקלען פון דעם אַלעמען מיט וואָס זיי זענען געווען געבונדן. פון ברייטן טײַך איז פאַרבליבן אַ ריטשקעלע, וואָס פליסט אין אַ זײַט, ס׳קאָן אין גאַנצן אויסטרוקענען, אפשר וועלן עס נאָך פריִער די שטורמישע כוואַליעס פאַרשווענקען, ווער ווייסט? מ׳דאַרף זען זאַכן אַזוי ווי זיי זענען.

— אויב אַזוי, דאַרף מען אײדער מען ווערט פאַרשווענקט, אָדער אַראָפּגעשווענקט...

— כ׳קען, כ׳קען דײַנע אויספירן. האָסט דאָך געפרווט. נישט אַזוי פשוט. נישט נאָר בײַ דיר. כ׳האָב זיך אַמאָל פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע און נישט מיט דערציִונג. אויפן אוניווערסיטעט בעת עקזאַמענס האָב איך נישט איין מאָל געשלאָגן רעקאָרדן. כ׳האָב געקערט וועלטן. מ׳האָט געהאַט אַ געהיימען סטודענטן־קרײַז. האָב איך געשפּילט די ערשטע פידל. כ׳האָב אַלץ געוווּסט, אויף אַלעמען געהאַט אַ לייזונג. הײַנט דוכט זיך מיר טיילמאָל, אַז דער מענטש איז אין תוך שטענדיק צו עפּעס פאַרשקלאַפּט. דעמאָלט האָט מיר אַזאַ געדאַנק נישט געקענט קומען אין קאָפּ. כ׳האָב צו אַלע צרות געהאַט אַ פּאַרטיקע רפואה. כ׳האָב זיך אָנגעלייענט מיט אַ סך ביכער, אָנגעשטאָפּט זיך מיט טעאָריעס און געמיינט, אַז כ׳האָב אָנגענומען דעם אָקס פאַר די הערנער, גערעדט וועגן פרײַהייט, וועגן אַ פרײַעם אויסוואַל. ווילסטו איך זאָל דיר דערציילן ווי אַזוי ער האָט דערנאָך אויסגעזען דער פרײַער אויסוואַל?

זי האָט נישט דערציילט. מאַרעק איז אַרײַן מיט אַ גרויסער, שווערער טאַץ. ער האָט אַרײַנגעבראַכט טיי, קאָנפיטורן, קיכלעך, פאַנאַנדערגעשטעלט אויפן טיש, אונטערגערוקט טאַמאַרען און אַנעטן גלעזער מיט טעצלעך. טאַמאַרע, אַ דורשטיקע, האָט אָנגעהויבן זיפּן פון גלאָז. זי האָט געקאָנט טרינקען טיי, וואָס האָט געבריט די ליפּן. אַנעט האָט איר דערמאָנט, אַז ס׳איז נישט געזונט.

— דו שלינגסט אַזוי דעם הייסן טיי, ווי דו האָסט אַמאָל געשלונגען פילאָזאָפישע ביכער.

— אַ כפּרה אַלע פילאָזאָפיעס פאַר אַ גוט גלעזל טיי.

דער געדעקטער טיש, אַ פאַנאַנדערגערוקטער מיט ביידע קלאַפּעס אין זיין גאַנצער לענג איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער. פון צווישן כיבוד פון אַלע מינים האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער טאָרט מיט זיבן אַריינגעשטעלטע ליכטלעך. טאַמאַרע האָט זיך נאָך אַלץ געפּאָרעט: דאָ איבערגעשטעלט די גלעזלעך, די טעלערלעך, דאָ עפּעס צוגעטראָגן די יינגלעך אין זייער צימער, געגאַנגען הין און צוריק אין קיך; דאָ ווידער אָפּגענויגט דעם פאָרהאַנג, געכאַפּט אַ קוק דורכן שויב פון פענצטער, באַקלאָגט זיך אויפן שלעכטן וועטער, וואָס איז גורם, אַז ס׳גלוסט זיך נישט אַרויסצוגיין פון שטוב.

דאָס וועטער איז דעם זונטיק נישט געווען ערגער, ווי אַ גאַנצע וואָך. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט, אָבער דער זשמודנער רעגן, וואָס האָט לאַנגווייליק געטריפט עטלעכע טעג, האָט זיך פּלוצים מישב געווען און מיטאָג־צייט זיך אָפּגעשטעלט. דער נידעריקער הימל האָט זיך אויפגעהויבן העכער, אַראָפּגעשאָקלט פון זיך די טונקל־גרויע וואָלקנס און פאַרבעטן מענטשן צום זונטיקדיקן שפּאַציר.

אַנעט איז געזעסן אין פאָטעל מיט אַ בוך און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי לייענט. מאַרעק איז אין צווייטן צימער געווען איבערגעבויגן איבער זיין ביוראָ־טיש און געבלעטערט די צייטשריפטן. אויך אים איז איצט דאָס לייענען נישט געקראָכן אין קאָפּ. בלויז טאַמאַרע האָט זיך געמאַכט האַריק, געווען רירעוודיקער ווי געוויינלעך. פון מאָל צו מאָל זיך צוגעכאַפּט צום טעלעפאָן. אַנעט האָט איר יעדעס מאָל מיט אַן אומעטיקן שמייכל אַרויסגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל פון האַנט. מ׳האָט געקלונגען און פאַרבעטן, ווען ס׳גלוסט נישט, דאַרף מען נישט.

די רשימה פון געסט צו פאַרבעטן האָט מען צונויפגעשטעלט מיט טאַמאַרען. דאָס איז זי צוגעשטאַנען איינצואָרדענען די אויפנאַמע צום געבורטס־טאָג פון קלאָדן. זי האָט פריער אין געהיים אָפּגעמאַכט מיט

מאַרעקן.ביידע איז זיי געגאַנגען אין לעבן אַרײַנצופירן אַנעטן אין אַ ברייטערן קרײַז, פונקט ווי עלטערן ווילן אַרײַנפירן אַן אונטערוואַקסנדיק, אומבאַהאָלפן מיידל אין אַ געהעריקער געזעלשאַפט ס׳זאָל לײַכטער זײַן צו טאָן אַ שידוך. די רשימה האָבן צונויפגעשטעלט טאַמאַרע מיט מאַרעקן. ט׳דאַרפן זײַן מענטשן, וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן. פאַרבעטן האָט געדאַרפט אַנעט. אַזוי פירט זיך. זי האָט אָן זייער וויסן אויסגעשטראָכן אַ ...ן האַלבן טוץ. זי וועט זיך פילן צווישן זיי, ווי זי וואָלט זיך אָנגעטאָן אין אַ שטײַפן גאָרסעט, ס׳וועט איר פאַרהאַקן דעם אָטעם. זי וועט פאַר־...ן די מיט וועלכע זי האָט זיך בכל הפּחות אַמאָל געפילט היימיש.

דער ערשטער האָט אָפּגעזאָגט איר אַלטער באַקאַנטער, דער דיכטער בנימין זאַלאָטניק. ער דאַרף אָפּגעבן אַ בוך צום דרוק און שטעקט נישט אַרויס די נאָז פון שטוב... באַלעק האָט דערציילט אַ לאַנגע מעשה און זיך צען מאָל אַנטשולדיקט. באָלעסלאַוו שטשאַווינסקי האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ זשורנאַליסטישער נסיעה אין אויסלאַנד, געגרייט אַ סעריע אַרטיקלען און פונקט דאָס מאָל מאַכט ער אַ שטאָך זונטיק. דאָקטאָר פּאָזנער האָט אויסגעפרעגט ווער ס׳וועט זײַן, געווונטשן נחת פון זון און געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט זײַן ווי אַ פאַרשיווע שעפּס אין דער סטאַדע.

מאַרעק האָט געוואָלט אויסשטרײַכן עטלעכע נעמען און אַרײַנשטעלן אַנדערע. אַנעט האָט זיך ווידער אײַנגעשפּאַרט. צוזאַמען וועט עס נישט קלאַפּן. ס׳וועט זײַן אויסגעמישט קאַשע מיט מאָן. זי דאַרף נישט די הויכע היעראַרכיע. צום ליבסטן וואָלט איר געווען ס׳זאָל זײַן בלויז עמך.

איצט זיצט זי מיטן אָפענעם בוך, כאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוק אויפן זייגערל און זידלט זיך שטומערהייט: האָסט זיך געלאָזט אָנרעדן, טאָ האָסטו דיר! שוין אינדערפרי זענען געווען צוויי טעלעפאָנען: ס׳איז נאָך נישט זיכער, קאָפּ־ווייטיק, אפשר אַ פאַרקילונג, אויב ס׳וועט בעסער ווערן... פאַרוואָס לאָזט זי זיך כסדר אַרײַננאַרן אין זאַק? האָט זי דען נישט געוווּסט, אַז מען מײַדט זי אויס?

אַ קלונג אין טיר האָט איבערגעריסן אירע מחשבות. זיי זענען געקומען זאַלבע פערט: דאַנקע מיטן מאַן און מאַריאַן מיטן ווײַב. צוליב מאַריאַנס ווײַב זיך פאַרשפּעטיקט. זי האָט אַנדערש נישט געוואָלט נאָר מאַריאַן זאָל אָנקלינגען צו דאַנקען, מ׳זאָל גיין צוזאַמען, ס׳וועט זײַן היימישער, אין דער לעצטער מינוט מורא באַקומען פאַר אַן אומבאַקאַנטער געזעל־

שאָפּט. ביז איצט האָט זי געוואָלט אָניאָגן די טריט פון מאַן, וואָס איז גיך געגאַנגען באַרג אַרויף. איצט, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּקייקלען, האָט זי נישט געוווּסט אויף וואָסער וועלט זי איז.

מאַריאַן איז אַמאָל געווען אַ פריילעכער יונגאַטש און אַ גוטער פּאַכמאַן אין מענער־שניידעריי. געהייסן האָט ער דעמאָלט משה ווייסמאַן. גערופן האָט מען אים מוישקע. אַז מען האָט געדאַרפט, איז פון מוישקען דעם שניידער געוואָרן אַ פּאַראַשוטיסט. ווען די דייטשן האָבן זיך געריקט צו סטאַלינגראַד, האָט אַ רוסישער עראָפּלאַן אַראָפּגעוואָרפן אין אַ פּאַראַשוט דעם יידישן שניידער אין אַ געפערלעכן אָרט ווייט אין הינטערלאַנד פון שונא. פאַר זיינע אויפטוען איז ער דערנאָך אין באַפרייטן פּוילן באַלוינט געוואָרן מיט הויכע אויסצייכענונגען. די אויסצייכענונגען האָט באַקומען נישט משה ווייסמאַן נאָר מאַריאַן זאַלעווסקי. און אַן אויסגעפּרוווטער מענטש מיט אַזאַ שיין־קלינגענדיקן נאָמען קאָן ברענגען גרעסערע נוצן, ווי פאַרבלייבן אַ פּשוטער שניידער. האָט מען זאַלעווסקין געמאַכט פאַר אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק פון מיליטערישער באַקליידונג. די נייע פּראָפעסיע וואָלט זיך צוגעפּאַסט צו אים, אָבער דער נאָמען נישט. ווייל ווי רעדט עס אַ מאַריאַן זאַלעווסקי אַ נישט גוטן פּויליש? האָבן די אַרבעטער אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז נישט אויף זיין אָרט. נישט חס וחלילה געזאָגט אים דאָס אָפן, נאָר, אַז מאַריאַן איז געגאַנגען דאָרט, ווו אויך אַ קייסער גייט צופוס האָט ער יעדעס מאָל געפונען אויף די ווענט אויפשריפטן, וואָס האָבן קלאָר און דייטלעך דערציילט, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אונטער אַ כשרן, פּוילישן נאָמען. אויף זיין מאַנטל, וואָס ער האָט געלאָזט אין זיין ביוראָ, האָט מען צומאָל בעת זיין אַן אָפּוועזנהייט באַוויזן צוצושפּען אַ בלעטל מיט נישט קיין דערמוטיקנדיקן אויפשריפט. איז כאָטש דער אַמאָליקער שניידער ווייסמאַן האָט איצט געוווינט אין אַ שיינער דירה און געלעבט בעסער, ווי פון די אַמאָליקע אַרבעטס־שכירות, איז דער פריילעכער יונגאַטש, וואָס פלעגט רעדן פאַר פיער און פאַר וואַסער, געוואָרן אַן אומעטיקער שווייגער.

מיט דאַנקען און אַנעטן האָט ער זיך אַמאָל געהאַט באַפריינדעט אין דער קאָנספּיראַציע. ער איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער כוואַט, געקערט וועלטן און די ביטערסטע צייטן פלעגט ער פאַרזיסן מיט זיינע וויצן און

גוטע איינפאַלן. היינט צאַלט אים דאַנקע אָפּטמאָל אָפּ מיט זיינעם אַן אַלטן וויץ: „האָסט מורא, טאָ לייען קריאת שמע". אָדער: „אַז מען קאָן נישט שמעקן קיין פּולווער, גייט מען נישט האַלטן מלחמה". ער האָט יעדעס מאָל בלאָס געשמייכלט און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַמאָל האָט ער קיינ־מאָל קיין פּאַפּיראָס אין מויל נישט גענומען. היינט ראַטעוועט ער זיך מיטן אַריינציִען דעם רויך. דער דאָקטער האָט אים דאָס פאַרבאָטן. דאָס ווייב גייט אויס פון צער. זי דערציילט, אַז ער רויכערט אַפילו ביינאַכט, ווען ער כאַפּט זיך אויף, פאַרטאָג אויפן ניכטערן מאָגן. מאַכט אַ תל פון האַרץ, וואָס איז געוואָרן פלוצלינג קאַפּריזנע.

אַדע, מאַריאַנס שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל האָט נישט געהאַט קיין גרוי־סן חשק זיך מטריח צו זיין אַהער. דאָס געמיט איז איר היינט נישט צו קיין שמחה, בפרט ווער ווייסט וואָס פאַראַ שישקעס ס'וועלן דאָ זיין. ווען זי האָט דערהערט אַ קלונג אין טיר, האָט זי באַקומען אַן אויסזען ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן. ס'איז אַריין סילוויע „די גרויסע" מיט איר צען־יעריקן זון. אַדעס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ היימישער מענטש, מ'וועט קאָנען אַרויסריידן אַ וואָרט, זאָגן וואָס ס'דריקט דאָס האַרץ.

מיט סילוויען „די גרויסע" האָבן זיך אַלע דערפרייט, פּשוט זיך מחיה געווען. דעם נאָמען „גרויסע" האָט זי זיך פאַרדינט נישט אַזוי צוליב איר וווקס, ווי צוליב אַן אַנדערער סילוויע, אַ קלענערער.ביידע האָבן אַמאָל געהייסן שושנה. אונטערצושיידן זיי צווישן חברה, האָט מען איינע גערופן שושנה „די גרויסע", די אַנדערע — שושנה „די קליינע". די נעמען האָבן זיך געביטן, אָבער די צונעמען נישט. סילוויע די קליינע, אַ טאָכטער פון אַ רבנישער הים, האָט זיך געלאָזט שווימען אין די ברייטע וואַסערן, „אינטעגרירט" זיך און פאַרגעסן, אַז זי האָט אַמאָל געהייסן שושנה. סילוויע די גרויסע איז פּונקט ווי אַנעט געבליבן ביי איר באַגער צו ווערן אַ ייִדי־שע היסטאָריקערין. זי פלעגט אַמאָל, בעת זיי זענען נאָך געווען אויף דער שול־באַנק אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע, זיך צוכאַפּן מיט איר אין דער גרויסער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע. ס'האָט זי געצויגן צום יודאַיִסטישן אינסטיטוט, ווו מ'האָט צוגעגרייט לערערס פאַר ייִדישער געשיכטע. סילוויע האָט דורכן פאָטער אומעטום געהאַט אַן אָפענע טיר. נישט איין מאָל האָט זי מיטגענומען אַנעטן, אַריינגעפירט זי נאָך זיך פאַר

דער האַנט אוןביידע האָבן זיך געקוויקט מיט אַ לעקציע פון באַלאַבאַן, שאָר און דעם ייִנגסטן פון די ייִדישע היסטאָריקערס, עמנואל רינגעל־בלום. שפּעטער, שטודירנדיק, אַלגעמיינע געשיכטע, איז זי איינציייטיק געווען באַלאַבאַנס אַ תלמידה אויף דער קאַטעדרע פון ייִדישער געשיכטע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

זיי זענען געווען ענלעך צו זיך און אַנדערש איינע פון דער אַנדע־רער. אַנעט איז געגאַנגען מיט געדרייטע וועגן, געמאַכט זיגזאַגן. אַן אי־בערלעכער אומרו האָט זי געשטויסן אַהער, אַהין. סילוויע האָט געהאַט פאַר זיך אַ גלייכן וועג. אַנעטן האָט געצויגן צו דער פעדער, סילוויען צום לעבעדיקן וואָרט. זי האָט געדאַרפט האָבן אַ יונגע אוידיטאָריע. אין גרויסן שכנותדיקן מזרח־לאַנד, ווו זי האָט זיך אָנהייב מלחמה געראַטע־וועט מיט דער משפחה, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז איר אָפּגעקליבענער וועג וועט נישט זיין קיין לייכטער. זי האָט פונדעסטוועגן עטלעכע יאָר אין באַפרייטן פּוילן געזוכט פאַרבינדונגען און פּלייצעס, וואָס זאָלן העלפן ציִען די טראַדיציע פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער געשיכטע. מ׳האָט איר בסוד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי יאָגט זיך נאָכן ווינט אין פעלד.

אַ צופאַל האָט זי פאַרוואָרפן קיין קראָקע. זי איז, אַ פאַרשפּעטיקטע, סוף 1947, צוריקגעקומען מיט אַ קראַנק קינד און אָן דעם מאַן, וואָס איז אויף אַ מיסטעריעזן אופן אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן עולם האמת. דעם מאַנס שוועסטער, די איינציק אָפּגעראַטעוועטע פון דער משפחה, האָט זי אָפּגעוואַרט און מיטגענומען מיטן קראַנקן קינד אין איר קראָקעווער היים. אויף דערווייל. איר אַ געוועזענער פּראָפעסאָר האָט איר פאָרגעלייגט אַ פּאָסטן פאַר אַלגעמיינע געשיכטע אין אַ קראָקעווער גימנאַזיע. געלאָ־קערט האָט מער די דירה, וואָס מ׳האָט צוגעגעבן, ווי דער פּאָסטן. זי האָט אָנגענומען אויף דערווייל. דער דערווייל האָט זיך פאַרצויגן. ווען זי האָט אין אָנהייב 1950 זיך דערוווסט וועגן אַנעטן, האָט זיך ווידער אָפּגערופן דער פרִיערדיקער טרוים. אַנעט איז אויפן אָרט, דורך מאַרעקן קאָן זי וויסן אין וועלכער טיר מ׳דאַרף אָנקלאַפּן. זיי האָבן זיך ביידע גיך אַרומגעזען, אַז דאָס זענען פּוסטע חלומות. די טעמפּעראַטור איז אַלע מאָל מער געפאַלן.

צום געבורטסטאָג פון קלאָדן איז זי געקומען אומדערוואַרט. סילוויע האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך אייגענע. נישט מיט איר פירונג און נישט מיט איר הולך האָט זי זיך געפּאַסט צו דער קראָקעווער סנאָבישקייט.

אַ שלאַנקע, מיט אַ לענגלעך פּנים, האָט זי ווי אויף צו להכעיס געטראָגן אַ הויכן הוט, וואָס האָט געמאַכט דאָס פּנים נאָך מער אויסגעצויגן. מיט איר גאַרדעראָבע האָט זי זיך ווייניק וואָס פאַרנומען. איר געזיכט האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט קיין קאָסמעטיק.

סילוויעס אומגעריכט באַווײַזן זיך האָט אויפגעמונטערט דעם קליי־נעם עולם. טאַמאַרע האָט אָנגעצונדן די זיבן ליכטלעך אין טאָרט. נאָך דעם ווי קלאָד האָט זיי מיט איין שטאַרקן בלאָז אויסגעלאָשן, האָבן די געסט אים דערלאַנגט די מיטגעבראַכטע מתנות. די קינדער זענען אַוועק אין זייער צימער. מאַרעק האָט שטענדיק געזאָרגט פאַר דעם, אַז די יינגלעך זאָלן נישט פאַרברענגען מיט די דערוואַקסענע, בפרט אין אַזאַ צוגעקליבענער געזעלשאַפט.

— וואָס מאַכט איר, הער דירעקטאָר? שוין זייער לאַנג אײַך נישט געזען?

סילוויע האָט דאָס נישט געזאָגט איראָניש, פאַרקערט, גאָר פרײַנד־לעך, היימישלעך. מאַריאַנס ווײַבל איז אָבער אַרויס פון די כלים. ס׳איז איר געוואָרן ווי מען וואָלט איר אָנגעשאָטן זאַלץ אויף אַ וווּנד.

— פון ווען אָן איז ער אַ „הער" און נישט קיין חבר? ער האָט זיך נישט געריסן צו זײַן דירעקטאָר. מ׳האָט אים געצוווּנגען. ס׳איז נישט געווען וועמען צו שיקן אויף אַזאַ קאַטאָרגע־אַרבעט, האָט מען אים גע־שיקט. קיין „הער" איז ער אָבער נישט געוואָרן.

מאַריאַן האָט געוואָלט אײַננעמען דאָס ווײַב, אי קלאָר מאַכן זײַן סיטואַציע.

— איך בין נישט קיין „הער" און נישט קיין דירעקטאָר. קיין „הער" קיינמאָל נישט געווען. זינט עטלעכע טעג אויך אויס דירעקטאָר.

סילוויע האָט געפּרוּווט, שטאַמלענדיק, זיך פאַרענטפערן. מאַרעק האָט זיך אַרײַנגעמישט: סילוויע איז שטענדיק אַזוי ערנסט, אַז ווען זי מאַכט אַמאָל אַ שפּאַס, טײַטשט מען דאָס שלעכט אויס. ווען אַנדערע רופן חברים „הער דירעקטאָר" איז דאָס נאָרמאַל.

טאַמאַרע האָלט שטענדיק אונטער מאַרעקן.

— נו, נו, הער דירעקטאָר, נעמט זיך בעסער צו דער סעודה ווי צום האַרצן.

— כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איך בין אויס דירעקטאָר. און צו דער סעודה קאָן מען זיך סײַווי נעמען.

פאַר אַנעטן איז דאָס אויך געווען אַ נײַעס.

— געהערסט שוין צו מײַן קאַטעגאָריע?

סילוויע האָט זיך צוגעאײַלט און געענטפערט פאַר מאַריאַנען:

— זעט אויס, אַז ער געהערט איצט צו מײַן קאַטעגאָריע און נישט צו דײַנער. דיך האָט מען פון קיין אַרבעט נישט אַראָפּגענומען, מיך יאָ. דערפאַר קאָן איך איצט דאָ זײַן. נו, מאַריאַן, מיר קאָנען זיך געבן די הענט.

מאַריאַנס ווײַב האָט דורכויס געוואָלט ראַטעווען דעם כבוד פון מאַן.

— מ׳האָט אים נישט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך אַליין אָנגעגעבן אין דעמיסיע, ער האָט געבעטן אַן אַנדערע אַרבעט. מ׳איז אים געגנוג דאָרט דערגאַנגען די יאָרן.

סילוויע האָט זיך געקאָנט אָפּנעמען אירס:

— איך האָב זיך נישט אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דערצו נאָך רופט מען דאָס נישט „אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט״, מען שיקט בלויז אין אַן אַנדערע שולע, אין נידעריקערע קלאַסן.

דאַנקע האָט זי איראָניש געמוסרט:

— ווי קאָנסטו זײַן פּראָפעסאָר אין די עלטערע קלאַסן, אַז דו קאָנסט זיך צומאָל נישט אָנטאָן לײַטיש? וואָלסט דיר כאָטש אַ ביסעטשקעלע צוגעפאַרבט די ליפּן.

— די ליפּן וואָלט איך לעת ברירה געקאָנט צופאַרבן, אָבער מײַנע לעקציעס געשיכטע וועל איך נישט צופאַרבן.

אַנעט איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ספּאַזמאַטישן געלעכטער, וואָס האָט איר אַרויסגעקוועטשט טרערן פון די אויגן. טאַמאַרע האָט ענערגיש געשניטן דעם טאָרט און פאַרטיילט גרויסע פּאָרציעס, געריימט די היגע טאָרט־קונסט. מאַרעק האָט מיט אַ פאַרטראַכט, צעשמייכלט פּנים אָנגעגאָסן גלעזלעך. דאַנקע האָט אָנגעהויבן זינגען „...לאָמיר פריילעך זײַן, לאָמיר טרינקען ווײַן...״ הערמאַן, איר מאַן, וואָס זעט אויס, ווי ער וואָלט ליבערשט געוואָלט הערן ווי רעדן, האָט דאָס מאָל ווי נישט ווי אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, באַקומען קוראַזש, אויפגעהויבן דאָס אָנגעפולטע גלעזל און אויסגערופן: לחיים! די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטאָן. אַנעט, וואָס נעמט קיינמאָל נישט קיין טראָפּן בראָנפן אין מויל, האָט פריער געגעבן

אַ זופּ, אויפגעהויבן דאָס גלעזל אין דער הויך ווי צו מאַכן אַ ברכה און אויסדעקלאַמירט:

— אַ לויב און אַ דאַנק דיר גאָט, וואָס יענע חשובע געסט זענען נישט געקומען!

סילוויע האָט זיך געאײַלט צוריק קיין קראָקע. זי האָט געדאַרפט זיך צוגרייטן איבערצוציִען אויף אַנדערע רעלסן. זי דאַרף זיך אײַנבײַסן אין אַן אַנדערן לערן־מאַטעריאַל, און אויך... צוגעוווינען זיך צו פאַרדייען דאָס נײַע, צו האַלטן זיך איצט געטרײַ בײַם אָנגעצייכנטן שול־פּראָגראַם. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. מילא, וועט זי פּרוּוון אַזוי ווי מען דאַרף אויסטײַטשן 13־14 יעריקע קינדער „די פעלערן פון ראָזאַ לוקסענבורג". ס׳קלעמט אָבער צוממיינסטן דאָס פאַרלירן די 17־18 יעריקע שילער. אין איר איינזאַמקייט זענען זיי געווען פאַר איר אַ געזעלשאַפט. די יונגע חברה האָט איר באַשאַנקען מיט סימפּאַטיע, זיך צוגעבונדן צו איר, פּונקט ווי זי צו זיי. ס׳איז נישט געווען בײַ איר קיין שלעכטער שילער. זי האָט געקנעלט מיט זיי נישט נאָר אין קלאַס. אַ שוואַכן שילער האָט זי פאַרבעטן אין שטוב, אַזוי אויסגעטײַטשט די זאַך, אַז אין טעמפּסטן קאָפּ האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן.

ווי וועט עס איצט זײַן אין דער אַנדערער שול? מיטן קליינוואַרג? איר איבערגעגעבענער אַפּוטרופּוס, דער אַלטער, פּוילישער פּראָפעסאָר, אַן אָנגעזעצטיקטער אין יאָרן און אין אַנטוישונגען האָט זיך מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק צעשיידט מיט דער וועלט. זי איז דעמאָלט טאָפּלט געבליבן איינזאַם אַליין. איצט האָט זי גערעכנט זיך דורכצוצורעדן מיט אַנעטן, אפשר וועט זי איר העלפן זוכן אַ וועג זיך איבערצוטראַגן קיין וואַרשע. אַנעט זעט איר אָבער אויס ווי אַן אַרויסגעוואָרפענע דורך ים־כוואַליעס אויף אַן אינדזל. דער שטורעם האָט צעשמעטערט איר שיף. אפשר אַ פערזענלעכע דראַמע? מאַרעק האָט מיטגעבראַכט אַ זון. דאָס באַדײַט, ער האָט געהאַט אַן אַנדערע פרוי. זי האָט אירס אַ קינד. ס׳באַדײַט זי האָט געהאַט אַן אַנדערן מאַן. מען רעדט נישט דערוועגן. די קינדער ווייסן כלל נישט, אַלטע באַקאַנטע היטן זיך אויך אויס. מאַרעק איז ביידנס טאַטע, אַנעט ביידנס מאַמע. זי האָט גערעדט מיט אַנעטן ביז שפּעט בײַנאַכט. קיין איינע פון זיי

האָט נישט דערמאָנט דערוועגן. אַנעט האָט כסדר געגורקעוועט אין דער טיף, באַרירט הארבע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן זי, געשפּרונגען פון איין טעמע צו דער אַנדערער. זי, סילוויע, האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט צו טרעפן אַנעטן אַזאַ אויפגערודערטע, ווי הער באָדן וואָלט זיך איר גע־טרייסל'ט אונטער די פיס.

סילוויען האָט אי אינטערעסירט, אי באַאומרויִקט, אַנעטס קוק אויף דעם, וואָס זי רופט „דער ווײַטערדיקער גורל פון די ייִדן אין פּוילן". צוריק־קומענדיק קיין קראָקע האָט זי איר אַנגעשריבן אַ בריוו, נישט אויסבאַ־האַלטן איר זאָרג פאַר איר אַמאָליקער שול־פרײַנדין מיט וועלכער ס׳האָט זי געבונדן אַזוי פיל פעדים. דערויף האָט זי באַקומען אַ לאַנגן ענטפער. סילוויע האָט געלייענט און געשטוינט. זי האָט זיך גענומען צום צווייטן מאָל פאַמעלעך דורכלייענען דעם בריוו.

„טײַערע סילוויע,

ס׳איז אמת וואָס דו שרײַבסט, איך בין געשפּרונגען פון איין טעמע צו דער צווייטער, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, צי דו וועסט עס יאָ אָדער נישט צעקײַען. אָבער אויסבאַהאַלטן וואָס ס׳זאָל נישט זײַן איז נישט גע־ווען מײַן מיין. אין מײַן פּערזענלעכן לעבן קיין שום אויסטערלישעס. ווי בײַ יעדערן פון אונדז איז דאָס נישט געפלאָסן גראַדליניק. מיר געהערן צו אַ דור אין וועלכן מענטשישע לעבנס האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן מיט היסטאָרישע דראַמעס, מיט משונהדיקע עפּיזאָדן.

הײַנט וואָלט איך געקאָנט פירן אַ רויִק לעבן. און אפשר געהער איך גאָר צו די נײַע פּריווילעגירטע? כ׳האָב נאָך אַ פּריווילעגיע: כ׳האָב צוריק מײַן מאַן. ער האָט מיך שטאַרק ליב. מיר האָבן זיך ליב. מיר האָבן צוויי געראָטענע ייִנגלעך. מיר האָבן זיי ליב דאָס לעבן. מאַרעק איז גרייט צו נעמען צוגאָב־אַרבעטן איך זאָל נישט דאַרפן פאַרדינען. ווי דו זעסט, וואָלט איך געקאָנט לעבן רויִק. זעט אויס איך בין נישט באַשאַפן צו אַזאַ „רויִק" לעבן. פאַרוואָס רויִק אין געגנדזנפּיסלעך? ווײַל איך האָב אַ היים ווי כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט און פיל זיך היימלאָז. ערגער, איך פיל זיך פרעמד אין מײַן אייגן, אויסגעבענקטן לאַנד. אין פראַנקרײַך בין איך געווען אַן אויסלענדערין. דאָס וואָרט „עטראַנזשע" באַדײַט בוכשטעב־לעך פרעמדער. איך האָב זיך אָבער דאָרט נישט געפילט ווי אַ פרעמדע,

גאָר ווי אַן אויסלענדערין. דאָ דאַקעגן, בײַ זיך אין לאַנד פיל איך זיך יאָ ווי אַ פרעמדע. דאָס ערגסטע געפיל איז זיך צו פילן פרעמד בײַ זיך גופא.

מעגלעך, אַז די שבעה מדורי גיהנום, וואָס כ׳בין דורכגעגאַנגען בעת דער מלחמה, דאָס וואָס כ׳האָב צוגעזען מיט מײַנע אייגענע אויגן האָט לויזער געמאַכט די צוגעבונדנקייט צו מײַן געבוירן־לאַנד. איך וויל אָבער נישט גלויבן ס׳זאָל האָבן אָפגעקילט די ליבשאַפט צו דער ווײַסל, צום שיינעם פוילישן וואַלד, צו די רחבותדיקע גרינע פליינען, צום גאָלדענעם פוילישן האַרבסט. האָב איך דאָך אַמאָל דאָ ליב געהאַט יעדעס ביימל, יעדעס גרעזל, אַנטציקט זיך מיט אַ זונען־פאַרגאַנג, פאַרליבט זיך יעדעס מאָל אויפסנײַ אין אַ גרינער ווערבע בײַם וועג, בײַם ברעג פון טײַך; איך פלעג מיט די הענט צערטלען די ווײַסע קאָרע פון אַ יונגער בעריאָזע און באַוווּנדערן די דראָבנע גרינע בלעטעלעך אירע. איך זאָג, איך וויל נישט גלויבן די ליבשאַפט צו דעם אַלעמען זאָל זײַן אָפגעקילט, כאָטש, ווען אין מײַן דמיון שווימט אויף אַ קאָשמאַרע דערינערונג, פאַלט זיך אין מיר אַלץ פונאַנדער, עס דוכט זיך מיר דעמאָלט, אַז פון האַרץ איז פאָרט עפעס אַרויסגעריסן געוואָרן.

איך האָב קיינעמען נישט דערציילט. איצט וויל איך דיר דערציילן אַ „קליינעם" עפיזאָד. ס׳איז געווען פריִער האַרבסט 1942. כ׳בין געווען אין וואַלד, אַ פאַרבינדלערין צווישן באַזונדערע פאַרטיזאַנען־אָפטיילונגען. וועגן מײַן אָפשטאַם האָט קיינער נישט געוווּסט, אויסער איינעם... מײַנע בלאָנדע האָר זענען צונוץ געקומען אַפילו אין וואַלד. אויך דאָרט האָט געגאָלטן דאָס „מיר" און „זיי". בקיצור, כ׳האָב אויסגעפירט פאַרשידענע שליחותן. איז בעת אַ שליחות געשען אַן אומגליק. כ׳האָב פאַרלוירן די באַגלייטערין, אַן אוקראַיִניש ליב מיידל. אַ פאַלשער אַלאַרם האָט אונדז צעטיילט אויף דערווײַל. זי האָט געקענט אַלע וועגן און שטעגן, איך נישט. כ׳האָב נאַריש פאַרבלאָנדזשעט. דערנאָך פאַרקראָכן אין אַ זומפיקער געגנט. דער וואַלד איז געוואָרן אַלע מאָל שיטערער, די זומפן געדיכטער. כ׳האָב אַרײַנגעשטעקט אַ פוס און קוים אַרויסגעשלעפט. כ׳האָב זיך צוריקגעצויגן, צוגעאײַלט די טריט מיט דער האָפענונג צו געפינען אַ וועג, אָפצוגעפינען מײַן באַגלייטערין. פלוצלינג האָב איך פאַרטשעפעט אַ פוס און געפאַלן. כ׳האָב דערזען אויף דער מאָכיקער ערד אַן איינגעקאָרטשעטן קערפער. אַ האַלב־נאַקעטער יונגער קערפער. דאָס מויל צעקרימט, דאָס

פנים פאַרבלוטיקט, דער קאָפּ באַדעקט מיט אַ קויטיקער, קלעפּיקער מאַסע. דאָס העמד, די הויזן צעריסן. אין פלוג געמיינט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט ווי איך, אויסגעגאַנגען פון הונגער, אפשר בלויז פאַרחלשט. כ׳האָב אָנגעהויבן אים באַקוקן. צווישן די צוזאַמענגעקלעפּטע האָר אויפן קאָפּ האָב איך דערזען אַ גרויסן לאָך, אַ רויט־שוואַרצער, אַ טרוקענער שנית. די פיס אין סקאַרפּעטן. קענטיק געווען, אַז מ׳האָט אַראָפּגעצויגן פון אים די שיך, די אויבערשטע מלבושים. כ׳האָב זיך אויפגעריסן, אַנטלאָפן ווי דער דערמאָרדעטער יונגער ייִד וואָלט מיך געיאָגט, געוואָרנט. כ׳האָב לויפנדיק דערזען אַנדערע אויסגעצויגענע מענטשן: אַ פרוי און נעבן איר אַ ליידיקער טאַש, עטלעכע מענער מיט באָרוועסע פיס. דאָס מאָל האָב איך אָנגעהויבן לויפן ווי אַ וואַנזיניקער. כ׳האָב זיך אָנגעקלאַפּט אין ביימער, צעבײַלט זיך. איך פאַרשטיי ביז הײַנט נישט פון וואַנען ס׳האָבן זיך גענומען צו מיר כוחות.

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. ס׳האָט אָנגעהויבן גיין אַ דריבנער רעגן. דערנאָך האָט אַ פינצטערניש אײַנגעוויקלט דעם וואַלד. כ׳בין אַוועקגעפאַלן אויפן נאַסן גראָז. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳בין געלעגן אומבאַוועגלעך. דער פחד און די קעלט האָבן מיך געשטעלט אויף די פיס. כ׳האָב זיך דערשלעפּט צו אַ בוים, צוגעטוליעט זיך מיט דער פּלייצע צו אים, געזוכט בײַ אים שוץ און אַ ביסל וואַרעמקייט. ס׳איז געווען איין נאַכט, געדוכט האָט זיך מיר, אַז דאָס וועגן אייביקייטן, אַז ס׳וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. כ׳האָב געוואָלט שטאַרבן, געבעטן אויף זיך דעם טויט, נאָר כ׳האָב מורא געהאַט פאַרן טויט פון עמעצנס האַנט. ווי שטאַרק האָב איך דעמאָלט באַדויערט וואָס כ׳האָב נישט געהאַט בײַ זיך קיין ציאַנקאַלי. און דאָך, ווי גיך ס׳איז געקומען דער פאַרטאָג האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיטלען זיך צו ראַטעווען. אַלץ האָט אין מיר געשריִען: לעבן! לעבן!

לויט מײַן אויסרעכענונג, האָב איך געדאַרפט גיין אויף לינקס, דורכשנײַדן אַ וועג און אַרײַנבאַקומען זיך אין אַ צווייטן וואַלד, ווו ס׳זענען געווען פּאַרטיזאַנער. דער מוח האָט, זעט אויס, שלעכט געאַרבעט. יעדער בוים האָט מיר אויסגעזען אַ שטייענדיקער מת, וואָס אָט פאַלט ער אויף מיר און נעמט מיך אַרום מיט די טויטע אָרעמס.

כ׳בין נישט ווײַט אָפּגעגאַנגען —אפשר געלאָפן— ווי דער וואַלד האָט זיך געענדיקט. אָנשטאָט אַ וועג זענען געווען צעוואָרפענע כאָטעס,

דערפֿלעד, פֿון דער ווײַטנס אַ קלויסטער. וואָלט איך נישט באַגעגנט די הרוגים, וואָלט איך אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר. כ׳האָב אַ קוק געכאַפּט אויף מײַן הולד. ער וואָלט מיך פֿאַרראַטן. בין איך אַוועק מיטן ברעג וואַלד צום קלויסטער. הינטערן קלויסטער אַ קלײנער צמענטער, דאָס טירל אָפֿן. איך ווייס נישט מיט וואָסער צוועק כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צעמענטענעם קבר. אפֿשר פֿון דערשעפּטקייט? כ׳ווייס נישט ווי לאַנג כ׳בין געזעסן. כ׳ווייס אַז כ׳האָב געציטערט פֿון קעלט. כ׳בין געווען פּיטש־נאַס, ס׳האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ס׳האָט זיך מיר געדוכט די בײנער פֿרירן מיר אײַן, כ׳וועל ווערן אַ שטיק אײַז און נישט קאָנען זיך רירן. כ׳האָב פּלוצלינג דערהערט אַ שטילע שטימע. דורכן אָפֿענעם טירל איז אַרײַן דער גלח. אַן אַלטער, דיקלעכער מאַן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט.

— אַ ייִדישקע? אַן אַנטלאָפֿענע? — האָט ער מיט פּחד אין די אויגן געמורמלט צווישן די ליפּן.

— פֿאָטערל, כ׳בין אַ קריסטין, כ׳האָב... כ׳האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, געגעכטיקט אונטערן רעגן.

ער האָט מיר נישט געגלויבט. אַרומגעקוקט זיך פֿון אַלע זײַטן, געהייסן מיר אַרײַנגיין דורך דער הינטערשטער טיר אין קלויסטער און פֿאַרשוווּנדן. כ׳האָב אַראָפּגענומען פֿון זיך די קליידער און אויסגעדרענגט, אָפּגעווישט זיך מיט אַ נאָזטיכל און צוריק זיך אָנגעטאָן. ערשט אויף רעכט אָנגעהויבן ציטערן פֿון קעלט.

דער גלח איז צוריקגעקומען דורך דער פֿראָנטאָווער טיר, דערלאַנגט מיר עפּעס אַ פֿאַרטעך אָנצוטאָן אויפֿן נאַסן לײַב, אַן אויסגעריבן כאַלאַטל און אַ פּײַדע שוואַרץ־ברויט מיט אַ שטיקל קעז. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט מיט וועלכן וועג צו גיין צום צווייטן וואַלד און אונטערגעיאָגט:

— גיי, גיי, מײַן קינד, וואָס שנעלער פֿון דאַנען. וועסט איצט לײַכט טרעפֿן דעם וועג, קיין דײַטשן פֿון דער זײַט נישטאָ, נאָר מענטשן פֿאַראַן פֿאַרשידענע. מײַד אויס, גיי מיטן וועג בײַם וואַלד.

כ׳האָב געטראָפֿן, אָנגעקומען צו אייגענע. דערנאָך געלעגן אַ חודש מיט אַ בראָנכיט אין אַ בונקער אין וואַלד.

דעם וועג דעמאָלט דאָך געטראָפֿן. צי טרעפֿן מיר איצט דעם וועג אויף דער באַפֿרײַטער ערד, נאָכדעם ווי מיר זענען אַ הייפֿל בלויז אַרויס

פון דער בראַנד־שרפה? צי בלאָנדזשען מיר אַמאָל נישט ווידער באַפרײַטערהייט? צי לויערט נישט עפּעס אַ סכנה פון גאָר אַן אַנדערן מין?

וואָס באַדײַטן די געפּלאָנטערטע גענג? דו האָסט מיך אויסגעפרעגט וועגן די אַנדערע לעבנגעבליבענע ייִדן. האָסט זיכער געמיינט די ייִדישע ייִדן. דו קענסט זיי ווייניק, האָסט זיך אָפּגעריסן. איך קוק זיך צו פון גאָר נאָענט. אַ קעסל. ס'קאָכט זיך. דער גרעסטער טייל איז אַוועק. אַנדערע וואַרטן מ'זאָל קאָנען אַוועק. נאָך אַנדערע האַלטן, אַז די דערלייזונג איז אײַפן אָרט. מען גלויבט אויפריכטיק אין אַ ווידעראויפלעבונג. ס'איז הימל און ערד און ווידעראויפלעבונג. מענטשן גיבן אָפּ אַלע זייערע כוחות. גיי קלײַב זיך פונאַנדער, ווען אַזוי פיל פאַרדעכטיקע, געהיימע סיגנאַלן דערגייען צו דיר.

איינס איז מיר זיכער: די כינעזישע וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער ייִדישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג איז נישט אומגעוואָרפן, זי שטייט פעסט. ערגער נאָך וואָס מען וויל זיך אײַנרעדן, אַז זי איז פאַרשוונדן.

און ווייסטו וואָס ס'שרעקט מיך צוממיינסטן? דאָס ווילדע, שיין פאַרשלײַערט באַשעפעניש, וואָס מען רופט אינטעגראַציע. ס'איז נישט קיין היגער פּראָדוקט, אָבער, דאָ בײַ אונדז האָט עס אַן אַנדערע קאָליר און אַן אַנדערן ריח. דו, טײַערע סילוויע, קענסט נישט זען און פילן דאָס, וואָס איך, די לעבסט און אַרבעטסט אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל, וווּ עס דערגייט קוים אַ שוואַכער עכאָ פון די באַאומרויִקנדיקע סיגנאַלן.

מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געקנעלט ייִדישע געשיכטע. דו ווייסט אַזוי גוט ווי איך, וואָס ס'איז געווען דאָס פּוילישע ייִדנטום. פון אַלע עקן וועלט האָבן אַמאָל געפלאָסן אַהער ייִדישע שטראָמען. ייִדישע אײַנוואַנדערער פון מזרח און מערב האָבן מיטגעבראַכט אַהער גרויסע ייִדישע גײַסטיקע ווערטן. די אַנטלאָפענע פאַר רדיפות האָבן מיטגענומען מיט זיך די ציוויליזאַציעס און קולטורן פון די העכערע אַנטוויקלטע לענדער און באַפרוכפערנדיק, באַרײַכערנדיק מיט זייער וויסן און שווייס די פּוילישע רוי־ערד, האָבן זיי אײַנצײַטיק געשאַפן אייגנאַרטיקע ייִדישע, ספּעציפיש־אייגענע גרויסע גײַסטיקע און ספּיריטועלע רײַכטימער. דאָ, אויף דער פּוילישער ערד האָט זיך במשך פון איבער טויזנט יאָר צונויפגעגאָסן און צונויפגעשמאָלצן דאָס שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעגעבן

פון זיך אין אַלע פּינות העולם, אָנהייבנדיק פון דעם לאַנד פון די אבות און פון אַלטן בבל. דער שטאָם אין פוילן איז אויסגעוואַקסן צו דער שענ־סטער פלאַנץ אין יידישן גאָרטן און פאַנאַנדערגעשפּרייט זײַנע זוימען אומעטום, ווו יידן האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן.

נעבן טיף פאַרוואָרצלטן נאַציאָנאַלן יידישן בוים, דעם צעבליטן אין אַלע פאַרבן, זענען אָבער אַלע מאָל געווען פאַרשידענע אָפּגעדאַרטע, אָפּגעריסענע צווײַגן און צווײַגעלעך. געווען אַן אַסימילאַציע־צווײַג. און געווען אויך אַ צווײַגל אין גאַנצן אַן אָפּגעבראָכנס: משומדים.

אַסימילירן זיך שפּראַכלעך, קולטורעל, אָננעמען די זיטן און פירעכצן פון דער מערהײַט פונעם פאָלק צווישן וועלכן מ׳האָט געלעבט, איז שטענדיק געווען אַ „נאָרמאַלע" באַגלייט־דערשײַנונג פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. הײַנט האָט עס באַקומען אַ נײַעם פּרצוף און אויך אַ נײַעם נאָמען: אינטעגראַציע. און מיר דוכט זיך אַז די אינטעגראַציע, וואָס מען פּריידיקט בײַ אונדז, איז מער ענלעך צו שמד, ווי צו אַסימילאַציע, פאַרשטייט זיך, אָן די רעליגיעזע און ריטועלע אַקצעסאָריעס.

אין פוילן מער ווי ערגעץ אַנדערש האָט די אַסימילאַציע נישט באַפּרידיקט נישט די הערשנדיקע שיכטן און נישט די קירכע. דער פּוילישער קאַטאָליציזם האָט געזוכט צו געווינען נשמות. די שליאַכטע, אַנדערע אייבערשטע שיכטן, וואָס האָבן זיך בפירוש געגויטיקט אין ייִד, האָבן אים ליבערשט געוואָלט זען אַ געשמדטן ווי אַן אַסימילירטן. נישט אַלע יידן האָט מען געוואָלט פאַרוואַנדלען אין קריסטן, נײן, בלויז די נוצלעכע, די, וואָס האָבן אין אָפּגעשטאַנענעם לאַנד אונטערגענומען צו בויען וועגן, באַנען, פאַבריקן, די וואָס האָבן מיט זייער וויסן און טאַלאַנט פאַרשאַפט פוילן רום איבער דער וועלט.

ווילסט בײַשפּילן? פאַראַן גענוג. נעם אַזאַ באַרימטן מענטש ווי אַלעקסאַנדער קראָוויזהאַר. זע, וויפל מעטאַמאָרפאָזעס. ווי אַ דיכטער און אַסימילאַטאָר האָט ער אין אָנהייב אין זײַנע פּוילישע לידער אַרײַנגעשפּינט יידישע טרוימערישקייט, יידיש געמיט. ווי אַ היסטאָריקער האָט ער זיך דערנאָך געווידמעט צו פאָרשן די געשיכטע פון יידן אין פוילן. האָט זיך אָבער קראָוויזהאַר גיך אַרומגעזען, אַז די שפּראַך, קולטור און זיטן זענען נישט גענוג צו זײַן אַ פולשטענדיק אָנערקענטער פּאָליאַק. פאַרוואָס?

מ׳האָט עס אים אַ סברה געגעבן צו פֿילן. האָט ער קודם איבערגעריסן מיט ייִדישע מאָטיוון אין זײַנע שאַפֿונגען, פֿאַרוואָרפֿן דאָס פֿאָרשן ייִדישע געשיכטע און אָנגעהויבן צו באַשרײַבן דאָס לעבן פֿון גרויסע קריסטלעכע גײַסטלעכע. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען גענוג אַרײַנצוגיין אין דער פּוילישער עדה, הגם ער האָט אָנטיילגענומען אין פּוילישן אויפֿשטאַנד ווי אַן איבערגעגעבענער פּוילישער פּאַטריאָט. ער האָט געדאַרפֿט אַרויסרײַסן פֿון זיך דעם ייִדישן מקור, פֿאַרטרעטן אים מיט אַ קריסטלעכן דורך באַשפּריצן זיך מיטן הייליקן וואַסער. אַלעקסאַנדער קרויזהאַר האָט זיך געשמדט ווען ער איז שוין געווען גענוג דערווײַטערט פֿון ייִדן. דערצו געהאַט דערגרייכט גרויס רום. ס׳האָט שוין געקאָנט זײַן גענוג אויפֿגענומען צו ווערן ווי אַ גלײַכער מיט גלײַכע צווישן פּאָליאַקן. און ס׳איז פּאָרט נישט געווען גענוג. ער האָט געדאַרפֿט מיט שמד באַווײַזן, אַז ער האָט איבערגעריסן מיטן ייִדישן אָפּשטאַם. דעמאָלט ערשט האָט מען גענומען צעפּויקן זײַנע אויפֿטוען אין אויפֿשטאַנד פֿון 1863, דעמאָלט ערשט איז ער געוואָרן אַ פֿאַרדינסטפֿולער, הונדערטפּראָצענטיקער פּאָליאַק.

דער טאַלאַנטירטער ליטעראַטור־פֿאָרשער, דער ייִד ווילהעלם פֿעלדמאַן, איז געווען גענוג אַסימילירט אי שפּראַכלעך, אי קולטורעל צו קאָנען געהערן צו דער פּוילישער געמיינשאַפֿט. צוואָס האָט פֿעלדמאַנען געטויגט אויף די עלטערע יאָרן דער שמד? צוליב איבערצײַגונג? צוליב אַנטציקונג פֿאַר דער קאַטוילישער קירכע? אַ גרויסער ספֿק. ער האָט געדאַרפֿט האָבן אַ ביילעט, ווי דאָס האָט געהאַט געזאָגט היינריך היינע, פֿרײַ אַרײַנצוגיין אין דער פּוילישער עליטאַרער געזעלשאַפֿט. כּדי צו זײַן אַן אמתער פּאָליאַק האָט דער אַסימילירטער, אָפּגעפֿרעמדטער ייִד געדאַרפֿט נישט נאָר זיך צונויפֿשמעלצן מיטן פּוילישן גײַסט, מיט דער שפּראַך און קולטור, נאָר אויך מיט דער רעליגיע פֿון לאַנד, מיטן קאַטאָליציזם, ווי אַ גאַראַנטיע, אַז ער האָט אַרויסגעריסן פֿון זיך דעם ייִדישן שורש.

צו ווערן אַ פּאָליאַק, אָדער פּשוט אַ גלײַכער מיט גלײַכע, האָט אַמאָל אַ ייִד געדאַרפֿט זיך אָפּמעקן, אויסטוישן זיך אויף אַ קריסט. אַ געשמדטער ייִד האָט אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט געהאַט דאָס באַגרינדעט פּסיכאָלאָגיש. זײַן נאָמען איז געווען, אויב די דערמאָנסט זיך, אַנדזשע בוימפֿעלד. האָט דער דאָזיקער בוימפֿעלד, ווי עס געשעט בײַ משומדים,

געפּרעדיקט אין הסכם מיטן קלויסטער, אַז אַ ייִד און אַ פּאָליאַק, וואָס מיינט אַ פּוילישער גלײַכבאַרעכטיקטער בירגער, גייט נישט צוזאַמען. אָדער - אָדער. איז מען אַ ייִד, איז מען נישט קיין פּאָליאַק, אַפילו ווען מ'איז פולשטענדיק אַסימילירט. אַ פּאָליאַק הייסט זײַן אַ קריסט.

ציטירן בײַשפּילן פון יחידים וואָלט מען געקאָנט אָן אַ סוף. און נישט נאָר פון יחידים מיט בילדונג, פון העכערע ספערן. דו ווייסט דאָס, טײַערע סילוויע, אַזוי גוט ווי איך, אַז אויך גרויסע סוחרים, אונטערנעמערס, קרעטשמערס האָבן זיך בײַ געוויסע אומשטענדן געשמדט, ס'איז געווען אַ פּרײַז פאַרן זײַן אַ גלײַכער מיט גלײַכע. אָפטמאָל האָט עס זיי באַזונדערס גע־לוינט. מ'האָט אַמאָל פאַרן שמד געגעבן אַ הערב, אַרײַנגענומען אין דער שליאַכטע, געגעבן אַרענדאַרן ערד. טײלמאָל איז אַזעלכער געוואָרן אַ פּוי־לישער ריטער, געטראָגן אַ שווערד, אָנטײלגענומען אין אַ יאַגד־„פאַרווײַ־לונג", באַקומען שליאַכעצקע פּריווילעגיעס.

צוואָס איך מיש אויף אַזאַ אַלט בלעטל? צו מאַכן אַ פאַרגלײַך, אויס־צוגעפינען ענלעכקייטן צווישן יענע אַזוי אַנדערשדיקע צײַטן און דער איצטיקער. עס זעט דיר אפשר אויס משונהדיק? אַנו, לאָמיר אַוועקנעמען די היסטאָרישע ראַם. די געשיכטלעכע סצענאַריע מיט די רעליגיעזע און שליאַכעצקע שטיק. לאָמיר מיט אַ ניכטערן קאָפּ, מיט אָפענע אויגן באַ־טראַכטן, צוקוקן זיך צו די אַלע נישט ייִדישע ייִדן בײַ אונדז, צו די אַלע פון די „אַפּאַראַטן", פון פאַרשידענע מיניסטעריומס, אַדמיניסטראַציעס, צו די אַמאָליקע אַסימילאַטאָרן און צו די פריש־געבאַקענע פאַר וועלכע די נײַע געזעלשאַפט, די סאָציאַליסטישע רעגירער האָבן געעפנט די טירן. צי לאָזט מען זיי אַרײַן אָן באַדינגונגען? ווי ייִדן־פּאָליאַקן? נויג צו דאָס אויער, מײַן ליבע סילוויע, און הער זיך אײַן: „קומט אַרײַן, מ'דאַרף אײַך, עס פעלן אויס הענט און מוחות. איר זענט נוצלעכע מענטשן פאַרן נײַעם רעזשים. נאָר זײַט-זשע מוחל, ענדערט אײַערע נעמען; מ'וועט זיך מטריח זײַן פאַר אײַך און מאַכן נײַע מעטריקעס. מ'וועט גאָרנישט קאַרגן פאַר אײַך. מ'וועט שאַפן אַ ספּעציעלן אַמט דערצו. אין די מעטריקעס וועט מען אויך ענדערן די נעמען פון אײַערע געשטאָרבענע אָדער פּאַרטיליקטע טאַטע־מאַמע. נישט נאָר איר, נאָר אויך זיי נאָכן טויט, די אין די קברים און די וועמענס אַש פון די פאַרברענטע לײַבער האָט צעטראָגן דער פּוילישער

ווינט, מוזן ווערן אמתע פּאָליאַקן, פּאָליאַקן־אַריער. אײַער פּוילישקייט מוז זײַן אַ ריינע, אָן אַ פלעק, אָן אַ זכר פון יידישער אָפּשטאַמונג״.

וועסט מיר אפשר זאָגן, סי׳וויע מײַנע, אַז קיינער אויסער מיך, האָט אַזוי נישט געזאָגט. נו, יאָ. די ווערטער זענען מײַנע. דער אינהאַלט, דער פּאַקט גופא, איז נישט דורך מיר אויסגעטראַכט. אַזוי זעט עס אויס אין דער נײַער ווירקלעכקייט. אַזאַ איז די פּראַצעדור. איך בין אַ לעבעדיקער עדות ווי אַזוי מען גייט דורך די פּראַצעדור. דער ייִד־פּאַליאַק ווערט אַ פּאָליאַק־אַריער, פּונקט ווי ער איז אַמאָל געוואָרן אַ פּאָליאַק־קריסט. קיין אַרישע טראַדיציעס, מנהגים זענען בײַ אונדז נישטאָ, אָבער קריסטלעכע יאָ. צו ווײַנאַכט מאַכט דער פּריש־געבאַקענער פּאָליאַק־אַריער אַ גרעסערן און שענערן וויינאַכט־בוים, גרייט צו די ווײַנאַכט־סעודה גענוי לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע, ער יומטובט אַלע קריסטלעכע יום־טובים, פּונקט ווי זײַנע פּוילישע חברים און שכנים, ס׳זאָל חס וחלילה נישט פאַלן אויף אים קיין חשק, אַז ער איז ניט קיין פולער, הונדערט פּראָצענטיקער פּאָליאַק. ער היט זיך צום גרעסטן טייל אויס, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט דער־ווּיסן וועגן זייער אָפּשטאַמונג, וועגן אַמאָליקע אייגענע טראַדיציעס. מ׳רײַסט אויס מיטן וואָרצל דעם ייִדישן שורש פּונקט ווי אַמאָל דער נעאָפיט. ס׳געשעעט אָפט, אַז מען מײַדט אויס צו קומען אין באַרירונג מיט ייִדישע ייִדן, מיט די „געטאָ־ייִדן״. און דאָך, דאָך, פאַרברענגט מען נאָך דער אַרבעט צום גרעסטן טייל צווישן „אייגענע״, צווישן די נײַ־געבאַקענע פּאָליאַקן־אַריער, פּונקט ווי די אַמאָליקע נעאָפיטן פלעגן ס׳רוב פאַרברענ־גען צווישן זיך. עס שאַפן זיך זײַטיקע „אייגענע״ קרײַזן, הגם בײַ די נײַע פּאָליאַקן־אַריער זענען פאַראַן אַ סך געמישטע חתונות, הגם אי די יחידים, אי די קרײַזן ווילן זיך אויפלייזן אין דער אַלגעמיינער פּוילישער געמיינשאַפט, גאַרן אָפּגעווישט צו ווערן, צונויפגיסן זיך, אויסקאָכן זיך אין פּויליש־אַרישן קעסל, נאָר די טעמפּעראַטור פון קעסל איז אַ נידעריקע, די אַטמאָספער אַ קאַלטע. עס קאָכט זיך אַזוי גלײַכט נישט איבער. די מאָדער־נע נעאָפיטן ווערן נישט לײַכטער אַבסאָרבירט ווי די אַמאָליקע.

דער פראַנצויזישער פילאָזאָף האַנרי לעפעוור האָט געשריבן, אַז נישט די געשיכטע מאַכט די רעוואָלוציע, נאָר פאַרקערט, די רעוואָלוציע מאַכט געשיכטע. אונדזער רעוואָלוציע מאַכט נישט נאָר משונהדיקע, נײַע גע־שיכטע, נאָר זי חזרט אויך איבער אַלטע עפּיזאָדן. כ׳האָב מורא, אַז זי

קאָן איבערחזרן מ׳אויסע בלעטלעך פון דער געשיכטע. צי דערמאָנסטו דיך ווי מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געלייענט — איך האָב שטענדיק פון דער לעקטור געמאַכט נאָטיצן, דו האָסט אָבער געהאַט אַ גוטן זכרון — ובכן, צי דערמאָנסטו דיך וועגן אַ דעבאַטע אין פוילישן סיים אין 1764? די אַדע־ליקע פאַרשטייער האָבן אויפגעוויזן מיט רוגזה, אַז אין גאַנץ פוילן קומען אויף נעאָפיטן, וואָס האָבן די חוצפה „אַ דאַנק זייער איינגעבוירענער פּי־פּיקייט אויסצוציִען די הענט צו שליאַכעצקע פּריווילעגיעס, צו ערד־גיטער, צו מלוכה־שטעלעס...״

מיר, די יונגע אַדלערס, האָבן דעמאָלט געחוזקט פון דער אומקאָנ־סעקווענטקייט פון דער פּוילישער שליאַכטע, ווײַל זי גופא צוזאַמען מיטן קלויסטער האָט דאָך צוגעזאָגט פאַרן שמד פּריווילעגיעס און געעפנט די טירן צו פאַרשידענע שטעלעס.

צי קאָן אַמאָל נישט דערגיין דערצו, מ׳זאָל הן די הײַנטיקע נעאָפיטן, הן די ענטוזיאַסטישע בויער פון אַ נײַ יידיש לעבן דערמאָנען, אַז מיט זייער „איינגעבוירענער פּיפּיקייט״ האָבן זיי צופיל אויסגעשטרעקט די הענט...?

איך זע דײַן פּנים, סילוויע, ווען דו לייענסט די שורות. פרעגסט מסתמא פון וואַנען ס׳קומט צו מיר אַזאַ שוואַרצע נביאות? קיין שום נביאות. איך אָבסערווירן, אַנאַליזיר, ווי דו, נאָר דו האָסט אַ מעגלעכקייט דאָס צו טאָן בלויז פון איין ווינקל, דערצו אַ פאַרמאַכטן. מיר איז באַשערט צו קאָנען אומעטום אַרײַנשטעקן די נאָז, אַרײַנשמעקן. כ׳האָב געפילט מיט וואָסער אומרו דו האָסט מיר דערציילט וועגן ענדערן דיר די אַרבעט. פון אַ העכערן ראַנג אויף אַ נידעריקערן צוליב דײַן אייגענער אינטערפּרע־טאַציע פון געוויסע געשיכטלעכע עפּיזאָדן. ווי זאָל מען נישט אַלאַרמירט זײַן, ווען מען שטעלט שטילערהייט דעם און יענעם איבער אָן שום אַנ־דערער סיבה ווי צוליב דער אָפּשטאַמונג? און פאַרוואָס די געהיימע פאַ־דערונג זיך צו פאַרשטעלן, ווען מען דאַרף אַרײַנגיין אין דער נײַער געבײַדע?

ווען מען פאַרבעט אויפריכטיק עמעצן צום טיש, ווען מען עפנט מיט אמתער פרײַנדשאַפט די טיר פאַר יענעם, שטעלט מען נישט קיין באַדינ־גונגען, פאָדערט מען נישט ער זאָל קומען אין דער געזעלשאַפט אין אַזאַ אָדער אַן אַנדערן מלבוש, ער זאָל זיך מאַכן אַן אַנדערע פריזור, אָדער אַ

קאָסמעטיק צום פּנים. דערהויבט מען זיך יאָ צו שטעלן אַזעלכע באַדינ־גונגען, אָדער אַפילו בלויז צו געבן אַזעלכע אָנצוהערענישן, מוז זיך דער־וועקן אַ חשד, אַ מורא, אַז מ׳זאָל ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט דעם פאַרבעטענעם, אונטער אַ וועלכן ס׳זאָל נישט זיין פּרעטעקסט אַרויס־בעטן צוריק, אָדער גאָר אים זאָגן פּאַשאָל.

אפשר זענען מיינע ווערטער צו האַרב, צו ברוטאַל, איך באַנוץ זיי צוליב אַן אינערלעכער באַדערפעניש אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס דריקט, וואָס ליגט ווי אַ שווערער שטיין אויפן האַרץ. ס׳קומט פון די פּיינלעכע רע־יונות, אַז די שוואַכינקע, פאַרבליבענע אין די טיפענישן וואָרצלען פון איסגעשניטענעם, אויסגעברענטן יידישן בוים זאָלן ביסלעכווייז נישט אויסגעריסן ווערן.

איז נעם מיר נישט פאַר אומגוט, ליבע סיוויע, מיין לאַנגן און נישט פריילעכן מאמר. איך בעט דיך אויך מיין בריוו קיינעמען נישט צו געבן צו לייענען. צערייס. אומבאַדינגט. טו נישט ווי איך. ביי מיר איז דאָס זאַמלען פּאַפּירלעך פון אַ געוווינהייט געוואָרן אַ מאַניע, צו מיינע פּאַפּיר־לעך אָבער האָב בלויז איך גופא אַ צוטריט.

שרייב ווי ס׳גייט דיר ביי דער נייער אַרבעט. פּרווו נישט ענטפערן אויף מיין לאַנגן בריוו. ס׳וועט זיין אַ געלעגנהייט צו שמועסן.

מיט ליבשאַפט און צוטרוי

דיין אַנעט״.

קאַפּיטל 4

מאַרעק איז אַהיים געקומען מיט אַ צווייטער שעהדיקער פאַרשפּעטיקונג. אַנעט האָט געזאָלט אים מאַכן אַ פאָרוואורף. פאַרוואָס האָט ער נישט געקלונגען ווי געוויינלעך, ווען ער פאַרהאַלט זיך ביי דער אַרבעט, אָדער בלייבט אויף אַ זיצונג. זי האָט אַ קוק געגעבן אויף אים און נישט דערמאָנט וועגן דער פאַרשפּעטיקונג. דאָס פּנים בלייך, אויסגעצויגן, די אויגן קוקן זייטיק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסמיידן דעם ווייבס בליקן. די שראַם אויפן פּנים בולטער ווי געוויינלעך. ער האָט אַנעטן אַ קוש געגעבן בלויז אין שטערן. זי האָט ערשט באַמערקט אויף זיין מאַנטל שפּורן פון רעגן.

— ביסט געקומען צופוס?

— דורכגעגאַנגען זיך. כ'האָב שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. כ'מוז אַ ביסל אָפּרוען.

ער איז אַריין אין שלאָף־צימער, צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. אַנעט האָט דיסקרעט אים נאָכגעפאָרשט. ער האָט זיך נישט געלייגט, נאָר מיט שטילע טריט געשפּאַנט הין און צוריק. זי האָט צוגעוואַרט, דערנאָך אַריין צו אים.

— ס'קאָן ווייטער אַזוי צווישן אונדז נישט זיין.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערנענטערט זיך צו איר און צוגעטראָגן איר האַנט צום מויל.

— כ'וויל וויסן, וואָס ס'איז היינט געשען. אַז ס'איז עפּעס פאָרגעקומען מיט דיר, זע איך. האָסט מיר נישט דערציילט פון דאָרט. איך בין מער נישט צוגעשטאַנען. וואָס ס'קומט איצט פאָר, וויל איך וויסן גענוי.

— מ'האָט מיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט.

— ווען?

— הײַנט אינגדערפרי.

— און דעם גאַנצן טאָג ווו ביסטו געווען?

— געווען אַרויסגערופן, אויסגעפרעגט, געשריבן באַריכטן...

— וועגן וואָס? וואָס איז געשען?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, כ׳וועל באַקו־מען עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט. כ׳וועל מער נישט זײַן לייטער פון כעמישן אינסטיטוט און נישט מיטגליד פון דער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע. כ׳דאַרף נאָך צושטעלן אַ צווייטן באַריכט, אַ ביאָגראַפיע.

— צוליב דער נײַער אַרבעט..?

— צוליבן סלאַנסקי־פּראָצעס, צוליבן אורטייל...

— וואָס האָסטו צו טאָן מיטן סלאַנסקי־פּראָצעס?

— געהאַט אַמאָל געטראָפן זיך מיט אים אין פראַנקרײַך, מיט פיליפּן אין מאָסקווע, באַלד פון אָנהייב. זיי האָבן דאָס באריכות דערציילט. ס׳איז אָנגעקומען דערוועגן אַ באַריכט. יענע האָבן זיך מודה געווען... אין אַלץ, אין וואָס מען באַשולדיקט זיי. געמוזט הײַנט געבן באַשרײַבן אַלע אונ־זערע אַמאָליקע באַגעגענישן.

— דו גלייבסט אין דעם, וואָס מען... אין וואָס מען באַשולדיקט זיי?

אַ שטילשווײַגן.

— איך פרעג צי דו גלייבסט?

— ס׳אַנסקין געזען בלויז איין מאָל, געשמועסט אפשר אַ שעה. ער האָט געמאַכט אויף מיר נישט דעם בעסטן אײַנדרוק. אַ טרוקענער מענטש. מיט פיליפּן געווען באַפרײַנדעט. אַ האַרציקער בחור געווען. כ׳האָב אים ליב באַקומען.

— איך בעט דיך נישט קיין כאַראַקטעריסטיק וועגן זיי. איך פרעג דיך צי דו גלייבסט אין דער באַשולדיקונג?

— און דו?

— נישט אַלע מאָל איז גוט צו ענטפערן מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.

זי האָט באַלד שטיל צוגעגעבן:

— די גאַנצע זאַך זעט מיר אויס אַ טײַוולאָנישער פּלאַנטער; ס׳דרייט זיך פון דעם דער קאָפּ. איך באַנעם גאָרנישט. ס׳ווילט זיך נישט גלייבן. מענטשן, וואָס האָבן מיט לײַב און לעבן...

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, געאַמפּערט זיך מיט זיך גופא, גע־וואָלט זיך גופא קלאָר מאַכן.

— ווייסט פאַרוואָס די גאַנצע זאַך איז מיר אַזוי פאַרדעכטיק? ייִדן... ציוניסטן, דער אַנטיסעמיטישער געשטאַנק. אָן דעם וואָלט איך אפשר גע־גלייבט ווי אַלע. וואָס פאַראַ ייִדן זענען געווען סלאַנסקי, פּיליפּ? זיי אַליין האַלטן זיך נישט פאַר אַזעלכע. פאַרוואָס פּויקט מען כסדר, אַז זיי זענען ייִדן? אָן דעם וואָלט איך אפשר אויך צוגעוואָרפן אַ שטיין. דער פאַרדאַכט האַלט אָפּ, לאָזט נישט רוען.

איר שטימע איז געווען פאַרהוילן, אײַנגעלאָשן, אַזוי ווי מען פלעגט מיט יאָרן צוריק רעדן אין אַ געהיימען צימער, אין אַ באַהעלטעניש, דער קלאַנג זאָל זיך נישט פאַנאַנדערגיין. זי האָט אַ קוק געכאַפּט אויף מאַרעקן און צוריק אָפּגעריסן די אויגן, אָנגעהויבן שטאַמלען:

— לאָזט מיך רעדן און אַליין זאָגסטו גאָרנישט. האָסט מיר נישט געענטפערט אויף מײַן פראַגע צי דו גלייבסט.

ער האָט ווײַטער געשוויגן.

— אויב גלייבן אין דעם איצט, וואָלט איך דאָך געדאַרפט גלייבן, אַז סעוועק, ריטע און אַנדערע... און דו? האָסט מיר געזאָגט ביסט געווען אַ סך יאָרן איזאָלירט. צי ווייס איך פאַרוואָס? וואָס איר האָט דעמאָלט...?

מאַרעק האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן, אַרײַנגעקוקט איר אין פּנים, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט עפּעס אויסטערלישעס.

— שרעק דיך נישט. ס'איז נאָר אַזאַ פאַרגלײַך. וואָסערע זינד מען וואָלט דיר נישט האָבן פאַרגעוואָרפן, וואָלט איך נישט... וואָס מ'זאָל דיר נישט צוטשעפּען אויפסנײַ, וועל איך נישט...

— מען טשעפּעט מיר גאָרנישט צו. דאָס אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט איז גיכער אַ פאָרמאַליטעט. זיי האָבן באַריכות דערציילט וועגן אונדזערע פאַרבינדונגען. ס'איז געקומען אַהער אַ באַריכט וועגן דעם. מ'האָט מיך נישט געקאָנט לאָזן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן. נישט נאָר זיי האָבן זיך מודה געווען, נאָר זייערע נאָענטסטע, דאָ אַ זון, דאָ אַ פרוי, אַ קרובֿ האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי...

— איז דאָס נאָך ערגער. מען מאַכט פון אַ מענטש אַ מאַלפּע, אויס מענטש. איך ווייס נישט צי די פאַרמשפּעטע.. צי זיי זענען באַגאַנגען

פאַרברעכנס צי נישט, אָבער אַ זון זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ פאָטער, אַ פרוי פון אַ מאַן און העלפן דערמיט זיי שיקן צו דער תליה... ניין, עפּעס איז נישט אין אָרדענונג אין דענישן קעניגרײַך. ווייסט וואָס? איך זע לעצטנס טיילמאָל אין חלום דאָס געשפּענסט פון האַמלעטס קעניגלעכן פאָטער, פון שעקספּירס אַנדערע פאַרשווינען.

מאַרעק איז שוין געהאַט אַ ביסל צו זיך געקומען. ער האָט בלאָס אַ שמייכל געטאָן:

— דו פּאַסט זיך פאַר אַ האַמלעט.

— כ'בין גיכער אַן אָפעליאַ. מ'קאָן ווי זי אין דענישן קעניגרײַך אַראָפּ פון זינען.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צום מאַן, אָנגעבויגן זיך צו אים.

— מאַרעק טײַערער, איך קאָן דאָ נישט לעבן. מיך אַרט נישט וואָס דו וועסט נישט זײַן הויך אויפן לייטער, איך קאָן באַשטיין זאָלסט פאַרגע־מען אַ גאָר נידעריקן פּאָסטן, נאָר איך שטיק זיך, עס וואַרגט מיך. כ'האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן, איצט וויל איך נישט אויסבאַהאַלטן. איך הער נישט אויף צו זוכן אַ וועג מיר זאָלן אַנטרונען ווערן פון דאַנען. כ'ווייס, ס'איז זייער אַ שווערע זאַך. לאָמיר כאָטש צוזאַמען טראַכטן דערוועגן. מיר דוכט זיך, אַז דו... אָדער מוזט שפּילן פאַר מיר אַ ראָל, אָדער ביסט אַזוי ווי... כ'קאָן נישט מער. ווען מיר וואָלטן כאָטש ביידע צוזאַמען...

די טרערן האָבן אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ פאַרשטיקטן געוויין. מאַרעק האָט זי צוגעדריקט צו זיך, אַרײַנגע־שעפּטשעט אין איר:

— מײַן אָרעם קינד. איך בין שולדיק, פאַרשולדיקט זיך לגבי דיר. נישט געדאַרפט דיך דאָ פאַרהאַלטן. כ'בין געווען אַן עגאָיסט. נישט גע־וואָלט דיך פאַרלירן. איצט צו שפּעט. ווען איך וואָלט געקאָנט ענדערן, כ'וואָלט פון דער וועטנס נישט אויפגעהערט דיך ליב צו האָבן. ס'איז שוין געשען, צוריקציִען קאָן מען נישט. דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן, וואָס מען מוז איז, דו זאָלסט אויפנעמען זאַכן ווי זיי זענען. כ'וועל איצט האָבן מער צײַט, וועסט קאָנען מאַכן עפּעס אַן אַרבעט פאַר דיר גופא... מיט אי־בערזעצונגען אין די אָוונטן וועל איך לײַכט דערגאַנצן דעם פאַרדינסט.

— כ'וויל נישט! איך זוך נישט קיין לײַכט לעבן! איך וויל לעבן ווי אַ מענטש. דאָ ווערט מען אויס מענטש. דער סלאָנסקי־פּראָצעס האָט...

זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט צו הויך. מאַרעק האָט איר פֿאַרמאַכט דאָס מויל מיט אַ קוש. נאָכן אויסברוך איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַפּאַטיע.

איין וויטיק פֿאַריאָגט אַ צווייטן. זײַן פֿריערדיקע צעקלעמטקייט איז אָפּגעטראָטן. ער מוז זיך איצט פֿאַרנעמען מיטן ווײַב, באַשיצן זי, אָפּרײַסן זי פֿון אירע שוואַרצע טראַכטענישן. ער דאַרף זי צובינדן צו עפּעס, צו זיך גופֿא. זי איז אים איצט נויטיק מער ווי שטענדיק.

דער טאָג איז אָפּגעפֿלאָסן ווײַט. ס׳איז פֿאַרבליבן פֿון אים אַ צעקרומטער שאָטן. די נאַכטיקע שטילקייט האָט געבראַכט אַ לינדערונג. מאַרעק האָט באַגערט צו שטאַרקן אַנעטן מיט זײַנע צערטלעכקייטן, פּונקט ווי ער גופֿא געפֿינט אין זיי אַ שטאַרקונג. פּלוצלינג האָט זיך אָפּגערופֿן בײַ אים אַן אַלטע בענקשאַפֿט צו האָבן אַן אייגן קינד.

— ווילסט מיר נישט געבן קיין קינד? כ׳האָב זיך אַמאָל געשראָקן, אַז איך וועל נישט קאָנען האָבן דאָס גליק... כ׳בין גיך צוריק געוואָרן אַ געזונטער, נאָרמאַלער מאַן, ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט נאָך דעם אַלעמען... טראָץ דעם אַלעמען... אַ קינד פֿון דיר און מיר...

— נישט דאָ. כ׳וויל אַוועק פֿון דאַנען. כ׳וועל זוכן אַ וועג, פֿאַר דיר און פֿאַר אונדזערע ביידע קינדער אויך.

— אַנוש, מײַדעלע מײַנס, לאָמיר לעבן מיט אונדזער ליבע, לאָמיר געפֿינען אין איר אַ שוץ און אַ טרייסט.

זי האָט שווער אָפּגעזיפֿצט. די שטיקעניש אין האַלדז האָט זי געמאַכט שטייף, ווי אַן אײַנערלעכע קעלט וואָלט פֿאַרפֿרוירן אירע גלידער. אין קאָפּ האָבן זיך אומאויפֿהערלעך געפֿלאָנטערט געדאַנקען, געפּלאָטערט ווי פֿייגעלעך אין אַ פֿאַרמאַכטער שטײַג. זי האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אים און אויסגעדרייט צו דער וואַנט. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר. זײַנע צערטלעכקייטן האָבן זי איצט אײַנגעוויגט. די רעיונות האָבן אָנגעהויבן אָפּרײַסן זיך איינע פֿון די אַנדערע, אויסרונען. זי איז אײַנגעשלאָפֿן.

צו אים איז דער שלאָף נישט געקומען. די צעקלעמטקייט האָט זיך צוריקגעקערט.

מאַרעק איז שווײַגנדיקער און בלאַסער געוואָרן. צו דער אַרבעט איז ער געפֿאָרן מיטן טראַמווײַ. דער אויטאָ איז מער נאָך אים נישט געקומען.

ער האָט געפּרוּווט זיך שטופּן ווי אַנדערע, מען האָט אים אָבער אַלע מאָל אָפּגעשטויסן. ס׳זענען דורך דריי־פיר טראַמוויַיען ביז ער איז איַינגעשטיגן. אין אָוונט האָט ער זיך פאַרנומען מיט די יינגלעך, געהאָלפן ביַי דער ווירטשאַפט, קיין הויז־פרוי האָט מען מער נישט געהאַלטן. ביז שפּעט ביַינאַכט האָט ער געמאַכט איבערזעצונגען. ער האָט אויסגעזען צו זיַין רויק, ווי אַ מענטש, וואָס איז צופרידן צו קאָנען אויספילן זיַינע פליכטן. אין איינעם אַן אָוונט האָט אַנעט אים מודיע געווען:

— איך באַקום מער אין ערגעץ נישט קיין שום איבערזעצונג. איך זוך זינט עטלעכע חדשים אַרבעט, וואָסערע ס׳זאָל נישט זיַין, כ׳האָב אויסגעפילט איבער אַ צענדליק אַנקעטעס, באַלייגט אומעטום מיַין ביאָגראַפיע. קיין שום ענטפער נישט. זעט אויס כ׳בין ווי דאָקטאָר פאַזנער אַ פאַרשיווע שעפּס.

— וואָס דו באַקומסט נישט קיין אַרבעט צו פאַרדינען איז מיַין קלענסטע זאָרג. וואָלסט זיך נאָר נישט אָפּגעגעסן די גאַל. און נישט גערעדט, וואָס מען דאַרף נישט. כ׳האָב דיר געזאָגט, טראַכט ווי דו ווילסט, נאָר האַלט דאָס פאַר זיך.

— איך פאַרטראָג נישט קיין היפּאָקריזיע, קיין היפּאָקריטן.

— איך בין דען אַ היפּאָקריט?

— ניין, אָבער זאָגסט דאָך נישט וואָס דו טראַכסט. איך ווייס ס׳איז דאָ ערגערס. מען זאָגט דאָס פאַרקערטע וואָס מען טראַכט. דו געהערסט צו דער קאַטעגאָריע, וואָס האַלטן, אַז שוויַיגן איז גאָלד, שוויַיגן אויס מורא.

— האַלסט מיך פאַר אַ פּחדן?

— ניין! דערפאַר פאַרשטיי איך דיך נישט. באַהאַלטסט אויס אַפילו פאַר מיר.

— פאַראַן ציַיטן ווען מען מוז שוויַיגן. און פאַראַן זאַכן, וואָס מען טאָר נישט דערציילן. צי דאַרף אַ דאָקטער דערציילן זיַין פּאַציענט, אַז די קראַנקייט, וואָס ער מאַכט דורך איז אַ שווערע, אַ געפערלעכע? דו וועדסט קראַנק פון דעם אַלעמען. וואָלסטו נישט געווען אַזוי אַלערגיש, וואָלסט פאַרמאָגט אַ ביסל ווידערשטאַנד, וואָלט אַנדערש געווען. ביַי דער מינדסטער זאַך ציטערסטו אויף, אַ שטייגער זונטיק אויפן שפּאַציר.

— ביַי דער מינדסטער זאַך? אַ מינדסטע זאַך, ווען שוואַרצער איז מיך אָנגעפאַלן פאַרוואָס כ׳האָב מיט שמולעקן גערעדט יידיש?

צוליב שוואַרצערן איז שוין אַמאָל געווען אַ סכסוך. ער האָט זיי גע־האָט אָפּגעשטאָט אַ וויזיט, דערזען אַנעטס יידישע ביבליאָטעק און אויס־געשריען:

— דאָס אַלץ מוז זיין ביי אייך פון אויבן אָן?

אַנעט האָט אים דעמאָלט געפרעגט צי יידישע ביכער זענען פאַר־באָטן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. פון וואָרט צו וואָרט, זיי האָבן זיך ניש־קשהדיק צעוורטלט. לאַנג נאָך יענער קריגעריי איז שוואַרצער צו זיי נישט געקומען. זייער באַגעגעניש זונטיק אינדערפרי איז געווען אַ צופע־ליקע. ער האָט זיך דערפרייט מיט זיי. זיי האָבן שפּאַצירנדיק געשמועסט געמיטלעך. מיטאַמאָל איז פון דער מאַסע שפּאַצירנדיקע אַרויסגעשווומען שמולעק, אַ באַשיידענער שניידער־אַרבעטער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו. אַנעט קומט אָפּט צו אים אָן. ער באַנייט אירע יינגלעך. זי האָט אים גערן. ער האָט עס איר דער ערשטער דערציילט דעם וויץ: „דו אַרבעטסט? טאָ פון וואָס לעבסטו?" צו לעבן מאַכט ער אַ שטאָך אין שטוב, נאָך דער אַרבעט, נייט ביז שפּעט אין אָוונט. איצט דאַרף אים טאָקע אַנעט עפּעס אויפצו־נייען. זי רעדט מיט אים שטענדיק יידיש. שוואַרצער האָט פאַרגעסן דעם אַמאָליקן אָפּשניט, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען, און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ מאַניפעסטאַציע מאַכט איר דאָ? איר מוזט אין דער עפנטלעכקייט זיך אַרויסשטעלן מיט אייער יידיש?

שמולעק איז גלייך איבערגעגאַנגען אויף זיין צעבראָכענעם פּויליש. אַנעט האָט אויף צו להכעיס שוואַרצערן אים גופא אָפּגעענטפערט אין יידיש און פאַרגעזעגנט מיט שמולעקן. דער שפּאַציר איז געווען אַ פאַר־שטערטער. אָבער נישט אַנעט און נישט מאַרעק האָבן דערנאָך דערמאָנט דערוועגן.

איצט האָט ער יאָ דערמאָנט יענעם אינצידענט.

— ביסט נישט גערעכט לגבי שוואַרצערן. באַדסט אים אָפּ יעדעס מאָל דעם קאָפּ. ער איז נישט דער איינציקער, וואָס זשעניערט זיך אין דער עפנטלעכקייט צו רעדן יידיש. דו מיינסט, אַז דיין שמולעק איז נישט זשעניערט געווען?

— נישט אמת!

זי האָט גלייך זיך פאַרכאַפּט:

— זאָל זיין, אַז ס'איז אמת. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? כּסדר דאָס זעלבע. כּסדר אַנטדעקסטו זאַכן, וואָס זענען אַלעמען באַקאַנט. די קומסט אין אַ ייִדיש־רעדנדיקער סביבה און איך ווייס, אַז יענע מענטשן רעדן נישט קיין ייִדיש אויף דער גאַס. נע־מען נישט אַרויס אין טראַמוויַ, אין אויטאָבוס, אַ ייִדישע צײַטונג.

— איך ווייס דאָס בעסער פֿון דיר. אַ ייִדישער מענטש וואָגט נישט מיטצונעמען אין אַן אָפּרו־הויז אַ ייִדיש בוך. מען ברעכט זיך די ציין צו רעדן צווישן זיך פּויליש, ווען מען איז אויסער דער אייגענער סביבה. כ׳האָב באַגעגנט אין דער קאַפּע פֿון „אַרביסס״־האָטעל דעם אַלטן זײַנוויל. ער איז ווי איך געקומען עמעצן אָפּוואַרטן, צוגעזעצט זיך צו מיר און אָנגעהויבן גלײַך רעדן אין זײַן צעקאָליעטשעטן פּויליש. פֿאַרוואָס האָט זײַנוויל, דער אַמאָליקער ייִדישער אַרבעטער־טוער מורא, אָדער ווי דו זאָגסט זשענירט זיך, מיט אַ ייִדיש וואָרט? פֿאַרוואָס?

— האָב טענות צו זײַנווילן.

— נישט זײַנוויל איז שולדיק אין דעם און נישט די אַלע אַנדערע. שולדיק איז... דו ווייסט ווער, ווייסט ווי אַזוי ס׳ווערט געשאַפֿן אַן אַט־מאָספֿער. פֿרעג איך פֿאַרוואָס אַזאַ אַטמאָספֿער? אין אַנטיסעמיטישן, האַלב־פֿאַשיסטישן פּוילן האָט מען געוואָגט צו רעדן ייִדיש אַפֿילו צווישן די אַנטיסעמיטן. פֿאַרוואָס וואָגט מען הײַנט נישט צו רעדן ייִדיש אַפֿילו נישט צווישן קאָמוניסטן. קלער מיר אויף די רעטעניש.

מאַרעק האָט געהויבן מיט די אַקסלען. דערנאָך מיט אַ שמייכל איר געענטפֿערט:

— איך האַלט דיך פֿאַר גענוג אינטעליגענט אַליין צו קענען פֿאַר־טײַטשן די רעטעניש.

— זאָל מען אָננעמען, אַז איך פֿאַרטײַטש מיר אויף מײַן אופֿן די רע־טעניש. איך וויל אָבער וויסן ווי אַזוי דו פֿאַרשטייסט דאָס. זאָגסט מיר שטענדיק, אַז מיר דאַרפֿן צוזאַמען קאָנען... צוזאַמען... איינער בײַם אַנ־דערן געפֿינען אַן אָנשפּאַר. וויל איך וויסן וואָס דו טראַכסט וועגן זאַכן, וואָס לאָזן מיך נישט רוען.

— ווייסט דען נישט וואָס איך טראַכט? איך בין נישט אַזוי עלאָק־וועגט ווי דו. ס׳איז אי אַ חסרון, אי אַ מעלה. דײַנע פֿראַגן מאַטערן מיך אויך, און נישט נאָר אונדז ביידע. יעדערער זוכט דאָס צו פֿאַרענטפֿערן אויף זײַן אייגענעם אופֿן.

— טאָ ענטפער מיר אויף דער האַרבער שאלה אויף דײַן אײגענעם אופן.

מאַרעק האָט געקנייטשט דעם שטערן, באַכגעטראַכט פּונקט ווי ווען ער איז אַמאָל ווי אַ שילער אָדער סטודענט געשטאַנען פאַר אַ שווערן מאַטעמאַטישן פּראָבלעם און געזוכט צו לייזן מיטן קירצסטן וועג:

— פאַרבליבן דאָ ווייניק ייִדן. זיי האָבן זיך נאָך דער מלחמה געפילט שטאַרק איינזאַם, האָבן אי געטוליעט זיך איינע צו די אַנדערע אין אַ פאַר־מאַכטער סביבה, אי איינצײַטיק אַלע צוזאַמען געוואָלט זיך אַרײַנגיסן אין כלל פון לאַנד, נישט געוואָלט זיך אויסטיילן, נישט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט ווי אויף אַ ספּעציעלער קאַטעגאָריע. אַזוי פאַרשטיי איך דאָס.

— לויט דיר שטאַמט דאָס בלויז פון דער ייִדישער איינזאַמקייט? אַן אינערלעכע ייִדישע זאַך? דער דרויסן האָט דאָ גאָרנישט צו טאָן?

— אין פּוילן איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען אַ כראָנישע קרענק. ווען ייִדן זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל, האָבן זיי דאָס לײַכטער פאַרטראָגן.

— דער אַנטיסעמיטיזם גייט דאָך הײַנט נישט אַרויס פרײַ אויפן גאַס ווי אַמאָל. מיט אַ ייִדיש וואָרט, מיט אַ ייִדיש בוך באַהאַלט מען זיך אויך אויס אין אַ פאַרטײַיִשער סביבה. אין אַ פאַרטייִיש אָפּרו־הויז וואָגט מען נישט מיטצונעמען קיין ייִדיש בוך. אַ פראַנצויזיש, אַפילו אַ דײַטשיש יאָ, אָבער נישט קיין ייִדישס.

— קינד מײַנס, צוואָס מאַטערסטו זיך און מיך מיט די אַלע פראַגן? דאָס זענען זאַכן, וואָס זענען נישט אָפּהענגיק נישט פון דיר און נישט פון מיר, אפשר אויך נישט פון די, וואָס האָבן אַ סך מער פון אונדז צו זאָגן. מ׳וועט זיי פון טאָג אויף טאָג נישט לייזן. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס אומ־אויפהערלעך זיך צו פּײַניקן מיט פאַרוואָסן? אײן פאַרוואָס לאָזט מיך טאָקע נישט רוען טאָג און נאַכט: פאַרוואָס קאָנסטו נישט איבערברעכן עפּעס אין זיך? זיך אַ ביסל צופּאַסן צו דעם נײַעם, צעפלאָסענעם לעבן? אויסערן דרויסן האָט דאָך יעדער מענטש אַן אייגן, אינערלעך לעבן. איך האָב דיך אָפּגעפונען, געווען זיכער דיך צו קאָנען זען אַ גליקלעכע. איצט וואָלט איך כאָטש געוואָלט דיר העלפן אָפּגעפינען אַ ביסל אינערלעכע רו.

***

מיט די האָראַצקיס האָט זיך אַנעט באַקענט, ווען די מלחמה האָט נאָך געפלאַקערט אין די היינטיקע מערב־געביטן פון פוילן. ס'איז געווען אין לובלין. די פּראָוויזאָרישע פּוילישע רעגירונג האָט זיך געניטיקט אין אויסגעפּרוווטע קאָמוניסטישע טוערס. האָראַצקי איז געווען איינער פון זיי. ער האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען, אַ מיניסטאָרן־פּאָרטפעל און מיט לייב …ן לעבן זיך אָפּגעגעבן זיין נייער אַרבעט.

פרוי קריסטינאַ האָראַצקאַ האָט געבראַכט צו פירן אין יתומים־הויז אַן אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, פאַרלייזיקט יינגל פון אַן אומבאַשטימטן עלטער. ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אויסבאַהאַלטן אין אַ פאַרלאָזענעם וואַלד־בונקער. ווי לאַנג? ער ווייסט נישט. ביי טאָג איז ער געזעסן פאַרשטעקט ווי אַ מויז אין אַ נאָרע, אין אָוונט האָט ער געגנבעט אין פּויערשע גערטנער, פעלדער. ווען דער הונגער האָט אים געהאַט גוט אויסגעדרייט די געדערים, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר פון אַ פּויערשער כאַטע. אַ באַרעמהאַרציקע אַלטיטשקע האָט אים אויסבאַהאַלטן אין שייער. אין צוויי־דריי וואָכן אַרום האָט זי אים אָנגעוויזן דעם וועג קיין לובלין און פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, די „פּריצעס" זענען שוין נישטאָ. דאָס יינגל איז אָנגעקומען אין שטאָט, באַגעגנט אויפן גאַס אַ יונגע פרוי מיט שוואַרץ־געלאַקטע האָר און אויסגעשטרעקט די האַנט: „כ'בין הונגעריק, זאָל די פּאַני שענקען עפּעס צו קויפן אַ בולקע".

קריסטינע האָט אין זיין אויסשפּראַך דערקענט אַ ייִדיש קינד, געקויפט אים עטלעכע זעמל, אַוועקגעפירט אין ייִדישן קינדער־הויז און אָנגעטראָפן אויף אַנעטן. ס'איז געווען איר גרעסטע העלדישקייט, וואָס זי האָט באַוויזן בעת און נאָך דער מלחמה.

צו אַנעטן האָט זי זיך אייניקע מאָל אומגעקערט. זי האָט זיך דערוווסט, אַז זי איז ביז דער מלחמה געווען אין פראַנקרייך און נאָכגעפרעגט זיך אויף אירע אַ ייִנגערע שוועסטער.

— דאָרקע גרינבערג? —האָט אַנעט ביי דער צווייטער באַגעגעניש אויסגעשריִען— מיר זענען צוזאַמען געווען אויף דער סאָרבאָנע. זי אויף מאַטעמאַטיק, איך אויף געשיכטע.

דאָרקע גרינבערג איז דעפּאָרטירט געוואָרן און זיך נישט אומגעקערט. קריסטינע האָט געוואָלט זיך כאָטש עפּעס דערוויסן וועגן דער שוועסטערס לעצטע יאָרן, וועגן איר אומקום. יאָרן זענען אַדורך. ביים

קינאָ „סטאַליצאַ” האָט קריסטינע האַראַצקאַ אָנגעהאַנגען די אויגן אויף אַ יונגער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ בילעט. זי האָט אַנעטן דערקענט, אַנעט זי — נישט. קריסטינעס שוואַרצע האָר זענען געוואָרן בלאָנד. די געדיכטע האָר איינגעלייגט אין לאָקן און קאַרבן האָבן אויסגעזען ווי אַ פּאַרוק, וואָס עס האָבן געטראָגן די אַמאָליקע אַדל־לײַט.

אַנעט האָט איר דערמאָנט דאָס פאַרלײַזיקטע ייִדישע ייִנגל. קריסטינע האָט גיך פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. זי וויל זי זאָל איר נאָך דערציילן וועגן דאַרקען, אפשר האָט זי אַ פאָטאָגראַפיע. ס'איז נאָך איר דאָ גאָרנישט פאַרבליבן.

— איך פאַרבעט אײַך אויף אַ קאַווע, מיר וווינען נישט ווײַט, כמעט אין שכנות. אומפאַרשטענדלעך וואָס מ'האָט זיך ביז איצט נישט באַגעגנט.

אַנעט האָט עטלעכע מאָל דורכן טעלעפאָן אָפּגעלייגט. גיי צו מענטשן וועגן וועלכע ווייסט נישט קיין סך, ווען אויפן האַרץ איז אָנגעקאָפּטשעט. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אײַנגעגעבן אין איר אַ בענקשאַפט צו די צײַטן, ווען מ'האָט געלעבט אויף מאַנסאַרדעס און געטרוימט שיינע טרוימען. דערציילן וועגן דאַרקען איז זיך אומקערן צו יענע יאָרן.

ס'איז געווען אין אַ וואָכעדיקן טאָג. האַראַצקאַ האָט אַליין אויפגעמאַכט די טיר, זי אַרײַנגעפירט אין אויפנאַם־צימער. אויפן טיש איז געווען געגרייט אַ פײַנער כיבוד, אָבער די באַלעבאָסטע האָט אויסגעזען פאַרזאָרגט, באַוועגט זיך אַזוי ווי זי וואָלט געוועזן אָנגעטאָן אין אַ צו שטײַפן גאָרסעט, וואָס קוועטשט זי שטאַרק. ווי גיך זי האָט אָנגעגאָסן טיי און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אַנעטן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו אונדזער חרפּה?

אַנעט האָט זיך אָנגעשטויסן, אָבער געמאַכט זיך תמעוואַטע.

— איר לייענט נישט די צײַטונגען? די געשיכטע מיט די ייִדישע דאָקטוירים! אַ שווידער! אַרויפצוזיגן אַ שאַנדע אויף אונדז אַלע. כ'האָב דאָרט צוויי שוואָגערס, מײַן מאַנס ברידער. איינעם האָט מען אָפּגעזאָגט פון מיליטערישן שפּיטאָל, דער צווייטער אַרבעט נאָך. איר שטעלט אײַך פאָר ווי זיי פילן זיך? מײַן מאַן איז מיט צוויי טעג צוריק געקומען פון מאָסקווע, געווען אין אַ דעלעגאַציע. ער האָט זיך צומאָל נישט געזען מיט זיי. אַ טאָכטער פון עלטערן ברודער איז געקומען צו אים אין האָטעל, געוויינט פאַר אים.

— אײַערע שוואָגערס זענען נישט קיין אָרנטלעכע מענטשן? אײַער מאַן האָט נישט קיין צוטרוי צו זײַנע ברידער?

— וואָס פאַלט אײַך אײַן?! וווּנדערבאַרע מענטשן, גוטע דאָקטוירים, האָבן אײַנגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן און געראַטעוועט מענטשן אויפן פראָנט. ביידע באַלוינט מיט הויכע אויסצייכענונגען.

— טאָ פאַרוואָס האָט אײַער מאַן זיך נישט געטראָפן מיט זײַנע ברידער?

— מײַן מאַן איז אַ רעגירונגס־מענטש. אַז יידישע דאָקטוירים קאָנען דערגיין צו אַזעלכע פאַרברעכנס! זיי האָבן דאָס אַליין נישט געטאָן, האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ יידישער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע. ווי הייסט זי דאָרט? בײַ אונדז אין לאַנד האָבן זיי אויך געהאַט פאַרוואָרפן אַ נעץ.

— וואָס זענען שולדיק אין דעם אײַער מאַנס ברידער, די דאָקטוירים?

— פּערזענלעך נישט שולדיק, אָבער ס׳וואַרפט אַ חשד. מענטשן הייבן אָן מורא האָבן צו היילן זיך בײַ אַ יידישן דאָקטער.

— פאַראַן צווישן די אַרעסטירטע עטלעכע רוסישע דאָקטוירים, וואַרפט עס דען אַ חשד אויף רוסישע דאָקטוירים? אויב ס׳וואָלט אמת גע־ווען, אַז יידישע דאָקטוירים האָבן אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען שול־דיק אײַערע שוואָגערס?

אַנעט האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אַז זי האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן ס׳זאָל אויסזען ווי זי נעמט זיך בלויז אָן די קריוודע פון די צוויי שוואָגערס, קריסטינע האָראַצקאַ איז איר פאַרלאָפן דעם וועג.

— איר זאָגט אויב ס׳וואָלט אמת געווען, ווי איר וואָלט נישט גע־גלייבט.

אַנעט האָט געוואָלט זיך אַרויספּלאָנטערן און זיך נאָך מער פאַר־פּלאָנטערט.

— אין דער מעדיצין קומען אַמאָל פאָר טראַגישע טעותן, נישט איין מעדיקער האָט צוליב אַ טעות אַוועקגעשיקט אַ פּאַציענט אויף יענער וועלט...

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט טעותן? איך זע איר לייענט נישט די פּרעסע. יענע האָבן מיט אויסרעכענונג אומגעבראַכט גרויסע מענטשן.

אַנעט האָט זיך ערשט איצט אַרומגעזען, אַז זי איז מ׳אוס אַרײַנגע־פּאַלן, זי האָט נישט פאַר קיין גראָשן שׂכל. צוואָס האָט איר געטויגט זיך צו לאָזן אַרײַנצ׳ען אין דער גאַנצער מעשׂה? ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס? די בעסטע רפואה איז מסתמא אויטאָקריטיק.

— איך זע, אַז איך בין הינטערשטעליק אין אינפאָרמאַציעס. כ׳בין די לעצטע צײַט נישט געווען מיט אַלעמען, נישט נאָכגעפאָלגט די פּרעסע. כ׳וועל דאַרפן אָניאָגן.

— נעכטן אָוונט, הערנדיק דעם ראַדיאָ, איז מיר אַ פּראַסטיקע קעלט דורכגעגאַנגען אין די ביינער. עפּעס אַזעלכעס! יידישע דאָקטוירים זאָלן צו אַזעלכעס דערגיין. כ׳האָב די גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן.

אַנעט האָט זיך איצט געראַטעוועט מיט דער אומגעקומענער דאַרקען. זי איז ענלעך צו איר שוועסטער. דאַרקע פלעגט זיך אַלץ שטאַרק נעמען צום האַרצן.

קריסטינעס היציקייט איז איבערגעגאַנגען אין אומעט. די אויגן זענען פײַכט געוואָרן.

— כ׳האָב זי זייער ליב געהאַט, זי איז געווען די יינגסטע אין שטוב. און די פּעיקסטע. אַלע האָבן זי ליב געהאַט.

— דאָרט אויך זייער באַליבט געווען. אַ גוטע מאַטעמאַטיקערין. אַ יאָר שפּעטער וואָלט זי געווען אַסיסטענטין בײַ איר פּראָפעסאָר.

— ווען האָט איר זי געזען דאָס לעצטע מאָל?

— צוויי אָדער דרײַ טעג פאַר מײַן פאַרלאָזן פּאַריז.

— זי האָט אַמאָל געפירט אַ טאָגבוך. אפשר איז ער ערגעץ פאַרבלי־בן? אפשר האָט איר אַ פאָטאָגראַפיע?

— אַלץ איז פאַרבליבן אין פּאַריז. מעגלעך איך וועל עס אַמאָל אָפּ־געפינען.

אַנעט האָט זיך ווידער געהאַט פאַרגעסן. אַן אומגליק, זי ווייסט נישט ווי אַזוי מען דאַרף רעדן מיט מענטשן.

— איך רעכן אָנצושרײַבן צו באַקאַנטע, מיר זענען אַמאָל געווען צוזאַמען פאָטאָגראַפירט.

— מ׳האָט מיר געזאָגט זי האָט געהאַט אַ בחור, זיי זאָלן האָבן געווען דאָס לעצטע יאָר צוזאַמען, געהערט זאָגן ער האָט זיך געראַטעוועט, פון אַ לאַגער, צי אַנדערש, כ׳ווייס נישט. אפשר ווייסט איר? בײַ אים קאָנען

זײַן פאָטאָגראַפיעס, אפשר דאָס טאָג־בוך. ווען כ׳וואָלט כאָטש געקאָנט האָבן עפּעס אַן אָנדענק.

אַנעטע האָט דערזען פאַר זיך אַ שטאַרק גליטשיקן וועג. זי קאָן זיך אַזאַ גליטש טאָן, זי זאָל צעברעכן הענט און פיס. מ׳דאַרף אויסמײַדן. זי האָט דאַרקעס בחור גוט געקענט. ער איז געווען אַ טראָצקיסט, אַן אינטע־ליגענטער חברה־מאַן. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער איז דער אָרעמסטער פון אַלע סטודענטן און צום פּריסטן געענדיקט. מ׳האָט זיך געהאַלטן ווײַט פון אים. פון דאַרקען אויך אָנגעהויבן זיך האַלטן ווײַט, זי איז נעבן אים אויך געכאַפּט געווען אין דער מעשה.

— כ׳האָב נישט געקענט איר בחור...

אָפּגעראַטעוועט זי פון ווײַטערדיקע פּראָג, האָט אַ קו̇ונג אין טיר. אויף אַזאַ באַגעגעניש האָט זי זיך נישט געריכט. ס איז אַרײַן זיגמאַן. ער וווינט אין זעלבן הויז. האָט אויסגעלײגט אַ נומער „פּראַוודאַ״. ס׳האָט אים אויסגעפעלט. געקומען איצט אָפּגעבן.

— דעם נומער „פּראַוודאַ״ טאָר מען נישט דורכלאָזן.

און צו אַנעטן:

— איר האָט געלייענט?

— ליידער, איך לייען זייער שוואַך רוסיש.

— לענינס שפּראַך דאַרף יעדערער פון אונדז גוט קענען.

— איך קען נישט אַ סך זאַכן וואָס איך וואָלט באַדאַרפט קענען...

ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נישט געהערט דעם ענטפער. ער האָט זיך געאײַלט מיט אַן אַנדערער נײַעס.

— איר ווייסט ווער ס׳איז פּראָפעסאָר וואָפּסי?

— פּראָפעסאָר וואָפּסי?

— צווישן די נעמען פאַראַן אַ וואָפּסי. אַ ברודער פון שלמה מיכאָעלס.

קריסטינאַ האַראַצקאַ האָט זיך דערמאָנט:

— וואָס?! אַ ברודער פון דעם רעזשיסער? דער וואָס איז פּלוצלינג געשטאָרבן? ס׳איז עפּעס נישט געווען קלאָר. ווער ווייסט צי זיי האָבן אים נישט פאַרסמט. דער אייגענער ברודער האָט דאָס געקאָנט טאָן. דער שונא קלײַבט נישט איבער, אַ ברודער, אַ קרוב, אַלצאיינס.

אַנעטן האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. אין קאָפּ האָט זיך געמישט. זי האָט געדענקט, אַז מיכאָעלס איז געשטאָרבן פּלוצלינג. עמע־

צער האָט איר דערנאָך געהאַט געזאָגט, אַז ס׳איז געווען אַן אויטאָ־קאַ־טאַסטראָפע אָדער עפּעס אַן אַנדער אומגליק. מיכאַעלס... גאָרקי... קי־ראָוו... האָט דען דער שונא שטענדיק נישט געצילט אין אַזעלכע? האָט מען דען דאָ נאָך דער מלחמה נישט באַפאַלן, געמאָרדעט די בעסטע קאָ־מוניסטן? פאַרוואָס זאָל מען אָבער האָבן אויסגעקליבן דערצו יידן...?! פאַר־וואָס זאָל מען...?! משוגע צו ווערן פון דעם אַלעמען! זי קאָן מער נישט אײַנזיצן. ס׳הייבט זי אונטער. זי האָט אַ שטענדיקן תירוץ: די קינדער וואַרטן אויף איר. זי האָט זיך געזעגנט און קינסטלעך, נאַריש געשמייכלט.

זי האָט געוואָלט זײַן וואָס פריִער אין שטוב. די אויגן האָט זי גע־האָט געוואָנדן צו דער ערד, נישט געזען וואָס ס׳טוט זיך אַרום איר. מ׳האָט איר ראַפּטעם פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט אַ ציטער געטאָן. בראָניעסלאַווסקי האָט זיך צעלאַכט. לאָניע האָט געקוקט אויף איר מיט פרעגנדיקע אויגן.

זיי אַרבעטן ביידע אין פוילישן ראַדיאָ. אַנעט קען אויך בראָניעס־לאַווסקין פון דער היסטאָרישער געזעלשאַפט. ער איז מאַגיסטער פון גע־שיכטע, איז אָבער מער זשורנאַליסט ווי היסטאָריקער. וואַצלאַוו בראָניעס־לאַווסקי איז אַ פּוילישער דזשענטעלמען. נאָכן צעלאַכן זיך האָט ער זיך טיף פאַרנויגט און אַוועקגעלייגט אַ לאַנגן קוש אויף אַנעטס האַנט.

— וואָס אַזוי צעטראָגן? וואָס אַזוי פאַראומערט?

— לאָניע האָט שוין פריִער מיט אים געהאַט אַ שמועס דערוועגן. איר איז אויך אָנגעזאָלצן אויפן האַרץ.

— פון וואָס האָבן מיר צו זײַן פריילעך? פון דעם וואָס ס׳זעט אויס, אַז מיר אַלע זענען שולדיק וואָס עטלעכע דאָקטוירים האָבן אָפּגעטאָן פאַרברעכנס?

בראָניעסלאַווסקי איז געוואָרן ערנסטער, האָט זיך געפילט געטראָפן פון לאָניעס רייד. ער האָט ליב יידישע מאכלים און יידישע פרויען. זינט ער איז נאָך דער מלחמה אַרײַנגעטראָטן אין דער פאַרטיי, פאַרברענגט ער אין יידישע שטיבער. ער דערציילט, אַז דאָס אויסמאָרדן די יידן האָט אים געשטויסן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט קאָמוניסטן, דערנאָך אַרײַנצו־טרעטן אין דער פאַרטיי. בײַ זײַנע עלטערן האָט זיך אויסבאַהאַלטן לאָניעס משפחה. ער גופא, דעמאָלט אַ פיר און צוואַנציק יאָריקער בחור, האָט

געהאָלפֿן זיך ראַטעווען צוויי אַנטלאָפֿענע פֿון געטאָ. ער האָט געהאָלפֿן זיי דערשלאָגן זיך צו דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" אין וואַלד.

איצט האָט ער זיך דערפֿילט נישט באַקוועם צווישן די צוויי ייִדישע פּרויען. מיט לאָניען איז ער היימיש, פֿאַר אַנעטן האָט ער געוואָלט זיך פֿאַר־ענטפֿערן.

— לאָניע האָט אַ טבע איבערצוטרײַבן, דער עיקר ווען ס'גייט אין אייגענע... אַ טבע אַזאַ. איר קאָנט מיינען, אַז איך באַשולדיק אַלע. כ'האָב געזאָגט פֿאַר לאָניען, אַז ייִדן זענען אַ טראַגיש פֿאָלק. שטענדיק טשעפּעט זיך עפּעס צו. איך פֿערזענלעך האָב זייער ליב ייִדן, אַלע ווייסן דאָס. אָבער איך האָב ליב יעדערן באַזונדער, נישט אַלע צוזאַמען. אַלע צוזאַמען זענען זיי טראַגיש. אַ פּאַטום הענגט שטענדיק איבער זיי. דאָס, וואָס איז איצט געשען, זעט מיר אויך אויס, ווי אַ פֿאַטאַלער גורל וואָלט די דאָקטוירים געשטויסן דערצו.

מאַריאַן איז געזעסן בײַ דער וואַנט און געקוקט אין פֿענצטער. די גלאָז טיי אויפֿן טישל איז קאַלט געוואָרן. ער איז געווען בייז אויף זיך. צוליב וואָס האָט ער זיך אָפּגערעדט מיט אַנעטן צו טרעפֿן אין ייִדישן קלוב? ער שטעלט אַהער נישט אַרײַן קיין פֿוס. געוויינטלעך טרעפֿט ער זיך מיט איר אין דער קאַוויאַרניע פֿון האָטעל „פּאָלאָניאַ". אַנעט פֿלעגט זיך שפּאַרן מיט אים: זי קאָן באַשטיין מ'זאָל אונטערזיצן ערגעץ אין אַ קנײַפּע. ס'איז דאָ מער וואָס צו זען. ער האָט איר יעדעס מאָל דערמאָנט דעם זעלבן ציטאַט פֿון פֿויערבאַכן: „אַנדערש טראַכט מען אין אַ פּאַלאַץ און אַנדערש אין אַ כאַטע". ס'שמועסט זיך אויך בעסער אין „פּאָלאָניאַ" ווי ערגעץ אַנדערש־וווּ.

דאָס מאָל האָט אַנעט אויסגעפֿירט. אין קולטור־הויז איז אַן אויס־שטעלונג פֿון קינדער־אַרבעטן. האָט שוין איין מאָל געכאַפּט אַ קוק. ס'האָט זי דערוואַרעמט: צייכענונגען, אַקוואַרעלן פֿון די ייִדישע שולן און קלובן. זי מוז נאָך אַ שלונג טאָן דערפֿון. זי איז אויסגעהונגערט. אַ סך בילדער־אויסשטעלונגען דרייען איר אויס די קישקעס. אויפֿן קינדס אי־מאַגינאַציע קאָן מען נישט אַרויפֿלייגן קיין פֿאַרבאָטן. זײַן לעבעדיקע פֿאַנ־טאַזיע איז שווער צו צוימען. הייסט מען דעם קינד אַפֿילו מאָלן אָדער

צייכענען אַרבעטער מיט האַמערס, הײַזער אין רושטאָוואַניעס, וועט ער דאָס מאַכן אויף זײַן אייגענעם אופן, אָן שטײַפקייט, נישט פאָטאָגראַפיש. אַ קינד קאָן נישט פאָטאָגראַפירן. זי מוז נאָך דאָ אָנזעטיקן אַ ביסל דאָס אויג.

מאַריאַן האָט שוין צוויי מאָל אַרײַנגעקוקט אין גרויסן זאַל און זיך צוריקגעקערט צום אומעטיקן טישל. אין די פרימאָרגן־שעהן איז דאָ שטיל. דער הו־האַ הייבט זיך אָן מיטאָג־צײַט. אין די אָוונט־שעהן. אַהער קומט מען עסן געפילטע פיש, געהאַקטע לעבערלעך, שבת קריגט מען דאָ אַ טשאָלענט. דאָ קומט מען זיך טרעפן בײַ אַ גלעזל טיי. ווער ס׳קומט עפּעס דערליידיקן אין אַ רעדאַקציע, אין פאַרלאַג, אין דער סאָציאַלער הילפס־קאָמיסיע, טרעט אָפּ אין „בופעט״.

מאַריאַן זיצט ווי אויף שפּילקעס. סתם קלעפּט ער אַהער ווי אַן אַר־בעס צו דער וואַנט. ווען די יידישע אינסטיטוציעס האָבן זיך געפונען אין שיינעם גרויסן הויז אויף שענגע גאַס, פלעגט ער אַהין אַרײַנפאַלן. ס׳זענען נאָך געווען נאָענטע חברים. זינט מ׳האָט אַלץ אַרײַנגעשטופּט אין ענגן הויז, אַמאָליקע חברים זענען אַוועק. האָט ער אויפגעהערט צו קומען.

— פאַרוואָס רײַסטו זיך אינגאַנצן אָפּ? ביסט אַמאָל געווען אַ יידישער טוער, דער הויפּט־מאַכער אין קלוב „פּראָגרעס״. ווי קאָנסטו אַזוי?

אַזוי פלעגט אים אַנעט אָפטמאָל מוסרן.

— מ׳קאָן נישט זײַן דאָרט און דאָ.

אַזוי פלעגט זיך מאַריאַן פאַרענטפערן.

„דאָרט״ האָט באַדײַט די דירעקטאָרישע אַרבעט אין דער פאַבריק.

— שטעלסט אַ מחיצה צווישן „דאָרט״ און דאָ?

— נישט איך שטעל, זי שטייט פון זיך אַליין.

דאָס מאָל איז די מחיצה נישט געשטאַנען. מאַריאַן איז אויס דירעק־טאָר, אָדער ווי ער זאָגט — אויס קאַפּעק׳וש־מאַכער. ער האָט שוין באַ־וויזן צו נעמען גט פון אַ צווייטער באַשעפטיקונג. מ׳לייגט אים פאָר אַ נײַע אַרבעט. ער וויל זיך באַראַטן מיט אַנעטן, ער האָט זיך שוין גענוג אָפּגעבריט.

ער האָט לשם וועגן אויסגעטרונקען אַ העלפט פון קאַלטן טיי, אויפ־געהויבן זיך און געוואָלט אַוועקגיין ווי אַנעט האָט זיך באַוויזן אַ פאַרסאַ־פּעטע, אַ פאַרפּלאָמטע.

— כ׳האָב שוין נישט גערעכנט דיך צו טרעפן.

זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט. מאַריאַן האָט באַשטעלט טיי מיט קעז־קוכן, אָבער געקוקט אויף איר מיט פאַרוואורף.

— דו ווייסט נישט וואָס ס'איז געשען. אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, אַ טרויעריקע...

— ווען האָסטו נישט קיין מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט?

— לאָז נישט אַראָפּ די נאָז, הער בעסער. אַזאַ מעשה האָט זיך מיר נאָך דאָ נישט געטראָפן.

— נו, לייג שוין אַרויס דײַן מעשה.

אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט, איבערגערוקט דאָס בענקל נענטער צו מאַריאַנען.

— דער עלטערער, איינזאַמער מענטש, ווייסט, דער, וואָס וווינט אין איינצל־צימער, אַ שטאָק העכער פון אונדז; ער איז עטלעכע טעג נישט אַרויסגעגאַנגען. דער שכן האָט גערופן אַ שלאָסער. מ'האָט אויפגעמאַכט די טיר. ער איז טויט געווען. פאַרסמט זיך, בײַם בעט איז געלעגן אַ שעכטעלע.

— וואָס בין איך שולדיק?

— מ'האָט אַרויסגערופן די מיליץ. די מיליץ האָט אַרויסגערופן אַ דאָקטער. זייערן. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל: געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

— נו? זיי האָבן דיך געדאַרפט פאַר אַן עדות? זיי קאָנען זיך באַגיין, מ'גיט סײַווי אין דער פּרעסע נישט אָן וועגן זעלבסטמאָרדן.

אַנעט האָט גערעדט אין איין אָטעם:

— פאַרשטייסט נישט. ס'איז געווען דאָס שעכטל, דער שכן, דער שלאָסער. דער שלאָסער האָט אויפגעמאַכט די טיר, דער שכן האָט גע־קלונגען צו דער מיליץ, די מיליץ, צום דאָקטער און דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט...

— צוליב דעם האָסטו געלאָזט מיך וואַרטן אַזוי לאַנג? האָסט גע־מוזט זײַן בײַ דער גאַנצער חתונה?

— צוליבן שכן.

— מאַריאַנס אַנגעכמורעטקייט איז שוין געהאַט אָפּגעטראָטן.

— צוליבן שכן גאָר האָסטו מיך געלאָזט וואַרטן און נישט צוליבן זעלבסטמערדער.

— אַז דו הערסט נישט ביזן סוף. דער שכן האָט דערציילט דער מי־ליץ, אַז ער האָט געקלונגען פון מיר, ער האָט נישט קיין טעלעפאָן. האָט די מיליץ מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אַזוי זיך, געפרעגט בלויז צי איך האָב אים געקענט און ווי פאַרבײַגייענדיק געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. דערנאָך האָב איך געכאַפּט אַ טאַקסי. פאַרשטייסט שוין?

— עפּעס הויב איך שוין אָן צו פאַרשטיין. האָסט מיך געלאָזט וואַרטן איבער אַ שעה נישט בלויז צוליבן זעלבסטמערדער, נאָר צוליבן שכן און נאָך מער צוליב דער מיליץ. כ׳האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן. צוליב אַזעלכע דרײַ סיבות איז אַ שעה פאַרשפּעטיקונג נישט קיין סך.

אַנעט האָט אויסגעשאָסן אין אַ נערוועזן געלעכטער. מאַריאַן איז גע־וואָרן ערנסטער.

— ס׳איז טאַטע דו לאַכסט, אַז אַך און ווי...

אַנעטן איז צוליבן געלעכטער פּריקרע געוואָרן. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ היסטעריש לאַכן, וואָס איז דאָס זעלבע ווי וויינען.

— מיר האָט זיך נאָך דער גאַנצער מעשה געוואָלט וויינען און נישט לאַכן.

— וויינען צוליב דעם, וואָס דער עלטערער מענטש האָט זיך גענו־מען דאָס לעבן?

— מער צוליב דעם וואָס מען טאָר נישט וויסן, אַז ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. זאָג מיר, וואָס פאַרא זין האָט דאָס?

— אין סאָציאַליסטישן פּוילן זענען אַלע מענטשן גליקלעך. אַלע זע־נען צופרידן. האָסט שוין געהערט אַ צופרידענער, גליקלעכער מענטש זאָל זיך נעמען דאָס לעבן? ער איז גערעכט דער דאָקטער פון דער מיליץ. ס׳האָט זיך אײַך געחלומט אַ זעלבסטמאָרד. דער עלטערער, איינזאַמער מענטש איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק. קיין האַרץ־אַטאַקן האָט מען נאָך נישט אָפּגעשאַפט. אויף דעם עטאַפּ פון בויען דעם סאָציאַליזם קאָן זיך נאָך טרעפן.

— מאַריאַן האָט עס געזאָגט שטילערהייט. אין זײַן שטימע האָט זיך געפילט סאַרקאַזם.

— נישטאָ אויך קיין שום פאַרפאַל בײַ דער אַרבעט אין די פאַבריקן.

גלייבסט נישט? קאָנסטו זוכן אין דער גאַנצער פּרעסע, וועסט נישט גע־פינען.

— ביסט היינט אין אַ שלעכטער שטימונג.

— נישט אין קיין ערגערער ווי אַן אַנדערן טאָג. פאַר דיר מוז איך נישט טראָגן קיין מאַסקע. אַז, אַניעלקע, געדענקסט, ווען דו פלעגסט קו־מען אין „פּראָגרעס״? איך בין כּלומרשט געווען אַ ספּאָרטלער, צונויפגע־קלאַפּט ספּאָרט־גרופּן און אַליין נישט געהאַט קיין צייט צו מאַכן ספּאָרט, ווי דו. צום ערשטן מאָל דאָס באַדויערט, ווען מ׳האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון דער הויך. אין תּפיסה האָב איך יאָ געהאַט צייט, איז אָבער געווען אַן ענגשאַפט אין דער קאַמער. כ׳האָב אַפילו נישט געהאַט דאָס מזל צו זיצן די פיר יאָר מיט עמעצן, וואָס וואָלט געהאָלפן „מאַכן אוניווערסיטעטן״. איצט בין איך נישט אַהער, נישט אַהין.

— ס׳קאָן דאָך זיין אַהער.

— וואָלט מען נישט אומגעבראַכט די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָלט איך היינט געהאַט מער שכל ווי מיט יאָרן צוריק. אָנפירן מיט אַ יידישן קאָאָפּעראַטיוו וואָלט איך יאָ געקענט.

— פאַראַן געמישטע קאָאָפּעראַטיוון. איך אויף דיין אָרט וואָלט געפּרוּווט. ביסט אַ גוטער פאַכמאַן.

— ווייסט וואָס דאָס באַדייט? לעכערלעכע פאַרדינסטן. דערצו מישט זיך אַריין מיין ווייבל. זי זאָגט, אַז אַ קאָזע גייט צוריק.

— האָסט אין דיין לעבן געהאַט נישט ווייניק אַנדערע מלאכות, קלייב עפּעס אויס.

— פון אַזעלכע מלאכות האָט מען דאָ קדחת.

— זיי וועלן דיך נישט לאָזן אַן אַרבעט. אַז מען האָט דיר געגעבן אַזוי פיל אויסצייכענונגען, וועט מען געפינען פאַר דיר עפּעס אַן אַרבעט.

— ווייסט וואָס מען זאָגט? גאָט איז אַ פאָטער, אַז ער גיט נישט קיין מכּה, גיט ער אַ בלאָטער. ווידער אַן אונטערנעמונג, ווו איך וועל דאַרפן רעדן מיט מענטשן וועמען ס׳וועט גרילצן אין די אויערן מיין נישט ריי־נער פּויליש.

— וואָס נאָך לייגט מען דיר פאָר?

— דאָס אַלץ. מען דאַרף דאָרט אַ מענטשן צו וועלכן מ׳קאָן האָבן צוטרוי. פאַרשטייסט? ווען ס׳וועט זיך געפינען אַן אַנדערער וועט מען מיך

משלח זײַן. דו ווייסט נישט ווי מען נעמט ייִדן שטילערהייט אַראָפּ, גרעסערע קנאָקערס ווי איך.

אַנעט האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח, געוואָלט עפּעס צוטראַכטן, אַן עצה געבן. פּלוצלינג האָט עפּעס אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ.

— וואָס זאָגסטו צו די „ווײַסע כאַלאַטן" דאָרט?

— פאַרוואָס פרעגסטו? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדזערע דאגות דאָ?

— מיינסט נישט, אַז ס'האָט יאָ עפּעס צו טאָן?

— איך האָב צוטרוי צו זיי דאָרט. הלוואַי וואָלט איך דאָרט פאַרבליבן.

— לויט דעם ווי דו האָסט מיר געהאַט דערציילט... דאָרט אויך נישט אַזוי פרייגעדיק.

— ס'איז געווען מלחמה, אין אַזאַ מלחמה קאָן אַלץ געשען.

— מאַריאַן, פאַרוואָס וואַרפן די „ווײַסע כאַלאַטן" אַ שוואַרצן פלעק אויף אונדז אַלע?

— דער טאַראַראַם אין דער פרעסע געפעלט מיר אויך נישט. צי ס'וואַרפט יאָ אַ שוואַרצן פלעק, צי נישט, ס'גיט אַ שטאָך.

אַנעט האָט אים געקוקט אין די אויגן. ער האָט איבערגעחזרט:

— כ'האָב צוטרוי צו זיי דאָרט. ווען ס'וואָלט דאָ פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע, ווייס איך נישט וואָס ס'וואָלט געווען.

אַנעט האָט זיך לאַנגזאַם, פויל אויפגעהויבן. זי וויל גיין באַזוכן די אויסשטעלונג. ער האָט זי אָפּגעצויגן, האָט גענוג געוואַרט אויף איר. מ'וועט אַראָפּגיין, מ'וועט נאָך אַ ביסל שמועסן.

קיין שמועס איז דאָס שוין נישט געווען, נאָר אַ מאָנאָלאָג. מאַריאַן האָט גערעדט און אַנעט האָט זיך בלויז צוגעהערט.

— מען דאַרף אַ מענטש בײַ אונדז אין די אַרכיוון. האָט דאַנקע געזאָגט צו אַנעטן. כ'ווייס, האָסט נישט ליב אַזאַ אַרבעט. איך ראָט דיר אָנצונעמען. וועסט דאָך נישט זיצן אין שטוב ווי אַ קוואָקע אויף די אייער.

אנעטס שטימע האָט זיך צעקלונגען פריידיק.

— איך בין גרייט אָנצוהייבן אַפילו מאָרגן. הײַנט געפעלט מיר אַזאַ באַשעפטיקונג.

— צינד זיך נאָר צופיל נישט אָן. מ׳ווערט אַ פּאַפּיר־מילב. חוץ דעם קומט אויס עפּעס אַראָפּצושלינגען, וואָס מ׳האָט נישט ליב.

זי האָט געוווסט און געריסן זיך. אַזוי פיל מאָל באַדויערט וואָס זי האָט באַלד פון אָנהייב נישט אָנגענומען אַן אַרבעט אין די אַרכיוון. זי האָט דאָס געזאָגט טאַמאַרען. מסתמא שטעקט אין דעם טאַמאַרעס קאָפּ. זינט זי האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, זוכט זי מיט ליכט אַ רויִקע באַשעפטיקונג פאַר איר. זי וועט זײַן אַרײַנגעטאָן אין אַן אַרבעט, וועט זי נישט האָבן קיין צײַט צו זען אויסקרימעניִשן.

אַנעט האָט געהאַט איר אייגענע אויסרעכענונג. אַרבעטנדיק אין די אַרכיוון, וועט זי קאָנען זוכן מקורות וועגן ייִדן אין פּוילן. זי ווייסט איצט, אַז דאָרט זענען פאַראַן אַ סך דאָקומענטן וועגן ייִדישן אָנטייל אין קאָשטשושקאַ־אויפשטאַנד, אין די אַנדערע אויפשטאַנדן. ייִדישע היסטאָריקער האָבן געשריבן דערוועגן. פּוילישע נישט. זי וועט זיך ביסלעכווײַז דאָקומענטירן, אָנזאַמלען מאַטעריאַלן, וועט זיך באַוואָפענען מיט געדולד. ביז עפּעס וועט פאַרטיק ווערן, קאָן זיך אַ סך ענדערן...

די אַרבעט אין די מלוכישע אַרכיוון איז אַ נודנע. די גרויסע געבײדע ווי אַ קאַזאַרמע. דאַנקע האָט אַנעטן דאָס געהאַט פאָרויסגעזאָגט, פאָרגעשטעלט דאָס ווי די שלעכטע זײַט פון דער מטבע. די צווייטע זײַט איז אַ גוטע: אַ רויִקע אַרבעט.

אַנעט אַרבעט אין דער נידער. דאָס פענצטער גייט אַרויס אויף אַ הויכער וואַנט. אַנעטן דוכט זיך, אַז זי טיילט זיך נאָך מער אָפּ פון דער וועלט. זי מײַדט אויס צו קוקן אויף איר. דער קאָפּ איז אײַנגעגראָבן אין טיש, אַ באַלויכטענעם פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ. זי אַרבעט מעכאַניש, אָבער פלייסיק. אין מוח הערן נישט אויף צו ווירבלען געדאַנקען: אַבי זי האָט פאַרטשעפּעט בײַ עפּעס די הענט, בפרט אויף אַן אָרט, וואָס קאָן עפענען פאַר איר אַ וועג. דאָ וועט זי ביסלעכווײַז מאַכן די אַרבעט וועגן די ייִדישע פרײַהייטס־קעמפערס, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט פאַרטראַכט. דאָס לעבן הייבט אָן צו האָבן אַ זין. זי וועט זיך אײַנבײַסן, וועט זיך אפשר צופּאַסן...

אַנעט האָט זיך מיטן געדאַנק איבערגעטראָגן צו די פּוילישע אויפ־

שטאַנדן. זי אָטעמט מיט דער לופט פון יענע צײַטן. אַרויסגעהאָלפן אין דער נסיעה צום אַמאָל האָט איר דער היסטאָריקער דאָקטאָר פײַנשטיין. ער האָט איר צוגעשטעלט אַ לאַנגע רשימה פון ביכער און צומאָל אַ רשימה פון וואַרשעווער אַנטיקוואַרן, ווו מ׳קאָן אָפּטמאָל באַקומען אויך אַ בוך פון אַ יידישן היסטאָריקער. אַנעט לייענט יעדן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט, נאָטירט, טראַכט דורך. זי איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין זיך. דער ווײַט־ווײַטער נעכטן האָט זי אָפּגעריסן פון דעם גרילצנדיקן הײַנט. מאַרעק קוקט אויף איר מיט זאָרג:

— מאַכסט אַ תל פון זיך, אַ בוך־מילבּ.

— מ׳האָט מיר שוין דאָס אַמאָל געזאָגט, אָבער דיר האָט דאָס אַמאָל נישט געאַרט.

— האָסט אַפילו נישט קיין צײַט צו גיין ערגעץ, אײַנצולאַדן עמעצן. מיר איזאָלירן זיך אינגאַנצן פון מענטשן.

אַנעט האָט דאָס געוווסט. ער איז גערעכט, אָבער זי האָט געטאָן אירס. אין איינעם אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען מאַרעק איז אײַנגעדרימלט אין פאָטעל און דאָס בוך איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט, האָט אַנעט אָפּגע־לייגט איר העפט מיט נאָטיצן, שטיל זיך דערנענטערט צו אים, לײַכט אים אַרומגענומען. ער האָט תיכף ומיד אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם דרימל, גענומען זי אויף די קני, צוגעדריקט צו זיך.

— האָסט זיך דאָך דערמאָנט אין מיר?

— כ׳האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— מיר לעבן אונטער איין דאַך ווי פרעמדע, פאַרשליסט זיך ווי אין אַ מושלע. מיר רײַסן זיך אינגאַנצן אָפּ פון מענטשן.

— דו מוזסט נישט, האָסט געקאָנט הײַנט גיין צו...

— אָן דיר וועל איך אין ערגעץ נישט גיין, דאָס לעבן ווערט...

— מאַרעק, כ׳האָב איצט צו וואָס צו לעבן. כ׳האָב זיך גענומען צו אַן אַרבעט, ס׳פאָדערט צײַט, אָנשטרענג, זי וועט מיר אָבער ברענגען צוריק צו זיך, צו דיר, צו מענטשן.

— האָסט מיר נישט געזאָגט וואָס פאַרא אַרבעט, באַהאַלסט אויס פאַר מיר, פאַרשליסט אין דײַן שענקל ביכער, נאָטיצן.

זי האָט אים שטיפעריש אָפּגעצאָלט:

— דו האָסט דען פאַר מיר נישט אויסבאַהאַלטן? האָסט מיר דער־ציילט?

זײַן פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן. ער האָט געפּרוווט אים פאַריאָגן מיט אַ שמייכל, מיט זײַטיקע רייד.

— ביסט מיך נאָך אַלץ חושד אין ווער ווייסט וואָס. געוועז אַ לאַנגע צעשיידונג. איך פרעג דיך אויך נישט, איך וויל נישט וויסן קיין פּרטים.

— פאַררעד מיר נישט די ציין מיט קיין פּרטים. כ׳האָב דיר דער־ציילט וועגן קאַזשיקן דו מיר וועגן יורעקן. ס׳גייט אין עפּעס אַנדערש.

ער האָט זי שטאַרקער אַרומגענומען, צוגעדריקט די ליפּן צו איר שטערן.

— צי מוזסטו שטענדיק צעדראַפּען די ווונדן? זאָג בעסער וואָס דו האָסט פאַרטראַכט.

— קיין האַלבע אַרבעט דאַרף מען נישט נאָר נישט ווײַזן, נאָר אויך נישט רעדן וועגן איר, בפרט ס׳איז נאָך נישט קיין האַלבע אַרבעט אויך, אין קאָפּ בלויז.

— אַמאָל פלעגסטו זיך באַראַטן, פרעגן אַן עצה.

זי האָט אים שקאָציש מיטן פינגער געגעבן אַ שנעל איבער דער נאָז.

— ס׳איז נישט אַמאָל. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט פון דיר צו האָבן סודות.

דעם סוד האָט זיך מאַרעק דערוווּסט אין עטלעכע חדשים שפּעטער. אַנעט האָט זיך דעצידירט צו בעטן אַ דערלויבעניש זיך צו באַנוצן מיט די נייטיקע דאָקומענטן. זי האָט פריִער אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף זיי בײַ אירע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, בײַ דאַנקען. דאַנקע האָט זי געוואָרנט.

— מ׳זאָגט, אַז מען ברענט זיך אָפּ אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן. פאַר דיר איז אַזאַ שפּריכוואָרט נישט גילטיק.

— כ׳האָב זיך שוין אַ סך מאָל אָפּגעבריט און מיט אָפּגעבריטע הענט ווײַטער געטאָן וואָס מען דאַרף.

— נו, פּרוּוו ווײַטער מיט די אָפּגעבריטע הענט, אפשר וועט דיר דאָס מאָל דאָס מזל צושפּילן.

דאָס מזל האָט נישט צוגעשפּילט. ווען אַנעט איז געקומען צום פאַראַנטוואָרטלעכן פון יענעם אָפּטייל אַרכיוון, האָט ער שוין געוווּסט וועגן אירע פּלענער. צום באַדויערן קאָן ער נישט אַנטקעגנקומען איר בקשה,

כאָטש ער וואָלט זייער געוואָלט. זי דאַרף זיך ווענדן צום הויפּט־דירעקטאָר פון די אַרכיוון.

אַנעט האָט געוואַרט אַ וואָך צײַט אויפגענומען צו ווערן, געווען אָבער צופרידן. זי געווינט צײַט נאָכאַמאָל איבערצוקוקן, בעסער צוצוגרייטן דעם פּלאַן. ס׳דאַרף נישט זײַן קיין איבעריק וואָרט. אַלץ געמאָסטן און געוווגן.

זי האָט דערלאַנגט אַ דאַקטילאָגראַפירטן בויגן און צוגעגעבן, אַז נאָך זײַענדיק אויפן אוניווערסיטעט, האָט זי געטראַכט, אַז דאָס זאָל זײַן איר ערשטע פאָרשערישע אַרבעט.

דער דירעקטאָר האָט איר העפלעך דערמאָנט:

— אײַער ערשטע פאָרשערישע אַרבעט האָט געזאָלט זײַן וועגן יידישע קינדער, אויסבאַהאַלטענע בעת דער אָקופּאַציע אין...

ער האָט דערזען איר פאַרענדערט פּנים, די פאַרוווּנדערטע אויגן און נישט פאַרענדיקט. אַנעטן איז הייס און קאַלט געוואָרן. עס שלעפּן זיך איר נאָך צוויטן. זײַן ליבלעכע שטימע האָט זי באַרויִקט.

— צי האָט איר שוין געשריבן אויף דער טעמע?

— ניין, בלויז אַ סך געלייענט, געמאַכט נאָטיצן. ס׳פעלן מיר בלויז אַרכיוו־דאָקומענטן.

דער מאַן הינטערן ביוראָ איז אַ ווײַלע געווען פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געווען אין אַ פאַרלעגנהײַט. ער האָט אָבער זײַן פאַרלעגנהײַט אויסבאַהאַלטן, אויסגעגלײַכט זיך אויף זײַן אויסגעבעטער שטול און געענטפערט קורץ און שאַרף:

— די מאַטעריאַלן אין יענעם אָפּטייל זענען נאָך נישט ווי געהעריק קלאַסיפיצירט. ס׳וועט נאָך מוזן דויערן ביז מען וועט זיך קאָנען באַנוצן מיט זיי.

אנעט איז אַרויס פון הויפּט־דירעקטאָרס קאַבינעט ווי אַן אָפּגעשמיסענע. דער זייגער איז געווען פיר נאָכמיטאָג, דער אַרבעטס־טאָג פאַרענדיקט. זי האָט נישט גענומען דעם טראַמווײַ, ס׳איז נישט ווײַט, זי וועט גיין צופוס, וועט זיך אַ ביסל אָפּקילן. זי האָט לאַנגזאַם געטראָטן איבערן טראָטואַר, ווי עפּעס וואָלט זיך צעבראָכן אין איר, זי קאָן נישט מאַכן קיין שנעלן טריט, די אברים זאָלן זיך נישט צערײַסן. פּלוצלינג האָט אין אויער אָפּגעקלונגען איר נאָמען. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ס׳איז געווען דאָקטאָר פײַנשטיין.

— וואָס מאַכט איר? ווי גייט די אַרבעט?

— זי האָט אים דערציילט וועגן איר וויזיט בײַם דירעקטאָר. ער האָט זיך הויך צעלאַכט. דערנאָך שטיל אין איר אַרײַנגערעדט:

— איר ווילט שרײַבן וועגן יידן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט, מ׳זאָל אײַך נאָך צושטעלן דאָקומענטן דערצו?

— ס׳זעט אויס ווי ס׳וואָלט געווען פאַר אײַך אַ נײַעס. כ׳האָב זיך דאָך באַראַטן מיט אײַך, איר האָט מיר געהאָלפן צונויפשטעלן די רשימה פון נייטיקע ביכער. ס׳האָט מיר צוגעגעבן זיכערקייט.

— כ׳האָב נישט געוואָלט אײַך אָפּשלאָגן די פליגלען. צוואָס לייגן יענעם שטיינער אויפן האַרץ, אפשר וועט דאָך געלינגען... אַז מען קאָן טאָן אַ טובה, בפרט אײַך.

צו טאָן אַ טובה איז דאָקטאָר פײַנשטיין שטענדיק גרייט. ער איז אויך נישט דער מענטש צו לייגן יענעם שטיינער אויפן האַרץ. אַ דראָבנער, אַ דאַרער מיט אַ גרויסן קאָפּ געקרײַזלטע האָר, זעט ער גיכער אויס אויף אַ פאַרעלטערטן ישיבה־בחור ווי אויף אַ פּראָפעסאָר פון פּוילישער געשיכטע. מ׳האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אײַנגעדאַרט געוואָרן אין די פּוילישע תפיסות. דערנאָך אײַנגעשרומפּן געוואָרן אין אַ קעלער־באַהעלטעניש, ווו ער איז פאַרשטעקט געווען נאָכדעם, ווי ער האָט דורך די קאַנאַלן אַרויסגעריסן זיך פון ברענענדיקן געטאָ. צו פיר און דרײַסיק יאָר זענען זײַנע פּעך־שוואַרצע האָר געדיכט דורכגעוואַקסן געווען מיט זילבערנע פעדים, די באַקן אײַנגעפאַלן. דאָס האָט אים נאָך דער מלחמה נישט געשטערט אויפסנײַ זיך אין צוויי חדשים צוצוגרייטן צו עקזאַמענס צו באַקומען דעם מאַגיסטער־דיפּלאָם. צוויי יאָר שפּעטער האָט ער צוגעשטעלט אַ וואָגיקע אַרבעט, וואָס האָט אים געגעבן דעם טיטל דאָקטאָר פון געשיכטע. זײַנע תפיסה־חברים האָבן געוווסט צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט געקנעלט געשיכטע אין דער תפיסה־קאַמער. אַפילו אין דער באַהעלטעניש אין קעלער האָט ער באַאַרבעט אַ טעמע. זײַן פענאָמענאַלער זכרון האָט פאַרטרעטן דאָקומענטן. אויף זײַנע לעקציעס ציטירט ער אויסנווייניק פראַגמענטן פון פאַרשידענע מחברים. ציצעראָן ציטירט ער אין אָריגינאַל און זעצט איבער וואָרט בײַ וואָרט. זײַנע סטודענטן רופן אים „די לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע״.

צו אַלעמען האָט פײַנשטיין מזל, נאָר נישט צו קיין פרויען. ער האָט

צוויי מאָל חתונה געהאַט און יעדעס מאָל האָט אים דאָס ווײַב פֿאַרלאָזט. בײַזע צינגער זאָגן ס׳זאָל עפּעס נישט זײַן אין אָרדענונג מיט זײַן מאַנס־בילשקייט. אויף פּײַנשטיינען זעט מען דאָס נישט אָן. ער האָט ליב צו פֿאַר־ברענגען צווישן שוואַכן מין, זוכט מיט ליכט אַ ווײַב.

די באַקאַנטשאַפֿט מיט אַנעטן איז נישט פֿון לאַנג. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיי זיך באַגעגנט בײַם זעלבן טיש אין לייען־זאַל פֿון דער ייִדי־שער אַקאַדעמיע. ער האַלט זיך היימיש מיט ייִנגערע קאָלעגן, בפֿרט מיט קאָלעגינס, איז שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפֿן. אַנײַ, ס׳גיט זיך נישט שטענדיק אײַן, דאַרף מען זיך נישט אָפּעסן די גאַל. ער פֿאַרטראָגט סתּם נישט קיין אָנגעכמורעטקייט. די מעשה מיט אַנעטס דורכפֿאַל, דער אופֿן ווי אַזוי זי האָט אים דאָס דערציילט, האָט אַרויסגערופֿן בײַ אים הייטער־קייט. נישט ס׳זאָל אים נישט אַרן אַנעטס עגמת־נפֿש, נאָר ער דערזעט קודם בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן דאָס קאָמישע, בפֿרט ס׳האָט אים איצט עפּעס דערמאָנט. ער האָט זיך ווידער צעלאַכט, גיכער אַרײַנגעלאַכט אין זיך, אַרומגעקוקט זיך און אַרײַנגערעדט אין אַנעטן:

— נישקשה, מען צאָלט זיי אָפּ מיט דער זעלבער מטבע. אונדזערע פּוילישע ברידער לאָזן נישט דערמאָנען וועגן ייִדישע פּריוואַטהייטס־קעמ־פֿער און די סאָוויעטישע ברידער דערלאָזן נישט מ׳זאָל שרײַבן וועגן פּוילישע פּרײַהייטס־קעמפֿער קעגן צאַריזם. כ׳בין געזעסן אַ גאַנצן חודש אין מאָסקווע, געגאַנגען יעדן טאָג אין די אַרכיוון. ס׳רובֿ פֿון פּוילישע דאָקומענטן פֿון יענע צײַטן זײַנען דאָרט, די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פֿון די אויפֿשטענדלער פֿון 1863, אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון גאָר אַ גרויסער היסטאָ־רישער באַדײַטונג. מיר, אַ גרופּע פּוילישע היסטאָריקער, האָבן פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן, מיר האָבן געוואָלט אַז זיך באַנוצן דערמיט, אַז אַרויסגעבן די קאָרעספּאָנדענץ. מיר זענען געפֿאָרן אין אַ דעלעגאַציע, זיך משתּדל געוועזן בײַ סאָוויעטישע היסטאָריקער. אַ נעכטיקער טאָג! מען דאַרף נישט דערמאָנען אַז די צאַרן האָבן פֿאַרקנעכטעט פֿעלקער, אַז פּאָליאַקן האָבן געקעמפֿט קעגן צאַרישן רוסלאַנד. און ווען איר וואָלט געוווסט ווי אַזוי ס׳קומט אָן פּוילישע היסטאָריקער עפּעס אַרויסצובאַקומען פֿון אַ רוסישן אַרכיוו. אַן אמתע קאָמעדיע.

פֿאַר אַנעטן איז דאָס אַלץ געווען אַ קליינע טרייסט. זי איז אויפֿסנײַ געבליבן הענגען אין דער לופֿט, געגאַנגען צו דער אַרבעט ווי אַן אויטאָ־

מאָט, געוואָלט אויסבאַהאַלטן די צעקלעמטקייט און נישט געקאָנט. בײַם אַרבעטס־טיש האָט זי מיט קיינעמען קיין וואָרט נישט אויסגעטוישט, געענטפערט יאָ אָדער ניין. האָט געוואָלט אויסמײַדן צו קומען אויף די פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען און ס'האָט זיך איר נישט אײַנגעגעבן. דאָס מאָל איז זי גערן געגאַנגען. זי האָט אַזוי לאַנג אײַנגעטעגעהט מיט זיך ביז זי האָט זיך אויפֿגעצווונגען. זי וועט זיך אַרײַנפּאַסן אין סדום־בעטל. מען מוז. אַנדערש קאָן מען נישט לעבן.

ווי האָט זי געקאָנט פּאָרויסזען אַזאַ פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג? ס'האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. מאַגדע, די באַדינערין, האָט פֿאַרלוירן די פּאַרטיי־קאַרטע. זי האָט גלײַך צוויסן געגעבן דער עקזעקוטיווע. איצט האָט זי מיט טרערן דערציילט ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען, געמאַכט אַן אויטאָ־קריטיק, געשלאָגן זיך מיט דער פּויסט אין האַרץ; זי האָט בעסער געדאַרפֿט היטן, נישט לאָזן אין בײַטל. דער שלוכץ האָט בײַ איר צעבראָכן דאָס לשון, זי האָט געדאַרפֿט איבערחזרן. ס'האָט געדויערט לאַנג.

צו הילף איז איר געקומען די צווייטע באַדינערין, איבערגעגעבן ווי מאַגדע איז אַרײַנגעפֿאַלן צו איר מיט אַ געוויין, געווען אַזוי פֿאַרצווייפֿלט, ווי עמעצער וואָלט פּלוצלינג בײַ איר געשטאָרבן. אַ סימן ווי טײַער ס'איז איר די פּאַרטיי־קאַרטע. נאָך איר האָט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר לאַנג און ברייט גערעדט וועגן דער באַדײַטונג פֿון דער פּאַרטיי־קאַרטע. מ'דאַרף זי מער היטן ווי דאָס אַפּל פֿון אויג. ווער ס'פֿאַרלירט זי, ווערט אויטאָמאַטיש אויס פּאַרטייִשער. מען נעמט אָבער אין באַטראַכט, וואָס די חברטע מאַגדע לעבט עס אַזוי שטאַרק איבער, באַטראַכט עס ווי אַ גרויסן אומגליק, לייגט די עקזעקוטיווע פֿאָר בלויז צו געבן איר אַ פֿאָרוווּרף.

דעם פֿאָרשלאַג האָט מען געשטעלט צום אָפּשטימען. אַנעט איז געזעסן בײַ דער זײַט. ס'האָט זי באַפֿאַלן אַן אַפּאַטיע. דער אומעט האָט זי פּאַראַליזירט. זי האָט בעתן שטימען נישט אויפֿגעהויבן די האַנט.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט זי באַקומען אַן אָפּזאָג פֿון דער אַרבעט.

— ווי מיינסטו? ס'איז צוליב די דאָקומענטן, וואָס כ'האָב געבעטן, צי צוליבן נישט אויפֿהייבן די האַנט?

זאַנקע האָט אַ פֿאַרזאָרגטע צוריקגעפֿרעגט:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך שוועבן אין די הימלען?
זי האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צוגעגעבן:
— ביידע זאַכן איז צײַט געווען פאַר דיר אויסצומײַדן.

דער טעלעפאָן האָט אומאויפהערלעך געקלונגען. אַנעט האָט אים געהערט אין שלאָף, האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אים. זי האָט די גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. די פּילן האָבן זי אײַנגעשלעפערט ערשט פאַרטאָג. זי איז האַסטיק אַראָפּ פון בעט און אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרייבל. רעגינע האָט גערעדט מיט אַ וויינענדיקער שטימע.
— ביסט אין שטוב אין אַזאַ טאָג?
— וואָס פאַר אַ טאָג? וויינסט? וואָס איז דיר געשען?
— מיר אַליין איז געשען? אונדז אַלעמען איז דאָס אומגליק געשען.
אַנעט האָט געציטערט. זי איז געשטאַנען באָרוועס. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, די נישט אויסגעשלאָפענע פּילן האָבן זי פאַרטשאַדעט. רעגינע פון דער צווייטער זײַט דראָט כליפּעט. אפשר איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה?
— רעגינקע, זאָג, זאָג שנעלער, כ'האַלט זיך קוים אויף די פיס.
— דו ווייסט גאָרנישט? סטאַלין... סטאַלין... געשטאָרבן.
זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ שלוכץ. אַנעט האָט זיך אויך צעוויינט.
— אַנעט, הײַנט זיצט מען נישט אין שטוב, מען טרויערט צוזאַמען, מיר זענען אַלע פאַריתומט געוואָרן, מען דאַרף זײַן צוזאַמען.
— כ'האָב נישט ווו צו גיין, איך אַרבעט אין ערגעץ נישט.
— הײַנט אַרבעט מען נישט, קום אין דער „היסטאָרישער געזעל־שאַפט". מיר אַלע פון די אַרכיוון גייען אַהין. ס'וועט זײַן אַ טרויער־פאַר־זאַמלונג.
— רעגינקע, כ'בין קראַנק. דער דאָקטער האָט מיר נעכטן געזאָגט דער בראָנכיט שלעפּט זיך נאָך. ס'ווערט כראָניש.
— דו מיט דײַן בראָנכיט. אַזאַ... אַזאַ אומגליק. ווער וועט אונדז איצט...?
זי האָט זיך אויף רעכט צעכליפּעט, דורכן געוויין אָנגעזאָגט זי זאָל קומען. אַנעט איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און זיך אויך צעכליפּעט. זי האָט

אַליין נישט געוווּסט צוליב וואָס, צי צוליב דעם אַלגעמיינעם אומגליק, צי צוליב איר אייגענעם. בלײַבן אין שטוב איז נישט מעגלעך. זי האָט זיך געאײַלט.

אין גרויסן זאַל פון דער „היסטאָרישער געזעלשאַפט" האָט אויסגעזען, ווי דער געשטאָרבענער וואָלט דאָ ערגעץ געלעגן. פרויען אין שוואַרצע קליידער. זיי האָבן צוגעטראָגן די ווײַסע טיכלעך צו די אויגן, געווישט די טרערן. מענער זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, גערעדט מיט אַ פליסטער. פּנימער ערנסטע, טרויעריקע. אויפן וואַנט איז דער גרויסער פּאָרטרעט אַרומגעראַמט מיט שוואַרצן קרעפּ. אין די ווינקלען אַראָפּגעלאָזענע רויטע און שוואַרצע פענער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די טרויער־פאַרזאַמלונג. ס'האָט געדויערט קורץ. דער פאָרזיצער פון דער „היסטאָרישער געזעלשאַפט", פּראָפעסאָר זשוקאָוויצקי האָט זיך באַוואָרנט, אַז ס'איז איצט נישט מעגלעך לאַנג צו רעדן. דער קלאַפּ איז אַזוי גרויס. אַז עס פאַראַליזירט דאָס לשון. די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם פאָטער פון די פעלקער וועט מען ערשט שפּעטער אָפּשאַצן. ער דערמאָנט בלויז זײַנע אויפטוען פאַר דער מאָדערנער, היסטאָרישער וויסנשאַפט. אויך צו דעם וועט מען דורות־לאַנג זיך אומקערן.

דער עולם האָט אויסגעהערט שטייענדיק. רעגינע, אַנעטס נאָענטסטע מיטאַרבעטערין און פרײַנדין אין די אַרכיוון, איז געשטאַנען לעבן איר מיטן טיכל בײַם מויל. אירע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט. אין דער טויטער שטילקייט האָט זי זיך געוואָרגן מיט די טרערן.

דאָקטאָר פײַנשטיין האָט זיך שטיל, אויף די שפּיץ פינגער צוגעשאַרט צו זיי, גענומען אַנעטן פאַר דער האַנט, אַרײַנגעשושקעט אין אויער און אַוועק מיט איר. אויף די שטיגן האָבן זיי באַגעגנט ד"ר פאָזנער. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט אַזאַ לײַכטן שאָקל מיטן קאָפּ ווי מען טוט עס, ווען מען איז אין טרויער.

אויף די גאַסן האָבן געפלאַטערט שוואַרצע פענער. ד"ר פײַנשטיין זוכט בײַ יעדער געלעגנהײַט צו קאָנען כאַפּן מיט עמעצן אַ שמועס, קלײַבט דערבײַ נישט איבער אין ווערטער.

— כ'האָב אײַך אַוועקגענומען פון יענער דאָרט. כ'קען זי גוט. זי וועט, איך בעט אײַך איבער אײַער כבוד, כסדר פּישן מיט די אויגן. טרויער טראָגט מען אין האַרץ. מען קאָקעטירט נישט דערמיט.

אַנעט האָט נישט געענטפערט.

— איר האָט זיכער נישט געוויינט.

— כ'האָב... יאָ, געוויינט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט.

— מסתמא אין שטוב, אין ערשטן מאָמענט. אַ שלעכטע ידיעה איז פונקט ווי אַ שטאַרקער קלאַפּ. די לעצטע טעג אין געטאָ, ווען ס'איז אַראָפּ־געפאַלן אַ ברענענדיקע בעלקע, האָט מען אַ פאַרשטיקטן געשריי געטאָן און דאָס אַלץ. מ'האָט זיך גלײַך גענומען אַרומקוקן וואָס צו טאָן און נישט קרעכצן.

— וואָס דאַרף מען איצט טאָן?

— דער קלאַפּ איז געקומען אין אַ שלעכטער צײַט. נישט פויגלדיק אין אונדזערע לענדער. אַ שלעכטע ירושה איבערגענומען. און מיר ווייסן צו ווייניק ווי ס'זעט אויס אין דער אמתן. עפּעס פילט זיך אַ שלעכטער ריח, נאָר מען ווייסט נישט פון וואָס, פון וואַנען. אַז ס'גייט אין אַזאַ צײַט אַוועק אַזאַ מענטש. צו פאַרטרעטן אַזעלכן. אַ סך זאַכן זענען פאַרנעפּלט, מען קוקט אויף זיי און מען זעט נישט זייער אמתן אויסזען, כ'וואָלט גע־זאָגט...

ער וואָלט ווײַטער גערעדט. ס'זענען זיי אָבער אַנטקעגנגעקומען מאַריאַן אין דער באַגלייטונג פון לעאָנען און איזאַקן. ביידע זענען אַמאָל מיט מאַ־ריאַנען געווען אין „פּראָגרעס". ביידע זענען הײַנט אָנגעשטעלטע אין דער יידישער „קולטור־געזעלשאַפט". צו זייערע קלאַפּעס זענען איצט צוגע־שפּיליעט שוואַרצע בענדלעך.

אַנעטן איז מאַריאַן ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. דאָקטאָר פײַנשטיין האָט זיך געזעגנט. אַנעט איז צופרידן געווען. זי האָט פאַרבויגן די העפ־לעכקייט און פאַרבעטן בלויז מאַריאַנען צו גיין כאַפּן מיט איר אַ שפּאַציר.

— ניין, ניין, איר וועט נישט גיין שפּאַצירן! אין אַזאַ טאָג! מיר גייען אין קלוב.

ס'האָט דאָס געזאָגט לעאָן, מיט היציקייט. איזאַק האָט אַ פאַראומער־טער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ביידע האָבן זיי געוווּסט, אַז מאַריאַן האָט נאָך נישט קיין אַרבעט־פּלאַץ. ווו וועט ער טרויערן? זיי האָבן זיך נישט גע־פוילט צו גיין אים ברענגען אויף אַ טרויער־פאַרזאַמלונג. איצט רעדן זיי אַנעטן אויך צו מיטצוגיין.

— כ׳בין שוין געווען אויף אַ טרויער־פאַרזאַמלונג. כ׳האָב נאָך הײַנט גאָרנישט געגעסן, כ׳מוז אַרײַנגיין אין אַ קאַוויאַרניע.

— הײַנט טראַכט מען וועגן עסן? — האָט זיך לעאָן געוווּנדערט. כ׳האָב קיין ביסן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען.

אַנעט האָט דערפילט אַ קראַמף אין מאָגן. זי האָט דערזען אַן אָנקומענדיקן טראַמווײַ. מאַריאַן האָט זי צוגעפירט און געהאָלפן זיך אַרײַנשטופּן.

אויף צומאָרגנס האָט שעהן־לאַנג זיך געצויגן איבער די וואַרשעווער הױפּט־גאַסן אַ טרויער־מאַניפעסטאַציע. אַנעט האָט פון איין זײַט געהאַט מאַריאַנען, פון דער אַנדערער זײַט דאָקטאָר פאָזנער. זי האָט אים דערזען פון דער ווײַטנס. ער איז געשטאַנען זײַטיק פונעם אָרט, ווו מ׳האָט זיך צונויפגעקליבן צו פאָרמירן אַ גרופּע מאַניפעסטאַנטן. זי האָט אים אַרײַנגעצויגן אין איר ריי. אַנעט האָט גענומען אירע ביידע באַגלייטער אונטערן אָרעם. זיי האָבן אַלע דרײַ געשפּאַנט שווײַגנדיק.

קאַפּיטל 5

— מאַרעק, כ׳בעט דיך, באַגיי זיך נישט מיט מיר ווי מיט אַ קראַנק קינד. זוך נישט קיין עצות בײַם נערוון־דאָקטער, אַ סך זענען דערפון קראַנק געוואָרן. פאַר מיר וועט די בעסטע רפואה זײַן... כ׳וויל פון דיר גאָרנישט, כ׳וויל בלויז זאָלסט מיר דערציילן. קיין טרייסט־ווערטער, קיין קאָמענטאַרן דאַרף איך נישט. כ׳דאַרף זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת.

— האָסט דאָך געלייענט כרושטשאָווס באַריכט. ווייסט שוין דעם אמת.

— נישט דעם גאַנצן. כ׳ווייס גאָרנישט וועגן דיר, וועגן אונדזערע נאָענטסטע חברים.

זי האָט אַ רגע אָפּגעטעמט.

— כ׳ווייס נישט פון וואַנען יורי האָט זיך גענומען צו דיר, כ׳ווייס נישט ווי אַזוי...

— ביסט מיך מסתמא נישט חושד, אַז כ׳האָב דיך אָפּגענאַרט?

— וואָס פאַלט דיר אײַן? ווען ס׳וואָלט געווען אַנדערש, וואָלסטו מיר געזאָגט. פאַרוואָס האָסטו דאָס איבעריקע אויסבאַהאַלטן? באַהאַלסט ווײַטער אויס דאָס, וואָס אַלע ווייסן שוין. פאַרוואָס? צוליב וואָס?

— צוליב... צוליב מײַן ליבשאַפט צו דיר. נישט געוואָלט דיר פאַרשאַפן קיין קלעמעניש. איצט זע איך, אין גרויסער ליבע קאָן אויך זײַן עגאָיזם. געוואָלט דיך האָבן צוריק. געוואָלט... שלעכט געשפּילט. פאַרשפּילט.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך געמאָסטן די ווערטער:

— געוואָלט זאָלסט זײַן גליקלעך, געגלויבט איך וועל דיר קאָנען געבן גליק, פּונקט ווי כ׳האָב געגלויבט אין אַלץ. געווען זיכער, אַז איך טאָר נישט אויפדעקן פאַר דיר אַזעלכע זאַכן. יוליאַן ברון האָט זײַנער אַן

אַרבעט געגעבן דעם טיטל „די טראַגעדיע פון טעותן”. מ׳וואָלט אונדזערע טעותן אויך געקאָנט אַזוי באַצייכענען. אַ פּלאָנטער פון טעותן.

— קאָנסט איצט אויפּפּלאָנטערן.

— אויפּפּלאָנטערן, אויפּפּלאָנטערן..

ער האָט די ווערטער דורכגעזיפּט דורך די ציין, באַגלייט זיי מיט אַ ביטערן שמייכל. זי האָט געוואָלט ס׳זאָל אים קלאָר ווערן איר מיין.

— איך קאָן דאָ נישט לעבן. דו ווייסט עס פון לאַנג. ס׳האָט מיר צוגעגליקט, אויסגעמיטן בעת דער אָקופּאַציע אַ לאַגער. דאָ פיל איך זיך ווי אין אַ לאַגער. נאָך מער דערפאַר וואָס דו באַהאַלסט אויס פאַר מיר. איך וויל, איך מוז וויסן וואָס ס׳איז דאָרט געווען מיט דיר.

— פרעג, כ׳וועל ענטפערן.

דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן בײַ איר שטאַרק קלאַפּן. ס׳האָט זיך איר געוואָלט מיט איין מאָל אויסשיטן אַ זאַק מיט פראַגן. זי האָט זיך גענומען אין די הענט אָנגעשטרענגט זיך צו זײַן געלאַסן. די שטימע האָט בײַ איר לײַכט געציטערט:

— פון וואַנען די שראַם אויפן פּנים? ווי אַזוי האָסטו פאַרלוירן די ציין?

— מ׳האָט זיי מיר אויסגעהאַקט.

ער האָט געפּרוווט שמייכלען. דער געמאַכטער שמייכל האָט זיך אָנגעצייכנט בלויז צווישן די ליפּן. אין די אויגן איז געווען אַן אײַנגעגראָבענער אומעט. די שראַם בײַ דער לינקער זײַט ליפּ איז טיפער געוואָרן.

— בײַ אַן אויספאָרשונג?

— יאָ.

— מאַרעק, כ׳וויל נישט זאָלסט מיר ענטפערן, ווי איך וואָלט געווען דײַן אויספאָרשונגס־ריכטער. אויב דו זאָלסט זיך אַזוי פילן... אויב קאָנסט אַליין נישט דערציילן פאַר מיר...

ער האָט צוגעטראָגן איר האַנט צום מויל, צוגעדריקט צו די ליפּן.

— איינציקע מײַנע, כ׳וויל זאָלסט זײַן שטאַרק. זאָגסט צו?

— יאָ.

זײַן בלייך געוואָרן פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געזוכט ווערטער, אַ פּאַסיקע פאָרעם.

— מ׳האָט מיר עטלעכע טעג נישט געגעבן צו טרינקען. עסן יאָ. געזאַלצנס. דער דורשט האָט געברענט. מ׳האָט מיך געבראַכט צו דער אויספאָרשונג. אויפן טיש איז געשטאַנען אַן אײַזערן טעפל וואַסער. דער אויספאָרשונגס־ריכטער אַ יונגער, אַ פעסטער. ער האָט מיך געפרעגט צי איך וויל טרינקען. כ׳האָב נישט געענטפערט. ער האָט גענומען דאָס טעפל אין האַנט, אויסגעשטרעקט עס צו מיר. כ׳האָב זיך פאַרגעסן, געגעבן זיך אַ ריס צו אים. ער האָט מיטן אײַזערנעם טעפל אַ זעץ געטאָן אין מויל...

ער האָט זיך פאַרהאַלטן ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען.

— צוויי ציין זענען געבליבן הענגען בײַ די צעריסענע דזשיאָנסלעס. די צוויי אַליין אַרויסגעריסן. אויף צו מאָרגנס ווידער אַן אויספאָרשונג. כ׳האָב נישט אונטערגעשריבן. דאָס מאָל האָט נישט געדויערט לאַנג. מײַן אויסזען האָט זיי אפשר דערשראָקן.

— וואָס האָט מען געפאָדערט זאָלסט אונטערשרײַבן?

— דאָס וואָס כ׳האָב קיינמאָל נישט געטאָן. כ׳האָב זיך דאָך נישט געקאָנט מודה זײַן צו האָבן געפירט טראָצקיסטישע אַרבעט אין פראַנקרײַך, דערצו אַרײַנצו׳עז אַ צענדליק מענטשן.

— וואָס האָבן זיי נאָך געטאָן זאָלסט זיך מודה זײַן?

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— צי ווייסטו ווי ס׳ווירקט בראָנפן אויף אַ ניכטערן מאָגן? ס׳איז געווען אַ שטיקל צײַט שפּעטער. דאָס מאָל נישט געגעבן צו עסן. אין אַן אינדערפרי באַקומען אַ פלאַש בראָנפן. כ׳האָב אָפּגעזאָגט. מ׳האָט מיר אַרײַנגעפּאָמפּעט מיט געוואַלד אַ גאַנצן ליטער ספּירט. כ׳האָב זיך געווערט. זיי זענען געווען שטאַרקער. כ׳בין געווען זיכער טויט־שיכור, אָבער דער געדאַנק נישט צו פאַרשיטן אַנדערע האָט געוואַכט, ס׳האָט נישט דערלויבט צו פאַרלירן דעם פולן באַוווסטזײַן.

זי האָט געוואָלט פרעגן צי ער האָט קיינמאָל נישט אונטערגעשריבן. זי האָט געשטעלט אַנדערש די פראַגע:

— האָסט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם פולן באַוווסטזײַן?

— יאָ, איין מאָל. געחלשט. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ קנויל אײַז. מ׳האָט אויסגעגאָסן אויף מיר אַן עמער קאַלט וואַסער און אַרײַנגעוואָרפן אין אַן אײַז־קאַלטן צימער. אין דרויסן האָט דער פראָסט געהאַלטן 30% אונטער נול. מיר האָט זיך געדוכט

מ׳האָט מיך אָנגעטאָן אין אַן אײַזערנעם פּאַנצער, ער האָט מיט שטאָלענע ציינער צעקוועטשט דאָס לײַב. כ׳האָב מסתמא שטאַרק געשריִען. ווען מ׳האָט מיך אַרײַנגעקײַקלט אין אויספאָרשונגס־צימער, האָבן זיי געמיינט כ׳בין פון זינען אַראָפּ. מ׳האָט אָנגעהויבן אַראָפּרײַסן פון מיר די פאַרפּרוי־רענע קליידער, אָפּקלעפּן דאָס אײַז. איך געדענק נישט וואָס ס׳איז נאָך גע־שען מיט מיר. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מײַן איינצל־קאַמער.

אַ פּראַקטיקער ווינט איז אַנטען דורכגעלאָפן אין די ביינער. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, אויפגעהויבן צו אים די טרוקענע, אויסגעלאָ־שענע אויגן. ער האָט געגלעט איר קאָפּ, געשמייכלט מיט אַן אומרויִקן שמייכל.

— מײַן אָרעם קינד, איצט ווייסטו שוין אַלץ.

— נאָך נישט אַלץ.

— וויניק דיר? האָסט ליב באַקומען סאַדיסטישע שילדערונגען?

— וועגן דיר גענוג, דאָס איבעריקע מאָל איך זיך אויס. דערצייל וועגן סעוועקן. געוועז צוזאַמען מיט דיר?

— איין מאָל בלויז אים געזען. בעת אַן אויספאָרשונג. מ׳האָט אים אַרײַנגעבראַכט צו קאָנפראָנטירן. כ׳האָב אים נישט דערקענט. ער האָט לסוף גענומען אויף זיך אַלץ. כ׳האָב פּראָטעסטירט, געשריִען, אַז הוילע ליגנס. מ׳האָט אונדז געלאָזט „שמועסן״ צווישן זיך. כ׳האָב אים געבעטן אָפּצולייקענען די אויסטראַכטענישן. ער האָט געענטפערט: „וואָס פאַראַ נפקא־מינה? אויסטראַכטעניש, ליגנט, אמת, אַלצאיינס״. ער האָט נאָך עפּעס געמרוקעט. ס׳איז נישט געווען דער סעוועק, וואָס מיר האָבן געקענט.

— וואָס איז מיט אים ווײַטער געוואָרן?

— כ׳ווייס נישט. מיך האָט מען איבערגעפירט אין אַ לאַגער.

— און ריטע?

— געוועזן פאַרשיקט...

— מיט יורין?

— ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן.

— ווי אַזוי האָסטו אים...? האָסט מיר געהאַט געזאָגט דו האָסט אים אָפּגעראַטעוועט, ער זאָל אויך דיך האָבן אָפּגעראַטעוועט, ס׳האָט זיך דיר עפּעס אַראָפּגעגליטשט פון צונג, איך קלײַב מיך ביז הײַנט נישט פאַנאַנדער.

— האָסט גוט געזאָגט, ס׳האָט זיך מיר דעמאָלט אַראָפּגעגליטשט פון

צונג, נישט געוואָלט דערציילן און נישט גערעכנט איך זאָל דיר דאָס אַמאָל קאָנען דערציילן. מאָנסט אַ חוב. מסתמא קום איך דיר אים.

ער האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט. ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אָדער געזוכט ווי אַזוי עס אַרויסצוציִען פון זכרון.

— איך געדענק נישט גענוי ווי אַזוי, ווען. איך געדענק ס'איז געוואָרן וואַרעם. אָנהייב זומער. געווען שוין אין אַ געגנט פון וואָרקוטאַ, אויף צוואַנגס־רעזידענץ. אָפטמאָל אַ סך ערגער ווי דער לאַגער. ווי פּאַר איינעם. פּאַר מיר געווען אומדערטרעגלעך. ווייסט, איך בין נישט קיין אויסטויגער. כ'בין אַוועק צו דער פּעטשאָראַ, צו אירע וואַסערן. איך האָב זיך אפשר נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג נאָך וואָס איך גיי צום טײַך. און אפשר יאָ מיט אַן אויסרעכענונג...? דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ געדרייטער. פון דער ווײַטנס צעוואָרפענע כאַטעס, ליימענע באַראַקן. איך בין געגאַנגען ווי איך וואָלט שיכור געווען. פּלוצלינג הער איך אַ פּישטשען, אַ סקאָמלעריי. אפשר דוכט זיך מיר? אין דער דאָרטיקער שטילקייט דערגייט מיט אַן אָפּקלאַנג יעדער שאָרך צום אויער. איך הער זיך אײַן. אַ קינד וויינט, הייזעריק, דאָ שטילער, דאָ העכער. איך פּאַרגעס אין דער פּעטשאָראַ, אין זיך גופא. דאָס געוויין ציט מיך, עס ברענגט מיך צום אָרט, נישט ווײַט פון וועג. אויף דער אויסגעטרוקנטער, קוים באַגראָזטער ערד, אין דער ריכטונג פון די ליימענע באַראַקן, בײַ דער זײַט פון שיטערע קוסטעס ליגט אַ פרוי. לעבן איר אַ קינד. עס רײַסט מיט די הענטלעך די האָר פון דער מאַמעס קאָפּ, קלאַפּט אין ברוסט, אין פּנים, עס וועקט די מאַמע. די מאַמע איז טויט. כ'האָב אַוועקגענומען דאָס קינד, אָנגעהויבן זיך אײַנקוקן אין דער פרוי. קוים זי דערקענט. אויף די בלויע ליפּן שוים. מסתמא אַ האַרץ־שלאַג. ריטע האָט אַמאָל געליטן אויפן האַרץ. כ'האָב געהאַט באַקומען אַ ידיעה וועגן איר אָנקומען אין וואָרקוטאַ. מ'האָט זי פאַרשיקט אַ שוואַנגערע. כ'האָב גענומען דאָס וויינענדיקע קינד אין מײַנע אָרעמס, ס'האָט זיך אײַנגעשטילט. כ'בין אַוועק דערמיט אין מײַן ליימענעם באַראַק, אָנגעקאָרמעט, געלייגט שלאָפן. ריטען האָט מען באַערדיקט אויפן אָרט. איר און סעוועקס קינד איז געוואָרן מײַנס. כ'האָב געהאַט צו וואָס צו לעבן. געוואָרן צומאָל מער אויסטויגער. יורי דאַרף וועגן דעם אַלעמען נישט וויסן. צי פאַרשטייסטו? יעדנפאַלס ביז ער וועט זײַן אַ דערוואַקסענער מענטש.

אַנעט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערנאָך פאַרוואָרפן די הענט אַרום מאַרעקס האַלדז און אײַנגעגנורעט דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל זען די אײַנגעהאַלטענע טרערן אין אירע אויגן. טויזנטער פּראַגעס האָבן זיך איר געשטופּט אויפן צונג. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל הערן איר שטימע. פאַר די אויגן האָבן אָנגעהויבן שווינדלען בילדער, אויסגעדאַרטע קינדער אָן עלטערן. די בילדער האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דעם, וואָס מאַרעק האָט איר אָקאָרשט דערציילט. עס רינגלט זיך און קײַטלט זיך משונהדיק. זי קוקט מיט פאַרמאַכטע אויגן אין דער ווײַט. פון צוויי זײַטן ווירבלט עס מיט תוהו־ובוהו. זי איז דאָ שיִער נישט אײַנגעשלונגען געוואָרן פון אַ תהום און ער דאָרט. זײַנע ענויים זענען אפשר געווען גרעסערע, זיי זענען געקומען מצד אייגענע... זי דאַרף אים אַרויסראַטעווען פון אַזעלכע אייגענע, אים, זיך גופא, די ייִנגלעך.

ער האָט איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן. זי האָט זיי פאַרמאַכט.

— ס'איז איצט בעסער צי ערגער?

זי האָט נישט געענטפערט.

— נעמסט איבער מײַן ראָל? איצט וועסטו שווײַגן?

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף אים פאָרשעריש.

— מאַרעק, צי איז נאָך עפּעס פאַרבליבן פון דעם פאַרוואָס מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער יוגנט, פאַרוואָס מיר זענען שטענדיק גרייט געווען אָפּצוגעבן דאָס לעבן?

— די קערנדלעך, וואָס מ'האָט פאַרזייט וועלן אַמאָל אויפגיין אויפסנײַ. די ערשטע שפּראָצונגען האָבן שלעכטע גערטנער צעטראָטן מיט די פיס, אָבער די זוימען אַרויסרײַסן קאָן מען נישט. אַ מענטש ווערט געבוירן אין בלוט און אין טרערן. אַ נײַע וועלט אויך אַזוי. מלחמה־סטראַטעגיקער זאָגן, אַז פאַרשפּילן שלאַכטן באַדײַט נישט פאַרשפּילן די מלחמה. דאָ איז אויך אַ מלחמה, צווישן גוטס און שלעכטס.

— דאָרט האָסטו אויך אַזוי געטראַכט?

— ווי אַמאָל. אַ מענטש איז זייער אַ קאָמפּליצירט באַשעפעניש. דאָ ברעכט ער זיך, קריצט מיט די ציין, אָדער פאַלט אַרײַן אין יאוש, בעט אויף זיך דעם טויט; דאָ ווידער, איז דאָס זעלבע באַשעפעניש פאַרעקשנט, גיט זיך נישט אונטער, פאַלט, הייבט זיך אויף און גייט ווײַטער,

— דאָרט האָסטו אויך אַזוי פילאָזאָפירט? סעוועק האָט אויך...?

— דאָרט האָט מען אויך פילאָזאָפירט. געוועון אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז... ווייסט וואָס מ׳האָט געזאָגט? אַ שׂונא האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט און פירט אַ טעמולאַנישע שפּיל. אַנדערע דאַקעגן האָבן געשאָלטן, געשפּיגן מיט גאַל, אויף אַלץ, אויף אַלעמען; נאָך אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז דאָס גוטע וועט סוף כל סוף נעמען די אויבערמאַכט איבערן שלעכטן, יעדער סימן פון ענדערונג האָט זיי באַפליגלט. זעסט דען נישט דאָ ווי מענטשן רעאַגירן?

— מיינסט ס׳האָט זיך אין תוך עפּעס געענדערט?

— ס׳מוז זיך ענדערן.

— מאַרעק, ביסט אַ סך געלערנטער פון מיר, האָסט זיך אָבער גאָר נישט אויסגעלערנט פון דעם אַלעמען. ס׳ליגט מסתּמא אין דײַן כאַראַקטער. דו דערזעסט אַ קרישקע גאָלד אין אַ גרויסער, זומפּיקער אָזערע, דעמאָלט זעסטו מער נישט דעם זומפּ נאָר די קרישקע גאָלד.

ער האָט געשוויגן.

— ווייסט וואָס מיר זענען אין דעם אַלעמען? מיר אַלע, מיט די געטוישטע נעמען און אָן די געטוישטע נעמען? אין בעסטן פאַל וועלן מיר זײַן דאָס מיסט צו באַמיסטיקן פרעמדע פעלדער. אויב די קערנדלעך וועלן אַמאָל אַרויסגעבן פרישע שפּראָצונגען, אויב... נישט מיר וועלן ווי גלײַכע מיט גלײַכע שנײַדן דעם שניט. דערוויַל אָבער, דערווײַל גייט עס נישט בלויז אין אונדז מיט די געטוישטע נעמען. דער מענטש איז בכלל געוואָרן דאָס מיסט צו באַמיסטיקן דאָס פעלד פון דער געשיכטע.

צו דער אסיפה האָט זיך יעדערער געגרייט אויף אַן אַנדער אופן. אַלעמען איז אַראָפּגעפאַלן דער זעלבער שטיין אויפן קאָפּ, יעדערער פילט אָבער אָפּ דעם זעלבן קלאַפּ אַ ביסל אַנדערש. חוץ מזה האָט נאָך יעדערער אַנדערע צוגאָב־ווייטיקן.

פאַרבעטן האָט מען דאָס מאָל אַלע. אויך די פון דער פּראָווינץ. עס זענען געקומען שרײַבער, זשורנאַליסטן, היסטאָריקער, אַקטיאָרן, קינסטלער, לערער. אַנעט האָט זיך געוווּנדערט, מ׳האָט אויך זי פאַרבעטן, כאָטש מען האַלט זי פון דער ווײַטנס און זי אַליין האַלט זיך אויך אַזוי,

אַרום צוזאַמענגעשטעלטע טישן, וואָס ציִען זיך אין דער לענג פון זאַל, זענען אויסגעזעצט אַ דריַי צענדליק מענטשן, איינע מיט אומעטיקע פּנימער און פאַרביסענע ליפּן, אַנדערע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מ׳זאָל זיי קוקן אין די אויגן, נאָך אַנדערע זיצן מיט אָנגעשטעלטע אויערן, זיי וואַרטן מיט נייגיר. ביַי אַלע פילט זיך צעטומלט־קייט, אויפגעבראַכטקייט. די לופט איז אָנגעלאָדן, אָנגעגליט ווי פאַר אַ שטורעם. ס׳קאָן באַלד אָנהייבן דונערן און בליצן.

אויבן אָן זיצט משה שפּינמאַן. ער זעט אויס, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון אַ צו הייסער באָד. נעבן אים, פון איין זייט זיצט דער רעזשיסער קלמן זיידמאַן, פון דער צווייטער — וויקטאָר עליאַש. ער זעט אויס ווייניקער פאַרלוירן ווי זיינע צוויי שכנים. נחמן וויַסליץ האָט זיך געזעצט וויַיט פון זיי. מ׳האָט פאַר אים רעזערווירט אַן אָרט אויבן אָן, אָבער נעבן עליאַשן זעצט ער זיך נישט. נישטאָ קיין שלום־בית צווישן זיי. זיגמאַן איז געקומען דער לעצטער. ס׳איז נישט זיַין גע־זעלשאַפט. אָבער אין אַזאַ עת צרה האָט ער זיך מטריח געווען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער בעסטער שטול ביַים סוף. נחמן וויַסליץ האָט זיך נאָך עטלעכע מינוט פאַמעלעך אויפגעהויבן און צוגע־גאַנגען צום פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעזעצט אויף אַ וויַ־טערדיקער שטול.

שפּינמאַן רעדט דאָס מאָל רויִקער ווי געוויינלעך. זיַין שטענדיק צע־פלאַמטע שטימע איז איַינגעלאָשן. זיַין אַריַינפיר איז קורץ: מ׳האָט זיך דערוווסט וועגן אומגליק מיט די יידישע שריַיבער. מ׳דאַרף זיך אָננעמען מיט כוח אַזוי ווי רעוואָלוציאָנערן קאָנען דאָס. מ׳טאָר נישט אַריַינפאַלן אין יאוש, דער עיקר נישט אין היסטעריע, ווי דער שונא דערוואַרט דאָס. ער, דער שונא, וועט דאָס אויסנוצן. ער האָט דערגרייכט שאָדן־פרייד. מ׳דאַרף אַלץ באַטראַכטן מיט אַ קאַלטן קאָפּ. די דיסקוסיע דאַרף זיַין אַ זאַכלעכע, אַ קאָנסטרוקטיווע.

ער האָט פאַרענדיקט און געפרעגט ווער עס וויל זיך פאַרשריַיבן צום וואָרט. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דאָס פאַרביסענע שוויַיגעניש האָט געדויערט, געדריקט. עמעצער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וואָס ער האָט געהאַט איַינגענורעט אין די אַקסלען, און אויסגעשריִען:

— מיר ווילן זיך נאָך עפּעס דערוויסן! רעדט איר פריִער!

שפּינמאַן האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ צו זײַדמאַנען. אויף זייערע ביי־דנס פּנימער האָט פון אונטער אַ רויקער מאַסקע אַרויסגעקוקט געשפּאַנט־קייט. זײַדמאַן האָט זיך שווערלעך אויפגעשטעלט. שפּינמאַן איז געשטאַנען ווי אַ שומר בײַ זײַן זײַט.

— פרילינג איז די שענסטע צײַט אין יאָר...

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן דער רעזשיסער קלמן זײַדמאַן. ער האָט געמאַכט אַ קליינע פּויזע, געוואָלט אָפּזיפצן און דערשטיקט דעם זיפץ. דאָס געמיט בײַ אים איז בפירוש נישט געווען קיין פרילינגדיקס. ער האָט זיך אָבער אויסגעדריקט פאַרביק, געלאָזט אין גאַנג פּאָעטישע מעטאַפאָרן. ער האָט גערעדט וועגן פראָסטיקן ווינטער, וואָס האָט מיט זײַן שאַרף פון קעלט אומגעבראַכט אַזוי פיל אומשולדיקע. און פּאָרט איז דער פרילינג געקומען. ער פאַרטרײַבט דעם האַרבן, אומברחמנותדיקן ווינטער. אָבער די פרילינגדיקע שטראַלן דעקן אָפּ קופּעס מיסט. עס טײַעט אָפּ דאָס אײַז, די „אָדליגע" צעשמעלצט דעם שניי, די שמוציקע וואַסערן, די רינשטאָקן הויבן אָן אָפּצופליסן; מיט איין וואָרט, דער פרילינג דעקט אויך אָפּ די אומריינקייטן וואָס דער ווינטער האָט פאַרקאָוועט אונטער זײַן פראָסטיקן צודעק.

דאָס מאָל האָט ער פרײַ אָפּגעזיפצט און געוואָלט פאַרזעצן. דער אַק־טיאָר אליעזר אַשענבוים האָט זיך אונטערגעהויבן, געגעבן אַ צייכן, אַז ער בעט אַ וואָרט. כאָטש ער האָט עס געמאַכט אין דער שטיל, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָט עס זײַדמאַנען אַרויסגעשלאָגן פון די רייד. ער האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט, דערנאָך אַרויסגעבראַכט פון זיך נישט קאָאָרדינירטע זאַצן וועגן אומגליק, ווי מען ברענגט אַרויס פון אַ טיפעניש אַ שווערע משא. ער האָט לסוף דערמאָנט, אַז די זון האָט אויך פלעקן און זיך אַוועקגע־זעצט. פון עולם האָבן זיך אויפגעהויבן הענט, מ'האָט מיט אומגעדולד געוואַרט צו קאָנען עפּעס זאָגן. דער ערשטער צום רעדן איז געווען אַשענ־בוים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט ווי צו אַן אָנגריף. אַ הויכער, אַ גלײַ־כער, האָט ער זיך דאָס מאָל נאָך מער אויסגעצויגן, געמאַכט אַ באַווע־גונג מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער בינע און גע־וואָנדן זיך דירעקט צום רעזשיסער זײַדמאַן:

— דו ביסט נישט נאָר אַ רעזשיסער, אַן אַקטיאָר, נאָר אויך אַ די־פּלאָמאַט. איך בין אויך אַן אַקטיאָר, אָבער איצט בין איך אומפּעיק צו

זײַן דיפּלאָמאַטיש. דעריבער קאָן איך נישט זאָגן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. מיר זענען אַהערגעקומען מיט ווייטיק אין האַרץ און ס׳זעט מיר אויס, אַז מען קאָן זיך נאָך נישט אַראָפּרעדן פון האַרץ. אויב מיר דאַרפן בלויז זען דעם פרילינג, וואָס האָט געגעבן אַ שײַן, זײַן צופרידן מיט דעם, וואָס די זון לויכט און וואַרעמט ווײַטער טראָץ די שוואַרצע פלעקן, וואָס באַווײַזן זיך אויף איר פון צײַט צו צײַט, האָב איך דערווײַל גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך וואַרט די שרײַבער זאָלן זיך פריִער אַרויסזאָגן. זיי שטעלן מיר שטענדיק צו דעם טעקסט, זאָלן זיי אויך איצט זײַן די ערשטע.

לייזער אַראָנטשיק, דער מיושבדיקסטער פון די שרײַבער, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אַשענבוימען, האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט. ווי ער וואָלט געוואָלט אַרײַנקריכן אין זיך גופא מ׳זאָל אים נישט זען. ער האָט שטאַרק באַדויערט וואָס ער איז געקומען. ראשית וואָלט ער אין דער צײַט געקאָנט צוגרייטן די „ליטעראַרישע טריבונע” צום דרוק, אָדער אַ ביסל אַרבעטן איבערן נײַעם ראָמאַן, וואָס ער האָט אײַנגעפּעדעמט, והשנית, וואָס פאַראַ שײַכות האָט דאָס אַלץ מיט אים? ער איז אַן אומפּאַרטייִשער און מישט זיך קיינמאָל נישט אין די אַלע זאַכן. ער וועט זיך איצט אויך נישט מישן.

אַשענבוים האָט זיך אָנגעטראָפן מיט זײַנע זײַטיקע בליקן, פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך בײַ אים:

— און דו? האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

— איך? איך בין נישט קיין פּאַרטייִשער. כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק. איך מאַך די צײַטונג אַזוי ווי מען הייסט. כ׳בין בלויז אַ באַאַמטער.

— דײַנע ביכער גיסטו אַרויס ווי אַ באַאַמטער צי ווי אַ שרײַבער?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק!

— נישט פאַרנעמענדיק זיך מיט פּאָליטיק, מאַכט מען אויך פּאָליטיק. אַן אַ פּאַרטיי־לעגיטימאַציע אין קעשענע, קאָן מען אויך גוט צוהיטן די פּאַרטיי־ליניע.

שפּינמאַן האָט מיט דער האַנט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, גערופן צו אָרדענונג. זאָל מען נישט פּאָלעמיזירן צווישן זיך. יעדערער איז פרײַ צו

רעדן אָדער נישט צו רעדן. אונדזער אומגליק מיט די יידישע שרייבער גיט נישט קיין רעכט... מען דאַרף זיך באַוואָפענען.. מען דאַרף..

ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט געבעטן מ׳זאָל דיסקוטירן רויק און זאַכלעך און אָנגעהויבן זיך קאָכן, צו רעדן ווי געווײנלעך געדיכט. אַנעט האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, נישט געהאַט קיין געדולד ער זאָל פאַר־ענדיקן און אַרײַנגעפאָרן אים אין די רייד מיט אַ פראַגע. וואָלט עס געווען אַן אַנדערש מאָל, וואָלט ער איר גוט אָפּגעבאָדן דעם קאָפּ. זי איז אים שטענדיק ווי זאַלץ אין די אויגן. ער האָט קײנמאָל נישט אויפגעהערט צו באַדויערן, וואָס ער האָט זי געהאַט געפירט אין אַ יתומים־הויז. ער האָט אויך דעמאָלט געהאַט אַ צו לאַנגע צונג. זיגמאַן האָט אים אָפּגעצויגן פון זײַנע אומאַנגענעמע דערמאָנונגען. זײַנע אויגן האָבן געבליצט הינטער די ברילן, אָבער גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, געציילט און געמאָסטן די ווערטער. זאָל מען נישט אַראָפּפירן די דיסקוסיע אויף זײַטיקע וועגן, זאָל מען נישט אויסנוצן די פעלערן, באַגאַנגענע אין אַ געוויסן עטאַפּ פון בויען דעם סאָציאַליזם, קעגן סאָציאַליזם. ער לייגט פאָר, פראַגן זאָל מען שטעלן צום סוף. און דאָס, וואָס מען פרעגט, דאַרף נישט זײַן אויף דער האַנט פונעם שונא.

אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט. אַ מינוט איז געווען אַ שטיל־שווײַגן, ווי אַ מענטש וואָלט אויסגעהויכט די נשמה. קובאַ, דער שטענ־דיק צעשמייכלטער אַרכיוויסט, האָט באַקומען דאָס וואָרט. דעם שמייכל האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגעשלונגען. איצט האָט ער זיך אַ קראַץ געגעבן אין דער צעשויבערטער טשופּרינע און אַ פאַרלוירענער אויף גיך אַרויס־געוואָרפן פון זיך אַ פּעקל ווערטער:

— איך בין אַ פּאַפּירן־מילב. כ׳האָב אַזוי אַלע יאָרן געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די אַרכיוו־פּאַפּירן, אַז כ׳האָב נישט געזען און נישט געהערט וואָס ס׳טוט זיך אַרום. איצט דוכט זיך מיר, אַז מ׳האָט מיר דעם פאַרגראָבענעם קאָפּ אָפּגעהאַקט. בין איך געקומען אַהער זיך דערוויסן ווי אַזוי ס׳האָט געקאָנט געשען.

— נישט נאָר דו, דער פּאַפּירן־מילב, האָט נישט געזען און נישט געהערט וואָס ס׳טוט זיך אַרום. מ׳האָט אונדז אַלע אָנגעטאָן אויף די אויגן פערדישע קלאַפּעס נישט צו קוקן נישט רעכטס, נישט לינקס, נאָר

גיין אין שפּאַן גלײַך ווי אַ פערד. מ'האָט אונדז פאַרשטאָפּט די אויערן, מ'האָט אונדז... וואָס איז דאָ צו רעדן? מ'האָט אונדז גוט אויסגעשטעלט!

חיים זאַלץ האָט עס פון אָרט געזאָגט אין איין אָטעם. זאַלץ שנײַדט זיך אויף אַ שרײַבער. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ בוך־זכרונות פון דער אָקופּאַציע־צײַט פון וועלכן מ'האָט אַרויסגעשניטן עטלעכע שטעלן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרען מיט קריטיק און ס'גייט אים נישט בעסער. איצט האָט עס אים אויפסנײַ אַ ברי געטאָן. שפּינמאַן האָט געקלאַפּט אין טיש. ס'קאָן אַזוי ווײַטער נישט גיין, מ'איז נישט אין קיין קרעטשמע, מ'איז אויף אַ פאַרזאַמלונג.

ס'איז געקומען ווײַסליצעס ריי. ער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיצנדיק געוואָלט צוימען דעם צאָרן ער זאָל נישט צו שטאַרק אַרויסשטראָמען פון אים. זײַן שטימע איז נישט אַזוי אײַפערדיק ווי געוויינלעך.

— רבותי, איך זיץ, הער מיך אײַן און פרעג מיך וואָס דאָ קומט פאָר. אָדער־אָדער, האָט מען געהאַלטן, אַז די צײַט איז נאָך נישט געקומען אויפצודעקן אונדזערע בלוטיקע וווּנדן, האָט מען נישט געדאַרפט צונויפרופן די אסיפה. מען דאַרף וויסן, אַז מען קאָן דאָס מער נישט האַלטן דערשטיקט אין זיך. מען רעדט צוזאַמען, ווײַל דאָס אומגליק רעדט אַרויס פון יעדערן. האָט מען שוין יאָ צונויפגערופן, דאַרף מען...

שפרה זעלצער, די אַלטע אַקטריסע, האָט זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און אים אַרײַנגעשאָסן אין די רייד:

— כ'האָב מורא, אַז מען האָט נעבעך ווײַטער מורא.

ווײַסליץ האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און געשענקט איר אַ שמייכל. קענטיק געווען, אַז ער האָט איר נישט גענומען פאַר אומגוט וואָס זי האָט אים איבערגעריסן. ער האָט אָנגעבונדן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם צו אירע רייד.

— אויב מוזן מיר ווײַטער מורא האָבן צו זאָגן, וואָס עס דריקט אונדז, צו פאָדערן רעכענונג, איז צוואָס זענען מיר אַהער געקומען? אָפּצווישן מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ די טרער בציבור? דאָס קאָן יעדערער טאָן בײַ זיך אין שטוב. אויף פאַרזאַמלונגען פון דער פּאַרטיי רעדט מען שוין אָפן און הויך. מײַלער האָבן זיך געעפנט. מען זאָגט איצט דאָס, וואָס מ'האָט פריער מורא געהאַט פאַרן מויל צו ברענגען, נישט גע־

וואָגט הויך צו טראַכטן וועגן דעם. עס זעט אויס, ווי מיר וואָלטן געמוזט זײַן פּאַרזיכטיקער ווי אַנדערע. מ׳האָט אונדז אָבער פּאָרט צונויפגערופן. טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר צוזאַמען נישט זוכן קיין ענטפער אויף דער פראַגע ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען? און זאָל מען אויפהערן אונדז צו קלאַפּן אַ קאָפּ מיטן „פּערזאָנען־קולט״, עס פאַרענטפערט גאָרנישט. פאַראַן אַנדערע וועזנטלעכע פּראָבלעמען. מיר דאַרפן וויסן ווי עס האַלט מיטן ייִדן־פּראָבלעם אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. וואָס זענען מיר? אוקראַינער זענען אוקראַינער, לעטן זענען לעטן אין די ערגסטע און בעסטע צײַטן. וואָס זענען מיר? וואָס האָט מען געמאַכט פון אונדז?

ס׳האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען: „זאָגט דאָס טאַקע, זאָגט וואָס מ׳האָט געמאַכט פון אונדז״!

שפּינמאַן האָט זיך אויפגעהויבן. ס׳האָט געזאָלט זײַן אַ צייכן, אַז ס׳דאַרף זײַן רויק. רויק איז געוואָרן, ווען ווײַסליץ האָט זיך אויסגעדרייט צו די, פון וואַנען ס׳זענען געקומען די שטימען.

— דאָס קאָן מען נישט אַזוי על רגל אחת און אַוודאי נישט אין אַזאַ אַטמאָספער. מיר דאַרפן דאָס צוגרייטן, כדי ערנסט אָנצוווײַזן אויף די באַגריפן און טעאָריעס, וואָס מיר האָבן אַקצעפּטירט און וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש און שעדלעך. מ׳דאַרף זיי רעווידירן און ראשית כל אַדורכפירן אַ חשבון־הנפש. ס׳וועט אפשר נישט זײַן קיין לײַכטע זאַך, אָבער אַן אומבאַדינגט נויטיקע. זאָלן זיך דערווײַל מענטשן אַרויסזאָגן אַן באַוואָרעניש, יעדערער האָט אַן אייגענע דערפאַרונג, יעדערער ווייסט עפּעס, וואָס ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט אַלע זאָלן וויסן. די הײַנטיקע פאַרזאַמלונג ווי זי זאָל נישט זײַן כאַאָטיש, אָנגעלאָדן מיט נערוועזיטעט, וועט פּאָרט דינען ווי אַ באַזע פאַר אַ צווייטער.

ווי גיך ער האָט פאַרענדיקט האָט זיך דערהערט זעלמאַנאָוויטשעס נאָמען. זעלמאַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך, געשטאַנען לאַנגע רגעס מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, די אויגן אײַנגעגראָבן אין טיש און געשוויגן. צו דער אסיפה איז ער געקומען פון וראָצלאַוו און קיין וראָצלאַוו האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַן אַכט טעג צוריק פון אָדעס און מאָסקווע. ער איז געפאָרן אין די צווײ ווײַטע שטעט באַזוכן אַ ברודער און אַ שוועסטער. נאָכן אומקערן זיך האָט ער מיט קיינעמען זיך נישט באַגעגנט, נישט געוואָלט קיינעמען זען און צעקריגט זיך מיטן ווײַב. זי, דאָס ווײַב, האָט

נאָכן אויסהערן, פאַרגעוואָרפן אים, אַז ער איז פלוצלינג געוואָרן אַ שונא פון גרויסן, סאָציאַליסטישן לאַנד, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט די מענטשהייט פון פאַשיזם. צו שפּינמאַנען איז ער נישט געגאַנגען, כאָטש זיי זענען פאַנבראַט; שפּינמאַן האָט אים אַמאָל אַרײַנגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט און זיך געגרויסט, אַז ער האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעהאָדעוועט אַ פּאַרטייִשן דיכטער.

זעלמאַנאָוויטש איז איצט געשטאַנען אַנטקעגן אים בײַ דעם צווייטן עק טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אויפהייבן די אויגן נישט אָנצוטרעפן זיך מיט די בליקן פון זײַן אַמאָליקן רבין. מען דאַרף אים קיינמאָל נישט פּיקן דאָס צינגל, רעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער, איצט שטייט ער ווי דאָס לשון וואָלט אים אָפּגענומען.

— נו, וואָס שטייסטו ווי צום אויסמעלקן? די צונג איז דיר פלוצלינג געליימט געוואָרן? — האָט אים זײַן שכן שטיל געמונטערט.

— יאָ, די צונג איז מיר געליימט, איך קאָן נאָך נישט קומען צו זיך נאָכדעם וואָס כ׳האָב זיך צוגעזען און אָנגעהערט.

ער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גערעדט נישט מיט זײַן שטימע:

— איך ווייס נישט צי איר ווייסט אַלע, אַז איך בין מיט אַ וואָך צוריק געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. כ׳בין אַהין געפאָרן אַ געזונטער און געקומען אַ קראַנקער, מיט אַ קראַנקן קאָפּ און צעריסן האַרץ. כ׳האָב דאָרט אַ היפשע משפחה, קאָלעגן, באַקאַנטע. אייניקע שרײַבערס האָב איך געקענט פון די יונגלשע יאָרן, מיט איינעם פון זיי געגאַנגען אין חדר. דער זעלבער האָט פאַר מיר בײַ אַ פאַרהאָנגענעם פענצטער אַראָפּגענומען דאָס העמד און געוויזן צייכנס פון ווונדן. דער גורל האָט אים צוגעגליקט, ער איז צוריקגעקומען, נאָך עטלעכע מיט אים. זיי האָבן מיר דערציילט פּרטים, וואָס איך וועל דאָ נישט איבערחזרן, צוליב זיי. איך בין געווען אין ייִדישע שטובן, ווו מ׳האָט פאַרברענט אַלע ייִדישע ביכער, נישט נאָר ביכער פון אַרעסטירטע שרײַבער, נאָר אויך מענדעלעס, שלום עליכמס, פּרצעס ביכער. ייִדן האָבן פאַרברענט בריוו, געשריבן אין ייִדיש, אַלטע כתב־ייִדן, כתיבות, אַן אָנדענק־קאַרטל אין ייִדיש. בײַ מײַן שוועסטער אין מאָסקווע זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע משפחות, ס׳איז געווען אַ שטיקל אויפנאַמע פאַר מיר, כ׳האָב געלייענט מײַנע לידער. מענער האָבן געווישט די

אויגן, פרויען האָבן נישט פאַרבאַהאַלטן די טרערן. איר ווייסט פאַרוואָס? ווײַל זיי האָבן דערלעבט צו הערן לייענען אַ ייִדיש ליד, צו קאָנען זיך צונויפקומען און אויפנעמען אַ ייִדישן דיכטער.

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעהויבן שפּרינגען פון איין שילדערונג צו דער צווייטער. אַ נאָגנדיקע שטילקייט האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט איבער די פאַרזאַמלטע, אַ שטילקייט וואָס שרײַט. שפּינמאַן האָט נער־ווענז אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן בלײַפעדער אין טיש, ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט אײַנשטילן. לייזער אַראָנטשיקן, דעם אומפּאַרטייִשן שרײַבער, האָט זיך געדוכט, אַז ער דאַרף פּאַרט עפּעס זאָגן. ער האָט איצט בײַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן. ער האָט שטיל אויסגעברומט:

— מורא איז אַ שרעקלעכע זאַך.

זאלץ האָט אים אונטערגעלייגט פײַער:

— נו, וואָס שווײַגסטו? דו ווייסט דאָך עפּעס וועגן דעם.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן? ס'האָט מיר דען אויסגעמיטן?

זאלץ האָט מער נישט געוואַרט און זיך געוואַנדן צו שפּינמאַנען:

— אַראָנטשיק בעט אַ וואָרט, ער וויל עפּעס זאָגן.

לייזער אַראָנטשיק האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל. ס'איז געווען צו שפּעט. שפּינמאַן האָט זיך צוגעאײַלט. אַז דער וויל עפּעס זאָגן, דאַרף מען אים געבן דאָס וואָרט אויסער דער ריי. ער רעדט זעלטן, און אַז ער רעדט, איז קורץ צו דער זאַך. אַראָנטשיק איז אַרײַנגעפאַלן, אָבער נישט אַראָפּ־געפאַלן בײַ זיך. וואָס איז? ער איז נישט אָפּגעקומען? נישקשה, ער האָט אויך וואָס צו דערציילן.

— כ'האָב געזאָגט די חברים, אַז מורא איז אַ שרעקלעכע זאַך. צו וואָס שרעק קאָן אַלץ דערפירן. כ'האָב געהאַט אינטערעסאַנטע בריוו פון בער־געלסאָנען און פרץ מאַרקישן. כ'בין געווען מיט זיי באַפרײַנדעט. זיי האָבן מיר אַ סך געהאָלפן, ווען כ'האָב זיך געראַטעוועט אַהין. מיר האָבן זיך דערנאָך איבערגעשריבן. וועגן אונדזערע שרײַבערישע ענינים. ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין פאַרשידענע קלאַנגען, כאָטש מ'האָט נישט גע־וווּסט און נישט געעאַנט וואָס ס'גרייט זיך, האָב איך אַלע זייערע בריוו פאַר־ברענט. אָט צו וואָס עס קאָן דערפירן שרעק.

אַשענבוים האָט שטיל אַרײַנגעלאַכט אין זיך. לייזער אַראָנטשיק

האָט זיך געמאַכט נישט זען און נישט הערן. דער אַרכיוויסט מיט דער צע־שויבערטער טשופּרינע האָט אים געשטעלט אַ האַרבע פּראַגע.

— פאַרוואָס האָט איר מיר נישט אָנגעטרויט די בריוו? איך וואָלט זיי אויסבאַהאַלטן אין די אַרכיוון.

פאַר אַראָנטשיקן האָט געענטפערט זאַלץ:

— פאַר דיר האָט ער דען נישט מורא געהאַט? פאַר אַ שאָטן האָט מען זיך אויך געשראָקן.

די פאַרגליווערטקייט, די געשפאַנטקייט זענען אָפּגעטראָטן. דער עולם האָט ווידער שטילערהייט געשמועסט צווישן זיך. אַראָנטשיקן איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. ער האָט טאָפּלט חרטה געהאַט. לאָ די וואָס ער איז געקומען, האָט ער זיך נאָך אויסגעשטעלט צו לײַטיש געלעכטער. פאַרזיכטיק און פאַרזיכטיק און אַרויסגעשפּרונגען, געלאָזט זיך ציִען פאַר דער צונג. דערוויַל האָט שפּינמאַן צום וויפלסטן מאָל שוין געבעטן ס׳זאָל שטיל ווערן. אַשענבוים האָט אים דערמאָנט, אַז זלאַטקע קאַרפּ, די דירעק־טאָרין פון אַ יידישער שולע, איז פון לאַנג פאַרשריבן צום וואָרט. זלאַטקע גייט אַרום ווי מען וואָלט איר לעבעדיקערהייט אַרויסגעריסן דאָס האַרץ. זי האַלט אין איין שרײַבן און גרייטן בייגעלעך פּאַפּיר. אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, נאָכן איבערלייענען כרושטשאָווס באַריכט, האָט זי זיך אָנ־גערעדט מער, ווי מען האָט געדאַרפט. אָבער ווי האָט זי געקאָנט אַרומ־רעדן אייגענע, יידישע צרות? זי איז צופרידן געווען וואָס מ׳האָט זי פאַר־בעטן אַהער. איצט האַלט זי אין האַנט אַ היפּש ביסל פאַרשריבענע בלעט־לעך. זי גיט אַ מיש און לייגט זיי אָפּ צוריק. זי וועט נישט אַרײַנקוקן אין זיי, וועט לאָזן די רייד פליסן אַזוי ווי זיי שטופּן זיך אויפן צונג. זי האָט אָנגעהויבן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געבעטן זי זאָל רעדן העכער.

— פון וויטיק שרײַט מען מערסטנטיילס. פאַראַן אָבער אַזאַ וויטיק, אַז מען קאָן נישט שרײַען, מ׳שטאַמלט קוים. מיר אַלע שטאַמלען איצט.

זי האָט אָפּגעהאַקט, ווי די ערשטע זאַצן וואָלטן זי דערשעפּט. זי איז געווען בלאַס. האָט זיך געיישובט ווי אַזוי ווײַטער צו ציִען. אָן די בלעטלעך איז זי, ווי אָן אַ קאָמפּאַס אויפן ים. זי וועט אָנהייבן פון דעם, וואָס האָט זי דאָ ערשט נישט לאַנג געמאַכט ציטערן.

— דער חבר זעלמאַנאָוויטש האָט פאַר אונדז געשילדערט ווי ס׳האָט אויסגעזען דאָרט. פאַר וואָס דערציילן מיר נישט ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען

בײַ אונדז? ווי אַזוי ס׳זעט נאָך הײַנט אויס? מ׳האָט בײַ אונדז אין יידישע שטיבער אויס מורא נישט געברענט קיין יידישע ביכער, מ׳האָט נישט געמאַכט קיין פּאָגראָם אויף יידיש שאַפן און יידישע שעפער, פאַרקערט. מ׳האָט אומאויפהערלעך געטרומייטערט וועגן אויפבוי, וועגן באַנײַונג. חברים, סתם יידישע מענטשן האָבן אַרויסגעצאַפּט פון זיך די כוחות, אַז די דאָזיקע באַגריפן זאָלן נישט זײַן קיין פּוסטע ווערטער. אין דער אמתן איז אויך בײַ אונדז זינט יאָרן געווען אַ געהיימער אוקאַז אַלץ צו צוימען, אײַנצושרומפּן. מ׳האָט געשניטן די בודזשעטן און פאַרמאַכט אינסטיטוציעס, אויסגעבויטע נאָכן חורבן, מ׳שטופּט שטופּנווײַז אונדזער קולטור, אונדזערע שולן אַרײַן אין אַ סדום־בעטל. ס׳זענען פאַראַן אַנדערע באַאומרויקנדיקע זאַכן וועגן וועלכע מ׳האָט נישט געוואַגט און מען וואַגט ווײַטער נישט צו רעדן. וווּ זענען אַהינגעקומען די שמאַלצאָווניקעס? צי האָט מען געמשפּט פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן יידן אין היטלעריסטישע הענט? מען טאָר אַפילו נישט דערמאָנען, אַז אַזעלכע זענען געווען. דער גרעסטער טייל פון אײַך איז דאָ נישט געווען. איך בין דאָ יאָ געווען אין יענע יאָרן און ווייס גענוי ווי אַזוי ס׳האָט דעמאָלט אויסגעזען. און הײַנט? איך לעב אין ווראָצלאַוו און קען גוט די שטאָט. דאָרט איז אַן אָנלויפעניש פון גאַנצן לאַנד, צוממיינסטן פון די מזרח־ און דרום־מזרח־געביטן. צי ווייסט איר, אַז צווישן די אָנגעלאָפענע זענען פאַראַן יידן־מערדער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע וווין־ערטער און זיך אײַנגעאָרדנט אין דער ווײַטער שטאָט? טיילמאָל פאַרנעמט אַזעלכער אַ גוטן פּאָסטן. ס׳איז נישט צו גלויבן, אַז מען זאָל בײַ אַזעלכע שטרענגע קאָנטראָלן נישט וויסן דערפון. איינעם אַזאַ פאַרשוין, וואָס וווינט הינטער ווראָצלאַוו, האָט דאָ נישט לאַנג אַ יידישע פרוי דערקענט. ער האָט אין איר שטאָט איבערגעגעבן יידן אין דײַטשע הענט. די פרוי האָט צוגעטראָגן דער מיליציע. צוויי מיליציאַנטן מיטן עדות זענען אַוועק צו אים. דער פאַרשוין האָט זיך נישט דערשראָקן: „זי זאָגט ליגנט, ווײַל זי ווייסט, אַז כ׳האָב שטענדיק געהאַסט יידן, איך האַס זיי הײַנט אויך״. ער איז געבליבן רויק אויף זײַן אָרט, דאַקעגן, די פרוי האָט פון דעמאָלט אָן מורא געקראָגן צו בלײַבן אויפן אָרט. אין וואַרשע גופא האָט עמעצער דערקענט אין אַ פּאָליציאַנט אַ יידן־מערדער. ער האָט אין איר שטעטל געהאָלפן די דײַטשן אַרויסשלעפּן יידן פון זייערע באַהעלטענישן. דער עמעצער האָט דאָס

דערציילט צווישן אייגענע, אָבער מורא געהאַט צוּוויסן צו געבן אין דער מיליציע. פרעגט זיך: פאַרוואָס זענען אין פוילן נישט געווען קיין פּראָצעסן קעגן היגע ייִדן־מערדער? פאַרוואָס באַומרויִקט מען זיי ווײַטער נישט?

זי האָט גענומען אין האַנט די פאַרשריבענע בלעטלעך, איבערגעמישט און אַרײַנגעקוקט אין זיי.

— אין דער זעלבער צײַט וואָס מ׳האָט גערעדט וועגן ייִדישן ווידערגעבורט, אויפבוי, האָט מען געציילט אויסצומעקן די געשיכטע פון ייִדן אין פוילן. צו ראַטעווען דעם גענשער בית-עולם דאָ, אין וואַרשע גופא, און נישט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, האָט מען געדאַרפט, אַז אָנגעזעענע מענטשן פון אויסלאַנד זאָלן זיך אײַנשטעלן. איך בין אַ לאָדזשער, דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן ווײַט פון מײַן שטאָט, אָבער די אַמאָליקע ייִדישע שטאָט איז אײַנגעבאַקן אין האַרץ. דער לאָדזשער ייִדישער קוואַרטאַל, די באַלוטן, דאָס שטיקל אָרט פון געטאָ, זענען אַראָפּגערוימט. מען האָט אויסגעבויט נײַע געגנטן מיט ברייטע אַלייען, מיט גרינע בייטן, אָבער קיין שום אָנדענק־שטיין איז אין ערגעץ נישט פאָרויסגעזען. ס׳וועט נישט בלײַבן קיין צייכן וועגן דעם, אַז דאָרט האָבן ייִדן געלעבט הונדערטער יאָרן, אַז דאָרט איז געווען אַ געטאָ, איינער פון די שווערסטע, ווו מען האָט פאַרפײַניקט די לאָדזשער ייִדישע באַפעלקערונג. אַן אָנדענק נאָך די פאַרטיליקטע האָט מען באַגינסטיקט אויפצושטעלן אויפן הינטערשטאָטישן בית־עולם, ווו קיינער וועט דאָס נישט זען, ס׳וועט קיינעמען גאָרנישט קאָנען דערמאָנען. איך וועל נישט אויסרעכענען אַלע געפאַרן, וואָס דראָען אַלץ אָפּצווישן. מ׳דאַרף פאַרגעסן, פאַרגעסן און פאַרגעסן. געווען נאָך דאָ נישט לאַנג אַ צײַט, ווען דאָס מאַכן פאַרגעסן איז דערגאַנגען צו אויסטערלישע אַבסורדן. אַ פוילישע שרײַבערין, מײַנע אַ באַקאַנטע, האָט מיר דערציילט, אַז אין אירס אַ בוך האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פוילישער משפחה. אונטער זייער דירה האָט געוווינט און געאַרבעט אַ ייִדישער שוסטער. דער רעדאַקטאָר־רעצענזאָר האָט זי אַרויסגערופן און געפרעגט: „צו וואָס איז נויטיק ס׳זאָל זײַן אַ ייִדישער שוסטער? אַ שוסטער און גענוג”. דאָס וואָרט „ייִדישער” האָט מען אויסגעשטראָכן. הײַנט וועט מען מסתמא אַזוי נישט האַנדלען. אָבער דאָס אויסמעקן, דאָס מאַכן פאַרגעסן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. פרעגט זיך: וואָס טוט מען הײַנט קעגנצו־

ווירקן? וואָס טוט מען קעגן אַראָפּנעמען און איבערשטעלן ייִדן אויף אַר־בעטס־פּלעצער? פּריִער איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע, אונטערערדישע דיס־קרימינאַציע, היינט איז זי אַן אָפענע. ווי זאָל מען דאָס אָנרופן אַנדערש ווי דיסקרימינאַציע, ווען אונטערן אויסרייד פון ענדערן די קאַדרען, באַ־זייטיקט מען פון די פּאָסטנס נישט נאָר ייִדישע דירעקטאָרן, נאָר מען נעמט אויך אַראָפּ פון דער אַרבעט פּשוטע ייִדישע אָנגעשטעלטע? יונגע מענטשן שיקט מען אויף רענטע. צי האָט דאָס נישט עפּעס געמיינזאַמעס מיטן גרויסן אומגליק וועגן וועלכן מיר האָבן זיך איצט נישט לאַנג דער־ווסט? אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס האָט מען וועגן דעם אַלעמען נישט גערעדט. וועגן אַנדערע באַוווּלטע פעלקער יאָ, וועגן אונדז נישט. ייִדן זעען אין דעם אַ צייכן, אַז מיר זענען ווײַטער אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע פון אַ נידעריקער מדרגה. די וואָס קאָנען, מאַכן די פּעקלעך און לאָזן זיך אין וועג, צווישן זיי נישט ווייניק אַלטע פּאַרטיי־חברים.

זלאַטקע קאַרפּ האָט נאָך געהאַט אַ סך צו זאָגן. אין קאָפּ בײַ איר איז אַ שטורעם. אין האַלדז איז טרוקן. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט צו אַ גלאָז וואַסער... שפּינמאַן האָט איר דערמאָנט, אַז זי רעדט לענגער ווי די פאָרויסגעזעענע צײַט. ס'איז געווען אַנעטס רײַ.

— ס'איז גרײַלעך מעגלעך, אַז מיר ווייסן נאָך נישט אַלץ. אַ סך זאַכן זענען נאָך פאַרהוילן, ווי ס'זענען אַ סך יאָרן געווען אויסבאַהאַלטן די פאַר־ברעכנס, דער מאָרד איבער די ייִדישע שרײַבער. אָבער דאָס, וואָס מיר ווייסן איז איבערגענוג צו שלאָגן אויף אַלאַרם. שלאָגן אויף אַלאַרם באַ־דײַט זוכן און נישטערן, פאָדערן רעכענונג ווי אַזוי אַזאַ אומגליק האָט גע־קאָנט געשען, זיך אַרומקוקן ווי עס האַלט איצט מיט אונדז, אויך דאָ בײַ אונדז אין לאַנד, ווי מײַן פאָררעדנערין האָט געזאָגט. צום בינטל פאַקטן וואָלט מען געקאָנט צוגעבן אַן אַ שיער אַנדערע, סײַ פון פריִער, סײַ פון איצט. קורץ: ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדז אַ נײַע געפאַר. זי הענגט ווײַטער איבער אונדזערע קעפּ, טראָץ דער אָדליגע, ווי אַ דאַ־מאָקלעס שווערד. דער נײַער אַנטיסעמיטיזם איז געפערלעכער ווי דער אַמאָליקער. וועגן אַמאָליקן האָט מען אָפן גערעדט, מען האָט אָנגעוויזן אויף אים מיט די פינגער. היינט טאָר מען נישט. ס'איז כלומרשט אַזעל־כעס נישטאָ. דער אַמאָליקער איז געווען אַ היגער פּראָדוקט, דער היינטי־קער איז אויך אַן אימפּאָרטירטער. איז דען נישט געווען אין סאָוויעטישן

ניסח דאָס איינשטעלן זינט 1951 אַ נישט אָפיציעלן, אָבער פּאַקטישן נו־מערוס קלאַוזוס פאַר יידן אויף העכערע פּאָסטנס? מ׳האָט זינט אַ סך יאָרן געלייגט אַ געהיימען פאַרבאָט, ווייניקסטנס באַגרענעצט דאָס פאַרזעצן שרייבן וועגן יידישן אומקום און יידישער גבורה און סתם וועגן יידישע ענינים. צי שטאַמט עס נישט פון דאָרטן? אין אַ מאָסקווער פאַרלאַג ליגט זינט יאָרן דאָס בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״. ס׳איז נישטאָ קיין האָפענונג אַפילו איצט, אַז דאָס בוך זאָל הערשיינען אין דער רוסישער איבערזעצונג. ווען אויסלענדישע מלוכה־מענער פון די מערבדיקע לענדער באַזוכן וואַרשע, פאַרגעסן זיי נישט צו גיין זיך פאַרנויגן פאַרן געטאָ־דענקמאָל, אָנקוקן דאָס אָרט, וווּ ס׳איז געווען דער געטאָ. ס׳איז נאָך אָבער נישט געשען, אַז אַ סאָוויעטישער גאַסט אין וואַרשע זאָל זיך אַהין מטריח זיין. צי דינט דען דאָס ניט ווי אַן אָנווייזונג? און דאָס באַשרענקען און אָפּמעקן קומען דען נישט פון דאָרטן? דאָ, אויפן אָרט, פעלן נישט קיין אייגענע איינפאַלן, אָבער דער איצטיקער מאָדעל איז אַ צוגעשטעלטער. דאָרט האָט דער פּראָצעס פון אָפּמעקן זיך אָנגעהויבן זינט לאַנגע יאָרן, ווער ווייסט צי נישט פון אָנהייב. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון אַרויסרייסן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. מ׳האָט געמאַכט טריף־פּסול נאַציאָנאַלע ווערטן. פון אָנהייב איז דאָס געווען אומשולדיק. ס׳האָט געדרונגען פון פאַלשע טעאָריעס. שטופנווייז האָבן יענע טעאָריעס דערפירט צו פאַר־קריפּלונגען און אָנגעהויבן באַדראָען דעם עצם פון אונדזער פאָלקס־קיום. נייך, דאָס, וואָס איז געשען אין די יאָרן 1948 און 1952 איז נישט מיט איין מאָל אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

זיגמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אויף שפּילקעס, האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן.

— איר באַשולדיקט נישט דעם סטאַליניזם, נאָר דעם קאָמוניזם.

— מ׳האָט פאַרן סטאַליניזם געמאַכט טעאָריעס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יידישע נאַציע, קיין יידיש פאָלק, אַז יידישע קולטור איז אַ בורזשואַזער ענין. סטאַלין האָט זיך אויף זיין שטייגער באַנוצט מיט יענע טעאָריעס.

זיגמאַן האָט זיך ווידער אָפּגערופן:

— מיר זענען זיך צונויפגעקומען רעדן וועגן יידישער קולטור און נישט וועגן אַ יידיש פאָלק.

— ס׳איז נישטאָ קיין יידישע קולטור אָן אַ יידיש פאָלק.

עמעצער נעבן איר האָט מיט איראָניע באַמערקט:

— נישט לאַנג צוריק וואָלט מען געזאָגט, אַז ס׳איז ייִדישער באַציאָנאַליזם, נאַציאָנאַליסטישער טשאַד.

די ווערטער האָט איר שכן אַרויסגעזאָגט שטיל, אַנעט האָט זיי אונטערגעכאַפּט:

— גוט וואָס מײַן שכן האָט מיר דערמאָנט. נאַציאָנאַליסטישן טשאַד האָט מען אַ נאָמען געגעבן אַלץ, וואָס איז ייִדישע טראַדיציע, וואָס האָט אַ ייִדישע נשמה. מען האָט אונדז אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ, אַז ייִדיש, ייִדישע קולטור זענען נישט קיין ציל פֿאַר זיך, נייערט אַ מיטל צום ציל. האָט זיך דאָ דער פֿאַלשער שײַכות צווישן מיטל און ציל אַזוי אויסגעדרייט, אַז דאָס צעטרעטן די ייִדישע קולטור איז געוואָרן אַ מיטל צו טרעטן דאָס ייִדישע פֿאָלק.

פון דאָ און דאָרט האָט מען איר אונטערגעהאָלפן מיט אַ וואָרט. אַנעטן האָט דאָס נישט געשטערט, פֿאַרקערט. שפּינמאַן האָט ווידער געקלאַפּט אין טיש. ס׳האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרעסערן טומל. ס׳האָט זיך אים לסוף אײַנגעגעבן צוויסן צו געבן, אַז וויקטאָר עליאַש וועט ענטפֿערן דער רעדנערין.

— ענטפֿערן אויף אַלץ איז נישט מעגלעך. אי ס׳וואָלט פֿאַרנומען צו־פֿיל צײַט, אי מ׳וואָלט געדאַרפֿט אַרײַנגיין אין אַ טעאָרעטישער דעבאַטע. מ׳קאָן זײַן אַ היסטאָריקער און גאָרנישט פֿאַרשטיין פֿון היסטאָרישע געשעענישן, זייערע זיגזאַגן. לייג איך אָפּ די הויפּט־פּראָבלעמען אין אַ זײַט. פֿאַראַן זאַכן מיט וועלכע כ׳בין מסכּים. כ׳מיין אַלע וועלן מסכּים זײַן, אַז מ׳דאַרף רעאַגירן קעגן אַנטיסעמיטיזם. נישט בלויז רעאַגירן, נאָר ווי אַמשטאַרקסטן פּראָטעסטירן, דאָס וועלן מיר טאָן. מיר וועלן אַלאַרמירן אין די העכסטע אינסטאַנצן.

— אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן? אַז אָך און וויי...

דאָס האָט אַשענבוימס שכן זיך אָנגעבויגן צו אים, אַשענבוימען, און אײַנגערוימט אים אַזוי, אַז די אַרומיקע האָבן געהערט. געהערט דאָס, האָט אויך זיגמאַן. ער האָט איבערגעריסן דאָס נאָטירן, אויפֿגעשטעלט זיך און גרייט געווען אָט שוין אַרויסצוהעלפֿן עליאַשן. דער עולם האָט זיך אָבער צעוויגט און שפּינמאַנס אָנגעצויגענע נערוון האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַצן. זיגמאַן האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט אַ פֿאַרשריבן בלע־

טל, צוגעטראָגן צו די באַברילטע אויגן, גיך דורכגעקוקט און געגעבן אַ צייכן שפּינמאַנען. ס׳האָט געהייסן, אַז ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן. שפּינ־מאַן האָט געוויזן אַ צעטל און אויף שטום־לשון געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט נאָך פאַרשריבענע צום רעדן. אַשענבוים האָט געבעטן נאָכאַמאָל אַ וואָרט. זאַלץ האָט געוואָלט שטעלן עטלעכע פראַגן, קובאַ האָט פאָרגע־שלאָגן צו מאַכן אַן איבעררײַס, אַן אַנדערער האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף פאָרזעצן אָן אַן איבעררײַס. עמעצער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט פאַרביסענע ליפּן, האָט אַ בורטשע גע־טאָן צו זײַן שכן, אַז ס׳וועט סײַווי פון די אַלע גערעדערײַען גאָרנישט אַרויסקומען. פּראָפעסאָר ווײַסליץ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגע־גאַנגען צום פענצטער און געקוקט צום דרויסן. די אַלטע אַקטריסע האָט שטילערהייט זיך אַרויסגעשאַרט פון הינטערן טיש און מיט ווייכע, קעצי־שע טריט אַוועק. לייזער אַראָנטשיק האָט דאָס באַמערקט און איר נאָכ־געטאָן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיל רעדעניש צווישן זיך, אַ מורמ־לערײַ. שפּינמאַן אַ פאַרשוויצטער, האָט געפּרוווט צו באַרויִקן די צעהיצ־טע, פאַרביטערטע געמיטער. אין זײַן אומבאַהאָלפנקייט האָט ער מיט אַן אונטערגעבראָכענער שטימע אויסגעשריִען:

— די פאַרזאַמלונג איז געענדיקט, מיר וועלן צוּוויסן געבן וועגן אַ פאָרזעצונג.

קיין פאָרזעצונג איז נישט פאָרגעקומען.

מאַרעק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבערן ביוראָ־טיש, געזשמו־רעט מיט די אויגן, ווי מ׳וואָלט אים אַרויסגעריסן פון שלאָף. זינט וואָכן איז ער פאַרגראָבן אין שרײַבן. נאָך דער אַרבעט שלינגט ער אַראָפּ דעם אָוונט־ברויט און זעצט זיך אין אָפּגעזונדערטן צימער צום שרײַב־טיש. דער שטויס פאַרשריבענע בלעטלעך צום מעמאָראַנדום ווערט גרעסער און גרעסער. עטלעכע קלענערע דאָקומענטן האָט ער שוין אַוועקגעשיקט אין דער אָנפירונג פון דער פאַרטיי. הײַנט, זונטיק, האָט ער פאַר זיך דעם גאַנצן טאָג, ער וועט פאַרענדיקן דעם הויפּט־דאָקומענט וועגן די סיבות פון דעם, וואָס איז געשען.

ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון פּאַפּיר. אַנעט איז געשטאַנען נעבן אים.

— כ׳האָב געמיינט ביסט געגאַנגען מיט די יינגלעך אין קינאָ.

— נישט געגאַנגען, געקויפט בילעטן בלויז פאַר זיי, כ׳זאָל קאָנען בלייבן מיט דיר, ס׳מוז אַמאָל אַ סוף נעמען.

ער האָט געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג נישט געזען. אין זיינע אויגן איז געווען מידקייט. דאָס פאַרטראַכטע געזיכט האָט עדות געזאָגט, אַז אין מוח קרייצן זיך געדאַנקען. אַנעט וואָלט אים געדאַרפט צו רו לאָזן, ווען וועט זי אָבער האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו רעדן מיט אים?

מאַרעק, מ׳האָט אויפגעמאַכט אַ טיר פון דער תפיסה, זי קאָן זיך צוריק פאַרמאַכן. איך וויל מיר זאָלן אַרויס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן ווי מען וואָלט אים מיט אַ שטעקן אַ זעץ געגעבן איבערן קאָפּ, באַלד זיך באַזאָכט, אָנגענומען אַנעטן פאַר דער האַנט און אַוועקגעזעצט זיך מיט איר אויף דער קאָזעטע.

— זעסט אויס, ווי דו וואָלסט דאָס ערשטע מאָל געהערט פון מיר אַזעלכע ווערטער, האָסט פאַרגעסן...

— נישט פאַרגעסן.

דאָס פּנים ביי אים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרויעם נעפּל. צווישן די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ נערוועזער טיק. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין ליבלעך:

— דו מיינסט מיט דיינע מעמאָראַנדומס וועט זיך דאָס ענדערן? מ׳האָט געמיינט די ישועה איז געקומען מיטן פּוילישן אָקטאָבער. מיר זע־נען קוים אַריבערגעשפּרונגען פון 1957 אין 1958 און זע וואָס ס׳איז פאַר־בליבן פון אונדזער אָקטאָבער. די אָדליגע האָט נאָך נישט באַוויזן אויפ־צוטייען דאָס אייז און שוין גיט דאָ, דאָרט אַ בלאָז אַן אייז־קאַלטער ווינט.

— ביסט צו עמפינדלעך, יעדעס ווינטל רופט אַרויס ביי דיר אַ נייעם ציטער.

— דאָס אַראָפּנעמען יידן פון דער אַרבעט, שוין נישט אין געהיים נאָר אָפן, דאָס מאַכן זיי שולדיק אין אַלע צרות קומט פון אַ יעדעס ווינטל?

— זי האָט דעליקאַט צוגעלייגט די האַנט צו זיין באַק.

— דאָס אויך פון אַ יעדעס ווינטל?

— פאַרוואָס דערמאָנסטו מיר דאָס כסדר?

— דו זאָלסט נישט פאַרגעסן. מען טאָר דאָס נישט פאַרגעסן, פּונקט ווי מען טאָר נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איך האָב דאָ געזען אין דער צײַט פון דער מלחמה.

— אַזעלכע פאַרגלײַכן... נישט דערלאָזבאַר. מ׳האָט דיר שוין דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט.

— איך מאַך נישט קיין פאַרגלײַכן...

— פאַרוואָס דערמאָנסטו דאָס צוזאַמען?

— ווײַל... ווײַל ס׳טאָרן נישט זײַן קיין פּריווילעגירטע פאַרברעכנס. אַזוי לאַנג ווי מען געפינט אַ זכות פאַר דעם, אַזוי לאַנג ווי מען רופט פאַרברעכנס פעלערן, וועט... אָבער צוּוואָס דאָס אַלץ? אַ מענטש דאַרף האָבן דאָס רעכט צו לעבן דאָרט, ווו ער וויל. איך קאָן נישט דאָ.

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדערן קאַפּיטל.

— כ׳האָב דיר דערציילט, אַז מען האָט גערעדט אין די הינטערקוליסן וועגן געוויסע ענדערונגען אין באַצוג צו ייִדן דאָ, בײַ אונדז. כ׳האָב אַליין נישט פאַרגעשטעלט זיך מיט וואָס דאָס שמעקט. טאָ זײַ וויסן, זינט גאָמולקאַ איז געקומען צו דער מאַכט, איז דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אַרונטערגעפאַלן אונטערן אינערן־מיניסטעריום. ייִדישע שולן, ייִדישע ביכער, אַלץ, אַלץ איז איצט אונטער דער השגחה פון יענעם מיניסטעריום. צי זאָגט דיר דאָס גאָרנישט?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. זײַן שפּאַנען האָט זי דענערווירט. ווען ס׳איז אים נישט לײַכט צו רעדן, דרייט ער זיך איבערן צימער. זי האָט דעמאָלט סײַ פאַרדרוס אויף אים, סײַ מיטלייד. דער פאַרדרוס האָט איצט איבערגעוווויגן.

— האָסט ווידער אָנגעטאָן ראָזע ברילן. ווילסט נישט זען, אַז די שיף האָט נאָך אַלץ אַ פאַלשן קאָמפּאַס. זי הערט נישט אויף צו בלאָנדזשען אויף די שטורמישע וואַסערן. ווער ווייסט ווו זי וועט אונדז.. אונדז ייִדן פאַרפירן.

— אויך איך האָב די שלעכטע שיף געבויט. איך וויל נישט אַנטלויפן פון איר, ווען זי בלאָנדזשעט אויף שטורמישע וואַסערן. דו רעדסט אַזוי פיל וועגן עטיק, מאָראַל, אַחריות. טאָר אַ מענטש, וואָס האָט געהאָלפן

בויען אַ שלעכטע שיף, זי פאַרלאָזן, ווען זי שווימט שלעכט? ווען עס דראָען איר געפאַרן? צי איז נישט זײַן חוב צו בלײַבן אויף דער שיף, צו זוכן מיטלען זי צו פאַררעכטן, אַפילו ווען ער האָט באַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן דערצו?

— דו האָסט קיין שום מעגלעכקייטן נישט. מען וועט דיר ווידער אָפּהאַקן די פינגער. ווער ווייסט וואָס פאַראַ צרות דו קאָנסט ברענגען אויף זיך מיט דײַנע מעמאָראַנדומס.

— פאַרפאַלן!

— און איך? די קינדער?

— די קינדער וואַקסן אונטער. זיי וועלן אַליין אויסקלײַבן זייער וועג!

— און איך?

ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר, גענומען אירע הענט אין זײַנע.

— אַנוש, מיר זענען אַזוי פיל איבערגעקומען. איצט איז פאָרט אַ סך אַנדערש, ווי ס׳איז געווען. דו ווייסט דאָס, אַזוי ווי איך. האָסט איצט פאָרט אַ מעגלעכקייט צו טאָן דאָס, וואָס האָסט שטענדיק געוואָלט טאָן. די פריערדיקע שטערונגען זענען איצט נישטאָ.

— אויף ווי לאַנג?

— ווילסט איך זאָל דיר אונטערשרײַבן אַ קאָנטראַקט?

— ניין. איך ווייס דו קאָנסט דאָס נישט טאָן. און איך קאָן דאָ נישט עטעמען. דאָס, וואָס די פײַנע לײַט פון יענעם מיניסטעריום זענען געוואָרן די משגיחים פון גאַנצן יידישן לעבן, פאַרסמט מיר נאָך מערער די לופט.

— אַן אמתע פאַרפאָלגונגס־מאַניע.

— רוף דאָס ווי דו ווילסט: פאַרפאָלגונגס־מאַניע, אפשר גאָר משוגעת. יאָ, איך בין קראַנק פון דעם אַלעמען, וואָס איז געשען, וואָס געשעט נאָך הײַנט. אַ סך מאָל דוכט זיך מיר, אַז איך בין אַרויס פון איין גיהנום און אַרײַנגעפאַלן... און אַרײַנגעפאַלן אין אַ משוגעים־הויז.

— מײַן אָרעם, אָרעם קינד.

— כ׳האָב דיך אַזוי פיל מאָל געבעטן זאָלסט מיך נישט באַטראַכטן ווי אַ קינד. כ׳האָב צופיל געפּאָקט און געמאָזלט מ׳זאָל מיך דאַרפן האַלטן אונטער מאַמעשע פליגלען.

— אַ דערוואַקסענעם איז אויך אָפּט מאָל נויטיק מ׳זאָל העלפן גע־

פינען אַן אָרט אין לעבן. דו האָסט זיך פאַרלוירן, קאָנסט זיך נישט אָפּ־געפינען. איך מוז דיר העלפן.

— אַן אָרט אין לעבן! אַן אָרט דאָ פאַר מיר!

איר שטימע איז באַלד געוואָרן מילד.

— אין גרונט גענומען זענען מיר ענלעך צו זיך, נאָר אויסגעקנאָטן נישט פון זעלבן טייג. מיך טרײַבט עס פון דאַנען עקשנותדיק. און דיך האַלט עס דאָ עקשנותדיק.

ער האָט זיך אויסגעבויגן, ווי עס וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף אים אַ שווערע משא, האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויף די קני, אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט.

— איך וואָלט געוואָלט ס׳זאָל זײַן אַנדערש. אַזוי ווי דו ווילסט. אָבער איך קאָן נישט, איך קאָן דאָ נישט לעבן. אַזוי לאַנג ווי די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט, האָב איך... כ׳האָב געפּרוווט זיך אַרײַנפּאַסן. טיילמאָל פאַרמאַכט די אויגן. איצט קאָן איך נישט מער.

ער האָט זיך נאָך מער אויסגעבויגן. די אויגן האָבן זיך בײַ אים אויס־געלאָשן. אין זײַן שטימע איז געווען אַן אײַנגעהאַלטענער ציטער:

— איין גאָט ווייסט ווי שווער דאָס איז מיר. ווו נאָר דו וועסט זײַן, וועל איך דיך ליב האָבן. איך וועל שטענדיק טראַכטן וועגן דיר, וועל אַלץ טאָן דיר צו העלפן.

— כ׳האָב אַמאָל געמיינט, אַז בלויז דעם מענטשנס גוף קאָן מען בינדן, אַז קייטן קאָן מען אַרויפלייגן בלויז אויף די הענט און די פיס.

שטילשווײַגן. די אײַנגעקאָרטשעטע געשטאַלט זיצט ווי אַ פאַרגלי־ווערט שטיק ווייטיק.

— איך וויל מיטנעמען די קינדער.

אַ פאַרטויבטע שטימע, אָנגעלאָדן מיט צער, האָט זיך אַרויסגעקיי־קלט פון ערגעץ טיף:

— דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע. אויך פאַר דיר. אויך פאַר זיי.

— איך קאָן נישט אַוועק אַליין. דאַרפסט דאָס פאַרשטיין.

— טאָ לאָז מיר יורין. קלאָר איז מיר פּונקט אַזוי טײַער, ער איז אָבער ייִנגער. אין יוריס עלטער... מען דאַרף אים נישט אַרײַנפירן אין די אַלע זאַכן. דאָס, וואָס קומט פאָר צווישן אונדז, דאַרף בלײַבן צווישן אונדז. אַזוי דאַרפן מיר אָפּמאַכן.

בײַ אַנעטן איז דאָס שוין געווען אָפּגעמאַכט. וועגן דער צעשיידונג אויך. זי האָט נאָך געפּרוּווט, אָבער האָט געוווּסט, אַז אַנדערש קאָן זיך צווישן זיי נישט ענדיקן. צײַטנווײַז האָט זי אים פאַרשטאַנען. ער האָט איר דערציילט ווי מען האָט אַרויסגערופן מענטשן פון דער ווײַט און זיי זענען אַהין געפאָרן, ווייסנדיק, אַז זיי זענען פאַרמשפּט. וואָלטן זיי נישט געפאָרן, וואָלט מען זיי געהאַלטן פאַר פאַררעטער. זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן לאַנגע יאָרן פּײַן. דעם טויט. אַנעט האָט יעדעס מאָל אויפגעציטערט: צו־וואָס מען האָט דערפירט! מען האָט געצווּנגען אַ מענטשן אַליין אַרויס־צוגעבן אַ טויט־אורטייל אויף זיך! זי האָט געוווּסט, אַז איר מאַן איז שטענדיק גרייט צו דעם זעלבן. און פאָרט האָט אין דער טיפעניש פון האַרץ געטליִעט אַ פונק האָפענונג. אפשר, אפשר וועט ער צוליב זײַן גרוי־סער ליבע צו איר ברענגען אַ קרבן. צוליב דעם פונק האָפענונג האָט זי פאַרטראַכט די הײַנטיקע סצענע. דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ער וועט זיך שוין מער נישט אויפהייבן.

פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן. ער האָט שוין געהאַט אָנגע־דריקט עטלעכע מאָל דאָס עלעקטרישע קנעפּל און געקליבן זיך אַוועקצו־גיין. אַנעט האָט זיך דערשראָקן פאַר אים. זי האָט זיך אינסטינקטיוו צו־ריקגעצויגן. אין דער צעקנייטשטער, לאַנגער קאַפּאָטע האָט ער אויסגעזען ווי אַ קלאָשאַר, וואָס זי פלעגט אַמאָל זען ליגן אונטער אַ בריק, בײַם ברעג פון דער סעקוואַנע. דאָס פּנים אײַנגעפאַלן, די אויגן אײַנגעזונקען אין די אויגן־לעכער, דער קאָפּ באַוואַקסן. זײַן געהיימניספולער שמייכל, ווען ער האָט זי דערזען, האָט אַנעטן נאָך מער איבערגעשראָקן. שוין האָט זי געוואָלט אַראָפּלויפן פון די שטיגן, ווען צום אויער אירן האָט זיך דערקייקלט זײַן פראַגע:

— אַניעלע...?

ער האָט גערעדט רוסיש, באַלד איבערגעגאַנגען אין פּויליש מיט אַ שווערן אַקצענט.

— איר זענט... דו ביסט אַניעלע? דערקענסט מיך נישט?

אין דער נײַער רעפּאַטריאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1957, האָט אַנעט שוין געהאַט אָפּגעפונען עטלעכע אַמאָליקע חברים. אפשר איז דער אויך פון דאָרט. אָבער ווער קאָן דאָס זײַן?

— דערקענסט מיך נישט?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אין דער ברייט.

— דערמאָנסט זיך סאַלעקן?

— וועלכער סאַלעק?

— האָסט מיר געטראָגן „וואַלוווקעס״. ווען איך בין אַרויס, האָב איך דיר דערציילט, אַז די גאַנצע קאַמער קען דיך פון דײַנע „וואַלוווקעס״. דערנאָך בין איך ווידער אַרײַנגעפאַלן. נאָך צוויי יאָר האָט מען מיך אויסגעטוישט.

— סאַלעק זיסקינד?!

— דער זעלבער, און... נישט דער זעלבער. דער נאָמען דער זעלבער.

זיי זענען אַרײַן אין שטוב. אַנעט אַ צעטומלטע, אַ מידע נאָכן אַרומלויפן פון איין אָרט אין אַנדערן, האָט זיך צוגעזעצט. ער איז געבליבן שטיין, אַרומגעקוקט זיך, געכאַפּט אַ קוק אויף איר.

— איך האָב דיך גלײַך דערקענט.

ער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט.

— אַ גן־עדן בײַ אײַך.

— פאַרוואָס זיצסטו נישט? פון וואַנען האָסטו זיך דאָ גענומען?

ער האָט זיך געזעצט אויפן שפּיץ שטול.

— געקומען פון ווײַט, נעכטן, מיטן רעפּאַטריאַציע־צוג. סטעלע האָט אָפּגעוואַרט באַקאַנטע, זי האָט מיר געגעבן דײַן אַדרעס.

— וווּ ביסטו?

— אויפן רעפּאַטריאַציע־פּונקט, ביז... ביז כ׳וועל פאָרן ווײַטער.

— בלײַבסט נישט דאָ?

— כ׳ווייס נאָך נישט. אַז מען קומט פון דאָרט, ווו איך בין געווען...

אַנעט האָט דערלאַנגט טיי, זי האָט אויסגעפרעגט. פון אָנהייב האָט ער געענטפערט מיט אַ „יאָ״ און „ניין״.

— כ׳געדענק, האָסט געקאָנט אַ סך דערציילן, דערצייל.

— דאָ בין איך פאַרמשפּט געווען בלויז אויף צען יאָר, דאָרט אויף שטענדיק. אין דעפּענסיווע איז מען זיך נישט באַגאַנגען מיט מיר אין ווײַסע הענטשקעס, ס׳איז געווען אַ גאָרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס דאָרטן.

ער האָט אָנגעהאַנגען אויף איר די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט זי זאָל זיך דערמאָנען.

— ביסט געווען אויף מײַנעם אַ מאַרקסיסטישן קרײַז, געדענקסט ווי מ׳האָט מיך גערופן?

— לעניז, דער לוצקער לעניז...

— דאָרט בין איך געווען אַ ייִדישער נאַציאָנאַליסט, אַן אַגענט פון דער וועלט־רעאַקציע. מ׳האָט מיך ספּעציעל אויסגעטוישט אַרײַנצושיקן אַהין. וואָס קוקסטו מיך אָן? כ׳האָב זיך אַליין מודה געווען אין דעם אַלע־מען, כ׳וואָלט זיך אַפילו מודה געווען, אַז כ׳האָב דערהרגעט מײַן מאַמע. סטעלע האָט מיר אינפאָרמירט וועגן דיר, דערצייל איך דיר.

— לויט סטעלען איז דאָ אַ גן־עדן.

— אַנטקעגן יענעם גיהנום.

— רעכנסט נישט ווי סטעלע צו פאַרבלײַבן? זי איז דאָ אין אַ גן־עדן, ווּעסטו אויך...

— יעדער מענטש איז אַנדערש. מיר האָבן אַמאָל געמיינט, אַז ס׳זע־נען פאַראַן בלויז צוויי מינים מענטשן: קאָמוניסטן און נישט קאָמוניסטן. אַלע קאָמוניסטן טראַכטן און פילן אויפן זעלבן אופן. מ׳האָט געמאַכט אַ מאָדעל. אַ פאַלשן.

— סטעלע טראַכט דען נישט הײַנט אַזוי?

— זי איז נישט די איינציקע, וואָס האָט אַראָפּגעשלונגען, אָפּגע־ווישט דעם שפּײַ אין פּנים און גייט ווײַטער אין שפּאַן.

— ווי איז דאָס מעגלעך?

— בײַ יעדערן היילט זיך די זעלבע וווּנד אַנדערש. וואָלסט געווען אויפן רעפּאַטריאַציע־פּונקט. הערסט זיך אָן מעשיות. מענטשן האָבן גע־שמעקט דעם זעלבן פּולווער, נאָר יעדערער אויף זײַן אייגענעם אופן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען פאַרבליבן ווי סטעלע. קיין שום זאַך ענדערט זיי נישט. זיי ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן פון וואַנען דאָס אומגליק קומט. געווען מיט מיר אין לאַגער עטלעכע יאָר אַ רוסישער פּראָפעסאָר, אַן אַלטער באָלשעוויק. ער האָט געהאַקט צוזאַמען מיט מיר ביימער אין אַ וואַלד. האָט דער געלערנטער מענטש מיר דערציילט, אַז ס׳זאָל האָבן גע־ווען אַן אוראַלטע חיה, אפשר אַן אויסגעטראַכט באַשעפעניש צו קאָנען מאַכן אַ פאַרגלײַך מיט אַ געוויסן מין מענטשן. האָט די חיה, עסנדיק דאָס גראָז, געביסן די אייגענע פיס. זי האָט געריטשעט פון ווייטיק און נישט געוווּסט פון וואַנען דער ווייטיק קומט.

— אַלע זענען דאָך נישט ענלעך צו דײַן פּראָפעסאָרס אוראַלטער חיה.

— צום גליק. פאַראַן געגוג אַנדערע, וואָס רעאַגירן אַנדערש ווי סטעלע.

— וואָס זאָגן די אַנדערע?

— וואָס זיי זאָגן? כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז בײַ יעדן היילט זיך די ווונד אַנדערש.

— וואָס זאָגט מען פאָרט?

— איך וועל דיר ווידער דערציילן וועגן רוסישן פּראָפעסאָר. ער פלעגט מיר פאַרטײַטשן דעם גאַנצן ענין מיט אַ רוסיש ווערטל: „קטאָ פּאַלקו ווזיאַל, טאָט אי קאָפּראַל". אַלצאיינס ווער ס'האַלט דעם שטעקן אין דער האַנט, ווער ס'באַלייגט דיך מיט אים איבערן קאָפּ. אָט וואָס ס'זאָגן אַנדערע.

ער האָט אַ פרעג געטאָן וויפל ס'האַלט דער זייגער, צוגערעדט אַנעטן צו קומען אויפן רעפּאַטריאַציע־פּונקט און זיך געזעגנט. אַנעט איז גע־בליבן אַליין און דערמאָנט זיך, אַז אַ ליאַדע טאָג קאָן זי באַקומען דעם פּאַספּאָרט. ס'איז איר געוואָרן לײַכטער אויפן האַרץ. דאָס שווערסטע איז זי איבערגעקומען. ס'איז געווען די שריפטלעכע דערלויבעניש פון מאַן מיטצונעמען דאָס יינגעלע. ס'איז דורך בשלום. דער קאָשמאַר וועט זיך אינגיכן ענדיקן. אפשר קוויקט זי זיך גאָר מיט חלשות־טראָפּנס? ס'קאָן דען נישט זײַן שווערער ווי זי שטעלט זיך פאָר? ווייסט זי דען וואָס עס דערוואַרט איר דאָרט? ס'וועט זײַן, ווי ס'וועט זײַן; זי וועט זיך פאָרט באַפרײַען פונעם פאַנצער, וואָס צעקוועטשט דאָס האַרץ, צעדריקט די נשמה. זי וועט...

דאָס קלינגען פון טעלעפאָן האָט זי אַרויסגעריסן פון די טראַכ־טענישן.

— וואָס?! מײַן מאַן אין שפּיטאָל? אַ האַרץ־אַטאַק בײַ דער אַרבעט? ווו? אין וועלכן שפּיטאָל?

זי האָט איבערגעפרעגט עטלעכע מאָל, כאָטש מען האָט איר גלײַך געזאָגט ווו ער געפינט זיך. אַ רגע איז זי געשטאַנען פאַרגליווערט, ווי די גריכישע מאַמע ניאָבע. דערנאָך האָט זי צוזאַמענגעפלאָכטן די הענט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט צעברעכן. די ציטערנדיקע ליפן האָבן געמורמלט:

„איך האָב אים דערהרגעט, איך. זיי דאָרטן האָבן אים נישט געקאָנט דערהרגענען, איך האָב יאָ געקאָנט".

דעם גאַנצן וועג צום שפּיטאָל האָבן די ווערטער געזעצט אין קאָפּ ווי מיט אַ האַמער.

אַ חודש. צוויי. דריי. פאַר אַנעטן אייביקייטן. דערנאָך דריי חדשים קאָנוואַלעסצענץ.

מאַרעק האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט. מ'האָט אים פאָרגע־לייגט אַ לײַכטערע. ער האָט אָפּגעזאָגט. זײַן פּנים איז געוואָרן פולער, ער איז געוואָרן אויפגעלייגטער, האָט זיך געוויצלט: דער מלאך המות פאַר־שפּילט שטענדיק מיט אים. אַזוי פיל מאָל זיך גענומען צו אים; ער, מאַ־רעק, איז שטענדיק דער שטאַרקערער. אַרבעטן ווייניק? ער האָט דער־מאָנט וואָס זײַן באָבע פלעגט זאָגן: זיבן זאַכן פאַרקירצן דאָס לעבן: כעס; קנאה און שנאה, תאווה און גאווה, זנות און ליידיקגיין. איצט מוז ער זיך אויסהיטן פאַר דער זיבעטער זינד.

אַנעט האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פאַרנומען מיט אים. זי איז דאָך שולדיק אין דעם אַלעמען. וועגן אַוועקפאָרן און צעשיידן זיך האָט מער קיינער נישט דערמאָנט. ס'זענען געקומען זיך געזעגענען באַקאַנטע. זיי האָבן דערציילט ווי יידן באַלאַגערן דעם פּאַספּאָרטן־אַמט, עס פאָרן אויך אַוועק אַלטע קאָמוניסטן, זיי אַנטלויפן פאַרן נײַעם אַנטיסעמיטיזם. מאַרעק האָט געוווּסט און געשוויגן. אַנעט האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. נאָכן געזעגענען זיך, האָט מאַרעק צום ערשטן מאָל געפרעגט צי זי האָט אָפּ־גענומען דעם פּאַספּאָרט.

— אָן דיר וועל איך נישט פאָרן.

— איך דאַרף נישט זײַן קיין אָפּהאַלט. געווען דערפאַר מאָמענטן, ווען איך האָב געוואָלט שטאַרבן. כ'האָב געפילט איך בין געוואָרן פאַר דיר אַ פּענטע, געפּענטעט דיר די הענט און פיס. אַזאַ געפיל איז נישט קיין אָנגענעמער.

זינט דעמאָלט האָט אַנעט זיך אויסגעהיט מיט אַ וואָרט. זי האָט אויפ־סגײַ געצווונגען זיך אַרײַנצובײַסן, אין עפּעס זיך אַנצוכאַפּן. פּראָפעסאָר ווײַסליץ האָט איר פאָרגעלייגט זיך צו פאַרנעמען מיט די יידישע בית־

עולמס. קיין סך גאַנצע זענען נישט פאַרבליבן. מ׳דאַרף פאָטאָגראַפירן, באַשרייבן ביז וואַנען ס׳איז נאָך צייט. ביסלעכווייז וועט אַלץ אָפּגעווישט ווערן. פוילן רופט מען טאַקע דעם אָנגענומסטן באַראַק אין גאַנצן לאַגער, אָבער אויף אַן אָנגענומענעם באַראַק אין אַ לאַגער קאָן מען זיך אויך נישט פאַרלאָזן.

אַזוי האָט ווײַסליץ איר געגעבן צו פאַרשטיין די לאַגע. קיין פינגער אין מויל האָט מען אַנעטן נישט געדאַרפט שטעקן. דער „פוילישער אָק־טאָבער" האָט געצאַנקט, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכטל. דאָס איינציקע, וואָס האָט דרייסט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איז דאָס אַלטע פערדל, מ׳קאָן ווײַטער אויף דעם רײַטן. די ייִדן זענען שולדיק אין אַלע צרות.

אַנעט האָט צוגעזאָגט ווײַסליצן צו געבן אַן ענטפער אין עטלעכע טעג אַרום. דעם זעלבן אָוונט האָט זי געקלונגען צו אים אין שטוב. צוואָס דאַרף מען וואַרטן? אַז זי קאָן נישט אויסקומען מיט די לעבעדיקע, וועט זי זיך פּאָרען בײַ די טויטע. אויף צומאָרגנס האָט זי זיך געזעצט צום שרײַב־טיש צונויפשטעלן אַ רשימה. קלאָד האָט איר איבערגעריסן די אַרבעט. ער איז פּונקט געקומען פון שול.

— מאַמע, וויטעק עפּשטיין פאָרט אַוועק. מיט די עלטערן. מ׳האָט זײַן טאַטן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, פאָרן זיי אַוועק. ער זאָגט, אַז אַ סך אַזעלכע ווי זיי פאָרן אַוועק. ס׳איז אמת, מאַ?

— וויטעק וואָלט דיך דען אָפּגענאַרט?

קלאָד האָט אויף דער צוריקפראַגע נישט געענטפערט. ער האָט נאָך געהאַט צו דערציילן.

— מאַ, יאַנעקן האָט אַ ייִנגל געזאָגט, אַז ער איז אַ ייִד.

— איז וואָס?

— ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז ייִדן מאַכן אַלץ קאַליע. ווען מען וואָלט מיר געזאָגט אַזוי, וואָלט איך אים אָנגעריבן אַ מאָרדע.

— און אויב יענער וואָלט שטאַרקער געווען?

— אַפילו אַ שטאַרקערן וואָלט איך געגעבן אין פּיסק! ווען איך וואָלט געווען דערבײַ, ווען מ׳האָט יאַנעקן אַזוי געזאָגט, וואָלט איך גע־וויזן ווער שטאַרקער איז.

אַנעט איז צופרידן געווען מיטן זון, געוואָלט אים געבן גערעכט און פאָרט געפרעגט:

— אַנדערע זענען דען נישט געווען דערבײַ? האָבן זיי דען געוויזן?
— ווײַל זיי זענען פּחדנים! איך, מאַ, וועל קיין פּחדן נישט זײַן.
אַנעטן איז לײַכטער און שווערער געוואָרן.

אין ייִדישן רעסטאָראַן בײַ די טישלעך קאָכט זיך. איינער שרײַט אי־בער דעם צווייטן. דאָ עסן מיטאָג די קאָאָפּעראַטיוולער, די „אָרט״־שילער. מען עסט און מען רעדט. ס'איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן. ייִדן „פּראָדוק־טיוויזירן״ זיך אויפסנײַ... געוועזענע אָנגעשטעלטע פון אינסטיטוציעס, פּאַרשידענע ביוראָליסטן קומען צוריק צו שער און אײַזן, אָדער לערנען זיך נײַע פאַכן אויף די „אָרט״־קורסן. נאָכן „אָקטאָבער״ איז דער „אָרט״ צוריק כשר געוואָרן. שילער פאַראַן אָן אַ שיעור, הן פון דער נײַער רע־פּאַטריאַציע, הן פון די אָפּגעזאָגטע פון פאַרשידענע אַמטן. דער „אָרט״־דירעקטאָר באַווײַזט נסים, רוט נישט טאָג און נאַכט, ער האָט פאַר יעדערן אַן עצה. וועגן איבערקומען די שווערע צײַט פון לערנען דאַרף מען זיך נישט ברעכן דעם קאָפּ. מען באַקומט אַ סטיפּענדיע. יונג און אַלט לערנט זיך געשמאַק. וואָס ווײַטער וועט זײַן, וועט מען זען. דערווײַל זאָל מען האָבן אַ פאַך אין האַנט.

בײַ מיטאָג אין רעסטאָראַן איז הײַנט לעבעדיק. זלמן לייבאָוויטש, דער דאַמען־שנײַדער, האָט זיך צעשריִען:

— ס'איז אַ נײַע אָפּנאַרערײַ! מ'זאָגט ווידער צו גאָלדענע גליקן. מיך וועט מען מער אויף דער ווענדקע נישט כאַפּן. זאָל איך נאָר באַקומען די וויזע, פאָר איך צוריק.

בײַם שכנותדיקן טיש האָט זיך אָפּגערופן יאַנקל דער בײַטל־מאַכער.
— איר פאָרט צוריק? וווּהין?
— פון וואַנען איך בין געקומען.
— פון וואַנען זענט איר געקומען?
— פון אַרגענטינע. אָפּגעפּינטשעט דאָ עלף יאָר, פאַר זיבן הונדערט זלאָטעס אַ חודש. נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן.

דעם שכנותדיקן מעכלער האָט דאָס פאַרדראָסן. קומט צו לויפן אַ ייִד אַזש פון אַרגענטינע און האָט טענות.
— מ'האָט אײַך געבעטן קומען? געדאַרפט אײַך צום רימל? ווער האָט געשיקט נאָך אײַך?

— ווער? אײַערע צײַטונגען! זיי האָבן זיך אַזוי צעשריבן וועגן די גרויסע גליקן, וועגן סאָציאַליזם, וואָס מען בויט דאָ, אַז ס׳האָט אַ צי געטאָן. איך אַליין בין צוריקגעקומען? בלויז פון אַרגענטינע? מענטשן האָבן שטענדיק געבענקט אַהיים. אַז מען האָט געהערט אַזעלכע זאַכן, דאָס לאַנד ווערט סאָציאַליסטיש, איז מען געפאָרן. איז האָט איר אײַך אַ סאָציאַליזם! פאַר זיבן הונדערט זלאָטעס אַ חודש.

שמערקע דער רעפּאַטריאַנט האָט אָפּגעלייגט דעם גאָפּל און מעסער און אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. שטאַמען שטאַמט ער פון ווילנער געגנט, נאָר געקומען איז ער פון ערגעץ ווײַט, ווו די מלחמה האָט אים פאַרוואָרפן. זײַן גליק וואָס ווילנע האָט פריִער געהערט צו פּוילן און ער האָט געקאָנט זיך רעפּאַטריִירן. ער האָט וועגן וואָס צו דערציילן און דערציילט מיט אַ פּולן מויל סינען, ער רעדט נישט אַרויס דעם שין.

— סאָ, סאָ, מאַך ניסט קיין רעס, ס׳סטעכט דיר דער האָבער אין די צייך. וואָלסט געווען אַ רעפּאַטריאַנט פון דאָרטן, וואָלסטו געבענטסט גאָט וואָס דו ביסט דאָ. וואָס פעלט אונדז? גאָמולקאָן זאָל קיין אבר ניסט וויי טאָן! אַ יאָר זענען מיר דאָ, ניסט מער. מ׳האָט אויסגעגלײַכט דעם רוקן. געקריגן אַ וווינונג, די קינדער לערנען זיך אין אַ סולע, ביידע מיטן ווײַב אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, צווישן יידן. אין דײַן אַרגענטינע וואָלט מען אונדז געגעבן אַ סטיפּענדיע, ווען מען לערנט זיך אַ פאַך?

דער אַרגענטינער האָט זיך אויפגעריסן:

— גאָמולקא גיט די סטיפּענדיע? ער צאָלט פאַרן אויסלערנען דאָס פאַך? ס׳איז פאַר די געלטער פון „דזשאָינט״!

די 60 יאָריקע רעפּאַטריאַנטקע ריווע זאָלאָטניק, אַ געוועזענע לערערין און איצטיקע אַרכיוויסטין, האָט זיך אויף איר שטייגער אָפּגערעכנט מיטן אַרגענטינער:

— אַ ייִדישע צײַטונג, אַ ייִדישער טעאַטער, אַ ייִדיש בוך, קומען אויף אַ ייִדישער פאַרלעזונג איז שוין גאַרנישט? איר וואָלט געטאַפּט אַ וואַנט ווי מיר, וואָלט איר געוווּסט וואָס דאָס באַדײַט. אַז מען פאַרזוכט נישט קיין ביטערס, ווייסט מען נישט וואָס זיס איז.

דער ברייטפּלייציקער, מיטליאָריקער גאָלדבערג מיט די צעשויבערטע האָר איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער. זינט ער אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו זענען זײַנע האָר צעשויבערט, ער קעמט זיי מיט די פינגער,

ווען ער טראַכט ווי אַזוי אָנצוצייכענען אַ מאָדעל פון אַ מלבוש. זײַן גע־לעכטער איז נישט געפעלן שערמאַנען. ער איז שוין אויף פּענסיע, אויף פּאַרטייישער. אַן עלעקטריקער געווען אין דער מיליציע. איז וואָס פּאַר אַן אומגליק וואָס מ׳האָט אים אַראָפּגענומען? אַ רענטע האָט מען אים גע־געבן אַ גוטע?. ער אַרבעט שוין אַ וואָסערע פינף און צוואַנציק יאָר אין פאַך. מסתמא האָט מען איינגעזען, אַז מען דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט אַ יינגערן, ער האָט זיך געגנוג אָנגעאַרבעט. אַ״ס, ס׳איז מאַרקאָטנע? נישטאָ צו וואָס אויפצושטיין אינדערפרי? וואָלט ער געהאַט אַ ווײַב, וואָלט ער ערשט איצט געמאַכט אַ לעבן. ווער איז אים שולדיק וואָס ער האָט נישט געפונען קיין צווייט ווײַב? צו באַקלאָגן זיך נישטאָ וואָס. אַזעלכן ווי גאָלד־בערג דאַרף מען געבן אַ גאָב:

— דו ביסט מסתמא צוגעוווינט געווען צו זיצן אין אַ ווייכן פאָטעל, אין אַ גרויסער ביורא, געפעלט דיר איצט נישט וואָס דו דאַרפסט אַרבעטן אין אַ שנײַדער־קאָאָפּעראַטיוו. לאַכסט פון אַלץ מיט גאַל.

גאָלדבערג איז אים נישט שולדיק געבליבן:

— אַז דו ווילסט וויסן, בין איך נישט געזעסן אין קיין ווייכן פאָ־טעל, נאָר אויף אַ האַרט בענקל, אָדער געשטאַנען, אַרויסגעיאָגט שטענ־דיק פון זיך די נשמה. מײַן איצטיקע אַרבעט געפעלט מיר בעסער. יינגל־ווײַז האָב איך מײַן טאַטן צוגעהאָלפן אין שנײַדעריי, הלוואי וואָלט איך דעמאָלט גוט אויסגעלערנט דאָס פאַך, צייכענען האָב איך שטענדיק ליב געהאַט, האָב איך איצט זיך אויסגעלערנט צייכענען מאָדעלן. איך לאַך פון אַזעלכע ווי דו. ביסט אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה צו 47 יאָר, איך וועל אָנהייבן אַ מענטשלעך לעבן צו 52 יאָר. מוחל אַ רענטע, כ׳וויל לעבן פון מײַן אַרבעט.

— וועסט זיך אויסלערנען גוט דאָס פאַך און וועסט מאַכן פּליטה ווי אַנדערע, האַ?

צוויי קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער האָבן זיך שווײַגנדיק צוגעהערט און געקוקט אין די טעלערס. דער יונגערער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ כּרעג געטאָן זײַן שכן:

— נו, ווי מיינסטו, מ׳דאַרף מאַכן פּליטה?

— גיי וויים וואָס ס׳איז בעסער. מענטשן ברעכן זיך דעם קאָפּ, יאָ מאָרן, נישט פאָרן. מ׳קאָן משוגע ווערן פון דעם אַלעמען.

ער האָט פאַרענדיקט דעם וואַסערדיקן קאָמפּאָט און צוגעגעבן, ווי נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַ מענטש איז געגליכן צו אַ הונט. וואָס עלטער מען ווערט, אַלץ מער ווערט מען צוגעבונדן צום שטוב, צום אָרט. ווו מען איז געבוירן געוואָרן. אַ הונט איז צוגעבונדן אַפּילו צו אַ שלעכטן באַלעבאָס. אין אַ חודש אַרום ווער איך אַ זעכציקער. איך וועל שוין דאָ פאַרענדיקן דאָס ביסל יאָרן.

בײַם ערשטן טישל האָט נאָך אַלץ געררוישט. דער אַרגענטינער האָט זיך נישט געלאָזט בלאָזן אין דער קאַשע. שערמאַן האָט געהאַט אָפּגעלאָזט דעם מאָדעליסט מיט די צעשויבערטע האָר און זיך גענומען צו אים. נישט אַנדערש נאָר אים, דעם געװעזענעם קאָמוניסט, שמעקט הײַנט בעסער דער קאַפּיטאַליזם ווי דער סאָציאַליזם. ער האָט שוין פאַרגעסן דעם טעם פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

דעם אַרגענטינער האָט עס אונטערגעהויבן פון אָרט.

— דאָ איז נישטאָ קיין עקספּלואַטאַציע? מען עקספּלואַטירט נאָך מער דעם אַרבעטער.

— שאַ, קאָך זיך נישט.

דער שכן זײַנער האָט אים פריִער אײַנגעשטילט און דערנאָך אײַנגערוימט אויפן אויער:

— מיינסט, אַז דו ביסט אַן אַרגענטינער מעגסטו אַלץ? וועסט נאָך פאָרן ערגעץ אַנדערש, ווי קיין אַרגענטינע.

טאָלעק איז אַ בלייכער אַרײַן צו אַנעטן אין צימער און צומאָל קיין שאָקל נישט געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געכאַפּט דעם אָטעם ווי אַ פיש, וואָס מען וואַרפט אַרויס אויף דער יבשה. יוריס חבר פון אוניווערסיטעט און טאַמאַרעס ליבלינג פון קינדער־הויז, איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער אַרײַנגייער אַהער. יעדעס מאָל בײַם אַרײַנקומען פאַרנויגט ער זיך, בויגט זיך אָן איבער אַנעטס האַנט און לייגט אַוועק אַ נישט דרייסטן קוש. איצט האָט ער זיך נישט באַגריסט. אויף זײַן פּנים איז אויסגעגאָסן געוויען צעטומלטקייט, געמישט מיט צער.

— טאַמאַרע... טאַמאַרע איז הײַנט, זי האָט...

— וואָס טאַמאַרע?!

— לעבט נישט...

— טאַמאַרע געשטאָרבן?!

— זי איז באַגאַנגען... פאַרסמט זיך.. מיט גאַז.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול ווי מ׳וואָלט אים אונטער־געהאַקט די קני. דאָס אָפענע מויל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. די ווערטער האָבן זיך אים פאַרפּלאָנטערט אין האַלדז.

— ווו איז זי?

— כ׳ווייס נישט, מ׳האָט זי אַוועקגענומען.

ס׳האָט גענומען אַ שטיקל צײַט ביז זי האָט אַרויסגעצויגן פון אים. ער האָט געקלונגען. מ׳האָט זיך נישט אָפּגערופן. דער שליסל האָט גע־שטעקט פון דער צווייטער זײַט טיר, ער האָט געפילט גאַז, איז געלאָפן צו דער מיליץ. מ׳האָט זי געפונען אין קיך, אויסגעצויגן אויפן דיל. אין צימער בײַם בעט, אויפן נאַכט־טישל אַ בריוו אין אַ קאָנווערט. האָט פאַר־געסן צו נעמען מיט זיך, פאַרדרייט געווען מיט דער מיליציע, מיטן פּראָ־טאָקאָל.

אַנעט האָט אויף גיך אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל. אַן אַרבל האָט זיך געפּלאָנטערט, די האַנט האָט קוים אַרײַנגעטראָפן. טאַלעק האָט דאָס מאָל פאַרגעסן אין זײַן דזשענטלמענערישקייט, נישט צוגעהאָלפן.

— ווו גייען מיר?

— נאָכן בריוו, כ׳האָב אַ שליסל.

זיי זענען אַרײַן אין דער וווינונג מיט שטילע טריט, מיט אַן אײַנגע־האַלטענעם אָטעם, פּונקט ווי מען פלעגט זיך אַרײַנגנבענען ערגעץ בעת דער מלחמה, ווען דער טויט האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט זײַנע פליגלען. דאָס פענצטער אין צימער ברייט צעעפנט. אין קיך פילט זיך נאָך דער גאַז. אַנעט האָט בלויז געכאַפּט אַהין אַ קוק, אָפּגעריסן די אויגן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט נישט צו דערזען טאַמאַרען ליגן אויסגעצויגן. זי איז געשטאַנען אין מיטן צימער און זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן. דאָס צי־מער האָט זיך געדרייט אין אַ טײַוולאָנישן ראָד. אָט באַלד כאַפּט ער זי אַרײַן דער אומזעבאַרער ראָד, ער וועט זי צעמאָלן, ער וועט זיי אַלע צע־מאָלן.

טאָלעק האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו. זי האָט נישט געוואָגט אים אַרויסצונעמען פון קאָנווערט. צווי אבלים שטייען אַנטקעגן זיך.ביידע אויפסניי פאַריתומטע. וואָס דערוואַרטן זיי פון בריוו? צו וועמען פון זיי ביידע האָט זיך טאַמאַרע געוואָנדן אין אירע לעצטע מינוטן?

געווען זענען צוויי בריוו. צו ביידע. זי האָט געלייענט אויפן קול, נישט מיט איר שטימע. אַ פרעמדע שטימע האָט אָפּגעהילכט אין די אויערן. דורך איר האַלדז האָבן זיך שטיינדלעך געקייקלט און געשטיקט, געשטיקט. זי האָט געלייענט פאַמעלעך, שטיל. און זיי האָט זיך געדוכט, אַז די ווערטער קלינגען אָפּ ווי גלעקער אין דעם פאַראבלטן צימער.

„טײַערע אַנעט, ביסט געווען פאַר מיר אַ ייִנגערע שוועסטער. ווי קאָן איך אַוועקגיין אָן דיר עפּס צו זאָגן? כ׳האָב זיך אַזוי פיל מאָל גע־שפּאַרט מיט דיר. ס׳איז געווען אויפריכטיק. כהאָב דעמאָלט אַנדערש באַנומען, געקוקט מיט אַנדערע אויגן ווי דו. ווען דו האָסט מיך אין 1957 געפירט אויפן גדאַנסקער וואָקזאַל און געוויזן די משפחות פון די ווײַטע פראָווינץ־שטעטלעך, וואָס זענען געזעסן פאַרשמאַכטע אויף די פּעקלעך און זעקלעך, וואַרטנדיק דעם גאַנצן טאָג אויפן אָוונטיקן צוג, צו לאָזן זיך איבער גרענעצן ווײַט פון באַפרײַטן לאַנד, האָב איך זיך נאָך אַלץ געווערט קעגן זיך גופא. דו האָסט מיר געזאָגט ס׳איז אַ נײַער גרוש פון ביסל פּוילישע ייִדן. איך האָב דיר געזאָגט ס׳איז אַ פאַרבײַגייענדיקע מגפה. דאָס אומגליק האָב איך דערזען, ווען דאָס יונגוואַרג האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן. איצט האָב איך נישט צו וואָס צו לעבן. דאָס, וואָס האָט געגעבן אַ זין דעם לעבן, איז אָפּגעשטאָרבן. דו האָסט קינדער, מאַרעקן. איך האָב קיינעמען און קיין זאַך נישט. איך גיי נישט אַוועק אין קיין שעה פון פאַר־צווייפלונג. כ׳האָב דורכגעטראַכט. כ׳בין אויסגעליידיקט, כ׳האָב גאָרנישט. באַווײַנט מיך נישט. איך גיי אַוועק רויִק. כ׳בין פאַרמאַטערט. איך לייג מיך שלאָפן״...

זי האָט נישט פאַרענדיקט די לעצטע עטלעכע ווערטער, זיי זענען געבליבן שטעקן אין האַלדז ווי שטיינער. אירע אויגן זענען געווען אויס־געלאָשן, טרוקן, ווי אַן אינערלעך פײַער וואָלט זיי אויסגעטרוקנט. טאָלעקס אויגן האָבן געקוקט שטאַר פאַר זיך און נאָך אַלץ געזוכט טאַמאַרען אויס־געצויגן אין קיך. פּלוצלינג האָט ער דערזען זײַן מאַמע אין געטאָ. זי איז

איך געלעגן אַזוי אויסגעצויגן מיט אַ ווײַס־געל פּנים, ווען זי איז געשטאָרבן פון טיפוס.

אַנעט האָט אים דערלאַנגט דעם צווייטן בריוו.

— לייענט איר.

זי האָט ווידער געלייענט פּאַמעלעך, שטילער ווי פריִער, אָבער די שטימע איז געווען אַ טיפע, געדעמפּטע, אַן אָנגעלאָדענע.

— טײַערער טאַלעק, מײַנע לעצטע ווערטער גייען צו דיר. כ׳האָב דיך באַטראַכט פאַר מײַנעם אַ זון. כ׳האָב אַמאָל געמיינט איך וועל זײַן דײַן מאַמע. צו צוועלף יאָר האָב איך געוואָלט דיך אַדאָפּטירן. געווען צופיל פּאַריאַכמעט, קיינמאָל קיין צײַט נישט געהאַט. דערנאָך איז צו שפּעט געווען. הײַנט באַדויער איך נישט. כ׳וואָלט דיר פאַרשאַפט נאָך מער עגמת נפש. איך וויל נישט מײַן אַוועקגיין זאָל ברענגען טרויער. איך צעשייד זיך מיטן לעבן שוין אָן פאַרצווייפלונג. דער יאוש איז אַוועק, ס׳איז געבליבן אַ פּוסטקע, אַ גרויסע זינלאָזע פּוסטקע. דו ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש. וועסט פאַרשטיין. כ׳האָב מיט אַ וואָך צוריק אָפּגעפירט צום באַן איבער אַ צענדליק דײַנע חברים. כ׳האָב זיי אין יתומים־הויז געלערנט ליב האָבן דאָס לאַנד, זײַן געטרײַ. כ׳האָב אײַך פאַרזיכערט, אַז אײַער לעבן איז געבונדן מיטן לאַנד, מיט דעם, וואָס ווערט דאָ אויפגעטאָן. מיט עטלעכע טעג צוריק באַגלייט צום באַן מיט אַדאַמען. כ׳האָב זיי נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן. נאָך דער מלחמה מיטגעשריִען קעגן יציאת פּוילן, איצט באַגלייט איך אַרויס מײַנע קינדער שוין דערוואַקסענע. דו האָסט מיר אַזוי פיל מאָל געשטעלט פראַגן, ס׳איז מיר אַלע מאָל שווערער געוואָרן דיר צו ענטפערן. האָב איך דען ווען אָפּגענאַרט? כ׳האָב אַ סך זאַכן נישט פאַרשטאַנען, הײַנט פאַרשטיי איך גאָרנישט. כ׳האָב אין מײַן לעבן אַ סך מאָל פאַרלוירן, אָנגעהייבן פון אָנהייב. איצט האָב איך אַלץ פאַרלוירן. איך קאָן שוין נישט אָנהייבן פון אָנהייב. לעבן ווי ביז איצט וויל איך נישט, וועגעטירן אויך נישט. אַ צוויי יאָר בין איך געווען צעריסן. איצט האָב איך געפונען אַן אינערלעכע מנוחה. איך גיי אַוועק אַ רויִקע. דו, טאַלעק, האָסט מיר געזאָגט, אַז מיר לעבן אַ פאַלש לעבן, אַז מ׳דאַרף אַלץ ענדערן. פאַר מיר צו שפּעט. דו האָסט 25 יאָר, האָסט דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיך, האָסט בילדונג. ועסט וויסן מיט וואָסער וועג צו גיין. מײַן

אָרעמע ירושה געהער דיר, די ביכער, אַלץ, וואָס איך לאָז. מײַן זייגערל לאָז איך אַנעטן. אין שופלאָד ליגט אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג. דאָרט בעט איך אויך מ׳זאָל בײַ מײַן קבר נישט האַלטן קיין רעדעס, ווי ס׳איז אין דער מאָדע. סזענען מיר נמאס אַלע רייד. דאָס וואָרט האָט פאַרלוירן דעם ווערט. כ׳האָב דיך ליב ווי אַ מאַמע האָט ליב איר זון״.

דאַנקע איז אַרײַנגעפאַלן אין אָוונט צו אַנעטן מיט דער צײַטונג אין דער האַנט און איר איבערגעז׳ייענט עטלעכע שורות.

— איך לייג דיר פאָר מיר זאָלן ביידע זײַן אויפן פּראָצעס פון קאָכן. מהאָט מיר צוגעזאָגט צוויי אײַנטריטס־קאַרטן. מדאַרף נישט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהײַט. דו האָסט זיך צופיל אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען. פריִער האָסטו נישט געקאָנט אײַנזיצן, האָסט פון אַלץ געוואָלט וויסן. איצט האָסטו דיך פאַרמאַכט, לעבסט בלויז מיט דײַן שטוב.

— האָסט געפונען אַ גוט מיטל מיך אַרויסצורײַסן פון מײַן פאַרמאַכטקייט. מיינסט נישט אַז ס׳וועט זײַן דאָס זעלבע, וואָס אויפן סטראָאָפּ־פּראָצעס?

— איך בין דעמאָלט נישט געווען. געלעגן אין שפּיטאָל.

— איך בין יאָ געווען. מיט סטראָאָפּן צוזאַמען האָט מען געמשפּעט אַ צווייטן תלין פון וואַרשעווער געטאָ, קאָנראַד. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם זאַל. ער איז געווען ליידיק. די פּרעסע האָט געגעבן קאַרגע באַריכטן, נאָטיצן. מ׳האָט אין לאַנד אין ערגעץ נישט געפילט, אַז ס׳קומט פאָר אַ פּראָצעס פון צוויי תלינים פון די וואַרשעווער יִדן. כ׳בין פריִער געווען אויף עטלעכע פּראָצעסן פון „אַקאָוועצעס״, באַשולדיקטע אין איבערפאַלן סאָוויעטישע פאַראַשוטיסטן, קאָמוניסטן. דער גרויסער זאַל איז יעדעס מאָל געווען אויסגעפולט איבער די ברעגן. מ׳האָט געבראַכט מיט לאַסט־אויטאָס אַרבעטער פון די פאַבריקן זיי זאָלן זיך צוקוקן צו די פאַרברעכער און צוהערן צו זייערע פאַרברעכנס. אין דער פּרעסע זענען אָפּגעגעבן געוואָרן גאַנצע זײַטן. ס׳האָט זיך אומעטום געטומלט מיט אַזעלכע פּראָצעסן. בעתן סטראָאָפּ־פּראָצעס איז געווען שאַ־שטיל. ווייסט וואָס ס׳האָט מיר געזאָגט אַ באַקאַנטער פוילישער זשורנאַליסט? ס׳איז געווען דער דריטער טאָג, ער איז געזעסן בײַ מײַן זײַט, אַרײַנגערוימט מיר אין

אויער: „ס׳דויערט צו לאַנג, ליקווידירן זיי און פּאַרטיק״. ס׳איז נישט געווען זײַן אייגענער געדאַנק. מ׳האָט געוואָלט פּטור ווערן וואָס גיכער. דערמאָנען דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס ס׳איז געשען מיט די פּויליש ייִדן, אויפטרייסלען דאָס געוויסן, איז נישט כדאַי געווען.

— ווילסטו נישט בײַזײַן דעם פּראָצעס?

— איך וויל יאָ.

נאָכן טויט פון טאָמאַרען האָט אַנעט אַ שטיקל צײַט ווייניק וואָס זיך געוויזן צווישן מענטשן. אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום איר, האָט זיך פּאַר אירע אויגן צעשוווּמען און פון דער צעשוווּמענקייט האָט אַרויס־געקוקט טאָמאַרעס פּנים. דאַנקע כאַפּט זיך אָן אין יעדער געלעגנהײַט זי אַרויסצוציען פון דער פאַרשטאַרטקייט. בײַ אַזאַ פּראָצעס וועט זי ווי־דער אַרויף אויף אירע רעלסן. זי האָט זיך דאָך נאָכגעיאָגט צו זײַן אויף אַזעלכע פּראָצעסן. און זי, דאַנקע, האָט אַ צוזאָג צו באַקומען פּרעסע אײַנטריטס־קאַרטן. מ׳וועט קאָנען זיך צוקוקן און צוהערן פון דער נאָ־ענט. זי האָט זיך באַוואָרנט מיט נאָך אַ מיטל איר צוצוגעבן חשק:

— ווייסט, ס׳איז דאָ נאָך אַ בעלן. מאַריאַן. כ׳וועל זיכער באַקומען אַ דריטע פּרעסע־קאַרטע.

— לאָז אים צו רו. ס׳פעלט אים צו אַ נײַע צעטרייסלעניש?

— טרײַבסט איבער. ער האָט שוין אַראָפּגעשאָקלט פון זיך די מרה־שחורהדיקייט. כ׳האָב אים הײַנט נאָך דער אַרבעט באַגעגנט אויפן גאַס. ער האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ קאַווע. זעט אויס, אויף דיר געזאָגט, דערציילט אַנעקדאָטן ווי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן.

טאָמאַרע האָט אויך גוט אויסגעזען, האָט שוין אויך געהאַט אַראָפּ־געשאָקלט פון זיך די מרה־שחורהדיקייט. מיר קענען אַזוי ווייניק דעם מענטש, מיר קענען זיך גופא נישט. טאָמאַרע האָט נישט איינמאָל...

— הער שוין אויף מיט טאָמאַרען! אַ גרויסע העלדישקייט. דער גו־טער יאָר ווייסט אײַך וואָס פון אײַך איז געוואָרן. ס׳האָט זיך אין אײַך אַלץ צעריסן ווי שפּינוועבס. צוממיינסטן האָט מיך געוווּנדערט אויף מאַ־ריאַנען, פּונקט ווי ס׳וואָלט פלוצלינג אַ דונער פון העלן הימל אַ זעץ גע־טאָן אין אים. האָט ער דען נישט געזען וואָס ס׳קאָכט זיך דאָ, בײַ אונדז אין טעפּל? ער האָט דאָך מער ווי אַנדערע געפילט אויף זײַן אייגענער הויט.

— איז אים טאַקע געווען ווויל און גוט אויפֿן האַרצן. ער האָט אָבער פֿאָרט געמיינט, אַז ס׳איז אַ היגע שלאַק, אפֿשר אַ קינדער קראַנק־הייט, וואָס וועט פֿאַרבײַגיין. וועגן „דאָרט" האָט ער געהאַט זײַן פֿאַרטיקע מיינונג, ווי מיר אַמאָל. דעריבער האָט עס אַזאַ זעץ געטאָן אין אים. אַזעלכע ווי מאַריאַן ווען זיך שוין דאָ פֿון דעם קלאַפּ נישט אויסהיילן.

— דאַרף ער אַוועקפֿאָרן. איך אויף זײַן אָרט וואָלט זיך אַזוי פֿיל נישט געוואַקלט.

— ער דאַרף און קאָן נישט. דאָס ערגסטע, ווען מען דאַרף, מען וויל און מען קאָן נישט.

— דײַנע פֿילאָזאָפֿיעס! אָדער, אָדער! אָדער מען פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד, אָדער מען זאָגט זיך, אַז מען מוז דאָ לעבן און זײַן מיטביידע פֿיס אויף דער ערד. מען הענגט נישט אין דער לופֿטן. איר זעט אַלע אויס, ווי העלדן פֿון אַ גריכישער טראַגעדיע. אָן אַן אויסוועג, נישט אַהער, נישט אַהין. ס׳הענגט אַ פֿאַטום איבערן קאָפּ. ווייניק קאָפּעט מען אונדז, מוזט איר נאָך אַליין רײַסן פֿון זיך די הויט.

מ׳האָט מיר שוין דאָס געזאָגט. וויסט ווער טאַמאַרע. נאָר זי האָט מיר כאָטש נישט פֿאַרגליכן צו קיין העלד פֿון אַ גריכישער טראַגעדיע. צוואָס טויג דיר קריכן אַזוי ווײַט? ס׳פֿעלן בײַ ייִדן גענטערע פֿאַרגלײַכן? מוזסט זיי אויך נישט זוכן אין ביכער. צוריקגעשמועסט, ס׳איז אפֿשר נישט קיין שלעכטער פֿאַרגלײַך, דער מענטש געפֿינט זיך דאָ אָפֿטמאָל אין אַזאַ קלעם, אַז ער קאָן זיך נישט אַ קער טאָן נישט אַהער, נישט אַהין. נייז, נישט אַלע פֿון אונדז האָבן דעם אויסוואַל פֿון אָדער־אָדער.

דאַנקע האָט מיט עקשנות אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ געדיכטע, געלע האָר.

— הער, דו ווייסט גוט, אַז איך האָב די אַלע יאָרן נישט געקוקט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, כאָטש ווען מ׳וואָלט מיר אַפֿילו אַראָפּגענומען דעם קאָפּ, וואָלט איך נישט געגלייבט דאָס, וואָס איז דאָרט געשען. געדענקסט אונדזער ערשטע באַגעגעניש אין וואַרשע? וואָס האָב איך דיר דעמאָלט געזאָגט? וויפֿל יאָר איז דאָס שוין? איך האָב אויך געמיינט, אַז ס׳איז אַ היגער שלאַק, אַ שווערער אָנהייב. וואָס האַלט מיך איצט דאָ צו? די פֿאַר־טיי־קאַרטע? זי איז הײַנט פֿאַר מיר, פּונקט ווי פֿאַר אַ סך אַנדערע, דאָס זעלבע, וואָס אַ ברויט־קאַרטע בעת דער מלחמה. טיילמאָל בין איך מקנא

די, וואָס פאָרן אַוועק. אָבער איך קאָן נישט און וויל נישט, הערמאַן וויל אויך נישט אַוועק, ער האָט זיך גענוג אַרומגעשלעפּט פון לאַנד צו לאַנד און אין ערגעץ נישט געקאָנט זיך איינגעסטן. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל אויפגעבויט אַן אייגענע נעסט, מיר אַרבעטן, מיר קאָנען דאָך לעבן דאָ ווי מיליאָנען אַנדערע מענטשן, וואָס האַלטן זיך ביי דער זייט. האָבן מיר זיך געזאָגט — מען רירט זיך נישט פון אָרט. ערגער ווי ס׳איז געווען וועט דאָך שוין נישט זיין.

אַנעט האָט זיך אומגעריכטערהייט צעשמייכלט, ס׳האָט זיך איר עפּעס דערמאָנט:

— ווייסט וואָס פאַראַ ווערטל ס׳איז אַרומגעגאַנגען? „ס׳איז שוין סאָ־ציאַליזם, צי ס׳וועט נאָך ערגער זיין״?

— דאָס ווערטל האָט שוין אַ באָרד. ס׳וועט זיין ווי ס׳וועט זיין. אַרויסטרייבן פון דאַנען וועט מען דאָך אונדז נישט. און אַז איך בלייב, וויל איך נישט אַרומגיין מיט בויך־ווייטיק און פאַרביטערן זיך די יאָרן. דאָס לעבן איז אַ קייט פון קאָמפּראָמיסן. כ׳האָב געמאַכט מיט זיך אַ קאָמ־פּראָמיס צו זיין באַשעפטיקט ביי אַ נודנער אַרבעט. עס לאָקערט מיך דען נישט קיין אַנדערע? אפשר וועט עפּעס אונטערקומען. ס׳קאָן אָבער אויך געשען, אַז איך זאָל שוין פאַרבלייבן אין די אַרכיוון דאָס גאַנצע לעבן. איך מאַך זיך נישט קיין אילוזיעס, איך דערוואַרט נישט צופיל טאַקע ווייל איך בלייב דאָ, ווייל ס׳מוז זיין אַן אָדער־אָדער.

— דו לייגסט צו אַלע צו דיין אייגענער מאָס, פּונקט ווי מיר אַלע וואָלטן אויסגעקנאָטן געווען פון זעלבן ליים. דו קאָנסט אַזוי, איך קאָן נישט. דיין אָדער־אָדער איז נישט גילטיק פאַר יעדערן.

— ס׳האַנדלט זיך איצט נישט וועגן דיר, נאָר וועגן מאַריאַנען. אַז ס׳איז אים דאָ געוואָרן אומדערטרעגלעך, ווי דו זאָגסט, פאָרט מען אַוועק.

— ער פאָרט שוין באַלד דריי יאָר. פּונקט ווי זיי האָבן אָפּגעמאַכט אַוועקצופאָרן האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים די אַסטמע. שטעלסט זיך פאָר עס לאָזן זיך אין וועג צוויי אַזעלכע פּאַסאַזשירן און זיי האָבן אין ערגעץ קיינעמען נישט? דאָ האָט ער אַ קראַנקן־פּענסיע, אומזיסטע היילונג, זי אַרבעט אין אַ ביוראָ. זיי האָבן געוואָלט צוװאַרטן, זי האָט זיך געלערנט אַ פאַך אויף די „אָרט״־קורסן אין די אָונטן. האָבן זיי געוואַרט ביז ס׳איז שפּעט געוואָרן.

— שפּעט געוואָרן?

— מאַריאַן האָט דיר נישט געזאָגט? ער מאַכט נישט קיין סוד דערפֿון. מיט דרײַ חדשים צוריק האָט ער אָנגעגעבן צו פֿאָרן קיין ישׂראל. האָבן די משגיחים, וואָס האַלטן איבער אונדז די אויפֿזיכט, עפּס געפֿונען אין זײַן קאַרטאָטעקע. ער איז אַ שטיקל צײַט נאָך דער מלחמה, בסך הכּל עטלעכע חדשים, געווען בײַ עפּעס אַן „אײדעלער" אַרבעט. עס האָט זיך געקלעפּט צו דעם, ווי אַרבעס צום וואַנט, דערפֿאַר האָט מען אים אַוועקגעשיקט. ער האָט שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרגעסן, זיי נישט. זיי פֿירן אַ גענויע בוכהאַלטעריע. אַלץ איז פֿאַררעגיסטרירט. וואָלט ער אָנגעגעבן אויף אַרויספֿאָרן ווען די שרויף האָט נאָכגעלאָזט, וואָלט עס דורכגעגאַנגען. הײַנט קוקט מען שוין ווידער אין די קאַרטאָטעקעס דורך אַ שפּאַקטיוו. נו, אפֿשר האָסטו פּלייצעס אין אינערן־מיניסטעריום? ביסט דאָך אַזאַ בריה צו געפֿינען אַן אויסוועג. וואָלסט זיי לײַכט געקאָנט אויפֿווײַזן, אַז די גאַנצע מעשׂה איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. זעסטו, אַזוי פֿאָרט ער און פֿאָרט, מאַריאַן, און בלײַבט דאָ אַזוי ווי איך, ווי אַ סך אַנדערע, אָבער נישט מיט בײדע פֿיס אויף דער ערד, נאָר טאַקע אין דער לופֿטן. יעדערער האָט זיך זײַן אײגענע מעשׂה, עפּעס אַ „זינד" צוליב וואָס ער שוועבט דאָ אַרום ווי אַ גילגול.

דאַנקע איז צוגעגאַנגען צו דער באַשויבטער טיר פֿון באַלקאָן, וואָס אַנעט האָט פֿריִער פֿאַרמאַכט, אויפֿגעפּראַלט זי, דערנענטערט זיך צום הויכן פֿאָרענטש און פֿאַרוואָרפֿן אויף אים די אָרעמס. אַנטקעגן, אין דער ווײַט, האָבן ווי פֿלעמלעך פֿון חלבנע ליכטלעך, געפֿלאַטערט פֿײַערלעך פֿון באַלויכטענע, היגטערשטאָטישע, נײַע געבײַדעס. דער פֿרײַער שטח הינטערן הויז איז אײַנגעהילט געווען אין דער אָוונטיקער טונקל־בלויקייט. אויפֿן זומערדיקן הימל אַן אויסגעשלייערטן אין תּכלתדיקן סאַמעט און איין זײַד האָט שפּאַצירט אַ פֿולע לבֿנה און געשפּיגלט איר זילבערן פּנים אין וואַסער־שפּיגל פֿון דער קליינער, רונדיקער אָזערע, וואָס האָט זיך אויסגעבעט אַ טיפֿן געלעגער אויף דעם זײַטיקן נידערפּלאַץ. פֿון דער גרינער אָזערע מיטן קלינגענדיקן נאָמען „דאָס אויג פֿון ים", האָט זיך געטראָגן אַ קאָנצערט פֿון זשאַבעס. זייער שלעפּעריק־מאָנאָטאָנער געזאַנג איז אַרײַנגעפֿלאָסן אין צימער, אָנגעקלאַפּט אין אַנעטס אויערן,

אַרויסגערופן זי אויפן באַלקאָן. דאַנקע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן פּאַרענטש.

— הערסט ווי די זשאַבעס זינגען זיך צו צום אײַנשלאָפן? זיי לאָזן זיך הײַנט ווילגיין, געווײנלעך שלאָפן זיי שוין אין דער צײַט. מסתמא געווען בײַ זיי עפּעס אַ שמחה, באַליעווען זיי ביז אַ שטיק אין אָוונט.

— דו גייסט גיך איבער פון מענטשישע ענינים צו זשאַבישע.

— דאַנקע, זע ווי שיין! גיב נאָר אַ קוק אויף דער לבנה.

— כ׳האָב אַ פּאָרשלאַג פאַר דיר. פאַר מאַריאַנען אויך. קלײַבט אײַך אַריבער אויף דער לבנה.

— נישט קיין שלעכטער אײַנפאַל...

— יעדנפאַלס אַ בעסערער ווי אײַך פּאַרצולייגן בײַצווזײַן אויפן קאַך־פּראָצעס. ווער ווייסט וואָס איר...

אַנעט האָט דערזען די שכנותדיקע באַלויכטענע באַלקאָנען, אָנגענומען דאַנקען גיך פאַרן אָרעם און זי אַרײַנגעצויגן אין צימער.

— אויפן באַלקאָן רעדט מען... ווי האָסטו געזאָגט? וועגן... וועגן זשאַבישע און נישט מענטשישע ענינים.

— און וועגן דער לבנה אויך נישט?

— און וועגן דער לבנה, אָבער נישט וועגן קאַך־פּראָצעס און וועגן דעם, אַז מיר קלײַבן זיך גיין אויפן פּראָצעס.

— איז ווי בלײַבט? מיר גייען?

— מיר גייען.

— מיט מאַריאַנען, צי אָן אים?

— כ׳ווייס, אפשר בין איך זיך טועה, זאָל... זאָל שוין זײַן מיט אים.

סילוויע די גרויסע האָט געהאַט אַ פאַרשטערטן זונטיק, דעם בריוו האָט זי געטראָפן בײַ זיך אין שטוב שבת נאָכמיטאָג, ווען זי איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן צוריק־אַדרעס און אַרײַנגעלייגט אין בײַטל. אַ בריוו פון דאַנקען, זי וועט שפּעטער לייענען. זי אײַלט זיך צום פריזירער. שבת איז בײַ אים ערד־ציטערניש, כאָטש זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט אים אויף אַ גענויער שעה. זי דאַרף

צוריקקומען וואָס פריִער. מ׳האָט געקויפט בילעטן צו גיין אין סלאָוואַצקי־טעאַטער אויף אַ נײַער פּרעמיערע פון וויספּיאַנסקיס „חתונה״.

און אַז סילוויע איַלט זיך צום פריזירער, איז אַ סימן, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט בײַ איר. דאָס אַראָפּגידעריקן זיך מיטן טוישן איר די אַרבעט, האָט זי גאָר דערהויבן. זי האָט זיך פריִער נישט ווייניק אָפּגעגעסן די גאַל. מ׳האָט זי איבערגעשיקט אין די נידעריקע קלאַסן לערנען געשיכטע. זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון דער אַרבעט, פון דער שטאָט. געוואָלט מיט געוואַלד זיך איבערטראָגן קיין וואַרשע. איר שוועגערין האָט איר געהאַט געטאָן אַ בערישע טובה. זי האָט אויפסנײַ געוואָנדן אירע אויגן צו דער ייִדישער אַקאַדעמיע. אַ צוויי־וואָכיקן אורלויב האָט זי פאַרבראַכט אין דער הויפּטשטאָט. פּראָפעסאָר־ווייסליץ האָט איר צוגעזאָגט צו בעטן אַן עטאַט פאַר איר. ווו נעמט מען אָבער אַ דירה?

זי איז צוריקגעפאָרן מיט אַ שווער האַרץ. נאָר גיי ווייס, ווו אַ שטיקל גליק וואַרט אויף אַ מענטש. אין איר געטוישטער שולע האָט זיך אויך גע־טוישט דער דירעקטאָר. אויף דערווײַל. דרײַ חדשים פאַרטראָטן דעם קראַנק־געוואָרענעם דירעקטאָר. אין דער קורצער צײַט האָט ער דער־גרייכט צוויי זאַכן: אײַנגעפירט אַ ביסל אָרדענונג אין דער צעכראַסטעטער שולע און געפונען אַ באַשערטע — סילוויען. דערנאָך האָט ער אויך געפו־נען פאַר איר אַן אַנדערן פּאָסטן — סילוויע איז געוואָרן אַסיסטענטין אויפן אוניווערסיטעט.

מיעטשיסלאַוו זשעמיאַנסקי איז מיט צען יאָר עלטער פון איר. ער האָט אַ גרויסע לעבנס־דערפאַרונג און האָט אַ טבע צו לערנען פון איר. בעת דער אָקופּאַציע האָט ער אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישע משפחה. עמעצער האָט געמסרט. די אויסבאַהאַלטענע האָט ער אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעפירט דורך אַ הינטערשטן וועג. אים האָט עס נישט אָפּגעראַטע־וועט. אויפן וועג קיין מײַדאַנעק איז ער געשפּרונגען פון צוג, געוואַנדערט דורך פעלדער און וועלדער, דורכגעגאַנגען אַ סאָוויעטישע גרענעץ־ליניע און דערנאָך אָפּגעזעסן פינף יאָר אין אַ לאַגער. אַ געוועזענער ליבקער פּעפּעסאָוויעץ, איז ער אין דער פּאַרטיי געקומען דורך דער פאַראייניקונג. שווימט אָבער נישט מיטן שטראָם, האַלט זיך בײַם ברעג.

פאַר סילוויען האָט זיך געענדיקט דער נע־ונד. פאַרבליבן איז די

בענקשאַפט צו די עטלעכע לעבנגעבליבענע יידישע פריינד. זי האָט זי געפֿינדערט, די בענקשאַפט, מיט בריוו. אַנעט האָט אַלע מאָל זעלטענער געענטפערט. דאָס מאָל האָט זי יאָ חשק געהאַט אָנצושרייבן צו איר. דאַנקע האָט זי פאַרטראָטן.

סילוויע האָט אויף צומאָרגנס פרי איבערגעלייענט דעם בריוו און זיך געוואָנדן צום מאַן:

— נאַ, לייען דו אויך.

מיעטשיסלאַוו זשעמיאַנסקי האָט געלייענט אויפן קול:

„טייערע סילוויע,

ווען נישט אַנעט, וואָלט איך דיר איצט נישט געשריבן. נישט זי זאָל מיך האָבן אָנגערעגט, נאָר כ׳האָב איר אויסגעכאַפּט. דער איצטיקער בריוו צו דיר וואָלט איר קיין געזונט נישט צוגעגעבן. און ווער ווייסט וואָס פאַראַ טראַקטאַט ס׳וואָלט ביי איר אַרויסגעקומען? איך וויל איר איינשפאָרן. איך וועל פרווון מאַכן בקיצור: כ׳האָב געהאַט דעם טייוולאָנישן איינפאַל זי אָנצוזרעדן צו גיין מיט מיר אויפן פּראָצעס פון קאָך. אַז אַזאַ פּראָצעס קומט פאָר, ווייסטו זיכער פון דער פרעסע. דו ווייסט אפשר נישט, ווי איך האָב נישט געוווסט, ווייל ביידע זענען מיר דאָ בעת דער אָקופּאַציע נישט געווען, וואָס פאַראַ פאַרשוין מ׳האָט איצט געמשפט נאָך אַזוי פיל יאָרן. כ׳האָב זיך מער דערוווסט פון אַנעטן ווי פון דער פרעסע. דער נאָמען קאָך איז געווען אַ שרעק־וואָרט אין ביאַליסטאָקער דיסטריקט. געווען דער הענקער פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. האָסטו געדאַרפט זיך צוקוקן צום פּראָצעס. אַ פאַרס.

קאָך איז נישט געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, נאָר געווען פאַנאַנדערגעלייגט אין אַ פאָטעל, די פיס אויסגעצויגן, אונטערגעשפּאַרט. נעבן אים אַ פלעגערין אין אַ ווייסן שירץ. זי האָט אים כסדר אונטערגעטראָגן אַ טעפּעלע מיט עפּעס אַ געטראַנק. זאָל מען אָננעמען, אַז ער איז קראַנק און מיר זענען מענטשן מיט הומאַניטאַרע געפילן אַפילו לגבי אַזעלכע פאַרברעכער. מ׳האָט אָבער געדאַרפט זען ווי דער „קראַנקער" קאָך האָט זיך אויפגעפירט, מיט וויפל חוצפה און רוגזה ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלע באַשולדיקונגען. ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דינסט. אויב דאָס וואָלט ווייניק געווען, האָט מען אים נאָך צוגעטיילט צוויי פון די בעסטע פוילישע אַדוואָקאַטן. זיי האָבן

אויסגענוצט אַלע אַדוואָקאַטישע דריידלעך, געמאַכט אַקראָבאַטישע שטיק צו פאַרטיידיקן זייער קליענט. דעם יידישן אַדוואָקאַט הערינג, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַלס ציוויל־מאָנער, האָט איינער פון די פוילישע אַדוואָקאַטן באַפאַלן מיט זידל־ווערטער. דער פאָרזיצער פון געריכט האָט זיך נישט אַריינגעמישט. צווישן די אַדוואָקאַטן איז דאָס געווען אַ לעכער־לעך־נישט גלייכער באָקס. צוויי גוט צוגעגרייטע באָקסערס האָבן זיך געוואָרפן אויפן דריטן, אויפן „קעגנער", וואָס האָט נישט געקאָנט אויס־האַלטן דעם אָנגריף. דער היסטאָריקער ווייסליץ האָט נאָך אַ סעאַנס זיך געוואָנדן צום הויפּט־אַדוואָקאַט מיט דער פראַגע ווי ס'קומט מ'זאָל זיך אַזוי איינשטעלן פאַר אַזאַ פאַרברעכער. ער האָט אים העפלעך געענטפערט: „פאַרטיידיקן געמשפטע איז מיין פּראָפעסיע, אָן אַדוואָקאַט איז שטענדיק אָן אַדוואָקאַט". שטעלסט זיך פאָר אַנעטן אויף אַזאַ פּראָצעס? זי האָט איצט פאַר מיר אויפגעמישט דאָס בלעטל פון די אַלע, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן יידן, געהאָלפן מאָרדן, געראַבעוועט, פון די שמאַלצאָווניקעס, וואָס מ'האָט נישט געמישפּט. זי האָט אויסגערעכנט מענטשן, וואָס זי קען פון זייערע שיינע מעשים. זי האָט איינגאַנצן געפיבערט. דו קענסט דאָך אַנעטן.

סילוויע האָט איבערגעריסן דאָס לייענען פון מאַן:

— זאָל דאָס אמת זיין? וואָס איז טאַקע געוואָרן מיט די שמאַלצאָווני־קעס? מיט די „גראַנאַטאָווע"?

— נישט ווייניק פון זיי זענען אין דער מיליץ, אין פאַרשידענע אַמטן. זיי האָבן געטוישט באַצייטנס דאָס אָרט, די הויט. די פּיפּיקערע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין רעוואָלוציאָנערע פעדערן, האָבן אין קעשענע אַ פּאַרטיי־קאַרטע.

קאַפּיטל 6

די אָוונט־מאָלצײַטן בײַ אַנעטן אין שטוב האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דיסקוסיע־קלוב. אַלע פיר זענען דעמאָלט בײַם טיש. דאָס פּאָרפּאָלק באַהאַלט מער נישט אויס. די ייִנגלעך זענען דערוואַקסענע בחורים. זיי ווייסן, אַז זינט דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט פון שכנותדיקן לאַנד, גייט אָן אַן אַמפּערניש. די מאַמע האָט געוואָלט אַוועקפאָרן און צוליבן טאַטן זיצט זי דאָ. קיין שום זאַך געפעלט איר דאָ נישט.

זיי געפעלן אויך נישט אַ סך זאַכן. יורי איז אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי און שלעפּט אָפּ, ער האָט נישט קיין חשק זיך צו בינדן די הענט מיט פּאַרטייִשע שטריק, כאָטש אַ פּאַרטייִשע לעגיטימאַציע קאָן אַמאָל צונוץ קומען. קלאָד איז אין דער יוגנט און שפּעט אָפּ פון אַלע ריטואַלן. בײַם טיש הערט מען נישט אויף צו רעדן וועגן דעם. יעדערער דערציילט עפּעס אַנדערש. יורי לאַכט אַלץ אויס, קלאָד באַווײַזט, אַז אַלע צרות קומען פון דעם וואָס בײַם רודער שטייען אַלטע מענטשן. מען דאַרף צולאָזן דאָס יונגוואַרג, זיי וואָלטן געמאַכט אָרדענונג. זאָל מען זיי נאָר געבן די לייצעס אין האַנט, וועלן זיי אַרויספירן דעם שווערן וואָגן אויף אַ גלײַכן וועג. אַנעט באַווײַזט שוואַרץ אויף ווײַס, אַז דער וואָגן טויג בכלל נישט, צי ס'וועלן אים פירן אַלטע, צי יונגע, וועט ער מיט קיין גלײַכן וועג נישט גיין. אַ צעפאָרענער, פון אָנהייב אָן אַ שלעכט צונויפגעשטעלטער וואָגן, בפרט ווען די בעלי־עגלות טויגן אויך אויף כפרות.

מאַרעק וואַרפט בלויז דאָ און דאָרט אַרײַן אַ וואָרט, זיפצט אָפּ און גיט צו:

— פיר מענטשן אין שטוב און פיר ריכטונגען, פיר פּאַרטייען.

דאָס מאָל איז געווען היציקער ווי שטענדיק. אַנעט האָט פאַרבעטן טאָלעקן אויף אַ זונטיק־מיטאָג. ער האָט אָנגעהויבן אַלע מאָל ווייניקער

אַרײַנקומען. אַ שוואַרצע קאַץ איז דורכגעלאָפֿן צווישן אים און יורין. זינט די האָבן פֿאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט און אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט זיך זייער פֿרײַנדשאַפֿט אַ ביסל אָפּגעקילט. יורי אַרבעט אַלס אַסיסטענט פֿון מאַטעמאַטיק אויפֿן אוניווערסיטעט, טאָלעק איז אַן אינזשיניער, אַרבעט אין אַ מעטאַלורגישער הוטע. זײַנע שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן זענען זינט דעמאָלט גלאַנציקער געוואָרן. ער איז שווײַגנדיקער ווי געווען. די יינגלעך זאָגן, אַז ס'איז צוליבן בלאָנדן מיידל, וואָס האָט אים פֿאַרלאָזט.

געשען איז דאָס קורץ נאָכן טויט פֿון טאַמאַרען. טאָלעק האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אויסצופֿאַרקויפֿן די ירושה און צונויפֿצוזאַמלען געלט אויף אַ מצבה. דאָס בלאָנדע מיידל האָט געפֿונען אַ בלאָנדן בחור און אים, טאָלעקן, געגעבן אָנצוהערן, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מער מיט דער טויטער, כּלומרשטער מאַמע זײַנער, ווי מיט איר, דעם לעבעדיקן מיידל. טאָלעק איז אויפֿסנײַ געבליבן אַ קנײַלעכדיקער יתום און זיך פֿאַרמאַכט אין זיך. יורי, וואָס האָט אַלץ אויסגעלאַכט, האָט אים, נישט ווילנדיק, אָנגעטראָטן אויף די הינער־אויגן.

— טאָלעק, זעסט אויס ווי אַלע שיפֿן וואָלטן דיר אויפֿסנײַ אונטערגעגאַנגען. ווערסט מסתּמא נישט טראָגן קיין טרויער נאָך מאַרישען ווי נאָך טאַמאַרען.

יורי האָט חרטה געהאַט, געכאַפּט זיך, אַז ער האָט אים טאָפּלט אָנגעשאָטן זאַלץ אויף די ווונדן. ער האָט געוואָלט פֿאַרגיטיקן און נאָך פֿאַרערגערט.

— מען דאַרף זײַן ווי אַ זומערפֿויגעלע, דאָ זיך אַוועקזעצן אויף איין בלימל, דאָ אויף אַן אַנדערס, פֿון בלימל צו בלימל.

טאָלעק האָט אים אָפּגעענטפֿערט קורץ און שאַרף:

— דו ביסט אין אַ גאָרטן מיט בלימלעך; אין מײַן גאָרטן זענען פֿאַראַן בלויז שטעכיקע, ווילדע פֿלאַנצן.

געמיינט האָט ער די הוטע. דעם ערשטן ברוך הבא, וואָס ער האָט דאָרט באַקומען, איז געווען אַ נײַער נאָמען. די אַרבעטער האָבן אים גערופֿן „דער שוואַרצער". נישט חלילה דירעקט. בלויז צווישן זיך, הינטער די אויגן. ווי נאָר ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער הוטע, דעם ערשטן טאָג, האָט אַן אויסגעדאַרטער, אָפּגעריסענער אַרבעטער, בעתן האַלב־שעהדיקן מיטאָג־איבעררײַס, צווישן געגעבן זײַנע חברים.

— צוגעקומען היינט אַן אינזשיניער, אַ יונגער, אַזאַ, איר ווייסט דאָך, מיט געדרייטע האָר, אַ שוואַרצער.

צו טאָלעקס אויערן איז דאָס דערגאַנגען דורכן אָפענעם פענצטער פון אַ צייטווייליקער ביוראָ, ווו ער איז פאַרבליבן אַליין אויסצופּילן אַ שטויס מיט אַנקעטע־בויגנס. ער האָט מער דעם נייעם נאָמען נישט גע־הערט, אָבער געוווּסט, אַז דער נאָמען „דער שוואַרצער" האָט זיך אָנגע־נומען.

צו יורין האָט ער געזאָגט:

— נישט נאָר מיר בויען אויף זאַמד, נאָר מען שיט אונדז אויך זאַמד אין די אויגן.

יורי האָט שטענדיק געהאַט אַ פולן מויל מיט געלעכטער. פון צווישן געלעכטער האָבן זיך אַרויסגעקייקלט געטאָקטע ווערטער:

— ביסט ענלעך געוואָרן צו מיין מאַמען, מיין מאַמעס לשון.

טאָלעק האָט דאָס אַליין געוווּסט. מיט קיינעמען האָט ער זיך דאָ אַזוי נישט פאַרשטאַנען ווי מיט אַנעטן. נאָך אין קינדער־הויז פלעגט ער זיך צוהערן צו אירע ווערטער און טאַמאַרע פלעגט זאָגן, אַז אַנעט האָט מער מזל צו אים ווי זי. פונדעסטוועגן איז איר לייכט נישט אָנגעקומען אים היינט אַראָפּצוברענגען אויף מיטאָג. איצט איז ער געזעסן שטייף, געענט־פערט אויף פראַגן מיט אַ האַלבן מויל. מאַרעק האָט אָנגעגאָסן די גלעז־לעך. די ציינגער האָבן זיך אויפגעבונדן. קלאָד האָט גערעדט העכער פון אַלע.

— איר ווילט וועל איך אייך געבן צו לייענען „די פאַרראַטענע רע־וואָלוציע", איר וועט דעמאָלט...

— ש. ש. ש. ש. ש. ששש...

— אַנעטס שינען צווישן די ליפן וואָלטן אים נישט איינגעשטילט. מאַרעק האָט געהאַט אַ בעסער מיטל.

— מיט צוויי גלעזלעך האָסטו דיך אָנגעשיכורט, קאָנסטו שוין נישט רעדן שטיל.

— איך מיט צוויי גלעזלעך שיכור? איר ווייסט וויפל מיר טרינקען אויס, ווען מיר קומען זיך צוזאַמען?

— דערפאַר ווייסט איר נישט וואָס איר ווילט.

— מיר ווייסן נישט? מיר ווייסן בעסער פון אייך. איר לייענט דאָך

בלויז דאָס, וואָס מען טאָר לייענען. מיר לייענען דאָס פאַרבאָטענע אויך. מיר ווייסן וואָס פאַראַ גאַנגרענע ס'האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט. מיר, מיר וועלן זי אויסהיילן.

אַנעט האָט געוווסט, אַז נישט נאָר אויפן אוניווערסיטעט, נאָר אויך אין די העכערע קלאַסן פון גימנאַזיע גייען פון האַנט צו האַנט עטלעכע ביכער. אַ יונגע כאַליאַסטרע האָט זיך געזאַמלט אַרום אַ קלוב, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „דער קרומער קרײַז". אַנדערע יונגע בונטאָווו־שטשיקעס האָבן זיך גערופן „די זוכער פון אמת". זיי האָבן זיך געזאַמלט אין אַ קעלער־קאַוויאַרניע, דיסקוטירט און געטומלט. דאָס זענען געווען די לעצטע שפּראָצונגען פון פּוילישן פרילינג, וואָס האָט געוועלקט. ס'האָט זיך ווידער דערנעענטערט אַ קאַלטער ווינטער.

זי האָט געציטערט פאַרן יונגערן זון. אין אָנהייב שול־יאָר פון לעצ־טן קלאַס, האָט אים געדראָט באַװײַטיקט צו ווערן. אויף אַ לעקציע פון געשיכטע האָט דער פּראָפעסאָר, דערקלערנדיק דעם מאַרקסיסטישן אײַנ־שטעל פון טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע, געפרעגט אין וואָס ס'דריקט זיך אויס די סינטעזע פון די געשיכטלעכע געשעענישן במשך פון די עטלעכע צענדליק יאָר אין מזרח־אייראָפּע. קלאָד האָט זיך איבערגעוווּנקען מיט עט־לעכע חברה־לײַט, אויפגעשטאַנען און אָן וואַקלעניש געענטפערט:

— דאָס וואָס מ'האָט סטאַלינען אַרויסגעוואָרפן פון מאַוזאָליי.

דער דירעקטאָר האָט אַנעטן אַרויסגערופן און געוואָרנט. דער זון גייט אויף אַ שלעכטן וועג. דער פּאַרטייישער פּראָפעסאָר האָט געשטעלט דעם אַפּיקורסישן שילער אַ צוויי אויפן אָרט פון אַ פינף, וואָס ער האָט פריִער געהאַט בײַ אים. דאָס האָט קלאָדן אויסגעהיילט אין שול. ער האָט זיך דערפאַר אָפּגענומען אין שטוב. בײַ אַנעטן האָט טיף אין האַרצן אויפ־געלויכטן אַ פונק האָפענונג. זי האָט אים נישט איינמאָל געזאָגט:

— דו זעסט, ס'טויג נישט, אַ קאַריקאַטור פון סאָציאַליזם, דערפאַר וויל איך אַוועקפאָרן.

— נישט אַוועקפאָרן, נאָר איבערמאַכן! ס'איז אונדזער לאַנד, אונד־זער היים, מיר וועלן זי נישט לאָזן פאַר די ביוראָקראַטן, וואָס מאַכן פון איר אַ קאַריקאַטור.

איצט האָט ער אַנעטן עפּעס דערמאָנט:

— געדענקסט, מאַמע, האָסט מיר דערציילט ווי אַזוי די ייִדן זענען אַמאָל אַרויסגעגאַנגען פון קנעכטשאַפט? 40 יאָר האָבן זיי זיך געוואָלגערט אין דער מדבר, וואָס האָט, וואָס האָט...

ס'האָט זיך אים פאַרפּלאָנטערט דער אינהאַלט, נישט געוווּסט גענוי וואָס פאַראַ לערע מ'דאַרף הערפון אַרויסציִען. איצט גרייט ער זיך צו שטודירן עקאָנאָמיע, ער האַלט זיך שוין פאַר אַן עקאָנאָמיסט און פאָרט באַצייטנס אַרויף אויף זײַן פּערדל.

— מיר עקאָנאָמיסטן וועלן שטעלן קודם כל די ווירטשאַפט אויף די פיס, די אידיאָטישע ביוראָקראַטן באַגראָבן זי.

— ווער מיר? די עטלעכע ייִדישע ייִנגלעך, וואָס מען וועט בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט אַרויסוואַרפן פון אוניווערסיטעט אָדער פון דער אַרבעט?

— דו, מאַ, שפּרינגסט גלײַך אַרויס מיט ייִדן, ווי אַלץ וואָלט זיך געדרייט אַרום ייִדן! מיר זענען אַלע גלײַך, מיר זענען קודם כל פּאָליאַקן. מיר ווילן אין פּוילן זאָל זײַן אמתער סאָציאַליזם און נישט קיין קאַריקאַטור, ווי די מאַמע רופט עס. מיר עקאָנאָמיסטן וועלן...

יורי האָט אים איבערגעריסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

— זאָג נאָכאַמאָל עקאָנאָמיסט און דו ביסט אויס! די גרויסע עקאָנאָמיסטן קאָנען אויך גאָרנישט אויפטאָן, זיי זיצן אין זייערע ביוראָען און מאַכן פּלענער. נאָך אַלע זייערע עקאָנאָמישע פּלענער דאַרף די מאַמע שטיין לאַנג אין אַ ריי נאָך פליייש. קויפט אַ פּאָר הויזן איז איין נאָכשטיין לאַנג אין אַ ריי נאָך פליייש. קויפט אַ פּאָר הויזן איז איין נאָכגעוווּקע קירצער פון דער אַנדערער דאַרפסט האָבן אַ מאַנטל, לייגסט אַוועק די כּוחות און גיסט אַוועק דעם לוין פון חודש. אַז מען דאַרף האָבן אַ פּאָר סקאַרפּעטקעס...

פּאַר קלאָדן איז געווען צו לאַנג אויסצוהערן, ער איז אים אַרײַנגעפאָרן אין די רייד.

— דאָס זאָגן מיר דאָך, די גאַנצע ווירטשאַפט שטייט אויפן קאָפּ, מיר עקאָנאָמיסטן...

— גיי, לאָז שוין אָפּ מיט דײַנע עקאָנאָמיסטן. איר זענט אַלע פּאָליטיקער און נישט עקאָנאָמיסטן, איר וועט ווערן די זעלבע ביוראָקראַטן. הײַנט שפּילן די ערשטע פידל ביוראָקראַטן עם־הארצים, מאָרגן וועלן זײַן

ביוראָקראַטן מיט בילדונג. ס'גייט אין הערשאַפט, מאַכט. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

מאַרעק האָט געשמייכלט און שטיל אים צוגעוואָרפן:

קאַזשיק לייענט באַהאַלטענערהייט טראָצקין, דו, זעט אויס, לייענסט באַקוקינגען. פון יעדערן רעדט עפּעס אַרויס.

— איך לייען זיי ביידע נישט. איך בין אַ מאַטעמאַטיקער און פאַרנעם זיך נישט מיט פּאָליטיק.

— פאַרנעמסט זיך נישט מיט פּאָליטיק? בונטעווען זיך דאָך וואָס ס'איז נישטאָ קיין פליש, וואָס ס'איז שווער צו קריגן אַ לײַטיש מלבוש, העי ברודערקע, בונטעווען זיך כסדר.

— וואָס דען? צובאַמקעווען זאָל איך? צושאָקלען אפשר מיטן קאָפּ צו די אידיאָטיזמען?

אַנעט איז צופרידן געווען מיט זײַן ענטפער. וואָס מערער ביידע זיך וועלן זיך בונטעווען קעגן די היגע פּאַראַנדקעס, אַלץ לײַכטער וועט איר זײַן זיי אָפּצורײַסן פון דאַנען. זי האָפט נאָך אַלץ אַרויסצופאָרן. יורי קאָן שוין פאַרדינען, קלאָד וועט קאָנען שטודירן און צופאַרדינען. זאָל זי זיי נאָר האָבן אויף איר זײַט. מאַרעק לייענט שטענדיק אין ווײַבס פּנים אירע מחשבות. ער האָט מיט נישט קיין לײַכט האַרץ, פאַרזיכטיק, נישט צו קלעמען דאָס ווײַב, צוגעוואָרפן זײַנע פּאָר ווערטער:

— ס'איז גוט וואָס דער יונגער דור פאַרמעסט זיך אויסצובעסערן דאָס, וואָס דער עלטערער דור האָט שלעכט געמאַכט. אַזוי דאַרף זײַן. איך ווייס נישט צי איך וועל דערלעבן צו דעם, וואָס איר וועט נאָך דאָ אויפטאָן.

טאָלעק האָט זיך פלוצלינג אָפּגערופן, ווי ס'וואָלט אין אים מיט איין מאָל אויסגעבראָכן דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט דערשטיקט אין זיך:

— דאָ, דאָ וועלן מיר אויסבעסערן?! מיר האָבן דאָ געבונדענע הענט, מיר מער ווי אַנדערע. מיר זענען מענטשן פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע. פון אַ נידעריקערער! ייִדן... מען גיט דאָס אונדז כסדר צו פילן. דער איינציקער אויסוועג...

יורי האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז טאָלעק איז פאַרשטומט געוואָרן. קלאָד האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער. ער האָט זיך מסתמא אָנגעשיכּורט, זאָל ער זיך אויסניכטערן, וועט אָוועק די פּאַרפּאָל־

גונגס־מאַניע. מאַרעק האָט אויסגעמוסרט די זין און געוואָנדן זיך צום ווײַב:

— נו, נו, דײַנע אַקציעס וואַקסן. מען האַלט דיך אונטער אויף פאַרשידענע אופנים.

און צו טאָלעקן:

— זעסט, מיר זענען אַ משפּחה פון פיר מענטשן און יעדערער איז אַ פּאַרטיי פאַר זיך. איצט האָט זיך אַנעטס פּאַרטיי פאַרשטאַרקט. דו געהערסט צו דער משפּחה.

מ׳האָט זיך צווישן אײגענע איבערגעגעבן פון מויל צו מויל: ווייסט, ווערבע איז געקומען. ווערבע? וועלכער? נו, ווייסט, בזשאָזע. בזשאָזע? מײנסט אפשר סקאָווראָנעקן? אפשר האָט ער אויך געהייסן סקאָווראָנעק. ער האָט דאָך אויך געהייסן וואָראָבייטשיק.

ס׳איז נישט לײַכט געווען אַפילו פאַר אַלטע חברים צו געדענקען אַלע נעמען, וואָס חיים וואָלד האָט זיך געגעבן אין פאַרשידענע ערטער און אין פאַרשידענע צײַטן. יתרות נעמען זענען אַנטקעגן זיי געווען אַ גאָרנישט שבגאָרנישט. איין נס געווען וואָס חיים וואָלד האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו ביימער און צו פייגל. פלעגט ער זײַנע נעמען אויסבאָרגן בײַ זיי. ס׳איז שטענדיק געווען אָדער אַ נאָמען פון אַ פויגל אָדער פון אַ בוים. די שרײַבערין לאה ראָטשטיין האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער, וואָלד, וויל זײַן אַ וואָלד פול מיט ביימער און פייגל, נאָר דעם וואָלד זאָל קיינער נישט זען.

מ׳האָט וואָלדן טאַקע וועלטן ווען געזען. מ׳האָט געוווסט, אַז ער איז ערגעץ דאָ. אָבער ווו? בלויז איינצעלנע האָבן דאָס געוווסט. ער איז געווען אַ רואה ואינו נראה. שפּעטער איז ער דאָס אויך נישט געווען. די שפּורן זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

פּלוצלינג, סוף פופציקער יאָרן איז געקומען אַ ידיעה, אַז חיים וואָלד איז אין מאָסקווע. דערנאָך איז אים צוגעקומען אַ נײַער נאָמען: „דער לעצטער״. ער איז דער לעצטער געקומען פון דער „ווײַסער סאַנאַטאָריע״. מ׳האָט אים אַהין געשיקט אויף קוראַציע אויף פופצן יאָר, נאָכדעם ווי ער איז פינף יאָר אָפּגעזעסן אין דער מאָסקווער לוביאַנקע.

פון פוילן איז ער געהאַט אַוועק אַ פערצן יאָריקער בחור, אויסגעווען אַ וועלט. זײַן ווויך־אָרט איז אָבער געוואָרן דאָס „ערשטע סאָציאַליסטישע

לאַנד״, פון וואַנען ער האָט געוואַנדערט היין און צוריק, ביז ער האָט פאַר־וואַנדערט אויפן ווײַטן סיביר.

אַנעט, וואָס האָט געהערט צו דער ייִנגערער גענעראַציע, האָט אים ווייניק געקענט, בלויז איין מאָל אים געזען אין זייער קליינער פּאַריזער וווינונג, ווען ער האָט אָפּגעשטאַט מאַרעקן אַ וויזיט.

— דערקענסט מיך? ניין?

— יאָ, פאַרוואָס זאָל איך דיך נישט דערקענען? כ׳האָב אַ גוטן זכרון.

זי האָט נישט געזאָגט דעם אמת. זי האָט אים נישט דערקענט. דער אַמאָליקער יונגער, שלאַנקער מאַן מיט פעסטע פּלייצעס און אַ געדיכטן קאָפּ העל־שאַטינענע האָר האָט נישט געהאַט קיין ייִדישע שטריכן. דער צוריקגעקומענער איז אַן אַלטער ייִד. די רעשטלעך שיטערע האָר בײַביידע זײַטן שלייפן ווײַס, דאָס פּנים פון אַש־קאָליר, דער אַמאָליקער שלאַנקער קערפּער צעגאָסן. ער איז קלענער און ברייטער געוואָרן. דער גאַנג אַ וואַקלדיקער.

דעם חברישן צוזאַמענטרעף האָט זיך אונטערגענומען אײַנצואָרדע־נען מנשה גליקסמאַן. נישט ער זאָל האָבן געוועזן מיט אים אַמאָל אַזוי נאָענט, נאָר סתם אַזוי. פּרעסטיזש. גליקסמאַן שווימט ווי אַ פיש אין וואַ־סער. קיין שום שטורעם קאָן נישט אײַנברעכן זײַן בטחון. אין שווערע צײַטן האָט ער אַ טבע צו זאָגן, אַז קיין צעריסענעם געמיט קאָן מען נישט היילן. בײַ אים איז דאָס געמיט שטענדיק גאַנץ. דאָס ווײַב זײַנס שײַנט. נישט זי זאָל זיך נישט האָבן קיינמאָל איבערגענומען מיט שלעכטע גע־שעענישן און אומהיימלעכע נײַעסן, נאָר זי איז פּונקט ווי דער מאַן אי־רער אָנגעשטאָפּט מיט אָפּטימיזם. ער, מנשה, ווייסט ווי אַזוי אַלץ צו פאַר־טײַטשן און זי, מינדל, חזרט איבער מיט אַ זיפץ דעם מאַנס ווערטער: אַז מען האַקט האָלץ, מוזן פאַלן שפּענער.

געהייסן האָט עס אַן אויפנאַמע פאַר אַ חבר, וואָס האָט זיך אומגע־קערט... ווער ווייסט געניי פון וואַנען. דער ציל איז אָבער געוועזן צו באַ־טראַכטן צוזאַמען ווי אַזוי וואָלדן צו העלפן צוריק אַרײַנגיין אין לעבע־דיקן לעבן. ס׳קומט אים פאַר זײַנע אויפטוען און אָפּקומענישן. ווער טויג זיך צו דעם בעסער אויס ווי גליקסמאַן? צוצוגעבן אַנזען דעם צוזאַמענקום האָט מען אײַנגעלאַדן די שרײַבערין לאה ראָטשטיין. זי גייט אָפילו אָן פּאַר

אַ קלאָגערקע, פאַר אַ שטיקל בונטאַר, אָבער האַלט די בונטאַרישקייט בײַ זיך, איז נישט געוואָרן היסטעריש ווי אַנדערע.

טאַדעק סלאַווסקי איז אײַנגעלאַדן מיט דער גאַנצער משפּחה. זײַן פרוי אַ ייִנגערע מיט 15 יאָר פון אים, זײַן געוועזענע סעקרעטאַרשע, האָט וואַלדן גוט געקענט פון די צײַטן, ווען ער פלעגט אַרײַנקומען צו איר מאַ־מען, דער אַלטער רעוואָלוציאָנערין. די שײנע טערעסע האָט שוין אין על־טער פון 12־13 יאָר געוווּסט וואָס אַזאַ אַרײַנקומען באַדײַט. איר טאַטע האָט אויסגעהויכט די נשמה אין אַ תּפיסה־שפּיטאָל, נאָכדעם ווי מ׳האָט אים אין דער פּוילישער דעפענסיווע אונטערגעהאַקט די לונגען. מ׳האָט דער־ציילט: ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי קאָנען פון אים אָפּשינדן די הויט און ער וועט נישט ענטפערן אויף קיין פראַגן. ער האָט געהאַלטן וואָרט, און זיי, די אויספאָרשער האָבן גע־טאָן זייערס. זײַן רעוואָלוציאָנערע ירושה האָט איבערגענומען זײַן ווײַב מאַרילע. ס׳זענען איר נאָכן מאַן געבליבן צוויי זאַכן: די טאָכטער און צו־גרייטן די רעוואָלוציע. איין איינציק מאָל האָט זי זיך קעגנגעשטעלט עמעצן פון דער העכערער פּאַרטײַישער היעראַרכיע: ווען טאַדעק האָט איר אָנ־געזאָגט די בשורה, אַז ער בעמט זיך פאַר אַ ווײַב איר 18־יאָריקע טאָכ־טער. „דאָס נישט״! — האָט זי אויסגעשריִען. „איר ווילט חתונה האָבן, האָט זשע חתונה, נאָר נעם זי נישט אַוועק פון מיר״. זי האָט געמאַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי זיי וועלן וווינען אַלע דרײַ צוזאַמען, דער טאָכטער וועט אויך לײַכטער זײַן צו שטודירן. ס׳זענען אָבער דעמאָלט געווען שווערע צײַטן. טאַדעק איז ווי די מאַמע און טאָכטער געקומען מיט דער ערשטער פּויל־שער אַרמיי. ער איז געוואָרן אַ פּאַרטייִשער טוער. זײַן יונגע סעקרעטאַרשע האָט בײַ זײַן זײַט, ווי ער, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט. האָט מאַרילע זיך איבערגעלייגט, כאָטש זי האָט טאַדעקן נישט געהאַלטן פאַר קיין זיווג פאַר טערעסען, און אײַנגעגאַנגען אי אויפן שידוך, אי אויפן אַוועקנעמען די טאָכטער פון איר. אויב ס׳קאָן ברענגען נוצן דער פּאַרטיי, וועט איר איינציק קינד, איר אויג אין קאָפּ, נישט שטודירן, ווי זי האָט געטרוימט. דאָס צעשיידן זיך מיט דער טאָכטער איז געווען אַ נײַער קרבן פאַר דער רעוואָלוציע.

צום צוזאַמענטרעף זענען זיי געקומען אַלע דרײַ. אַנעט איז דאָ גע־

ווען ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. מאַרעק האָט זיך געשראָקן, ער קען זײַן אַנעטן. זי וועט דעם גאַסט אָנהייבן צו שטעלן פראַגן. אָבער נישט מאַרעק און נישט גליקסמאַן האָבן פאַרויסגעזען, אַז דער גאַסט וועט נישט וואַרטן מ׳זאָל אים שטעלן פראַגן.

חיים וואַלד האָט הערמאַנט אַ ווערטל: אַז מען לעבט טאָר מען נישט רעדן, אַז מען שטאַרבט קאָן מען נישט רעדן. אַזוי ווי ער איז לעבן געבליבן, נעמט ער אַראָפּ פון זיך דעם היתר, זאָלן זײַנע נאָענטסטע חברים וויסן וואָס ער האָט געפילט אויף זײַן אייגענער הויט. אַז מאַרעק האָט פאַרזוכט פון זעלבן געקעכץ האָט ער נאָך נישט באַוויזן זיך צו דערוויסן.

מארעק האָט אָבער מיט קיין יידן נישט געהאַט צו טאָן. חיימס מיט־אַרבעטער זענען אומעטום ס׳רוב געווען יידן. האָט ער זיך דאָרט דער־ווּסט, אַז די־אָ אַלע יידן מיט אים וואַלדן בראָש האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר רעוואָלוציאָנערן, כדי צו העלפן כלערליי אימפּעריאַליזמען אומברענגען דאָס ערשטע לאַנד פון סאָציאַליזם. גליקסמאַן האָט אים לאַנג נישט געלאָזט דערציילן און פאַרגעלייגט מ׳זאָל זײַן פּראַקטיש, צוגיין צו דער זאַך גופא. מ׳דאַרף זען ווי אַזוי אײַנצואָרדענען דעם נײַ־געקומענעם.

לאה האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט וואָס גליקסמאַן איז אויסן און אַ פרעג געטאָן וואַלדן:

— זאָגט מיר, איר זענט עלטער פון אונדז אַלע, איר האָט די גרעסטע דערפאַרונג, ווי פּאַרט זיך דאָס אַלץ מיט סאָציאַליזם? אַ סברה, אַז דער סאָציאַליזם איז גאָר קיין סאָציאַליזם נישט.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער מאַרילע האָט בייז אַ קוק גע־טאָן אויף איר. וואַלד האָט געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים, געכאַפּט זיך, אַז די געזעלשאַפט איז נישט קיין צוזאַמענגעשפּילטע און געענטפערט:

— יאָ, ס׳איז יאָ סאָציאַליזם, נאָר צום אומגליק מיט אַ גאַרב, ס׳איז אָנגעוואַקסן אויף אים אַ שטיקל גאַרב.

— וואָס איז גרעסער, דער סאָציאַליזם צי דער גאַרב?

חיים וואַלד האָט גוטמוטיק געלאַכט, אַנעט האָט געענטפערט אויף לאהס פראַגע:

— זעט אויס, אַז דער גאַרב איז שוין אַזוי גרויס, אַז אָן אַ שנעלער אָפּעראַציע וועט ער צעקוועטשן דעם סאָציאַליזם.

די קליינוווקסיקע, צאַרטע מאַרילע האָט אויסגעבראָכן ווי אַ ווולקאַן, דאָס מאַטע, אויסגעצויגענע פּנים האָט זיך אָנגעצונדן רויט־פּלאַמיק:

— דער סאָציאַליזם איז פֿאַר דיר אַ גאַרב? אַ קרענק? דו ווילסט אים אפשר היילן? דו, מיט דײַנע רעוויזיאָניסטישע רפואות? נישט קיין גאַרב דראָט אים, נאָר אַזעלכע ווי דו, וואָס ווילן דורכפירן איבער אים וויוויסעקציעס. ער האָט אײַך גאָרנישט געקאָסט דער סאָציאַליזם. איך האָב טײַער באַצאָלט פֿאַר אים. דורות מאַרטירער האָבן געצאָלט פֿאַר אים! דו וואָלסט אים איצט לעבעדיקערהייט געשניטן מיט אַ מעסער.

פֿאַרהאַלטן די לאַווע רייד האָט לאה ראָטשטיין. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט אַ תּירוץ און אָנגעהויבן זיך געזעגענען.

— וואָס אַנטלויפסטו? זי מיינט דאָך נישט דיך נאָר מיך. איך קאָן אויסהאַלטן, כ'האָב אויסגעהאַלטן ערגערס, האָט איר אַנעט פֿאַרזיכערט.

לאה איז אַוועק. מאַרעק האָט ווײַטער געשוויגן, נאָר זײַנע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן. מינדל האָט אָנגעהויבן אונטערדרוקן יעדן כּיבוד. טאַדעק סלאַווסקי איז געזעסן ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. בײַ אים קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן וואָס ער טראַכט. ער זאָגט קיינמאָל נישט וואָס מ'דאַרף נישט זאָגן. האָט ליבערשט צו פֿרעגן ווי צו דערציילן. אָבער בײַ אַזעלכע געלעגנהײַטן פֿרעגט ער אויך נישט. גליקסמאַן מעשה גאַסט־געבער האָט געוואָלט אויסדרייען דעם דישעל. פֿונדעסטוועגן האָט ער מאַרילען אונטערגעהאַלטן מיט עטלעכע ווערטער:

— אַנעט האָט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט־רעאַקציע. נאָר וואָס טויגן איצט די אַלע מעשׂיות? מיר זענען זיך צונויפֿגעקומען צו פֿרייען זיך מיטן גאַסט. ער ווייסט יאָ, אַז מען האַקט האָלץ פֿאַלן שפּענער.

ער האָט אָנגעגאָסן גלעזלעך קאָניאַק. מינדל איז צו יעדערן באַזונדער צוגעשטאַנען צו פֿאַרזוכן פֿון אַלע אירע מאכלים. וואַלד האָט אָנגעהויבן צו לויבן מינדלס קוכנס, גליקסמאַן איז צוגעטראָטן צו דער זאַך:

— זאָג אונדז בעסער, חיים, וואָס וואָלסטו געוואָלט טאָן? ס'פֿעלט נישט אין וואָס זיך אײַנצושפּאַנען, אָבער קאָנסט ברענגען מער נוצן בײַ אונדז; אויב ווילסטו, וועל איך איבעררעדן. ייִדן טאַקע ווייניק אין לאַנד, אָבער דאָס, וואָס מען טוט, וועגט מערער ווי אַלע אויפֿטוען אין די גרוי־

סע יידישע ישובים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער איכות פאַר־טרעט ביי אונדז דעם כמות.

וואַלד האָט געטראַכט. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט.

— איך ווייס נאָך גאָרנישט, מ׳דאַרף זיך נאָך אַ ביסל אַרומקוקן. כ׳האָב שוין עטלעכע צוזאָגן, כ׳וויל אָפּוואַרטן.

גליקסמאַן איז געווען אַנטוישט. ער פאַלט אָבער קיינמאָל נישט אַראָפּ ביי זיך.

— פאַראַן צוויי זאַכן — אי ס׳וועט דיר לייכטער זיין אַריינצוגיין, אי וועסט ברענגען גרעסערע נוצן.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳וואָלט שוין נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט יידישע צרות. כ׳וואָלט אויך ניט געוואָלט לעבן פון יידישע צרות.

— ס׳זעט אויס, אַז אַלץ איז פאַר דיר דערליידיקט. מסתמא ביסטו דאָרט נויטיקער.. אַז דערליידיקט איז דערליידיקט.

— כמעט. מיר זענען זיך איצט צונויפגעקומען בלויז ווי אַלטע חברים.

— כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט דיר נישט לאָזן לאַנג וואַרטן. וועסט האָבן ערגעץ אַנדערש ביי וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען. פאַרוואָס זאָלסטו זיך פאַרשטופּן אין אַ ווינקל? ס׳איז נישט פאַר דיר!

מאַרילע האָט דאָס געזאָגט מיט זיכערקייט און טריומף.

***

אַנעט האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אין יענעם צוזאַמענטרעף. ס׳זע־נען אָפּגעלאָפן חדשים. זי האָט שוין באַוויזן צו זיין אויף אַ טוריסטישער רייזע אין אויסלאַנד, געוואָלט זיך אַרומקוקן, אפשר, טאָמער. אויפן צווייטן טאָג נאָך איר צוריקקומען האָט זי באַגעגנט וואַלדן.

— ווו אַרבעטסטו?

— אין דער זעלבער פירמע ווו גליקסמאַן.

— האָסט דאָך נישט געוואָלט זיך פאַרשטופּן אין קיין ווינקל. ס׳איז דען נישט אמת, אַז ס׳שרומפּט זיך אַלע מאָל מער איין?

ער האָט אומעטיק געשמייכלט:

— יאָ, ס׳איז אמת, אָבער דער איכות פאַרטרעט דעם כמות...

קאַפּיטל 7

דאָקטאָר ביבער איז געזעסן אין פאָטעל אַנטקעגן אַנעטן, צוגעהערט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט זיך פון אָנהייב נישט געכאַפּט וואָס דאָס צושאָקלען באַדײַט. באַוווּנדערט ער דעם אײַנפאַל? אפשר וווּנדערט אים גאָר איר נאַיִווקייט?

געקומען איז זי צוליב סילוויען. יענע האָט זיך ווידער אַרײַנגענומען אין קאָפּ מ׳זאָל זיך אַרומזען וועגן צוריק אויפשטעלן די ייִדישע קאַטעדרע, וויַניקסטנס אַ קורס פאַר ייִדישער געשיכטע, אפשר דעם פאַרמלחמהדיקן ייִדישן לעקטאָראַט אויף קראָקעווער אוניווערסיטעט. דאָס מאָל האָט איר אונטערגעהיצט אַ ייִדישער היסטאָריקער און פילאָלאָג פון לענינגראַד. ער האָט געהאַט דאָס מזל צו זײַן אַ ווילנער, געקומען מיט דער לעצטער רעפּאַטריאַציע און אָנגעהויבן פרײַ עטעמען. סילוויע האָט געכאַפּט צו אַנעטן אַ בריוו נאָך אַ בריוו. די צײַטן האָבן זיך פאָרט געענדערט. פאַרוואָס זאָל נישט צולייגן דערצו אַ האַנט אַזאַ היסטאָריקער, ווי דאָקטאָר ביבער? זאָל זי אויסנוצן איר באַקאַנטשאַפט מיט אים. זאָל זי אַ טאָפּ טאָן דעם דופק.

אַנעט האָט אָנגעקלונגען יוצא צו זײַן. זי דאַרף ענטפערן סילוויען. דאָקטאָר ביבער האָט זי פאַרבעטן. דער קליינער קאַבינעט, אַן אַרומגעשטעלטער בײַ די ווענט מיט פאָליצעס אָנגעפּראָפּטע מיט ביכער, זעט אויס צו קליין פאַר דער הויכער געשטאַלט. אַנעט פילט אָבער דאָ אַ וואַרעמע היימישקייט. זי האָט אָנגעהויבן ברייט, באַלד זיך פאַרקירצט, נישט דערזאָגט און גיך פאַרענדיקט מיט עטלעכע בלאַסע ווערטער.

— איך הער אײַך ווײַטער, איר האָט נאָך מסתמא אַ סך צו דערציילן.

— צי פאַרנעם איך אײַך נישט, הער פּראָפעסאָר, אומזיסט די צײַט?

— חס וחלילה. פאַר מיר איז דאָס נישט קיין פאַרלוירענע צײַט, אַפילו, ווען ס׳וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען.

— איר מיינט ס׳וועט גאָרנישט אַרויסקומען?

— מסתמא נישט. איך זאָג מסתמא, ווײַל איך האָב נישט ליב דאָס וואָרט „זיכער". אײַער פרײַנדין און דער ווילנער יידישער היסטאָריקער זענען נישט די איינציקע און נישט די ערשטע צו האָבן אַזאַ גוטן איינפאַל.

— איך שטעל מיר פאָר.

— נישט אין ווענדונג, נישט אין אינטערווענץ איז געמאַכט געוואָרן. איר אַרבעט מיט, מיט פּראָפעסאָר וויסליץ, ער ווייסט עפּעס דערוועגן. אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז אויך נישט לײַכט אָנגעקומען, מ׳האָט אָבער אויסגעפּועלט אויפצושטעלן אַ קאַטעדרע פאַר יידישער געשיכטע, אין סאָציאַליסטישן פּוילן — נישט.

— וואָס זאָגן דערויף אײַערע קאָלעגן אויפן אוניווערסיטעט?

— זיי זאָגן גאָרנישט. נישט זיי גייט אין לעבן, נישט זיי האָבן עפּעס צו זאָגן. ס׳איז אָפּהענגיק, איר ווייסט פון וועמען. מ׳האָט זיך געוואָנדן וווּ מען דאַרף. געווען אַ פּראָיעקט אויסצובררייטערן די קאַטעדרע אויף יידישע ליטעראַטור. געווען אַנדערע גוטע פאָרשלאָגן. אַלץ האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט.

— מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳זענען פאַראַן סטודענטן, וואָס מאַכן זייער דיפּלאָם־אַרבעט אויף טעמעס פון יידישער געשיכטע.

— זאָל מען נישט איבערטרײַבן. געווען עטלעכע, וואָס קומט אַרויס דערפון? ס׳וואָלט געווען מערער. ס׳גייט נישט אין קיין איינצעלנער זאַך, ס׳איז אַ גאַנצער קאָמפּלעקס.

— צי אויך צוליב דעם קאָן מען נישט געפינען אין קיין בוכהאַנדלונג קיין בוך וועגן יידישער געשיכטע? כ׳בין געגאַנגען פון איין בוכהאַנדלונג אין דער אַנדערער. נישט בנמצא, נישט קיין אַמאָליק בוך וועגן יידן אין פּוילן און נישט פון קיין נײַעם מחבר. צי ווײַל ס׳איז נישט קיין צוציענדיקע טעמע, אָדער ווײַל...?

— דערלויבט, דערלויבט, איר מישט דאָ אויס עטלעכע זאַכן צוזאַמען. פאַר אַ פּוילישן היסטאָריקער איז געשיכטע פון יידן אין פּוילן

קיינמאָל נישט געווען קיין צוציִענדיקע טעמע. ווען ער האָט באַהאַנדלט אַן עפּאָכע און נישט געקאָנט אויסמײַדן דעם ייִד צווישן דער באַפעלקע־רונג, האָט ער גיכער געוויזן דאָס נעגאַטיווע, אין בעסטן פאַל האָט מען אָפּגעפּטרט מיט פאַרעווע שורות אָדער בלעטלעך. נישטאָ, אָדער פאַראַן זייער ווייניק בײַ פּוילישע היסטאָריקער וועגן גרויסן בײַטראָג פון ייִדן צו פּוילן. ס׳זענען פאַרשוויגן געוואָרן די גרויסע אויפטועו פון ייִדן בײַם אַנטוויקלען מלאכה, אינדוסטריע, בײַם בויען וועגן, דאָס באַן־וועזן, בײַם שטויסן פאָרויס דאָס דרוק־וועזן, די פילם־אינדוסטריע און דער עיקר בײַם אַנטוויקלען די פּוילישע קולטור. ס׳איז אָבער געווען אַ וואָגיקע פּלעיאַדע ייִדישע היסטאָריקער, וואָס האָבן געשריבן אין פּויליש פּונקט ווי אין ייִדיש. זייערע ביכער זענען אויסגעשעפּט, אָדער ווייס איך וואָס ס׳איז מיט זיי געשען, יעדנפאַלס מ׳האָט קיין איינס נישט באַנײַט. הײַנט, אַ ייִדיש־פּוילישער היסטאָריקער, אויב ער האָט אַמאָל אַפילו יאָ צוגע־נויגט דאָס אויער צו ייִדישער געשיכטע, קערט זיך אָפּ פון דעם. איר גע־דענקט וואָס ס׳האָט אײַך געהאַט געזאָגט דאָקטאָר פּײַנשטיין? ער קען נישט שווימען קעגן שטראָם. וואָס האָט ער נאָך געזאָגט? איז וואָס, אַז די כוואַ־ליעס פליסן אַ ביסל סטאַטעטשנער? פון וואַנען די זיכערקייט, אַז אַ נײַע סטיכיע וועט נישט אַ ריס טאָן? ער האָט געטראָפן.

— ער האָט געטראָפן אָבער גערעכט איז ער נישט. איר פּרוווט דאָך יאָ שווימען קעגן שטראָם. פאַראַן אויך אַנדערע, וואָס גיבן זיך נישט אונטער.

— פאַראַן, פאַראַן, איך קען די צוויי־דרײַ, וועלכע איר האָט אין זינען. ווי אַזוי זיי שווימען, צי קעגן, צי מיטן שטראָם, ווייס איך נישט. דאָס דערווויסן מיר זיך, ווען עס גייט עפּעס אַרויס פון דרוק. איך וויל אײַך אָבער דערציילן ווי אַזוי איך פּרווו שווימען קעגן שטראָם. כ׳האָב לאַנגע יאָרן געגרייט זיך אָנצושרײַבן אַ גרינטלעך ווערק וועגן דעם וואָס ייִדן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין דער פּוילישער קולטור, אין אַלע אירע צווײַגן. געאַרבעט, געאַרבעט, נישט גערעכנט זיך מיט די צענדזאָרן. איר ווייסט, ס׳זענען פאַראַן צוויי מינים צענזאָרן, די דרויסנדיקע, און די אי־נערלעכע. אין יעדן מחבר זיצט אַן אייגענער צענזאָר, וואָס דערמאָנט אים כסדר, אַז דאָס און יענץ טאָר מען נישט. מײַן אינערלעכן צענזאָר האָב איך

פֿאַריאָגט, איך בין זיך מודה, ער האָט געפּרוווט זיך באַזעצן אין מיר, נאָר איך בין אַ צו שטרענגער באַלעבאָס איבער זיך. הכלל, איידער כ'האָב נאָך פֿאַרענדיקט די אַרבעט, האָב איך צוגעשטעלט אַן אויספֿירלעכע סכעמע, איז מאָלט אײַך אויס, אַז כ'האָב געהאַט אַזוי צו זינגען און צו זאָגן דערמיט ביז כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די הענט. כ'האָב אָבער נישט רעזיגנירט, אָדער ווי איר זאָגט, זיך נישט אונטערגעגעבן, געוואַרט און דערוואַרט זיך אויף בעסערע צײַטן. איידער וואָס־ווען האָט מען ווידער געדאַרפֿט צושנײַדן לויט אַ מאָס. דאָס קען איך נישט און דאָס וויל איך נישט. פֿאַרשטייט זיך, דאָס צושנײַדן לויט אַ מאָס איז נישט שײַך בלויז צו ייִדישע ענינים. אָבער פֿאַר אונדז איז די מאָס גאָר, גאָר אַ שמאָלע. צי ווייסט איר, אַז אַן אומשולדיק בוך וועגן ייִדישע פֿרײַוויליקע אין שפּאַנישן בירגער־קריג, האָט געדאַרפֿט האָבן אַ מליץ־יושר ס'זאָל דורכגיין? אין ייִדיש, נישט אין פּויליש. ווי אַזוי ס'זעט אויס, ווען ס'האַנדלט זיך אין ייִדישע פֿרײַהייטס־קעמפֿער אין פּוילן, ווייסט איר גוט.

ער האָט אויסגעצויגן צו איר אַ שעכטל מיט צוקערלעך, זאָל זי זיך פֿאַרזיסן זײַנע ביטערע רייד.

— געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן איז אַ צו גרויסער ביסן ער זאָל קאָנען דורכגיין דורך אַ שמאָלינק העלדזעלע. איר וועט זיך אפֿשר דערוואַרטן אויף אַ צײַט, ווען מען וועט נישט מוזן זיך דורכשטופּן דורך אַ שפּאַרונע. איך מסתמא שוין נישט. פּוילן איז אַ ברייט פֿעלד פֿאַר פֿאָרשן ייִדישע געשיכטע. דער ייִדישער היסטאָריקער אין פּוילן האָט מיט מסירת נפֿש געאַקערט דאָס פֿעלד. ס'זענען נאָך פֿאַרבליבן נישט ווייניק נישט צעאַקערטע שטחים. און ווייסט איר וואָס ס'איז געווען אַ ייִדישער היסטאָריקער אין פּוילן? אַ שליח צבור. ער האָט גענומען אויף זיך אַ שליחות. ער האָט פֿון די סאַמע פֿאַרנעפּלטסטע, פֿינצטערסטע צײַטן אַרויסגעצויגן אַ ליכט צו באַלויכטן אַ וועג פֿאַרן פֿאָלק. ער האָט געשטעקט מיטן קאָפּ אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און געוואָנדן זײַנע בליקן צו דער קעגנוואַרט, צו דער צוקונפֿט. ער איז געווען אויסגעבונדן מיטן הײַנט, ווען ער האָט זיך געגריבלט אינעם נעכטן און דערמיט צוגעשטעלט באַווײַזן און פֿאַקטן, אַז ייִדן אין פּוילן האָבן גלײַכע היסטאָרישע רעכט צו אַלע רײַכטימער פֿון לאַנד, ווײַל זיי האָבן מיט שווייס פֿון לײַב און מי פֿון מוח

געהאָלפן שאַפן אַלע זײַנע גיטער. אַרויסלייגן דאָס שוואַרץ אויף ווײַס הײַנט אין פּוילן? אונטערטראָגן דאָס דעם פּוילישן לייענער? איר שטעלט אײַך דאָס פאָר?

ער האָט ווידער אויסגעצויגן צו איר דאָס שעכטל מיט צוקערלעך און דערבײַ פּילזאָגעוודיק געשמייכלט. ס׳איז געווען אַן אָנזאָג אויף אַ נײַער נישט פריילעכער מעשה.

— ס׳איז אַ פאַרפּלאָנטערטער, גראָבער קנופּ. מיר וועלן נישט פּרווון איצט זוכן פון וואַנען עס שטאַמען און עס ציען זיך די פעדים. כ׳וויל אײַך דערציילן נאָך אַ מעשה: כ׳האָב פאַר דער מלחמה פאַרטראַכט אַן אַרבעט וועגן כמיעלניצקיס שחיטות, געהאַט אַ סך אָריגינעלע מקורות. גלײַכצײַטיק געאַרבעט איבער דער געשיכטע פון עלילת־דם אין פּוילן. אנו, פּרוווט הײַנט דערמאָנען כמיעלניצקיס שחיטות. ס׳האָט מיר דער־ציילט אַ שרײַבער, אַז מ׳האָט בײַ אים פון אַ דערציילונג אַרויסגענומען, נו זאָל איך נישט איבערטרײַבן, מ׳האָט אים פאַרגעלייגט אַרויסצונעמען אַ גאַנץ זײַטל. דאָס איז געווען אַ שילדערונג פון אַן אוקראַיִניש שטעטל, כמיעלניצקי איז דאָרט דערמאָנט געוואָרן; און נישט צו שאַרף. פאַרוואָס זאָל איך פּריווילעגירט זײַן מיט מײַן אַרבעט? און זײַט אַ בריה דורכשטופּן אין אַ היסטאָריש ווערק פּרטים וועגן עלילת־דם אין פּוילן, און איר ווילט מ׳זאָל אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט צוריק אויפשטעלן די קאַטעדרע פאַר יִדישער געשיכטע.

פאַר אַנעטן איז דאָס אַלץ קיין נײַעס נישט געווען, כאָטש זי האָט די פּרטים נישט געקענט. צוגעהערט האָט זי זיך אָבער מיט אַ פאַר־האַקטן אָטעם. ס׳האָט געדריקט, געדריקט. דאָקטאָר ביבער האָט געקוקט אויף איר און געמוסרט זי:

— ווען איר וואָלט נישט געוווסט, וואָלט מען אײַך אַזעלכע זאַכן נישט געדאַרפט דערציילן. איר זענט אַ צו דעליקאַטע פלאַנץ, פאַרטראָגט נישט דעם קאַלטן קלימאַט, אַקלימאַטיזירט זיך נישט.

— צי דאַרף מען זיך אַקלימאַטיזירן?

— איר שטעלט אַ רעטאָרישע פראַגע, איר האָט שוין פון לאַנג גע־פונען דעם ענטפער.

זי האָט שוין געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, ווי ער האָט זיך דערמאָנט:

— באַזאָרגט מיר אײַער מאַנוסקריפּט, כ׳וועל אים גערן לייענען. מיר געפעלט וואָס איר אַרבעט דערווײַל פאַרן „שופלאַד“. ס׳וועט קומען אַ צײַט הערויף. איר זענט נאָך יונג.

אַנעט איז צוריקגעקומען און געזעצט זיך צום אַרבעטס־טיש. זי דאַרף ראשית כל אָפּזוכן דעם מאַנוסקריפּט וועגן דער אָקופּאַציע־צײַט. זי פאַרגעסט. וועט ער ליגן אויבן אָן, וועט זי דערליידיקן. זי דאַרף זיך אויך באַלד נעמען צו דער אַרבעט, איז שטאַרק פאַרשפּעטיקט.

זי האָט געעפנט די שופלאָדן. אין קאָפּ ווירבלט אָבער. די הענט לייגן זיך נישט צו דער אַרבעט. ס׳דוכט זיך איר, אַז מענטשן גייען נאָך אַלץ אַרום אין אַ פינצטערניש מיט אויסגעצויגענע הענט נישט צו צעקלאַפּן דעם קאָפּ. אַז מען איז אַזוי אומגעשיקט, ווי זי, העלפן אויך נישט קיין אויסגעצויגענע הענט. זי צעקלאַפּט שטענדיק דעם קאָפּ. ווי לאַנג דויערט עס שוין? ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן. די יאָרן שלעפּן זיך און לויפן. זי איז יונג, האָט ער געזאָגט...

אויפן גרויסן ביוראָ־טיש איז געשטאַנען אַ קליין טואַלעטן־שפּיגעלע. זי האָט דערזען אַ פּנים. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ס׳איז נישט אירס. זי האָט גענומען דאָס שפּיגעלע און זיך אײַנגעקוקט. צום ערשטן מאָל אַזוי אויפמערקזאַם באַטראַכט איר געזיכט. זי האָט דערזען די ענדערונגען. אויפן שטערן צייכענען זיך אָן לענגלעכע ליניעס. אונטער די אויגן אַן אָנזאַג פון קנייטשן. די מויל־ווינקלען הייבן אָן זיך אײַנשנײַדן. דער אַבריקאָזן־קאָליר פון די באַקן ווערט אָפּגעבליאַקעוועט. דער האַלדז ווערט לויזער, ער פאַרלירט די עלאַסטישע מוסקולאַטור. „אַ פרוי הייבט אָן זיך עלטערן פון האַלדז“. דאָס האָט איר געזאָגט די דערמאַטאָלאָגין סטעלע. זי האָט זיך אומגעקערט פון דער ווײַסער סאַנאַטאָריע מיט אַ גזידער, וואָס הענגט אַראָפּ, ווי אַ ליידיק זעקעלע. „די צעשרויפטע נערוון אײַלן צוממיינסטן צו די עלטער“. אויך דאָס האָט איר סטעלע געזאָגט. איצט האָט זי צוריק צוגעשרויפט אירע נערוון און איז צופרידן.

סטעלע האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין אויסוועג און האָט אפשר איצט אויך נישט. אָבער זי? צי האָט זי דען אַליין נישט...? צי מוז אַ מענטש זיך אונטערגעבן דעם בלינדן גורל? צי איז פאַראַן אַזאַ פאַטאַליזם, וואָס דרייט אַריין דעם מענטש אין די צייגער פון אַ טײַוואַלאָנישער

מאַכינע? פון בלינדע צופאַלן? זי האָט אַמאָל געגלויבט, געווען זיכער, אַז דער מענטש דאַרף נעמען זײַן גורל אין די אייגענע הענט. איצט ספקט זי צי אַ יחיד קאָן אַליין זיך קעגנשטעלן. צי מוז ער זיך אָבער אונטערוואַרפן? ווי אַזוי לעבן?

אַנעט האָט פאַרגעסן, אַז זי קוקט אין שפּיגעלע. די געדאַנקען האָבן זיך אַלע מאָל מער געפּלאָנטערט אין מוח און פאַרטראָגן זי ערגעץ אויסער אָרט און צײַט. אַ שטאַרקער קלאַפּ אין פענצטער און אַ קאַלטער בלאָז אין פּנים האָבן זי געבראַכט צו זיך. אין דרויסן האָט זיך געקליבן אויף אַ שטורעם. אויף דעם פרילינגדיקן הימל האָבן זיך געדרייט גרויע, משונה־דיקע וואָלקן־מאָנסטערס. אַ ווינט איז אָנגעלאָפן פון צפון־זײַט, צעפּראַלט דאָס פענצטער און אַרײַנגעפאַלן אין צימער. אַנעט האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, צוגעמאַכט דאָס פענצטער און צוריק זיך געזעצט צום גרויסן ביוראָ־טיש. זי האָט דאָך געזאָלט אָפּזוכן דעם פון לאַנג פאַרטיקן מאַנוסקריפּט, וואָס זי דאַרף איבערגעבן דאָקטאָר ביבער. פון איינעם פון די אויפגעעפנטע שופלאָדן האָט אַרויסגעקוקט צו איר די רשימה פון די בית־עולמס. זי מוז זיך איצט נעמען דערצו. צוזאַמען ליגן עטלעכע אָנגעהויבענע אַרבעטן. דאָס איז אויך אַ בית־עולם, געמוזט עס דערווײַל לאָזן. זי האָט זיך ווידער אָפּגעריסן פון שטול, געמאַכט זיך אַ שטאַרקע קאַווע. אפשר וועט עס פאַרטרײַבן פון מוח די צעשויבערטע רעיונות, די נאָגעניש פון די גלידער. אַ מענטש דאַרף זײַן, מוז זײַן... וואָס מוז ער זײַן? אַ באַשעפעניש, וואָס גיט זיך נישט אונטער, וואָס...

זי האָט זיך אומגעקערט צו די שופלאָדן. אין אויג איז אַרײַנגעפאַלן דער נאָטיץ־בלאָק. זי האָט אַרײַנגעקוקט: ווער האָט דאָס געזאָגט? „דער אמת אין מויל פון איין מענטש, פון אַ קליינער צאָל מענטשן איז מער ווערט און וועט לענגער דויערן, ווי די מאַכט אין די הענט פון אַ סך". דער אמת, דער אמת! וואָס פאַר אַ מאַגיש וואָרט. וויפל פּנימער דאָס פאַרמאָגט. דער אמת איז פּונקט ווי דער מענטש, מ׳קאָן אים נישט נאָר צעקוועטשן, נאָר ער קאָן זיך אויך פולשטענדיק דעוואַלווירן. האָט זי דען נישט געזען, ווי אַ מענטש קאָן זיך אויסטאָן פון מענטשלעכקייט, פּונקט ווי ער טוט אויס אַ העמד, אַ קלייד? קאָן מען דען פון באַגריף אמת נישט אַרויסנעמען זײַן אינהאַלט?

זי האָט אויסגעשפּרייט די לאַנגע רשימה בית־עולמס, אונטערגע־שטראָכן מיט רויטן בלײַ די, וואָס וועלן זײַן די ערשטע. זי וועט אָנהייבן פון די קלענסטע, זיי זענען צוממיינסטן באַדראָט. דער פאָטאָ־אַפּאַראַט איז צוגעגרייט. צו פאָטאָגראַפירן דאַרף זי קיינעמען נישט. זי האָט ליב צו אַרבעטן אַליין, פאַרטראַגט נישט קיין בשותפותדיקע אַרבעט. אָבסערווירן, קוקן, טראַכטן, נאָטירן איז שאַפן. און שאַפן איז אַן אינדיווידועלע זאַך. אָבער ווי אַזוי וועט זי אַליין זײַן אויף אַ בית־עולם?. זי וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט וווינען אַפילו בשכנות. לכל הפחות פון אָנהייב מוז זי עמעצן מיטנעמען. נישט צו העלפן, נאָר צו האָבן אַ לעבעדיקן מענטש נעבן זיך.

זי האָט גלײַך אָנגעקלונגען צו מאַריאַנען.

— קאָנסט מיך זונטיק ערגעץ באַגלייטן?

— ווו?

— מירן פאָרן אויף אַן אויספלוג, זאַלבע צוויי, אויף אַ בית־עולם. איך מאַך אַ שטודיר־אַרבעט וועגן בית־עולמס. מ'האָט מיך באַאויפטראַגט מיט אַזאַ שליחות...

— אַזאַ אַרבעט פאַר דיר? דו וועסט גיין איבער בית־עולמס? דו ווייסט, וואָס מײַן פעטער זישע פלעגט זאָגן? גאָט האָט מזל וואָס ער וווינט אַזוי הויך, אַנישט וואָלט מען געדאַרפט צוגיין און אים אויסהאַקן די שויבן פון די פענצטער ווי אַזוי ער פירט זײַן וועלטל.

— נעם זיך נאָר נישט צופיל צום האַרצן מײַנע דאגות.

— פאַר דעם דאגהסטו אויך? יענעמס דאגות, האָט דער פעטער זישע געזאָגט, קאָן מען איבערטראָגן. אָבער וואָס־וואָס, נאָר מען זאָל דיר געבן זיך צו פאַרען מיט בית־עולמס, האָט זיך מיר אין קיין בייזן חלום נישט געחלומט.

דער זונטיק־פרימאָרגן איז אַ זוניקער, אַ וואַרעמער. די זון שטייט נאָך נידעריק אויפן האָריזאָנט און שוין שפּרייט זי אויס אַ שפּע זילבערנע שטראַלן. מאַריאַן האָט אַראָפּגענומען אַנעטן דעם אָנגעהאָנגענעם פאָטאָ־אַפּאַראַט פון אַקסל. זיי זענען אויסגעשטיגן אויף דער סטאַציע שרוד־

באַרוווּ. נישט ווײַט פון דעם קליינעם סטאַציע־באַראַק געפינט זיך דאָס יידישע אָפּרו־הויז.

— אפשר וועלן מיר אָפּטרעטן? מ'וועט אפשר טרעפן באַקאַנטע?

— מיר האָבן נישט קיין צײַט.

— אויף אַ שיינעם זונטיקדיקן אויספלוג האָסטו מיך פאַרבעטן. צום אָטוואָצקער בית־עולם האָט מען מסתמא געקאָנט אַראָפּגיין אַ סטאַציע פריִער.

— ס'איז געווען נישט נאָר דער אָטוואָצקער בית־עולם. די גאַנצע געגנט איז דאָך געווען אַ יידישע. נישט אומזיסט האָט מען דאָס גערופן „די יידישע ליניע”. דער בית־עולם ליגט אין וואַלד, צווישן אָטוואָצק און שרודבאַרוווּ. איך בין דאָרט געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

זיי זענען געגאַנגען מיטן שמאָלן וועג. אויף רעכטס איז אַ גרויס הויז פאַר אַלטע מענטשן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ יידיש זקנים־הויז. דאָ און דאָרט צווישן די סאָסנע־ביימער צעוואָרפענע ווילעס, סאַנאַטאָ־ריעס. אַמאָל האָט דאָ אומעטום געשווימלט מיט יידן. ס'האָט געקלונגען מיט יידיש לשון. זיי האָבן דורכגעהאַקט די באַן־ליניע. אַנטע האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס.

— וווּ פירסטו מיך? ווילסט גיין צוריק קיין אָטוואָצק דורכן וואַלד?

— אָטוואָצקער יידן האָבן געהאַט אויסגעבויט אַ ספּעציעלן וועג צום בית־עולם. דער וועג אין וואַלד וועט אונדז פירן.

זיי האָבן דעם וועג נישט געפונען. עס שניידן זיך דורך עטלעכע שמאָלע וועגן, גיי ווייס וועלכער ס'איז געווען דער „יידישער וועג”. אפשר איז יענער וועג פאַרוואַקסן? בעסער צו פרעגן אָט דאָרט, אין יענעם הויז. אַמאָל איז דאָס געווען אַ יידיש הויז.

— אַ יידישער בית־עולם? —האָט זיך געוווּנדערט אַ זונטיקדיק אויסגעפּוצט מיידל — נישטאָ אַזעלכעס. קיינמאָל נישט געווען.

אַן אַלטער מאַן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין גאָרטן און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

— וואָס? וואָס פרעגט מען?

— וועגן אַ ייִדישן בית־עולם. פון וואַנען זאָל דאָ זײַן אַ ייִדישער בית־עולם?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעדרעפּטשעט מיט דראָבנע טריט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן וואַלד:

— גייט ביזן ראָוו, דערנאָך מיטן ראָוו, ביז ער ענדיקט זיך, דערנאָך לינקס. אַמאָל איז געווען אַ וועג. הײַנט נישטאָ קיין ייִדן, נישטאָ קיין וועג צום בית־עולם.

דער סאָסנע־וואַלד שמעקט. יענע סאָסנעס האָבן זייער אייגענעם אַראָמאַט. ספּעציאַליסטן פון לונגן־קראַנקייטן, צווישן זיי אַ סך ייִדישע, האָבן אויסגעפונען די געגנט פאַר גינסטיק צו היילן טובערקולאָז. אין די אַטוואָצקער סאַנאַטאָריעס זענען ס׳רוב דאָקטוירים געווען ייִדישע. אויך דאָס שטיקל וואַלד דאָ האָט מען גערופן „ייִדישער וואַלד”.

— ווו שלעפּסטו מיך? דאָ וועלן מיר געפינען אַ בית־עולם?

— מיר זענען שוין בײַם ראָוו...

— משוגע מײַנע שונאים, וועמען האָט געקאָנט אײַנפאַלן דאָ צו מאַכן אַ בית־עולם? ס׳האָט דיר און דעם אַלטיטשקען אַמאָל זיך נישט געחלומט וועגן אַ בית־עולם דאָ?

פון צווישן די סאָסנע־ביימער האָט עפּעס אַרויסגעקוקט. אַנעט האָט איצט דערקענט די געגנט, האָט אָבער נישט דערקענט דעם בית־עולם. מיט אַ פֿינף יאָר צוריק איז נאָך אַלץ געווען גאַנץ, אַלע קברים פאַרמאַכט. זי איז דעמאָלט געגאַנגען פון קבר צו קבר און געלייענט. איצט איז דאָס נישט לײַכט. צעדראָפּעטע מצבות, די שענערע, די סטיליזירטע אויסגע־שמירט מיט פאַרב, שוואַרצער, רויטער, געלער. זי האָט זיך דערמאָנט וואָס מ׳האָט איר געהאַט דערציילט: יונגע גראַפֿיקער איז אײַנגעפאַלן צו מאַכן אָפּדרוקן מיט אַ ספּעציעלער פאַרב אויף אַ ספּעציעלן קאָפּיע־פּאַפּיר. דער ייִדישער פאַרשידנאַרטיקער מצבה־סטיל איז אינטערעסאַנט. ווו וועלן די קאָפּיעס פאַרבלײַבן?

דער קליינער בית־עולם ליגט צווישן וואַלדיקע בערגלעך, איז אַרומ־גערינגלט מיט ביימער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון בייזע מענטשלעכע הענט. די באַהעלטעניש האָט נישט געהאָלפן. דאָ איז אַ קבר

מיט אַ צעבראָכענער, אַרומגעריסענער מצבה. מען רײַסט שטיקער פונעם מאַרמאָר. און אָט איז אַן אָפענער קבר. עס קוקן אַרויס די ווענט־ברעטלעך. מאַריאַן קוקט דאָ אויפן קבר, דאָ אויף אַנעטן און טרייסט זי: „עס דערנענטערן זיך שוין זיכער משיחס צײַטן, מתים הייבן אָן באַצײַטנס זיך גרייטן אויפצושטיין פון די קברים".

ער גיט באַלד צו:

— איך בין שוין געווען אויף אַ בית־עולם, ווו ס'האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט מענטשלעכע קנאָכנס. מײַן פּוס האָט אַרויפגעטראָטן אויף אַ שאַרבן, ער איז געלעגן אין גראָז. כ'בין אַהין געגאַנגען זוכן דעם קבר פון מײַן מאַמען. כ'האָב דאָרט געטראָפן זיך פּאַשן קי. אָבער דאָרט איז עס אויפן פרײַעם פעלד. מיטן גרעסטן טייל מצבות פון יענעם בית־עולם האָבן די דײַטשן ברוקירט די בלאָטיקע הייפן אין שטעטל. אַהער האָבן די דײַטשן נישט געטראָפן. ווי אַזוי טרעפט מען הײַנט אַהער?

אַנעט באַדויערט וואָס זי האָט נישט פאָטאָגראַפירט מיט 5 יאָר צוריק, ווען זי איז דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל. וואָס וועט זײַן אין פינף יאָר אַרום? מ'דאַרף זיך אײַלן ס'זאָל נישט ווערן צו שפּעט.

מאַריאַן פאָטאָגראַפירט, אַנעט נאָטירט גיך. זי פאַרצייכנט מיט אַ נערוועזער האַנט, וואַרפנדיק בליקן אַרום זיך.

— צו וואָס טויג דיר דאָס נאָטירן, אַז וועסט האָבן אַלץ פאָטאָגראַפירט?

— די פאָטאָגראַפיעס וועלן נישט קאָנען דערציילן אַלץ. אויך די ווערטער וועלן נישט איבערגעבן דעם שטומען געשריי פון געשענדעטע און פאַרוואַקסענע קברים.

אַנעט האָט זיך אָנגענומען מיט כוח: זי וועט זיך אַן עצה געבן אָן אַ באַגלייטער. זי וועט דערווײַל פאָרן אין די שטעטלעך, וואָס זי געדענקט גוט פון אַמאָל. בעת די זומער־פעריען פלעגט זי מיט אַ פריילעכער חברה און מיט אַ רוקזאַק אויף דער פלייצע וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל. מ'איז קיינמאָל נישט אײַנגעזעסן אויף איין אָרט. מ'האָט געוואָלט אָנקוקן דאָס לאַנד, אַלץ זען, אַלץ וויסן. די קליינע לאָלע, מיט די לאַנגע, שוואַרצע צעפּ האָט צומאָל קיין רוקזאַק נישט געדאַרפט. זי פלעגט אָנטאָן דאָס

איינציקע קליידל אויפן שאָרט מיט דער בלוזקע און פאַרוואָרפן אַ קליין לײַוונט־רענצל איבערן אַקסל — אַ צײַן־בערשטל, אַ קעמל, אַ שטיקל זייף, עטלעכע נאָז־טיכלעך. דאָס איז געווען איר גאַנצער באַגאַזש. זי האָט געקאָנט בײַנאַכט שלאָפן אויפן גראָז, געקאָנט שפּרינגען איבער אַ ברייטן ראָוו און לייענען אַ בוך, שפּאַנענדיק איבערן וועג. אין געטאָ, נאָכדעם, ווי זי האָט געוואָרפן אַ מאָלאָטאָוו־קאָקטײַל אויף די דײַטשן, איז זי געשפּרונגען פון צווייטן שטאָק אין הויף, ווען דאָס הויז איז שוין געשטאַנען אין פלאַמען. זי האָט בלויז צעבראָכן אַ פוס, געשלעפּט זיך דערנאָך, געקראָכן אויף אַלע פיר צום געהיימען בונקער. אַ קויל האָט זי געטראָפן אויפן וועג.

מיט איר, מיט דער קוועקזילבערדיקער לאַלען, דער זעכצניעריקער גימנאַזיסטקע, האָט אַנעט דורכגעשפּאַנט אַ גוטן טוץ יידישע שטעטלעך. איצט וואַנדערט זי איבער די זעלבע שטעטלעך אָן יידן.

פּוילישע קורערטער. ס׳האָבן זיי געבויט ס׳רוב יידישע הענט. די יידן פון די קור־שטעטלעך זענען געגאַנגען אויף די ערשטע נאַצישע שײַטער־הייפנס.

טשעכאָטשינעק. אַ זומערדיקער טאָג. אין אַנעטס דמיון לעבט דאָס אַמאָליקע יידישע שטעטל. עס קאָכט און זידט. אומעטום הערט מען רעדן יידיש. איצט שפּרײַזט זי דורך שטומע געסלעך. זי זוכט דאָס, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקן רוישיקן לעבן.

— אַ בית־עולם זוכט איר? געווען אַמאָל, מער נישטאָ.

זי וויל כאָטש אָנקוקן דאָס אָרט. מען שיקט זי צום צמענטער. ער ליגט בײַם ברעג שטעטל, איז אַרומגערינגלט מיט אַ שיינעם געמויערטן פּאַרקאַן. עס קוקן אַרויס הויכע צעגרינטעביימער. דורכן פאַרמאַכטן, פון דראָטן געפלאָכטענעם טויער, זעט מען פילפאַרביקע בלומען, פרישע פלאַנצן. בשכנות מיטן צמענטער אַ חרובדיק שטיקל ערד. אויבן אָן אַ הויכער הילצערנער שטאַנג מיט אַ צלם אין דער שפּיץ. נישט מעגלעך ס׳זאָל דאָ זײַן, ס׳שטייט דאָך אַ צלם. ניין, ס׳זעט נישט אויס, אַז דאָ זאָל האָבן אַמאָל געווען אַ בית־עולם.

אַנטקעגן, פון דער צווייטער זײַט וועג, ציט זיך אַ שורה אַלטע כאַ־

טעס. אַנעט קלאַפּט אָן אין אַ טיר. אַ גרייז־גרויע פרוי קוקט אויף איר מיט וואַסערדיקע אויגן, מיט אַ פאַרחידושט פּנים.

— דער ייִדישער בית־עולם? געווען אַמאָל, נישטאָ מער.

— ווו איז ער געווען.

— אָט דאָרט ווו עס שטייט דער צלם.

די גרייז־גרויע פרוי מיט די וואַסערדיקע אויגן געדענקט גוט ווי מען פלעגט אַהער ברענגען ייִדישע מתים. די לוויות פלעגן פאַרבייגיין איר הויז. וואָס ס'איז געוואָרן מיטן בית־עולם? ווער קאָן דאָס אַלץ געדענקען? אָנגעהויבן האָבן די דייטשן.

אַנעט האָט געזוכט צייכנס אויפן וויסטן שטיקל באָדן. קיין שפּור פון קיין קבר. נאַקעטע, אויסגעטראָטענע ערד. קיין שום פלאַנץ, צומאָל קיין ווילד־פלאַנץ, קיין שום גרעזל, ווי דאָס שטיקל ערד וואָלט אַן עקרה געווען און קאָן נישט אַרויסגעבן קיין שפּראָץ פון זיך. די זון שיינט, דער הימל איז בלוי. די פלאַנצן און ביימער פון צמענטער גרינען און בליִען. דאָס שכנותדיקע שטיקל ערד איז פאַראומערט, עס וויינט, עס שרייט ווי הבלס בלוט האָט געשריִען צו גאָט. אַנעט האָט אָנגעשטעלט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט. זי האָט דערזען אין דער קאַמערע דעם צלם און אַראָפּגעלאָזט די הענט.

בראָק ליגט האַרט ביים ברעג בוג. דער טייך פליסט דורך די פלאַכע, אומעטיקע פעלדער פאַמעלעך, פלעגמאַטיש־מאָנאָטאָן. ערשט ביים שטעטל צעשפּרייט ער זיך אין זיין גאַנצער פראַכט. אָט שניידט ער זיך אַריין ברייט אין איין זייט יבשה, און אָט פון דער אַנדערער זייט. ער מאַכט אומקרייזן, ברייטע, גראַציעזע זיגזאַגן. זיינע זילבער־גרינע און זילבער־בלויע וואַסערן מורמלען שטיל אַלטע ייִדישע נגונים. דאָ האָבן דורות ייִדן געבויט הייזער און הייזקעס, געהאַנדלט, געוואַנדלט, פאַרנומען זיך מיט פאַרשידענע מלאכות. שער און אייזן־יונגוואַרג האָט ביי די ברעגן פון בוג געטרוימט שיינע טרוימען.

בראָק האָט דאָס פייער אַרומגעכאַפּט גלייך ווי די דייטשן האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט אַ פוס. דעם ייִדישן טייל פונעם שטעטל אונטערגעצונדן.

אין בית־עולם האָבן זיי פאַרגעסן. אַנעט האָט אים געדענקט פון די קינדער־יאָרן. דאָ איז געווען דער מאַמעס משפחה. די מאַמע איז יעדעס יאָר געפאָרן אויף קבר־אבות צום יאָרצייט פון איר טאַטן. זי פלעגט זי מיטנעמען. אין זכרון איז פאַרבליבן דער אַמאָליקער בית־עולם, דעם זיידנס קבר, די ביימער אַרום. מ׳האָט איר געזאָגט, אַז פאַרן בית־עולם האָבן בראָקער יידן אין אויסלאַנד זיך משתדל געווען ביים שטעטלדיקן שטאָטראַט. פאַר יידיש געלט האָט מען אים אַרומגעצוימט מיט אַ געפלאָכטענעם, דראָטענעם פלויט. איידער זי האָט זיך געלאָזט אין שטאָטראַט צו בעטן אויפשליסן דאָס טירל, האָט זי זיך אָפגעשטעלט אויפן ברעג שטעטל, ווו ס׳ליגט דער בית־עולם. זי וועט דערווייל אַ קוק כאַפּן. זי האָט געקוקט און געקוקט און געזען פאַר די אויגן צוויי בית־עולמס, דעם אַמאָליקן און דעם איצטיקן. קיין שליסל אַריינצוגיין האָט זי נישט געדאַרפט. קעגנאיבער דעם פאַרשלאָסענעם טירל איז די ערד אונטערגעגראָבן, די דראָטענע צוים־נעץ אויסגעבויגן, אונטערגעהויבן. אַנעט איז לייכט אַריינגעקראָכן. קודם וויל זי אָפגעפינען דעם זיידנס קבר. זי האָט נישט אָפגעפונען.

שטיינערנע, אָרעמע מצבות. רוי־שטיין. די אויסגעקריצטע אויפשריפטן קוים־קוים לייענבאַר. דאָ און דאָרט איז אַ מצבה־שטיין אומגעדרייט, מען ווייסט נישט צי ער ליגט אויפן קבר צי נישט. די באַוואַקסענע קברים זענען איינגעזונקען אין זאַמדיקן באָדן. איבער די אַלטע מצבה־שטיינער הייבט זיך אויף איין איינציקע סטיליזירטע, הויכע מצבה פון קאַלך־שטיין. זי איז צעראַצט, אויסגעקרישלט, צעשטאָרכעט. די שריפט איז פאַרבליבן. זי דערציילט נאָך וועגן אַן אַמאָליק יידיש לעבן אין טויטן יידישן שטעטל.

אַנעט האָט געפירט מיט די אויגן פון פאַרשלאָסענעם טירל צום איינגעבראָכענעם לאָך אין דער פאַרצוימונג. וואָס האָט מען דאָ געהאַט צו זוכן? וואָסערע אוממענטשלעכע הענט האָבן דאָ איינגעבראָכן די פאַרצוימונג, גענישטערט צווישן די אָרעמע שטיינער־מצבות, אויף די קברים?

זי איז געקומען מיט אַ בינטל בלומען, געוואָלט לייגן אויפן זיידנס קבר. ווו איז ער דער קבר? זי האָט ווידער געזוכט. דאָ און דאָרט זענען אָנגעוואָרפן פאַפּירן און פאַפּירלעך, צייכנס, אַז לעסטערישע פיס האָבן דאָ געטראָטן. זי האָט צענומען די בלומען, צעוואָרפן זיי צווישן די אָרומיקע

שטיינער. אפשר וועט אויפן זיידנס קבר אויך פאַלן אַ בלימל. מיט אַן אָנ־געבויגענעם קאָפּ איז זי לאַנג געשטאַנען און נאָך געפירט מיט די אויגן איבער די איינגעפאַלענע בערגלעך ערד. מער ווי די קאַמערע האָבן די אויגן מיטגענומען דאָס בילד פון געלעסטערטן בית־עולם.

— איר האָט אַריבערגעטראָגן דעם בית־עולם? פאַרוואָס? צוליב וואָס?

אַנעט האָט זיך געלאָזט פירן פון אַ וולאָצלאַווקער ייִד און פון אָנ־הייב זיך בישט געכאַפּט ווי ס׳האַלט מיט דער זאַך. דער ייִד האָט גערעדט און גערעדט וועגן אַ נייעם בית־עולם, דערציילט לאַנג און ברייט וויפל טרחה ס׳איז געווען ביים אויפשטעלן אים, וויפל ס׳האָט אָפּגעקאָסט און ווי אַזוי מ׳האָט צונויפגענומען דאָס געלט ביי לאַנדסלייט פון אומעטום. נאָך דער גאַנצער מעשה האָט ער אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי מ׳האָט איבערגעטראָגן דעם פריערדיקן בית־עולם און געמאַכט פון אים אַ נייעם.

— פירט מיך פריער צום אַמאָליקן בית־עולם, עפּעס איז דאָך דאָרט פאַרבליבן.

— גאָרנישט פאַרבליבן, מ׳האָט אים אַראָפּגערוימט.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? די דייטשן האָבן דאָרט אַרומגעראָיעט. צוואָס דאַרף מען אַ צעראָיעטן בית־עולם? דערצו אַ גרויסן? ייִדן בישטאָ קיין סך. מ׳האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז קראַנטער צו לאָזן דאָס אָרט פאַר לעבעדיקע. מ׳האָט דאָרט אויסגעבויט נייע וווינונגס־הייזער.

— ס׳פעלט אָרט אין וולאָצלאַוועק ווו צו בויען הייזער?

— ווער זאָגט דען, אַז ס׳פעלט?

— ווער האָט דאָרט געבויט?

— ווער ס׳האָט געבויט? די וואָס בויען שטאָטישע הייזער. מ׳האָט דאָך אונדז געגעבן אַן אַנדער אָרט פאַר אַ בית־עולם. מ׳האָט דאָרט אויך אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר די 15 טויזנט אומגעקומענע וולאָצלאַווקער ייִדן.

— מ׳האָט כאָטש געלאָזט עפּעס אַ צייכן, אַז דאָרט איז געווען אַ בית־עולם?

— צי מ׳האָט געלאָזט עפּעס אַ צייכן? ס׳איז געווען אַ רייד וועגן דעם, אַז מען זאָל מאַכן אָנדענק־טאָוולען, אָדער עפּעס אַן אַנדערן צייכן דאָרט, ווו מ׳האָט אויסגעבויט הײַזער אויפן אָרט פון די שולן. איר ווייסט מסתמא, אַז די דײַטשן האָבן אונטערגעצונדן ביידע בתי־מדרשים, האָבן ייִדן פון דער קאָנגרעגאַציע געהאַלטן פאַר אַ גלײַכע זאַך ס׳זאָל בײַ די נײַע הײַזער זײַן עפּעס אַן אָנדענק. מ׳האָט גערעדט און גערעדט, מ׳האָט צוגעזאָגט און צוגעזאָגט און ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען פון דעם. אָבער אַ דענקמאָל איז דאָ. איר וועט אים באַלד זען.

זיי זענען צוגעקומען צום נײַעם צמענטער. אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט און נישט געזען נישט קיין דענקמאָל און נישט קיין בית־עולם.

— ווו איז ער אַריבערגעפירט דער בית־עולם?

— אויפן צמענטער.

אין אַ ווינקל פון צמענטער, האַרט בײַם מויער איז מיט ווענט אַרומגעצוימט אַ פּיצל ערד. דער ייִד האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זיי זענען אַרײַן אין אַ פאַרמאַכטן ווינקל צווישן פיר ווענט, ווי אין אַ קאַסטן. אַנעטן האָט דער נײַער בית־עולם דערמאָנט אַ בונקער. נאָר די בונקערס אין וועלכע ס׳איז איר אַמאָל אויסגעקומען צו זײַן אין וואַלד זענען געווען גערוימערע. אין דער מיטן פון פאַרמאַכטן שטיקל ערד שטייט אַ מצבה פון שוואַרצן מאַרמאָר. אויפן מאַרמאָר האָט אַן אומגעשיקטע האַנט אויסגעקריצט אַן איבערגעבראָכענעם בוים. ס׳איז דער דענקמאָל. ער איז געבויט פון שטיקער מצבות, פון גאַנצע מצבות, צונויפגעקליבענע אויפן פריערדיקן בית־עולם. קיין רוי־שטאָף האָט מען דעם מצבה־אונטערנעמער נישט געקאַרגט. אונטערן דענקמאָל ליגן אַ ביסל ביינער. מען האָט דאָס געבראַכט פון באַשעדיקטן בית־עולם. פאַראַן נאָך אָרט פאַר געציילטע נײַע קברים...

אַנעט האָט געקוקט מיט פיבערדיקע אויגן. איר האָט זיך געדוכט אָט־אָט רוקן זיך די ענגע ווענט צוזאַמען, זיי נעמען זי אַרײַן אין קלעם, שטופּן זי אַרײַן אין קבר צו די צונויפגעקליבענע ביינער. פון טרוקענעם האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ לעצטע פראַגע:

— אַ דענקמאָל פאַר די 15 טויזנט וואָלאָצלאַווקער אומגעקומענע ייִדן אין אַזאַ פאַרמאַכטן קאַסטן? קיינער קען דאָס דאָך נישט זען.

— דאָ איז דער דענקמאָל צום זיכּערסטן. גייט ריזיקירט אויפצו־שטעלן אַ דענקמאָל אויף אַ פרײַעם פלאַץ. ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט פאַרבליבן אַ גאַנצער...

די שיינע טאַטרן־בערג שלענגלען זיך אויפן נאָענטן האָריזאָנט. דאָ הייבן זיי זיך העכער, דאָ נידעריקער; העכער פון אַלע שטײַגט דער גיעוואָנט, קוקט מאַיעסטעטיש אַפער, באַגלייט אַ יעדן איינעם אויף די וועגן, רופט און לאָקערט צו זיך. וויל מען זיך דערנענטערן, אַנטלויפט ער. ער איז אומעטום נאָענט און ווײַט.

אין טאָל ליגט דאָס שטעטל זאַקאָפּאַנע. אַ רוישיק, פיבערדיק שטע־טל. אַהער קומט מען פון נאָענט און ווײַט. דאָ ווייסט מען וועגן יעדן ווינקעלע, פון דאַנען טרעפט מען אומעטום, דאָ קאָן מען זיך דערוויסן וועגן אַלץ, וואָס די באַרגיקע געגנט פאַרמאָגט.

— ווו איז דער בית־עולם?

מען הייבט אומעטום מיט די אַקסלען.

פאַרט געווען אַמאָל אַ בית־עולם. ס׳זענען אַמאָל געווען דאָ ייִדן. אין די פילע טובערקולאָז־סאַנאַטאָריעס זענען אויך געשטאָרבן ייִדישע קראַנקע, מ׳האָט זיי מקבר געווען אויפן ייִדישן בית־עולם. וויפל נאָך סימנים דאַרף מען? אַנעט וועט נישט דערציילן, אַז בײַ די „גוראַלעס״ אין דער אַרומיקער געגנט האָבן זיך אַ סך יאָרן נאָך דער מלחמה נאָך אויפ־געהאַלטן קליינע ייִדישע פּאַראָבקעס, יתומים נאָך היגע דעפּאָרטירטע עלטערן, וואָס האָבן, ווען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן, אונטערגעוואָרפן, אָדער איבערגעגעבן זייערע קינדער.

— יאָ, יאָ, געווען אַמאָל אַ בית־עולם, נאָר ווער ווייסט וואָס ס׳איז געוואָרן מיט אים.

אַנעט איז אײַנגעשפּאַרט. איר נײַער באַגלייטער איז אָנגעכמורעט. זיי גייען שוין אַ קאַרגע צוויי שעה. אַלטע זאַקאָפּאַנער תושבים דערמאָנען זיך דאָס אָרט. זיי ווײַזן די ריכטונג. דער וועג איז אַ געדרייטער. ס׳איז

נישט לײַכט צו טרעפֿן. אַנעט פֿרעגט און פֿרעגט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל.

— צי ס׳איז דאָ פֿאַראַן ערגעץ אַ בית־עולם? פֿאַרוואָס זאָל נישט זײַן? ס׳זענען דאָ אַמאָל געווען אַ סך ייִדן.

— ווו איז ער?

— אויפֿן זעלבן אָרט, ווו ער איז געווען.

— ווו איז ער געווען?

די אַלטע זאַקאָפּאַנער פֿרוי ווײַזט דעם וועג. זיי גייען צווישן פֿעלדער און לאָנקעס, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. אויפֿן הויכלאַנד שנײַדט זיך דורך אַ דאָרפֿישער וועג. פֿון דאַנען זעט מען ווי אין דער ווײַט שטאַרצט אַרויס עפּעס פֿון דער ערד. אפֿשר איז דאָס אַ מצבֿה? זיי האָבן זיך נישט טועה געווען. זיי האָבן זיך אויך אַרומגעזען, אַז דער מהלך פֿון שטעטל איז נישט אַזאַ ווײַטער. מ׳האָט געמאַכט אומוועגן.

האַרט בײַם וועג שטייט אַ הויכע מצבֿה פֿון קאַלך־שטיין. זי איז אַרומגעדראַפּעט, אַרומגעצופּט, דער אויבערשטער טייל איז אײַנגעבראָכן, די שריפֿט איז אָפּגעריבן, דאָ און דאָרט אַן אָפּגעראַטעוועטער אות, אַנדערע זענען צעדריבלט. אַן איינזאַמע, פֿאַרוואָנדעטע מצבֿה אויף אַ פֿאַרוויסטן בית־עולם.

יעדע פֿאַרוויסטעניש האָט איר באַזונדערן, אייגענעם פּנים. דאָ זענען די קבֿרים נאַקעטע. דער בית־עולם איז נאָך נישט אָפּגעווישט. די בערגלעך ערד זענען נישט אויסגעגלײַכט, די קאָנטורן פֿון די קבֿרים זענען דײַטלעכע. די האַנט פֿון צעשטערונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די מצבֿות. ס׳זענען פֿאַרבליבן בלויז צייכנס נאָך זיי. דאָ און דאָרט קוקט אַרויס פֿון גראָז אַן איבערבלײַבעניש פֿון אַן אַרויסגעריסענער מצבֿה. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך שטיקער און שטיקלעך קאַלך־שטיין, שפּליטערן פֿון מאַרמאָר, סימנים פֿון אַ שחיטה איבער מצבֿות. ווער האָט דאָס געמאַכט? וואָס איז געוואָרן מיט די אַרויסגעריסענע מצבֿות? קיינער ווייסט נישט צו דערציילן. דער געשענדעטער בית־עולם דערציילט אָבער אַליין. די איינציק־פֿאַרבליבענע, פֿאַרוואונדעטע מצבֿה שטייט ווי אַ האַרבער עדות. פֿון אירע וווּנדן טריפֿט נאָך בלוט. זי זעט אויס ווי אין ווייטיק־קראַמפּן. זי וואָרנט: מ׳וועט זי אויך אומברענגען.

די גרינע באַבלימטע לאָנקעס שפּרייטן זיך אויס רחבותדיק, דאָס שטיקל ערד בײַם וועג זעט אויס ווי אַ צעבראָכן־צעשטאָכן שיפל אויף אַ וויגנדיקן זיך, פֿאַרביקן ים, אָט־אָט וועלן עס די ים־כוואַליעס אַראָפּ־שווענקען פֿון דער אויבערפֿלאַך. די הויכע מצבה שטייט נאָך ווי אַ שומר. און ווי אַ האַרבער שופט. זי שטראָפֿט און בעט רחמים: „לאָזט נישט פֿאַרווישן די שפּורן״.

אַנעט הערט דײַטלעך דאָס געבעט. דער פּאָטאָ־אַפּאַראַט האָט עטלעכע מאָל אַ ציק געטאָן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגן, צוזאַמענגענומען עט־לעכע שטיקלעך קאַלך־שטיין מיט איינצעלנע, צעדראַפּעטע יידישע אותיות און אַרײַנגעלייגט אין בײַטל. אפֿשר וועט מען דאָס ערגעץ קאָנען לאָזן לזכרון אַ שטעטל יידן.

קאַפּיטל 8

דאָס הויז האָט זיך געטרייסלט. דאָס בעט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. די ביבליאָטעק אַנטקעגן בעט האָט משונה־דיק אונטערגעשפּרונגען, די ייִדישע ביכער זענען אַראָפּגעפאַלן, די בלעטער האָבן זיך צעפליקט, די אותיות צעשאָטן. זי קאָן נישט אַראָפּגיין זיי צונויפצוקלײַבן, די טרייסלעניש לאָזט נישט. זי מוז זיך אין עפּעס אָנהאַלטן.

פון סופית האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי. דער שטריק האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום איר ווי אַ שלאַנג, צוגעבונדן צום בעט. זי וועט שוין נישט צעשמעטערט ווערן פון דער טרייסלעניש, אָבער זי איז געבונדן. בינדט מיך אויף!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דעבאָרע איז געשטאַנען איבער איר, געקוקט אויף איר מיט אַנגסט.

— וואָס איז דיר? האָסט געשריגן פון שלאָף. כ׳האָב דיך אויפגעוועקט.

— דעבאָרע? פון וואַנען נעמסטו זיך דאָ?

— כ׳האָב דיר דען נישט געקלונגען, אַז כ׳וועל זיך אַרײַנכאַפּן צו דיר? געטראָפן יורעקן בײַ דער טיר. ער האָט מיר געזאָגט דו האָסט זיך צוגעלייגט, געטראָפן דיך שלאָפן און פלוצלינג...

דער קאָשמאַרער חלום איז אויסגערונען צוזאַמען מיטן שלאָף. אַנעט האָט זיך דערמאָנט. דעבאָרע האָט טאַקע געקלונגען. זי האָט זי שוין נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן.

זינט זי האָט זי אָפּגעפונען אין וואַרשע, האָט זי נישט געקאָנט אויסקומען מיט איר. זי האָט זי גערופן „די פרומע". צוליב דעבאָרען האָט אַנעט נישט איינמאָל באַקומען אַן אָפּשניט פון מאַרעקן. וועמען דאַרף דאָס אַרן וואָס דעבאָרע איז פרום? זי איז איינזאַם, דאַרף אַ ביסל פרײַנד־

שאפט, זוכט א ביסל ווארעמקייט, און זיי ביידע, אנעט מיט מאריאנען עסן איר אפ די גאל, שטעלן איר שטענדיק קלאץ־קשיות? א מענטש האט זיך א גאנץ לעבן אזוי פיל אנגעליטן, לאזט איר זיין צופרידן און גליקלעך מיט דעם, וואס זי האט.

צי דעבארע איז צופרידן, גליקלעך, איז נישט באקאנט, נאר אז זי האט זיך אנגעליטן ווייסן אלע.

זי האט פארלוירן דריי מענער. איר ערשטער מאן, דער 28־יעריקער פארטיי־טוער שמולעוויטש, איז אין דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער יארן געפארן אין ערשטן סאציאליסטישן לאנד בלויז אויף א יאר. פארוואס ער האט זיך נישט אומגעקערט נישט נאכן יאר, נישט שפעטער, האט זי נישט געוווסט. דעבארע וואלט זיכער גארנישט געהאט דאקעגן ער זאל בלייבן ווי לאנג מ׳האט געדארפט. נאר דאס וואס ער האט נישט געלאזט וויסן וועגן זיך, האט זי אים נישט געקאנט מוחל זיין. זי האט געטראגן אין זיך אן אויסבאהאלטענע, אייטערדיקע וווּנד. זי וואלט אויך איבערגעטראגן, ווען ער טוישט זי אויס אויף אן אנדערע, אויב ער וואלט איר אנגעשריבן דערוועגן. דאס אננעמען א פולן מויל וואסער און שווייגן, האט איר טאפלט ווי געטאן.

צי פון ווייטיק, צי אויך פון פליכט, משמעות פון ביידע — דעבארע האט זיך פארגעלייגט בעתן שפאנישן קריג צו פארן אהין, ווו מען איז נייטיק. אויב זי וועט נישט טויגן פאר א סאלדאט, כאטש זי איז גרייט צו נעמען א ביקס אין האנט, וועט זי טויגן פאר א קראנקן־שוועסטער. זי איז געפארן מיט א קליינער גרופע, דורך פראנקרייך. דער סטאליער־ארבעטער יאנקל בינעצקי האט דעמאלט שוין געהאט אריבערגעשטיגן די דרייסיק יאר און נישט געקאנט זיך צוקלייבן קיין פאסיק ווייב. א פאסיק ווייב האט פאר יאנקלען באדייט אזא, וואס וואלט איינגעגאנגען צו גיין אין זיינע דרכים, לכל הפחות אים נישט שטעקן קיין העלצער אין די רעדער פון וואגן אין וועלכן ער האט זיך געטריי איינגעשפאנט. די אויסגעבענקטע באשערטע האט ער געפונען אין דעבארען, אי יונג, אי שיין, אי מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער זאך. חתונה האבן מיט איר וואלט ער נישט געקאנט. יענער פאדלעץ האט געמאכט פון איר א גרושה, געלאזן אן א גט. נאר אן עסק האט ער, ווען ווען גייען אן אזעלכע בורזשואזע פאראורטיילן? ווען ער האט געטראכט וועגן דעם, איז דאס גי־

כער געווען צוליבן פּאַרדרוס אויפן חבר שמולעוויטש. ווי טוט עס אַזוי אַ קאָמוניסט? ווילסט זיך צעשיידן מיטן ווײַב, צעשייד זיך, אָבער מענטשלעך. שרײַב אָן אַזוי און אַזוי.

אויפן נישט לײַכטן וועג קיין פּאַריז האָבן יאַנקל און דעבאָרע זיך געהאַלטן צוזאַמען; אין שפּאַנישן קאָמיטעט אויך געגאַנגען צוזאַמען. האָט אַ חבר פון קאָמיטעט זיי אַוועקגעפירט אין אַ מאַנסאַרדע אויפן זעקסטן שטאָק און זיי זענען אַרײַן ווי אַ פּאָר פּאָלק פון אונטער דער חופּה.

דאָס אַריבערוואַרפן זיי קיין שפּאַניע האָט אַ ביסל געדויערט. זיי האָבן זיך נישט געלאַנגווײַליקט. זיי זענען געגאַנגען אין שפּאַנישן קאָמיטעט, געגעסן מיטאָגן אין דער אַרבעטער־קיך, אַרומגעפירט זיך געאָרעמט איבער פּאַריז, געזעסן אין אָוונט ביז מ׳האָט פּאַרמאַכט דעם פּאַרק בי־טשאָמאָן און זיך געטוליעט צו זיך. אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און מ׳קאָן טאָן וואָס מען וויל. מ׳קאָן זיך אַפילו קושן אויפן גאַס. דעבאָרע, האָט לעבן בינעצקין פּאַרגעסן אין ערשטן מאַן. ס׳האָט איר נאָך צוגעגליקט: אין שפּאַניע האָט מען זי צוגעטיילט צו דער מיליטערישער קאָמפּאַניע, ווו בינעצקי איז אין גיכן געוואָרן קאָמאַנדיר. די מיליטערישע קונסט, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין פּוילישן מיליטער, איז אים דאָרט צונוץ געקומען. קאָמאַנדיר בינעצקי איז באַרימט און באַליבט געוואָרן אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. ער האָט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע האַרץ וואָס גיכער צו צעקלאַפּן דעם פּאַשיזם. בײַם סוף פון דער שפּאַנישער מלחמה האָט ער אויך אָפּגעגעבן דאָס לעבן. בײַם צוריקציִען זיך צו דער פּראַנצויזישער גרענעץ האָט אים דערגרייכט אַ פּאַרבלאָנדזשעטער שפּליטער פון אַ באָמבע. דעבאָרען האָט מען קוים אָפּגעריסן פון בערגל ערד. קיין פּאַריז איז זי געקומען ווי אַן אַלמנה. דעמאָלט האָט זי זיך ווידער באַגעגנט מיט אַנעטן.

ס׳איז אונטערגעקומען די מלחמה און אָקופּאַציע. דעבאָרע האָט זיך פון אומעטום געראַטעוועט, נאָר אומעטום איז איר דאָס אומגליק נאָכגעגאַנגען.

אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט זי פון אָנהייב פּאַרבראַכט אירע טעג אין אַ געהיימער דרוקערײַ, אָפּגעצויגן אויף אַ ראָנעאָ־מאַשין. די דרוקערײַ איז „אַרײַנגעפאַלן”, דעבאָרע איז דורך אַ צופאַל נישט געווען אויפן אָרט. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די באַוואָפנטע אַקציעס קעגן

די דײַטשע אָקופּאַנטן, האָט מען זיך געגײטיקט אין געניטע הענט צו פּאַבריצירן אויפרײַס־מאַטעריאַלן. דער כעמיקער סאַלעק לובעלסקי און דער סטודענט דוד בראָנשטײן האָבן אויפגעשטעלט אַ „לאַבאָראַטאָריע". לובעלסקי האָט געקאָנט דעבאָרען פון שפּאַניע. זי האָט געהאַט פאַרנומען זיך מיט זײַנעם אַ צעריסענעם אויער, וואָס אַ קויל האָט פאַרבײַלויפנדיק אַ לעק געטאָן. מ'האָט געזאָגט, אַז צוויי נסים זענען געשען: ראשית וואָס די קויל האָט קונציק בלויז אָנגערירט דעם אויבערשטן אויער, והשנית וואָס דעבאָרע האָט דאָס אָפּגעריסענע שטיקל אויער קונציק אַראָפּגענומען, דאָס איבעריקע דעזינפעקצירט און געהײלט. צו אַ דאָקטער האָט מען אין דער סומאַטאָכע זיך דערשלאָגן ערשט אין דריטן טאָג אַרום.

סאַלעק לובעלסקי האָט פאַרגעלייגט דעבאָרען פאַר זײַן פאַרטרויונגס־געהילף אין דער געהײמער לאַבאָראַטאָריע. אין אַן אָרעמער דירה פון אַ פאַרוואָרפן פאַריזער געסל האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט אַ יונג פּאָרפּאָלק אויף אַרישע פּאַפּירן. פון פיקטיוון פּאָרפּאָלק איז געוואָרן אַן אמתדיק. סאַלעק און דוד האָבן פאַבריצירט דעם נויטיקן מאַטעריאַל אויפצורײַסן דײַטשע צוגן, דעבאָרע האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט, אַרײַנגעבראַכט אין אַ שפּײַז־קוישל דעם „שטאָף" צו דער פּראָדוקציע און אַרויסגעטראָגן די פאַרטיקע סחורה. קאַרגע צוויי יאָר האָט די לאַבאָראַטאָריע צוגעשטעלט אויפרײַס־מאַטעריאַל. אין אַ מײַ־פרימאָרגן 1944 האָט אין דער לאַבאָראַטאָריע די פּראָדוקציע זיך נישט אײַנגעגעבן. זי האָט אויפגעריסן. לובעלסקיס און בראָנשטײנס צעקאַליעטשעטע גופים האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעהויכט די נשמה, ווען די אַלאַרמירטע פּאָליציי האָט זיי אַוועקגענומען אין אַ קאַרעטקע. דעבאָרע האָט מיטאָג־צײַט לאַנגזאַם געשפּאַנט מיט אַ קוישל שפּײַז. אַ פראַנצויזישע שכנה האָט זי אָפּגעוואַרנט בײַם ראָג גאַס און אַזאַ ווונק געטאָן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען צו מאַכן ויברח. וועגן בראָך האָט זי זיך דערוווּסט ערשט אין אָוונט.

דעבאָרען האָט מען צום דריטן מאָל אַרויסגעריסן לעבעדיקערהייט דאָס האַרץ. צום דריטן מאָל האָט זי פאַרלוירן אַ מאַן. ווי גיך די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז זי מיטן ערשטן צוג אַוועק אין איר געבורטס־לאַנד. זי האָט אָנגעשריבן אויספירלעך איר ביאָגראַפיע און צום סוף באַמערקט, אַז ס'איז איר אַלצאיינס צו וואָס פאַראַ אַרבעט מען וועט זי צוטיילן. מען

האָט זי צוגעטײלט צום פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, ווי אַ גרויסן טייל ייִדישע קאָמוניסטן. און דעבאָרע האָט די נײַע אַרבעט אויסגעפירט מיט אַזוי פיל געטרײַשאַפט ווי זי האָט דאָס געטאָן אויפן שפּאַנישן פראָנט און אין אָקופּירטן פראַנקרײַך. זי האָט מער נישט חתונה געהאַט, צומאָל נישט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטן דערוועגן. צו אַנעטן האָט זי פון אָנהייב יאָ געקלעפּט, ווען זי האָט אַמאָל אַרויסגעשטעקט די נאָז פון דער אַרבעט. זינט עטלעכע יאָר האַלט זי זיך פון איר פון דער ווײַטנס, זי זעט באַשײַנפּערלעך ווי אַנעט גייט אַראָפּ פון דרך הישר.

איצט קוקן זיי ביידע אויף זיך מיט צעטומלטע אויגן.

— כ'האָב געוואָלט רעדן מיט מאַרעקן וועגן שמולעוויטשן, צוליב דעם געקלינגען. ווייסט מסתמא, ער איז זייער קראַנק, די דאָקטוירים גיבן נישט קיין האָפענונג.

אַנעט האָט געוווּסט. מאַריאַן און דאַנקע האָבן איר אַלץ שוין געהאַט צוגעטראָגן. דער וויצע־מיניסטער סטאַווינסקי האָט נאָך לאַנגע זוכענישן זיך דערוווּסט, אַז איין ברודער זײַנער איז ערגעץ נעלם געוואָרן, דער צווייטער ליגט אַ שווער־קראַנקער אין אַ שפּיטאָל. צוליב דעם האָט ער נאָך דער רעהאַביליטאַציע נישט געקאָנט זיך רעפּאַטריירן און נישט זוכן משפּחה. סטאַווינסקי האָט אײַנגעלייגט וועלטן, עטלעכע מאָל געפאָרן הין און צוריק און לסוף געבראַכט דעם ברודער אין אַ סאַניטאַרן־וואַגאָן. שמולעוויטש האָט דערגרייכט דאָס זײַניקע. ער איז געבליבן אַ שטיקל צײַט אין אַ היימיש בעט און אָן עדות. די ראַק־קראַנקייט האָט שוין געהאַט צעפרעסן זײַן גוף, ער האָט געוואָלט כאָטש אויסדערציילן, וואָס ס'איז אים געלעגן אויפן האַרץ. האָט ער געערדט מיט די לעצטע כוחות און מיט שוים אויף די ליפּן. פאַרן ברודער, דעם וויצע־מיניסטער, האָט ער געצוימט דעם צאָרן, פאַר חברים האָט ער גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. אויף דעבאָרען האָט ער געקוקט מיט פײַכטע אויגן, מיט ציטערנדיקע ליפּן. אַ ביינערדיקע האַנט האָט יעדעס מאָל אָנגענומען אירע, געוואָלט צוטראָגן צום מויל און אָפּגעלאָזט...

מ'האָט אים נאָך עטלעכע טעג אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל, אין אַן איינצל־צימער. דעבאָרע האָט זיך באַפרײַט פון דער אַרבעט און געוואַכט איבער אים מיט צוויי קראַנקן־שוועסטערס, וואָס האָבן זיך געטוישט. ער

האָט זיך דערוווּסט וועגן מאַרעקן, צוגעשטאַנען צו דעבאָרען זי זאָל אים ברענגען. דעבאָרע האָט געמוזט אָנקומען צו אַנעטן.

— ווייסט, ער דערציילט אויסטערלישע זאַכן, וויל זען ייִדישע חברים, דעם, יענעם, ער האָט אַמאָל קיינמאָל נישט גערעדט וועגן ייִדן. טיילמאָל דוכט זיך מיר ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט. שטעלסט זיך פאָר, ער האָט מיך געפרעגט צי ס׳איז דאָ אַ ייִדישער בית־עולם, ער ווייסט, אַז ער האָט נישט אויף לאַנג. ער וויל דורכויס מאַרעק זאָל קומען צו אים.

מאַרעק האָט זיך געהאַט אָפּגענומען צוויי וואָכן אורלויב. ער האָט געדאַרפט צוריקקומען אין פינף טעג אַרום. שמולעוויטש האָט זיך נישט דערוואַרט.

די לוויה האָט מען אײַנגעאָרדנט מיט גרויס פּאַראַד. ער האָט באַקומען אַ בכבודיקן אָרט אויפן מיליטערישן בית־עולם אויף פּאָוואָנזיק, אין דער „אַלייע פאַר פאַרדינסטפולע״. בײַם אָפענעם קבר האָבן צוויי רעדנער אויסגערעכנט זײַנע גרויסע פאַרדינסטן און זײַן איבערגעגעבנקייט. דער צווייטער רעדנער האָט אַזוי פאַרענדיקט: „טראָץ זײַנע גרויסע ליידן האָט ער קיינמאָל זײַן גלויבן נישט פאַרלוירן. די ליידן האָבן אונטערגעגראָבן זײַן גוף, אָבער נישט זײַן גײַסט. ביזן לעצטן אָטעם־צוג איז ער מיטן גאַנצן האַרץ געווען מיטן ערשטן לאַנד פון סאָציאַליזם און טיף געגלויבט, אַז טראָץ אַלע פעלערן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן, האָט דער סאָציאַליזם געזיגט״.

מאַריאַן איז געשטאַנען לעבן אַנעטן און דערזען ווי די ליפּן באַוועגן זיך בײַ איר נערוועז. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט געציטערט. ער איז אַוועק מיט איר און שטיל דערציילט אַ נײַעם וויץ. „אין וואָס גלייבט דאָס אָפּגעשטאַנענע פאָלק? אין תחית המתים. און קאָמוניסטן אין וואָס גלייבן? אין רעהאַביליטאַציע נאָכן טויט״.

אַנעט האָט דעם וויץ שוין געהאַט געהערט. זי האָט געענטפערט:

— אים האָט מען דאָך פאַרן טויט רעהאַביליטירט, אָבער איצט נאָכן טויט פּראָפאַנירט.

— ווייסט וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן? כ׳וועל אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ צוואה מ׳זאָל בײַ מײַן קבר נישט האַלטן קיין דרשות.

קאַפּיטל 9

זיי זענען געזעסן זאַלבעדריט אויף אַ באַנק אין אַ זײַטיקער, זוניקער אַלייע. דער גרויסער לאַזשענקע־פּאַרק האָט זיך פֿאַנאַנדערגעבליט. דער פֿרײַער פֿרילינג האָט באַקליידט די נאָך נישט לאַנג נאַקעטע ביימער און קוסטן אין צאַרט־גרינע מלבושים, באַצירטע מיט ראָז־ווײַסע בליִעכצן. די שלאַנקע טאָפּאָלן אין די אַלייען ווינקען זיך איבער, שמייכלען צו זיך. די קאַשטאַן־ביימער שימערירן אין די גינגאָלדענע זונען־שטראַלן. דער פֿרילינג שמעקט, טריליעט אַ שטילן געזאַנג. די זון וואַרעמט מילד, צערטלט.

אַנעט זיצט דאָ צווישן יורעקן און קלאָדן. זיי האָבן איר נאָכגעגעבן און אויסגעקליבן זיך מיט איר אויף אַ זונטיקדיקן שפּאַציר. זי נוצט אויס וואָס מאַרעק איז דעם פֿאַרמיטאָג פֿאַרנומען, ער דאַרף מאָרגן אָפּגעבן אַן איבערזעצונג. זי קאָן זײַן אַליין מיט די זין. אין פּאַרק איז זיכערער צו שמועסן ווי אין שטוב. ווענט האָבן אויערן...

יורעק איז ערנסט. קלאָד איז פֿאַרטראַכט. זיי ווייסן ביידע אין וואָס דער מאַמען גייט. ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל. זיי האָרכן זיך ווידער אײַן אין דער מאַמעס שטילע ווערטער.

— ס׳איז די העכסטע צײַט. איצט קאָן נאָך יעדערער פֿון אײַך אַרויספֿאָרן. וואָס ס׳וועט זײַן שפּעטער, ווער ווייסט. איך וועל דערווײַל בלײַבן מיטן טאַטן. מיט זײַן געזונט האָט ער פֿון לאַנג רעכט אויף אַ פּענסיע. סײַווי הענגט ער אויף אַ פֿאָדעם. מען נעמט אין דער שטיל כּסדר אַראָפּ, בעסער ער זאָל אַליין אויפֿהערן אַרבעטן, דאָס באַזײַטיקן וועט זײַן אַ קלאַפּ פֿאַר אים.

זי האָט נאָך אַ סך צו זאָגן, נאָר וויל נישט אַרויסלייגן אַלץ מיט אַמאָל. זי חזרט זיך סײַווי איבער. זינגט יאָרן דער זעלבער פּזמון. פֿריִער האָט זי דאָס געמאַכט אין מאַרעקס קעגנוואַרט, איצט הינטער זײַנע אויגן. זי וואַרט אויף זייער ענטפֿער, וואַרט מיט אַנגסט. זי ווייסט, דער יונגער דור לערנט ווייניק וואָס פֿון די דערפֿאַרונגען פֿון עלטערן דור. די יוגנט נעמט דאָס אוממעגלעכע פֿאַר מעגלעך. דערצו... דערצו איז זי אומברח־מנותדיק, די יוגנט. אַנעט רעכנט מער אויף יורעקן, אי עלטער, אי געלאַ־סענער. אויב ער וועט אײַנגיין, וועט דער יִנגערער ברודער אויך.

קלאָד האָט אָנגעהויבן בײַסן די נעגל. שטענדיק אַזוי, ווען ער שטייט פֿאַר אַ האַרבן ענין. אַנעטן האָט זיך געדוכט אָט שוין עפֿנט ער דאָס מויל. וועט ער אָנהייבן דער ערשטער וועט נישט טויגן.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן יורעק.

— איך פֿאַרשטיי נישט, מאַ, וואָס דו ווילסט דערגרייכן? פֿאַר וועמענס גוטס? מיר איז גוט אין מײַן לאַנד, איך אַרבעט אין מײַן באַרוף, מ׳האַלט מיך פֿאַר אַ גוטן מאַטעמאַטיקער. צוליב וואָס זאָל איך זיך אַרויס־גנבענען פֿון דאַנען און גיין זיך וואַלגערן אין דער פֿרעמד? צוליב וואָס גיין בעטלען אַ שטעלע ערגעץ אויף אַ פֿרעמדן אוניווערסיטעט? געבן מײַנע לעקציעס שטאַמלענדיק, אין אַ פֿרעמדער שפּראַך? צוליב וואָס? דיר, מאַמע, געפֿעלט דאָ נישט. האָסט אונדז אָבער פֿון קליינווײַז אָן גע־לערנט, אַז אַ מענטש דאַרף קאָנען אין זיך איבערברעכן, אַפֿילו...

אַנעט האָט נישט ווילנדיק אים איבערגעריסן:

— וואָס איבערברעכן? צושאָקלען מיטן קאָפּ צו דעם אַלעמען? האָסט געזען מיט עטלעכע טעג צוריק די ערשטע מײַ־לאָזונגען? „סאָציאַליזם איז שטאָל!״, „סאָציאַליזם איז נאַפֿט״!, „סאָציאַליזם איז אײַזן!״, אַז סאָ־ציאַליזם איז יושר, מענטשלעכקייט, קיין וואָרט נישט. איבערברעכן אין זיך און מסכים זײַן מיט אַזאַ אַך און ווי סאָציאַליזם?

קלאָד האָט זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— מיר זענען אויך קעגן אַזאַ דרעקישן סאָציאַליזם! קעגן דער פֿאַר־פֿוילטער ביוראָקראַטיע. דערפֿאַר ווילן מיר דאָ זײַן און ברענגען דעם אמתן סאָציאַליזם.

אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט.

— קאָנסט נישט רעדן שטיל?

— איך בין געראָטן אין מײַן מאַמען. מיר דוכט זיך, אַז איך רעד שטיל און ס׳קאָכט זיך שטענדיק אין מיר. האָסט מיר איבערגעגעבן דײַן טעמפּעראַמענט.

— פּאַרקריך נישט אין פּסיכאָלאָגיע, אין גענעטיק. ווערסט באַלד אויפגעוויזן דער מאַמען וואָסערע נאָך אייגנשאַפטן האָסט איבערגענומען בירושה. מ׳דאַרף רעדן וועגן אַן אַנדערער זאַך. צוליב דעם זיצן מיר דאָ איצט. ווען נישט דאָס, וואָלסטו בעסער געלעגן אין בעט און געטראַכט וועגן צעלינען, אָדער וואָלסט זיך אָפּגערעדט מיט איר אויף איבערדערפרי און נישט אויף נאָכמיטאָג.

— מיינסט, ברודערקע, אַז האָסט מיר אָפּגעווישט די נאָז? דאָס וואָס כ׳האָב צו זאָגן, וועל איך סײַווי זאָגן. מ׳וועט מיר נישט פאַרמאַכן דאָס מויל.

בײַ יורעקן האָט זיך דאָס גאַנצע פּנים צעשמייכלט.

— דו האָסט אויך אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע. דיר דוכט זיך שטענדיק, אַז מ׳וויל דיר פאַרמאַכן דאָס מויל. ס׳איז אַ שלעכטער סימן. שנײַדסט זיך מסתמא אויף אַזאַ פּאָליטיקער, וואָס וועט אַלע אַנדערע פאַרמאַכן דאָס מויל. מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן.

יורעק האָט זיך אויסגעדרייט צו אַנעטן, געוואָרן צוריק ערנסט, גערעדט שטילער, ווי ביז איצט:

— איך פאַרנעם מיך נישט מיט פּאָליטיק. איך פײַף אויף די אַלע זאַכן, איך בין אַ מאַטעמאַטיקער. איך בין דאָ געבונדן מיט דער וויסנשאַפט.

— און מיט אירענען שוין נישט?

דאָס האָט זיך קלאָר וויציק אָפּגערעכנט מיט אים.

— און מיט אירענען. דער טאַטע ווייסט שוין, אַז מיר וועלן אײַנגיכן חתונה האָבן, ס׳איז אָפּהענגיק בלויז פון אַ וווינונג.

אַנעט האָט שוין געוווּסט פון מאַרעקן, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי ווייסט נישט, געוואַרט יורעק זאָל איר אַליין זאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען און געהאַט איצט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

— זעסטו, מאַ, וועסט האָבן נחת פון מיר. עלטערן ווילן דאָך זייערע קינדער זאָלן חתונה האָבן.

ער האָט צוגעגעבן ווי ער וואָלט דער מאַמען געוואָלט געבן אַ האָפענונג.

קודם וועלן מיר חתונה האָבן, דערנאָך וועלן מיר זען, אפשר וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז ביסט גערעכט.

— דערנאָך וועט זײַן צו שפּעט. ווייסט גוט, אַז ביידע, ווי אַ פּאָרפאָלק וועט מען אײַך נישט אַרויסלאָזן.

— וועל איך זיך נישט זעצן וויינען. ס׳שטייט מיר אָן צו זײַן אַ פּוילישער מאַטעמאַטיקער.

— און אויב מ׳וועט דיר געבן צו פילן, אַז דו ביסט אַ יידישער מאַטעמאַטיקער? כ׳האָב דיר דערציילט די מעשה מיטן אַלטן כעמיקער. דאָקטאָר זלאַטקין האָט גאַנצע צוואַנציק יאָר אָנגעפירט מיט דער לאַבאָראַטאָריע. איצט פאַרנעמט זײַן אַמט זײַן אַרישער אַסיסטענט. ער איז דאָרט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן.

קלאָד האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי מ׳וואָלט אים מיט הייס וואַסער אָפּגעבריט. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן שטיל, אין דער אײַנגעהאַלטענער שטימע האָט זיך געפילט אַ דערשטיקטער פּאַטאָס.

— איז וואָס, אַז די פאַרפוילטע ביוראָקראַטן טוען אָפּ אַזעלכע מיאוסע שטיקלעך?! דאַרף מען אַנטלויפן און זיי לאָזן טאָן וואָס זיי ווילן? און אַז די גאַנצע ווירטשאַפט שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און די אַרבעטער ווערן אויף אַ נײַעם אופן עקספּלואַטירט, וועלן זיי אַנטלויפן פון זייער לאַנד? יורעק רעדט ווי אַן אמתער אָפּאָרטוניסט. מאַטעמאַטיק, מאַטעמאַטיק. בלויז דאָס גייט אים אָן! אַבי מען וועט אים לאָזן צו רו. מיר גייט אַלץ אָן. מיר, די יונגע, אַז מיר זענען קעגן דער ביוראָקראַטיע, זענען מיר קעגן אַלע פּאַסקודסטוועס. זאָל מיר עמעצער פּרווון זאָגן, אַז איך בין אַ ייִד. כ׳וועל אים זאָגן, אַז איך בין אַ בעסערער פּאָליאַק ווי ער, ווײַל איך וויל, אַז אין פּוילן זאָל זײַן אמתער סאָציאַליזם. צוליב דעם שטודיר איך עקאָנאָמיק.

יורעק האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין פּאָרענטש פון דער באַנק און איראָניש געפרעגט:

— אויב דו טראַכסט אַזוי פיל וועגן אַלע און אַלעמען, פאַרוואָס טראַכסטו נישט אַ ביסל וועגן דײַן אייגענער מאַמע?

אַנעטן האָבן זײַנע ווערטער אַ ברי געטאָן. צווישן זיך, מיט מאַרעקן האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן אים אַמאָל דערציילן וועגן זײַנע על־טערן. צי שטויסט ער זיך אָבער נישט אָן? מאַרעקן באַטראַכט ער זיכער פאַר זײַן אמתן פאָטער, אָבער, אַז זי איז נישט זײַן אמתע מאַמע האָט ער געקאָנט זיך לײַכט דערוויסן. דעם חשד האָט יורעק גופא פאַריאָגט.

— מאַ, ביסט אַזוי קלאָרזעעוודיק, זעסט דעם מינדסטן פלעק און זעסט נישט אַזאַ זאַך. שטעל דיר פאָר, איך מיט אירענען פאָרן אַוועק און מיר „קלײַבן אויס די פרײַהייט". צי וואָלט מען דערגאַנגען דיך און דעם טאַטן אַרויסגעלאָזט?

אַנעטן איז לײַכטער געוואָרן.

— אין דעם גאָר גייט דיר?

— אין דעם אויך. איך וויל נישט מײַנע עלטערן זאָלן דאַרפן באַצאָלן פאַר מײַנע זינד. אויב דער טאַטע גייט אײַן מיט דיר אַוועקצופאָרן, וועלן מיר מיט אירענען דערנאָך זען.

קלאָד איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסרעדן פון אים.

— אַזוי, מײַן עלטערער ברודער מאַכט שוין אַ געשעפט מיט דער מאַמען, הינטער די אויגן פון טאַטן. איך גיי נישט אַרײַן אין שותפות. איר ווילט, פאָרט אײַך. איך פאַרלאָז נישט מײַן לאַנד, ווײַל ס'הערשט אַ צע־פוילטע ביוראָקראַטיע. איך בין נישט קיין דעזערטיר!

— דו ביסט אַ שוויצער! „דעזערטיר". אַ פאַרטיקער עפּיטעט צוצו־קלעפּן עמעצן. מײַנע צוויי נישט־יידישע קאָלעגן זענען געפאָרן טוריס־טיש, זיי זענען נישט צוריקגעקומען. מיר פאַלט נישט אײַן צו באַטראַכטן זיי פאַר דעזערטירן. זיי, אמתע פּאָליאַקן, האָבן פּונקט אַזוי דאָס רעכט אויסצוקלײַבן וווּ זיי ווילן לעבן, ווי איך.

— אמתע פּאָליאַקן. מיר זענען נישט קיין אמתע פּאָליאַקן? וואָס דען זענען מיר?

— ייִדן.

אַנעט האָט דאָס געזאָגט זייער שטיל. קלאָד האָט אויפגעכאַפּט דאָס

וואָרט, ווי ער כאַפּט געשיקט די פּילקע, וואָס מען וואַרפט אים צו פּלוצ־לינג און ער קלאַפּט אָפּ מיט דער זעלבער געשיקטקייט.

— איך בין קודם אַ פּאָליאַק. קעגן אַנטיסעמיטיזם קעמף איך נישט ווי אַ ייִד, נאָר ווי אַ רעוואָלוציאָנער.

אַנעט האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, אויסגעשטעלט אויפן ייִנגערן זון אַ פּאָר שטרענגע אויגן. ס'איז געווען אין אירע אויגן יענער אומרו, יענער אומעט, וואָס פאַרגליווערט דאָס וואָרט אויף די ליפּן. איר קלאַד פירט איצט אַ מלחמה מיט איר. די אַנגרײַפערישקייט קעגן ברודער איז אויך קעגן איר. ס'איז אירע אַ נײַע מפּלה. יורעק איז געלאַסענער, אָבער זי האָט זיי ביידע קעגן זיך, אַלע דרײַ. זי איז געשטאַנען ווי אַן אַראָפּ־געפאַלענער פויגל מיט אונטערגעשאָסענע פליגלען.

זיי זענען געגאַנגען צוריק שווײַגנדיק. בײַ אַנעטן אין קאָפּ האָבן מחשבות זיך געקרײַזט ווי שפּיזן. פאַרוואָס איז זי נישט אַוועק, ווען זיי זענען נאָך קליין געווען? געוואָרט זיי זאָלן אויסוואַקסן. אירע דערוואַקסענע זין אויף וועלכע זי האָט אַזוי אויסגערעכנט. זיי האָבן געדאַרפט ווערן איר אָנשפּאַר. איצט איז זי אַליין. אָן אַן אָרט אויף דער וועלט, געבליבן הענגען אין דער לופטן. אײַנגעפלאָנטערט זיך אין אַ נעץ און קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן. אַ געבונדענע. זיי דרײַ האָבן געבונדן איר די הענט און פיס. צי בינדט זי זיך אויך אַליין נישט? וויפיל משפחות ווערן צע־קלאַפּט? וויפיל פאַרפעלקער צעשיידן זיך? פאַרוואָס מאַכט זי אָפּהענגיק איר רעשט ביסל יאָרן, וואָס איז איר באַשערט צו לעבן, פון זיי?

ס'האָט אויפגעזידט אין איר אַ רעוואָלט קעגן זיך גופא. געוואָרט ביז זי האָט פאַרלוירן די כוחות. עטלעכע צוואַנציק יאָר קלײַבט זי זיך. איצט מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר עלטער. מיט צעטרייסלטע נערוון און אויסגעשעפּטע כוחות. און זי שלעפּט ווײַטער אָפּ, כאָטש מען צאַפּט פון איר דאָס בלוט. עס צאַפּט פון איר דאָס בלוט אַפילו די פאַרטיי־קאַרטע. אַז זי נעמט זי אין האַנט, גייט דורך אַ ציטער, זי בריט איר די פינגער. וויפל מאָל האָט זי געזאָלט אָפּגעבן די פאַרטיי־קאַרטע? מורא געהאַט נישט צו ברענגען קיין שאָדן זיי, מאַרעקן. זי קאָן מער נישט לעבן אין פאַלש־קייט. זי מוז אַוועק. כל זמן די פיס טראָגן נאָך.

וואָס וועט זי אָבער ערגעץ אַנדערש טאָן? זיי וועלן קאָנען לעבן אָן

איר. צי וועט זי קאָנען לעבן אָן זיי? צי וועט זי קאָנען איבערטראָגן די אַליינקייט? די אַמאָליקע חברים וועלן ווייכן פון איר. זי האָט שוין בײַ זיי אַ גוטן שם. איר בעסטער אַמאָליקער פרײַנד, דאָקטער סאָלאָוויטשיק, האָט איר דען נישט אָפּגעשריבן אויף אירן אַ בריוו, אַז „ס׳איז אמתע היסטעריע״? „זעט אויס, אַז דו געפעלסט זיך אין דער ראָל פון אַ קלאָג־מוטער״. אַ צווייטן מאָל האָט ער איר געשריבן: „צו וועלכע שוואַרצע יאָר רײַסטו פון זיך לעבעדיקע פאַסן? פאַרוואָס שינדסטו פון זיך די הויט? צי קאָנסטו זיך נישט פאַרגינען צו לעבן מענטשלעך?״

וועט זי זיך אײַנשאַפן נײַע פרײַנד? נײַע באַקאַנטשאַפטן? זי בינדט נישט אָן לײַכט קיין קאָנטאַקט מיט מענטשן, בפרט ווען זיי זענען איר נויטיק, ווען זי דאַרף אָנקומען צו זיי. אוי, זי הויבט ווידער אָן זיך איבער־לייגן. דאָס דערהרגעט זי. ס׳איז די מורא פאַרן אומבאַקאַנטן.

— אַנוש, ביסט אַזוי בלאַס. פילסט זיך שלעכט?

מאַרעק האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די איבערזעצונג און גענומען זיך גרייטן צום טיש. אַנעט האָט זיך צום טיש נישט געזעצט. זי מוז זיך אָפּרוען.

זי האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל אָפּגעקילט, האָט געוואָלט צוגיין צום טיש ווי דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. זי האָט גענומען דאָס טרײַבל און הערקענט דאַנקעס שטימע:

— אַנעט, דו? ווייסט שוין?

— וועגן וואָס?

— וועגן מאַריאַנען? מ׳האָט געקלונגען צו דיר הײַנט אינדערפרי, ביסט נישט געווען.

— צי מיר נישט אַרויס די נשמה! אויב קאָנסטו נישט זאָגן דורכן טעלעפאָן, קום צו. איך בין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב.

— ווייסט גאָרנישט?

— מאַך מיך נישט קעלביק, קום צו.

— מאַריאַן לעבט נישט, ער איז...

— וואָס!?

— ער איז נעכטן בײַם אָונט־ברויט אַוועקגעפּאַלן. אַ האַרץ־שלאַג. דער דאָקטער איז גלײַך געקומען, ס׳איז געווען נאָך אַלעמען.

די האַנט האָט בײַ אַנעטן אָנגעהויבן קאָנוולסיוו ציטערן. זי האָט אָפּגעלייגט דאָס טרײַבל, אַוועקגעזעצט זיך און ווי אין האַלוצינאַציע געמורמלט: „כ׳וויל דאָ נישט שטאַרבן, כ׳וויל נישט באַגראָבן ווערן אין דער היגער ערד, כ׳וויל נישט״...

דער טעלעפאָן האָט ווידער געקלונגען.

— אַנעט, מיר דאַרפן צונויפשטעלן אַ נעקראָלאָג, אַ נאָטיץ פאַר אַ צײַטונג, דו ווייסט, אַזאַ, אין נאָמען פון אַ גרופּע חברים. דו דאַרפסט עס מאַכן מיט מיר.

— איך בין נישטאָ. כ׳פאָר אַוועק. כ׳בין שוין נישט קיין היגע...

— אַנעט, ביסט פון זינען אַראָפּ! ווער דען זאָל עס מאַכן, אויב נישט מיר?

— גוט, גוט, קום צו.

אין האַלדז האָט געשטיקט אַ קנויל טרערן. מאַרעק האָט זיך אָנגעשטויסן.

— ווער האָט געקלונגען?

— דאַנקע. דערוווסט זיך די גוטע נײַעס. און דערוווסט זיך אויך... דאַנקע האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען. זי איז מסתמא גערעכט. איך האָב אויסגעפּלאַפּלט פאַר איר, אַז איך פאָר אַוועק.

— זי ווייסט דאָך סײַווי, אַז האָסט פון לאַנג אָנגעגעבן אויף אַ טוריסטן־פּאַספּאָרט.

— איך וועל דאָרט קיין טוריסט נישט זײַן.

צווייטער טייל

קאַפּיטל 1

פּאַריז, 1967. אַנעט האָט פון דער פינפ־שטאָקיקער, קאַלטער מאַנסאַרדע מיט ליכט אויסגעקוקט דעם פּרילינג. זי האָט אים אויפגענומען מיט אויסגעצויגענע, אויסגעבענקטע אָרעמס. אין וועלכער נאָך שטאָט איז דער פּרילינג אַזוי שיין? זי הייבט זיך אויף מיט אַנדערהאַלבן שעה פריִער, אײַלט אין נישט ווײַטן ביטשאָמאָן און טובלט זיך אָפּ אין פרימאָרגנדיקן טוי, אין די יונגע שטראַלן פון דער זון.

לאַנג האָט זי מיטן פּרילינג זיך נישט געפרייט. די לופט איז נאָך אַלץ אַ פרישע, אַ מילדע. די לופט אין ייִדישן פּאַריז איז אַ ברענענדיק־הייסע, אַן אָנגעגליטע. אומרו און שרעק האָבן זיך ווידער באַזעצט אין ייִדישע הערצער. די ייִדישע מדינה איז באַדראָט.

אַנעט איז צוריק אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין געווירבל פון געשעענישן, אין די צײַנער פון דער געשיכטע. זי דרייט זיך מיטן אימפּעט פון דער ייִדישער ראָד. זי גייט אויף מיטינגען, שלײַכט זיך אַרײַן אין די ייִדישע גאַסן־מאַניפעסטאַציעס, זי שלינגט די ידיעות, וואָס קומען פון דאָרטן. זי פיבערט מיטן ייִדישן פיבער. פריִער איז איר האַרץ געווען צעריסן אויף צוויי, איצט אויף דרײַ. זי געפינט זיך אײַנצײַטיק אין וואַרשע, אין פּאַריז און אין ישראל. זי פרעגט נאָך צי מען נעמט צו פרײַוויליקע. זי איז נישט יונג, זי קאָן אָבער פּאָרט צו עפּעס צונוץ קומען. ניין, מען נעמט נישט אָן. צי בלויז זי דאַרף מען נישט? ס׳ווערט איר לײַכטער ווען זי דערוויסט זיך, אַז מען נעמט קיינעם נישט אָן.

מיט 25 יאָר צוריק האָט זי זיך געשלאָגן קעגן אַ געפּאַנצערטן שונא. זי איז איצט אויך גרייט. זי וויל נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ס׳הייבט

זי אונטער, זי קאָן נישט אײַנזיצן אויף קיין אָרט. זי וואָלט געוואָלט איר צעברעקלט שטיקל לעבן זאָל נאָך נוצן. זי זיצט בײַ מאַדאַם זשענעוויעוו בײַ דער טעלעוויזיע מיט פאַרביסענע ליפּן. אין די אָוונטן גייט זי אומעטום דאָרט, ווו מען טרעפט יידן. זי גליטשט זיך אַרײַן אויף פאַרזאַמלונגען, הערט זיך אײַן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. בײַנאַכט שלאָפט זי ווייניק, טראַכט נאָך, וויל עפּעס צוטראַכטן.

די זעקס־טאָגיקע מלחמה האָט זיך ווי מיט אַ שאַרף פון מעסער אײַנגעשניטן אין איר לײַב, געדריקט די נשמה. דער נצחון האָט אַראָפּגענומען אַ שטאָלענעם פאַנצער פון הארץ. זי האָט דערזען זיך אויסשפּרייטן פאַר איר דעם פערטל יאָרהונדערט. ס׳האָט פּלוצלינג אויפגעטויכט אין דמיון דער סוף פון יענער לאַנגער, פינצטערער נאַכט. נאָר דעמאָלט, דעמאָלט... דער דעמאָלסטיקער סניגור איז געוואָרן אַ קטיגור.

ס׳איז געווען נאָך קנאַפּע אַכט חדשים ווי אַנעט האָט זיך פאַרגראָבן אין זיך גופא. זי האָט געלעבט בלויז מיט זיך אַליין און מיטן טרוים און האָפענונג אַהערצוברענגען מאַרעקן מיט די קינדער. זי איז געווען ווי אַ באַנומענע, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט איין געדאַנק, מיט איין פאַרלאַנג.

אין די ערשטע דרײַ חדשים האָט זי אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט פּאַריז. ס׳האָט זיך איר אַמאָל געדוכט, אַז זי קען „די שטאָט פון ליכט״. זי האָט זי ערשט איצט דערקענט. זי האָט אָפּגעהאַקט די שוועלן פון ביוראָען, אונטערנעמונגען, אָנגעקלאַפּט צו מענטשן. זי האָט געדאַרפט פאַרדינגען אירע הענט און געמוזט זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ. יעדן אָוונט האָט זי צוגעגרייט אַ נײַעם פּלאַן פאַר די מאָרגנדיקע זוכענישן. יעדן איבערפרי האָט זי געענדערט דעם פּלאַן און זיך גופא געפרעגט צו וועמען אויפסנײַ זיך קערן און ווענדן. די באַשעפטיקונג און דאָס אייגענע ווינקל זענען געקומען פון אַן אומגעריכטער זײַט.

ווער איז היימלאָז? צי נאָר דער, וואָס האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ? ניין, היימלאָז איז מען אויך, ווען מען האָט נישט קיין פרײַנד. פרײַנדשאַפט, מענטשלעכע וואַרעמקייט די היימלאָזיקייט.

אַזוי האָט זי נאָך עטלעכע חדשים געזאָגט צו איר אַמאָליקער הויז־

וועכטערין, מאַדאַם זשענעוויעוו, אַ דראָבנע עלטערע פרוי מיט יונגע, גוטע אויגן.

מאַדאַם זשענעוויעוו האָט זיך דערפרייט מיט איר. „נאָך אַזוי פיל יאָרן, נאָך אַזוי פיל יאָרן". נאָך דרײַ חדשים זיך אַרומוואַלגערן איז די ישועה געקומען מצד דער אַלטער פרוי מיט די יונגע אויגן. מאַדאַם זשענעוויעוו האָט נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט אַ לאָקאַטאָר, באַפרײַט אויפן פינפטן שטאָק אַ „שאַמבר דע באָן", געלאָזט אויסקאַלכן, אַרײַנגעשטעלט אַן אַלט בעט, אַ טישל מיט אַ בענקל, געהאָלפן אַנעטן אויסלייגן אויפן דיל אַ טעפיך, אויסצירן די ווענט מיט עטלעכע מיטגעבראַכטע בילדער און פון דער מאַנסאַרדע איז געוואָרן אַ „פּאַלאַץ". געפונען אַ פּאַלאַץ, אָבער נישט קיין פרײַנד, האָט זי זיך געטראַכט. מ'קאָן לעבן אין אַן אמתן פּאַלאַץ און אויך זײַן היימלאָז, אויב מען האָט נישט קיין פרײַנד. איינזאַמקייט קאָן זײַן אַ סינאָנים פון היימלאָזיקייט. דער גוטער מלאך אירער אין דער געשטאַלט פון אַ פּאַריזער הויז־וועכטערין האָט פאַריאָגט די טאָפּלטע היימלאָזיקייט. אַנעט האָט אַפילו געפונען אַ באַשעפטיקונג. פונקט ווי איין צרה ציט נאָך זיך אַ צווייטע, אַזוי ברענגט איין מזל אַ צווייטס. אין הויף איז געווען אַ קליין יידיש טריקאָ־פאַבריקל. מאַדאַם זשענעוויעוו האָט זיך ווידער געמיט פאַר איר. מ'האָט איר אַרויסגעגעבן די האַנט־אַרבעט אין שטוב.

אַנעט איז פלינק אין דער נײַער באַשעפטיקונג. זי פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דער אַרבעט און לאָזט זיך צײַט אויף באַזוכן מוזעאומס, קונסט־גאַלעריעס. זונטיק שפּאַצירט זי אַליין בײַם ברעג פון דער סעקוואַנע, פאַרהאַלט זיך בײַ די בוקיניסטן, זוכט צווישן אַלטע ביכער, פרייט זיך, ווען זי כאַפּט אַרײַן אַ מציאה; זי האָט אַפילו געפונען אַ ביסל אינערלעכע רו, אַ שטיקל נשמה־מנוחה, נאָר נישט קיין פרײַנד. די אַמאָליקע האָט זי פאַרלוירן, קיין נײַע נישט דערוואָרבן. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו זוכן. זי האָט מורא געהאַט פאַר פראַגן. אי די אַמאָליקע פרײַנד, ווען זי באַגעגנט זיי, אי די נײַע מענטשן שטעלן פראַגן, זיי ציִען איר אַרויס די געדערים מיט די אַלע שאלות. גיי דערצייל זיי אַלץ, וואָס זיי ווילן וויסן און ווילן נישט פאַרשטיין. בלויז די אַלטע זשענעוויעוו פרעגט נישט צו־

פיל, זי דערציילט איר מער ווי זי פרעגט. זי האָט זיך אויך מיט איר צו־זאַמען געפרייט מיט ישראלס נצחון.

— מאַדאַם אַנעט, אַ בריוו.

אַנעט האָט אַ קוק געטאָן אויפן צוריק־אַדרעס און מיט נערוועזע פינ־גער אויף גיך אויפגעמאַכט דעם קאָנווערט. מאַדאַם זשענעוויעוו האָט פון איר פנים פאַרשטאַנען, אַז אַ גוטע בשורה.

— צוגענומען?

— צוגענומען!

אַנעט האָט זי אַרומגעכאַפּט פון פרייד. זי האָט באַקומען אַ גוטן ענטפער, וועט האָבן אַ פאַסיקע אַרבעט. ס'וועט זײַן פאַר איר אַן אמתער אוצר. אי פאַר דעם גוף, אי פאַר דער נשמה אין איר מאַנסאַרדע האָט זי צום ערשטן מאָל אַנגעשטעלט אַ מוזיק־פּליטע אויפן בילינקן אַפּאַראַט, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט. מאָצאַרטס „אַ קליינע נאַכט־מוזיק" האָט זי אײַנגעוויגט און אײַנגעשלעפערט.

אויף צומאָרגנס האָט זי זיך נישט גענומען צו דער נײַ־אַרבעט. איצט וועט זי קאָנען דערליידיקן אַ „קאַרט דע רעפּיזשיע". זי וועט הערנאָך שיקן אַן אײַנלאַדונג מאַרעקן. נישט זי, נאָר מאַדאַם זשענעוויעוו. זאָל ער נאָר קומען, וועט מען זען אויפן אָרט. פריִער וועט זי אים שיקן אַ בריוו, אַז זי האָט אים פאַרלאָזט. זי איז נישט מער זײַן ווײַב... ער דאַרף נישט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר, ער האָט מער גאָרנישט מיט איר צו טאָן. ס'וועט אים נישט פעלן די הענט און די פיס...

דעם אָוונט האָט אַנעט פאַרבראַכט בײַם טראַנזיסטאָר. זי האָט גע־זוכט די עטער־כוואַליעס, וואָס פליסן פון דאָרט, ווו זי האָט זיי געלאָזט. אַזוי זינט אַכט חדשים. זאָל זי זיך נאָר שטעלן אויף די פיס. איצט וועט לײַכטער זײַן אים צו ברענגען. אַז דער מאַן וועט דאָ זײַן, וועלן די קינ־דער אויך קומען. זי וועט ביסלעכווײַז זיי אַהער ברענגען, אַזוי ווי אַ מאַמע־חיה טראָגט איבער פון איין אָרט אין אַנדערן אירע קינדער. זי האָט זיך אַמאָל אין דער היים, אויפן דאָרף צוגעקוקט, ווי אַ קאַץ האָט איבערגעטראָגן קעצעלעך. זי האָט מסתמא געבוירן פלוצלינג אויפן פעלד, הינטער אַ סטויג אָראָפּגענומענע תבואה. פיר זענען געווען. זי האָט זיי אין פיסק איינציקווײַז איבערגעטראָגן פון פעלד, געשפּרונגען דורך אַ ראָוו

און געבראַכט אין אָפּענעם שײַער, אײַנגעקוואַרטירט זיי אין אַ ווינקל צווישן היי. זי וועט זיי אויך נישט לאָזן. איצט וועט דאָרט אַן אָפּענער פעלד, פול מיט געפּאַרן.

די נאַכט איז אַנעט געשלאָפן ווי אַ בער אין ווינטער. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און ווי יעדן טאָג די לעצטע וואָכן, געעפנט דעם טראַנזיס־טאָר. אַ קאַלטער ציטער איז איר דורך דורכן וואַרעמען לײַב. „מיר וועלן ניט דולדן קיין פינפטע קאָלאָנע"! דאָס האָט געזאָגט דער הויפּט גופא פון דער פּאַרטיי. זי ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט, וואָס ס'קאָן נאָכדעם קומען. עס לויערן אויף זיי געפּאַרן, די גרעסטע אויף קלאָדן. ער איז שטענדיק צו היציק, רעדט וואָס מען דאַרף נישט, וואָס מען טאָר נישט. ס'וועט זיך אויפהייבן אַ שטורעם. קלאָד, יורעק, מאַרעק זענען אין אָפּענעם פעלד, אומבאַשיצט. זי איז ערגער ווי אַ מאַמע־חיה. יענע קאַץ האָט נישט פאַרלאָזט אירע קעצעלעך. זי, אַנעט, האָט זיי יאָ געלאָזט. אויב דעקלאַ־רירט זי זיך „רעפּיזשיע", מאַכט זי זיי אָן די גרעסטע צרות. מ'וועט דאָס איצט אויסנוצן קעגן זיי. זי ווייסט ווי אַזוי מ'קאָכט אַזאַ געריכט אין יע־נער קיך.

אַנשטאָט אין אָמט פאַר „רעפּיזשיע" צו דערליידיקן אירע פּאַפּירן, איז אַנעט אַוועק קויפן אַ בילעט. איר פּאַספּאָרט איז נאָך גילטיק, די וויזע אין אָרדענונג. בלויז אַ בילעט איז איר בייטיק.

— איר זענט אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַנדערע עפּאָכע. מיר דאָ אויפן אָרט האָבן אויך מיט איין מאָל געמאַכט אַ שפּרונג צוריק ערגעץ אין אַן אַנדערע צײַט. ווי לאַנג זענט איר דאָ נישט געווען? אַכט חדשים? אין איין וואָך האָט די געשיכטע, די ממזרות, וואָס האָט זיך פּריִער פויל גע־שלעפּט, אָנגעהויבן גאַלאָפּירן, נישט מיט ריזן־טריט, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן, נאָר מיט אַטאָמישער קראַפט. אַלע ייִדישע קאָמוניסטן זע־נען מיט איין טראַסק געוואָרן געפערלעכע ציוניסטן, וואָס ווילן אומ־ברענגען דאָס פאָלקס־דעמאָקראַטישע פּוילן. איר וואָלט געזען ווי עס זעט אויס אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, ווען מען שטעלט זיי צום שאַנד־סלופּ, די נײַ־געבאַקענע ציוניסטן.

דאָס, וואָס דאָקטאָר ביבער האָט איר דערציילט, האָט אַנעט שוין צו ביסלעך געוווּסט, נאָר לויט דאָקטאָר ביבערס אײַנזען איז דער גרויסער שטורעם שוין דורך. איצט גייט נאָך אַן אײַז־קאַלטער רעגן. ער וועט אַזוי גיך נישט אויפהערן גיסן, וועט אונדז נאָך אַלע גוט אַרײַן אין די ביינער, אָבער זי, אַנעט, האָט פּאָרט אויסגעמיטן דעם אוראַגאַן. זי האָט מזל וואָס זי איז נישט געקומען צו דער רעכטער חתונה.

אַנעטס צוריקקומען האָט זיך אַ ביסל פאַרשלעפּט. זומער־צײַט דאַרף מען פריִער באַשטעלן אַ בילעט. זי האָט מאַרעקן געשריבן, אַז זי קומט, אָבער נישט אָנגעגעבן קיין דאַטע. ער האָט גלײַך אָנגעהויבן צו זוכן און געפונען אַ געלעגנהײַט איר צו געבן צו וויסן זי זאָל דאָס נישט טאָן, נישט רירן זיך פון אָרט. „די היימישע פּאָסט" האָט געבראַכט דעם בריוו, ווען זי איז שוין געווען אין וועג. פריִער אָבער האָט זי גע־האַט אָפּגענומען עטלעכע ידיעות וועגן מאַרעקס זאָרג פאַר קלאָדן. ער גע־הערט צו די „יונגע לייבן", וואָס קערן וועלטן, מאַכן אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער. זיי זענען ווייניק, אָבער אַז מען וועט זיי דאַרפן פאַר אַ רפואה אויסצוהיילן די אומצופרידנקייט, וועלן זיי גענוג זײַן. די עטלעכע זײַטי־קע נײַעסן האָבן איר געגעבן אַ גרעסערן שטויס זיך אומצוקערן.

אין שטוב האָט זי געטראָפן בלויז מאַרעקן. ער איז געווען דער־שטוינט בלייך, האָט זיך צעקושט מיט איר אָן ענטוזיאַזם.

— פרייסט זיך נישט מיך צו זען?

— איך ווייס אַליין נישט, איך ווייס אָבער, אַז איך זאָרג מיך פאַר דיר. געקומען צו דער רעכטער צײַט. דו, איך, מיר טוען שטענדיק אַנ־דערש ווי מען דאַרף.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע, געהאַלטן זיך בײַ די הענט. זי האָט באַמערקט ווי ער האָט זיך פאַרעלטערט: די האָר גרוי־ווײַס, די אויגן טיפער אין די אויגן־לעכער, דער שטענדיקער נאַטיר־לעכער שמייכל אַן אויפגעצוווּנגענער. ער האָט אויף איר נישט געקוקט ווי זי איז צוגעוווינט געווען ער זאָל קוקן אויף איר. זײַנע בליקן האָבן געבלאָנקעט, געזוכט, אָנגעהאַנגען זיך אַ רגע אין איר און צוריק אָנגע־הויבן וואַנדערן ערגעץ ווײַט.

— זעסט אויס ווי אַלע שיפן וואָלטן דיר אונטערגעגאַנגען. וואָס הערט זיך אין שטוב? וואָס ביי קלאָדן? יורעקן? וואָס קומט דאָ פאָר?

— האָסט זיך נאָך נישט אָפּגעוווינט צו באַפאַלן יענעם מיט פראַגן? פון וועלן אַלץ מיט איין מאָל וויסן?

— זעט אויס נישט אָפּגעוווינט.

— דערפאַר האָב איך נישט געוואָלט זאָלסט צוריקקומען. אויפריכ־טיק נישט געוואָלט, באַגערט זאָלסט בלייבן. קעגן זיך גופא געווונטשן דאָס. ביי אונדז געשעט עס פּאַרקערט ווי אין געטעס „פאוסט". גע־דענקסט ווי עס ווערט דאָרט געזאָגט? „דאָס איז אַ טייל פון יענער קראַפט, וואָס וויל שטענדיק דאָס שלעכטע און שאַפט שטענדיק דאָס גוטע". ביי אונדז איז אומגעקערט.

— ביי אונדז ביידע בלויז, צי בכלל? זאָג, צי נישט וויל דאָ איז אַזוי?

— פרעגסט, פרעגסט.

ער האָט אַ קוק געגעבן אויף איר מיט אַן אומעטיקן גלאַנץ אין די אויגן, אָבער דאָס פּנים איז שוין געווען אַנטשפּאַנט, דער שמייכל איז געוואָרן לויטערער.

— יעדערער פאַרשטייט ווי ער וויל פאַרשטיין. קיין פראַגן האָבן מער קיין שום זין. ווערטער האָבן אויך קיין זין נישט. זיי פאַרלירן אָפּט־מאָל אינגאַנצן זייער אינהאַלט, ווערן אַנטווערטיקט ווי געלט, וואָס האָט נישט קיין דעקונג.

דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט. דער בלויער זומערדיקער בין־השמשות האָט אַריינגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער. ס'האָט מאַרעקן דערמאָנט, אַז אַנעט איז געקומען מיט דער באַן, געשלעפּט זיך כמעט אַנדערהאַלבן מעת לעת. זי דאַרף זיין הונגעריק און מיד.

קלאָד האָט געטראָפן די מאַמע ביים געדעקטן טיש. זיין שמחה האָט אויסגעבראָכן ווי אַ ווולקאַן. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף איר, אַריינגענומען זי אין זיינע פעסטע, יונגע אָרעמס און אויפגעהויבן אין דער הויך. מאַ־רעק האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער, פאַרצויגן די קאָטאַרן. קלאָד האָט געיובלט:

— כ'האָב געוווּסט, אַז מיין מאַמע וועט צוריקקומען! ס'איז מיין

מאַמע! גערעטן אין מיר! זי וועט זיך נישט דערשרעקן פאַר די מנובלים. מ'האָט זיי אין דר'ערד!

מאַרעק האָט עטלעכע מאָל אַרויפגעלייגט די פינגער אויפן מויל, געבעטן זיך מיט די אויגן ער זאָל זיך איינשטילן און לסוף אויסגעשריִען:

— הער אויף! אַ יאַריד געמאַכט אין שטוב!

ער האָט דערפילט די נערוועזיטעט אין זײַן שטימע און פאַרבע־סערט:

— וואָלסט ליבערשט זיך פאַרנומען מיט דער מאַמען ווי אַרומגיע־שפּרונגען.

יורעק איז געקומען שפּעט. אויף צומאָרגנס, ווען מאַרעק און קלאָד זענען אַרויס פון שטוב, איז ער אַרײַן צו דער מאַמען מיט אַ ברייטן, סקעפּטישן שמייכל. ער האָט זיך געפרייט, אָבער די פרייד איז געווען ווי אַ זומערדיקער טאָג מיט אַ פאַרוואָלקנטן הימל.

— אַזאַ סיורפּריז! אַזאַ סיורפּריז!

— אַ גוטער צי אַ שלעכטער?

— פאַרשטייט זיך אַ גוטער...

— זאָגסט דאָס מיט אַ טאָן פון אַ סקעפּטיקער.

— איך האָב מסתמא שטענדיק אַזאַ טאָן. אַז מען פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפט איז מען גענויגט צו זײַן אַ סקעפּטיקער. אָן סקעפּטיציזם נישטאָ קיין... נאָר אַזעלכע ווי זיי, די באַלעבאַטים, זענען שטענדיק אין אַלץ זיכער. און אפשר זענען זיי אויך נישט זיכער, נאָר גיבן זיך צו זיכערקייט אין דער מיאוסער שפּיל זייערער. נו, זאָג מאַ, פאַריז איז שיין? שענער ווי וואַרשע? גרעסער אויך? ס'וועט נאָך לאַנג נעמען ביז דער פאַר־פוילטער קאַפּיטאַליזם וועט אינגאַנצן פאַרפוילט ווערן? דער קלאַסן־באַ־וווסטזײַן פון אַרבעטער־קלאַס שטײַגט אַ ביסל?

— קענסט גוט אויף אויסנווייניק דעם קאַטעכיזם.

— מ'האָט אַזוי פיל יאָרן מיט אונדז אײַנגעחזרט, זאָל איך נישט קענען? אַפילו מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ האָט מען זיך אויך געקאָנט עפּעס אויסלערנען, בפרט ווען ס'איז בלויז נייטיק איבערצוחזרן.

— מײַן דערוואַקסענער זון איז נאָך וויציקער געוואָרן.

— גוט וואָס דו האָלסט מיך שוין פאַר אַ דערוואַקסענעם, מיך,

קלאָדן. האָסט געציטערט איבער אונדז, געלאָזן נעבעך די קינדער. דו מעסט אונדז, מאַ, מיט דײַן עמפינדלעכער מאָס. מיר זענען פאַרהאַרטעוועט, מיר זענען פון אײַזן, פון שטאָל. מיר האָבן שטאַרקע נערוון און שלאָפן געשמאַק אַפילו, ווען די קראָען קראַקען הויך און קלאַפּן מיט די שנאָבלען. ס'וועט זיי מ'אויס ווערן צו קראַקען. שרײַערס ווערן סוף כל סוף הייזעריק און פאַרמאַכן דעם פּיסק.

— האָב איך דאָך גוט געטאָן, וואָס כ'האָב זיך נישט דערשראָקן פאַר דער קראַקערײַ און דווקא איצט געקומען.

— כ'וואָלט געוואָלט, מאַ, ס'זאָל אַזוי זײַן. אויב ביסטו געקומען אונדז נעמען אונטער דײַנע פליגלען, וואָלט נישט גוט געווען. נישט דו אונדז, נאָר מיר דיך דאַרפן באַשיצן.

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, ווי בײַם לייזן אַ שווערן מאַטעמאַטישן פּראָבלעם.

— ווייסט, מאַ, וואָס מײַן עצה איז? זאָלסט אומבאַדינגט נישט גיין אויף קיין פּאַרטייִשער פאַרזאַמלונג. ביסט קראַנק און פאַרטיק! אַ סך מענטשן נעמען אַ צײַגעניש פון אַ דאָקטער. דו ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך דאָרט. ס'איז הימל און ערד און ציוניזם. ציוניסטישע פאַרשווערונגען. מ'נעמט יעדערן, וואָס מ'האַלט פאַר אַ ייִד אויפן צימבל. מײַנע חברים זענען מיך מקנא וואָס איך בין נישט קיין פאַרטייִשער. זיי דערציילן מיר אויסטערלישע זאַכן. זיצונגען ציִען זיך זעקס, אַכט שעה און מערער. מען זוכט ציוניסטישע אײַנפלוסן, ציוניסטישע קאָנטראַבאַנדע, מען רעכנט זיך אָפּ מיט „אַנטדעקטע" ציוניסטן, מען זוכט די „אויסבאַהאַלטענע". אַן אמתע אינקוויזיציע, אַ מאָדערנע, מיט מער היפּאָקריזיע. איך דערצייל דיר דאָס דיך צו פאַרהיטן. דו וועסט דאָס שלעכט איבערטראָגן. טאָרסט נישט גיין אויף קיין פאַרטייִשע זיצונג נישט אַרײַנצופאַלן אין זייערע גראָבע לאַפּעס. ביסט געקומען קראַנק און פאַרטיק.

— איך דאַרף נישט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ קראַנקער, איך וועל סײַווי נישט גיין.

— וועט נישט טויגן. זיי וועלן זיך נעמען צו דיר אַפילו, ווען וועסט זיצן אין שטוב. דאַרפסט אַרויספאָרן אויף אָפּרו, לויט אַן עצה פון אַ דאָקטער.

— נישט איך מוז זיך אויסבאַהאַלטן און נישט איך מוז גיין צו זיי...
זי האָט מיסטעריעז געשמייכלט, האָט אויסגעזאָגט דעם סוד:

— כ׳האָב זיך פריִער באַוואָרנט. כ׳האָב געהאַט אַ בייזן חלום, און אפשר אַ גוטן... מײַן טויטע באָבע איז געקומען בײַנאַכט און געוואָרנט מיך איך זאָל אַרויס פון דער פּאַרטיי. כ׳האָב געפאָלגט. קיינער ווייסט נישט, אויסער זיי דאָרט.

— דער טאַטע ווייסט אויך נישט?

— אויך נישט. געמאַכט דאָס שטיקל אַרבעט פאַרן אַוועקפאָרן. דעם זעלבן טאָג, אײַנדערפרי. נישט געשיקט די פּאַרטיי־קאַרטע דורך פּאָסט, ווי אַנדערע טוען, אַליין אַוועקגעטראָגן, אָפּגעגעבן זי דעם פּאַרטיי־סעקרע־טאַר און געבעטן מיר נישט שטעלן קיין פראַגן, איך וועל נישט ענטפערן. ער האָט פאַרשטאַנען. ווען נישט איר, וואָלט איך דאָס געמאַכט אַנדערש און פון לאַנג. געמוזט פּטור ווערן פון דעם משולחת, כ׳מיין פון דער פּאַרטיי־קאַרטע, וואָס האָט מיר געבריט די פינגער. ס׳איז מיר אַראָפּ־געפאַלן אַ שווערע משא פון האַרץ.

— מאַ, ביסט אַן אויסערגעוויינלעכער דיפּלאָמאַט.

— דאָס מאָל געווען אַ דיפּלאָמאַט, דאָס איינציקע מאָל.

— אויב אַזוי איז אַל רײַט, דער דזשונגל איז אין דער פּאַרטיי, דאָרט באַפאַלט מען.

— כ׳האָב מורא, אַז ס׳איז גענוג וואָס ביסט אַ ייִד, אַז דער דזשונגל זאָל דיך דערגרייכן.

— מאַ, צוואָס ביסטו געקומען?

— אײַך צו העלפן אַרויסצוגיין פון דזשונגל.

— ביסט אַ שלעכטער סטראַטעג, האָסט אויסגעקליבן אַ שלעכטע שעה. בעסער וועגן דײַנע פּלענער איצט נישט צו רעדן. ווייסט, מאַ, וואָס מען טוט, ווען אַ הונט הייבט אָן שטאַרק בילן? מען מאַכט זיך נישט ווי־סנדיק, מען בלײַבט שטיין רויִק. זעט ער, אַז דו הייבסט אָן אַנטלויפן, באַפאַלט ער דיך, קאָן אָנהייבן בײַסן.

און אַז ער וועט אויפהערן בילן, וועסטו גרייט זײַן צו אַנטלויפן?

— צוואָס וועט מען דאַרפן אַנטלויפן, אויב ס׳וועט קיינער נישט

בילן? מאַ, זײַ נישט ברוגז, מיטן טאַטן רעד איך נישט אַזוי, מיט דיר קאָן איך זיך דערלויבן אויף אַ שפּאַס.

— ווי אַזוי איז דעם טאַטן דורכגעגאַנגען די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג? מ׳האָט אים אויך גענומען אויפן צימבל? מ׳האָט מסתמא געזוכט בײַ אים ציוניסטישע פאַרבינדונגען, אויסגעפרעגט אויפן אַפּיקורסישן ווײַב.

— האָסט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז אַ צרה קומט אַמאָל צונויף. דער טאַטע איז אויף אַן אמת קראַנק געווען. געווען פיר וואָכן אין שפּיטאָל. אירענע האָט אָװעקגעטראָגן די צײַגעניש פון שפּיטאָל אין זײַן פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. זי האָט זיך מיטן טאַטן נישט ערגער פאַרנומען ווי דו אַליין וואָלסט דאָס געטאָן. דאָס האָט אויך זי דערליידיקט די „היימישע פּאַסט״. שרײַבן דיר וועגן זײַן קראַנקייט האָט דער טאַטע פאַרבאָטן. אירענע האָט צוגעהיט מ׳זאָל האַלטן וואָרט. זי האָט קלאָדן נישט איין מאָל אָפּגעווישט די נאָז צוליבן טאַטן. אין אינסטיטוט האָט אַ פרײַנדין געזאָגט אירענען, אַז זי האָט צוויי פּעטישן — פיזיק און מיך. איך זאָג, אַז זי האָט דרײַ פּעטישן.

— און צעלינע?

— זי איז געראָטן אין קלאָדן. פאַרקאָכט אין פּאָליטיק ווי ער, אַ גאַנצע מאַכערקע אויפן אוניווערסיטעט. זיי וועט שוין גאָרנישט העלפן דאָס רעדן, ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רייד, נאָר דיר, מאַ, וואָרן איך צו זײַן פאַרזיכטיק. גיי אויך נישט דאָרט, צו דײַנע יידן. ס׳איז דאָרט גאָרנישט פריילעך. אַ צעטומלעניש. מ׳האָט מורא צו גיין צו זיי.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? האָסט אפשר אָנגעהויבן צו קומען אַהין?

— מײַן פּוס איז נאָך דאָרט נישט געווען. מען דאַרף נישט זײַן אין טעפּל צו וויסן וואָס פאַראַ געקעכץ עס קאָכט זיך אין אים.

ער האָט שעלמיש געוווּנקען.

— כ׳האָב מײַנע דעטעקטיוון. מײַנע עטלעכע יידישע סטודענטן קומען דאָרט אַרײַן אין קלוב. אַזאַ קלוב דאָרט פאַראַן, זיי רופן אים „באַבעל־קלוב״. מײַנער אַ סטודענט האָט געהאַט דערציילט וועגן אַ רעפעראַט פון פּראָפעסאָר גלאָבוס. זיי אָרדענען אײַן אַזעלכע אָוונטן. האָבן זיי אים אויך אײַנגעלאָדן. געווען אַ פול געפּאַקטער זאַל יונגוואַרג. ער האָט גע־

רעדט אויף דער טעמע: „די באַדײַטונג פון סאָציאָלאָגיע אין אַ סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט". ס'איז געווען נאָך פאַר דעם ציוניסטישן יאַריד...

אַנעט האָט פאַרחידושט געפרעגט:

— אַ ציוניסטישער יאַריד? וואָס איז דאָס אַזוינס?

— נישט פון ציוניסטן. דעם ציוניסטישן יאַריד מאַכן די פּני. יעדערער ווייסט דאָס און צום בעסטן ווייסן זיי אַליין, אַז זיי האָבן אויפ־געבלאָזן אַ ציוניסטישן באַלאָן צו קאָנען אָפּשרעקן און אַנשרעקן דעם עולם־גולם.

— און וואָס זאָגן דײַנע סטודענטן?

— איך רעד בלויז מיט איינעם וועגן דעם. כ'האָב אים געראָטן זיך אַרויסצולאָזן פון דעם געשעפט, זאָל ער אַהין נישט קריכן. פּראָפעסאָר גלאָבוס וועט זיך אַרויסדרייען. ער ווייסט ווי אַזוי מען דרייט זיך אַרײַן און ווי אַזוי מען דרייט זיך אַרויס. מ'האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ פאַרברענטער ציוניסט, אַ פירער פון די ציוניסטישע סטודענטן, געשאָטן פעך און שוועבל אויף די קאָמוניסטן. בעת דער מלחמה האָט ער זיך געראַטעוועט קיין ראַטנפאַרבאַנד, געמאַכט דאָרט זײַן דאָקטאָראַט אויף אַ סטאַליניסטישער טעזע וועגן פילאָזאָפיע און געוואָרן אַ פאַרברענטער קאָמוניסט. דערנאָך האָט ער לײַכט דערגרייכט דעם טיטל פּראָפעסאָר. אַזוי פון שטאַפּל צו שטאַפּל. נאָך דער „אָדליגע" האָט ער אויך אויפגע־טײַטשט. אַ קנאַפּן יאָר נאָכן פוילישן אָקטאָבער איז דערשינען זײַן ביכל „קאָמוניזם און פרײַהייט". ווען גאָמולקאַ האָט צוריק צוגעשרויפט די שרויף, האָט ער פון זײַן קאַטעדרע אָנגעהויבן אַ ביסל אַנדערש צו דר־שענען. אויב מ'וועט זיך איצט צו אים אַ נעם טאָן, וועט ער זיך מסתּמא אויך אַרויסדרייען. מײַן סטודענט וועט זיך נישט אַרויסדרייען. ער איז אַ זון פון אַ קאָאָפּעראַטיוו־שנײַדער און איז אַזוי נאַיִוו און אומבאַהאָלפן ווי זײַן טאַטע, וואָס איז אַמאָל געזעסן דרײַ יאָר אין אַ פּוילישער תּפיסה פאַר קאָמוניזם און הײַנט קאָן ער נישט באַקומען קיין סטיפּענדיע פאַר זײַן זון. דער טאַטע מיט דער מאַמען פאַרדינען צוזאַמען 3.500 זלאָטעס און האָבן דרײַ קינדער, ס'מאַכט אויס זיבן הונדערט זלאָטעס אויף אַ מענטש. לויט די זאַטע ביוראָקראַטן איז דאָס גענוג צום לעבן.

— מײַן דערוואַקסענער זון איז געוואָרן אַ בונטאַר. און דו זאָגסט, אַז פאַרנעמסט זיך נישט מיט פּאָליטיק.

— פּאָליטיק איז אַ זונה. און איך וויל טאַקע פאַרהיטן מײַן גוטן און נאַיִוון סטודענט ער זאָל זיך נישט לאָזן אַרײַנדרייען אין פּאָליטיק. ער וועט זיך אַליין נישט אַרויסדרייען.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגער.

— כ׳האָב געהאַט הײַנט פרי צוויי פרײַע שעה, זיי ענדיקן זיך. אַ שאָד, מאַ, וואָס איך קאָן נישט בלײַבן מיט דיר. דו דאַרפסט דאָך האָבן מענטשן און הײַנט איז צום בעסטן צו זײַן פון דער ווײַטנס. דער עיקר, מאַ, קלינג נישט צו די ייִדן דאָרט. צו קיינעמען נישט. מען הערט אונטער.

אַנעט האָט דעם זונס עצה נישט געפאָלגט.

יצחק לײַדנמאַן האָט זיך געיישובט: זאָל ער אַרויפגיין צי נישט? ער האָט זיך איבערגעלייגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און אַרויפגעגאַנגען. וואָס דען זאָל ער טאָן מיט זיך? אַרומשמאַיען זיך אין שטוב מיטן ווײַב? זוכן דעם נעכטיקן טאָג? דאָ טרעפט מען נאָך פּאָרט אַ מענטש, כאָטש ס׳איז דאָ ווי נאָך אַ לוויה.

אין ייִדישן קולטור־הויז איז שטיל. אַ טויטע שטילקייט. די אָנגע־שטעלטע לויפן נישט פון איין צימער אין אַ צווייטן ווי אַמאָל. מען זיצט בײַ די ביוראָ־טישן ווי אָפּגעשמיסענע חדר־ייִנגלעך, מען גראָבט אײַן דעם קאָפּ און מען מאַכט אָן אָנשטעל, אַז מען איז באַשעפטיקט. רײַסט זיך אַ ייִד פון ערגעץ אָפּ, קומט אַרויף, טרעט ער מיט שטילע, פּאַמעלעכע טריט. מען רעדט נישט הויך, ווי ס׳וואָלט דאָ ערגעץ געלעגן אַ טויטער. די ביבליאָטעק, דער לייען־זאַל זענען אָפן, אין בופעט קריגט מען נאָך אַ שטיקל געפילטע פיש, נאָר אַלץ גייט אָן אין דער שטיל. יצחק שלעפּט זיך פון איין שטאָק אויפן אַנדערן, שטעקט אַרײַן די נאָז דאָ, דאָרט, קיינער זעט אים נישט. בלית ברירה זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקל און באַשטעלט אַ גלעזל טיי. פּלוצלינג ווערט אים ליכטיק אין די אויגן:

— אַנעט?! משוגע מײַנע שונאים! דאָס ביסט דו? צי ס׳חלומט זיך מיר?

ער האָט אויפגעלעבט.

— דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳וועל דאָ איצט עמעצן טרעפן. מ׳זאָגט אַפילו, אַז אַ האַרץ איז אַ זייגער מיט צעבראָכענע ווײַזערס, אָבער נישקשה, אַפילו אַזאַ צעבראָכענע שברי־כלי ווי מײַן האַרץ, נאַרט אויך נישט אָפּ. נו, ס׳וועט זײַן פּאַר וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. מ׳קאָן פּאַרגעסן דאָס לשון אין מויל.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט.

— צוריקגעשמועסט, ווי נעמט עס אַ מענטש און קומט צו פליען הענדום־פּענדום? פונקט איצט? האָסט נישט געקאָנט אונטערזיצן נאָך עטלעכע חדשים? אַז עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלאַגס־רעגן און מען זיצט ערגעץ אונטער אַ דאַך, דאַרף מען האָבן געדולד, מען לויפט נישט אַהיים אונטער דונערן און בליצן, מען וואַרט צו.

— דער פּאַספּאָרט איז מיר אויסגעגאַנגען...

— האָסט נישט געקאָנט זיך באַוואָרענען מיט אַ פּאַספּאָרט אויף אַ צוויי־דרײַ יאָר, ווי אַנדערע געלערנטע מענטשן? ביסט דאָך אַ היסטאָ־ריקער. ביסט געראָטן אין מיר, אַזאַ אויסטויגער ווי איך. איך פאַל אויך אַרײַן אומעטום, וווּ מען דאַרף נישט. אוי, אַנעט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל, העלפן נישט די אַלע מעשיות. איך האָב דאָ יאָ געדאַרפט זיצן?

אַז יצחק לײַדנמאַן האָט נישט קיין מזל קאָן מען אים גלויבן. ער פאַר־זיכערט צו מאָל, אַז זײַנע צוויי נעמען פּאַסן זיך צו אים טיפּ־טאָפּ. צו 17 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער, אָבער זײַן טאַטע דער היטל־מאַכער האָט אים קיינמאָל אין קיין „שקאָלעס״ נישט געשיקט, אַפילו נישט אין קיין ישיבה. צו 13 יאָר האָט ער אים אײַנגעשפּאַנט אין דער מלאכה. אין שטוב זענען געווען זיבן קינדערלעך. דער מאַמען איז אויס־געדאַרט געוואָרן דער קאָפּ, בײַן מײַלער זאַט צו מאַכן און דאָס קליינ־וואַרג וואַקסט ווי אויף הייוון. שלאָפן קאָן מען צו צוויי־דרײַ אין אַ בעטל, אָבער אין איין פּאָר שיך וועלן קיין צוויי פּאָר פיס נישט אַרײַנגיין, פלעגט זי זאָגן. און דער טאַטע גיסט זיך אָפּ מיט שווייס בײַ דער אַרבעט, הוסט אַלע מאָל מער און היטלען גייען אַרויס פון אונטער זײַנע הענט אַלע מאָל ווייניקער. האָט מען צוגעלייגט יצחקס 13־14 יעריקע הענט און די

צאָל היטלען האָט זיך פאַרגרעסערט. אַזוי איז דאָס געווען ביז די צוויי יינגערע ברידער זענען אונטערגעוואַקסן.

ער איז שוין כמעט געווען אַ מענטש פאַר זיך, געזאָלט אינגיכן חתונה האָבן מיטן געליבטן מיידל. פיר יאָר האָבן זיי געפירט אַ הייסע ליבע. איז ער אָבער אַלע מאָל מער געווען געכאַפּט אין דער מעשה. זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער האָט מען געלייענט אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען. ער אַליין האָט זיי דעקלאַמירט מיט אַ סך פּאַטאָס. פאַר אַזעלכע מעלות טובות האָט מען אים געשיקט זיך בילדן אין שכנותדיקן לאַנד. יצחק, אַ דורשטיקער נאָך וויסן, איז געווען מלא שמחה, כאָטש ס׳איז שווער געווען צו לאָזן דעם קראַנקן טאַטן, די פאַרהאָרעוועטע מאַמע און נאָך שווערער צו שיידן זיך מיטן מיידל. אין 1935 האָט מען אים אַריבערגעפּעקלט אויף צוויי יאָר. נאָכן טערמין האָט מען אַנשטאָט אים צוריקצושיקן אין זיין געבוירן לאַנד, געשיקט ערגעץ אַנדערש. צוריק קיין פּוילן איז ער געקומען אין 1957. יצחק האָט דאָ אַלע פאַרלוירן, ער האָט אָבער נישט פאַרלוירן דעם הומאָר. פאַר אייגענע האָט ער זיך אין דער שטיל פאַרטרויט, אַז היות ער הייסט יצחק, האָט מען אים דאָרט געבראַכט צו אַן עקדה, ער גיט זיך נאָר נישט אָפּ קיין חשבון וואָסער מלאך ס׳האָט פאַרהאַלטן דעם חלף.

דעם נאָמען ליידנמאַן האָט ער דערנאָך אויך געפונען מיט וואָס אויסצוטייטשן. אַזוי ווי די מאַנסבילשע איינזאַמקייט איז איבערגעגאַנגען דאָס מעסטל, האָט ער זיך אין רעפּאַטריאַציע־הויז באַפריינדעט מיטן ערשטן בעסטן מיידל. פון דער פריינדשאַפט זענען מיט איין מאָל געקומען צוויי זין — אַ צווילינג. אויסצוהאַלטן אַ ווייב מיט צוויי קינדער האָט ער געמוזט אַרבעטן אי אַלס קאָרעקטאָר, אי אַלס מאַגאַזינער. אויף שרייבן לידער איז נישט געבליבן קיין צייט. ס׳איז פאָרט געבליבן צייט אויף זיך אַרומצואַמפּערן מיטן ווייב. ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער פאָרט זיך באַזעצן אין ישראל. האָט דאָס ווייב געזאָגט ניין. אירע קינדער וועלן דאָרט זיין ממזרים. דאָ זענען זיי יידן, ווייל זיי האָבן אַ יידישן טאַטן, אין דער יידישער מדינה וועלן זיי קיין יידן נישט זיין, ווייל זיי האָבן אַ קריסטלעכע מאַמע. צי פון די אַמפּערנישן, צי פון אויסגעמאַטערטקייט, גענוג, יצחק ליידנמאַן האָט פּלוצלינג ביי דער אַרבעט באַקומען

אַ האַרץ־שלאַג, אומפּעיק געוואָרן צו שווערער אַרבעט, באַקומען אַ פּאָר־טייִישע רענטע און געגנוג צײַט געהאַט אי אויף צו שרײַבן לידער, אי אַרײַנצוקומען אין קולטור־הויז. איצט איז ער געזעסן אַליין און געטראַכט ווי דאָס דריידל דרייט זיך הין און צוריק. אַ גוטער מלאך האָט אים צוגע־שיקט אַנעטן, מיט איר איז ער בײַ זיך.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? דאָס אַלץ איז שוין אַ לעבעדי־קער בר־מינן, ער הייבט אָן שטינקען. וואָס פריִער מען וועט אים מקבר זײַן, אַלץ בעסער פאַר אונדז. מען קוויקט זיך מיט חלשות־טראָפּנס, ס׳וועט אַריבערגיין. דו ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך. אַ דעקלאַראַציע דאַרפן זיי צושטעלן קעגן דער ישראלדיקער אַגרעסיע...

ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער, אַנעט האָט געדאַרפט צונויגן דאָס אויער.

— מלכות דריקט, פאָדערט, דראָט. מען האַלט אין איין איבעררע־דאַגירן די דעקלאַראַציע. די דעקלאַראַציע וועט אַזוי העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. מ׳האָט שוין סײַווי פאַרמאַכט אַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, די קינדער־קאָלאָניעס, די „אָרט״־שולן, מ׳האָט ווידער פאַריאָגט דעם „דזשאָינט״, וואָס האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט מיליאָנען. ער איז שוין ווידער אַן אַגענט פון אימפּעריאַליזם. וואָס קאָן מען אַלץ נישט אײַנרעדן דעם עולם־גולם. אַפילו אַ קינד אין בויך, אויפן הימל אַ יאַריד. כ׳זאָג דיר, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן, וועט גיין אַ גאַנג. מײַן צוויִיט ביכל לידער וועט שוין נישט האָבן די זכיה צו דערזען דאָ די ליכטיקע שײַן. הלוואַי זאָל איך זײַן אַ פאַלשער נביא, ס׳איז אויס מיטן פאַרלאַג. דער זאַץ פון עטלעכע אויסגעזעצטע ביכער שוין צעוואָרפן. אַ פײַג וועט זיי העלפן די דעקלאַ־ראַציע: ס׳וועט זײַן אי פאַרפוילטע פיש געגעסן, אי פון שטאָט אַרויסגע־טריבן. עטלעכע שטעלן זיך קעגן, אַנדערע מאַכן אין די הויזן. דער וואָס לעקט זיי די שטיוול, דו ווייסט ווער, ער האַלט אין איין לויפן אַהין. וואָס מען זאָגט אים איז תורת־לאָקשן, ער אַרבעט מעשים. פאַר יעדעס מאָל באַקט ער אָפּ אַן אַנדערן, קײַלעכדיקן ליגן. אַ ליגן פון זײַן מויל קומט אַרויס געטאָקט. שטעל זיי צו אַ דעקלאַראַציע, אַזוי ווי זיי ווילן און ס׳וועט אַלץ זײַן וווּיל און גוט. איך זאָג דיר, ס׳טוט זיך אויף טיש און אויף בענק.

ער האָט צו איר אַ ווונק געטאָן, ווען ס׳האָט זיך עמעצער באַוויזן.

— קום, דאָרט איז קילער, איך פאַרטראָג נישט די ריחות פון בופעט...

ער איז אַרײַן נאָך איר אין טעלעוויזיע־צימער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

— מען ווייסט נישט פאַר וועמען זיך אויסצוהיטן, פאַר אַ מענטש אָדער פאַרן אונטערהערער. מיינסט, אַז דאָ איז זיכער? אויב זיי האָבן ערגעץ פאַרלייגט אַ צאַצקעלע און הערן אונטער, איז דאָ אויך. איך פײַף אויף דעם, מ׳האָט מיך צו אַלץ צוגעוווינט, נאָר די קינדער. איצט זעט מײַן פראַנקע די צרה, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט. מ׳האָט געקאָנט זײַן אין ישראל. איצט באַדויערט זי. זאָג, דו ביסט דאָך אַ וועלט־מענטש, מ׳וועט קאָנען זיך איבערפּעקלען? און אפשר וואָלט מען אַרויסגעשיקט אַן אַפּעל צו די שוועסטער־פּאַרטייען זיי זאָלן זיך אָננעמען אונדזער קריוודע? לאַכסט, אַז אָך און ווי צו אונדזער געלעכטער. דוכט מיר, אַז קיין צווייטע רעהאַביליטאַציע וועל איך נישט דערלעבן, ווי מיינסטו?

די טיר האָט אַ לײַכטן סקריפּ געטאָן, אַ קאָפּ האָט זיך אַרײַנגערוקט.

— קום אַרײַן!

איצל בער, דער צושנײַדער פון קאָאָפּעראַטיוו „ספּאָלעם״, יצחקס ידיד, האָט אים געפאָלגט און אַרײַן מיט קעצישע טריט און צעטראָגענע אויגן.

— וואָס אַזוי אויסבאַהאַלטן אין אַ ווינקל? איר מיינט מ׳וועט אײַך דאָ נישט געפינען?

— וואָס אַזוי אויסבאַהאַלטן? איך מיט דער־אָ דאַמע גרייטן אין געהיים אַן אַגרעסיע קעגן די פּראָגרעסיווע אַראַבישע לענדער. ממתקים האָבן מיר פון די דאָלאַרן, וואָס יעדער ייִד באַקומט פון „דזשאָינט״. אפשר גייסטו אַרײַן אין דער ספּולקע? דײַן „ספּאָלעם״ וועט שוין סײַווי לאַנג נישט אָנהאַלטן, קיין שטאָפּן פון „דזשאָינט״ וועט איר שוין נישט האָבן, אין בעסטן פאַל וועט איר פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע. נו, ס׳איז געמאַכט?

איצל האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

— געפונען אַן אָרט ווו צו מאַכן וויצן. מ׳האָט ווייניק מיט דיר גע־

לערנט בלק? באַלד זענען אַרײַנגעקומען דרײַ פֿאַרשוינען, נײַע פּנימער, געזעצט זיך פֿרעסן געפֿילטע פֿיש.

— מסתמא די פֿון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע. זיי זיצן שוין דאָ שייגע טעלעכע חדשים, קאָנטראָלירן די ייִדישע פֿינאַנצן, האָרעווען נעבעך שווער, דערכאַפּן זיי זיך דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל ייִדישע פֿיש.

— די, צי אַנדערע, ס'איז בעסער זיי נישט צו זײַן אויף די אויגן.

ער האָט זיך געזעגנט און אַוועק. אַנעט און יצחק האָבן זיך אויך אָפּגעטראָגן.

דער זומער איז אַ הייסער, אויף ייִדישע געמיטער איז פּראַקטיש קאַלט. דער פּוילישער „אוגערקע סעזאָן" האָט אײַנגעשטילט דעם יאַריד. די יאַרידניקעס זענען זיך צעפֿאָרן אויף אָפּרו, געלאָזן נאָך זיך אַ שלעכטן ריח. ייִדן זענען אויך געפֿאָרן אויף וואַקאַציעס, ווו ס'האָט נאָר ווער געקאָנט, אַבי אַנטלויפֿן און אויסטשוכען זיך פֿון טשאַד, וואָס האָט זינט לאַנגע חדשים געזעצט ווי פֿון אַן אַלטמאָדישן אויוון מיט אַ פֿאַרשטאָפּטן קוימען.

דאָס ייִדישע אָפּרו־הויז פּלאַצט שיער נישט. מ'האָט אַרײַנגעשטופּט מער פּענסיאָנערן, ווי ס'קאָן אַרײַננעמען. עמך שער און אײַזן און אינטעליגענץ, מענטשן, וואָס האָבן זעלטן ווען אַרײַנגעשמעקט אַהער, האָבן געוואָלט זײַן צווישן אייגענע. די פֿון פּראָווינץ, די צוממיינסטן צעטומלטע האָבן דאָ געזוכט אַ שטיקל מקום מקלט, געטוליעט זיך איינע צו די אַנדערע, ווי צעפּלאָשעטע, אויסגענעצטע פֿייגל בעת אַ שטורעם־רעגן.

אין גרויסן עס־זאַל רוישט עס שוין נישט ווי אַמאָל. מענטשן זיצן בײַ די פּירקאַנטיקע טישלעך מיט די אויגן פֿאַרקוקט אין די טעלערס. מען רעדט שטיל, נישט קוקנדיק איינע אויף די אַנדערע, ווי פֿאַרשעמטע, וואָס קוקן זיך נישט אין די אויגן. אין די ווינקלען פֿון גרויסן זאַל, אין פּאַרק קלײַבן זיך בינטלעך באַקאַנטע. מען גיט זיך איבער די נײַעסן מיט שעפּטשענדיקע ליפּן, מען וויל זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרץ און אַליין זיך עפּעס דערוויסן. מען פֿרעגט, דערציילט, מען מאַכט השערות, מען זוכט עפּעס פֿאַרויסצוזען, ווי מען וואָלט פּלוצלינג אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין אַ

תפיסה און מען וויל דערגיין ווי לאַנג דאָס אַרײַנשטופּעניש וועט דויערן. וועט זיך די טיר פון דער תפיסה עפענען?

אַנעט האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ זונטיק. זי דאַרף פּילן מיט אַלע חושים דעם ברענענדיקן אָטעם פון דער נײַעסטער יידישער געשיכטע אויף דער פּוילישער ערד. געשיכטע שטאַמט פון וואָרט געשעענישן. זי דאַרף זײַן אַן עדות, פאַררעגיסטרירן די געשעענישן. זי האָט שוין אײַנגעאָטעמט אין אירע לונגען אַזוי פיל גיפטיקע לופט און זי דאַרף זיך נאָך אָנשמעקן מיט נײַע פאַרפעסטעטע ריחות.

די ערשטע באַגעגעניש דאָ איז געווען מיט דער אַקטריסע דינה אַדאַמאָוויטש, זי איז איר אַנטקעגנגעקומען, ווען זי איז אַרײַן אין פּאַרק.

דינה איז אַלט און קראַנק און אַליין אויף דער וועלט. דער מאַן, דער 78 יאָריקער מאָלער האָט מיט אַ יאָר צוריק זיך צעשיידט מיט דער וועלט. די 75-יאָריקע דינה, די אַמאָליקע פּרימאַדאָנע־זינגערין האָט אויף עטלעכע וואָכן פאַרלוירן דאָס לשון. פון אַ מוח־אויסגוס. נאָך פינף חדשים האָט מען זי געבראַכט אַהער. זינט דעמאָלט לעבט זי אין אַפּרו־הויז. פּלוצלינג האָט זיך בײַ דינהן אָפּגערופן די שרעק פון געטאָ. זי הערט נישט קיין ראַדיאָ, לייענט נישט קיין צײַטונגען, זי לייענט אָבער אין די אויגן, אין די פּנימער פון מענטשן, זי ווייסט, אַז מען היט זיך פאַר איר מיט אַ וואָרט. דאָס דערמאָנט איר ווי זי האָט זיך אַליין אין געטאָ אויסגעהיטן פאַר איר אַלטער מאַמען, וואָס איז געווען צוגעשמידט צום בעט. זי פלעגט אַפּנאַרן, ווען די מאַמע האָט מיט די לעצטע כּוחות אויסגעפרעגט וועגן די געטאָ־נײַעסן. זי וויל נישט מען זאָל זי אַזוי אָפּנאַרן. מיט דער פאַרשטאַרקטער ראיה מיט וועלכער די עלטער מאַכט זען פון דער ווײַטנס, האָט זי דערזען אַנעטן אָנקומען. די לאַנגע, זילבערנע האָר צעפּלאָשעט, די וואָסערדיקע אויגן אַרויסגעזעצט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון די אויגן־לעכער, דאָס מויל צעקרימט, איז זי אויף די וואַקלענדיקע פיס, אונטערטאַנצנדיק קאָמיש, צוגעלאָפן צו אַנעטן, אַרויפגעפאַלן אויף איר מיט אַ שלוכץ:

— זאָג דו מיר דעם אמת, נאָר מיך נישט אָפּ, ס׳האַלט שלעכט, האָ? מ׳וועט ווידער עפּעס אָפּטאָן מיט אונדז. זאָג, זאָג, איך וויל וויסן דעם

אמת, איך מוז פריִער אַרויפשטעלן די מצבה, כ'קאָן דודן נישט לאָזן אָן אַ מצבה.

די מצבה איז שוין לאַנג פאַרטיק געווען. דאָס אַרויפשטעלן זי אויף איר מאַנס קבר האָט מען אָפּגעלייגט. נישט דער קאָפּ איז הערצו, נישט די צײַט איז אַ פּאַסיקע. ווער ווייסט אין וואָס מען קאָן חושד זײַן, ווען אַן עולם ייִדן וועלן זיך צונויפקלײַבן שטעלן אַ מצבה. דינה וויל פון גאָר־נישט וויסן. זי האַלט חשבון. פּונקט צום יאָר האָט מען געזאָלט אַרויפּ־שטעלן די מצבה. זי זעט אין אַלעמענס אויגן, אַז ס'האַלט שלעכט. מ'וועט נאָך מאַכן אַ געטאָ, דעמאָלט איז אויס מיטן פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן. און זי טאָר נישט לאָזן איר דודן אָן אַ מצבה.

די מצבה האָט מען געשטעלט סוף זומער. קיין מעלדונג אין דער צײַטונג איז דערוועגן נישט געווען. אַ קלײנער עולם, די נאָענטסטע פרײַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן גענשער בית־עולם, געלייגט בײַ דער מצבה בינטלעך בלומען און אָנגעצונדן עטלעכע ליכט. דינה, די אַמאָ־ליקע פּרימאַדאָנע־זינגערין, איז שוין דערבײַ נישט געווען. אַ וואָך פריִער האָט זי אויסגעהויכט די נשמה אין אַ שפּיטאָל. אין איר באַוווסטלאָזיקייט האָט זי געפּלאַפּלט וועגן אַ נײַעם געטאָ און וועגן דודס קבר, וואָס וועט בלײַבן אָן אַ מצבה.

אַ סך וואַסער איז אָפּגעפלאָסן אין דער ווײַסל זינט אַנעט האָט דאָס לעצטע מאָל געזען די לערערינס רבקה און צפּורהקע. ס'איז געווען אויף אַ פעסטיוואַל פון דראַמאַטישע קרײַזן פון די ייִדישע שולן. רבקה האָט דעמאָלט געשײַנט פון נחת. דער ייִדישער געזאַנג, די טענץ, דאָס קינסט־לערישע ייִדישע וואָרט, וואָס האָט פריידיק געקלונגען אין די מײַלער פון די קינדער, זענען געווען אַ באַלוינונג פאַר איר האָרעוואַניע. די גע־וועזענע לערערין צפּורהקע איז געשטאַנען פונדערווײַטנס ווי אַ פאַרשעמ־טע און זיך שטילערהייט מיטגעפרייט. אין ייִדישן אָפּרו־הויז זענען זיי געקומען ווי אַנטלאָפענע פייגל פון אַ באַדראָטער נעסט, וואָס אָט־אָט וועט זי צעשטערט. זיי זענען געקומען פון ווײַטן שלעזיע, ווו די ערד האָט שטאַרקער, ווי ערגעץ אַנדערש, זיך אַ וואַקל געטאָן אונטער ייִדישע פיס.

— דו ווייסט, ייִדן פילן זיך אין ייִדישן נידערשלעזיע ווי בעת אַן ערדציטערניש, האָט איר רבקה געזאָגט. — וואָלסט נישט דערקענט די נידערשלעזישע צעזונגענע ייִדישע שטעטלעך פון די צײַטן, ווען דו ביסט דאָרטן געווען.

צפורהקע האָט צוגעגעבן:

— דאָס ייִדישע שלעזיע קאָן ווידער אַמאָל ווערן יודן־ריין, ווי דאָס איז שוין אַ סך מאָל געשען. אויב מ׳וואָלט נאָר אַרויסגעלאָזט...

שלעזיע. נידערשלעזיע. בײַ אַנעטן דער היסטאָריקערין האָבן די נע־מען אַרויסגערופן אַן אַ שיער דערמאָנונגען. אין דמיון האָבן אויפגעטויכט גאָר אַלטע און נײַע געשעענישן. דאָרט, אויף די מערבדיקע געביטן פון פוילן האָבן ייִדן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אינעם באַגינען פון פוי־לישן ייִדנטום. זיי זענען אָנגעקומען קיין שלעזיע אַ סך פריִער פון די דײַטשע קאָלאָניסטן. דאָ, אין פוילן־לאַנד, בײַ די ראַנד־גרענעצן פון דײַטשלאַנד און טשעכיע זענען אַנטשטאַנען באַדײַטנדיקע צו יענער צײַט ייִדישע ישובים. אין דער נידערשלעזישער הויפּטשטאָט וראָצלאַוו, אין די שטעטלעך ליגניצע, שווידניק, הזשערזשאָניוו, קלאָצקאָ זענען געווען אײַנגעפונדעוועטע ייִדישע קהילות שוין אין עלפטן און אין צוועלפטן יאָרהונדערט. ייִדן האָבן מיט דער העכערער קולטור, וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט, אײַנגעפירט נײַע מעטאָדן פון באַאַרבעטן די ערד, זיי זענען געווען ערד־אַרבעטער און גוטבאַזיצער אויף ברייטע לאַטיפונדיעס, האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאכה און האַנדל. אָבער אויך די ערשטע גרויסע רדיפות אויף ייִדן אין פוילן האָבן זיך אָנגעהויבן אין נידערשלעזיע, אין פערצנטן יאָרהונדערט. אין 1319 איז אין וראָצלאַוו אויסגעבראָכן אַ שריפה. ווער דען האָט געזאָלט שולדיק זײַן אויב נישט די ייִדן? זיי זאָלן דאָס האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט, כאָטש זיי גופא האָבן נישט ווייניקער געליטן פון דער שריפה, ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג. מ׳האָט זיי אַלס שטראָף פאַרן נישט באַגאַנגענעם פאַרברעכן אַרויסגעטריבן פון דער דאָר־טיקער הויפּטשטאָט. די ייִדן זענען שפּעטער, ווען מ׳האָט זיך ווידער גענויטיקט אין זיי, צוריקגעקומען קיין וראָצלאַוו, צוריק אויפגעבויט אַ ייִדישן ישוב. דורך יאָרהונדערטער איז דער ייִדישער גורל אין שלעזיע געלעגן אויף דער וואָגשאָל, געוויגן זיך צווישן צוויי פּײַנטלעכע לענדער.

די היטלער־ממשלה האָט געגצלעך אָפּגעווישט דאָס ייִדישע געביין אין שלעזיע.

נאָך דער לאַנגער היטלער־נאַכט האָט דער קאַפּריזנער ייִדישער גורל ווידער פאַרוואָרפן ייִדישע וואַנדערער, די שארית הרוגה, אויף דער שלעזישער ערד. ווידער זענען זיי בויטיק געווען צו באַפרוכפּערן מיט זייער שווייס די פאַרלאָזענע און פאַרוויסטע נידער־שלעזישע ערד, צו באַפעלקערן די פאַרלאָזטע דורך די דײַטשן שטעט און שטעטלעך. וויפל טינט האָט מען דאָס פאַרנוצט אויסצודריקן די מורא, אַז בשכנות מיט דער היטלעריסטישער שלאַנגען־נעסט זאָל מען אָנהייבן בויען אַ ייִדישע היים. און וויפל האָפענונגען זענען עס פאַרבונדן געווען מיט דער נײַער היים! אין נידערשלעזיע איז געשען דער גרויסער נס פון ייִדישן ווידערגעבורט. אין נידערשלעזישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך צעזונגען און צעקלונגען דאָס ייִדישע לשון אין קינדער־שולן, קלובן, טעאַטערס, בײַ דער אַרבעט און אין שטוב, אין די מײַלער פון יונג און אַלט.

ייִדיש נידערשלעזיע, מ׳האָט זיך געטרייסט און געגרויסט מיט דיר.

ייִדיש נידערשלעזיע, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט פילן זיך ייִדן דאָ ווידער ווי בעת אַן ערד־ציטערניש.

די לערערין רבקה האָט געקוקט מיט אירע גוטע אויגן אויף אַנעטן, געוואָלט זי אָפּרײַסן פון דער טריבער פאַרטראַכטקייט און צוריקפירן זי צו די צײַטן, ווען אַנעט האָט זיך בײַ איר זײַט פאַרנומען מיט לערערײַ.

— צי געדענקסטו דאָס קליינוואַרג? כ׳האָב געמיינט וועסט בלײַבן אַ לערערין.

זי האָט געדענקט ווי זי האָט זי געלערנט די מלאכה, אײַנגעלייגט וועלטן צו האָבן וואָס מער לערער.

רבקה איז אַ גאָט־געבענטשטע לערערין. פאַר דער מלחמה פלעגט די „צישאָ״ פון מאָל צו מאָל זי אַריבערוואַרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, דאָרט וווּ מ׳האָט געדאַרפט אונטערשטעלן אַ פּלייצע. אין וואַרשעווער געטאָ האָט זי אָרגאַניזירט געהיימע ייִדישע שולן, קורסן, מיטגעאַרבעט מיטן „צענטאָס״, מיט לײַב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דעם געטאָ־קינד. נאָך דער מלחמה האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט אויפצושטעלן אַ נעץ ייִדישע שולן דאָרטן, וווּ ייִדן האָבן זיך צוזאַמענגעסטן באַזעצט, אין נידערשלעזיע. די

לערערין רבקה האָט קיינמאָל נישט געהערט צו דער פּאַרטיי, נישט גע־וואָלט הערן און געדענקען וועגן געבן איר אָנגעהעריקייט. ווען מ׳איז צוגעשטאַנען צו איר האָט זי געענטפערט: „מײַן פּאַרטיי זענען יידישע קינדער, יידישע שולן".

צפּורהקע, די איינציקע, וואָס איז איר פאַרבליבן פון דער אַמאָלי־קער לערער־חברותא, פּלעגט קוקן אויף איר, ווי זי וואָלט נישט אָנגע־האַלטן די טריט פון דער נײַער צײַט. זי, די פּאַרטיי־טוערין, וואָס האָט זיך געראַטעוועט קיין ראַטנפאַרבאַנד און צוריקגעקומען אין אַ מונדיר פון אַ פּוילישן אונטער־אָפיציר מיט דער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, האָט זיך בלב ונפש געוואָרפן אין דער פּאַרטייִישער אַרבעט. אַ פעסטע, אַ רונ־דיקע, מיט אַ פולן פּנים, איז זי בסך הכל מיט צוויי יאָר עלטער פון דער דראָבנער רבקהן און שטענדיק אויסגעזען ווי זי וואָלט איר מאַמע געווען. אויך פירן זיך האָט זי געוואָלט ווי אַ מאַמע. ס׳איז איר געגאַנגען אין לעבן די אַמאָליקע נאָענטע שול־קאָלעגין זאָל זײַן אין דער פּאַרטיי. רבקהס אײַנגעשפּאַרטקייט האָט זי אַ ביסל דערווײַטערט פון איר. ערשט זומער 1967 האָט זי זיך אָנגעהויבן צוריק דערנענטערן. די קלעפּ, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף איר קאָפּ, האָט זי נישט געקאָנט איבערטראָגן אין איינ־זאַמקייט. זי האָט איצט געוווינט מער בײַ רבקהן ווי בײַ זיך. ס׳איז בפּי־רוש קענטיק, אַז ס׳ליגן איר שווערע שטיינער אויפן האַרץ, זי פּרוווט זיי אַראָפּוואַרפן, אויסדערציילנדיק.

— מ׳האָט מיך שוין אַרויסגערופן דרײַ מאָל. נישט נאָר מיך. אומע־טום אויף דער פּראָווינץ רופט מען אַרויס אַלטע חברים, מען שטעלט זיי קלאָץ־קשיות. עטלעכע אַלטע יידישע חברים האָבן בײַנאַכט געקריגן דראָענדיקע טעלעפאָנען. איינעם, וואָס איז פונקט געקומען פון אַ רײַזע פון ישראל, האָט מען שפּעט בײַנאַכט אויפגעוועקט און דורכן טעלעפאָן געזאָגט, אַז אויב ער האָט זיך נישט דערטרונקען אין ירדן, וועט ער זיך דערטרינקען אין דער ווײַסל. דער מענטש פאַרלאָזט נישט די שטוב, גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. מיר האָט מען נישט געקלונגען, נאָר דרײַ מאָל אַרויסגערופן, אויסגעפרעגט צי כ׳האָב משפּחה אין ישראל, צי כ׳וואָלט בעסער געוואָלט ס׳זאָל זיגן ישראל צי די אַראַבער און ענלעכע אידיאָ־טישע פראַגן.

זי האָט געוואָלט נאָך דערציילן, פאַרהאַלטן זיך און געפרעגט אַנעטן:

— דיך האָט מען אַרויסגערופן? צו דיר האָט מען דאָך שטענדיק געהאַט טענות?

אַנעט איז צופרידן געווען, וואָס איר אַרויסטרעטן פון דער פאַרטיי איז פאַרבליבן אַ סוד. זי האָט זיך אויך אָנגעשטויסן, אַז זיי ווייסן נישט וועגן איר אויפהאַלט אין פאַריז. און אַז זיי ווייסן נישט, דאַרף מען נישט דערציילן, כאָטש איר איז נישט לײַכט אויסצובאַהאַלטן. וואָלט רבקה אַליין געווען, וואָלט זי זיך געפילט פרײַער. פּלוצלינג איז איר געוואָרן פריקרע: וואָס איז צפורהקע שולדיק? האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן מ׳זאָל אָפּשאַפן דאָס שלעכטס, דאָס אומיושרדיקע. איז זי גופא דען אַמאָל נישט געווען ווי זי? זענען דען יידישע מיידלעך און יינגלעך, די בעסטע מענטשן פון אַנדערע אומות נישט אַרויפגעטראָטן אויף דעם זעלבן וועג, וואָס האָט געזאָלט פירן צו יושר און ברידערלעכקייט? אײַ, צפורהקע איז אויף דעם וועג געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן? און זי גופא איז דען לאַנג נישט געווען בלינד און טויב? זי האָט בפירוש געוואָלט זײַן מיט איר מילד, אונטערהאַלטן זי אין דער שווערער צײַט. די שטענדיקע זידעניש, דער רעוואָלט האָט אָבער גענומען די אויבערמאַכט.

— אַז איר קריכט נאָך אַלץ אויף אַלע פיר! מען רופט אײַך, גייט איר. מען נעמט אײַך אויפן פאַרהער, פאַרענטפערט איר זיך. זאָלן זיי נאָר פּרווון מיך רופן און שטעלן פראַגן, איך וואָלט זיי געענטפערט!

צפורהקע איז בלאַס געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. רבקה האָט געענטפערט פאַר איר.

— ביסט אַזאַ בריה, ווײַל מ׳האָט דיך מסתמא נישט גערופן. צי ביסטו אַמאָל נישט קראַנק געוואָרן, ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונגען קעגן ציוניזם?

— ביסט גערעכט, לערערין רבקה, האָסט איןביידע פאַלן גע־טראָפן... מיך האָט מען נישט גערופן; ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די פאַר־טיי־פאַרזאַמלונגען בין איך קראַנק געווען... כ׳בין איצט פונקט אַזאַ העלד ווי צפורהקע, נאָך אַ קלענערער, איך ציטער כסדר איבער מאַרעקן און די יינגלעך.

צפורהקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ;

— ס׳גייט דען זיך אַרויסצוווײַזן מיט העלדישקייט? מיר האָבן דאָס אַרויסגעוויזן אין דער מלחמה קעגן היטלערן. קעגן וועמען הײַנט פירן מלחמה? קעגן אייגן בלוט און פלייש? די פּאַרטיי איז געווען מײַן בלוט און פלייש.

אַנעט האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און זיך אַ ביס געטאָן אין צונג. נישט קיין צײַט אויף חשבונות, בפרט, ווען אין איר זיצט אַ דיבוק, ס׳רעדט שטענדיק אַרויס פון איר. זי האָט געוואָלט זיך פאַרענטפערן פאַר דעם, וואָס זי האָט יאָ געזאָגט און פאַר דעם, וואָס זי האָט נישט געזאָגט, אָבער געוואָלט זאָגן.

— געדענקסט, לערערין רבקה, וואָס האָסט מיר דערציילט וועגן מײַן לערער פון יידישער ליטעראַטור? ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז איך האָב אַ גוטן קאָפּ, נאָר אַ היציקן.

— ער האָט געזאָגט אַ ביסל אַנדערש: „אַ גוטער קאָפּ, נאָר אָנגע־שטאָפּט מיט פליטערלעך. דאָס מיידל איז אויף דער לבנה און נישט אויף דער ערד, וויל מיט איין טראַסק איבערמאַכן די וועלט״.

זי האָט איר נאָך געוואָלט דערמאָנען:

— זאָג דעם אמת, אַנעט, ער איז נישט געווען קיין פּאַרטיייִשער, צוליב דעם האָט ער נישט געהאַט קיין מזל בײַ דיר?

צפורהקע האָט שטילערהייט טריומפירט. אַנעט האָט געוואָלט זיך אומקערן צו יענע צײַטן, צו דער פריִער יוגנט, ס׳האָט איר אָנגענומען אַ חשק צו רעדן וועגן איר לערער:

— אפשר זאָלן מיר אלע אויפשטעלן נײַע געצעלטן בײַ מײַן לערער אין ישראל? ער וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

— איך האָב שוין נישט קיין כוח אויפצושטעלן ערגעץ אַ נײַעם גע־צעלט. חוץ דעם, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועלן זײַן יידישע קינדער אין פּוילן בלײַב איך דאָ. פאַר ערגעץ אַנדערש בין איך צו אַלט. מיר קומט שוין אַ רענטע. כ׳האָב דאָ געאַרבעט 44 יאָר. זיי וועלן מיר מײַן רענטע נישט אָפּזאָגן. פון דער פּאַרטיי קאָנען זיי מיך נישט אַרויסוואַרפן, כ׳בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

צפורהקעס פּנים האָט זיך ווידער פאַראומערט. די קנייטשן האָבן זיך אײַנגעשניטן טיפער. אַנעט האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט אירע בליקן. זי איז איצט באַפאַלן רבקהן מיט פראַגן.

— און אַז ס'וועלן קיין ייִדישע קינדער אין פּוילן נישט זײַן? מיט די ייִדישע שולן איז דען נישט פאַרענדיקט? און צי דען פון איצט? האָט מען זיי פון לאַנג נישט אַרויסגענומען דעם מאַרך פון די ביינער? האָט מען דען נישט געמאַכט פון זיי זיבט עטלעכע שיינע יאָרן אַ קאַריקאַטור? איצט איז די קאַריקאַטור פון ייִדישע שולן אויך איבעריק געוואָרן, קיין ייִדישע שולן נישטאָ, קיין ייִדישע קינדער אויך נישט, וואָס בלײַבט דאָ פאַר אַ ייִדישער לערערין?

— עס בלײַבט מיר נישט קיין סך צו לעבן, די עלטערע יאָרן וויל איך פאַרענדיקן דאָ. אַ דאַך איבערן קאָפּ האָב איך, פון וואָס צו לעבן וועל איך האָבן, איך וועל געפינען מיט וואָס אויסצופילן מײַן טאָג. כ'האָב קיינמאָל פאַר זיך קיין צײַט נישט געהאַט. איך פאַרשטיי דיך, צפּורהקען. איך בין נאָך דער מלחמה נישט געבליבן אין קאָמוניסטישן פּוילן, נאָר אין פּוילן, אין מײַן געבוירן־לאַנד. ווו וועל איך מיך איצט שלעפּן מיט מײַנע 64 יאָר, מיטן רעוומאַטיזם אין די ביינער?

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— איך רעד אַזוי ווי אָט שוין זעגען טיר און טויער אָפן, יעדערער וואָס וויל, קאָן נעמען דאָס פּעקל אויף דער פּלייצע און גיין, ווו ער וויל. ס'איז ווײַט צו דעם.

— מיינסט מ'וועט נישט אַרויסלאָזן?

אַנעט האָט געשטעלט די פראַגע מיט האַרצקלאַפּעניש. זי וואָלט דאַנקבאַר געווען רבקהן זי זאָל זאָגן, אַז יאָ. רבקה האָט פאַרשפּאָרט צו ענטפערן. דאָס גלעקל איז דערגאַנגען צו זיי אין פּאַרק. ס'האָט גערופן אויף מיטאָג. אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום הויז, האָבן זיי אָנגע־טראָפן דעם מעכאַניקער דאַווידאָוויטש, זײַן פּנים האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געהאַט בויך־ווייטיק. בייזע צינגער זאָגן וועגן אים, אַז ער זיצט אַ פינף און צוואַנציק יאָר אויף די וואַליזקעס.

דאַווידאָוויטש איז געקומען מיט דער ערשטער רעפּאַטריאַציע און נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע דאָס ווײַב מיט די צוויי קינדער. אַ יאָר צײַט האָט ער זיך געקליבן אַוועקצופאָרן. ער איז שוין כמעט גרייט געווען, ווי דער „אָרט" האָט געעפנט אין וראָצלאַוו אַ קורס פאַר מע־כאַניקער. דאַווידאָוויטשן האָט עס אַ נעם געטאָן. פאַר דער מלחמה האָט

ער געהאַט אַ שטיקל קרעמל, געווען אַ בלעכער. דאָס פּאַך האָט ער קיינ־מאָל נישט געלערנט. דערהערט, אַז מען קאָן זיך אויסלערנען אַזאַ פאַך, האָט ער אָפּגעלייגט דאָס אַוועקפאָרן. צו צוויי און דרײַסיק יאָר קאָן מען זיך נאָך עפּעס אויסלערנען מ׳זאָל נישט דאַרפן זוכן קיין לופט־געשעפטן.

ס׳האָט שוין געהאַלטן בײַם סוף, ווי ס׳איז אונטערגעקומען רייזל, אַ חנעוודיק, יונג ווײַבל. זי איז אויך צוריקגעקומען מיט די ערשטע רע־פּאַטריאַנטן, אָן דעם מאַן. און אַז מען האָט נישט קיין מאַן און נישט קיין פאַך איז נישט פריילעך. איז רייזל אָנגעקומען אין „אָרט" אויף שנײַדער־קורסן. זי האָט דאָרט געפונען אַ מאַן, אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שנײַדער־קורסן. אַז זי וועט ענדיקן, וועט מען זען. זי האָט בלויז איין יאָר. נאָכן יאָר איז געקומען די עלטערע טאָכטער. מען פאָרט נישט מיט אַ פּיצל קינד, מ׳עט צוװאַרטן. דאָס פּאָרפאָלק האָט באַקומען אַ וווינונג מיט מעבל, נאָך די דײַטשן און רייזלען האָט זיך נישט געאײַלט ווידער אַנצוהייבן אַרומוואַלגערן זיך איבער דער וועלט. אפשר האָט זיך דאַווי־דאָוויטשן אויך נישט געאײַלט? אַזוי צי אַזוי, מ׳איז נישט באַלד געפאָרן און רייזל האָט זיך ווידער געריכט אין קימפעט. ביז וואָס־ווען איז צו שפּעט געוואָרן, מ׳האָט שוין נישט אַרויסגעלאָזט.

אין 1957, ווען ס׳האָבן נאָך דער „אַדליגע" אָנגעהויבן בלאָזן קאַלטע ווינטן און ייִדן האָבן ווידער אָנגעהויבן פּאַקן די וואַליזקעס, האָט זיך דאַווידאָוויטש אויך גענומען גרייטן. איז אָבער אונטערגעקומען די מעשה מיט דער מוזיק־שול. דאָס עלטערע טעכטערל איז אַ וווּנדער־קינד, דער ליבלינג פון דעם פּראָפעסאָר, זי וועט ענדיקן די מוזיק־שול, וועט זי לײַכט באַלייגן עקזאַמענס אין קאָנסערוואַטאָריע. רייזל האָט זיך פון אָנ־הייב בלויז געוואַקלט, דערנאָך זיך אײַנגעעקשנט. פאַרוואָס זאָל מען אַ קינד פאַרשטעלן דעם וועג?

מ׳האָט ווידער אָפּגעלייגט. דערנאָך, דערנאָך... די ייִנגערע טאָכ־טער איז נישט געווען ווײַט צו דער מאַטורע; מ׳האָט שוין אַזוי לאַנג גע־וואַרט, וועט מען נאָך צוואַרטן. אין יוני האָט זי באַקומען די מאַטורע, פּונקט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיט דער ציוניסטישער אַגרע־סיע. נעם כאַפּ, לויף אָנגעבן אויף אַרויספאָרן אין אַזאַ סומאַטאָכע. מען זאָגט אַפּ ייִדן אַפילו אַ טוריסטן־פּאַספּאָרט,

די לערערין רבקה האָט באַגערט דאַווידאָוויטשן אויסצומײַדן. זײַן יינגערע טאָכטער האָט געמאַכט אין איר שולע די מאַטורע. זי האָט נישט איינמאָל גערעדט מיט רייזלען דערוועגן. זי האָט איצט מורא צו קוקן דאַווידאָוויטשן אין פּנים.

דער זונטיק נאָכמיטאָג איז אַ שטילער. מענטשן צעקריכן זיך אין די ווינקלען, ווי מײַז אין די לעכער. מען בלײַבט צווישן די אייגענע. די אויגוסט־זון האָט זיך צעפלאַמט. דער הימל ברענט, די זאַמדיקע ערד איז אָנגעגליט, דער וואַלד רופט, פאַרבעט צווישן זײַנע שאָטנס, קיין יידישע בעלנים זענען הײַנט נישטאָ. בלויז זיי זאַלבע דריט האָבן דורכגעשפּרײַזט די רעלסן און אַרײַן פריער צווישן די נאָדל־קוסטעס, דערנאָך צווישן די סאָסנע־ביימער. דער וואַלד איז אַ געדיכטער, וואָס ווײַטער אַלץ געדיכטער. די גאָלדענע זונען־שטראַלן רײַסן זיך קוים־קוים דורך די געדיכטע צווײַגן. אַהער קומען זעלטן יידישע פּאַנסיאָנערן, הײַנט קומען די זעלטענע אויך נישט.

אַנעט האָט געשפּרײַזט פאָרויס. ווו פירט זי זיי? זיי זענען פאַרקראָכן טיף אין וואַלד. די ערד דאָ איז נישט נאַקעט־טרוקן ווי צווישן די שיטערע סאָסנעס. זי איז געדיכט באַדעקט מיט וואַלד־גראָז און וואַלד־בלומען. צווישן גרין, געל און ווײַס, פינקלט דער לילאַ פון די לעוואַנדע־בלומען. זיי וואַקסן אין געדיכטע קעמפּקעס, באַשײַנען דעם וואַלדיקן באָדן. די לערערין רבקה אַנטציקט זיך הויך אויפן קול, אַנעט זאַפּט אײַן אין זיך די וואַלדיקע ריחות מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געמאַכט אײַנאָטעמונג־איבונגען. צפּורהקען גייט דער וואַלד איצט נישט אָן. זי איז פאַרזונקען אין זיך גופא, ווי זי וואָלט איצט אַרײַנגעקוקט אין די אייגענע טיפענישן. מיטאַמאָל גיט זי אַ זאָג:

— איך דערמאָן מיך איצט זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפט זײַן אַ וואָרענונג. מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען, געמיינט, אַז אַ שלעכטער צופאַל, מ׳האָט זיך געטראַכט עמעצער איז אַראָפּ פון גלײַכן וועג.

אַנעט האָט אָפּגעריסן די אויגן פון וואַלד, איר איז שווער נישט צו ענטפערן.

— האָסט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז דער וועג איז כלל נישט קיין גלײַכער?

— איך טראַכט איצט אויך נישט אַזוי. דער וועג איז אַ גוטער, נאָר מ׳גייט נישט מיט אים, זיי זענען אַרויף אויף אַ פרעמדן, פאַלשן וועג, ס׳איז נישט אונדזערער.

— ווען איז מען געגאַנגען מיט אונדזער גוטן, אויסגעטרוימטן וועג?

רבקה האָט געוואָלט אויסמיַידן אַמפערנישן. זי קען זיי בײדע. צפּורהקע וועט זיך נישט אונטערגעבן, אַנעט וועט זי פאַרדזשאָבען מיט איר לאָגיק. זי האָט זי גענומען פאַר אַ האַנט און אָפּגעצויגן אין אַ זײַט.

— קום, מיר וועלן אָנרײַסן לעוואַנדע־בלומען. געדענקסט ווי מיר האָבן זיך געהאַט פון יתומים־הויז אַרויסגעלאָזט מיט די קינדער אין וואַלד און צוריקגעקומען מיט גאַנצע שטויסן?

אַנעט האָט זיך דערמאָנט. אוי, ווי לאַנג דאָס איז שוין! יאָרהונ־דערטער!

זיי האָבן ביידע געריסן מיטן גאַנצן כוח. די לעוואַנדע־בלומען האָבן טיפע, שטאַרקע וואָרצלען. די האַרטע שטענגלעך האָבן זיך אײַנגעשניטן אין די הענט. רבקה איז געבליבן הינטערשטעליק, אָנגעריסן בלויז אַ באַשיידענעם בוקעט. אַנעט האָט געהאַלטן אין אירע אָרעמס אַ שטויס מיט בלומען. אַ בליץ־געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן אין קאָפּ. אין דער געגנט ערגעץ איז דער פאַרוואָרלאָזטער ייִדישער בית־עולם.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף צוריק, געגאַנגען מיט געדרייטע סטעזשקעס. צפּורהקע האָט זיי קוים אָנגעהאַלטן די טריט.

— מיר זענען אויך אַראָפּ פון גלײַכן וועג, גענומען אַ קרומען. דו זעסט, ווי לײַכט ס׳איז אַראָפּצוגיין פון גלײַכן וועג, אָנהייבן צו בלאָנדזשען?

רבקה האָט דאָס געזאָגט גוטמוטיק. אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט. זי האָט דערזען פאַר זיך אָטוואָצק. אָבער לייגן בלומען איז דאָ אויך פאַר־ראַן ווו. זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַ נײַער סטעזשקע, וואָס שנײַדט דורך דעם וואַלד. רבקה האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין.

— ווו שלעפּסטו אונדז?

— אָט שוין, דאָ נישט ווײַט, מיר גייען צום שטיין, צו דער מצבה פון די אָטוואָצקער ייִדן.

צווישן נידעריקע נאָדל־ביימלעך ליגט אַ גרויסער מצבה־שטיין מיט אויסגעקריצטער שריפט אין ייִדיש און פּויליש. אויף דעם־אָ אָרט האָבן

זומער 1942 די דײַטשן געבראַכט צופירן אַלע אָטוואָצקער ייִדן, קינד און קייט און אויסגעשאָסן מיט מאַשין־געווער. יעדעס יאָר, צו דער יאָר־צײַט, פלעגט מען זיך דאָ צונויפזאַמלען. עס פלעגן אויך קומען מיט קרענץ די פאָרשטייער פון אָטוואָצקער שטאָטראַט, די שול־יוגנט. הײַנ־טיקס יאָר איז קיינער נישט געקומען...

רבקה האָט די ערשטע אָוועקגעלייגט איר בוקעט לעוואַנדע־בלומען. אַנעט האָט זיך לאַנג געפּאָרעט בײַם פּאַנאַנדערלייגן דעם שטויס וואַלד־בלומען, ווי זי וואָלט געוואָלט ס׳זאָל יעדערן אָנקומען אַ בלימל. צפורהקע איז געשטאַנען פאַרגליווערט, מיט פֿײַכטע אויגן. זיי זענען געווען מיד, אָבער נישט געוואָלט זיך צוזעצן צופוסנס פון שטיין. זיי זענען געשטאַנען און געקוקט מיט שטאַרע אויגן און שטומע מײַלער. דערנאָך האָבן זיי פּאַ־מעלעך געשפּאַנט צוריק, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען פון אַ לוויה.

קאַפּיטל 2

ס׳איז סוף יאָר 1967. אַנעט גייט די לעצטע חדשים אַרום אַ צעדולטע. אַן אַלטע דערינערונג האָט זיך איינגעביסן אין לייב, געזויגט דאָס האַרץ. ס׳איז אַ קיילעכדיקע דאַטע. פֿאַרן מאַן וויל זי דאָס ליבערשט נישט דערמאָנען. ס׳ווערט דרייסיק יאָר.

אין 1937 איז מאַרעק מיט סעווען און ריטען אַהין אַוועק. אין די עטלעכע חדשים פֿון סוף יענעם יאָר האָט זי געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו, שיקן טעלעגראַמעס, קלאַפּן אין אַלע טירן זיך עפּעס צו דער־ וויסן. דרייסיק יאָר! זי איז דעמאָלט געווען פֿאַר עקזאַמענס. וויפֿל עקזאַ־ מענס איז זי זינט דעמאָלט דורכגעגאַנגען? יענע עקזאַמענס האָט זי אויס־ געהאַלטן, ביי אַלע אַנדערע איז זי דורכגעפֿאַלן. בלויז בעת דער מלחמה איז איר געלונגען אָפּצוראַטעווען דעם אייגענעם נפֿש און דאָס לעבן פֿון קינד. מ׳האָט איר פֿיל מאָל געזאָגט, אַז זי איז אַ מזלדיקע. זי האָט זיך אַזוי פֿיל מאָל אַרויסגעדרייט פֿון טויט־געפֿאַרן, אַרויסגעריסן זיך פֿון מלאך המוותעס הענט. אַ מזלדיקע... דאָס מזל טוט איר אָפּ אויף צו להכעיס: נישט געוואָלט דאָ בלייבן און געבליבן. געהאָפֿט, געווען זיכער, אַז די יינגלעך וועלן דערוואַקסן, וועט לייכטער זיין אַנצוהייבן אויפֿסניי ערגעץ אַנדערש, זענען די דערוואַקסענע זין אַ שטיין ביי די פֿיס. מיט מאַרעקן וואָלט זי אפֿשר פֿאַרט דורכגעקומען, זיי ווילן נישט הערן און געדענקען. זיי זענען אַזוי, ווי זיי וואָלטן נישט אויסגעוואַקסן ביי איר אין שטוב. און אָט איז זי אַוועק נישט צוריקצוקומען און צוריקגעקומען. אַלץ איז אויסגערונען. פֿאַרוואָס איז אַזוי געשען? איז זי דען אַליין ריין פֿון זינד? אָבער וווּ שטעקן אירע אייגענע זינד? וווּ איז איר שולד? צי אין דעם, וואָס זי האָט די יינגלעך באַצייטנס נישט אַוועקגענומען פֿון דאַנען? ווייניקסטנס קלאָרן? אפֿשר אין דעם וואָס זיי האָבן נישט אויפֿ־

געדעקט פֿאַר יורין דעם סוד פֿון זײַנע אמתע עלטערן? צי פֿאַר אַלע זינד צוזאַמען צאָלט זי אַזוי טײַער?

אַ קװײַלעכדיקע דאַטע. די דאַטע שפּרינגט איר פֿאַר די אויגן, זי באַגלייט זי אומעטום, לאָזט נישט פֿאַרגעסן טראָץ דעם טומל. דאָס נײַע יאָר רוקט זיך אונטער, ווי געווײַנלעך, מיט אַ טאַראַראַם. זי וועט זיך ווידער לאָזן מיטן שטראָם. מענטשן שטייען שוין זינט וואָכן לאַנג אײַנצוקויפֿן. אין די שוי־פֿענצטער, אויף עפֿנטלעכע פּלעצער שטייען וואָכן פֿריִער אויסגעצירטע ווײַנאַכט־ביימער. אויך ייִדן גרייטן זיך צו די יום־טובים, מער ווי צו אייגענע, נאָר דאָס יאָר אַ ביסל אַנדערש. אַנעט דערמאָנט זיך ווי מאַרעק האָט דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר זײַנעם אַן אַלטן חבר דורכן טעלעפֿאָן געווונטשן אַ חג שמח. יענער האָט אים שעלמיש אַ פֿרעג געטאָן: פֿון ווען אָן ווינטשט איין אַלטער ייִד אַ צווייטן אַ פֿרײַלעכן ווײַנאַכט? ביידע האָבן זיך פֿון ביידע זײַטן דראָטן צעלאַכט. הײַיאָר וועלן זיי אַזאַ וויץ דורכן טעלעפֿאָן נישט מאַכן. הײַ־יאָר איז צוגעקומען נאָך אַ נײַע דאגה: זי וויל אויסהיטן קלאָדן. זי האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי אויסצומײַדן דער ייִנגערער זון זאָל זיך אויף נײַ־יאָר נישט צונויפֿקומען ערגעץ מיט אַ חברה, וואָס מען האַלט אויפֿן אויג.

— וועסט צוטראַכטן אַ מעשה וועגן אַ ציגעלע אַ ווײַסע. וועסט עפּעס אונטערנעמען דאָס פֿייגעלע זאָל נישט קאָנען פֿליִען.

אַזוי האָט מאַרעק געזאָגט צום ווײַב, ווען זי האָט אים מיט אַ צעדולטן קאָפּ דערציילט וועגן איר אײַנפֿאַל צו מאַכן אַ נײַ־יאָר אויפֿנאַמע. זי וועט פֿאַרבעטן עטלעכע פֿרײַנד מיט דערוואַקסענע קינדער, צעלינען אויך. קלאָד וועט בלײַבן אין שטוב...

מאַרעק איז גערעכט געווען. זי וועט צוטראַכטן אַ מעשה וועגן אַ ציגעלע אַ ווײַסע דאָס פֿייגעלע זאָל נישט פֿליִען... קלאָד איז איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג.

— אוי, מאַמע, זאָרג זיך נישט פֿאַר מיר מיט צעלינען, מיר האָבן זיך שוין באַזאָרגט. צעלינעס עלטערן פֿאָרן אַוועק. מיר וועלן זײַן אַ 30־40 שטיק, ס'וועט זײַן פֿריילעכער ווי בײַ דיר.

אַנעטן האָט אויפֿסנײַ אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. 30־40 שטיק, ס'רוב ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך, הי־קעפּ אַזעלכע ווי איר זון. זיי וועלן רעדן פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער. געהיים־אַגענטן טרעטן זיי אויף די

פּיאַטעס. אויף די אוניווערסיטעטן דרייען זיך פֿאַרדעכטיקע פּאַרשוינען. זיי ווילן זיך אַן עצה געבן אַרייַנצודזשיקן עמעצן אויף דער פּריוואַטער סטודענטן־פֿאַרווייַלונג. אויף צו מאָרגנס וועט זייַן אַ גענויער באַריכט, דאָרט ווו מען דאַרף. ווי אַזוי מייַדט מען דאָס אויס? זאָל זי דערציילן צעלינעס עלטערן, וואָס וויסן זיכער נישט פֿון דער טאָכטערס פּלאַן? וועט זיך אויסגעבן, זי וועט פֿאַרלירן אי קלאַדן, אי צעלינען. און צי קאָנען זיי דען נישט געפֿינען אַן אַנדער אָרט?

אין זכרון האָט זיך אָפּגערופֿן אַ ווייַטער עכאָ. די נשמה האָט אַ שפּרונג געטאָן. ס׳איז געווען אין דער זעלבער שטאָט, אַ יאָר פֿאַר איר מאַטורע. זי גופֿא האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו אַזאַ סילוועסטער־אָוונט. מ׳האָט געהאַט באַשלאָסן אויסצונוצן די סילוועסטער־נאַכט פֿאַר אַ קאָנפערענץ פֿון דער וואַרשעווער קאָמוניסטישער סטודענטן־אָרגאַ־ניזאַציע. ס׳איז געווען לעבעדיק. דער שענסטער צונויפֿקום. מאַרעק איז געווען צוגעשיקט פֿון דער „צענטראַלע״. מ׳האָט אים גערופֿן „חבר אַנדזשעי״. זייַן טעאָרעטישן רעפֿעראַט האָט מען אויסגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, מ׳האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. מ׳האָט זיך נישט פֿאַרגינט צו טאַנצן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן אַ 50־40 מיידלעך און יינגלעך, אויך ס׳רוב ייִדישע, הייס דעבאַטירט. פֿון צייַט צו צייַט בלויז האָט מען דעם פּאַטעפֿאָן געלאָזט גיין העכער.

איצט ציטערט זי איבער איר זון, וואָס איז עלטער ווי זי איז דעמאָלט געווען. איצט וויל זי עפּעס צוטראַכטן נישט צו דערלאָזן צו זייער צונויפֿקום, אָדער וויניקסטנס אים אָפּרייַסן פֿון זיי. וועגן אירע פֿרומע, גוטע עלטערן האָט זי אַמאָל געטראַכט ווי וועגן אָפּגעשטאַנענע, קליינשטעטלדיקע מענטשן. די מאַמע איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפֿן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דער טעכטערלס מעשים. דער טאַטע, דער חסיד, איז אַנעם וויסן פֿונעם ווייַב געפֿאָרן צום רבין נאָך אַן עצה. זי, אַנעט האָט זיך עס דערוווּסט פֿאַרן פֿאַרלאָזן פּוילן. זי האָט דעמאָלט געקייכט פֿאַר געלעכטער. דער רבי האָט געהייסן טאָן מיט איר אַ שידוך. וועגן דעם, אַז זי האָט אַ בחור האָבן די עלטערן נישט געוווּסט. זי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דערוואַקסן, נישט געוואָלט מ׳זאָל איר זאָגן אַ דעה אין אַזעלכע זאַכן.

צי האָבן אירע עלטערן נישט געהאַט מער צרות און האַרצקלעמע־

נישן פון איר ווי זי פון אירע קינדער? זיי האָבן געהאַלטן, אַז זי גייט אויף אַ שלעכטן וועג, ס'איז סכנות נפשות, ס'איז סתם נישט פאַר קיין מיידל, בפרט פון אַן אָרנטלעכער, ייִדישער שטוב. אַ ביסל אַנדערש זאָגט זי דאָס אייגענע קלאָדן און איז צופרידן וואָס יורי מישט זיך נישט.

אַנעט פרווט פאָרט געפינען פאַר זיך אַ פירוש: צווישן איר און אירע קינדער איז נישטאָ אַזאַ חילוק, ווי ס'איז געווען צווישן איר און אירע עלטערן.

יאָ חילוק, נישט חילוק, האָסט זיי אָנגעטאָן נישט ווייניקער צרות, ווי דײַנע קינדער דיר. פאַרוואָס ווילסטו זיי אַרויסרײַסן פון דאַנען קעגן זייער ווילן? צוואָס ביסטו געקומען צו לויפן כאַפּ־לאַפּ נאָך זיי, נאָכדעם ווי דו האָסט זיך אָפּגעקליבן אַן אַנדערן וועג? אָנגעהויבן אַן אַנדער לעבן? איז דען מאַרעק נישט גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מען מוז יעדן לאָזן מאַכן זײַן אייגענע דערפאַרונג? אַז מען קאָן קיינעמען נישט פאַרזאָרגן קעגן זײַן ווילן? ס'איז אַ כימערע דאָס, וואָס זי האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ. זיי אַרויסרײַסן פון דאַנען! אַרויסרײַסן! צײַט אויפצוהערן זיך דראַפּען אויף די גלײַכע ווענט. וועסט מיטן קאָפּ די וואַנט נישט דורכ־האַקן.

אין האַרץ האָט זיך באַלד אָפּגערופן אַן אַנדער שטימע: האָט זי דען נישט דורכגעהאַקט מיטן קאָפּ די וואַנט צו ראַטעווען קלאָדן, ווען ער איז געווען אַן עופּעלע? האָט זי דען נישט מיט די ציין זיך געווערט, ווען די גורל־חברטעס מיטן דאָקטער האָבן צוגערעדט אין דריטן חודש שוואַנ־גערשאַפט זיך צו באַפרײַען? ווי אַזוי האָט זי דעמאָלט געפונען כוח אין זיך צו וועלן האָבן אַ קינד, דערנאָך עס צו באַשיצן פון אַלע געפאַרן? האָט דען מאַרעק נישט דורכגעהאַקט מיטן קאָפּ די וואַנט צו ראַטעווען יורין? ווו האָט ער געפונען כוח צו מאַכן אַלע גלויבן, אַז ס'איז זײַן אייגן קינד? מיר זענען טיילמאָל ווי פליגן, מ'קאָן אונדז לײַכט צעקוועטשן. און מיר זענען פון שטאָל, מ'קאָן אונדז נישט צעברעכן, אויב נאָר... אויב...

— אַנעט, שלאָפסט? ווי דו זעסט אויס! וואָס איז ווידער? אַ נײַער עגמת־נפש?

אַנעט האָט נישט געהערט, ווי מאַרעק איז אַרײַן צו איר אין צי־מער. זי איז געזעסן בײַם טיש מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט,

ווי זי וואָלט אײַנגעדרימלט. זי האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ, ווי פון אַ האַרטן שלאָף.

— כ׳בין מיד געווען, אײַנגעדרימלט...

— וואָס וועט זײַן מיטן סילוועסטער? האָסט איצט אַן אויסוואַל. דאַרפסט אויסקלײַבן. געטראָפן אויפן גאַס דאַנקען מיטן מאַן. זיי לייגן פאָר קומען צו זיי, אָדער זיי צו אונדז. מ׳קאָן אויך...

— שוין אויסגעקליבן. בײַ אונדז. כ׳וועל אויך פאַרבעטן די, וואָס האָבן קיין שום אויסוואַל נישט.

— זאָלסט נאָר נישט צושטיין צו די וואַלדס. האָסט זיי שוין געפּרווּט פאַרבעטן. זיי זאָגן ס׳איז נישט קיין צײַט זיך צו פאַרזאַמלען אין אַ יידישער שטוב. דער סילוועסטער איז נישט קיין פאַרהיטער. ראשית כל, זאָגן זיי, ווייסן זיי פאָרויס, אַז מען וועט רעדן בלויז וועגן יידישע צרות.

דאָס מאָל האָבן די וואַלדס געטראָפן. די יידישע צרות זענען געווען די טעמע פון סילוועסטער־אָוונט. אַנעט האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט, אַז דאָס מעסטל איז איבערגעגאַנגען.

דעם צווייטן טאָג פון נײַעם יאָר האָט זי אָנגעגעבן אויף אַ טוריסטן־פּאַספּאָרט קיין פראַנקרײַך. דאָס מאָל האָט מען איר לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. נאָך פיר וואָכן איז געקומען אַן אָפּזאָג.

די טעלעגראַמע פון פּאַריז איז אָנגעקומען נאָכמיטאָג. ס׳איז צו שפּעט צו גיין אין אַן אַמט. ערשט איגדערפרי וועט מען קאָנען זיך באַנוצן מיטן פּאַרטל. אַנעט האָט איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. ס׳איז גוט אָנגעשריבן. די קראַנקע איז אין שפּיטאָל, אַ שווערע אָפּעראַציע. זי איז איינזאַם, בעט אַנעט זאָל קומען.

נישט שטענדיק און נישט יעדן העלפט אַזאַ טעלעגראַמע. טיילמאָל געלינגט פּאָרט. אפשר וועט איר אויך געלינגען? איי, די טעלעגראַמע איז געשיקט פון אַ געזונטן מענטש, וועלכן זי האָט דורך אַ געלעגנהײַט געבעטן איר צו טאָן אַ טובה? פון וואַנען זאָלן זיי דאָס ווייסן? דער ערשטער אַקט פון דער אינסצעניזאַציע האָט זיך אײַנגעגעבן. זי האָט אַ טעלעגראַמע אין האַנט, צונויפגעשטעלט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. צי דער צוויי־

טער אַקט וועט זיך אײַנגעבן, איז אַ גאָט־זאַך. נאָרמאַל דאַרף אַזאַ טע־לעגראַמע גענומען ווערן אין באַטראַכט. זיי ווילן דאָך האָבן אין אויס־לאַנד אַ לײַטיש פּנים, מען זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז מען לאָזט נישט פֿאָרן צו אַ שווער קראַנקן מענטש.

אַנעט האָט זיך צוגעגעבן האַרץ. דעם גאַנצן אָוונט זיך געמאַכט פּלענער ווי אַזוי אויסצונוצן די איצטיקע רײַזע אַרויסצוציִען פֿון דאַנען די משפּחה. פֿאַר מאַרעקן, דעם שפּראַך־קענער וואָלט זי באַקומען אַן אַר־בעטס־קאָנטראַקט אָדער אַ וואָסער ס׳זאָל נישט זײַן פּאַפּירל פֿון אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן פֿאַרלאַג. פֿאַר יורין וועט אויך נישט שווער זײַן צו באַ־קומען אַן אַרבעט, וואָס וועט אים אימפּאָנירן. זאָל זי נאָר איצט זײַן דאָרט אויפֿן אָרט. אַמאָליקע חברים וועלן איצט בעסער פֿאַרשטיין.

אינדערפֿרי איז זי אַוועק מיט דער טעלעגראַמע אין טאַש און מיט האָפֿענונג אין האַרץ אויף קאָשיקאָווע, אין הויפּט פּאַספּאָרטן־אַמט פֿון אינערן־מיניסטעריום, ווו יעדע ווענדונג צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט ווערט גוט געבודקט. איר ווענדונג ליגט דאָ אויך. פֿון דאַנען איז אַרויסגעגאַנ־גען דער שלעכטער פּסק־דין.

נאָך אַן אַנדערהאַלבן שעה וואַרטן האָט מען זי אַרײַנגעפֿירט צו אַ הויכן באַאַמטן. טיטולירט האָט מען אים הער פּולקאָווניק.

אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיקער, מיט אַן ערנסט פּנים. ער האָט זיך אונטערגעהויבן העפֿלעך־קאַלט, געענטפֿערט אויפֿן גוט־מאָרגן און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ שטול. פֿאַר אים אויפֿן ביוראָ־טיש איז געלעגן אַן אָנגעשוואָלענע קאַרטאָטעקע מיט פּאַפּירן. ער האָט אײַנגעע־גראָבן דעם קאָפּ, געמישט און געפֿירט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אַנאַ־ליזירט אַ קאָמפּליצירטן פּראָבלעם. די האָפֿענונג בײַ אַנעטן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. בײַ דער ערשטער פֿראַגע האָט זי גענומען אויסרינען.

— איר זענט שוין ווען געווען אין ישראל?

— יאָ.

— ווען?

— ס׳איז געווען אין... דוכט זיך מיר אין 1960.

— נישט אין 1961?

— איך געדענק נישט גענוי, מעגלעך אין 1961.

— יאָ, אין 1961. נאָך וואָס זענט איר אַהין געפֿאָרן?

— באַזוכן משפּחה.

— איר האָט דאָרט אַ גרויסע משפּחה?

— בלויז אַ פעטער.

— וואָס טוט ער, דער פעטער אײַערער?

— ער לעבט נישט.

— זענט איר געפאָרן צו אַ טויטן פעטער?

— דעמאָלט האָט ער געלעבט, געשטאָרבן אין 1965.

— וואָס האָט ער געטאָן ווען ער האָט געלעבט?

— געווען שוין אויף פּענסיע, זיבעציק יאָר אַלט געווען.

— און פאַר דער פּענסיע?

— געווען אַן אַרבעטער, אין אַ פאַבריק.

— זענט איר געפאָרן בלויז צו אַן עלטערן מענטש?

— מײַן פעטער איז קראַנק געווען, געוואָלט מיך זען, מער קיין משפּחה איז נישט פאַרבליבן.

— ווי לאַנג זענט איר איצט געווען אין פראַנקרײַך?

— זיבן חדשים...

— אַכט חדשים.

— כמעט...

— וואָס האָט איר דאָרט אַזוי לאַנג געטאָן?

— כ'האָב געקליבן דאָקומענטאַציע צו אַן אַרבעט.

— צו וואָסער אַרבעט?

— וועגן פּאַריזער קאָמונע.

— אין אײַער בײַגעלייגטער דעמאָלט ווענדונג איז אָנגעגעבן: „אַן אַרבעט וועגן יידן אין דער פּאַריזער קאָמונע".

— אויך וועגן דעם.

— אַלזאָ, וועגן יידן אין דער פּאַריזער קאָמונע, צי וועגן דער קאָמונע?

— וועגן ביידע צוזאַמען.

פּאָלקאָווניק וויעזשביצקי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער אויפגעבלאָזענער קאַרטאָטעקע, וואָס ער האָט געבלעטערט און צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף אַנעטן. דער קוק איז געווען אַ קורצער, גע־

דויערט אַ רגע. ער האָט צוריק איַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין די פּאַפּירן, געמישט, געפּירט מיט די אויגן און ווידער רויִק געשטעלט פראַגן.

— אין 1958 האָט איר אָנגעגעבן אויף צו פאָרן קיין ישראל?

— יאָ.

— צוליב וואָס דעמאָלט געזאָלט פאָרן?

— צוליבן זעלבן, צום פעטער.

— פאַרוואָס האָט מען איַך אָפּגעזאָגט?

— כ׳גלויב, אַז צוליב דעוויזן. צו פליִען מיטן אַעראָפּלאַן האָט מען אַ געוויסע צייט געקאָנט באַצאָלן מיט זלאָטעס, כ׳האָב געבעטן אַליין צו באַצאָלן.

— פאַרוואָס האָט דער פעטער דעמאָלט נישט געשיקט קיין דע־וויזן און שפּעטער יאָ?

— כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל נישט געבעטן.

— דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז קראַנק געווען, האָט איר יאָ געבעטן ביַי אים אויף הוצאות?

— ער האָט מיר אַליין פאָרגעלייגט.

— פאַרוואָס האָט ער פריִער נישט פאָרגעלייגט?

— ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳איז נויטיק.

— ווער שיקט איַך איצט אויף רייזע־הוצאות?

— די קוזינע.

— לויט דער ביַיגעלייגטער טעלעגראַמע איז זי אין שפּיטאָל, אין איַער רעקלאַמאַציע־ווענדונג גיט איר אָן, אַז זי איז שווער קראַנק.

— אַזוי איז דאָס.

— אַ שווער קראַנקע האָט געשיקט אַ בילעט? אַן איַנלאַדונג?

— דעם בילעט, די איַנלאַדונג האָט זי געשיקט מיט איבער צוויי חדשים צוריק, די טעלעגראַמע האָט געשיקט פאַר איר די פלעגערין. פון דער טעלעגראַמע דרינג איך, אַז ס׳האָלט שלעכט, זי האָט אַ ראַק, ס׳בליַיבט איר אפשר נישט לאַנג צו לעבן.

— וועט זי נישט קאָנען שטאַרבן אָן איַך?

— הער פּולקאָווניק, כ׳האָב בעת דער מלחמה געזען ווי אַזוי מענטשן זענען געשטאָרבן, אויך דעמאָלט האָט מען פריִער געוואָלט זען אַ נאָענטן מענטשן.

זי האָט דאָס געזאָגט אײַנגעהאַלטענערהייט, געמאָסטן די ווערטער, אָבער יעדעס וואָרט האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון זיך ווי אַ שטיין. דער פּול־קאָווניק האָט פאַרמאַכט די אָנגעפּראָפּטע קאַרטאָטעקע, אויפגעשטעלט זיך און מיט אַן ערנסט פּנים פאַרזיכערט, אַז העכסטנס אין צען טעג אַרום וועט זי האָבן אַ שריפטלעכן ענטפער.

אַנעט איז אַרויס פון דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג אין אינערן־מי־ניסטעריום ווי אַן אָפּגעצוואָגענע. אין דרויסן איז געווען פּראַסטיק, די ערד באַדעקט מיט סקריפּנדיקן, ווײַס־בלישטשנדיקן שניי, וואָס די קאַרגע קאָמוניקאַציע־באַוועגונג אויף קאָשיקאָווע גאַס האָט נישט צעטראָטן. דאָס פּנים בײַ אַנעטן האָט אָבער געברענט. זי האָט געפילט אַ שווייס אויפן לײַב. נאָך אַ פּאָדעם אין וועלכן זי האָט זיך אָנגעכאַפּט האָט זיך איבער־געריסן.

די מעשה מיט דער שטאַרבנדיקער קוזינע, וואָס האָט געזאָלט זײַן די בעסטע סגולה צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט, קאָן נאָך אָנמאַכן נײַע צרות. זי האָט געלאָזן די טעלעגראַמע. זי וועט אַרײַנגיין אין דער קאַרטאָטעקע. זאָל זי אפשר גיין בעטן מ׳זאָל איר זי צוריקגעבן? וואָס וועט זי זאָגן? צו וואָס דאַרף זי די טעלעגראַמע?

אַנשטאָט צו גיין צוריק, איז זי אַוועק צו דאָקטאָר ביבער. פון קורצן טעלעפאָן־געשפּרעך, ווען זי האָט אָנגעקלונגען פון גאַס, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז עפּעס איז געשען, כאָטש זי האָט גערעדט געלאַסן. איר אויסזען האָט אים אָבער דערשראָקן. ער פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן לויט זײַן אייגענעם שטייגער:

— ראשית כל זעצט זיך אַוועק, סאָפּעט אָפּ. בײַ אַ גלעזל טיי שמועסט זיך בעסער.

זי האָט, טרינקענדיק דעם טיי, דערציילט די מעשה פון אָנהייב ביזן סוף. דאָקטאָר ביבער האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט.

— זײַט־זשע מוחל פאַרן פאַרגלײַך. אַ פאַלקס־ווערטל זאָגט, אַז אַ גע־שלאָגענעם הונט טאָר מען נישט ווײַזן קיין שטעקן. מיר זענען הײַנט אַזוי ווי געשלאָגענע הינט. יעדע זאַך טרייסלט אונדז אויף. מילא, אַז ער האָט אײַך משלח געווען מיט גאָרנישט, קאָן דאָס פאַרדריסן, אָבער איבער־קלערן, אַז ס׳זאָלן זיך נישט צוטשעפּען דערצו קיין אַנדערע צרות? שוין גענוג, אַז ער וועט נישט געבן קיין פּאַספּאָרט. צוריקגעשמועסט, פאַרוואָס

ווילט איר זײַן בײַ אים אַן אויסנאַם? מען גיט נישט ייִדן קיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט. ווײַזט אויס אַ פּאַראָרדענונג אַזאַ. מען דאַרף האָבן געדולד און וואַרטן. צוואָס זאָל ער זיך נאָך אָבער פּאָרען מיט אײַער אָנגעשטאָפּ־טער קאַרטאָטעקע? איר זענט אַ בת־יחידה בײַ אים? ער האָט אַזעלכע טויזנ־טער קאַרטאָטעקעס און אַ סך מיט שווערערע זינד. זיי זאָלן אַפּילו לויט אַן אוקאַז ליקווידירן דאָס שלאָפן און פּאַרגרעסערן זייער שטאַב, וועלן זיי זיך אויך נישט קאָנען פּאַרנעמען מיט דעם אַלעמען נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל. נאָר גוט וואָס איר זענט אַרײַנגעקומען. ווי זאָגט מען דאָס? דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן אַ בײַטש און דער קליגסטער מענטש דאַרף האָבן אַן עצה. מײַן עצה איז איר זאָלט אײַך נישט אָפּעסן די גאַל מיט דער געלאָזענער טעלעגראַמע. און שלאָגט אײַך אַרויס פון קאָפּ, אַז מען וועט אײַך געבן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, וועט איר נישט האָבן קיין אַנטוישונ־גען. זיי וועלן אײַך אפשר קיין ענטפער אויך נישט געבן אויף אײַער איצ־טיקער ווענדונג. זיי האָבן הײַנט בעסערע געשעפטן מיט וואָס זיך צו פאַר־נעמען.

פּולקאָווניק וויעזשביצקי האָט אָבער פּאָרט געהאַלטן וואָרט. נאָך צען טעג האָט אַנעט באַקומען אַן ענטפער. ס׳איז ווידער געווען אַן אָפּזאָג.

קלאָד האָט זיך געריבן די הענט פון פרייד. ער האָט די מאַמע אויף זײַן זײַט. ער האָט נאָך לאַנג און ברייט דערציילט וועגן די געשעענישן אויפן אוניווערסיטעט. אַנעט האָט אים געמוסרט:

— איר פירט אײַך אַזוי מ׳זאָל אײַך זען, אַן שום קאָנספּיראַציע. דאָס קליינע הייפל וועלן זיי לײַכט צעקוועטשן, וועלן אײַך אונטערשטעלן אַ פּאַסטקע און אויסכאַפּן.

— מאַ, מיר דאַרפן, אונדז צו העלפן, אַזעלכע ווי דו, מיט הערפּאַרונג. דעם טאַטן דאַרף מען נישט דערציילן. צוליב זײַן האַרץ. מיר ווייסן, אַ סך זענען מיט אונדז, נאָר זיי האָבן מורא. דו האָסט נישט קיין מורא.

— כ׳וואָלט געוואָלט רעדן מיט וולאָדעקן.

קלאָד האָט זיך אַ ריס געגעבן צום טעלעפאָן. אַנעט האָט אים אַרויסגע־נומען דאָס טרייבל פון האַנט.

— קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז וולאָדעק קומט אַהער. קלינגען דאַרף מען פֿון גאַס, פֿון פּאָסט. און וואָס ווייניקער רעדן.

קלאָד איז מיט אימפּעט אַרויס פֿון שטוב. אַנעט האָט אַרויסגעצויגן פֿון וואַנט־שאַנק אַן אַלטן לעדערנעם בײַטל, וואָס האָט געהאַט אַ קונציקע, אינע־ווייניקסטע עפֿענונג, און אַ וואַליזקעלע מיט אַ דאָפּלטער דנאָ. בעת דער אָקופּאַציע האָבן איר ביידע כּלים געניצט איבערצוטראָגן שריפֿטלעכע מאַ־טעריאַלן, ווען זי איז געווען פֿאַרבינדלערין און געפֿאָרן אויף אַרישע פּאַפּירן פֿון איין געגנט אין דער צווייטער. איצט קאָן דאָס ווידער צו עפּעס נוצן. זי האָט געהאַלטן אין מיטן פּוצן די אויסגעדינטע „מכשירים" ווי קלאָד איז צוריקגעקומען און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז וולאָדעק וועט דאָ באַלד זײַן.

— מוזסט זיך אויסלערנען רעדן שטיל. וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— ער זאָל מיטברענגען זײַן אַרבעט וועגן סטאַטיסטיק. האָב נישט מורא, מיר זענען נישט אַזעלכע יאָלדן ווי דו מיינסט.

ער האָט דערזען דעם אַרומגעוויקלטן טעלעפאָן.

— וואָס איז דאָס?

— האָסט געזאָגט איר זענט נישט קיין יאָלדן. פֿון הײַנט אָן וועט דער טעלעפאָן זײַן פֿאַרדעקט, פֿאַרשטייסט? און וואָס ווייניקער זיך באַנוצן מיט אים.

ס'איז אַרײַנגעקומען וולאָדעק. אַ דאַרער בחור, מיט אַ רויִק פֿאַר־טראַכט פּנים. וולאָדעקס טאַטע איז געווען אַ ריינער אַריער, אַ פּוילישער קאָ־מוניסט. ווען אויף וואַרשע זענען געפֿאַלן די ערשטע דײַטשע באָמבעס, האָט ער מיט זײַנע חברים אויפֿגעהאַקט אַ תּפֿיסה־טיר און אָרגאַניזירט די פֿאַר־טיידיקונג פֿון דער הויפּטשטאָט. אויפֿן פֿערטן טאָג האָט אַ באָמבע אַרײַנגע־טראָפֿן אין זײַן אָקאָפּע. וולאָדעקס מאַמע מיטן איין־יאָריקן קינד האָט שפּע־טער נישט געדאַרפֿט זיך אײַנשאַפֿן קיין אַרישע פּאַפּירן. זי האָט געטראָגן דעם נאָמען פֿון איר אַרישן מאַן. דער זון איז געוואַקסן אַ הונדערט פּראָצענ־טיקער „אַריער".

וולאָדעק גומקאָווסקי האָט, זיצנדיק בײַ דער קאַווע, וואָס אַנעט האָט דערלאַנגט, אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע עטלעכע דינע, אויסגעריבענע בלעטלעך, דערלאַנגט זיי אַנעטן און צוגעגעבן:

— מיר וויסן גוט ווער עס פֿאַבריצירט אַזעלכע אַנטיסעמיטישע בלעט־לעך און ווי אַזוי מען פֿאַרשפּרייט זיי אויף די אוניווערסיטעטן. אַלע ווייסן,

אַז די בלעטלעך קומען פון ראַקאָוויעצקע. מײַן מאַמע ווייסט אַפילו אין וועלכן צימער מען מאַכט דאָס. זיי האָבן זיך פאַרלייגט אויפן אוניווערסיטעט, אָבער מיר וועלן דאָס נישט פאַרשווײַגן, ס׳וועט זיך זיי נישט אײַנגעבן.

— וואָס טוט איר, ס׳זאָל זיך זיי נישט אײַנגעבן?

— נאָך יעדן אַזאַ פלוג־בלעטל זייערס, פאַרשפּרייטן מיר צווישן די סטודענטן אונדזערס אַ בלעטל. אויף די ווענט בײַ זייערס אַ בלעטל, ווערט גלײַך אַרויסגעקלעפּט אונדזער אַן ענטפער.

קלאָד האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— וואָלסט געזען, מאַ, וואָס ס׳טוט זיך. אַן אמתע מלחמה צווישן פלוג־בלעטלעך. איינעם זייערן אַ נבלה האָבן מיר געכאַפּט בײַ דער האַנט. געכאַפּט האָט מען אים נישט, נאָר געזען פון דער ווײַטנס. ער האָט אָפּגעטאָן זײַן שטיקל אַרבעט, ווען ס׳זענען פאָרגעקומען די לעקציעס. זײַן גליק וואָס ער איז אונדז נישט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט, איך וואָלט געמאַכט פון אים אַ פּלעצל.

— אײַער גליק אויך וואָס ער איז אײַך, דיר, נישט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט. זיי נייטיקן זיך אין פּראָוואָקאַציעס.

וולאָדעק האָט געוואָלט פאַרריכטן קלאָדס היציקייט.

— מיר זענען נישט קיין שלעגער. איצט האָבן מיר צוגעגרייט אַ פּעטי־ציע מיט אַ פאָדערונג מ׳זאָל צוריק אַרײַננעמען אין אוניווערסיטעט די צוויי אויסגעשלאָסענע ייִדישע סטודענטן. מיר דאַרפן מ׳זאָל אונדז אונטערהאַלטן.

— כ׳וועל אײַך פאַרבינדן מיט עמעצן פון דער „היסטאָרישער געזעל־שאַפט" און פון שרײַבער־פאַרבאַנד.ביידע אינסטיטוציעס גייען אויף רעד־לעך. ס׳ברויזט דאָרט. די צענזור דערדריקט זיי. דאָס אַראָפּנעמען פון דער סצענע די פּיעסע „דזשיאַדי" האָט דערפילט דאָס מעסטל. כ׳וועל איבערגעבן די אַנטיסעמיטישע בלעטלעך.

זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין שרײַבער־פאַריין. קלאָד האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זײַן אויף דער טרעפונג. אַנעט וואָלט מסתמא אַליין זיך מיט אים נישט קיין עצה געגעבן. וולאָדעק האָט אים געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז אַזאַ קאָנטאַקט האַלט אָן איינער.

אויפן דריטן טאָג איז אַנעט געזעסן אין ליטעראַטן־פאַריין בײַ אַ טישל און לאַנגזאַם געטרונקען אַ קאַווע. דער דיכטער זאַרעמבאַ האָט באַדויערט וואָס זיי האָבן זיך דאָ אָפּגערעדט. מען זעט דאָ מענטשן, וואָס מ׳האָט

קיינמאָל פריִער נישט געזען. פונדעסטוועגן האָט ער אָנעטן שטיל איינפּאַר־מירט ווי ס'האַלט אין דער וועלט מיט דער אַנטאָלאָגיע פון ייִדישער דיכ־טונג. מ'גרייט זי שוין פון אַ סך יאָרן און מען ריכט זיך נישט זי זאָל איצט קאָנען דערשיינען. אויפן אויער האָט ער איר צווויסן געגעבן, אַז די איבער־זעצונגען פון עגגונס דערציילונגען זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער דרוקעריי. נאָך אַ האַלבער שעה האָט ער זיך געזעגנט מיט איר. אַנעט האָט ווייטער געוואַרט און זיך נישט דערוואַרט. אין אָוונט האָט קלאָד אַ צערודער־טער איבערגעגעבן דער מאַמען בסוד סודות, אַז וולאָדעקן האָט מען פאַר־טאָג אַרויסגענומען פון בעט. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף וולאָדעקס מיידל.

— אַלץ צוליב דער נאַרישער זאַשקע. עפּעס אַ „פּאַצעט" קומט צו צו איר אויפן אוניווערסיטעט, שטעלט זיך פאַר פאַר אַ סטודענט פון לאָדזש און בעט אַ בלעטל. זיי דאָרט, אין לאָדזש, ווילן אויך עפּעס טאָן, נאָר ווייסן נישט ווי אַזוי. זי קען אים נישט, ווייסט אים נישט און ברענגט אים צו פירן צו וולאָדעקן אין שטוב. אַזאַ אידיאָטקע! נישט צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אונ־טערגעשטעלט. איצט רײַסט זי פון זיך די הויט. ווער ווייסט וואָס זי האָט נאָך פאַר אים אויסגעפּלאַפּלט. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז אַ ייִדישער סטו־דענט, האָט זי געהאַט צוטרוי צו אים...

— זעסט, מײַן זון, ווי מען פאָרט אויפן ייִדישן פערדל, ווען מען דאַרף נאָר.

קלאָד האָט נישט געענטפערט, געווען פאַרדאגהט. ער האָט פאַרגעסן, אַז מאָרגן איז דער אַכטער מערץ. מאַרעק און יורי האָבן שוין געהאַט צוגע־גרייט און אויסבאַהאַלטן מתנות. אין פרויען־טאָג דאַרף מען אומעטום שטיין אין אַ ריי עפּעס צו קויפן. לאַנגע רייען זענען פאַר די בלומען־געשעפטן. ס'איז אַ יום־טוב פאַר פרויען, אַ מין ערשטער מײַ פאַרן שוואַכן מין. אין דער פרעסע, בײַ דער אַרבעט, גיט מען אָפּ דער פרוי דעם כבוד, וואָס מען נעמט בײַ איר אָוועק אַ קײַלעכדיק יאָר, ווען זי מוז יעדן טאָג שטיין אין רייען עפּעס אײַנצוקויפן, אַרבעטן אויך בײַ שווערער פיזישער אַרבעט אין פאַ־בריקן, אויף אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, וואָס די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן אַמאָל געפאָדערט צו פאַרבאָטן.

אַנעט האָט לכבוד דעם אַכטן מערץ פאַרבעטן צום אָוונט־ברויט נינע לאַפּיצקאַ. נינע איז אַן איינזאַמע. פון דער משפּחה איז נישט פאַרבליבן קיין

איין לעבעדיקער נפש. זי בלײַבט טיילמאָל מיט אירע קראַנקע אין שפּיטאָל לענגער ווי מען דאַרף, אַבי נישט צו זײַן אַליין אין שטוב. זי זאָגט וועגן זיך, אַז זי פֿאַרטראָגט הײַנט נישט די אַליינקייט, ווי זי האָט פֿריִער ניט גע־קאָנט פֿאַרטראָגן דעם הונגער. זי זאָגט אויך, אַז זי איז מער קראַנק ווי אירע פּאַציענטן. מען מעג איר גלייבן. זי האָט פֿאַרזוכט קאָלטס און וואָרעמס. ווען אַנעט האָט זי געהאַט געפֿרעגט צי זי האָט שוין געלייענט סאָלזשעניצינס „איין טאָג פֿון איוואַן דעניסאָוויטש", האָט זי געענטפֿערט: „געלייענט, נאָר דער טיטל איז אַ שלעכטער. ס'האָט געדאַרפֿט הייסן «דער בעסטער טאָג פֿון איוואַן דעניסאָוויטש». איך בין דאָרט געווען, איך ווייס ווי אַזוי אַ טאָג האָט דאָרט אויסגעזען".

נינע האָט זיך אַרײַנגעשטעלט פּרי און מיטגעבראַכט אַ פּאַק מיט נײַעסן. אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט זיך הײַנט געטאָן חושך. אויף די אַרומיקע גאַסן איז געווען אַ יאַגד אויף סטודענטן. די מיליץ און די מ. אָ.[1] האָבן געשלאָגן מכות רצח, געטראָטן מיט די פֿיס די פֿאַר־וווּנדעטע. מאַרעק האָט צו איר אַ ווונק געטאָן. זי האָט אויפֿגעהערט צו דערציילן. בײַ דער טיר האָט מען געקלונגען. אַנעט איז געלאָפֿן עפֿענען, מסתמא די ייִנגלעך, כאָטש זי ווייסט, אַז יעדערער פֿון זיי האָט אַ שליסל. ס'איז אַרײַנגעפֿאַלן ווי אַ באָמבע דער אַלטער זלמן. ער, דער שכן, איז געקומען זען צי די ייִנגלעך זענען כאָטש אין שטוב. וואָס האָט ער אַלץ נישט געזען! פּונקט פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרן אוניווערסיטעט, דער גוטער יאָר האָט אים דאָרט אָנגעטראָגן. ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער. אַלע גאַסן אָפּגעשלאָסן. ער האָט אַליין געזען ווי מ'האָט געקאָפּעט סטו־דענטקעס, וואָס זענען געפֿאַלן פֿאַרבלוטיקטע. די סטודענטן זענען גע־לאָפֿן און נישט געהאַט ווו צו אַנטלויפֿן. די מיליץ און די מ. אָ. האָבן זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג, באַלייגט זיי מיט קלעפּ. ער גופֿא האָט זיך גע־דרייט ווי אַ מויז אין אַ שטײַג, אַרײַנגעפֿאַלן אין רעכטן מיטן און נישט אַהער און נישט אַהין. ער איז איבערגעזעסן אַ צוויי שעה אין אַ קאַוויאַרניע בײַ אַ גלאָז טיי. ווען נישט זײַן ווײַסער קאָפּ, וואָלט מען אים נישט אַרײַנ־געלאָזט.

בײַ אַנעטן האָט זיך שיער דאָס האַרץ נישט אָפּגעריסן. מאַרעק איז

---

[1] מ. אָ. — בירגער־מיליץ

געוועז בלאַס. נינע האָט געטרייסט. זי איז זיכער, אַז יורי האָט קלאָדן צו־געהיט. אי ער מישט זיך אַליין נישט אין די אַלע זאַכן, אי ער האָט זיכער היינט אויפן ברודער געהאַלטן אַ וואַך אויג.

מאַרעק האָט פאַרגעלייגט מ׳זאָל זיך זעצן צום טיש. אַנעט האָט אויסבאַהאַלטן איר אומרו און פאַרבעטן דעם אַלטן זלמן צום אָונט־ברויט. זלמן האָט געקײַט און גערעדט:

— פאַר אײַערע יינגלעך זאָרג איך זיך נישט. אײַער קלאָד איז אַ פּי־פיקער חברה־מאַן. ער האָט זיך זיי זיכער אַרויסגעגליטשט פון די לאַפּעס. אײַער יורי איז שוין נישט קיין סטודענט, ער געהערט צו אַן אַנדערער קאַטעגאָריע אויפן אוניווערסיטעט. אָבער ווייסט איר וואָס איך וויל אײַך זאָגן? די גאַנצע מעשה קאָן אויסגיין צו אונדזערע קעפּ. ס׳וועט נאָך הייסן, אַז אין די סטודענטן־אומרוען שטעקט אַ ציוניסטישע האַנט. דער טײַוול ווייסט זיי וואָס זיי קאָנען נאָך אויסטראַכטן אויף אונדז. אַז מיר זענען שולדיק אין דער מלחמה פון אַזוי ווײַט, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט קאָ־נען שולדיק זײַן אין עפּעס, וואָס געפעלט זיי נישט דאָ אויפן אָרט?

דער אָונט־ברויט האָט זיך געענדיקט פרי. הײַנט דאַרף מען נישט גיין שפּעט. די געסט זענען אַוועק. מאַרעק האָט זיך צוגעלייגט. אַנעט איז ביז צוועלף אַזייגער געזעסן בײַם טעלעפאָן.

— ס׳איז שוין געשעז, אַז זיי זענען געקומען צוויי אַזייגער פאַרטאָג. הײַנט וועט זײַן דאָס זעלבע.

מאַרעק האָט נישט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט געוואָלט אַנעט זאָל זיך צולייגן. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע. פון מאָל צו מאָל האָט זי געכאַפּט אַ דרימל. דער דרימל האָט זיך איבערגעריסן און זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן פון זייער הויך אין אַ תהום. דער תהום איז אויף דער וואַר. קלאָד איז אַרעסטירט. ס׳איז איצט זיכער. וואָס איז אָבער געשען מיט יורין? צו אים קאָנען זיי גאָרנישט האָבן. נישט אַנדערש ער איז זיי אונטערגעקומען צופעליק אונטער די הענט און אַרײַנגעכאַפּט קלעפּ. ווער ווייסט אין וואָסער שפּיטאָל ער ליגט?

קאַפּיטל 3

דער טאָג האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַנגסטיקער, אַ צערודערטער. אַנעט האָט געעפנט דעם ראַדיאָ. זי האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער פרימאָרגן־עמיסיע. די שטימע פון ספּיקער האָט געגרילצט, געסיקעט מיט האַס. „טאַטנס זינדלעך בונטעווען ערלעכע סטודענטן, שטויסן זיי קעגן דער פאָלקס־מאַכט”. זי האָט דערהערט נעמען, אָבער נישט דײַטלעך. די הייזעריקע שטימע פון ספּיקער האָט פאַרטויבט. „...די מאַכט וועט אָננעמען אַלע מיטלען אײַנצושטעלן אָרדענונג אויפן אוניווערסיטעט... פרעמדע עלעמענטן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט אונדזער לאַנד... די באַנאַנען־יוגנט, זינדלעך פון מענטשן אויף הויכע פּאָסטנס... ווער זענען זיי”? ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט געהערט דעם נאָמען אײדעלמאַן. זי איז זיך מסתמא טועה געווען. זי האָט אַ רוף געטאָן מאַרעקן. ער האָט מיט אַ פינצטער, פאַרגליווערט פּנים געקוקט אין אַ זײַט. דעם קליינעם טראַנזיסטאָר האָט ער מיט דער רעכטער האַנט געהאַלטן צוגעקלעפּט צום אויער.

— וואָס האָסטו געהערט?

מאַרעק האָט אָפּגעלייגט דעם ליליפּוטן־טראַנזיסטאָר. ער האָט געוואָלט אײַנהאַלטן די קאַלטבלוטיקייט, זײַן שטימע האָט אים אָבער פאַרראַטן.

— מ׳קאָן גאָרנישט... מ׳קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, שווער זיך צו אָריענטירן.

אַנעט האָט מיט גיכע נערוועזע באַוועגונגען אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם מאַנטל.

— וווהין לויפסטו?

— נאָך צײַטונגען.

— צוואָס דאָס לויפן? ס׳איז נאָך פרי. מיר וועלן אַראָפּגיין צוזאַמען.

אַנעט האָט נישט געענטפערט. זי איז אַרויס פון שטוב, האָט פאַרגעסן אַראָפּצופאָרן מיט דער ווינדע. זי איז דורכגעלאָפן די דריי שטאָק שטיגן ווי אַ ווינט. אין פּרעסע־קיאָסק זענען קיין צייטונגען שוין נישט געווען. זי גייט פון איין קיאָסק צום אַנדערן. אומזיסט, מענטשן האָבן פאַרטאָג צעכאַפּט די צייטונגען.

דער מערץ־פרימאָרגן איז אַ גרויער. אַנעטן דוכט זיך, אַז דער טאָג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פּינצטעריש צוזאַמען מיט אַ קעלט. די קעלט בייסט זיך אײַן אין די ביינער. זי פאַרשנעלערט די טריט, שפּאַנט איבערן טראָטואַר און זוכט מיט די אויגן אַ צייטונגס־קיאָסק. פאַרבייגייער זעען איר אויס ווי נאַכט־פאַנטאָמען. זי זעט נישט קיין פּנימער, נאָר סילועטקעס. אַן אימפּעט טראָגט זי ערגעץ, זי ווייסט אַליין נישט ווו. אפשר וועט זי ערגעץ קריגן צייטונגען. אַ יונגער מענטש פאַרשטעלט איר דעם וועג.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, איך גיי צו אײַך.

אַנעט האָט אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט דערזען מאַגיסטער וואָלסקי, יורעקס קאָלעגע פון דער אַרבעט. זי וואַרפט אַרויס פון זיך אַ פּעקל פראַגן. זי בעט מיט די אויגן, וויל אַלץ וויסן.

— קומט, איך גיי צו אײַך.

— זאָגט מיר פריער וואָס איז מיט קאַזשיקן? ווו איז יורעק?

— זיי זענען נישט די איינציקע אַרעסטירטע. זייט רויק, זיי האָבן בעסער אָפּגעשניטן ווי אַנדערע. לאָמיר נישט שטיין אויף דער גאַס.

זי האָט אָנגעהויבן גיין ווי מען וואָלט זי געיאָגט. דער יונגער מענטש האָט איר קוים אָנגעהאַלטן די טריט. מאַרעק האָט זיי באַגעגנט אַ שוויַגנדיקער. ער האָט גאָרנישט געפרעגט. אַנעט איז ווידער צוגעשטאַנען:

— וואָס איז מיט זיי געשען? ווו זענען זיי?

— כ׳האָב אײַך געזאָגט, זיי האָבן אָפּגעשניטן בעסער ווי אַנדערע. ווו זיי זענען ווייס איך נישט, אפשר אין פּאַלאַץ מאָסטאָווסקי, אָבער, אַז מען האָט זיי נישט צעשלאָגן, ווייס איך.

— דערציילט פון אָנהייב.

— איר ווייסט שוין זיכער, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די סטודענטן. דער טויער פון אוניווערסיטעט איז שוין געווען פאַרמאַכט.

איך מיט יורעקן זענען געווען אויפן צווייטן שטאָק, מיר האָבן זיך צוגע־קוקט צום שיינעם ספּעקטאַקל. איך האָב אַפילו פון אָנהייב געוואָלט אַראָפּגיין אויפן מיטינג אין הויף. ער איז געווען לעגאַל. אַ דעלעגאַציע איז געגאַנגען מיט אַ פּעטיציע וועגן צונעמען די צוויי אויסגעשלאָסענע סטודענטן. איז וואָס געווען זיך צו באַאומרויִקן? יורעק האָט מיך אָבער אָפּגעהאַלטן. איר קענט דאָך יורעקן. ער האָלט נישט פון זיך אַרײַנלאָזן אין טומלענישן. האָבן מיר ביידע ווײַטער געקוקט און געזען ווי זיי האָבן זיך געלאָזט מיט שטעקנס אויף די סטודענטן, איזדיעקעוועט זיך צוזאַמ־מיינסטן איבער די סטודענטקעס, געקאָפּעט, געטראָטן מיט די פיס, גע־שלעפּט צו די פּאָליציישע קאַרעטקעס. ס׳איז שוין געווען בײַם סוף. פּלוצלינג האָבן מיר דערזען קאַזשיקן לויפן צו דער הינטערשטער געבײַדע. יורעק איז גלײַך אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, געוואָלט אים אַרײַננעמען. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואַקסן צוויי אָרמאָ[1] - פאַרשוינען, פאַרשטעלט זיי דעם וועג. כ׳בין אַרויס, געזאָגט עדות, אַז יורעק איז די גאַנצע צײַט געווען מיט מיר אויבן. זיי האָבן מיך לעגיטימירט און גע־ראָטן זיך נישט צו מישן. כ׳האָב דורכן פענצטער פון פאַרטער געזען ווי מ׳האָט זיי אַרײַנגעשטופּט אין אַ פּאָליציי־קאַרעטקע. געשלאָגן האָט מען זיי נישט, ווי אַנדערע. דאָס איז אַלץ. כ׳האָב נעכטן געוואָלט קלינגען, אָבער געטראַכט זיך, אַז גלײַכער נישט צו באַנוצן זיך מיטן טעלעפאָן.

מאַרעק האָט אויסגעהערט שטייענדיק. זײַן פּנים האָט באַקומען דעם אַמאָליקן קאָליר, פון אַש. אַנעט האָט ווײַטער געפרעגט:

— איר זענט אַן אויפריכטיקער פרײַנד יורעקס און אַ קלוגער מענטש, ווי מיינט איר, זיי וועלן די אוניווערסיטעט־געשעענישן אויסנוצן קעגן ייִדן?

— קלוג קאָן מען דאָ נישט זײַן, אָבער ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן. אויב ס׳וועט זיי נויטיק זײַן, וועלן זיי מאַכן פון דעם אַ ייִדישע מאַכע־רײַקע. איר זעט, מיך האָבן זיי נישט מיטגענומען, כאָטש כ׳האָב זיך אײַנגעשטעלט פאַר יורעקן. זיי וויסן גאַנץ גוט ווער ס׳איז פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. עס זעט אויס, אַז בײַ די אַרעסטן האָבן זיי אויפגעפּאַסט אויף דעם.

---

[1] אָרמאָ — געהילף־מיליץ

ער האָט אַרויסגעצויגן עטלעכע צײַטונגען פֿון בוזעם־קעשענע, געוויזן מיט די פֿינגער:

— קוקט, איך האָב נישט געוווּסט, אַז זאַגורסקי הייסט הירשביין, זיי שרײַבן זאַגורסקי וועל הירשביין. און ווען מען זאָל אײַנפֿאַלן, אַז יורעק און קאַזשיק... מסתמא איז דאָס זיי צו עפּעס נויטיק.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיי. ער האָט נאָך געפּרוּווט די זאַך צו פֿאַרטײַטשן מיט אַן אַנעקדאָט, וואָס גייט אַרום.

— איר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט וועגן אונטערשייד צווישן דעם פֿאַרמלחמהדיקן אַנטיסעמיטיזם און דעם הײַנטיקן. יענער איז געווען אַ פּריוואַטער אַנטיסעמיטיזם, דער הײַנטיקער איז אַ מלוכישער.

אַנעט האָט אין גאַנצן טאַראַראַם פֿאַרגעסן אין טעלעפֿאָן. זי האָט געכאַפּט וואָס ס׳איז איר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט און פֿאַרדעקט.

— פֿאַניע וואָלסקי, מיר מוזן זיך דערוויסן ווו זיי זענען, וואָס מען וויל פֿון זיי, אפֿשר וועט איר אונדז צוהעלפֿן.

— איך טראַכט וועגן דעם, כ׳וועל אומעטום אַרײַנשמעקן. ווי גיך כ׳וועל עפּעס וויסן, וועל איך קומען נאָך דער אַרבעט.

מאַרעק האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגערופֿן:

— ס׳איז נישט פֿאָרזיכטיק איר זאָלט אַרויפֿקומען צו אונדז. בעסער זיך צו באַגעגענען בײַ מיר בײַ דער אַרבעט. כ׳וועל וואַרטן הײַנט און מאָרגן.

ער האָט צום צווייטן מאָל געוואַרט ביז שפּעט. אַנעט האָט געוואַרט אין שטוב, געזעסן ווי אויף שפּילקעס. נאָכן הײַנטיקן טאָג איז די איינציקע האָפֿענונג יורעקס פֿרײַנד. זי האָט נאָך אַלע לויפֿענישן זיך גאָרנישט דערוווּסט. די שטאָט דרייט זיך ווי אַ מיל. אויף די גאַסן דאָ און דאָרט גרופּעס סטודענטן. זיי מאַניפֿעסטירן קעגן די שלעגער אונטער דער לאָזונג: מ. אָ. — ס. ס.! די אוניווערסיטעט־געבײַדעס זענען באַלאַגערט. מען אַרעסטירט אויפֿן גאַס און מען שלעפּט אַרויס סטודענטן פֿון די שטובן. דער מאָסטאָווסקי־פּאַלאַץ איז איבערפֿולט פֿון אַרעסטירטע. וואָס דאָרט קומט פֿאָר, ווייסט קיינער נישט; מען דערציילט זיך אָבער אויסטערלישע זאַכן. אַנעט קלינגט מער צו קיינעמען נישט. עפּעס אין איר

האָט זיך צעבראָכן. זי וויל זיך אָנכאַפּן אין עפּעס, זיך אָנשפּאַרן אין עמעצן. וואָלסקי קאָן איצט זײַן אַ שטיקל אָנשפּאַר. זי וואַרט אין שפּאַנונג אויף מאַרעקן. ער איז שוין היפּש פאַרשפּעטיקט. מסתמא האָט אים וואָלסקי געבראַכט נײַעסן. זי האָט דערהערט אַ גרילץ אין טיר און אויפגעשפּרונגען. מאַרעקס אויסזען האָט איר קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

— וואָס האָסטו זיך דערוווּסט פון וואָלסקין?

— וואָלסקי איז אַרעסטירט. מ'האָט אים פאַרנומען הײַנט אינדערפרי בײַם אוניווערסיטעט. וואָס ס'איז דאָרט פאָרגעקומען ווייס איך נישט. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מ'איז אים נעכטן אינדערפרי נאָכגעגאַנגען, ער איז געווען בײַ אונדז, פריִער זיך אײַנגעשטעלט פאַר יורעקן.

— וואָס פעלט דיר אײַן, כ'האָב זיך גוט אַרומגעקוקט פאַרן אַרויפגיין מיט אים, כ'האָב קיינעמען נישט געזען.

— כ'האָב מער דערפאַרונג פון דיר...

— און מיט דײַן גאַנצער דערפאַרונג האָסטו געוואַרט מ'זאָל אונדז פאַרמאַכן ווי מײַז אין אַ שטײַג!

זי האָט זיך באַלד אַ ביס געטאָן אין צונג. נישט איצט קיין צײַט אויף אַזעלכע רייד. איצט דאַרף מען זיך אונטערהאַלטן. מאַרעקס נערוון זענען אָבער געווען אָנגעצויגן ווי דראָטן, ער האָט נישט ווילנדיק דאָס מאָל געענטפערט.

— האָסט אויך נישט געלערנט פון דײַן דערפאַרונג, ביסט געקומען צולויפן טראָץ דעם, וואָס איך האָב געוואָרנט.

אויך ער האָט באַלד חרטה געהאַט, אָנגענומען איר האַנט און לײַכט צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— זײַ מיר מוחל, דו מעגסט מיך שטראָפן, איך דיך נישט, איך האָב נישט קיין רעכט.

אַנעט האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, נישט געוואָלט ער זאָל זען ווי ס'זענען פלוצלינג אָנגעלאָפן טרערן אין די אויגן.

— אַנוש, זיי זענען נישט די איינציקע. כ'האָב גערעדט מיט אַן אַדוואָקאַט, מ'קאָן גאָרנישט אונטערנעמען, מ'דאַרף וואַרטן. כ'האָב געזען עלטערן בײַ וועמען מ'האָט אַרויסגענומען די קינדער פון בעט. זעט אויס, אַז זיי האָבן צוגעגרייטע ליסטעס וועמען צו אַרעסטירן. דאָס מאָל באַ-

האַלט איך פאַר דיר גאָרנישט אויס. עס גרייט זיך עפּעס. גענוי אין וואָס ס׳גייט זיי, איז שווער צו וויסן. נישט שווער אָבער זיך אָנצושטויסן, אַז זיי דאַרפן עפּעס אויסשפּילן. די צעבלאָזענע מעשה מיט די סטודענטן דאַרף זײַן אַ שאַך־ברעט. מען מוז רויִק צוװאַרטן. און פאָרזיכטיק זײַן.

אַנעטס שטימע איז געװען פאַרשטיקט.

— וואַרטן, וואַרטן, מ׳וועט דערװײַל שינדן פון זיי די הויט, און בײַ דיר איז שטענדיק די זעלבע עצה.

— קיין אַנדערע עצה איז נישטאָ. אַלע וואַרטן. ס׳איז אַלעמענס עצה. אין דער לופט הענגט אַ פּסיכאָז. מען ריכט זיך ס׳זאָל עפּעס אויסברעכן. די סטודענטן־שטרײַקן, די מאַניפעסטאַציעס, וואָס כאַפּן שוין אַרום דאָס לאַנד, איז אַ פּעסל פּולווער. ס׳קאָן אויפרײַסן. מעגלעך, אַז דאָס פײַער וועט אַרומנעמען ייִדישע הײַזער. נישטאָ וווּ צו אַנטלויפן. מ׳איז באַלאַגערט. אַלע זענען אין דער זעלבער לאַגע. כ׳וויל זאָלסט דאָס וויסן, זאָלסט קאָנען אויפנעמען רויִק.

די טעג שלעפּן זיך, ציִען זיך ווי דזשעגעכץ. צעשויבערטע טעג, צעטומלטע נעכט. בײַ יעדן שאָרך פון דער טיר שפּרינגט מען אויף. עס בלאָזן פון אַלע זײַטן בייזע ווינטן, וואָיען ווי די וועלף, אָבער מען וואַרט נאָך אַלץ אויף אַ שטורעם, מען פילט, אַז ער רוקט זיך אָן. ייִדן לייענען צײַטונגען מיט צעשראָקענע אויגן, מיט האַרצקלאַפּעניש עפנט מען דעם ראַדיאָ, די טעלעוויזיע.

אַנעט קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. שווער אײַנצוזיצן אין שטוב. צו באַקאַנטע טאָר מען דערװײַל נישט גיין. ווער ווייסט צי זי וועט זיי נישט קאָמפּראָמיטירן. ביז ס׳וועט עפּעס קלאָר ווערן, מוז מען זיך איזאָלירן. וואָס טוט מען אָבער מיט זיך? אין די ערגסטע צײַטן איז די בעסטע רפואה געווען צו לייענען, צו שרײַבן. מענטשן האָבן געלייענט אין געטאָ, אין באַהעלטענישן. זי האָט אין בונקער געשריבן. איצט איז בײַ איר דער מוח אַרײַנגעפּאַנצערט אין אַן אײַזערנער רײַף. ס׳דוכט זיך, אַז מיט יעדן טריט, וואָס מען וויל מאַכן, טרעט מען אַרויף אויף אַ גליטש. ווי אַזוי אויסמײַדן די גליטש נישט צו צעברעכן האַלדז און נאַקן? ווי אַזוי באַפרײַען זיך פון דער רייף, וואָס דריקט דעם מוח? איין אויסוועג. מ׳דאַרף

אַראָפּגיין אין אונטערערד. מ׳דאַרף, מען מוז אויפהערן צו זײַן אַ פּאַסי־ווער עדות. דאָס אַלץ מוז פאַרצייכנט ווערן. דאָס טאָר נישט פאַרלוירן גיין.

די מחשבות דרייען זיך אין קאָפּ ווי נאַכטיקע שאָטנס אויף די ווענט. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך אַ נײַע אויסטערלישע נײַעס. אין פרי׳ען פרימאָרגן לויפט אַנעט אַראָפּ צו זײַן די ערשטע בײַם פּרעסע־קיאָסק. זי קומט צוריק מיט אַ פּאַק צײַטונגען, שפּרייט זיי פאַנאַנדער און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף די פעטע קעפּלעך. זי לייענט און ס׳ווילט זיך איר נישט גלייבן, איר, וואָס האָט זיך שטענדיק גערינכט אויפן ערגסטן. די קעפּלעך צו די קאָמענטאַרן שפּרינגען ווי משחיתים צו די אויגן: „די ציוניסטישע אינספּיראַטאָרן פון די אומרוען". „טאָטנס זינד־לעך פון יידישער אָפּשטאַמונג בונטעווען פוילישע סטודענטן". „די זין זענען אַזוי ווי די טאַטעס". „ציוניסטישער אַנגריף קעגן פאָלקס־פוילן". „ציוניסטן ווילן אונטערגראָבן אונדזער לאַנד".

אַנעט ציט צום צווייטן מאָל אַרויס פון דער וואַנט־שאַנק דעם אַלטן, לעדערנעם האַנט־בײַטל מיט דער געהיימער עפענונג און די אויס־געריבענע וואַליזקע מיט דער טאָפּלטער דנאָ. זי שטופּט דאָרט אַרײַן עט־לעכע פאַרשריבענע בלעטלעך. זי גרייט נײַע, איינצעלנע. זיי טאָרן נישט בלײַבן ליידיק. זי כאַפּט זיך גלײַך פאַר דער פעדער. זי שרײַבט גיך, נער־וועז, דאָס בלעטל איז שוין באַלד פול. דאָס גלעקל בײַ דער טיר קלינגט. פון פאַרשריבענעם בלעטל ווערט אַ קנויל. זי לויפט אַרײַן אין טואַלעט־צימער און לאָזט דאָס אײַנגעקנייטשטע בלעטל אַראָפּ מיט אַ שטראָם וואַ־סער. דאָס גלעקל קלינגט ווידער. זי ציט אַרויף אויף זיך אַ רויִקע, פאַרשלאָפענע מאַסקע און עפנט. וואָס פאַראַ אידיאָטקע זי איז געווען! אין דער שעה ברענגט דאָך דער בריוו־טרעגער די פּאָסט. יעדער קלינג טרייסלט אויף. אָפּגעקומען מיט שרעק.

די פּאָסט איז אַ מאָגערע. בלויז עטלעכע בריוו. די יידישע צײַטונ־גען גיט מען שוין לאַנג נישט אָפּ, אַפילו נישט דער יידישער רעדאַק־ציע און נישט די יידישע אינסטיטוציעס. מ׳איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט. גוט וואָס עס קומט נאָך אָן אַ בריוו. זי מאַכט אויף צוויי בריוו פון אויסלאַנד. וואָס פאַר אַן אײַנפאַל האָבן זיי דאָרט צו שרײַבן, ווי אַמאָל. זי וואָלט זיי שוין מוחל געווען די בריוו. זיי פאַרשטייען דאָרט נישט,

אַז אַן אומשולדיק וואָרט קאָן אויך אויסגעטײַטשט ווערן, ווי ס׳איז נייטיק די רעדל־פירער. צוואָס איר איצט דערמאָנען וועגן איר אויפהאַלט אין פראַנקרײַך? באַלד כאַפּט זי זיך, אַז סײַ ווי ווייסן זיי. ס׳איז נישט אַזוי לאַנג ווי מ׳האָט געענישטערט אין איר אָנגעפּראָפּטער קאַרטאָטעקע. זי נעמט זיך רויִק צום דריטן בריוו מיט דער פּוילישער מאַרקע. ווי גע־ווייגלעך כאַפּט זי פריִער אַ קוק אויפן צוריק־אַדרעס. צאָפּאָט. פון וועמען קאָן דאָס זײַן? זי האָט קיינעמען נישט אין צאָפּאָט. זי האָט מיט נייגיר אויפגעמאַכט דעם קאָנווערט. אַ בריוו געשריבן אויף דער מאַשין, אין דער דײַטשער שפּראַך. דער נייגיר איז געוואַקסן. זי הייבט אָן לייענען און עס פאַרקלאַפּט דעם אָטעם. פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זי, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווייסט, אַז אַנעט וויל פאָרן אין ייִדישן פּאָ־טערלאַנד. זי איז גרייט איר צו העלפן. ס׳ליגן פאַר איר צוגעגרייט פינף טויזנט דאָלאַר, מען וואַרט זי זאָל קומען אָפּנעמען דאָס געלט.

אַנעט האָט געלייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. איז דאָס מעגלעך זיי זאָלן אַזוי אָפן, גראָב אויפשטעלן אַ פּאַסטקע? זי האָט ווידער אַמאָל גע־קוקט אויף ביידע אַדרעסן. קיין שום טעות נישט. ס׳איז אַדרעסירט צו איר. פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע... וואָס זאָל זי טאָן מיט אַזאַ בריוו? אירע בליקן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אין די אַמאָליקע צוויי באַהעלטענישן. דער בײַטל וועט איצט נוצן אויך פאַר אַזאַ דאָקומענט.

ס׳איז איר נישט פאַרבליבן קיין צײַט. מאַרעק איז אומגעריכטער־הייט אָנגעקומען. ס׳האָט איר געוווּנדערט, אָבער זײַן פּנים איז געווען רויִק, ער האָט גערעדט געלאַסן, ווי ס׳וואָלט בײַ אים גאָרנישט געשען.

— אַ בריוו? פון וועמען?

זי האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו. ער האָט שנעל געפירט מיט די אויגן איבער די שורות און שטיל אויסגערופן:

— אַ פּראָוואָקאַציע! איינע נאָך דער אַנדערער. פאַרברענען!

אַנעט האָט מיט כּוח אים אַרויסגענומען דעם בריוו פון האַנט. ס׳האָט זיך אָפּגערופן אין איר דער היסטאָריקער. אַזאַ דאָקומענט דאַרף מען אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן זיך געאַמפּערט, לסוף האָט אַנעט אָנגעקלונגען צו זייער אַלטן פרײַנד צו דאָקטאָר ביבער. מיט אים איז שטענדיק גוט זיך צו באַראַטן אין אַן עת צרה. זיי האָבן ביידע שווײַגנדיק געוואַרט. מאַרעק איז געווען פאַרזונקען אין זיך, אַנעט האָט זיך געפּאָרעט אַרום געהיימען

אַמאָליקן בייטל, געוואָלט אים מאַכן שענער, נייער. פון מאָל צו מאָל האָט איר מאַן געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק, איבערגעטראָגן די אויגן פון בייטל צום וואַליזקעלע.

דאָקטאָר ביבער איז אָנגעקומען אין איילעניש. ער האָט איבערגע־לייענט דעם בריוו און אָפּגעפּסקנט:

— פאַרניכטן, ס'זאָל קיין צייכן נישט בלייבן.

אַנעט האָט געפּרוּווט זיך דינגען: זי וועט עס ערגעץ באַשטאַטן, אַרויס־טראָגן פון שטוב. ער, דאָקטאָר ביבער, אַ היסטאָריקער, ווייסט דאָך, וואָס ס'הייסט אויסבאַהאַלטן אַזאַ בריוו, זאַמלען אין אַזאַ צייט מאַטעריאַלן, דאָקומענטן. דאָקטאָר ביבער וואָלט אפשר אָפּגעטראָטן, מאַרעק האָט נאָך הייַנטיקער געשעעניש זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער איז אַריין מיטן בריוו אין קיך, אונטערגעצונדן מיט אַ שוועבעלע, געעפנט דעם קראַן און אַראָפּגעשווענקט דעם דינעם אַש. דאָקטאָר ביבער האָט אַנעטן געטרייסט:

— אַזעלכע זאַכן פאַרגעדענקט מען. איר וועט נישט פאַרגעסן אַזאַ דאָקומענט. און זייט נישט אַזאַ יחסן. נישט איר אַליין האָט באַקומען אַזאַ בריוו. יענע געדענקען אין אַנדערע יידן אויך. עמעצן איז איינגעפאַלן אוועקצוטראָגן די מציאה אין דער מיליץ און איצט ציטערט ער. ס'האָט זיך אַפילו געפונען אויף דער פּראָווינץ אַזאַ נאַיווער ייד, וואָס איז מיט אַזאַ בריוו געגאַנגען אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. צוריק איז ער נישט געקומען. מ'האָט אים שוין ערגעץ באַגלייט.

ער האָט דערזען די געהיימע באַהעלטענישן, וואָס ער האָט געקענט פון אַמאָל און זיך געוואָנדן צו אַנעטן:

— צו הייַנטיקע נייע צייטן טויגן אפשר נישט קיין אַלטע מעטאָדן.

מאַרעק האָט זיך דערפילט שטאַרקער. ער איז אַריין אין קיך מיטן בייטל און מיטן גרויסן קיך־מעסער צעשניטן אויף שטיקלעך. אַנעטן האָט זיך געוואָלט שרייען. ס'איז אַן אָנדענק. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. דער מאַן האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער וואַליזקע. ער וועט עס באַלד אַראָפּ־טראָגן צוריק אין קעלער. דאָקטאָר ביבער האָט בלאָס געשמייכלט און אים אָפּגעהאַלטן:

— גערעכט זענט איר, זיי קענען דאָס אַלץ פּונקט אַזוי ווי מיר. נאָר איר מאַכט עס מיט צופיל אימפּעט, צו גיך. אַ שאָד כּוח. רוט זיך בע־סער אַ ביסל אָפּ. איר דאַרפט דאָך נאָך הייַנט גיין צו דער אַרבעט.

— גייך, איך דאַרף צו דער אַרבעט נישט גיין. היינט אינדערפרי האָט מען מיך, ווי אַנדערע, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. איך זאָל האָבן שלעכט דערצויגן מיינע זין, געלאָזט אָדער געהאָלפן זיי אַרונטערפאַלן אונטער ציוניסטישע איינפלוסן. מיר, די עלטערן, זענען נישט ווייניקער שולדיק ווי אונדזערע קינדער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ווי אַלע כוחות וואָלטן אים פאַרלאָזט. אַנעט האָט מיט אַ טיכל דעם מאַן אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

קאַפּיטל 4

נישט אַנדערש, נאָר עס ציִען זיך פון ערגעץ אַ געהיימען אָרט שטריקלעך, וואָס באַוועגן און שטויסן צו אַ בונט אַ גרויסע מאַסע. די ייִדישע מיידלעך און ייִנגלעך זענען שוין פאַרשפּאַרט. די אומרוען אויף די אוניווערסיטעטן דויערן ווײַטער, די שטרײַקן און מאַניפעסטאַציעס כאַפּן אַרום אַלע אוניווערסיטעט־שטעט. ס'הייבט זיך אָן אַ נײַער יאָגד אויף ייִדישע סטודענטן. ייִדישע מאַמעס לאָזן נישט אַרויס זייערע דערוואַקסענע קינדער פון שטוב, בעטן זיך בײַ זיי מיט טרערן אין די אויגן איבערצו־וואַרטן דעם שטורעם.

די לופט איז עלעקטריזירט, אָנגעלאָדן מיט שנאה. פון פרימאָרגן ביז האַלבע נאַכט הערט זיך אַ וואָיעניש, אַ קריצן מיט די ציין, וואָס רײַסט זיך פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע. אין פאַבריקן און אַנשטאַלטן שטעלט זיך אָפּ די אַרבעט. מאַשינען, מאָטאָרן און רעדער ווערן פאַרשוויגן. דער גערויש קומט איצט פון מענטשלעכע מײַלער. ס'איז אַ סיקעניש, אַ גריל־צעניש, מײַלער שפּײַען מיט גיפט קעגן אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם, קעגן די אייגענע ציוניסטן. איבערן צונויפגעטריבענעם עולם אויף מיטינגען הייבן זיך אויף פּאַנקאַרטן מיט פעטע אויפשריפטן: „אַוועק די הענט פון סאָציאַליסטישן פּאָטערלאַנד!” „אָפּרייניקן די פּאַרטיי פון ציוניסטן!” „גייט אײַך קיין ישראל!” „נידער מיט ישראל!” „נידער מיט דער אינטערנאַציאָ־נאַלער מאַפיע”! „נידער מיט דער פינפטער קאָלאָנע!”

אין ייִדישע היימען איז יום־כיפּור. מען קוקט אויפן עקראַן און דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן. וואָס קומט פאָר? וואָסער שגעון האָט זיי אַרומגעכאַפּט? מען פרעגט, מען זוכט זיך, מען וויל זײַן צוזאַמען און מען שרעקט זיך צו זײַן צוזאַמען. ייִדן שלײַכן זיך דורך די גאַסן ווי שאָטנס. מען רעדט נישט צווישן זיך אויף דער גאַס. מען באַוועגט זיך נישט אין קיין עפנטלעכן אָרט. מען דרייט אָפּ דעם קאָפּ, ווען מען באַ־

געגנט אַ נישט יִדישן שכן. ווער ווייסט וואָס ער טראַכט הײַנט? צי דער גיפּט, וואָס טריפט פון פרימאָרגן ביז שפּעט בײַנאַכט, איז נישט אַרײַנגעדרונגען אין זײַן האַרץ? מען וויל זיך נישט אָנטרעפן צומאָל מיט די בליקן פון אַ קינד אויפן הויף. אַלטע פרײַנד, חברים, וואָס זענען אַמאָל געזעסן אין איין תפיסה־קאַמער, מײַדן זיך אויס צו טרעפן. יִדן זענען צווישן יִדן, מען טוליעט זיך איינער צום אַנדערן.

בײַ אַנעטן קלינגט אַ גאַנצן טאָג דער טעלעפאָן. זי ענטפערט מיט אַ יאָ און ניין. ווער עס וויל זאָל קומען, נאָר נישט רעדן דורכן טעלעפאָן. דער טעלעפאָן איז אַ שפּיאָן אין שטוב. מאַרעק נעמט זעלטן אָפּ דאָס טרייבל. ער רעדט אויך אַלע מאָל ווייניקער. ער טרעפט זיך בלויז מיט די צוויי אַדוואָקאַטן, מיט עטלעכע באַקאַנטע בײַ וועמען מ׳האָט אַוועקגענומען די קינדער, ווי בײַ אים. בײַ אַנעטן האָט ער מיט גרויסע שוועריקייטן געפּועלט צו לאָזן די זאַך פון די יִינגלעך אין זײַנע הענט. זי דאַרף זיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פיס, זי קאָן נאָך פאַרערגערן. זאָל זי בעסער מאַכן אָרדענונג אין שטוב. ווען זיי קומען מאַכן אַ רעוויזיע, וועלן זיי טרעפן אין די שופלאָדן נישט נייטיקע זאַכן. אַן אומשולדיק בלעטל, אַ בריוו, אַ וואָרט קאָן וואַרפן דעם גרעסטן חשד. אַלץ איז פאַרדעכטיק.

אַנעטס פינגער נישטערן גיך, געשיקט. זי קוקט דורך אַדרעסן, בריוו, נאָטיצן, קלײַבט אָפּ און צערײַסט. מאַרעק ווערט פון דעם לײַכטער, איר שווערער. זי שרײַבט איבער טעקסטן מיט דראָבנער שריפט אויף קליינע בייגעלעך, וויקלט אײַן אין אַ פּאַפּיראָס און רוקט אַרײַן ווו ס׳לאָזט זיך, אין אויפגעשרויפטן פּרעס־אײַזן, אין אויפגעטרענטן מאַטראַץ, אין שיך. אויף צומאָרגנס נעמט זי דאָס אַרויס, מ׳האָט איר צוגעטראָגן, אַז בעת אַ רעוויזיע רײַסן זיי אויף די מאַטראַצן, צעטרענען פּאָטעלן, רײַסן אַראָפּ דאָס פּאַפּיר פון וואַנט. אַנעט זוכט יעדן טאָג נײַע באַהעלטענישן, זי געפינט אויס פאַרבאָרגענע ווינקלען אין קעלער, שטופּט אַרײַן מאַנוסקריפּטן, נאָטיצן. אָט פאַלט איר אַרײַן אין אויג דאָס גרויסע בילד, וואָס אויפן וואַנט. די ראָם איז אַ ברייטע, אַ שווערע, אַן אַלט־מאָדישע, דער הינטערשטער טאָוול אַ דיקער. מאַרעק איז נישט אין שטוב. זי נעמט אַראָפּ דאָס בילד, באַטראַכט דעם הינטערשטן טייל. דאָס צווענגל הייבט אָן געשיקט אַרויסצוציִען די טשוועקלעך, וואָס פעסטיקן צו די ראָם

צום טאָוול. אַ קלינג אין טיר וואַרפט איר אַרויס דאָס צווענגל פון האַנט. זי שטייט אַ ווײַלע פאַרשטיינערט. זי פרוווט צוריק אויפהעבגען דאָס בילד. ס׳געלינגט נישט. דאָס גלעקל קלינגט. זי רײַסט אויף גיך אַראָפּ דעם הענגער, צעדראַפּעט זיך די הענט. ס׳וועט פאַרט זײַן אַ סימן, אַז דאָס בילד קאָן נישט הענגען. עס איז שוין אַנגעשפּאַרט בײַם וואַנט. זי לויפט עפענען. אין טיר שטייט יאַקוב גראָסמאַן. זיי קוקן זיך אַ רגע אָן שווײַגנדיק, זי בעט אים אַרײַן און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— איר האָט נישט מורא געהאַט צו קומען צו אונדז? ס׳איז אפשר נישט פאַרזיכטיק פון אײַער זײַט...

— אין מײַן עלטער האָט מען שוין נישט מורא, יעדנפאַלס איך. איך בין געקומען ברענגען אײַך אַ גרוס פון אײַערע זין. זיי זענען זינט צוויי טעג אין מאָקאָטאָווער תפיסה. פריִער זענען זיי געווען אין מאָסטאָווסקי־פּאַלאַץ. מ׳זאָגט, אַז דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט זיך איבערגע־טראָגן אין דער מיליציע־געבײַדע. ס׳איז דאָרט פול, איינע פירט מען אי־בער אין תפיסה, אַנדערע ברענגט מען צו פירן. די קאַרעטקעס פאָרן נאָך אַלץ הין און צוריק.

בײַ אַנעטן האָט זיך קוים די צונג געדרייט.

— פון וואַנען ווייסט איר וועגן מײַנע זין?

— כ׳האָב גערעדט מיט אַ פּוילישער סטודענטקע, מ׳האָט זי נעכטן אַרויסגעלאָזט. אַ ריינע אַריערין. זי האָט געזען אײַערע זין. זיי זעען אויס בעסער ווי איר, ווי מיר. הלוואַי וואָלט איך געווען אין זייער עלטער, כ׳וואָלט געווען מיט זיי. איך האָב 69 יאָר. 52 פון זיי האָב איך אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי. איצט באַלוינט זי מיך.

אַנעט האָט געכאַפּט אַ קוק צום טעלעפאָן. ער איז געווען גוט אַרומ־געדעקט. פונדעסטוועגן האָט זי געבעטן ער זאָל רעדן וואָס שטילער.

— דאָס וואָס איך זאָג אײַך, וואָלט איך זיי אויך געזאָגט. איר ווייסט וואָס איך וואָלט געטאָן, ווען איך וואָלט געווען אַליין? ווען נישט די זאָרג פאַר מײַן קראַנקער פרוי? איך וואָלט זיך אַרײַנבאַקומען דאָרט, אין דעם געלעסטערטן און פאַראַכטן הויז, ווו עס זיצן די גדולים, כ׳וואָלט גע־פונען אַ וועג זיך דאָרט אַרײַנצובאַקומען; קודם וואָלט איך זיי אַ שפּײַ געטאָן אין פּנים און דערנאָך וואָלט איך זיך אַרײַנגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ.

אַנעט האָט אים געוואָלט אויספרעגן, אָבער ער רעדט צו הויך. וואָס טוט מען צו זען די סטודענטקע? זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן.

— איר קאָנט קומען צו מיר אין שטוב, כ׳וועל זי אַרײַנבעטן. ס׳איז די טאָכטער פון מײַנע שכנים. איך האָב נישט קיין מורא, נישט איר זאָלט קומען צו מיר און נישט זי זאָל זיך מיט אײַך בײַ מיר טרעפן. איך פֿײַף אויף זיי.

דער פאַרדעקטער טעלעפאָן האָט טויב געקלונגען. אַנעט איז צופרידן געווען. ער וועט אויפהערן צו רעדן. זי האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט און גענומען דאָס טרייבל.

— וואָס? איך זאָל שוין קומען? געשען עפּעס מיט גינען?

אַנעט האָט אַ ווײַלע פאַרגעסן אין דער סטודענטקע, אָנגעהויבן זיך אײַלן.

— מיר דאַרפן נישט אַראָפּגיין צוזאַמען.

זי איז די ערשטע אַראָפּגעפאָרן מיט דער ווינדע. דאָס מאָל האָט זי זיך נישט אַרומגעקוקט צי עס שטייט נישט ווער בײַם טויער.

גינע איז געלעגן אויפן בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן ווי אַ פאַרחלשטע. אויף די באַקן זענען געווען צייכנס פון אויסגעטרוקנטע טרערן, ווי אויסגעטרוקנטע ריטשקעלעך אויף אַן אויסגעסמאַליעטער ערד. אַדעלע האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל, דערנאָך אָנגענומען אַנעטן פאַר דער האַנט און אַרײַנגעפירט אין קיך. ס׳איז דאָרט געזעסן זעליג דער גרויסער. אַזוי האָט מען אים אַמאָל גערופן און אַזוי רופן אים נאָך הײַנט אַלטע חברים, כאָטש מען זאָגט, אַז ער פאַרדינט שוין נישט אויפן צונאָמען.

ווען זעליג איז געקומען פון „דאָרטן״, וווּ ער איז זעקס יאָר געווען אַ קוילן־גרעבער, אַרויסגעריסן שוואַרצע גרודעס, שטייענדיק ביז די קני אין וואַסער, דערנאָך צען יאָר געהאַקט וועלדער, האָבן חברים זיך אַרומגעזען, אַז ער איז אַ סך קלענער געוואָרן. מ׳האָט געזאָגט, אַז יענע קוראַציע האָט אים אויסגעהיילט פון דער איבערגעוואַקסנקייט. איצט זיצט ער אײַנגעקאָרטשעט און זעט אויס נאָך קלענער. זיי האָבן אַלע דרײַ זיך איבערגעקוקט.

— אַ נערוון־אַטאַק?

אַנעט איז זיכער געווען, זי האָט געטראָפן. „די יידישע מלחמה״ האָט אַ תל געמאַכט פון נינעס נערוון. זי האָט פון צייט צו צייט באַקומען ספּאַזמאַטישע אָנפאַלן. אַנעט האָט איר נישט איינמאָל געראָטן צו גיין צו אַ פּסיכיאַטאָר. זי איז אַליין אַ דאָקטער, פלעגט זי ענטפערן. יענע דאַרף מען פירן צו פּסיכיאַטרן, אַנטאָן זיי אין פּאַנצער־העמדלעך און פאַרמאַכן וויניקסטנס אין אַ משוגעים־הויז.

זינט דעם אַרעסט פון די יינגלעך האָט אַנעט זיך ווייניק וואָס אָפּגעגעבן מיט איר. מיט אַדעלען איז נינע געווען באַפריינדעט נאָך פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיט זעליגן געווען צוויי יאָר אויף דער מזרח־שול אין מאָסקווע. איצט האָט ער געמאַכט אַ נייע דערפאַרונג און איינפאָרמירט דערוועגן אַנעטן:

— כ׳האָב זיך ערשט נישט לאַנג דערוווסט, אַז מיט אַ שליסל קאָן מען אויך אָפּראַטעווען פון טויט. אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז נאָר מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ וואַרעמער זופּ, מיט אַ וואַרעמען מלבוש.

אַדעלע האָט איר קלאָר געמאַכט די זאַך:

— אַ גליק וואָס כ׳האָב געהאַט אַ שליסל. זי איז מיר די לעצטע טעג נישט געפעלן. הײַנט, איך קלינג און קלינג, מען ענטפערט נישט. כ׳האָב צווויסן געגעבן זעליגן. מיר האָבן זי געטראָפן אויפן בעט מיט אָט דעם שעכטל פּילן. ס׳פעלן בלויז עטלעכע. כ׳האָב גלײַך אַרויסגערופן דאָקטער ווייצן. נאָך עטלעכע פּילן און זי וואָלט אײַנגעשלאָפן אויף שטענדיק. זי האָט זיך געאַמפּערט מיט מיר, נישט געלאָזט אַוועקנעמען דאָס שעכטל, זאָל מען איר לאָזן שטאַרבן, זי וויל נישט לעבן.

— הערסט אַ מעשה, אַ מענטש בעט זיך רחמים מ׳זאָל אים לאָזן שטאַרבן, וויל בשום אופן נישט לעבן און מען צווינגט אים.

אַדעלע קען גוט זעליגן, זי לייגט נישט קיין אַכט אויף זײַנע רייד. זי זוכט אַן עצה בײַ אַנעטן:

— וואָס טוט מען? מען טאָר זי נישט לאָזן אַליין. ער דאַרף היטן די יינגלעך זיי זאָלן זיך נישט צוכאַפּן אויפן אוניווערסיטעט. הײַנט איז אַלגע אין שטוב. איך האַלט זיך קוים אויף די פיס, דער קאָפּ דרייט זיך מיר, ס׳איז די וואָך דער דריטער פאַל אַזאַ צווישן באַקאַנטע, יענע האָט מען נישט אָפּגעראַטעוועט.

— וואָס זאָגט דער דאָקטער?

— צוהיטן אויפן אָרט, געלאָזט רפואות. קיין שפּיטאָל נישט בייטיק און נישט גינסטיק פאַר איר.

— איך בין אַ בעסערער דאָקטער פון אים. זינט מ׳האָט זי אַראָפּ־גענומען פון דער אַרבעט, עפנט זי זעקס אַזייגער אינדערפרי דעם ראַדיאָ, לאָזט גיין די קאַטערינקע דעם גאַנצן טאָג. אין אָוונט זיצט זי ביז שפּעט מיט פאַרבראָכענע הענט ביי דער טעלעוויזיע. ס׳איז אַן ערגערער סם ווי די פּילן. אויב מען וויל זי זאָל נישט איבערחזרן, דאַרף מען אַוועקנעמען דעם סם, וואָס מען שיקט איר אַריין אין שטוב. כ׳וואָלט קאַליע געמאַכט ביידע קאַטערינקעס, ס׳איז אַ קלייניקייט, אויב איר באַשטייט איז איינס־צוויי, כ׳גיב ערגעץ אַ דריי און פאַרטיק.

אַנעט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אַרײַנגעשלייכט מיט ווייכע טריט, ווי אַ קאַץ, אין צימער און שנעל צוריקגעקומען.

— ס׳איז געמאַכט. וועסט אָנשטעלן אַן אומשולדיקע מינע. ס׳טרעפט דען נישט ס׳ווערט קאַליע?

אַדעלע איז אײַנגעגאַנגען צו וואַכן דעם הײַנטיקן טאָג. דער דאָקטער קומט אין אָוונט, וועט מען ווײַטער זען. זעליג מיט אַנעטן האָבן פון דער שוועל געוואָרפן אַ בליק אויף דער שלאָפנדיקער און שטיל פאַרלאָזט די שטוב.

— כ׳וועל דיך אָפּפירן, דו האָסט אויך אַן אויסזען, ווי דו וואָלסט אַראָפּגעשלונגען עטלעכע שלאָף־פּילן.

— דו האָסט דען אַ בעסערן אויסזען?

— איך ווייס נישט וואָסער אויסזען כ׳האָב, נאָר איך האָב זיך אויסגעט־לערנט לאַכן, ווען ס׳ווילט זיך וויינען. מיינסט ס׳האָט מיר ווייניקער גע־גריבלט בײַם האַרץ ווי אַדעלען? נאָר ווען זי האָט פאַרבראָכן די הענט און אָנגעהויבן אומגעלומפּערט זיך צו אַמפּערן מיט ניגען, האָט מיר שיער נישט אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער, כ׳האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן. זעט אויס יעדע טראַגעדיע האָט איר קאָמעדיע.

— דאָרט האָט זיך דיר אויך געגלוסט צו לאַכן פון אַזעלכע קאָ־מעדיעס? ס׳האָט מסתמא נישט געפעלט.

— וועסט נישט גלייבן, מ׳האָט נישט איינמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, ווען מען האָט געדאַרפט וויינען און קלאָגן. און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? ס׳איז מיר דערווידער, ווען איך זע, אַז מען וויינט.

כ׳בין נעכטן געווען בײַ לעוויטשן. מ׳האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק אײַנגעזעצט דעם זון, אַרויסגענומען אים פון בעט. איז וואָס טוט ער איצט דער גרויסער קנאַקער? כ׳האָב אַליין געזען ווי ער האָט געכליפּעט ווי אַ ייִדענע.

— ער האָט פאַרלוירן די ערשטע פרוי מיט צוויי זין, זיי זענען פאַרבליבן אין מײַדאַנעק.

— ווער פון אונדז האָט נישט פאַרלוירן? מיר זײַנען אַלע אבלים, מ׳האָט אָפּגעשניטן פון אונדז גלידער. איצט רײַסט מען פאַסן פון אונדזערע צעקאַליעטשעטע גופים. מײַנסט מיר דרייט עס נישט אויס די געדערים, אָבער אַ קרענק זיי וועל איך לאָזן אַ טרער.

— דו האָסט דורכגעמאַכט דאָס 37־סטע יאָר, ביסט צו דעם אַלעמען צוגעוווינט.

— אַ טעות. ס׳איז נישט דאָס זעלבע. דאָרט איז דאָס געווען אַן אַלגעמיינער אומגליק, אַ פאָלקס־קאַטאַסטראָפע. אַפילו ווען מ׳האָט אין ייִדן מער געצילט, האָבן די פײַלן געטראָפן אויך נישט ייִדן. ס׳איז געווען אַ יאַגד אויף מענטשן פון אַלע פעלקער. דאָ האָט מען אונדז אויסגעטיילט, בלויז מיר אַליין זײַנען שונאים פון פאָלק. נו, מיר זײַנען דאָ פּריווילעגירט, מען שיקט אונדז נאָך נישט אין קיין לאַגער, אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז דער שדים־טאַנץ דאָ קערט מיר מער איבער די קישקעס, ווי דעמאָלט דאָרט.

ער האָט געמאַכט אַ פּויזע, אַ נישטער געטאָן אין זכרון.

— פאַרשטייסט, דאָרט האָט מען נאָך טיילמאָל געגלויבט, אַז ס׳איז אַ צײַטווײַליקע צרה, אַ קינדער־קראַנקייט, וואָס וועט מיט דער צײַט זיך אויסהיילן. הײַנט ווייסן מיר, אַז ס׳איז נישט קיין קינדער־קראַנקייט, נאָר אַ פאַרשלעפּטע קרענק. דאָ פאַלט די קרענק אַרײַן אין אַ קריזיס, דאָ טרעט דער קריזיס אָפּ, דעם קראַנקן ווערט בעסער, אָבער די חולאת איז נישט אויסגעהיילט.

זיי זענען געגאַנגען לאַנגזאַם דורכן לאַזשענקע־גאָרטן, דורכגעהאַקט אים און אַרײַנגעפאַלן אין דער אַלייע פאַזע דעם פּאַרק. דאָ קאָנען גיכער פאַרבײַגיין מענטשן. פון זעליגס מויל האָבן די ווערטער אָנגעהויבן פליסן, ווי אַ שטראָמעלע וואַסער אין פעלד, שטיל, מאָנאָטאָן.

— מיר זענען גוט אין פעקל, נישטאָ וואָס צו רעדן. נאָר אפשר וועט

עס איין מאָל פאַר אַלע מאָל זײַן אַ סגולה צו עפּעס. די מעשה פון דער געשיכטע איז דאָך וואָס מ׳האָט זיך געהאַט אײַנגערעדט, אַז די רעוואָלוציע וועט אַ סוף מאַכן צו אַלע ייִדישע צרות. מיר ייִדן גופא דאַרפן זיך באַזונדער נישט ברעכן דעם קאָפּ. איך דערמאָן מיך אָפּטמאָל דאָס מענה לשון קעגן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, קעגן בונדישן סעפּאַראַטיזם. איך טראַכט דעמאָלט וועגן מײַן טאַטן. אַ שנײַדער געווען, אַ מענטש אָן אַ גאַל, געלעגן שטענדיק פאַרגראָבן אין דער שנײַדערײַ און ליב געהאַט צו וויסן וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט. ס׳איז געווען אַ שבת. איך געדענק אין דרויסן האָט געגאָסן מיט צעבערס. איך, דער אַלצווייסער, האָב פאַר מײַן ייִנגערער שוועסטער צעקײַט די פּאָלעמיק פון לענינען מיטן „בונד“. זי האָט פּונקט געהאַט דורכגעלייענט און נישט געקאָנט זיך אײַנבײַסן אין דעם. דער טאַטע האָט זיך צוגעזעצט צו אונדז, צוגעהערט זיך און דערנאָך מיר געזאָגט: „ער זאָל אַפּילו האָבן געווען מיט צען קעפּ, אײַער לעניִן, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וויסן מיט אַלע פּיטשעווקעס וואָס פאַר ייִדן איז גוט און וואָס נישט גוט? צי ס׳איז גוט פאַר זיי צו האָבן אַן אייגענע פּאַרטיי, אַן אייגענעם שפּיטאָל און ווייס איך וואָס נאָך, צי נישט? ער האָט אונדז געפרעגט? זאָלן זיי דאָרט בעסער מאַכן, אַז ייִדן זאָלן אַליין האָבן אַ דעה איבער זיך און קאָנען אַליין אויסקלײַבן וואָס ס׳וועט גוט זײַן פאַר זיי“. אוי, איז ער גערעכט געווען מײַן טאַטע.

אַנעט האָט אָנגעהויבן גיין גיכער.

— וואָס אײַלסטו דיך? מיר האָבן זאָך הײַנט אַ סך צײַט.

— איך וויל נאָך הײַנט צוגיין צו נינען, זי גייט מיר נישט אַרויס פון קאָפּ, דו רעדסט צו מיר און איך טראַכט וועגן איר.

— איך טראַכט אויך וועגן איר. איך פיר דיך אָפּ און גיי צוריק אַהין. דו דאַרפסט שוין הײַנט נישט גיין צו איר, כ׳וועל אָנקלינגען. האָסט דײַן אייגן פּעקל. איין זאַך פאַרשטיי איך נישט. דו האָסט דאָך יאָ עפּעס דערשמעקט, פאַרוואָס ביסטו דאָ געזעסן?

— און דו פאַרוואָס? נאָך דײַן גאַנצער דערפאַרונג?

— איך פרעג מיך איצט דאָס זעלבע. מיר ייִדן זענען קורצזיכטיקע מענטשן. ביז דער חלף ליגט נישט אויפן האַלדז, זעט מען אים נישט. מען זיצט ווי אַ וואָרעם אין כריין און מען מיינט ס׳איז זיס. מילא, דאָרטן

האָט קיינער נישט געקאָנט נעמען די פיס אויף די פּלייצעס. דאָ האָט מען דאָך יאָ געקאָנט. האָסט געדאַרפט זען ווי מײַן אָלגע איז אַרײַנגעפאַלן אין קעלבערנע התפעלות, ווען מיר זענען אַהער געקומען. מיר האָט זיך אויך פאַרדרייט אַ ביסל דער קאָפּ. צוריק געשמועסט, ס׳איז פאַרט אַנדערש געווען. דאָרט האָט אויך אַ שײַן געטאָן די זון. גיי זײַ אַ חכם. מיר דוכט זיך, אַז אַ מענטש איז בכלל אַזאַ באַשעפעניש, וואָס דערפילט די געפאַר ערשט, ווען זי איז נאָענט. פאַראַן חיות, וואָס פילן אַ געפאַר פון זייער ווײַט. אַ מענטש נישט. און אַ מענטש פאַרגעסט. ס׳ליגט מסתמא אין זײַן נאַטור. ער מוז גלייבן אין עפּעס גוטס, ער זאָל קאָנען זיך אָנשפּאַרן אין דעם. און מיר האָבן אַזוי געגלויבט אין גוטס, אַז מ׳האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ נישט צו זען דאָס שלעכטס. אַז ס׳האָט אונדז אַמאָל אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, האָט מען דערנאָך, ווען ס׳האָט אָפּגעלאָזט, פאַרגעסן. נעם מײַן אָלגען. זי האָט געטאַפּט דאָרט אַ וואַנט נישט ווייניקער ווי איך, האָט באַווײנט אירע יאָרן. דאָ האָט זי ווידער אָנגעהויבן שעפּן נחת פון אַלץ. הײַנט זאָגט זי מיר, זי פאַרשטייט נישט ווי אַזוי זי האָט געקאָנט פאַרגעסן, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט דאָ בלײַבן. הײַנט איז זי אַ פאַרברענטע ציוניסטקע. נאָר הײַנט זענען מיר ווי מײַז אין אַ קליאַטקע. ווער ווייסט, ווען זי וועט זיך עפּענען.

דער אַלטער גראָסמאַן האָט געעפנט די טיר.

— איך האַלט פון אײַך. כ׳האָב מורא געהאַט איר וועט נישט קומען. מײַן פרוי וועט זיך אויך פרייען. מען זעט איצט נישט קיין מענטשן פאַר די אויגן.

שפרה גראָסמאַן, אײַנגענורעט אין גרויסן פאָטעל, זעט אויס מיט די ווײַסע האָר ווי אַ קראַנקע טויב מיט צעבראָכענע פליגלען. זי האָט אויס־געצויגן צו אַנטקעגן די אַלטע, מידע האַנט, וואָס איז באַלד צוריקגעפאַלן אין אָנמאַכט. אין די אויגן זענען אָנגעלאָפן טרערן. זי האָט געצויגן, סאַפּענדיק, דעם אָטעם, קענטיק געווען, אַז די אַסטמע שטיקט זי.

— מיר האָבן דערלעבט! ס׳וואָלט בעסער געווען נישט צו דערלעבן אַזעלכעס. אין געטאָ האָב איך אויסגעהאַלטן, געוואָלט איבערלעבן. מ׳האָט זיך געשלאָגן מיט די רוצחים. איצט נישטאָ קיין כוח.

— פרוי גראָסמאַן, מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען.

אַנעט האָט איר צוגעוואָרפן די פּאָר ווערטער ווי אַ חוב. מ׳דאַרף די קראַנקע פרוי טרייסטן. זי איז אָבער נישט געקומען טרייסטן. זי טאָר נישט פאַרלירן צופיל צײַט.

— די סטודענטקע קאָן מען זען?

— אָט שוין בעט איך זי אַרײַן.

— נישט דורכן טעלעפאָן.

— מ׳דאַרף נישט דעם טעלעפאָן, ס׳איז די צווייטע טיר.

אַ בלאָנד מיידל מיט אַ מילכיק פּנים האָט אויסגעצויגן צו איר די האַנט. זי האָט גערעדט נערוועז, געשלונגען די ווערטער. די העל־גרויע אויגן האָבן געפינקלט פון יוגנטלעכן רעוואָלט.

— כ׳האָב צוגעזאָגט אײַערע זין אײַך צו וויסן צו געבן וועגן זיי. זיי בעטן אײַך איר זאָלט זיך נישט זאָרגן, זיי פילן זיך גוט.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— געהייסן אײַך זאָגן, אַז זיי לאַנגווײַליקן זיך נישט, זיי האָבן אַ גוטע געזעלשאַפט. יעדערער האָט באַפוילן עפּעס אַן אַנדער זאַך. מ׳האָט געוווּסט, אַז איך וועל אינגיכן אַרויס. כ׳בין אויפן מיטינג נישט געווען, כ׳בין אָנגעקומען נאָך אַלעמען. זיי האָבן מיך געדאַרפט זיי זאָלן קאָנען פון מיר עפּעס אַרויסבאַקומען. פיר טעג בין איך געווען אין אויספאָר־שונג. אַ קאָשמאַר. פאַרוואָס האָב איך צו טאָן מיט ייִדן? צו וואָס טויג מיר אַזאַ חברותא? צי וויים איך נישט, אַז די ייִדן ברענגען שאָדן אונדזער לאַנד? דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע מיט נעמען, מיט פאָטאָ־גראַפיעס. ס׳איז געווען משוגע צו ווערן. איינמאָל האָבן דרײַ פאַרשוינען מיר געבליצט מיט גרויסע טאַשן־לאָמפּן אין די אויגן, געשטופּט מיר אונטערן נאָז פאָטאָגראַפיעס. זיי האָבן שטויסן פאָטאָגראַפיעס. דעם קענט איר? אַ ייִד? און דער? און דער? ווי איך וואָלט מחויב געווען צו וויסן ווער ס׳איז אַ ייִד. ס׳האָט מיר קיינמאָל נישט אינטערעסירט ווער ס׳איז יאָ און ווער נישט אַ ייִד. זיי האָבן מיך געוואָלט צווינגען כ׳זאָל מיך אינ־טערעסירן דערמיט. ס׳איז געווען משוגע צו ווערן. נאָך אַ טאָג און איך וואָלט פון זינען אַראָפּ.

— זיי האָבן אײַך געפרעגט אויף מײַנע זין?

— אויף אײַנערע נישט. עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז בײַ דער אויספאָרשונג האָט מען זיי אַרויסגעצויגן אַן אַנדערן נאָמען. ס׳איז משוגע צו ווערן פון דעם אַלעמען. מיט אונדז איז געזעסן אַ סטודענטקע, האָט זי געהאַט אַ דײַטשן נאָמען. מ׳האָט זי גענומען דערפֿאַר פֿאַר אַ ייִדישע. דער פֿאָטער האָט אויפֿגעוויזן, אַז ער איז פֿון דײַטשער אָפּשטאַמונג, מ׳האָט דאָס מיידל אַרויסגעלאָזט. אַלע האָבן דערנאָך געוווּסט, אַז מ׳האָט זי אַרעסטירט דערפֿאַר, ווײַל מ׳האָט זי אָנגענומען פֿאַר אַ ייִדישקע.

— אַלע האָבן געוווּסט? מײַנע זין אויך?

— כ׳ווייס נישט, כ׳האָב זיי געזען בלויז איין מאָל, בײַם אַריבערפֿירן אונדז.

— וואָס האָבן זיי נאָך געבעטן מיר איבערגעבן?

— בלויז דאָס, איר זאָלט אײַך נישט זאָרגן. אַנדערע האָבן אָנגעזאָגט, איך זאָל דערציילן ווי אַזוי זיי זוכן ייִדן. ווען זאָל איך דאָס דערציילן?

ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערט:

— מײַנע עלטערן זאָגן, אַז צום בעסטן איז איצט צו האַלטן די צונג צווישן די ציין. זיי קאָנען זיך נאָך אָפּרעכענען מיט מיר. דערווײַל האָב איך זיך שוין אָפּגערעכנט. כ׳האָב געזאָלט אַרײַנטרעטן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איצט מעגן זיי לאַנג וואַרטן.

דער צוריקוועגס האָט זיך אויסגעצויגן. דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פֿינצטערער. אַנעטן האָט זיך געדוכט, אַז זי שפּרײַזט צווישן חורבות. זי איז אַרײַן אין שטוב אַ פֿאַרסאַפּעטע. מאַרעק האָט זי באַטראַכט מיט זאָרג, גאָרנישט געפֿרעגט, נאָר איבערגעגעבן די ידיעה:

— אַדעלע האָט געקלונגען. ניִנע פֿילט זיך בעסער. דער דאָקטער האָט געזאָגט אַלץ איז אין אָרדענונג. זי בעט דיך מאָרגן צוקומען.

אַנעט האָט זיך פֿאַרלוירן. איצט ווייסט ער, אַז זי האָט אָפּגענאַרט. זי האָט געזאָגט, אַז זי גייט צו ניִנען.

— ווילסט נישט וויסן ווו איך בין געווען?

— איך וויל איין זאַך, זאָלסט זיך מיט זיי נישט פֿאַרנעמען. פֿאַר זייער גוטס. וועסט צולייגן אַ האַנט, וועסטו אַלץ באַשווערן. מיר האָבן צוויי גוטע אַדוואָקאַטן, איבערגעגעבענע פֿרײַנד. פֿאַראַן נאָך אַזעלכע. איך

בין אומרויִקער וועגן דיר, ווי וועגן די יינגלעך. זיי זענען געזונט, וועלן אויסהאַלטן.

זי האָט נישט געענטפערט, האָט געעפנט דעם טעלעוויזאָר. דער קוויטשעדיקער רעש פון אַ פאַבריקס־פאַרזאַמלונג האָט פאַרטויבט. מאַרעק איז צו צום טעלעוויזאָר און פאַרמאַכט.

— לאָמיר שוינען אונדזערע אויערן, די אויגן.

— איך וויל הערן און זען.

ער האָט געהאַט אַ פעיִקייט צו פאַרטויבן זײַן אייגענע שטימע אַזוי, אַז מ׳האָט דײַטלעך געהערט פון דער נאָענט און נישט געקאָנט דערהערן אַ ביסל ווײַטער.

— האָסט וויניק געהערט? וויניק געזען? קענסט נישט די דרשות אויף די פאַרזאַמלונגען וועגן די ציוניסטישע פאַרשווערונגען? וועגן פרעמדע עלעמענטן אין לאַנד? זיי קײַען איבער דאָס זעלבע. אויף צוטראַכטן עפּעס אָריגינעלס האָבן זיי נישט קיין פאַנטאַזיע. קיין שכל אַוודאי נישט. טעמפּע קאָמעדיאַנטן.

— טעמפּע קאָמעדיאַנטן, זאָגסטו? זיי שפּילן אַ קאָמעדיע?

— יאָ, אַ טרויעריקע קאָמעדיע, אַן אינסצעניזירטע שפּיל, וואָס עס שפּילן אויס טעמפּע, צעקריגטע צדדים צו קאָנען הערשן. יעדער צד וויל שטיין בײַם רודער.

— נו, האָט זיך דער סאָציאַליזם, אונדזער אַמאָליקער אידעאַל פאַרוואַנדלט אין אַ טרויעריקער קאָמעדיע.

— ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט סאָציאַליזם, מיט אונדזער אַמאָליקן אידעאַל. דער אידעאַל בלײַבט אידעאַל, די טרויעריקע קאָמעדיאַנטן בלײַבן קאָמעדיאַנטן.

ס׳האָט איר אויפסנײַ אָנגעכאַפּט אַ חשק זיך צו שפּאַרן.

— מאַרעק, כ׳האָב זיך אַמאָל אַ סך פון דיר געלערנט. הײַנט זוך איך אין דײַנע ווערטער אַ זין, אַ האַפט און קאָן נישט געפינען. זאָגסט אידעאַל... קאָן דען אַן אידעאַל לעבן אַבסטראַקט, ערגעץ אין די וואָלקנס? ס׳מוז דאָך זײַן געבונדן מיט מענטשן. און די מענטשן זענען געוואָרן אויס מענטשן.

אָנעט איז די נאַכט געשלאָפן, ווי זי וואָלט געהאַט גרויס פיבער. זי

האָט זיך געוואָרפן אין בעט, פון מאָל צו מאָל געשריִען. מאָרגן האָט זי אויפגעוועקט, ווען אין איר האַלדז האָט זיך געגאָרגלט אַ פאַרשטיקטער געשריי. זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן, דערנאָך געפרעגט:

— מ׳האָט זיי פאַרטריבן, די הינט?

זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז געווען אַ חלום. אַ סטאַדע צערייצטע הינט זענען זי באַפאַלן, געריסן פון איר לעבעדיקע שטיקער. מער איז זי נישט איינגעשלאָפן, זי האָט זיך דערמאָנט אין אַנדערע קאָשמאַרע חלומות: מ׳האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסער קאַמער, צעשניטן אויף שטיקלעך, נאָר יעדער שטיקל האָט געלעבט, געוואָרפן זיך אין קאָנוווּלסיעס, געריסן זיך אַרויסצובאַקומען זיך פון דער תפיסה־קאַמער. זאָל זי גיין צו אַ דאָקטער? ס׳האָט נישט קיין זין. זי האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס אַנדערע דערציילן ענלעכע חלומות, וואָס חלומען זיך זיי. ייִדן האָבן הײַנט די זעלבע קאָשמאַרע חלומות ווי מיט איבער צוויי צענדליק יאָר צוריק.

דער פרימאָרגן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, אָנגעזאָגט אַ נײַעם טאָג. בײַ ייִדן זאָגט מען הײַנט, אַז יעדער טאָג ברענגט אַ נײַע פּלאָג. זי האָט אויפגעמאַכט דעם טראַנזיסטאָר. אַ היסטערישע שטימע רופט צו באַשטראָפן די גרופּע סטודענטן און זייערע עלטערן, וואָס האָבן אין פאַרבינדונג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם אויפגעהויבן אַ האַנט קעגן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, וואָס פאָליאַקן האָבן מיט אַזוי פיל מי אויפגעהויבן פון די חורבות. צו וואָס איז זי ענלעך די גרילצנדיקע שטימע? די אַלע אויסגעשרייען אויף די מיטינגען? זי דערמאָנט זיך: ס׳איז געווען יענער זומער 1939, ווען זי איז געקומען פון פראַנקרײַך אַהיים. פון פוילנס מערבדיקן שכן איז יעדן טאָג דערגאַנגען אַזאַ געבריל פון מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס. וויפל יאָרן איז דאָס שוין? אומגלויבלעך, אינגאַנצן אַ פערטל יאָרהונדערט און איר דוכט זיך ס׳איז שוין יאָרהונדערטער. געשיכטע חזרט זיך איבער, נאָר די טראַגעדיע קומט צוריק אין דער פאָרעם פון אַ פאַרס. ווער האָט דאָס געזאָגט? צי נישט אַ געוויסער ייִד מיטן נאָמען מאַרקס?

קאַפּיטל 5

די וועטערן האָבן זיך פּאַרקוקט אויף די געשעענישן, זיי וואַרפן זיך אין קדחת. נאָך די מילדע מערץ־טעג איז ווידער קאַלט געוואָרן. דער ווינטער וויל נישט אָפּטרעטן פאַרן פרילינג. דער הימל — אַ שווער־בלײַערנער לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק איבער דער ערד ווי ער וואָלט זי געוואָלט פאַרדעקן. בײַנאַכט האָט געגאָסן אַ קאַלטער רעגן. גראָבע טראָפּנס האָבן געקלאַפּט אין די שויבן.

דער זונטיקדיקער פרימאָרגן איז אַ קאַלטער, אַ נאַסער. וואַרשע איז נאָך פאַרזונקען אין שלאָף. אין אַזאַ צײַט גייען אויך נישט גערן אַרויס די היטערס פון אָרדענונג. די נאַכקוקערס גלוסט זיך דעמאָלט אויך נישט צו טאָן זייער אַרבעט.

אַדעלע איז שטיל אַרויס פון שטוב, דורכגעשניטן עטלעכע געסלעך, דערנאָך ערשט אײַנגעשטיגן אין טראַמווײַ. זי איז אַראָפּגעגאַנגען אַ סטאַ־ציע פריִער און ווידער געמאַכט אומגענג, ביז זי איז מיט אַ פאַרלענגערטן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער, נאָכמלחמהדיקער געבײַדע, וואָס זעט אויס ווי אַ קאַזאַרמע. אויפן פערטן שטאָק וווינט אירעקס מאַמע, די אלמנה. מ׳האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. פאַר דער זינד פון זון, דעם סטודענט. אַדעלע קלאַפּט דרײַ מאָל ריטמיש אָן אין טיר. מ׳עפנט נישט. זי חזרט איבער דאָס ריטמישע קלאַפּן. ווידער דרײַ מאָל. פון דער צווייטער זײַט טיר רופט זיך אָפּ אַ שטילע שטימע: ווער?

— אָן אייגענע, דאָס בין איך...

זאָפיע איז אַ קליינוווקסיקע, דראָבנע, אויסגעצערטע. אין שוואַכן גוף נעסטעט אָבער אַ שטאַרקע ענערגיע. נאָכדעם ווי דער מאַן און דער איינציקער זון זענען נישט צוריקגעקומען פון אַ דײַטשן לאַגער, האָט זי אַדאָפּטירט אַ פּיר־יעריק ייִנגל פון אַ ייִדישן יתומים־הויז און אויס־געהאָדעוועט אַ צווייטן זון. די מאַמע האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נישט איר אייגענער זון און דער זון ווייסט נישט, אַז נישט די מאַמע האָט אים געבוירן.

זאָפיע האָט לאַנג געשוויגן, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען געוואָרן, דערנאָך אַרומגעכאַפּט אַדעלען. שוין לאַנג ווי זי האָט בײַ זיך אין שטוב נישט אָנגעזען קיין מענטשן. פון אַדעלעס געזיכט האָט זי נישט אַרויסגעלייענט קיין שלעכטע נײַעסן.

— ס'האָט אײַך כאָטש קיינער נישט געזען? מײַנער איז צוממיינסטן פאַרדעכטיק. מ'הערט נישט אויף אים אויסצורעכענען אין דער פּרעסע. ווער ווייסט וויפל יאָר מ'קאָן אים צוקלאַפּן. איך לייענט מסתמא די צײַטונגען, מײַן אירעק געהערט צו די גרעסטע שעדיקער. איר שטעלט אײַך פאָר, ער האָט געגרייט אַ ציוניסטישע פאַרשווערונג קעגן פּוילן.

— דערפאַר בין איך געקומען. אָט איז זעקס טויזנט פראַנק און אַן אַדרעס פון אַ גוטן אַדוואָקאַט. ס'מאַכט נישט אויס, ס'קאָנען זײַן צוויי.

— ווי קאָן איך פון אײַך נעמען אַזוי פיל געלט?

— נישט מײַנס, אונדזער אַלעמענס. איר וועט זײַן אין קאָנטאַקט מיט געניען. ביז איר וועט געפינען אַרבעט, וועט איר דאַרפן.

— כ'האָב נאָך אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטס, אירעק האָט צופאַרדינט, פאַראַן זיכער מער נויטבאַדערפטיקע. כ'קען דרײַ איינזאַמע מאַמעס, איינע ליגט אין שפּיטאָל.

— ס'וועט פאַר יענע אויך זײַן.

זאָפיע האָט נישט געפרעגט און אַדעלע האָט נישט דערמאָנט פון וואַנען ס'וועט זײַן. אַ געהיימע, אונטערערדישע נעץ האָט אויסגעשפּרייט פעדים, וואָס האָבן זיך געצויגן אין פאַרשידענע ריכטונגען. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו זי הייבט זיך אָן די נעץ, ווער ס'האָט זי פאַרלייגט, צו וועמען די פעדים גרייכן. מ'האָט זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אָן פּרטים. יעדערער האָט וויניקסטנס איין זיכערן מענטש, דער האָט אויך עמעצן, וועמען ער קאָן זיך אָנטרויען. קיינער פאַרצייכנט נישט בײַ וועמען און וויפל מען באַקומט.

דעם ערשטן, וואָס אַדעלע האָט באַגעגנט, איז געווען אינזשעניער גערטנער. זי קען אים נאָך פון אוניווערסיטעט. ער פאַרדינט גוט.

— איר קאָנט מיר געבן עטלעכע הונדערט זלאָטעס?

— איר קלײַבט פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע? איר מיינט אפשר אויך, אַז איך בין אַ ציוניסט?

— איך ווייס, אַז איר זענט קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען.

— ווי אַזוי וועל איך זיי דאָס באַווײַזן, אויב זיי וועלן זיך נעמען צו מיר?

— איר וועט געפינען אַ מיטל, עס לעבן נאָך עטלעכע עדות, וואָס וועלן קאָנען באַווײַזן, אַז איר האָט שטענדיק געווײַכט פון ציוניזם.

— איר מיינט, אַז זיי וועלן גלויבן? עס דערמאָנט זיך מיר אַן אַנעקדאָט, פון רוסלאַנד, פון די מלחמה־צײַטן. אַ ייִד האָט זיך געקליבן פאָרן קיין טאַשקענט. אין דעם דערוויסט ער זיך, אַז אין טאַשקענט מאָביליזירט מען אייזלען. אויב אַזוי, פאָרט ער נישט. פאַרוואָס? פרעגט מען אים. ביסט דאָך נישט קיין אייזל. כ'בין טאַקע נישט, אָבער ווי אַזוי וועל איך זיי אויפווײַזן, אַז איך בין נישט קיין אייזל?...

אַדעלע איז געוואָרן אויפגעלייגט.

— איר זאָלט גאָרנישט דאַרפן אויפווײַזן, בעט איך בײַ אײַך פערזענלעך אַ הלוואה, די גרויס באַשטימט אַליין.

— ס'איז אַ בער אײַנפאַל אויסצונוצן די קאָניונקטור און בעטן הלוואות? פאַר זיי?...

— יאָ. איר קאָנט האָבן דעם זעלבן גוטן אײַנפאַל. בײַ וויפל מענטשן קאָנט איר נעמען הלוואות?

— איך וועל אַ טראַכט טאָן. הײַנט דאַרף מען מיט מענטשן זײַן פאָרזיכטיק, מען באַגעגנט זיך ווייניק אַפילו מיט גוטע פרײַנד. איר ווייסט, איך אַרבעט נאָך, מײַן פרוי אויך. אַ נס, האַ? אויב דער נס וועט אָנהאַלטן נאָך דער מאָרגנדיקער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, נעם איך זיך צו טאָן מצוות, איך וועל פּרווון אויסגעפינען פאַר אײַך הלוואות.

ס'איז נישט דורכגעגאַנגען קיין פולע וואָך ווי אינזשעניער גערטנער האָט געבראַכט אַדעלען פינף הלוואות.

מיט דאָקטער ווייץ איז צוגעגאַנגען שווערער. ער איז צו נײַגיריק. און האָט אויך נישט קיין סך פאַנטאַזיע אַליין זיך אויסצומאָלן, מ'דאַרף אים פאָרשטעלן די גאַנצע זאַך. פאַר וועמען? ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? און נאָכדעם ווי אַדעלע האָט אים, שעפּטשענדיק געגעבן אָנצוהערן, האָט ער אויסגעמורמלט:

— וויפל כ'וועל געבן וועט דאָס זײַן בלויז אַ טראָפּן.

— מאַכט ס׳זאָלן זײַן אַ סך טראָפּנס.

— כ׳וועל אײַך געבן עטלעכע זיכערע מענטשן.

— איך בין געקומען צו אײַך אויף אַ וויזיט. איר ווייסט וואָס עס הייסט אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד.

— ווו האָט איר זיך אויסגעלערנט אַזאַ קאָנספּיראַציע? אין אויש־וויץ?

— אין אוישוויץ איז מיר צונוץ געקומען די קאָנספּיראַציע, וואָס כ׳האָב זיך אויסגעלערנט פאַר דער מלחמה.

— איך בין אַ קאַליקע אין הלכות קאָנספּיראַציע. כ׳האָב געהאַט אָנ־געשריבן מײַן ביאָגראַפיע, וואָס מען באַלייגט אַרײַנצוגיין אין אַן אַרבעט, בין איך אויף אַזוי פיל נישט געווען קאָנספּיראַטיוו, אַז כ׳האָב אויסגע־זאָגט וועגן מײַן אַמאָליקער אָנגעהעריקייט צום „בונד". איר שטעלט אײַך פאָר נישט צו פאַרקאָנספּירירן אַזאַ זאַך?

— נעמט אײַך נישט איבער, דאָקטער, הײַנט זענען מיר אַלע גלײַך. ציוניסטן.

— איך האָב דאָך אָבער טאָפּלטע חטאים. דערצו הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. כ׳האָב זיך געהאַלטן אַלע יאָרן ווײַט פון פּאָליטיק, געוואָלט זײַן דאָ בלויז אַ מעדיצינער. ס׳האָט אויך נישט געהאָלפן.

אַדעלע האָט מורא געקריגן, אַז דער ציל צוליב וועלכן זי איז געקו־מען צו אים זאָל נישט פאַרלוירן גיין. דאָקטער ווייץ איז איצט מער באַ־רעדעוודיק, ווי שטענדיק, מענטשן הײַנט אָדער זיי שווײַגן, אָדער זיי האַלטן אין איין רעדן וועגן די אַלע זאַכן.

— דאָקטער, מײַן וויזיט פאַרנעמט אײַך זיכער צופיל צײַט...

— איך האָב אַ סך פרײַע צײַט. מײַן פונקציע אין שפּיטאָל האָט זיך מיט צוויי טעג צוריק געענדיקט. דאָקטער נינע לאַפּיצקאַ האָט איר פרײַע צײַט שלעכט אויסגענוצט. מען דאַרף זיך נישט פאַרמאַכן אין זיך, מען דאַרף זוכן מיט עפּעס זיך צו פאַרנעמען.

— אפשר וועט איר זיך פאַרנעמען מיט צונויפזאַמלען עטלעכע טראָפּנס?...

ער האָט ווידער געקנייטשט דעם שטערן, געוואָלט נאָך פרעגן און

זיך באַרעכנט, אַז ס׳איז בעסער וואָס ווייניקער צו וויסן. ער האָט זיך ווי־דער דערמאָנט אין בינען.

— מ׳וואָלט געדאַרפט נעמען צו הילף דאָקטער לאַפּיצקאַ. ס׳וואָלט געווען אַ טאָפּלטער אויפטו. זי דאַרף זיך דורכויס מיט עפּעס פאַרנעמען. זי דאַרף פילן, אַז זי איז נוצלעך, אַז זי איז נישט קיין איבעריקער מענטש.

— מ׳קאָן זי באַלאַסטן?

— מ׳דאַרף זי באַלאַסטן. ס׳וועט זײַן אַ גוטע רפואה פאַר איר. כ׳וועל מאָרגן זײַן בײַ איר. זי וועט אויפנעמען בײַ מיר דעם ערשטן טראָפּן. דערנאָך וועט קאַפּען אין איר האַנט אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

דער שליסל אין טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן פון שנעלן באַוועגן אים. מאַרעק האָט נישט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, וואָס איז דורכגענעצט גע־ווען פון רעגן. ער האָט אַרומגענומען אַנעטן.

— וואָס איז די שמחה מיט דיר?

אַ געדאַנק האָט איר באַלד אַ בליץ געטאָן אין מוח:

— זיי זענען באַפרײַט?

— דאָס וואָלט צו פרי געווען. גיב אַ קוש וועל איך דיר אָנזאָגן די גוטע בשורה.

זי האָט דאָס שוין לאַנג פון מאַרעקן נישט געהערט. זי האָט זיך צור־געוווינט צו זײַן ערנסט באַטריבט פּנים. איצט איז בײַ אים דאָס געזיכט אויסגעלײַטערט, ווי דער הימל נאָך אַ שלאַגס־רעגן, ווען עס באַווײַזט זיך אַ רעגנבויגן. ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע צוויי קאָנווערטן, אַרויסגענומען צוויי בויגעלעך פּאַפּיר. אַנעט האָט דערקענט די באַזונדערע האַנטשריפטן. פון ביידע בייגעלעך האָבן אַרויסגעקוקט ווי פײַערדיקע אויגן רויטע פלעקן, אויסגעמעקטע מיט רויטן טוש זאַצן, ווערטער.

יורעק האָט געשריבן קורץ, אינפאָרמירט בלויז: ער איז געזונט, בעט אים שיקן אַ קאָץ, שטעק־שיך, נאָז־טיכלעך, עטלעכע ביכער. מ׳קאָן שיקן איין מאָל אין חודש אַ פּעקל. קלאָדס בריוו איז געווען אַ לאַנגער, צו לייענען איז דאָ ווייניק. פאַרשטראָכן גאַנצע אָפּזאַצן, דאָ און דאָרט אַן אויסגעשטראָכענע שורה, אַ זאַץ.

— ווער ווייסט וואָס פאַראַ אומגויטיקע זאַכן ער האָט אַרײַנגעשריבן!

— אַ נײַע זאָרג. דו ווייסט נישט ווי מיר דאַרפן זיך פרייען. איך האָב קיין בריוו נישט געקאָנט שרײַבן... גלײַך ווי איך האָב באַקומען די בריוו, ווען דו ביסט נישט געווען אין שטוב, האָב איך געכאַפט אַ טאַקסי און אַוועק צום אַדוואָקאַט. ער איז מיט צוויי טעג צוריק געווען אין דער פראָקוראַטור. פאַראַן גוטע אויסזיכטן. דער בריוו פון יורעקס פראָפעסאָר צום פראָקוראָר האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק. מיר זענען אויף אַ גוטן וועג. זיי וועלן וואַרשײַנלעך אויסמײַדן די פראָצעסן, וואָס גרייטן זיך.

אַנעט האָט זיך גענומען צונויפשטעלן צוויי פעקלעך. מאַרעק האָט צוגעהיט זי זאָל נישט אַרײַנלייגן דאָס, וואָס וועט נישט קאָנען דורכגיין. זי האָט זיך געדונגען מיט אים. זי האָט באַקומען צוויי פאָמעראַנצן. ס׳וועט זײַן פאַר זיי אַ פרייד. זי ווייסט, אַז אַזעלכע פראָדוקטן זענען פאַרבאָטן צו שיקן, אָבער אפשר, טאָמער וועלן זיי פאַרקוקן. מאַרעק האָט אַרויסגענומען, זי האָט ווידער עפּעס צוגעלייגט.

אויף צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע דינגעניש.

— דו דאַרפסט נישט מיטגיין, כ׳וועל אַליין אַוועקטראָגן די פעקלעך.

— סײַווי גיי איך דאָרט כמעט יעדן טאָג דורך. איך קוק פון צווייטן טראָטואַר צו די פענצטער, פונקט ווי איך פלעג דאָס אַמאָל טאָן. איך פלעג פאַררײַסן דעם קאָפּ און וואַרטן צי דו וועסט זיך באַווײַזן. דעמאָלט פלעג איך קומען פון ווײַט, הײַנט איז די תפיסה אונטער דער נאָז.

מאַרעק האָט איר ברייט און לאַנג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר זייער גוטס זאָל זי אויפהערן זיך דאָרט דרייען. זאָל זי נישט מיינען, אַז מען זעט נישט ווער ס׳קוקט דאָרט אַרויף צו די פענצטער. דער טײַוול ווייסט זיי וואָס אַזעלכע טעמפּע קעפּ קאָן אײַנפאַלן?

ער האָט פאַר איר אויסבאַהאַלטן, אַז ער גופא גייט דורך יעדן אײַנדערפרי די גאַנצע לענג פון ראַקאָוויעצקע גאַס, כדי פאַרבײַצוגיין די תפיסה אין וועלכער ער גופא איז געזעסן, ווען ער איז געווען אומגעפער אין קלאָדס עלטער. איצט וועט ער אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה טראָגן „וואַלוווקעס" פאַר זײַנע זין, פונקט ווי זײַן מאַמע האָט פאַר אים געטראָגן. יענע „וואַלוווקעס" זענען געווען ווייניקער באַגרענעצט. ער האָט

אויסגעפּועלט בײַ דער מאַמען זי זאָל צו די „ווידזעניעס" מיטנעמען אַנעטן. און אין יעדן פּעקל האָט ער געפונען אַ „גריפס". זײַן מאַמע פלעגט קאָקעטיש־דיסקרעט געבן אַ ווונק און ער האָט יעדעס מאָל פאַרשטאַנען אין וואָס ס'גייט. ער האָט געזוכט און געפונען דעם „גריפס". אויך זײַנע אייגענע „גריפסן" זענען שטענדיק דערגאַנגען צו חברים, צו אַנעטן. הײַנט קאָן מען אַפילו נישט חלומען וועגן דעם. מ'וואָלט זיך אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע געפאַרן, זיי ווייסן ווי אַזוי בודק צו זײַן. אַ פּאָר וואַרעמע שטעקשיך, אַרײַנגעשיקטע אויסנאַמסווײַז צו אַ קראַנקער סטודענטקע, זענען דערגאַנגען צעטרענטע. די מאַמע האָט די טאָכטער אָפּגעפונען אין אַן אַנשטאַלט פאַר גײַסטיק קראַנקע. פון די שטעק־שיך זענען אַראָפּגעריסן געוווען די זוילן. אַמאָל וואָלט דורך אַזעלכע שטעק־שיך דורכגעגאַנגען די „פּאָסט", וואָס האָט קורסירט הין און צוריק. קיין איין „גריפס" צו אים און פון אים איז נישט אַנטדעקט געוואָרן אין דער אַמאָליקער מאָקאָטאָווער תּפיסה. אין דער אַמאָליקער...

מאַרעק האָט געיאָגט פון זיך די דערינערונגען ווי זשמודנע פליגן. ער האָט זיי געטריבן און זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן אויפגעטויכט אין זײַן דמיון יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען די תּפיסה. איצט בײַם גרייטן דאָס פּעקל באַפאַלן זיי אים אויפסנײַ, עגבערן דעם מוח.

דער מײַ־טאָג איז אַ קילער, אַ ווינטיקער. דער פרילינגדיקער הימל איז האַרבסטיק, פאַרצויגן מיט גרויעם שפּינוועבס. פון מאָל צו מאָל שטעקט די זון אַרויס דאָס פּנים און פאַרבאַהאַלט עס באַלד צוריק. דער זונטיקדיקער עולם אין פּאַרק מײַדט אויס די זײַטיקע שאָטנוועגן, מען שפּאַצירט אין די ברייטע אַלייען, ווו מען קוויקט זיך מיט די קאַרגע זונענשטראַלן.

דאַנקע זיצט אין אַ זײַטיקן ווינקל אויף אַ באַנק אונטער אַ צעכראַסטעטן קאַשטאַן־בוים. דער קאָפּ איז אײַנגעגראָבן אין די אַקסלען, דאָס פּנים איז וויאָלעט בלוי, זי קוקט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן אין דער ריכטונג צו דער נאָענטער אַלייע. דערזעענדיק אַנעטן, האָט זי זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און שטיל זי אַ רוף געטאָן.

— איך זיץ שוין דאָ כמעט אַ האַלבע שעה, כ'בין פאַרפרוירן געוואָרן.

— פאַרוואָס זיצסטו אין שאָטן? ס׳איז פֿײַכט אונטערן בוים. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן אין דער לענג פֿון דער אַלייע, געזאָגט דיר, אַז כ׳קאָן זיך פֿאַרשפּעטיקן.

— כ׳וויל זיך דאָרט נישט דרייען. כ׳האָב שוין באַגעגנט עטלעכע פֿון דער אַרבעט. זיי מאַכן זיך נישט זעענדיק, זיי שטעכן מיר אָבער מיט זייערע זײַטיקע בליקן. איך פֿאַרטראָג אויך נישט, ווען אַנדערע מענטשן קוקן אויף מיר. כ׳בין נישט בלאָנד ווי דו. כ׳האָב „אַ שלעכטן אויסזען״. מ׳וואָלט געדאַרפֿט אָפּפֿאַרבן די האָר ווי מיט 25 יאָר צוריק.

— דאַנקען, אַזאַ שטימונג!

— נאָך דער נעכטיקער עמיסיע אין דער טעלעוויזיע ווילסטו ס׳זאָל זײַן אַן אַנדערע שטימונג? האָסט געזען? מיר באַקומען אַלע גרויסע סומעס פֿון „דזשאָינט״, אויסגערעכנט געגנוי מיט ציפֿערן וויפֿל געלט יעדער ייִד באַקומט. מיר נאַרן אָפּ און נוצן אויס די ערלעכע פּאָליאַקן. מיינסט דאָס נעמט נישט? ס׳רופֿט נישט אַרויס קיין שנאה צו אונדז? מיר דוכט זיך אויפֿן גאַס, אַז אַלע קוקן אויף מיר.

— ביסט מסתמא שלעכט געשלאָפֿן, געהאַט בייזע חלומות.

— נאָר איך אַליין שלאָף שלעכט און האָב בייזע חלומות? דו גייסט מסתמא וויניק אַרויס, ווייסט נישט ווי אַזוי ייִדן פֿילן זיך. איך באַגעגן מענטשן און דערקען זיי נישט. כ׳האָב געהערט וועגן אַ סך זעלבסטמאָרדן, וועגן האַרץ־אַטאַקעס, אַנדערע באַקומען נערוון־דערשיטערונגען, פֿאַרמאַכן זיך אין שטוב, האָבן מורא אַרויסצוגיין. דאָס אַלטע פֿאַרפֿאַלק, וואָס וווינט אַ שטאָק נידעריקער פֿון אונדז, האָט שוין אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז אויב אַ לאַגער, פֿאַרענדיקן זיי.

— דײַנע שכנים, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פֿאַר קיין ייִדן?

— זאָלסטו וויסן, די פֿילן זיך צום ערגסטן, זענען אינגאַנצן צעטומלט. מ׳האָט ביז איצט געשמועסט וועגן 25 טויזנט ייִדן. מאָטשאַר האָט פֿאַרטאָפּלט די צאָל. ער האָט גערעדט וועגן פֿופֿציק טויזנט. זיי וועלן אײַנגיכן אויס־געפֿינען אַ סך מערער. אין מאָטשאַרס קעניגרײַך אויף ראַקאָוויעצקע זיצט אַ גאַנצער שטאַב. מען זוכט אין די מעטריקעס, אין אַנדערע דאָקומענטן, זיי זוכן ייִדישע באָבעס, עלטער־באָבעס, עלטער־עלטער־באָבעס; ווער ווייסט צו וואָסער משוגעת זיי וועלן דערגיין. דו ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך

בײַ אַזעלכע מענטשן ווי מײַנע שכנים. פּלוצלינג מאַכט מען זיי פּאַר ייִדן.

— כ'ווייס, כ'ווייס. דערפּאַר דורכויס געוואָלט זיך זען מיט דיר. כ'האָב פאַרשטאַנען, האָסט נישט געוואָלט קומען און נישט קלינגען צוליב מײַנע ייִנגלעך. האָסט גוט געטאָן.

— נישט צוליב דעם. צוליב מײַן הערמאַנען.

זי האָט טיפער אָפּגעעטעמט, ווי די ווערטער וואָלטן זי געשטיקט.

— ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ דעפּרעסיע. ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ מ'וועט אונדז פאַרמאַכן אין אַ לאַגער. כ'בין געווען בײַ דאָקטער ווייץ. אַליין. ער וויל נישט גיין צו קיין דאָקטער, וויל בכלל נישט אַרויסגיין פון שטוב. זיצט אַ פאַרחושכטער בײַם ראַדיאָ, אָדער בײַם טעלעוויזאָר. דערנאָך חזרט ער כסדר איבער: „דאָס דרײַ און דרײַסיקסטע יאָר אין דײַטשלאַנד איז איצט צו אונדז געקומען". כ'האָב מורא אים צו לאָזן אַליין אין שטוב.

— מ'האָט מיר געזאָגט ביסט געווען אין קולטור־הויז. זעסט, כ'זע מיך פאָרט מיט מענטשן.

— כ'האָב זיך אָנגענומען מיט כוח און אַרויפגעגאַנגען. גערעכנט כ'וועל קאָנען אַרויספאָרן מיט הערמאַנען אין זייער אָפּרו־הויז, ער זאָל נישט דאַרפן הערן וואָס ס'טוט זיך און נישט מוזן גיין אויף די פאַרשאָלטענע פאַרזאַמלונגען. כ'האָב אַ צײַגעניש פון דאָקטער. נאָר כ'האָב באַדויערט וואָס כ'בין אַהין געגאַנגען. שטעלסט זיך נישט פאָר ווי ס'זעט אויס. איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מען פאַרמאַכט דאָס נישט.

— ביסט אויך געווען אין רעדאַקציע?

— דאָרט נאָך ערגער. זעען אויס ווי נישט דערשאָכטענע עופות. מ'פאָדערט פון זיי אַלץ איבערצוזעצן אין פּויליש. איידער ס'גייט אין דרוקערײַ. אין די ערגסטע סטאַליניסטישע צײַטן איז אַזעלכעס נישט געווען, זיי האָבן שטענדיק געהאַט זייערע צענזאָרן צו וועלכע זיי האָבן געהאַט צוטרוי.

— ס'גייט נישט אין צוטרוי. זיי וואָלטן הײַנט אויך געפונען ייִדישע צענזאָרן צו צענזורירן אַזוי ווי זיי ווילן. ס'גייט זיי צו מאַכן פון אונדז אַ „סטראַשידלע", פאַרצושטעלן אונדז ווי שולדיקע אין אַלע צרות, ווי שעדיקער, וואָס מען דאַרף צעטרעטן.

— דאָס זאָגט דאָך מײַן הערמאַן. זיי קאָנען מיט אונדז טאָן, וואָס זיי ווילן. ס׳גלוסט זיך צו וויינען און לאַכן. מ׳האָט אונדז די טעג דערציילט, אַז אין דער פּאַרטיי־שעך שולע האָט מען דאָ נישט לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט און פון דער פּאַרטיי אַ יידישע לעקטאָרין, ווײַל זי האָט נישט גענוג הויך אויפגעהויבן די האַנט, ווען מען האָט געהאַט אָפּגעשטימט אַ רעזאָלוציע קעגן דער ציוניסטישער אַגרעסיע. דעם זשורנאַליסט יאַ־קאָבסאָן האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, ווײַל מ׳האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן ישראלס נצחון, האָט מען געזען אין זײַנע אויגן בליצן פון פרייד.

צווישן דאַנקעס ליפּן האָט זיך אײַנגעשניטן אַ ביטערער, איראָנישער שמייכל:

— צו מײַן שכנטע ברענגט יעדע וואָך אַ פּויערטע קאַלב־פלייש. דער מאַן, אַן עלטערער מענטש, האָט אַ קראַנקן מאָגן, מוז זי אָנקומען צום שוואַרצן מאַרק. די פאַרגאַנגענע וואָך איז די פּויערטע געקומען אַ צעשראָקענע און געצאָרנט: „וואָס ווילן זיי פון אונדז מיטן טומל קעגן די יידן? זייערע רבנים אין אויסלאַנד וועלן נאָך וואַרפן אויף אונדז אַ קללה און די בהמות וועלן אונדז אויספגרן. ווייניק אונדז צרות, דאַרף מען זיך נאָך אײַנרײַסן מיט די יידן, זיי זאָלן אונדז פאַרשעלטן". שטעלסט זיך פּאַר מײַן הערמאַנען, ווען ער הערט דאָס אַלץ? צו דיר קומט מען נישט אַרײַן, הערסט זיך אפשר נישט אַן יעדן טאָג מיט אַזעלכע מעשיות, כאָטש ס׳איז גענוג צו האָבן אַ טעלעוויזאָר, אַ ראַדיאָ, אַ צײַטונג.

— מאָל דיר אויס, אַז איך הער זיך אויך גענוג אָן. שוין הײַנט אינ־דערפרי האָט מען מיר צוגעטראָגן אַזאַ פאַרציע נײַעסן: דער אינזשע־ניער גאַיעווסקי, ווייסט, דער שכן פון דאָקטאָר ביבער, האָט צוגעשטעלט זײַן פּאַרטיי־סעקרעטאַר אַ טויף־מעטריקע. צי דער פאַרדאַכט, אַז ער איז אַן אויסבאַהאַלטענער ייִד איז צוליב זײַן אויסזען, צי צוליב אַן אַנדערער זאַך, גענוג, מ׳האָט אים אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג גענומען אויפן צימבל. אויס מורא נישט צו פאַרלירן דעם פּאָסטן, איז ער אַוועק צום גלח אין זײַן פאַראַפיע און אַרויסגענומען אַ טויף־מעטריקע. ס׳איז פּאַרט אַ שטיקל באַווײַז, אַז ער איז אַ „ריינער" פּאָליאַק.

— דײַן גאַיעווסקי איז נישט דער איינציקער.

אַ וועווערקע איז ווי אַ פײַל פון בויגן דורכגעלאָפן פאַר זייערע פיס. מיט וועוורישער גיכקייט אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף אַ בוים. דאַנקע האָט זי נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, געקוקט ווי זי דראַפּעט זיך העכער און העכער ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פאַר אַ סכנה.

— די וועווערקעס אַנטלויפן אויך פון אונדז. זיי זענען צוגעוווינט צו מענטשן, קומען שטענדיק מ׳זאָל זיי עפּעס צוואַרפן, עסן אַרויס פון האַנט. פריִער האָט זיך שוין איינע באַוויזן. כ׳האָב צוגעוואָרפן אַ פּאָר ניסלעך. דאָס וועווריקל האָט אַ פינקל געטאָן מיט די אויגעלעך און געמאַכט ויברח. מיר האָבן מסתמא אַ שיין פּנים, ס׳שרעקט אָפּ.

— דאַנקע, דו ווערסט ווי דײַן מאַן. שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ, אַז מיר שרעקן אָפּ. די רעדל־פירער שרעקן זיך אויך נישט פאַר אונדז. זיי דאַרפן אונדז אויסצושפּילן אַ פּאַרטיע.

— זיי דאַרפן אונדז און וואַרפן אונדז דאָס פּעקל פאַר דער טיר. מ׳הייסט אונדז גיין.

— צוליב דעם געוואָלט זיך טרעפן מיט דיר...

דאַנקע האָט זיך דערמאָנט, זי האָט נישט געפרעגט וועגן די יינגלעך.

— מ׳זאָגט ס׳קומען שוין פון תפיסה בריוו. האָסט עפּעס דערהאַלטן פון זיי?

— דערהאַלטן. פאַראַן אויך אויסזיכטן מ׳זאָל זיי אַרויסלאָזן. לאָמיר איצט נישט רעדן דערוועגן. האָסט געזאָגט מ׳וואַרפט אונדז דאָס פּעקל פאַר די פיס, מ׳הייסט גיין. יידן וועלן אַוועקפאָרן. ס׳איז דער אָנהייב פון סוף. פוילן וועט בלײַבן אָן יידן. אין די „גוטע״ צײַטן האָט מען אָנגעהויבן אָפּווישן די שפּורן. געדענקסט, האָסט מיר דערציילט וועגן פאַראַקערטע בית־עולמס? וועגן דער שתדלנות אָפּצורופן די גזירה מ׳זאָל נישט דורכפירן קיין טראַמוויי־ליניע דורכן גענשער בית־עולם? זיי וועלן ביסלעכווײַז צו אַלץ מאַכן אַ סוף. מיר זענען עדות פון אָנהייב פונעם סוף. מען דאַרף פאָטאָגראַפירן, פאַרצייכענען, אַז דאָס, וואָס איז נאָך פאַראַן און קאָן פאַרשווינדן, זאָל בלײַבן אין געדעכעניש.

— צוליב דעם ביסטו צוגעשטאַנען זיך צו טרעפן מיט מיר?

— צוליב דעם. ביסט אַ היסטאָריקער.

— כ׳בין אויס היסטאָריקער. כ׳בין אויך אויס מענטש. כ׳ווייס נישט

וואָס צו טאָן מיט הערמאַנען. פאַרוואָס רעדסטו נישט מיט דאָקטאָר ביבער? מיט דאָקטאָר פּאָזנער?

— רוף נישט אָן קיין נעמען. איך וועל דײַן נאָמען אויך פאַר קיינעמען נישט אָנרופן. מען דאַרף נישט דווקא זײַן אַ היסטאָריקער. האָסט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט.

— ביסט משוגע? איצט וועט מען פאָטאָגראַפירן? ווען מען טרעט אונדז אויף די פּיאַטעס?

— אויף די בית־עולמס קומען זיי נישט. פאָטאָגראַפיר דערווײַל דאָס, וואָס מעגלעך.

— אין דער יידישער אַקאַדעמיע וועסטו געפינען פאָטאָגראַפיעס.

— זיי זענען צערודערט, שווער פון דאָרטן עפּעס אַרויסצובאַקומען. זיי האָבן אויך נישט אַלץ פאָטאָגראַפירט. פּרוּוו דו פון זיי עפּעס אַרויסקריגן, פאַר אַלצאיינס וועסטו דאָרט פאָטאָגראַפירן.

— ביסט משוגע! דאָרט זיצט אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע זיבט לאַנגע חדשים. מען באַפאַלט זיי פון אַלע זײַטן, מען באַוואַרפט זיי מיט בלאָטע. האָסט געלייענט דעם בלבול אויף זיי, אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן וויכטיקע דאָקומענטן מערב־דײַטשלאַנד?

געלייענט. אין דער צײַט פון דער אָקופּאַציע זענען מיר ביידע נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. מענטשן האָבן אין די געטאָס און לאַגערן פאַרצייכנט און ויסבאַהאַלטן.

— איך האָב הערמאַנען אין שטוב, כ׳קאָן נישט האַלטן קיין פעדער אין האַנט.

— דאַרפסט נישט האַלטן קיין פעדער אין האַנט, האָסט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט דער ברייטער אַלייע. אַנעט האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם. דאַנקע האָט צוגעבויגט דאָס אויער, אײַנגעהערט זיך אין אַנעטס רייד, מער גאָרנישט געפרעגט. איר פרײַערדיק פאַרומערט פּנים איז געוועזן פאַרטראַכט. אין דער פאַרטראַכטקייט איז געווען טראָציקייט און עקשנות.

קאַפּיטל 6

ביַי די טראַמוויַ־ליניעס, אַנטקעגן בית־עולם, האָט שפּאַצירט אַ שלאַנקער מאַן, געגאַנגען הין און צוריק, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ פאַרשפּעטיקטן טראַמוויַ. אַנעט האָט די הויכע סילועטקע דערזען פון דער וויַטנס. זי איז אַראָפּגעגאַנגען מיט אַ סטאַציע פריִער. וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט, אַלץ קענטיקער איז איר געוואָרן די סילועטקע. זאָל דאָס זיַין דאָקטאָר ביבער? זי האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט אים ביַים טויער, איַנעווייניק.

ס'איז אָנגעפאָרן אַ טראַמוויַ, איבערגעריסן די דריקנדיקע שטילקייט פון דער חרובער געגנט. קעגנאיבער דעם בית־עולם שפּרייט זיך וויַט אויס די אַמאָליקע ייִדישע געגנט מיט אירע פּאַרוויסטע, אָפּגעווישטע גאַסן. דאָ איז נאָך נישט פאַרבויט. אַנעט האָט צוגעאיַלט די טריט. מען דאַרף קודם זען וועך ס'דרייט זיך ביַי דער טראַמוויַ־סטאַציע. דאָקטאָר ביבער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן.

— דער טויער איז פאַרמאַכט. אויף אַ שלאָס. דעם וועכטער האָט זיך אויף אַזאַ שיינעם, זונטיקדיקן טאָג נישט געגלוסט צו בליַיבן מיט די טויטע.

אַנעט האָט זיך אויף דעם נישט גערעכט. זונטיק איז די פּאַסיקסטע ציַיט. ווען וועט זי ווידער זיך קאָנען אַהער אויסקליַיבן אויף עטלעכע שעה? ווי וועט זי וואַגן נאָכאַמאָל מטריח זיַין דאָקטאָר ביבער?

— לאָמיר צוגיין, מ'וועט פּרווון רופן דעם וועכטער.

— נישטאָ קיינער. דער שלאָס איז פון דרויסן. מיר וועלן היַינט זיך נישט אַריַינבאַקומען.

— לאָמיר זוכן אַן עפענונג, אַ לאָך. פאַראַן אַ סך. מען האַקט אויס אין געמויערטן פּלויט צו גנבענען.

— איר ווייסט ווו? ס׳דאַרף זײַן אַן אָרט פון וואַנען מ׳זאָל אונדז נישט באַמערקן. הײַנט קאָן מען דווקא אונדז נעמען פאַר די גנבים.

— פאַראַן אַ סך לעכער, געזען ערגעץ אַ זײַטיקן לאָך...

זי האָט געזאָגט אַ ליגן. מ׳האָט איר דערציילט וועגן אויסגעהאַקטע לעכער. זי האָט דאָס נישט געזען.

זיי זענען געגאַנגען פאַזע דעם בית־עולם פּאַרקאַן, ווי אויף אַ זונ־טיקדיקן שפּאַציר. אַנעט האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן: וואָס וויל זי פון אים? זי דערציילט אים נישט געשטויגן נישט געפלויגן. זי האָט נישט די מינדסטע אַנונג ווי ס׳זעט אויס אַן אויסגעהאַקטער לאָך, ווי אַזוי מען קריכט דורך. איר באָבע וואָלט געזאָגט, אַז זי באַקט ליגנס ווי בייגל. אָט־אָט זאָגט זי אים ער זאָל זי לאָזן אַליין. ער וועט אָבער נישט אײַנגיין זי צו לאָזן, זי קען אים גוט.

דער פּאַרקאַן האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ האַלב־קרײַז. די געגנט דאָ איז נאָך אָפּגעלאָזענער, וויסטער. פון ווײַטנס, האַרט בײַם פּאַרקאַן האָבן אָפּגערעקוקט הויכע קוסטעס.

— ס׳איז אפשר דאָרט?

— אפשר...

וואָס נענטער צו די קוסטעס, אַלץ מער האָט זיך אַנעט געמוסרט. זי אײַלט זיך מער נישט. דאָקטאָר ביבער רײַסט זיך אָבער אָפּ פון איר, פאַרשנעלערט די טריט און פאַרשווינדט צווישן די אויסגעמאַטערטע קוסטעס. ער שטעקט באַלד אַרויס צו איר דעם קאָפּ.

— איר ווייסט גוט דורך וואַנען די גנבים גייען דורך, נאָר קיין לאָך איז דאָס נישט. פאַר גרויסע מצבות מוזן זיי אויסהאַקן אַ שטיק פון פּאַרקאַן.

אַנעט האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט צווישן די קוסטעס און דערזען דעם דורכגאַנג. פון אויבן איז דער געמויערטער פּאַרקאַן צעקלאַפּט ביז אַ סך איבער דער העלפט. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט. אַ מדבר פון הויכן, געדיכטן ווילדגראָז. דער באָדן אַ נידעריקער, ווי ער וואָלט אײַנגעזונקען. אַנעט האָט זיך ווידער געמוסרט: ווועסט לאָזן אַ מענ־טשן אין דעם עלטער קריכן איבער אַן אײַנגעבראָכענעם פּאַרקאַן? דאָק־טאָר ביבער האַלט זיך זייער יונג, אָבער פּאָרט בײַ די זיבעציקער. זי וואָלט

כאָטש געדאַרפט פריִער אַליין זיך אַראָפּלאָזן, אויספּרוּוון. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ער איז אַ גרויסער דזשענטעלמען.

— איר זענט אַ ווײַטזעער, קוקט אײַך אַרום צי מען זעט קיינעמען נישט...

אַנעט איז גיך אַרויף אויפן נידעריק אײַנגעבראָכענעם פּאַרקאַן און אַראָפּגעשפּרונגען. דאָקטאָר ביבער האָט זיך צוריקגעקערט און אַראָפּגע־קוקט צו איר.

— צי האָט איר נישט געמאַכט אַמאָל יד אחת מיט די גנבים? צי נישט זיי האָבן אײַך אויסגעלערנט די בריהשאַפט צו שפּרינגען דורך דאַנען?

— קיין שום בריהשאַפט. דער באָדן איז ווייך, ווי אויסגעבעט. נאָר בעסער וואָלט געווען זיך אַראָפּצוגליטשען, אײַך האָט גאָט געבענטשט מיט לאַנגע פיס...

ער האָט קונציק אָנגעהויבן זיך אַראָפּגליטשען. אַנעט האָט געוואַכט מיט אויסגעצויגענע הענט.

— איצט זענען מיר אין האַדעס, קיין צערבער היט דאָ נישט דעם אַרײַנגאַנג, לײַכט זיך אַרײַנצובאַקומען, כאָטש איר וואָלט דעם דרײַ־קעפּיקן הונט מיטן ווידל פון אַ שלאַנג אויך איבערגערעדט אײַך אַרײַנצולאָזן. שווערער וועט אָבער זײַן דורך דאַנען זיך אַרויסצובאַקומען, איר קענט זי־כער אַנדערע לעכער.

אַנעטן איז אומהיימלעך געוואָרן, אי פון זײַן זיכערקייט, אַז זי קען אַנדערע לעכער, אי פונעם אָרט.

— ווו זענען מיר?

— פון יענער זײַט ווייסט איר, ווו מ׳קאָן ערגעץ דורכגיין, דאָ, אי־נעווייניק, ווייס איך בעסער, ווו עפּעס געפינט זיך.

זיי האָבן מיט שוועריקייטן דורכגעהאַקט זיך אַ וועג דורכן הויכן ווילדגראָז, אַרויסגעהאָלפן זיך מיט די הענט, צעפּלאָשעט די ווילדע גע־וויקסן, וואָס האָבן געגרייכט ביזן גאַרטל, אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ באַוואַקסענער, שמאָלער סטעזשקע. דאָקטאָר ביבער האָט באַטראַכט דעם אַרום און אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— אָט דאָס וואָלט מען געקאָנט אָנרופן געטאָ־בית־עולם. דאָ האָט

מען פון אָנהייב מקבר געווען די אָרעמשאַפט, די געשטאָרבענע פון הונ־גער, פון שלאָפקייטן, פון עפּידעמיעס; אַהער האָט מען געבראַכט די אויף די געטאָ־גאַסן צונויפגעקליבענע מתים. דער פינקערט־וואָגן האָט געפאָר־בעט פון פרי ביז נאַכט. אין די ערשטע צייטן האָט אַ בר־מינן באַקומען אַן אייגענעם קבר. אַ משפחה האָט נאָך געשטעלט אַ מצבה. שפּעטער האָט מען די צונויפגעקליבענע מתים פון די הייפן און גאַסן אַרײַנגעוואָרפן צוזאַמען אין גריבער. מ׳האָט אונטערגעהויבן די ברעט פון וואָגן און אַראָפּגעשיט ווי קאַרטאָפל אין אַ גרוב. ווער ווייסט וויפל טויזנטער, צענד־ליקער טויזנטער עס ליגן דאָ אונטערן ווילדגראָז.

— פאַרוואָס איז נישטאָ קיין שום דענקמאָל, אַפילו קיין צייכן נישט, אַז דאָ...?

— שטעלט איצט נישט אַזעלכע פראַגן. אויב איך זאָל דאַרפן ענט־פערן אויף אַלץ, וואָס איר ווילט וויסן, וועט אויסקומען צו בלײַבן דאָ נעכטיקן. איך האָב נישט קיין חשק, אַפילו אין אַזאַ אָנגענעמער געזעל־שאַפט ווי איר. איך לייג פאָר מיר זאָלן אָנהייבן פון אָנהייב. ביז מיר וועלן צוקומען צום אַרײַנגאַנג, וועל איך אײַך באַקענען מיט אַ ביסל געשיכטע, בלויז עטלעכע פּרטים. דערוואָרט נישט פון מיר קיין לעקציע, מיר זענען נישט אויפן אוניווערסיטעט.

זיי טאָרעווען זיך ווידער לאַנגזאַם אַ וועג. דאָס ווילדגראָז ווערט שיטערער. אָנגעט גראָבט אײַן די אויגן אין פאַרוואַקסענעם באָדן. דאָ און דאָרט קוקט אַרויס פון צווישן די געוויקסן אַן אומגעוואָרפענע, צעקאָ־ליעטשעטע מצבה. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך צווישן גראָז ברוכשטי־קער. דאָס זענען די איינציקע צייכנס פון באַזונדערע קברים. דאָס גאַנצע שטיקל ערד איז איין גרויסער, אײַנגעזונקענער מאַסן־קבר, אַ פאַר־שווענקטער מיט אַ ים שטעכיקע פלאַנצן.

דער וועג ווערט פרײַער. דאָקטאָר ביבער איז ווײַטער מוותר אויף זײַן דזשענטעלמענערישקייט און שפּאַנט פאָרויס. אָנגעט בלײַבט אַלע מאָל מער הינטערשטעליק. אַנטקעגנאיבער דעם ווילד־פאַרוואַקסענעם שטח, שפּרייט זיך אויס אַ וואַלד הויכע, צעצווײַגטע ביימער, אײַנגעוויקלטע אין מיסטעריעזער טונקלקייט. דאָ הייבט זיך אָן דער עלטסטער טייל פון בית־עולם. צווישן די ביימער שטייען שורות אַלטע, נידעריקע מצבות, אויס־

געפּאַרעמטע לזיטן זעלבן סטיל. אַנטעס אויגן טראָגן זיך איבער פון וויסטן שטח אַהער, די בליקן וואַנדערן, בלאָנקען צווישן נאָענטן און ווייטן עבר. איר דוכט זיך, אַז דער וואַלד ציט זיך ערגעץ ווייט־ווייט. דורך די צעצווייגטע ביימער, דורך די אַלטע קברים שוועבן דורך פאַר־גאַנגענע דורות; דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן איז דאָ פאַרגליווערט אין דעם איינהייטלעכן האַלב־רונדיקן יידישן סטיל פון די גרויע, איינגעהוי־קערטע מצבות. די אויסגעקריצטע אויפשריפטן דערציילן ווי אַלטע פּנקסים.

דאָקטאָר ביבער האָט זיך אומגעקערט.

— איך זע איר דאַרפט נישט קיין באַגלייטער.

— איך דאַרף יאָ, איר האָט מיר צוגעזאָגט צו דערציילן, צו ווייזן...

— דאַרף מען זיך נישט פאַרהאַלטן אומעטום.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן וועג, געטראָטן לאַנגזאַם. דאָקטאָר בי־בערן איז נישט געלונגען זיך אויסצוטאָן פון דער הויט פון אַ היסטאָ־ריקער.

— די בית־עולמס דאָס איז געשיכטע פון יידן אין פּוילן. ווו נאָר יידן האָבן זיך ערגעץ באַזעצט אויף דער פּוילישער ערד, און איך האָב דאָ נישט אין זינען די ערשטע אָנהייבן פון יידישע איינוואַנדערונגען, וואָס זענען, אַ סברה געווען, אין 8טן, 9טן און אַפילו אין 7טן יאָרהונדערט, יענע גאָר ווייטע צייטן זענען נאָך צו ווייניק אויסגעפאָרשט — הכלל, ווו נאָר יידן האָבן זיך איינגענעסטעט, געשאַפן אַ שטיקל קהילה, האָבן זיי געזוכט צו דערגרייכן צוויי זאַכן: אַ בית־מדרש און אַ בית־עולם. נישט איין מאָל האָט דאָס גענומען לאַנגע יאָרן, ס׳איז אָנגעקומען מיט מי און מאַטערניש. אויפצושטעלן אַ בית עולם האָט מען געדאַרפט דעראָבערן אַ שטיקל ערד, טיילמאָל האָט מען עס אָפּגעקויפט פאַר אַ גאָר הויכן פּרייז.

די וואַרשעווער יידן האָבן אַמאָל נישט געהערט צו די פּריווילעגיר־טע. ערשט נאָך לאַנגע באַמיִונגען האָבן זיי בײַם סוף 18טן יאָרהונדערט באַקומען אַ דערלויבעניש אויפצובויען דעם־אַ בית־עולם. די ערשטע מצבות שטאַמען פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. ס׳איז פאַרשטייט זיך, נישט דער עלטסטער בית־עולם אין וואַרשע, אָבער דער גרעסטער אין פּוילן. ער פאַרנעמט אַ שטח פון אומגעפער דרײַסיק העקטאַר. ס׳איז געווען אַ

גרויסער נצחון פון די וואַרשעווער ייִדן. מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן געגנשער בית־עולם, כאָטש ער ליגט אויף דער אָקאָפּאָווער גאַס, ווײַל די גאַנצע געגנט אַרום געגנשע איז געווען געדיכט באַוווינט פון ייִדן. אויב איר ווערט חשק האָבן אַ זוך צו טאָן אין אַלטע דאָקומענטן, וועט איר אָנטרעפן אויף אַ ידיעה וועגן אַ בית־עולם, וואָס די ייִדישע קהילה אין וואַרשע האָט דערוואָרבן אין 1481. צווישן ייִדן האָט מען אָבער באַטראַכט פאַרן עלטסטן וואַרשעווער בית־עולם דעם פון ברודנע, אויף פּראַגע. אַ שאָד, אַ שאָד וואָס ער איז אָפּגעווישט געוואָרן. ער איז געווען אַ קוואַל פאַר ייִדישער געשיכטע. דאָרט זענען געווען די קברים פון ייִדישע קעמפערס בעתן אויפשטאַנד אין 1863. דאָרט איז צווישן אַנדערע אָנגעזעענע ייִדן באַערדיקט געוואָרן דער גרויסער געלערנטער, אַברהם שטערן. שפּעטער איז ער געוואָרן דער בית־עולם פון דער וואַרשעווער אָרעמשאַפט. די דײַטשן האָבן אים צעשטערט, אָפּגערוימט אים גענצלעך האָט מען שוין אין פאָלקס־פּוילן, כאָטש מען האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן צונויפקלײַבן די מצבות, וועגן לאָזן אַ שטיקל אָרט אַלס אָנדענק. ס׳האָט שוין כמעט געהאַלטן דערבײַ מ׳זאָל אויפן אָרט מאַכן עפּעס אַ מין שטאָטישן גאָרטן און אַוועקלייגן בלויז אַ שטיין מיט אַן אויסגעקריצטן אויפשריפט, אַז דאָ איז געווען אַ ייִדישער בית־עולם. ס׳איז פון דעם אויך גאָרנישט געוואָרן. אַז אַראָפּגערוימט, איז אַראָפּגערוימט, מ׳דאַרף נישט לאָזן קיין צייכנס.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי שטייען אויף אַן אָרט און ער טוט פאַר־קערט, ווי ער האָט געוואָלט. געזאָלט אָנגעבן בלויז עטלעכע פּרטים, גיי־ענדיק. און דאָ שטייט ער אין דער משונהדיקער ראָל פון אַ פּראָפעסאָר. פונדעסטוועגן האָט ער פאָרגעזעצט:

— נישט צו פאַרשטיין. נישט אַנדערש נאָר ס׳איז געשען עפּעס אַ נס. די דײַטשן האָבן צעשטערט דעם גרעסטן טייל פון די פינף הונדערט בית־עולמס אין פּוילן, מיט דינאַמיט אויפגעריסן בתי־מדרשים, אַנדערע היסטאָרישע געבײַדעס. דער־אָ בית־עולם איז פאַרבליבן.

— דורך אַ צופאַל איז אויך פאַרבליבן די נאָזשיק־שול, דער יודאַיִס־טישער אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקע.

— איר ווילט, רופט עס אָן צופאַל. מיר זעט עס הײַנט אויס ווי אַ נס. צי וועט אָבער געשען אַ נס, וואָס וועט דאָס אויסהיטן קעגן די נײַע

וואַנדאַלן? ווער ווייסט צו וואָס ס׳קאָן דערגיין אין דעם שגעון צו וועלן אַלץ אָפּמעקן. צי ווייסט איר, אַז אין 14טן יאָרהונדערט האָט דער פּוילישער קעניג קאַזשימיר דער גרויסער, דערנאָך וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ פאַראָרדנט צו באַשיצן די בית־עולמס און די בתי־מדרשים קעגן אָנפאַלן און פאַרשידענע וואַנדאַלישע שטיק? וואָס פאַר אַ צוריקגאַנג די הײַנטיקע הערשער האָבן געמאַכט!

נישט באַמערקנדיק זענען זיי אַרײַנגעפאַלן אין דער ליטעראַרישער אַלייע. דאָ איז אַנעט בײַ זיך. זי האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן בײַם אוהל־פּרץ. דאָקטאָר ביבער האָט איר דערמאָנט.

— מ׳האָט געזאָגט, אַז מען הייבט אָן פון אָנהייב. סײַווי וועט מען מיטן זעלבן וועג צוריקגיין.

די זון האָט זיך געהויבן אַלע מאָל העכער און העכער. די ברייטע ליטעראַרישע אַלייע איז באַשטראַלט. די הויכע ביימער שפּיגלען זייערע גרינע בלעטער און נאָדלען אין גינגאָלדענעם ליכט. די היץ הייבט אָן ברענען. אַנעט טוט אָן די שוואַרצע־זונען־ברילן. זי נעמט אַרויס אַ טאַשן־טיכל, מאַכט פיר קניפּלעך און טוט אָן אויפן קאָפּ.

— איר פאַרדעקט די האָר אויפן „גוטן אָרט״? מען וואָלט דאָ געדאַרפט טאָן ווי די מוסולמענער, וואָס נעמען אַראָפּ די שיך, ווען זיי גייען אַרײַן אין אַ הייליקן אָרט. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער בית־עולם. נעבן די געשטאָרבענע מיט אַ נאַטירלעכן טויט, ליגן דאָ אַ סך קדושים וטהורים.

זיי זענען נישט דערגאַנגען ביזן טויער. דער ליידיקער פּלאַץ פאַרן טויער האָט אויך זײַן געשיכטע.

— אָט דאָ איז אַמאָל געווען די טהרה־שטוב. אַרום זענען געווען מצבות אויף קברים פון באַקאַנטע מענטשן. אָט דאָ מער וויניק איז געווען דער קבר פון איי..עם פון דער קינסטלער־משפחה זײַדנבײַטל. די צווילינג־ברידער, ביידע מאָלערס, זענען אומגעקומען אין אַ לאַגער. דעם סקולפּטאָר זײַדנבײַטל איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אין בעט. נישט ווײַט פון אים איז געווען דער קבר פון קראַטקאָס און טאָשעס יינגיטשקער טעכטערל. אָסטשעגאַ האָט, אין פאַרשטענדעניש מיטן פאָטער, דעם סקולפּטאָר קראַטקאָ, אויסגעמײַסטערט פאַר איר אַ מצבה,

נאָך דער מלחמה האָבן אויפן גאַנצן פּלאַץ זיך אַרומגעוואַלגערט שטיקער צעמזיקטע מצבות. ס׳האָט אָנגעמאַכט אַ סך בייז בלוט. מ׳האָט אַזוי לאַנג גערעדט וועגן די געשענדעטע מצבות, ביז וואַרשעווער ייִדן, פּשוטע מענטשן, האָבן זיך אין די זונטיקן גענומען צוהעלפן צונויפצוקלײַבן די ברוכשטיקער, וואָס מ׳האָט אײַנגעמויערט אין דער גאַלעריע-וואַנט.

די וואַנט אַנטקעגן דעם געמויערטן פּאַרקאַן זעט אויס ווי אַ רחבות-דיקע מאָזאַיִקע פון שוואַרצן און ווײַסן מאַרמאָר. ס׳איז אַ גרויסע בשות-פּותדיקע מצבה. שפּליטערן, גרויסע, קליינע, קליינטשיקע. אויף שטיקלעך מצבות איז פאַרבליבן די שריפט. דאָ און דאָרט אַ נאָמען, אויף אַנדערע בלויז אַ דאַטע, אַן אָפּגעריסן וואָרט, אַן אָפּגעפּליקטער אות. אויף איינע איז די שריפט צעדריבלט, אויף אַנדערע כמעט ניט.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום לײדיקן פּלאַץ, שווײַגנדיק זיך אָנגעשפּאַרט אין הויכן, געמויערטן פּאַרקאַן. פון דאַנען זעט מען ווי עס שפּרייט זיך אויס אויף אַ הויכפּלאַך אַ פּאַנאָראַמע פון בית-עולם מיט קונסט-מצבות פון פאַרשידענע סטילן, אויסגעמײַסטערטע אין ווײַסן און שוואַרצן מאַרמאָר, אין מעטאַל און שטיין. איינע הייבן זיך מאַיעסטעטיש אין די הימלען און ס׳דוכט זיך זיי וואַרפן דער וועלט אין פּנים אַן אַרויס-רוף, אַנדערע מײַסטערווערק שטייען ווי פאַרגליווערט לעבן, זיי פליסטערן שטיל-שטיל, דערציילן פון אַמאָליקן ייִדישן וואַרשע. צו אַנעטס אויערן דערגייען ווערטער פון איר שכן און אין פלוג האָט זיך איר געדוכט, אַז אויך די מורמלענדיקע רייד דערגייען פון ערגעץ ווײַטער.

— איר זעט, דאָס אַלץ וואָלט איך אָנגערופן אַברהם אָסטשעגאָס קונסט-קעניגרײַך. ער האָט דאָ אויפן בית-עולם זײַנע אַן אייגענע תקופה און אַן אייגענעם זשאַנער. אַ סך פון די מצבות זענען דורך אים אויסגעמאָדעלירט געוואָרן. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין זיי זײַן גאַנצע קונסט. ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו פאַראייניקן נײַע, מאָדערנע זשאַנערן מיט אַלטע ייִדישע סטילן, אַמאָל נעמט איינס די אויבערמאַכט, אַמאָל דאָס צווייטע. באַגעגנט מען דאָ מאָדערניזם צוזאַמען מיט עכט ייִדישער אָרנאַמענטיק און מיט אַזאַ סימבאָליק, ווי מלאכים, פייגל, הירשן, לייבן, דאַרף מען זיך משער זײַן, אַז אין דעם האָבן געשטעקט אָסטשעגאָס הענט.

הענט האָט ער געהאַט דעליקאַטע און געפּאַרעט האָט ער זיך מיט שווערע בלאָקן, ווי אַן אמתער שטיינהאַקער. בעת די אַקציעס אין געטאָ האָבן די פֿאַרשידענע שטיינער־בלאָקן, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין הויז פֿון זײַן וואַרשטאַט, געזאָלט אים און אַנדערע קינסטלער העלפֿן איבער־לעבן. זיי האָבן זיי גענוצט ווי מאַטעריאַל צו פּראָדוצירן אין זייערן אַ קאָאָפּעראַטיוו שלײַפֿשטיינער, אַזוי אַרום באַקומען אַרבעטס־צײַגענישן און אינגיכן מיט די אַרבעטס־צײַגענישן אַרויסגעפֿירט געוואָרן קיין טרעב־לינקע. אַ קלענער איז ער געוועזן אָסטשעגאָ, אַ דראָבנער, ס׳האָט זיך גע־דוכט, אַז אַ ווינט קאָן אים אַוועקטראָגן און דאָס האָט געהאַט אין זיך אַ כּוח. זײַן האַמער און דלוטע האָבן שטענדיק געקלאַפּט און געקלאַפּט און אפֿשר מער ווי אין זײַנע סקולפּטורן אַרײַנגעקלאַפּט זײַן קינסטלערישע פֿאַסיע אין מצבֿות. ער פֿלעגט קומען אַהער ווי אין זײַנעם אַ מוזיי. פֿאַר זײַן גרעסט ווערק האָט ער באַטראַכט דעם אוהל־פּרץ. משונהדיק־טרויעריק זענען אַמאָל געווען די גורלות פֿון אַזעלכע ייִדישע סקולפּטאָרן. זיי פֿלעגן זײַן און זענען פֿאַרבליבן אַנאָנימע קינסטלער פֿון ווערק אויף בית־עולמס. כאָטש אָסטשעגאָ האָט אויסמאָדעלירט נישט ווייניק אַנדערע סקולפּטורן, ווערט אפֿשר פֿאַרט זײַן נאָמען בלײַבן פֿאַרבונדן מיט פּרצן, אַנ־סקין און דינעזאָנען, ווו עס איז דערפֿילט געוואָרן זײַן גרעסטער באַגער.

דאָקטאָר ביבער רײַסט אָפּ די אויגן פֿון דער פּאַנאָראַמע און ווײַזט מיט דער האַנט אויפֿן ווינקל אַנטקעגן איצטיקן, אָרעמען, אָפּגעלאָזענעם טהרה־שטיבל, וואָס לעבן טויער. זיי דערנענטערן זיך מיט שטילע טריט. האַרט בײַ דער מויער־וואַנט אַ פּירקאַנטיקער אוהל, וואָס זעט אויס ווי אַ פֿאַרלאָזענע, פֿאַרוויסטע הײַזקע. די שריפֿט אויבן איז נאָך טיילווײַז לייענבאַר. אוהל של הרב... שלמה ז״ל... דערלעבן אַ צווייטער, ענלעכער אוהל, אַ קלענערער, אַן אַרײַנגעוואַקסענער אין דער ערד.

— צי ווייסט איר וואָס דאָ האָט זיך געטאָן פֿאַר דער מלחמה? פֿאַר ימים נוראים, בעת עפּעס אַ צרה, פֿלעגט דאָ זײַן אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון מענטשן, מען פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן קוויטלעך, אין וועלכע מ׳האָט אויסגע־ווייִנט דאָס ביטער האַרץ, געבעטן דעם צדיק צו זײַן אַ מליץ־יושר.

גײַשט ווײַט פֿון דאַנען איז אַ סטעזשקע. זי פֿירט באַרג אַרויף. זיי

פאַלן אָבער באַלד אַרײַן אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל, וואָס נאָענט צום מויער, אַרומגערינגלט מיט קוסטעס און ביימער.

— דאָ זענען מצבֿות אָן קבֿרים. אויפֿן גענשער בית־עולם איז צוגעקומען אַ היפּש ביסל ליידיקע קבֿרים. סימבאָלישע. משפּחות, פאַרבליבענע קרובֿים האָבן געשטעלט אָנדענק־מצבֿות זייערע נאָענטע, די אומגעקומענע אין געטאָס און אין טויט־לאַגערן. דאָרט, וווּ ס׳זענען פאַראַן פרישע בלומען איז אַ סימן, אַז עמעצער איז פאַרבליבן אין לאַנד.

אָנעט לייענט די אויפשריפטן. זי וויל עפּעס מיטנעמען פון די אויסטערלישע מצבֿות אָן קבֿרים. דאָקטאָר ביבער לאָזט איר נישט לאַנג זיך פאַרהאַלטן. ער אײַלט זיך. זי ווייסט וווּ ער וויל אָפּשטאַטן אַ לענגערן וויזיט. זיי טרעפן פריִער צום קבֿר פון לודוויג זאַמענהאָף, דעם שאַפער פון עספּעראַנטאָ.

— צי ווייסט איר, אַז אין דער וועלט גייט אָן דער ייִד זאַמענהאָף, פאַר אַ פּוילישן געלערנטן? פוילן האָט אײַנגעקאַסירט זײַן רום.

פון דאַנען איז נאָענט, זיי ליגן בשכנות. אַ פלאַכע מצבֿה. אַ שוואַרצער, מאַרמאָרנער קאַסטן. זיי לייענען די אויפשריפט: פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן. דער שעפער פון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע אין פוילן איז געשטאָרבן אין 1942 אין וואַרשעווער געטאָ בײַ זיך אין בעט.

— ער האָט נישט אויפגעהערט צו זאַמלען אוצרות דאָקומענטן. באַלאַבאַן האָט שטענדיק געוויטיקט איבער דעם, וואָס מ׳היט נישט גענוג אָפּ די ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן. די שולן, בית־עולמס, חפצים, פנקסים זענען געווען פאַר אים קוואַלן פון ייִדישער געשיכטע. אַן אַלטער פּרוכת, אַ בעכער, אַ צירונג איז געווען פאַר אים אַן אוצר. כ׳בין געווען בײַ אים אַ שטיקל צײַט פאַרן טויט, פאַר מײַן אַרויסגיין פון געטאָ. ער האָט פיבערדיק ווײַטער געאַרבעט איבער דער געשיכטע פון ייִדן אין פוילן. ס׳האָט זיך דערנאָך געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן זעלבסטמאָרד. די דײַטשן זאָלן האָבן געפאָדערט פון אים ער זאָל אָנשרײַבן פאַר זיי אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אויב ס׳זאָל אמת זײַן, האָט ער זיכער בעסער אויסגעקליבן דעם טויט.

דאָקטאָר ביבער שטייט לאַנג אָנגעבויגן, זעט אויס, ווי ער וואָלט קלענער געוואָרן. אָנעט ווייסט, אַז ער האָט צונויפגעקליבן באַלאַבאַנס

אַלע ווערק, ער וועט עס נישט קאָנען מיטנעמען. צי טראַכט ער איצט ווי אַזוי זיך נישט צו שיידן דערמיט? ווי אַזוי עס פּאַרט מיטצונעמען אויפן נײַעם וואַנדער־וועג?

די זון האָט זיך צעגליט. די גאָלדענע אותיות אויפן שוואַרצן מאַרמאָר פינקלען. אַנטעט האָט זיך אײַנגעקוקט אין זיי, ווי זי וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען. זי האָט מעכאַניש און שטום נאָכאַמאָל געלייענט דעם נאָמען. דערנאָך זיך אָנגעבויגן נידעריק און לײַכט באַרירט מיטן האַנט דעם שוואַרצן מאַרמאָר.

זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט דער ליטעראַרישער אַלייע. דאָקטאָר ביבער האָט מיט אַ טיכל אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. אַנעטן האָט זיך געדוכט, אַז די טראָפּנס שווייס האָבן זיך באַוויזן, ווען ער איז געשטאַנען בײַ באַלאַבאַנס קבר. זיי טרעטן איצט פּאַמעלעכער, פאַרנעמען זיך רעכטס מיט דער אַלייע. אַ סימבאָלישער קבר. זיי לייענען אויף דער מצבה: „שלמה אליעזר און יעקב יאַקובאָוויטש, העלדיש געקעמפט און געפאַלן אין ביאַליסטאָקער געטאָ". עטלעכע בלומען דערציילן, אַז ס'איז נאָך פאַרבליבן עמעצער, וואָס היט צו דעם אָנדענק פון פאָטער און זון. אַ ביסל ווײַטער נאָך צוויי מצבות אויף סימבאָלישע קברים. זיי זענען שוין פאַרלאָזן. קיין בלימל, קיין גרעזל. פון דער משפחה איז שוין קיינער אין לאַנד נישט פאַרבליבן.

בשכנות מיט די סימבאָלישע קברים, בײַם ברעג אַלייע שטייט אַן אָבעליסק. ער איז פאַרבליבן אומבאַשעדיקט צווישן צעשטערונגען אַרום טהרה־פּלאַץ און הייבט זיך דאָ אין די הויכן, ווי דער נפטר האָט זיך בײַם לעבן געהויבן צו גײַסטיקע הויכקייטן ביזן עלטער פון 95 יאָר.

ס'איז חיים זעליג סלאָנימסקיס קבר. די מצבה שטײַגט איבער אין דער הויך אַלע אַנדערע. נישט ווײַט פון דאַנען, אין דער טיף איז דער קבר פון זײַן פרוי שרה סלאָנימסקי, די טאָכטער פון דעמאָלטיקן גרעסטן יידישן געלערנטן, אַברהם שטערן, דער אייגציקער ייִד אין דער „פּוילישער וויסנשאַפטס־געזעלשאַפט".

— קומט אַ ווײַלע אַהער. הײַנט זענען אַזעלכע ייִדן אַקטועל. מ'וואָלט געדאַרפט אַהער ברענגען ווערבלאָנען, ס'וואָלט געווען פאַר אים אַ גוטע

טעמע. ער וואָלט געהאַט אַ נײַעם, פּאַרטיקן באַוויַז, ווי אַזוי יידן האָבן זיך שטענדיק אומעטום אַרײַנגעגליטשט...

אַנעט האָט זיך דערנענטערט צו דער מצבה. דרײַ ריזיקע שטיינער־פעלדזן איינער אויפן אַנדערן. אונטער זיי ליגט העגריק וואָהל, דער לע־געגדאַרער קעמפער פאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, דער פינאַנץ־מיניסטער אין דער אויפשטאַנד־רעגירונג פון 1863, דער פאַרשיקטער אויף לאַנגע יאָרן אויפן ווײַטן סיביר. דאָקטאָר ביבער לייענט שוין צום צווייטן מאָל די אויפשריפט: „דעם ווירדיקן זון פון פאָטערלאַנד — דאָס פאָלק". אַנעט האָט שוין נישט איינמאָל געהאַט אָפּגעזוכט אַזעלכע קברים. איצט ווײַזט זי מיט דער האַנט צו דער צווייטער זײַט אַלייע. דאָרט זענען צע־וואָרפן קברים פון יידישע בחורים, אויף זייערע מצבות קאָן מען אומעטום לייענען: „העלדיש געקעמפט און געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד". דאָקטאָר ביבער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, אין אַלע צײַטן האָבן יידן העלדיש געקעמפט און געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד. נאָר ווייסט איר וואָס? כ'האָב זיך מישב געווען. בעסער די ווערבלאַנס זאָלן אַהער נישט קומען. מילא, וואָס ער וואָלט גע־שריבן, וואָלט ער, דער געלערנטער גראָבער יונג, געשריבן, נאָר כ'האָב מורא, אַז ס'וואָלט געווען אַ נײַע סכנה פאַר די אַלע מצבות.

די ביימער באַשיצן קעגן דעם גלי פון דער זון. דאָקטאָר ביבער באַוועגט זיך פאַמעלעך. ער איז איצט פאַרזונקען אין מחשבות. אַנעט לאָזט אים הינטער זיך. אָט האָט זי געפונען נאָך אַ ווירדיקן זון פון פאָטער־לאַנד — יוזעף סלאָנימסקי, אַ זון פון חיים זעליג סלאָנימסקי.

אויף דער מצבה איז אויסגערעכנט זײַן יחוס, זײַנע אויפטוען: ביז זײַן טויט אין 1937 האָט ער זיך פאַרנומען מיט לינגוויסטיק, ליטעראַ־טור, רעפּרעזענטירט פּוילן אין דער איטאַליענישער וויסנשאַפטס־אַקאַ־דעמיע און פאַרשאַפט דעם פאָטערלאַנד גרויס כבוד און רום. אַנעט טראָגט זיך איבער פון מצבה צו מצבה, יעדערע איז פון אַן אַנדערן, אייגנאַרטיקן סטיל, אויף די עלטערע איז די שריפט אָפּגעריבן, אויף אַנדערע די אָרנאַ־מענטיק אַראָפּגעריסן מיט כוח. צווישן די באַשעדיקטע איז פאַרבליבן גאַנץ די מצבה פון ליטעראַט און פּעדאַגאָג יעקב מנחם קרינסקי. נישטאָ דאָ קיין רײַכע אָרנאַמענטיק. ערגעץ דאָ ווײַטער דאַרף זײַן דער קבר פון נאָטור־

פאַרשער מיעטשיסלאַוו האַלפּערן, וועלכער האָט פּוילנס וויסנשאַפט אַ שטויס געגעבן פאָרויס. אַזוי זוכנדיק, איז איר פאַר די אויגן אַ שפּרונג געטאָן דער נאָמען ווילטשינסקאַ. סטעפאַניאַ. פאַני סטעפאַניאַ, די מסירות־נפשדיקע פּעדאַגאָגין פון קאָרטשאַקס יתומים־הויז. זי האָט ווי ער, קאָר־טשאַק, באַגלייט די קינדער קיין טרעבלינקע. קאָרטשאַק האָט נישט קיין מצבה, נישט געוועז ווער זאָל זי שטעלן, ער האָט אויך נישט אין פּוילן קיין דענקמאָל. זײַן מיטאַרבעטערין האָט די משפּחה געשטעלט אַ מצבה אין דעם משפּחה־קבר. דער שוואַרצער מאַרמאָר האָט אָנגעהויבן וויברירן, יוירן, ווי אַ פרילינגדיקע פּײַכטע ערד אונטער די וואַרעמע זונען־שטראַלן. פון דער יוירונג האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן בלומען־קנאָספּן, די קנאָספּן עפענען זיך, עס קוקן אַרויס קינדערשע קעפּלעך, עס ציִען זיך אויס פאַרשלאָפענע הענטלעך, זיי ציִען זיך צו פאַני סטעפאַניאַ...

דאָקטאָר ביבער האָט זיך דערנענטערט, זי לײַכט אָנגענומען פאַר דער האַנט און געוויזן מיט די אויגן אויף די ווײַטערדיקע קברים מיט נײַע מצבות. זיי ליגן דאָ צוזאַמען. אין פראָנט דער היסטאָריקער בער מאַרק, נעבן אים דער בינע־קינסטלער אַברהם מאָרעווסקי, אַ ביסל ווײַטער משה בראָדערזאָן, הינטער אים, ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער בייזער וועלט, דער דיכטער משה זאָנשיין. מער פון אַנדערע וואַרפט זיך אין די אויגן מאָרעווסקיס מצבה. אַ הויכער זײַל, ווי אַ דעמב, ער רײַסט זיך ערגעץ אין די ווײַטע ווײַטקייטן. אַנעטן דוכט זיך עס טראָגט זיך פון אים אַ טיף־ברויזנדיק, פאַרשטיקט געשריי, אַזאַ פאַרשטיקט־הייזעריק, ווי די שטימע זײַנע, וואָס דער אַקטיאָר האָט אויף דער סצענע אַרויסבאַקומען פון די טיפעניש פונעם האַרץ.

— כאָטש דאָס האָט מען אים נאָכגעגעבן, ער האָט שטענדיק באַגערט, געבעטן, אָנגעזאָגט, אַז זײַנע ביינער זאָלן רוען בשכנות מיט אַנ־סקיס קבר.

אַנעט האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַנטקעגן, פון דער צווייטער זײַט אַלייע שטייט, ווי אַ מיסטעריעז פאַרטראַכטער טורעם, דער אוהל־פּרץ. אַ הויכער, מאַסיוואַרטיקער געבוי אין קלאַסישן צוזאַמען מיט יידישן סטיל, באַצירט מיט סקולפּטור־אָרנאַמענטיק. דער אויבן קרײַזפאָרעמדיק, אָנגע־

שפּאַרט אויף זײַטיקע, רונדיקע פילאַרן. די אויפשריפטן דערמאָנען, אַז אונטערן מאָנומענט זענען אויך די קבֿרים פון ש. אַנ—סקי און יעקב דינעזאָן. די באַפליגלטע לייבן פון ביידע זײַטן אַרײַנגאַנג זעען איצט אויס, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען צו באַוואַכן און פאַרהיטן דעם אוהל.

— כ'בין געווען אויף פּרצעס לוויה. דער בית־עולם איז שוואַרץ געווען פון מענטשן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע ייִדישע וואַרשע האָט אַהער באַגלייט פּרצן.

דאָקטאָר ביבער האָט דאָס אַזוי שטיל געזאָגט, אַז אַ־עט האָט קוים אויפגעכאַפּט די ווערטער. זי וויל אים עפּעס פרעגן, נאָר אָט זעט זי, ווי ער זעצט זיך אַוועק בײַם אוהל אויף אַ צופעליקן שטיין, בלײַבט אָנגעבויגן. די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די קני־ען האַלטן אונטער דעם קאָפּ. וועגן וואָס טראַכט ער איצט? אפשר שרײַבט דער זכרון אַ רומפול קאַפּיטל פון די פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן באַשטראַלט די ייִדישע וועלט מיט זייער גײַסטיקייט? אפשר טראַכט ער וועגן זײַן אייגענעם גורל? וועגן דעם ווו אויפצושטעלן אַ נײַ געצעלט אין זײַנע יאָרן?

זי האַלט אײַן דעם אָטעם, שוועבט אַוועק צו דער שכנותדיקער מצבֿה. אונטער איר ליגט די מאַמע פון ייִדישן טעאַטער. אסתּר רחל קאַמינסקיס קבֿר איז נאָענט בײַם אוהל־פּרץ. ס'דוכט זיך ער שפּרייט אויס איבער איר זײַנע פליגלען. ס'דוכט זיך עס טראָגט זיך פּרצעס געפּליסטער: „לאָמיר אויסלייזן די וועלט״...

זי שלײַכט זיך ווײַטער צווישן קבֿרים. די ערד הייבט זיך פון דער זײַט אויף אַלע מאָל העכער און העכער. דאָ זענען די קבֿרים פון בונדישע טוער: מיכאַלעוויטש, כמורנער; אויף יאַנעקס קבֿר אין ציגל־רויטן שטיין אַ האַנט מיט אַ האַמער. דער האַמער וויל צעשמעטערן דאָס שלעכטס פון דער וועלט. דאָ האָבן זיך אַלע פאַרייניקט. נישט ווײַט פון די בונדישע פירער, אַ ביסל העכער, רוט דער קאָמוניסט באַגען־דואַ. זײַן לעבן איז מיסטעריעז איבערגעריסן געוואָרן אין אַן אויטאָ־פּאַרפאַל אין באַפרײַטן פּוילן. קיין שבֿחים האָט מען אים נישט געקאַרגט: „זײַן לעבן האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר דער פאָלקס־מאַכט, פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן״. וואָס וואָלט מען אים הײַנט געזאָגט, אויב ער וואָלט געבליבן לעבן?

אין מיטן פעלד, אויפן הויך־פלאַך שפּרייטן זיך אויס שיינע בייטן.

צווישן זיי אַ סך קברים פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, יונגע און אַלטע, ייִדישע וועטעראַנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן. פון זייערע מצבות דערוויסט מען זיך, אַז זיי האָבן געשמאַכט לאַנגע יאָרן אין תפיסות, אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן פאַר אַ באַפרייט סאָציאַליסטיש פּוילן.

אין שכנות, אַרויסגערוקט צום פראָנט איז פאַרגליווערט אין דענקמעלער די נײַעסטע ייִדישע געשיכטע, ייִדישע גבורה און ייִדישער פּײַן.

אונטער אַ דענקמאָל אַ גרויסער מאַסן-קבר פון געטאָ-קעמפער. נאָכן וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד האָבן די לעבנגעבליבענע אויפשטענדלער זיך דורכגעריסן דורך פײַער און בלוט, אַוועק אין וואַלד און געשאַפן די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון מרדכי אַנילעוויטש. אין די ווישקאָווער וועלדער האָבן זיי ווײַטער העלדיש זיך געשלאָגן ביזן אָפּגעבן דאָס לעבן „פאַר אונדזער און אײַער פרײַהייט". די דערמאָרדעטע דורך די היטלעריסטן פּאַרטיזאַנער האָט מען נאָך דער מלחמה אַריבערגעפירט אַהער, אויפן גענשער בית-עולם.

דער באַרגיקער שטח איז פאַרגאָסן מיט זון. אין דעם שטראַליקן, גינגאָלדענעם ליכט גלאַנצט אָפּ פון דער ווײַטנס דער ציגל-רויט פון די אַנדערע דענקמעלער. נישט ווײַט פון גרויסן מאַסן-קבר געפינען זיך די סימבאָלישע קברים פון די בונדישע געטאָ-קעמפער: הויכע מצבות אין אָנדענק פון מיכאל קלעפּפיש און אַבראַשאַ בלום, דערלעבן אַ מאַסיווער רויטער שטיין, אַ דענקמאָל לזכרון פון די געפאַלענע בונדיסטן און צוקונפטיסטן פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד. אַנעט טרעט מיט שטומע טריט פון אָרט צו אָרט. פּלוצלינג האָט אַ דערמאָנונג זי צוגעשמידט צום גרויסן מאַסן-קבר. זי שטייט פאַרשטיינערט. זי איז צוריק אין וואַלד. די שטילקייט שטיקט, יאָגט, וואָרנט. זי לויפט, פאַרטשעפּעט די פיס אין אַ מת. אַרום זענען הרוגים. ווו רוען זייערע ביינער?

זי האָט אַ ציטער געטאָן. דאָקטאָר ביבער האָט לײַכט באַרירט איר אַקסל.

— גענוג. צײַט זיך אומצוקערן.

מיר וועלן נאָך צוגיין... אָט דאָרט זענען די קברים פון נאָמבערגן, ווײַסנבערגן, מ'זעט פון דאַנען די מצבות. אין דער נידער דאָרטן שטייט

אַ מצבה אויף אַ קבר פון אַן אַכצן־יעריקן בחור, געפאַלן בײַם פאַרטיידיקן וואַרשע...

— כ׳וויס, כ׳וויס. פאַראַן דאָ נאָך אַ סך קברים פון געפאַלענע בײַם פאַרטיידיקן וואַרשע, פון געטאָ־קעמפער, ווי די אומדערשראָקענע פאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי, אליהו ערליך. ווילט איר זיי אַלע איצט אָפּ־שטאַטן אַ וויזיט?

— איך בין דאָ אפשר דאָס לעצטע מאָל. איר האָט מיר אויך צוגע־זאָגט...

— צי ווייסט איר וויפל צײַט און כוח מ׳דאַרף דערויף? פאַראַן דאָ נאָך אַ סך קברים פון גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, פון שעפּער, קינסטלער, ווי די טרעמבאַטש־משפּחה, ווי דער חזן סיראָטאַ; הײַנט איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז דאָ רוען די ביינער פון אַזעלכע יידן ווי פעליקס פּערל און סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, די גרינדער און פירער פון דער אַמאָליקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן, פון ווויסנשאַפטלער ווי שמעון אשכנזי, דער גרעסטער פּוילישער היסטאָריקער, פון באַקאַנטן פאַרלעגער יאַקוב מאָרטקאָוויטש, וואָס האָט זיך מקריב געווען און לסוף באַצאָלט מיטן לעבן פאַרן אַרויסגעבן די ווערק פון פּוילישע שרײַבער, פון קולטור־מעצענאַט היפּאָליט וואַוועלבערג, וועלכער האָט אויסגעבויט אַזוי פיל לערן־אַנשטאַלטן מיטן ציל צו שטויסן דאָס לאַנד פאָרויס. און ווי קאָן מען פאַרגעסן אין אַזעלכע געשטאַלטן פון יידישן וואַרשע, ווי ס׳זענען געווען דאָקטער גרשון לעווין, דער דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, ווי דער באַרימטער אַדוואָקאַט הענריק עטינגער? אָפּצוהיטן דעם אָנדענק פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע, דאַרף מען אויסהיטן דעם בית־עולם פון וואַנדאַליזם.

זיי האָבן גענומען דעם צוריקוועג, געגאַנגען שווײַגנדיק מיט דער ליטעראַרישער אַלייע. דאָקטאָר ביבער איז נישט צוגעוווינט אַנעט זאָל לאַנג נישט פרעגן.

— זאָגט מיר פון וואַנען נעמען זיך צו אײַך אַזוי פיל כוחות? אַזאַ שוואַך באַשעפעניש און דאָס רוט קיינמאָל נישט. אומעטום ווילט איר זײַן, אַלץ זען. פון וואַנען אַזוי פיל ענערגיע?

— איר דאַרפט דאָס בעסער וויסן, איר האָט דאָך אַמאָל שטודירט פּסיכאָלאָגיע אויך.

— גאָט צו דאַנקען, מען הערט שוין פון איר אַ לעבעדיק וואָרט. דעם גאַנצן טאָג רעדט איר בלויז מיט די טויטע.

אַנעט איז געוואָרן אויפגעלייגטער, געוואָלט ענטפערן. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן. פאַר איר איז ווי אַ מת געלעגן אויסגעצויגן אַ ווײַסע, מאַרמאָרנע מצבה. אַנעט האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי". דאָקטאָר ביבער האָט זיך דערנענטערט.

— ווידער אַ נס, מ׳קאָן איבער דעם פאַלן און צעברעכן הענט און פיס.

— ווי אַזוי איז דאָס אַהער געקומען?

— די מצבה איז נישט געקומען, מ׳האָט זי געבראַכט צושלעפּן. אַזאַ שטיינעם מאַרמאָר לויבט זיך צו ברענגען פון ווײַט. אַזאַ שטיקל אַרבעט מאַכט מען אין עטלעכע סעאַנסן. פריִער האַקט מען אַראָפּ, מען ברענגט אַהער צושלעפּן, מען באַהאַלט אין גראָז, טיילמאָל צעקלאַפּט מען, דערנאָך קומט מען אין אַ גינסטיקן אָוונט אָוועקנעמען.

זיי האָבן ווידער לאַנגזאַם געטראָטן אין ווילדגראָז. אַנעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אומעטיקן וואַלד ביימער.

— יענער וואַלד לאָקערט אײַך?

— דאָרט ערגעץ איז דער קבר פון מײַן מאַנס זיידע, דער וואָס איז געקומען פון סיביר. מײַן מאַן איז געהאַט געוועזן מיט מיר, נאָר מיר זענען געגאַנגען דורך אַן אַנדערן וועג אַ שאָד, וואָס מיר זענען נישט...

— איך האָב דאָ אויך אַ חזקה, דאָקטאָר שלמה ביבער. זיי וועלן אונדז מוחל זײַן, וואָס מיר האָבן זיי נישט אָפּגעשטאַט קיין וויזיט.

זיי זענען צוגעקומען צום געמויערטן פאַרקאַן. דאָקטאָר ביבער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, נישט געאײַלט זיך מער. אַנעט איז צו צום אײַנבראָך אויסצופאָרשן ווי אַזוי דורך דאַנען דורכצוגיין. פּלוצלינג איז איר עפּעס אַרײַנגעפאַלן אין אויג. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אָנגעהויבן זיך פּאָרען אין גראָז.

— וואָס זוכט איר דאָרט?

— געפונען אַן אוצר.

זי האָט מיט גרויסער אָנשטרענגונג אַרויסגעצויגן אַ קעסטל. אַ לייד־יקט. זיי האָבן עס באַטראַכט.

— אַ גוייִשע הצלחה, אַלץ אַנטדעקט איר, איר וואָלט געקאָנט זײַן אַ דעטעקטיוו.

— פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַהער?

— דאָס האָט מסתמא אַ געניטער גנב געהאַט דעם אײַנפאַל צו באַזאָרגן זיך מיט אַזאַ כלי. ער איז מסתמא אַן אינדיווידואַליסט. אַז מען איז אָבער אַליין איז נישט לײַכט אַריבערצוואַרפן פון דער נידער אַ שטיק גאַרמאַר. דאָס קעסטל איז פעסט צוזאַמענגעשטעלט, מען גייט דערויף אַרויף, וואַרפט דורך און מען באַהאַלט צוריק די כלי אויס אין גראָז. אַרויפ־צודראַפּען זיך אַליין איז נישט שווער. אונדז וואָלט אָבער יאָ שווער געווען. אַ נס וואָס איר האָט דערשנאַפּט דאָס קעסטל.

זיי זענען אַרויס פון די קוסטעס פאַרמאַטערטע, האָבן זיך מיט מידע אויגן אַרומגעקוקט. נישטאָ אין ערגעץ קיין ווינקל זיך אָפּצורוען. זיי האָבן באַמערקט פון דער ווײַטנס אָנקומען אַן אויטאָ. אַנעט האָט זיך אַרויסגערוקט און אויפגעהויבן אַ האַנט. ס'איז געווען אַ פּרײַוע טאַקסי. ווען דער שאָפער האָט זיי דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שכנותדיקער גאַס, האָט דאָקטאָר ביבער זיך געוואָנדן צו אַנעטן.

— נו, איצט גלייבט איר שוין אין נסים? די טאַקסי איז דען נישט אַ נס מן השמים? פונדעסטוועגן פאַרלאָזט אײַך נישט אויף נסים און באַשטאַט ערגעץ גוט אײַערע נאָטיצן.

קאַפּיטל 7

אין האָלענדישן קאָנסולאַט איז הויך־סעזאָן. ער פאַרטרעט דעם ישׂ־ראלדיקן קאָנסולאַט, וואָס מ'האָט פאַרמאַכט. דאָס איז האָט געדירט. ייִדן ווייטן זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָ הייבן זיך אָן די ערשטע צוגרייטונגען. מ'דאַרף ראשית האָבן אַ „פּראָמעסע", אַז ישׂראל וועט אַרײַנלאָזן. אָן אַזאַ צעטל קאָן מען נישט אָנגעבן אויף קיין פּאַספּאָרט.

ייִדן האָבן אַ סך געדולד. מ'וואַרט אומעטום, וווּ מ'דאַרף. וואַרטנדיק, שמועסט מען זיך דערווײַל דורך. די פּנימער זענען אַ ביסל אָנטשפּאַנט, די געמיטער גרינגער. דער גרויסער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט. עס בלאָזן נאָך אײַז־קאַלטע ווינטן, אָבער מ'קאָן שוין אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. מען קוקט זיך אַרום, מען עצהט זיך ווי אַזוי און וווּ צו אַנטלויפן.

אַנעט גייט יעדן טאָג דורך נעבן האָלענדישן קאָנסולאַט. ער איז אויפן וועג פון מאָקאָטאָווער תּפֿיסה. פון מאָל צו מאָל שמעקט זי דאָרט אַרײַן. דאָס מאָל הערט זי אונטער אַ דיאַלאָג צווישן צוויי אַלטע ייִדן:

— ס'איז מיטן שׂכל נישט צו באַנעמען, מיטן ווײַב פרעגן מיר זיך כּסדר וואָס דאָ שטעקט. מיר האָבן צוויי טעכטער אין ענגלאַנד, זיי בעטן, חלשן מיר זאָלן קומען צו זיי. וואָס וואָלט זיי געאַרט מיר זאָלן פאָרן צו די קינדער? ניין, מ'קאָן נישט. בלויז קיין ישׂראל. דאָרט האָבן מיר קיינעמען נישט. גיט מיר צו פאַרשטיין, וווּ איז דער שׂכל פון דער זאַך?

— איך פרעג מיך דאָס זעלבע. דער איינציקער זון אין קאַנאַדע. אַ שוועסטער און אַ ברודער אויך דאָרט. כ'בין אַליין ווי אַ שטיין. די פּאָר יאָר וואָלט איך געוואָלט פאַרענדיקן בײַ משפּחה. גייט גיט זיי דאָס צו פאַרשטיין. מסתּמא האָבן זיי עפּעס אַן אויסרעכענונג, דער נישט־גוטער ווייסט זיי וואָס.

ס'מישט זיך אַרײַן אַ דריטער, אַ ייִנגערער. ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אַ ביסל פריילעך צו מאַכן.

— וואָס האָט איר זיך צו ברעכן דעם קאָפּ, אַז די זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג. זיי זענען שטילערהייט געוואָרן פרײַנד פון ישראל. דאָס לאַנד דאַרט נייטיקט זיך אין נײַע עולים, ווילן זיי מיר זאָלן אַלע אַהין פאָרן, אַפילו אַלטע מענטשן, וואָס האָבן די קינדער ערגעץ אַנדערש. אײַ ייִדעלעך מאַכן אויפן וועג פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, פאָרן אויך אין אַנדערע לענדער? דערין זענען זיי נישט שולדיק. זיי שיקן אַלע אָן אויסנאַם אַהין, אַ ראיה, מ׳נעמט פריִער אַוועק די בירגערשאַפט, מען גיט נישט קיין פּאַספּאָרט, נאָר אַ רײַזע־קאַרטל צו פאָרן דירעקט קיין ישראל. אײַ, זיי הייסן זיך גוט באַצאָלן פאַר דעם אַלעמען? אויף דעם זענען מיר ייִדן מ׳זאָל אונדז אויסלייזיקן די קעשענעס.

אַ פרוי מיט אַ נערוועז פּנים און ברענענדיקע אויגן הערט זיך צו און וואַרפט צו אירע פּאָר גראָשן.

— זאָלן זיי הייסן באַצאָלן וויפל זיי ווילן, אַבי מ׳זאָל אַרויס פון דאַ־נען. באַרוועס און אין איין העמד וואָלט איך אַוועק, אַבי מײַנע אויערן זאָלן שוין נישט הערן דאָס קוויטשערײַ, דאָס בילן אויף אונדז. איך בין גרייט אַוועקצופאָרן אַזוי ווי איך שטיי און גיי.

דער פריילעכער ייִד מישט זיך ווידער אַרײַן.

— איר זענט שוין גרייט, אָבער נישט זיי. איר וועט זיך נאָך אַ ביסל אָנמאַטערן. דאָ איז דער ערשטער עטאַפּ. דערנאָך קומען עטאַפּן מיט עטאַפּעלעך. די נײַע סדרה הייבט זיך אָן אין פּאַספּאָרטן־אַמט, דערנאָך אין דער וווינונגס־אַדמיניסטראַציע, אין אַנדערע אַדמיניסטראַציעס, מ׳דאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער נישט צו פאַרלירן זיך אין די אַלע פּאַפּירלעך, וואָס מען דאַרף בײַלייגן. און אַז מען באַקומט שוין מיט מזל דאָס רײַזע־קוויטל הייבט זיך אָן אַ נײַע סדרה פון פרעגענישן וואָס מ׳טאָר יאָ און וואָס מ׳טאָר נישט מיטנעמען; קיינעמען, מײַן ליבע פרוי, גלוסט זיך נישט אַוועק באַרוועס און אין איין העמד.

אַנעט הערט אונטער און איז מקנא די מענטשן. הלוואי וואָלט זי שוין אַזוי געהאַלטן. זי וואָלט אויך אַזוי, ווי די פרוי מיטן נערוועזן פּנים, אַוועק אַזוי ווי זי שטייט און גייט. זי האָט אָבער דערווײַל געבונדענע הענט. זייערע צוויי אַדוואָקאַטן זענען אָפּטימיסטן, אַפילו קלאָד האָט אויס־

געהאַלטן די עקזאַמענס. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט לאָזט מען זיי אַרויס. דערווײַל פאַרציט עס זיך.

די צעטומלטע, זומערדיקע טעג האָבן זיך געשלעפּט מאָנאָטאָן. מאַרעק האָט אומאויפהערלעך געקלאַפּט אין אַלע טירן פון אַמאָליקע באַקאַנטשאַפטן צו פאַרלײַכטערן די אַרבעט פון די אַדוואָקאַטן. ער האָט לײַכט גע־פועלט בײַ אַנעטן זי זאָל זיך אָפּרײַסן פון טאַראַראַם און פאָרן אויף אַ שטיקל צײַט צו סילוויען. זיי וועלן זיך אַראָפּכאַפּן קיין זאַקאָפּאַנע. ער האָט באַגערט נישט נאָר זי זאָל אַראָפּשאָקלען פון זיך די שפּאַנונג, נאָר אויך געוואָלט זי דערווײַטערן פון וואַרשע. זי רוט נישט. האָט יעדן טאָג טרעפונגען מיט מענטשן. די מינדסטע אומפאָרזיכטיקייט קאָן ווערן אַן אַרײַנגעשטעקטער שטעקן אין ראָד.

אַנעטן איז זאַקאָפּאַנע נישט געקראָכן אין קאָפּ, איר איז געגאַנגען אין קראָקע. די באַגעגעניש מיט סילוויען און איר מאַן איז אויך עפּעס ווערט. ער, מיעטשיסלאַוו זשעמיאַנסקי, האָט ערגער אָפּגעשניטן בעתן אוראַגאַן, ווי דאָס ווײַב. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זײַנע יידישע קאָלעגן, מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. אַנעטן האָט איצט געצויגן צו זיי. זי האָט אין געהיים אַרײַנגעלייגט דעם פּאָטאָ־אַפּאַראַט אין האַנט־בײַטל. ער וועט דאָרט צונויץ קומען. סילוויען ליגן די זאַכן אויפן האַרץ פונקט, ווי איר.

קראָקע. איינע פון די באַרימטסטע, אַמאָליקע יידישע שטעט. זי פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן. אין דער אַמאָליקער פּוילישער הויפּטשטאָט, זענען אין 14טן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי ס׳איז שוין געווען אַ יידישע אײַנוואַנדערונג פון מזרח־און מערב, געקומען יידן, אַנטלאָפענע פון גזירות און גרושים פון טשעכיע, עסטרײַך, אונגאַרן, שפּאַניע. דאָ איז אין יענע צײַטן אַנטשטאַנען אַ גרויסער צענטער פון יידישע געלערנטע, באַרימטע רבנים, פון גרויסע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך אײַנגעשאַפט מעדיצינישן וויסן אויף איטאַליענישע אוניווערסיטעטן און אויפגענומען געוואָרן דורך פּוילישע קעניגן, אָפטמאָל געווען הויף־דאָקטוירים און נישט איינער פון זיי איז געווען

גלײַכצײַטיק אַ קעניגלעכער ראַטגעבער. פֿון דאַנען, פֿון דער „עיר הצדק״ האָבן אָפּגעקלונגען אַזעלכע נעמען ווי רבי משה איסערלעס, חיים נתן דעמביצער, בער מײַזעלס. דאָ האָבן געלעבט און געשאַפֿן ייִדישע אַרכי־טעקטן און קינסטלער, שניצער, גראַווירער, גאָלדשמידער, האַנט־וועבער, סוחרים און באַלמעלאָכעס, וועמענס באַשעפֿטיקונגען האָבן אָפֿטמאָל גע־טראָגן אַ קינסטלערישן כאַראַקטער. אין קראָקע האָט אַמאָל געבליט די ייִדישע דרוק־קונסט. די דרוקערײַ פֿון יצחק אַראָנאָוויטש האָט אין 16טן יאָרהונדערט איבערגעשטיגן אין קונסט־אילוסטראַציעס די דרוקערײַען אין ווענעציע און אין אַמסטערדאַם.

אין קראָקע איז פֿון דעם אַמאָליקן, הינטערשטאָטישן ייִדישן קוואַר־טאַל, ווו מ׳האָט די ייִדן אַרײַנגעטריבן בײַם סוף 15טן יאָרהונדערט, אַנט־שטאַנען די ברוויזנדיקע, ייִדישע שטאָט קוזמיר מיט אירע באַרימטע שולן, אמתע אַרכיטעקטוראַלע קונסטווערק מיט זייערע רײַכע אויסשטאַטונגען: די „הויכע שול״, פֿון וועלכער ס׳איז קיין שפּור נישט פֿאַרבליבן, די „אַלטע שול״, די „רמ״א־שול״, די „קופּה־שול״.

בעתן היטלעריסטישן אורקאַן זענען פֿאַרשווונדן אייגנאַרטיקע בתי־כנסיות, בתי־מדרשים, די דרום־מזרחדיקע פֿעסטונג־שולן, וואָס האָבן געהאַט אַ פֿאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער, און די לעצטע הילצערנע שולן מיט זייער באַזונדערן סטיל מיט וועלכן ס׳האָבן זיך אַנטציקט קונסט־היסטאָ־ריקער. ס׳זענען אויסגערויבט און אומגעבראַכט געוואָרן די ייִדישע מו־זייאומס, די קונסט־קאָלעקציעס אין די קהילות און בײַ יחידים, די רײַכע זאַמלונגען פֿון אַנטיקן, קונסט־חפצים פֿון פֿאַרשידענע מינים, אַלטערטימ־לעכע לײַכטערס, מנורות, הענג־לײַכטערס, קידוש־בעכערס, אתרוגים־פּושקעס, צדקה־פּושקעס, קמיעות, אייגנאַרטיקע ייִדישע צירונג און פֿיל אַנדערע אַלטערטימלעכקייטן און קונסט־אויסאַרבעטונגען. אין קראָקע גע־פֿינט זיך הײַנט אַ קליינטשיקע איבערבלײַבעניש פֿון די גרויסע קונסט־פֿאַרמעגנס, וואָס ייִדן האָבן במשך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער געשאַפֿן אויף דער פּוילישער ערד.

ס׳איז אַ הייסער טאָג. דער הימל ברענט. סילוויע און אַנעט שפּאַנען צו דער ברייטער גאַס, דעם צענטער פֿון דער ייִדישער שטאָט קוזמיר. זיי

שנײַדן דורך דעם פּירקאַנטיקן, לענגלעכן, אַמאָליקן מאַרק־פּלאַץ און דערנענטערן זיך צו אַ ריזיקער געבײַדע. אַ מאַסיווע, מיטלאַלטערלעכע קאָנסטרוקציע, אַ מאָנומענטאַלער געבוי. ס׳איז „די אַלטע שול“, די גרעסטע און די שענסטע אין פּוילן, די עלטסטע נאָך דער סאַנדאָמיעזשער שול, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן נאָך אין 13טן יאָרהונדערט.

אַרום דער אַלטער שול אין קראָקע האָבן זיך געשפּינט אַן אַ שיער מעשיות. לויט אַ לעגענדע זאָל דער יידן־פרײַנטלעכער קעניג קאַזשימיר דער גרויסער זי האָבן געהאָלפן אויפשטעלן. לויט מער היסטאָרישע מקורות האָט זי זיך אָנגעהויבן בויען נאָך זײַן טויט, ווען אין קראָקע האָבן זיך באַזעצט אַ גרויסע צאָל טשעכישע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן נאָכן פּראָגער פּאָגראָם אין יאָר 1389. געניטע הענט האָבן זי אויסגעמײַסטערט לויטן סטיל פון קעניגלעכן שלאָס אויפן וואַוועל און איינצײַטיק לויטן מוסטער פון דער פּראָגער אַלטער שול. יעדעס מאָל, ווען זי איז באַנײַט אָדער איבערגעבויט געוואָרן, איז צוגעקומען אַ נײַער סטיל. האָבן זיך איבערגערופן גאָטיק, רענעסאַנס און באַראָק צוזאַמען מיט יידישע מאָטיוון. פּלאַנירט און געבויט האָבן זי יידישע און נישט־יידישע מײַסטער. אין 16טן יאָרהונדערט, נאָך אַ שריפה, האָט די אַלטע שול איבערגעבויט אַן איטאַליענישער אַרכיטעקט, אָבער די אינערלעכע אײַנריכטונגען האָבן געהערט כמעט אויסשליסלעך צו יידישע מײַסטער און באַלמעלאָכעס. יידישע קינסטלער האָבן אין יענע צײַטן זייער טאַלאַנט אַרײַנגעלייגט דער עיקר אין שולן און אין דער מצבה־קונסט. זיי האָבן פרײַ געקאָנט פאַנאַנדערשפּרייטן זייער פאַנטאַזיע, וואָס איז זיי פאַרבאָטן געווען אָנצווענדן צו מענטשלעכע פיגורן, אין רײַכע, דעקאָראַטיווע מאָטיוון. דורות יידישע מעטאַל־גיסער, שניצער, גראַווירער, סקולפּטאָרן, מאָלער, האָבן אָנגעקליידט די אַלטע שול אין אַ פּרעכטיקן קונסט־לבוש. אַרום דעם גרויסאַרטיקן מקום־קודש האָט זיך זינט לערך 1407 קאָנצענטרירט דאָס ברויזיקע יידישע לעבן אין קראָקע.

די היטלעריסטישע מושלים אין קראָקע האָבן מיט אַ דײַטשער פּינקטלעכקייט אויסגערויבט די רײַכטימער פון די שולן, אַרויסגעריסן די דעקאָראַטיווע העכגלײַכטער און זשיראַנדאָלן אַוועקגענומען די ווערטפולע חפצים, פאַרברענט און פאַרניכטעט ספרי־תורות און ספרים. דער־

שוואַרסטער פּסק־דין איז געפֿאַלן אויף דער אַלטער שול. אויף איר האָט געוואָרפן אַן אויג פראַנק גופא. דער היטלעריסטישער קאָמענדאַנט אין קראָקע האָט פֿריִער אַרויסגעפּירט אין זײַן רעזידענץ אויפן וואַוועל און אין אַ צווייטן פּאַלאַץ די גרויסע קונסט־פאַרמעגנס, דערנאָך באַפוילן צו צעשטערן אַלע געבוי־שיינקייטן, אַראָפּצורײַסן אַלע דעקאָראַטיווע אײַנריכ־טונגען און די גאָטישע געוועלבן. די פּאַרוויסטע שול איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין מאַגאַזינען, דערנאָך אין אַ מאָרד־אָרט. דער הויף איז געוואָרן אַן עקזעקוציע־פּלאַץ. נאָך דער מלחמה האָבן היימישע וואַנדאַלן ווײַטער פראָפאַנירט דעם פאַרוויסטן מקום־קודש.

סוף 1959 האָט די פראָפאַנירטע און האַלב־צעשטערטע שול באַקו־מען איר אַמאָליקן אויסזען. מ׳האָט זי רעסטאַווירט לויטן פריערדיקן מאָדעל. דער גרויסער בויגנפאָרמיקער תפילה־זאַל געפינט זיך צוריק אונטער גאָטישע געוועלבן, אײַנגעפאַסטע אין צירקלבויגנס. די שלאַנקע זײַלן זעען אויס ווי שטאָלצע פאַלמעס, וואָס ציִען זיך אין דער הויך מיט קראַנצן־קעפּ. דער בעלעמער פון מעטאַלענעם געפלעכט ווי אַמאָל אין באַראָק־סטיל, אײַנגעראָמט אין שטיין־סקולפּטור. דער גרויסאַרטיקער אָרון־קודש באַצירט מיט רענעסאַנס־סקולפּטור, העגנלײַכטער געפורעמט און גראַווירט אין אַלטע ייִדישע סטילן. די גרויסע צדקה־פּושקע איז אויסגעהאַמערט אין סקולפּטור, באַצירט מיט סטיליזירטע אותיות. דער מאָדעל שטאַמט פון אָנהייב 17טן יאָרהונדערט. דער אַרײַנגאַנג פון פּאָליש איז אויסגעהאַקט און אויסגעפורעמט אין שטיין: אַ פּירקאַנטיקע הויכע ראַם באַצירט פוןביידע זײַטן מיט אייגנאָניקע, רויִקע גזימסן, אין דער ראַם פון אויבן אַ קרײַזיקער בויגן. אַזוי האָט דער אַרײַנגאַנג אויסגעזען זינט דעם 16טן יאָרהונדערט. אין אַ דערנעבנדיקן תפילה־זאַל זענען אויף אַ וואַנט נאָך פאַרבליבן פּילפאַרביקע געמעלן, פאַליכראָמיִעס, מיט אויסגע־קריצטע אויפשריפטן פון זעלבן יאָרהונדערט. ליניע און קאָליר, פאָרעם און אינהאַלט בילדן דאָ אומעטום אַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע. האַרמאָניע און דערהויבנקייט. אַ ייִדישער קונסט־היכל אַן ייִדן, אָן ייִדישער דעה איבער דעם...

די באַנײַטע שול איז געוואָרן אַ ייִדישער מוזיי, וואָס געהערט צו דער שטאָט קראָקע. אין געראַמע צימערן אויפן ערשטן שטאָק, וואָס זענען

באַשטימט געוואָרן אַמאָל פאַר דער ווײַבער־שול, האָט מען צונויפגעזאַמלט און אויסגעשטעלט אַ פינף הונדערט זעלטענע קונסט־עקספּאָנאַטן, וואָס שטאַמען פון 16טן ביזן 19טן יאָרהונדערט און פיל רעליגיעזע חפצים, ווי אייגנאַרטיקע מנורות, חנוכה־לעמפלעך, פאַרשידנאַרטיקע בשמים־ביקס־לעך, דיך און סובטעל ציזעלירטע און געשניצטע זילבערנע שיידלעך צו מגילת אסתר, קינסטלעריש אויסגעפורעמטע כתרים. דורות יידישע קינסטלער און באַלמעלאָכעס האָבן אַרײַנגעלייגט זייער האַרץ און נשמה אין די שניצערײַען, גראַווירן, מעטאַל־פּלאַסטיק, אין די זעלטענע האַפטן, געשטיקטע קונסט־געוועבן, גלאָז־מעטאַל־און פאַרצעליי־אויסאַרבע־טונגען, אין פּאַפּיר־אויסשניצונגען מיט וועלכע מ׳פלעגט בײַ יידן אַמאָל באַצירן די פענצטער אויף שבועות. אָט איז אַן אויסשניצונג, וואָס שטעלט פאָר אין אַ מיסטישער אַטמאָספער אַ סצענע פון עקדת־יצחק. פאַראַן צו־מאָל בולטע שפּורן פון יידישער אײַנגעוואָרצלטקייט אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט. דאָס זענען זילבערנע מטבעות מיט העברעישע אויפשריפטן, וואָס זענען געווען אין גאַנג אין די צײַטן פון פוילישע פירשטן. אַלץ דערמאָנט דאָ אין אַ לאַנגער און רומפולער יידישער פאַרגאַנגענהײַט.

די אַלטע שול איז אויך געווען אַן עדות פון גרויסע געשעענישן, ווען יידן האָבן זייער בלוט אָפּגעגעבן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד. דאָ האָט קאָשטשושקאָ אין יאָר 1794, אין די טעג פון ערשטן פוילישן אויפ־שטאַנד קעגן דער צאַרישער פאַרקנעכטונג, פון בעלעמער גערעדט צו די קראָקעווער יידן און גערופן זיי צום געמיינזאַמען קאַמף פאַר דער באַ־פרײַונג פון אַ געמיינזאַם פאָטערלאַנד. דאָ האָט שפּעטער, בעת די פּוי־לישע אויפשטאַנדן אין די יאָרן 1831 און 1863 דער רב און מנהיג בער מײַסעלס פון בעלעמער זיך געוואָנדן צו די פוילישע יידן און געמוטיקט זיי אָנטייל צו נעמען אין די באַפרײַונגס־קאַמפן אויסצולייזן דאָס לאַנד פון פרעמדן יאָך.

ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט איז דאָ, אין דער אַלטער שול, פאַרפלאָכטן אין פאַרגליווערונג מיט בלוטיקער געשיכטע פון נאָענטן עבר. אין אַן אָפּ־געזונדערטן צימער אַ ספּעציעלער אָרון מיט אַ ביסל אַש פון פאַרברענטע יידישע מאַרטירער. רומפולקייט און אומקום צוזאַמען. דאָס אַש פון די מאַרטירער רוט אויף אַ שטיין־סקולפּטור אין שיינעם רענעסאַנס־סטיל, אַן

אויסגעהאַמערטן פון ייִדישע הענט אין 17טן יאָרהונדערט. דאָס ווערק פון אַנאָנימען קינסטלער געפינט זיך צווישן ווענט פון וועלכע עס קוקן אַראָפּ גרויל־בילדער. אין גאַנצן אַרום שוועבן קדושה וטהרה. די גאַנצע געבײַדע אָטעמט מיט גײַסטיקייט און פּײַן פון לאַנגע דורות.

סילוויע און אַנעט טרעטן שטיל און פֿאַמעלעך. מיט אַן אײַנגעהאַל־טענעם אָטעם קוקן זיי זיך אײַן אין די עקספּאָנאַטן, טראָגן זיך איבער מיט שטומע טריט פון וואַנט צו וואַנט, פון צימער צו צימער. דער העפ־לעכער, פּוילישער דירעקטאָר באַגלייט, קלערט אויף. זיי נעמען אָבער מער אויף מיט די אויגן, ווי מיט די אויערן. זיי ווילן אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער און מער. אַנעט האָט געוואָלט פרעגן וועגן גורל פון די אין קאַסטנס אײַנגעפּאַקטע ייִדישע אַנטיקן פון קראָקעווער נאַציאָנאַלן מוזיי און וואַר־שעווער. זי פרעגט נישט. איר דוכט זיך, אַז ווערטער קאָנען פאַרשוועכן דאָס אָרט, דעם חלל, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט דערהויבנקייט און קדושה. ביידע פרײַנדינס פאַרשטענדיקן זיך מיט די בליקן, מיט אַ שטילן פליס־טער. דאָס האַרץ גיט יעדעס מאָל אויפסנײַ אַ צאַפּל. אָט לייענען זיי אין אָנדענק־בוך פּאַר באַזוכער די אויפשריפט פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער, דעם גרויסן ייִדן־פרײַנד, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי: „כבוד און געטרײַ־שאַפט דעם אָנדענק פון די פּוילישע ייִדן”. דעם אָנדענק דאַרפן איצט די לעצטע אויסוואַנדערער מיטנעמען מיט זיך, מיט געטרײַשאַפט אײַנהיטן און פאַראייביקן אומעטום, ווו עס קלאַפּט אַ ייִדיש האַרץ.

נישט ווײַט פון דער מאָנומענטאַלער געבײַדע שטייט די רמ״א־שול. סילוויע און אַנעט לאָזן זיך אַהין אין אַ שבת אינדערפרי. זיי ריכטן זיך צו טרעפן אַ מנין אַלטע ייִדן, וואָס קומען זיך דאָ געוויינלעך צוזאַמען. די שול איז אָבער פּוסט און לער. עס וואַכט בלויז דער גבאי. זינט דער סומאַטאָכע שטעלט מער קיינער קיין פוס נישט אַרײַן. די שול איז אָפּגעלאָזן און פאַראיינזאַמט. אַנעטן און סילוויען דוכט זיך, אַז עס פלאַטערט דאָ אַרום דער אַנגסט פון די אַלטע ייִדן. דער גבאי מוסרט זיי פון דער ווײַטנס.

— נאַראָנים, שוטים. דערשראָקן זיך. אַז מען וואָלט געוואָלט זיך טשעפּען צו זיי, וואָלט מען זיי געפונען בײַ זיך אין שטוב. אַן עברה אַזוי צו ציטערן. ייִדן דאַרפן זײַן צוגעוווינט. מען דאַרף האָבן בטחון. מ׳איז אַמאָל ייִדן באַפאַלן אויפן וועג און זיי זענען געגאַנגען צו אַ מנין. נישט

פון היינט און נישט פון נעכטן רייצט מען קעגן אונדז. צי ווייסט איר ווי ס'האָט אויסגעזען אין די צייטן פון רמ"א? די זשאַקיס פלעגן זיך אַריינ־רייסן שבת אין יידישן קוואַרטאַל.

זיי וויסן. סילוויע דערמאָנט, אַז די קראָקעווער יידן האָבן שוין אין 15טן יאָרהונדערט, די ערשטע נאָך די פּויזנער יידן, פאַרזוכט דעם טעם פון עלילת־דם. דער יידישער אויפשטייג איז דאָ מער, ווי אין גאַנצן לאַנד, באַגלייט געווען מיט אָנפאַלן און בילבולים.

דער גבאַי שטעלט אָן די אויערן, ווערט נייגיריק.

— איך זע שוין מיט וועמען כ'האָב צו טאָן, איך בין אַ קראָקעווער און איר ווייסט מער פון מיר, דערציילט־זשע.

סילוויע לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן און דערציילט קורץ.

— אין קראָקע איז די קירכע געווען שטאַרקער ווי אַנדערש־ווו. דער קעניג האָט פאַרטיידיקט, דער קלער האָט אומאויפהערלעך גערייצט. ביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט איז אין שטאָט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קאַ־טוילישער לוח אין וועלכן ס'איז „אויפגעוויזן" געוואָרן, אַז די יידן גרייטן זיך מיט זייערט אַ כישוף אומצוברענגען די קריסטן אין קראָקע, דאָס איז געווען עטלעכע יאָר איידער מען האָט זיי פאַרטריבן פון דער שטאָט און אַריינגעשטופּט אין דעם קוזמאַרק. קראָקע איז אויך געווען די צווייטע שטאָט אין פּוילן נאָך לעמבערג, וווּ מ'האָט די אַרויסגעטריבענע יידן אָפּ־געטיילט מיט אַ מויער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אומעטום זענען געווען יידישע קוואַרטאַלן, גאַסן, דאָ האָט מען דעמאָלט אַוועקגע־שטעלט אַ וואַנט מיט אַ טויער.

דער ייד ווערט מונטערער, זיין בטחון ווערט שטאַרקער.

— נו, זאָלן מיר זיך איצט דערשרעקן פאַר אַ געמיינער פּלאַפּ־לעריי? נאַרישקייטן. מ'וועט עס איבערקומען. די־אַ שול האָט געזען אַ סך ערגערע זאַכן. איר זעט, זי שטייט, זי איז פאַרבליבן גאַנץ.

יאָ, זי איז פאַרבליבן גאַנץ, זי שטייט ווי אַ קליינע פעסטונג די רמ"א־שול. אויך די צייט האָט איבער איר קיין גרויסע שליטה נישט געהאַט. זינט רבי משה איסערלעס איז אין 1572 נפטר געוואָרן, האָט זיך דאָ קיין סך נישט געענדערט. די זעלבע געשניצטע און געטאָקטע האַלץ־אָרנאַ־מענטיק, דער זעלבער בעלעמער אין אַלטן יידישן סטיל, ווי אין די אַמאָ־

ליקע ייִדישע שטעטלעך; דערלעבן איז פאַרבליבן דאָס אָרט, ווו דער רמ״א איז געזעסן על התורה ועל העבודה. דער גבאי וויַיזט אָן מיט דער האַנט:

— אָט־דאָ, אויף דעם־אָ אָרט איז ער שטענדיק געזעסן. זײַן פאָ־טער האָט אויפגעבויט פאַר אים די שול ער זאָל קאָנען זיצן אין התבודדות. מ׳האָט זיך פאַר דער מלחמה דערציילט, אַז דאָ, אַרײַנטראַכטנדיק ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן צווישן ייִדן תורה, איז אים געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ אויפצושטעלן אַ ישיבה. די ישיבה האָט דערנאָך צוגעצויגן תלמידים פון גאַנצן לאַנד. מ׳האָט אַפילו געזאָגט, אַז אויף דעם־אָ אָרט האָט ער געשריבן זײַנע „שאלות ותשובות״ און די אַנדערע ספרים.

סילוויעס אויגן הענגען זיך אָן אינעם אַנגעוויזענעם אָרט. איר בליק ווערט פאַרשטאַרט. עפּעס האָט אויפגעטויכט אין זכרון. די געדאַנקען וואַנדערן אַוועק ערגעץ ווײַט. איר טאַטע, דער משכיל, האָט איר געהאַט דער־ציילט, אַז אין די „שאלות ותשובות״ זענען פאַראַן אַ סך ידיעות וועגן אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין פּוילן. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן מיט איר אין אַ ווינטערדיקן אָוונט און אַרויסלייענען פאַר איר פון ספר. ער, דער טאַטע אירער, דער משכיל און „אפיקורס״, ווי דער זיידע האָט אים גערופן, האָט זיך געקוויקט מיט די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון איסערלעס „ספר תורת העולה״. איצט, אַ פערטל יאָרהונדערט נאָכדעם, ווי דער טאַטע איז אַוועק מיטן רויך פון אוישוויץ און ווען איר האָט זיך אויפסנײַ אַ טרייסל געטאָן דער באָדן אונטער די פיס, שטייט זי פאַרן אָרט, ווו דער רמ״א האָט גע־שפּינט זײַנע טראַכטענישן וועגן גאָט און מענטש, וועגן די דרכים פון מענטשלעכן לעבן.

זיי זענען אַרײַן אויפן אַלטן בית־עולם. די שול איז מיט אים אַזוי צוזאַמענגעשלאָסן, ווי זיי וואָלטן בײַנאַנד געשטאַנען ווי עדות און דערמאָ־נער, אַז לעבן און טויט פאָלגן זיך נאָך, און אַז לעבן איז אייביק. אויך דער גבאַי, דער איינציקער, לעבעדיקער ייִד, וואָס זיי האָבן דאָ געפונען, זעט אויס ווי ער וואָלט באַהאַפטן געווען מיטן צוזאַמענפלעכט פון לעבן און טויט. ער געהערט דאָ צום פּייזאַזש.

— דער בית־עולם איז תחית־המתים אויפגעשטאַנען, כ׳האָב גע־מיינט, אַז ס׳וועט פון אים גאָרנישט בלײַבן.

— ווי אַזוי שטייט אויף אַ בית־עולם תחית־המתים?

— וואָס ווייסט איר וואָס דאָ האָט זיך געטאָן. ער איז ניצול געוואָרן פון די היטלעריסטישע רוצחים און פאַרבליבן אויף הפקר. די קברים זענען נאָך דער מלחמה פאַרשאָטן געוואָרן מיט אומריינקייטן. אויף אַ סך ערטער האָב איך נישט געקאָנט דערקענען צי די קברים מיט די מצבות זענען צעשטערט צי נישט. כ׳בין געקומען אַהער און דאָס האַרץ האָט זיך געשניטן. כ׳האָב אָבער געהאַט בטחון. זעט איר, ס׳האָט זיך געפונען אַזאַ ייִד ווי באָלעסלאַוו דראָבנער און האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דעם אַלעמען, צו דער אַלטער שול אויך. ער האָט אײַנגעלייגט וועלטן מ׳זאָל דאָס אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. ס׳איז שטענדיק גוט צו האָבן אַ ייִד מיט אַ ייִדיש האַרץ, וואָס זאָל נאָענט זײַן צו מלכות. יעדעס מאָל, ווען איך גיי פאַרבײַ די אַלטע שול און ווען איך קום אַהער, דערמאָן איך מיך אין דראָבנערן. קיין פרומער איז ער קיינמאָל נישט געווען, האָט זיך אָבער אײַנגעקויפט אַ סך מצוות.

די צוויי אומגעריכטע געסט זענען אים פון הימל אַראָפּגעפאַלן. דער עלטערער ייִד האָט אויפגעלעבט. ער ווערט אַלע מאָל באַרעדעוודיקער. אין קלייניקייט, ער האָט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. און ער קאָן אויס־דערציילן וועגן ייִחוס און גרויסקייט פון דעם רמ״א.

— דאָס איז געווען אַ ייִד מיט אַ שאַרפן קאָפּ. נישטאָ הײַנט אַזעל־כע. מ׳האָט אים פאַרגליכן צום רמב״ם.

דער משפּחה־קבר פון רמ״א איז אַרומגערינגלט מיט אַ סאָלידן, אײַזער־נעם פּלויט. פיר גרויסע מצבות אין סטיל פון סאַרקאָפאַגן. אונטער זיי רוען רבי משה איסערלעס, זײַן פאָטער ר׳ ישראל איסערלעס, די טאָכטער מריםביילע און איר מאַן ר׳ יוסף כ״ץ, מחבר פון „ספר שארית יוסף״. זיי לייע־נען אויף דער מצבה פון רמ״א: „ממשה ועד משה לא קם כמשה״. פון רבי משה בן מיימון ביז רבי משה איסערלעס איז נישט געווען אַזעלכער, ווי ער, דער רמ״א.

סילוויע און אַנעט גייען פון קבר צו קבר. זיי לייענען אויף די מצבות, ווי זיי וואָלטן געמישט אַלטע בלעטלעך געשיכטע. אָט דאָ רוט אליעזר אשכנזי, אַ געוועזענער רב אין דער הויפּטשטאָט פון עגיפּטן, אין קאַיראָ, דערנאָך אין ציפּערן, אין פּויזן און לסוף אין קראָקע ביז זײַן טויט אין

1585. און אָט דאָ איז צו קבורה געבראַכט געוואָרן רבי יום־טוב ליפּמאַן העלער. אַ ווינער רב האָט ער זיך איבערגעטראָגן אין טשעכישן פּראָג און קורץ נאָכדעם געקומען אויף כסא הרבנות קיין קראָקע. דער אַלטער בית־עולם דערציילט, אַז די ייִדישע שטאָט קוזמיר איז אַמאָל געווען אַ צוציִונגס־אָרט פֿאַר ייִדישע גײַסט־מענטשן. די איינהײַטלעכע מצבות, ס׳רוב ענלעכע צו סאַרקאָפֿאַגן מיט באַשיידענער ייִדישער אָרנאַמענטיק און לאַנגע עפּיטאַפֿיעס, אַרומגעצוימטע מיט אײַזערנע געפֿלעכטן, זענען אומבאַרירט. דער נאַצישער מבול האָט זיי נישט דערגרייכט. אָבער די נײַע וואַנט אין פּראָנט מיט די אײַנגעמויערטע שטיקלעך מצבות, וואָס זעט אויס ווי אַ קונסט־מאָזאַיִקע, דערמאָנט, אַז צעשטערערישע הענט האָבן אויך דאָ געאַרבעט.

דער פּייזאַזש ענדערט זיך. דער איינציקער ייִד פֿון דער רמ״א־שול איז אַוועק אָפּריכטן דעם שבת אין זײַן איינזאַמער שטוב. סילוויע און אַנעט לאָזן זיך איבער דעם אַמאָליקן ייִדישן קוזמיר. די זון ברענט נישט און בראָט נישט הײַנט. זי באַגלייט די צוויי וואַנדערנדיקע מיט אַ מילדער וואַרעמקייט. זיי שפּאַצירן דורך גאַסן און געסלעך. אַלץ אַרום דערמאָנט, אַז דאָ האָבן דורות־לאַנג געלעבט ייִדן. אין דער טויטער ייִדישער שטאָט פֿילט זיך נאָך דער לעבעדיקער אָטעם פֿון נעכטן. אַנעטן באַפֿאַלט אַ באַגער צו זען לעבעדיקע ייִדן.

— לאָמיר זיך הײַנט אַרײַנכאַפּן אין ייִדישן קלוב, מ׳וועט זען וואָס ס׳טוט זיך בײַם ביסל קראָקעווער ייִדן.

— ס׳וועט זײַן אַן אומזיסטער גאַנג. כ׳בין דאָרט נישט לאַנג צוריק אָפּגעטראָטן. כ׳האָב אויך געוואָלט וויסן וואָס ס׳טוט זיך בײַ זיי. ס׳איז פּוסט. יענע ייִדן זענען נישט ווייניקער, אויב נישט מערער, צעטומלט, ווי די אַלטע שול־ייִדן. מען קומט זיך נישט צוזאַמען.

— ווּ פּירסטו מיך? מיר האָבן דאָך געזאָלט גיין אויפֿן בית־עולם.

— איך וויל דיר פּריִער ווײַזן דאָס הויז פֿון מײַן מאַנס עלטערן. איך פֿלעג גערן קומען צו זיי. כ׳האָב זיך דעמאָלט בעסער געפֿילט אין קראָקע, ווי הײַנט...

זי ווײַזט אָן מיט די אויגן אויף אַן איינשטאָקיק הויז. די פּראָנ־טאָווע טיר איז פֿאַרמאַכט אויף אַן אײַזערנער, פֿאַרזשאַווערטער שטאַבע, פֿאַרקלאַפּט מיט עטלעכע ברעטלעך. פֿון אָפֿענעם פֿענצטער, וואָס איז

אַמאָל געווען די וויטרינע פון קראָם, קוקט אַרויס אַ בלאָנדע פרוי. סילוויע רײַסט אָפּ די אויגן, ציט אָפּ אַנעטן, פאַרשנעלערט די טריט.

— ס'איז בײַ זיי געווען אַן אָפענע שטוב. כמעט יעדעס מאָל, ווען איך בין געקומען צו גאַסט, האָב איך בײַ זיי געטראָפן דעם מאָלער אַברהם ניימאַן. דאָס לעצטע מאָל באַקענט זיך בײַ זיי מיט מרדכי געבירטיג. אין געטאָ, ווו מ'האָט די ייִדן אַרײַנגעטריבן אין דער געגנט פון פּאָדגוזשע, פלעגט מײַן שוועגערין אַרײַנקומען צו אים אין שטוב. אַלע האָבן דעמאָלט באַוווּנדערט זײַן געמיטלעכקייט. אַברהם ניימאַן האָט געוווינט אין שכנות און פלעגט זיצן גאַנצע טעג בײַ אים. ער האָט דעמאָלט געמאָלן זײַן פּאָרטרעט. דער מאָלער און דער דיכטער זענען אויך צוזאַמען געגאַנגען צום טויט, אַ יאָר פריִער ווי מ'האָט ליקווידירט דאָס געטאָ און אַרויסגעפירט די ייִדן קיין פּלאַשאָוו. אין אַ זומערדיקן טאָג 1942 האָבן די דײַטשן געמאַכט יאַגד אויף ייִדן אויף דער יאַגאָוואַ־גאַס. צווישן די געטריבענע צום טויט זענען געווען אַברהם ניימאַן און מרדכי געבירטיג. ניימאַנען האָט מען צעשמעטערט דעם קאָפּ מיט אַ קאָלבע, דער מאָלער האָט, גייענדיק צום טויט, געזאָגט פּסוקים, וואָס האָט אַ רוצח אַרויסגעפירט פון די כלים. אויף דער זעלבער גאַס איז דערשאָסן געוואָרן געבירטיג.

אַזוי פיל מאָל האָט זיך סילוויע געטראָפן מיט אַנעטן און קיינמאָל איר אַזעלכע זאַכן נישט דערציילט. ס'זעט אויס ווי זי וואָלט זיך איצט אין דעם אַלעמען דערמאָנט. זי שפּרינגט אַבער באַלד איבער פון אַמאָל צו דער איצטיקייט. צו אירע אייגענע פּלאָנטערנישן. פאַר וועמען זאָל זי אויסדערציילן אויב נישט פאַר אַנעטן? זי האָט לאַנג געוואַרט אויף איר.

— מ'האָט מיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ באַזאַכטע, כ'האָב ליב געהאַט שטענדיק אַלץ פאַרויס דורכצוטראַכטן, געוואָלט גיין מיט אַ גלײַכן וועג און עס שליידערט מיך כסדר אַהער און אַהין. איך ווייס ווידער נישט אויף וואָסער וועלט איך בין.

אַזוי זאָגט איצט סילוויע וועגן זיך. איר גלײַכער אַמאָליקער וועג האָט זיך פון לאַנג אָנגעהויבן דרייען אין זיגזאַגן. קעגן איר ווילן האָט עס זי פאַרטראָגן קיין קראָקע. ווען זי האָט געזאָלט פאַרלאָזן די פרעמדע שטאָט, איז אונטערגעקומען מיעטעק. דורך אים, איר איצטיקן מאַן, איז איר קראָקע ליב געוואָרן. זי האָט דערפילט, אַז ליב באַקומט מען דאָס

אָרט, ווו מען געפינט אַ ביסל גליק. איצט טרייבט עס זי ווידער פון דאַנען. ווו זאָל זי זיך לאָזן מיט מיעטעקן?

זיי האָבן נישט באַמערקט ווי זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער מיאָדאָווער גאַס. דאָ זענען זיי אין סאַמען האַרץ פון דער אַמאָליקער ייִדי־שער שטאָט. ייִדן האָבן די מיאָדאָווע גאַס גערופן די מעד־גאַס. ס'איז דאָ אַמאָל געווען לעבעדיק און טומלדיק. הײַנט איז דאָ אומהיימלעך שטיל. דאָס, וואָס איז פאַרבליבן פון אַמאָליקן רוישיקן לעבן איז דער בית־עולם. ווי אַזוי איז ער פאַרבליבן, ווען די דײַטשן האָבן צעשטערט דרײַ אַנדערע בית־עולמס? ווער ווייסט דורך וואָס פאַראַ צופאַל.

צו די אַלטערטימלעכקייטן אין קראָקע האָבן געהערט אויך עט־לעכע אַלטע בית־עולמס. געווען אַ גאָר אַלטער, קליינער בית־עולם אויף דער ברייטער גאַס מיט וועלכן מען האָט זיך באַלד פון אָנהייב אָפּגעפּאַר־טיקט. אויפן גרויסן בית־עולם אויף פּאָדגורזשע האָט די קראָקאָווער קהילה געהאַט אויפגעשטעלט אַ טהרה־געבײַדע, וואָס איז געווען איינציק אין איר מין — אין ביזאַנטישן סטיל. אין יענער קונסט־געבײַדע אויפן בוידעם זענען אין אָנהייב פון דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן געוואָרן 150 ספרי־תורות און אַ סך אַנדערע רעליקוויעס, אַנטיקן פון פאַרשידענע איידעלע מעטאַלן. פאַרן אויפרײַסן די געבײַדע האָבן די דײַטשן דאָס אַנטדעקט, פאַרברענט די ספרי־תורות און צוגערויבט די קאָסטבאַרקייטן. דער בית־עולם איז דורכגעאַקערט געוואָרן מיט ספּעציעלע מאַשינען. ס'האָבן זיך געפונען בעלנים, וואָס האָבן געקליבן שאַרבנס אַרויסצורײַסן גאָלדענע ציין... דאָס זעלבע איז געשען מיטן בית־עולם בײַ פּלאַשאָוו.

אויך דער בית־הקברות אויף מיאָדאָווער גאַס איז נישט געשוינט געווען. די באַן־דירעקציע האָט אָפּגעשניטן פון אים אַ ברייטן פּאַס אין דער לענג פון דער באַן־ליניע, ווו ס'זענען געשטאַנען די נײַעסטע מצבות פון גרויסן קינסטלערישן ווערט. סילוויע פירט אַנעטן אין דער לענג פון באַן־וועג און ווײַזט מיט דער האַנט:

— אָט דאָ זענען געשטאַנען קונסט־מצבות פון איידלסטן מאַרמאָר. קראָקעווער שטיין־אַרבעטער, וואָס זענען דאָ באַשעפטיקט געווען, האָבן זיך נישט געוואָקלט צו פלינדערן דעם קאָסטבאַרן מאַטעריאַל. מײַן שוואָ־גער, אַן אינזשעניער, איז איינמאָל געבראַכט געוואָרן אַהער אויף אַרבעט דורך אַ „ראָטענפירער". ער האָט דערזען פאַר זיך אַ דאַנטעיִש בילד:

אויפן בית־עולם זענען געווען אָפענע קברים, אָפּגעדעקטע שאַרבנס, קעפּ מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע מײַלער. מ׳האָט פון זיי אַרויסגעריסן גאָלדענע ציין.

אַנעט האָט צוגעמאַכט די אויגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז די געשענ־דעטע מתים קוקן אויף איר. סילוויע האָט זי אָפּגעריסן פון אָרט, געפירט אויפן בית־עולם, פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז געבראַכט געוואָרן אין אָרדע־נונג. די קהילה האָט אויך דאָ אויפגעשטעלט אַ מצבה, אַ באַשיידענעם דענקמאָל די פאַרטיליקטע קראָקעווער ייִדן. אַנעט האָט זיך ערשט איצט אָפּגערופן:

— פאַרוואָס נישט אויף קיין עפנטלעכן אָרט אין דער אַמאָליקער ייִדי־שער שטאָט?

— דו וווּנדערסט זיך נאָך אַלץ? הײַנט שטעלט מען שוין נישט אַזעלכע פראַגן.

ניין, זי וווּנדערט זיך נישט, אָבער די פראַגן רײַסן זיך אַרויס פון זיך אַליין.

סילוויע און אַנעט לייענען ווידער די אויפשריפטן אויף די מצבות, ווי בלעטלעך געשיכטע. זיי זוכן צווישן די קברים דעם קבר פון מאַוריצי גאָטליב. דער מאָלער איז געשטאָרבן צו 23 יאָר און געלאָזט נאָך זיך אַ רײַכן קונסט־פאַרמעגן און אַ נאָמען פון אַ געניאַלן קינסטלער. די קליינע צאָל אָפּגעראַטעוועטע לײַוונטן זײַנען באַצירן די פוילישע מוזייאומס. דער דראָהאָביטשער עילוי, דער ליבלינג פון גרעסטן דעמאָלטיקן פוילישן מאָלער יאַן מאַטעיקאָ, דער אײַנגעטונקענער אין ייִדישן לעבן, האָט גע־מאָלן אויך היסטאָרישע, פויליש־פּאַטריאָטישע גרויסע קאָמפּאָזיציעס. ערשט פופציק יאָר נאָך זײַן טויט, האָט מען אים געשטעלט אַ ווירדיקע מצבה. אין 1951 האָט מען זי געפונען צעקלאַפּט אין דרײַען. צוויי טיילן האָבן זיך לאַנג געוואַלגערט אין שטויב און אין בלאָטע. איין טייל האָט אַרויסגעשטאַרצט פון קבר. ווער ווייסט וואָס פאַראַ משחית ס׳האָט אויפ־געהויבן די האַנט צו צעשטערן מאוריצי גאָטליבס מצבה. נאָכן אָפּריי־ניקן די צוויי ברוכשטיקער, האָט מען אויף איינעם געקאָנט דײַטלעך ליי־ענען: „מיט פאַרבן געשריבן דערהויבענע לידער / צו פרי האָט דער טויט אים פאַרקירצט זײַנע יאָרן / געליבט האָט ער מענטשן ווי לייבלעכע ברי־דער / זײַן ליכטיקן אָנדענק טראָגט וועלט אין זכרון — די לאַנדסלײַט“.

די צעממיתטע מצבה איז גענעזן געוואָרן. געניטע הענט האָבן דורכגעפירט איבער איר אַן אָפּעראַציע — מ׳האָט זי רעקאָנסטרויִרט און צוריק אַרויפגעשטעלט אויפן קבר. איצט שטייען סילוויע און אַנעט פאַר מאָוריצי גאָטליבס אָפּגעפוניענעם קבר מיט דער באַנייטער מצבה און פאַר זייערע אויגן ציִען דורך זײַנע מײַסטער־ווערק: „ייִדן בײַם דאַווענען אין שול״ צווישן וועלכע מען דערקענט דעם יונגן קינסטלער גופא מיט אַ תפילה אויף די ליפן, „אוריאל אַקאָסטאַ״, „שײַלאָק און דזשעסיקע״, „דער אַלטער ייִד מיט דער לאַנגער, גרויער באָרד״, די מײַסטערהאַפטע פאָרטרעטן און אויטאָ־פּאָרטרעטן. וואָס מער זיי קוקן זיך אײַן אין דער מצבה, אַלץ בולטער דערזעען זיי די שלמותדיקייט פון די בילדער, די דערהויבענע האַרמאָניע פון ליניִעס און פאַרבן. פלוצלינג דערגייט אין דער טויטער שטילקייט צו זייערע אויערן אַן אָפּקלאַנג פון טריט. ערגעץ־ווו אויפן טויטן שטח באַוועגט זיך עפּעס. אַנעט גיט אַ ציטער. מיט די אויגן פון דער צעפלאַמטער פאַנטאַזיע דערזעט זי אין דער ווײַט צווישן דיביימער דעם יונגן ייִדישן בחור מאָוריצי מיט די שוואַרצע גערינגלטע האָר, מיטן באַבערדלטן פּנים און פאַרחלומטע אויגן, אַזוי ווי זי קען אים פון זײַנעם אַן אויטאָ־פּאָרטרעט.

— סילוויע... עפּעס, עפּעס דאָרט...

— פאַר וועמען שרעקסטו דיך? פאַר די טויטע? זיי שלאָפן דאָ מיט אַ האַרטן שלאָף. דאָרט איז מען זיכער געקומען אויף קבר־אבות.

אַ טויבער אָפּקלאַנג פון אַ באַוועגונג צווישן די ווײַטע ביימער ציט זיי צו. נייך, נישט אויף קבר־אבות איז מען געקומען. אַ יונגע פרוי טראָגט אַרויס פון בית־עולם־הויז, וואָס בײַם אַרײַנגאַנג, גרויסע שיסלען וועש. אַ צווייטע פרוי פאַרעט זיך בײַם פאַנאַנדערציִען שטריקלעך צווישן ביימער. זיי הענגען אויס די וועש אין שכנות מיט די קברים. זייערע אויגן קוקן מיט חידוש און נייגיר אויף די אומגעריכטע באַזוכער.

אַנעט און סילוויע קערן זיך אום צוריק, פאַרנעמען זיך מיט דער מיטלסטער אַלייע. דער הימל אַ טיפער האָט זיך אָנגעקליידט אין סאַפּיר בלוי. די זון האָט אַרויפגעשפּאַצירט הויך אויפן זעניט. די צעוואַקסענע ביימער באַשיצן מיט זייער שאָטן די מצבות אויף די קברים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיי אויסהיטן פון לעסטערישע הענט. אין מיטן בית־עולם, בײַם ברעג אַלייע שטייט אַן אָפּגעשטאָרבענער דעמב. הויך און

פעסט, ער שטײַגט מיט זײַן וווקס איבער אַלע אַנדערע ביימער. אַ נאָ־קעטער, טויטער דעמב. אויבן דרײַ פֿאַנאַנדערגעוואַקסענע, גראָבע צווײַגן, פֿאַרוועלקטע און פֿאַרשוואַרצטע, ווי אַ פֿײַער וואָלט זיי אַרומגעשרפּעט. אַ בוים אַ סימבאָל. און אַנטקעגן אים אַ סימבאָלישער קבר: אַ ברייטע מצבה־וואַנט פֿון שוואַרצן מאַרמאָר מיט אויסגעקריצטע נעמען פֿון אומגעקומע־נע גלידער פֿון דער משפּחה. איינער פֿון נײַעם מין קברים אין פּוילן־לאַנד.

אַנעט האָט לאַנג נישט געקאָנט אײַנזיצן. אירס האָט זי אָפּגעטאָן. דער פּאַטאָ־אַפּאַראַט איז פֿיל מאָל געווען אין גאַנג. זי ווייסט שוין אויך גענוי וועגן די פֿאַרלויפֿעדישן מיט מיעטשיסלאַוו זשעמיאַנסקין. ער גיט איבער אַנעטן די געשעעניש אויף זײַן אויפֿן: בילדעריש, לעבעדיק, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, און קלײַבט נישט איבער אין קיין ווערטער.

— אַ געבילדעטער פּאַסקודניאַק, אַ יונגער נאָך, איר ווייסט, פֿון די, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן שוין אין נײַעם פּוילן, רופֿט מיך אַרויס אין פּאַרטיי־ביוראָ און הייבט אָן קראַקן אויף זײַן געלערנטן לשון: „פֿון דעם פֿאַקט, אַז איר האָט אונטערגעהאַלטן די ציוניסטן, איז צו דרינגען, אַז איר זענט אויך פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג". ווערטער, ווי האָלץ. און ער האַקט און האַקט, אַז עס קערט זיך איבער די גרינע גאַל. כ'האָב חשק געהאַט אים צו געבן אין די ציין, נאָר כ'האָב עס אַנדערש געמאַכט: „יאָ, מײַן עלטער־באָבע איז געווען אַ ייִדישקע, נאָר צי צוליב אין איינציקער עלטער־באָבע בין איך אַ ייִד, ווייס איך נישט". אַז איך חוזק פֿון אים אָפּ, האָט ער זיך געכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען כ'האָב אים געראַטן אַרײַנצוקו־קן אין די נירעמבערגער געזעצן. ס'איז אים געקומען צו הילף אַ צווייטער פֿאַרשוין, אַ מער געביפּטער סאַטראַפּ. מיט דעם האָב איך עס געמאַכט קורץ און שאַרף: „צום באַדויערן בין איך נישט קיין ייִד, נאָר די הויזן אַפּשפּיליען פֿאַר אײַך, כדי דאָס צו באַווײַזן, וועל איך נישט".

ער האָט שעלמיש אַ ווונק געטאָן צו סילוויען און צוגעגעבן:

— הלוואי וואָלט איך געווען אַ ייִד, איך וואָלט ווי איר געווען פּרי־ווילעגירט, כ'וואָלט געקאָנט אַנטלויפֿן. סילוויע וואָלט גערן אײַנגעגאַנגען, מיט קיין גוייִשן מאַן וויל זי נישט פֿאָרן אין איר נײַעם פֿאָטערלאַנד.

סילוויען איז שווער אויפן האַרץ, אָבער זי ווילט זיך מיטן מאַנס רייד. אַנעט ווילט זיך מיט. די אָנגעצויגענע נערוון האָבן באַגעלאָזט. אָבער דאָס וואַרטן אויף די זין ציט אומענדלעך אויס די צײַט. עס יאָגט זי צוריק. מאַרעק האָט נישט באַוויזן צו טעלעגראַפירן. די יינגלעך זענען געקומען פאַרנאַכט און זי אויפצומאָרגנס אינדערפרי.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט בלאַסע און שווײַגנדיקע. קלאָד האָט מער ווי יורי אָפּגעמאָגערט. ביידע זענען זיי ערנסט געוואָרן. מיט די עלטערן רעדט מען ווייניק, צווישן זיך אַ סך. בײַ זיך אין פאַרמאַכטן צימער. אין שטוב האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ געהיימניספולקייט. מאַרעק האָט עס אָנגענומען פאַר נאָרמאַל. ער קען אַזאַ געמיט־צושטאַנד. אַנעט האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געוואַרט אויף עפּעס און זיך דערוואַרט.

— מאַ, מיר דאַרפן... מיר מוזן מיט דיר רעדן. דער טאַטע איז איצט נישטאָ.

קלאָד האָט געשוויגן. אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל האָט זיך אָנגעצייכנט צווישן זײַנע ליפּן. דער אויסבאַהאַלטענער שמייכל און דאָס שווײַגן פון יינגערן זון האָבן אַנעטן אויסגעזען פאַרדעכטיק. ווער ווייסט וואָס אַזאַ היץ־קאָפּ קאָן אײַנפאַלן. אפשר וועט ער זיך ווײַטער אײַנשפּאַרן צו וועלן בלײַבן? יורי האָט איבערגעחזרט:

— מאַמע, מיר ווילן רעדן בלויז מיט דיר. דער טאַטע וואָלט אונדז געזאָגט דעם אמת, אָבער מיר ווילן פון דיר וויסן דעם אמת.

אַנעט האָט זיך געכאַפּט אין וואָס ס׳גייט.

— איר קוקט ביידע אויף מיר, ווי איר וואָלט מיך געוואָלט אָוועקזעצן אויף אַ באַשולדיקונגס־באַנק.

— האָסט אַ טעות, מאַ. איך און קלאָד זענען דערוואַקסענע מענטשן. בײַ די לאַנגע אויספאָרשונגען האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מיר זענען נית קיין ברידער, אַז מיר זענען ביידע...

אַנעט האָט נישט געוואַרט ביזן סוף און צוריקגעפרעגט:

— זענט איר דען איצט, נאָך דער אויספאָרשונג ווייניקער ברידער ווי פריער?

יורי האָט, נישט לויט זײַן געוווינהײַט, געמאַכט אַ נערוועזע באַוועגונג.

— מאַ, מיר זענען נישט קיין קינדער, ענטפער אונדז ווי מען ענט־פערט דערוואַקסענע מענטשן.

— מיר האָבן סײַווי געהאַט אָפּגעמאַכט אַלץ אײַך צו דערציילן, ס׳האָט געדאַרפט זײַן, ווען איר וועט פאַרלאָזן די שטוב. ווילסט שוין איצט וויסן, טאָ פרעג.

— ווער זענען געווען מײַנע אַמאָליקע עלטערן?

— דעם טאַטנס און מײַנע נאָענטסטע פרײַנד.

— ווי האָבן זיי געהייסן?

— דער טאַטע סעוועק, די מאַמע ריטע.

— ווי נאָך?

— אײַזענבערג.

— ווו זענען זיי געווען?

— מיט אונדז אין פראַנקרײַך, דערנאָך אין ראַטנפאַרבאַנד, געפאָרן אַהין צוזאַמען מיטן... מיטן טאַטן.

— וואָס איז מיט זיי... מיט מײַנע ערשטע עלטערן געוואָרן?

— דאָס דאַרפסטו אַליין פאַרשטיין.

— ווו בין איך דעמאָלט געווען?

— מיט דײַן ערשטער מאַמען, אויף סיביר. ביסט אַלט געווען אפשר אַ צוויי־דרײַ יאָר, ווען דײַן איצטיקער טאַטע האָט דיך געפונען, געהאָ־דעוועט, דערנאָך אַדאָפּטירט דיך.

— ווו זענען זיי אומגעקומען, כ׳מיין ווי אַזוי?

— יורי, איך בעט דיך, פאָדער איצט נישט פון מיר קיין פּרטים.

יורי האָט אַ ווײַלע מיט גלאַנציקע אויגן געקוקט אויף אַנעטן און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. קלאָד האָט זיך אומגעלומפּערט אַ דריי געטאָן. ער האָט מיט איין מאָל אַראָפּגעשלונגען דעם מיסטעריעזן שמייכל פון צווישן די ליפּן.

— און מיט מײַן ערשטן טאַטן וואָס איז געוואָרן?

— דיר האָבן זיי אויך בײַ דער אויספאָרשונג צוגעשטעלט אַזאַ חשבון?

— ס׳איז גענוג וואָס זיי האָבן מיר דערמאָנט, אַז כ׳בין אַ ייִד, חשבו־נען קאָן איך אַליין.

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך האָב דאָס רעכט פּונקט ווי יורי צו וויסן וואָס ס'איז געוואָרן מיט מײַן ערשטן טאַטן.

דערמאָרדעט געוואָרן.

— ווו? דורך וועמען?

— דאָ, דורך די דײַטשן.

— אין אַ לאַגער?

אַנעט האָט געוואָלט דערציילן דאָס, וואָס זי האָט זיך דערוווּסט נאָך דער מלחמה. מ'האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַנדערע אויפן גאַס, אין אַ „לאַפּאַנקע". יענע האָט מען דעפּאָרטירט, אים, אַ ייִד, האָט מען דער־שאָסן. די ווערטער האָבן זיך צוזאַמענגעדרענגט אין אַ קנויל, אַנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. זי האָט זיך אויפגעריסן און אַרײַן אין צווייטן צי־מער, אַרײַנגעוואָרפן זיך אין פאָטעל און פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. פאַר די טרוקענע, פאַרשטעלטע אויגן איז דורכגעגאַנגען אַ פילם. ס'האָבן געשפּרונגען, געדרייט זיך בילדער. זי האָט זיי געטריבן פון זיך מיט אַלע כוחות, זיי זענען צוריקגעקומען.

דער זומערדיקער בין השמשות האָט אײַנגעוויקלט דאָס צימער אין אַ בלוי־זילבערנעם נעפּל. זי האָט נישט באַמערקט ווי ס'הייבט אָן צופאַלן דער אָוונט. אַ וואַרעמע, שטילע שטימע האָט אַרײַנגערעדט דורך דער אָפּגעגנויגטער טיר. זי האָט דערקענט קלאָדס רייד.

— מאַ, מאַמיק, מאַכן ליכטיק?

— ניין.

דער ערשטער איז אַרײַן יורי, געזעצט זיך פאַרן פאָטעל אויף די פיס, ווי ער וואָלט געקניט.

— זײַ נישט בייז, מאַמע, מיר האָבן געמוזט, מיר ווילן מער נישט דערמאָנען. דו ביסט ווײַטער מײַן מאַמע, דער טאַטע איז אונדזער טאַטע.

זי האָט דערזען פאַר זיך קלאָדן. אויף זײַן פּנים אַ ברייטער, אויפ־געצוווּנגענער שמייכל, אַ געמאַכטע הייטערקייט.

— מאַמיק, האָסט אונדז שטענדיק געזאָגט, אַז מ'דאַרף אין לעבן נישט גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט בלינד, אַז וועגן זיך דאַרף מען אויך אַלץ וויסן...

קאַפּיטל 8

דער פּוילישער גאָלדענער האַרבסט ציט זיך דאָס יאָר לאַנג. דער גרויסער לאַזשענקע־פּאַרק האָט זיך צעשטראַלט מיט אַ שלל קאָלירן. די ביימער האָבן זיך אָנגעקליידט אין פילפאַרביקע בלעטער: ברוינע, רויטע, געלע, אָראַנזשענע; טענער טיפע, געדעמפטע, גיוואַנסירטע, צאַרטע, סובטעלע. זיי שפּילן זיך מיט די גאָלדענע שטראַלן פון דער האַרבסטיקער זון. דער בלעטער־פאַל באַדעקט די ערד מיט אַ געמיש פון וואַרעמע פאַרבן.

אַנעט פלעגט אין גאָלדענעם האַרבסט קומען אַהער מיט די ייִנגלעך קלייַבן די רייַך־באַפאַרבטע בלעטער. זי פלעגט נישט קאָנען אָנזעטיקן דאָס אויג. קלאָד פלעגט ברענגען אין שטוב גאַנצע זשמעניעס, דערנאָך האָט ער זיי מיט וואַסער־פאַרבן איבערגעטראָגן אויפן פּאַפּיר. יורי האָט געחוזקט: דער ברודער וועט צוליב די קאָלירטע בלעטער ווערן אַ מאָלער.

איצט שפּאַנט אַנעט מיט גיכע טריט דורך די זעלבע אַלייען. די קאָלירן טאַנצן און שפּרינגען מיט זייער גלאַנץ פאַר די אויגן. זיי מורמלען אַ שטילן ניגון. איר דוכט זיך זיי פאַרענטפערן זיך פאַר איר, טרייסטן זי און געזעגענען זיך מיט איר.

אַ וואָראָבייטשיק לאָזט זיך אַראָפּ פון אַ בוים, צעשפּרייט די פליגל און הייבט זיך צוריק אויף אין דער הויך. מסתמא איז ער געקומען זיך געזעגענען. ס׳קוקט איר אַנטקעגן די באַליבטע אָזערע. אויך דאָ לאָזט זי עפּעס פון זיך גופא. זי פלעגט אַהער קומען מיט קלאָדן וואַרפן שפּייַז פאַר די קאַרפּן. זי וואָלט געוואָלט צום לעצטן מאָל דאָרט אַרייַנקוקן.

זי אײַלט זיך. איז שוין פאַרשפּעטיקט. ערגעץ אויף אַ באַנק אין אַ זייַטיקער אַלייע וואַרטן אויף איר זעליג און דאַנקע. זי האָט זיי דערזען פון דער ווייַטנס, דערנענטערט זיך צו זיי אַ פאַרסאָפּעטע און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— וועסט אַוועקפֿאַלן, ציסט פֿון זיך אַרויס דאָס חיות. און ווילסט מיר אויך אַרײַנצינען אין דעם געיעג. איך בין נישט קיין אשת־חיל ווי דו. כ׳וועל מער נישט.

— זעליג, כ׳בין נישט קיין אשת־חיל, ווען איך וואָלט דאָס געווען, וואָלט איך נישט געדאַרפֿט דײַן הילף.

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען. דו ווילסט דורכויס מאַכן פֿון מיר אַ היסטאָריקער. ביז איצט האָב איך זיך געלאָזט שלעפּן. איצט האָב איך מיט זיך צו טאָן. די צווייטע וואָך גיבן מיר אָן. די פּײַנע לײַט קאָנען מיר אָפּטאָן אַ שפּיצל און געבן דאָס קוויטל פֿריִער, ווי מען ריכט זיך. מען ווייסט קיינמאָל נישט מיט זיי, ווי מען האַלט אין דער וועלט. אָדער זיי ציִען אָפּ לאַנג, אָדער זיי שיקן צו דאָס קוויטל נאָך עטלעכע וואָכן און דאַרפֿסט מאַכן דאָס פּעקל.

ער האָט שוין פֿריִער פֿאַר דאַנקען געהאַט אַרויסגעלייגט אַן אַנדערע טענה־ומענה, איצט פֿאַר אַנטעטן זי איבערגעחזרט.

— מיר פּלאָגן זיך דען נישט אומזיסט, אומנישט? איך זע נישט עס זאָל עפּעס אַרויסקומען פֿון דעם. מ׳וועט סײַווי גאָרנישט קאָנען מיטנעמען. צי ווייסטו ווי אַזוי זיי רעווידירן דעם באַגאַזש? זיי נעמען צו אַפֿילו פֿאַמיליען־פֿאָטאָגראַפֿיעס. בײַ מײַנעם אַ באַקאַנטן האָבן זיי צוגענומען אַ הונדערט קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפֿטן, עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון שלום־עליכמען. זיי נעמען צו אַלע פּערזענלעכע דאָקומענטן, וועלן זיי אַדורכלאָזן פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע דענקמעלער? רעכנסט אפשר, אַז וועסט דערווײַל דאָ אַלץ אויסבאַהאַלטן? מענטשן זענען צעשראָקן, מ׳האָט מורא.

— לאָמיר דערווײַל פֿאָטאָגראַפֿירן. איך און דאַנקע פֿאָרן נאָך נישט. פֿון אַמאָליקן ייִדישן וואַרשע זענען פֿאַרבליבן בלויז דער גענשער בית־עולם, די ייִדאיִסטישע געבײַדע און די נאָזשיק־שול אויף טוואַרדע. אין דער שול בין איך געווען עטלעכע מאָל. זיי האָבן נישט קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס. די אַקאַדעמיע גיט איצט גאָרנישט אַרויס, צוליב דעם קאָנטראָל. איידער מיר פֿאָרן אַוועק דאַרפֿן מיר פֿאָטאָגראַפֿירן, וואָס ס׳לאָזט זיך. דאַנקע דאַרף בלויז זאָלסט זי באַגלייטן.

— נו, גוט, מאָרגן אינדערפֿרי גיי איך נאָך אויף אַ ראַנדקע מיט דאַנקען. מער נישט. אַז ברעכט אויס אַ שׂרפֿה אין אַ הויז, טראַכט מען נישט וועגן פֿאָטאָגראַפֿירן ס׳זאָל בלײַבן אַ „פּיקטשע" פֿון הויז, מען זוכט

ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דער שרפה. איר ביידע זענט נאָך אין אַזאַ שרפה נישט געווען, איך יאָ. איך ראַט אײַך איר זאָלט זיך בעסער פאַר־נעמען מיט זיך. דערנאָך וועט איר שרײַבן געשיכטע. צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווער דאַרף האָבן אונדזער געשיכטע? וועמען גייען מיר אָן? אין בעסטן פאַל וועלן גוטע נשמות אַ קרעכץ געבן איבער אונדז. אין עטלע־כע יאָר אַרום וועט שוין קיינער נישט געדענקען, אַז זומער 1968 האָבן די סאָציאַליסטישע הערשער פון פוילן געמאַכט איבערן ביסל איבערגעבלי־בענע יידן אַ טרוקענעם פּאָגראָם. מען הייבט שוין אָן צו פאַרגעסן. מ׳האָט זיך באַלד דערמיט קיין סך נישט איבערגענומען.

דאַנקע האָט זיך נישט אָפּגערופן. זעליג האָט דאָס אָנגענומען פאַר איר הסכמה מיט אים. ער האָט פאָרגעזעצט:

— אַזוי זיך אַוועקצולייגן! און אַז מיר וועלן שוין יאָ אָפּראַטעווען אַ ביסל דאָקומענטן? אַז ס׳וועט אַפילו געלינגען דורכצופירן דורך אַ גע־דרייטן וועג אַ ביסל פאָטאָגראַפיעס, ווער נייטיקט זיך אין דעם?

— מיר אַלע נויטיקן זיך אין דעם!

דאַנקע האָט דאָס געזאָגט שטיל, אָבער מיט כעס.

— אַז פרויען נעמען זיך עפּעס אַרײַן אין קאָפּ, וועט מען זיי נישט אַרויסשלאָגן. וויניק מיר מײַן ווײַב, האָט איר זיך נאָך אָנגעזעצט אויף מיר. מאָרגן גיי איך צום לעצטן מאָל. איר ווייסט אַליין, אַז איך טויג נישט צו דעם, נאָר איר טראַכט זיך מסתמא, אַז במקום שאין איש, איז הערינג אויך אַ פיש.

דאַנקע און אַנעט האָבן זיך שוין געקליבן אים צו פאַרלאָזן. זעליג האָט נאָך אָבער נישט געהאַט אויסגעשאָסן אַלע זײַנע פײַלן. ער האָט זיך שוין הײַנט געהאַט מיטן ווײַב אויך צעווערטלט. זי, דאָס ווײַב זײַנס האַלט אים איך איין דורען אַ קאָפּ מיט פראַגן ווי אַזוי מ׳וועט ווידער אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב, ווען מען דערנענטערט זיך צו די זעכציקער. ער האָט זיך דאָס איצט דערמאָנט.

— זאָל זיי דער רוח כאַפּן די כאַמעס! זיי האָבן נישט געקאָנט מאַכן דעם פּאָגראָם מיט אַ צוועלף יאָר פריִער?! מ׳וואָלט כאָטש געווען מיט צוועלף יאָר ייִנגער אָנצוהייבן אַלץ אויפסנײַ.

☆

די משפּחה האָט זיך פֿאַרגרעסערט. אירענע איז צום ערשטן מאָל זינט די אַרעסטן אַרויסגעקומען. דער אַרעסט פֿון ברודער און דאָס שלעפּן זי אויף אויספֿאָרשונגען, האָט זי געצווונגען צו האַלטן זיך פֿון דער ווײַטנס. זי זעט איצט אויס אויף אַן אמת אויס אויף אַ ייִדיש מיידל. פֿריִער פֿלעגט מען שפּאַסן: יודי מיט זײַנע פֿלאַקסענע האָר און בלויע אויגן זעט אויס אויף אַ שגץ, אירענען מיט די שוואַרצע האָר און העל ברוינע אויגן קאָן מען אָננעמען פֿאַר אַ ייִדיש מיידל. זי איז שענער געוואָרן, ווי די אַלע פּלאָגענישן וואָלטן דעליקאַטער געמאַכט דאָס געזיכט. אויפֿן שמאָלן פּנים, אײַנגעראַמט אין די צעלאָזענע, שוואַרצע האָר, האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אומעט געמישט מיט צאַרטקייט. זי איז געקומען נישט דרייסט, ווי אַ פֿאַר־שולדיקטע, צעקושט זיך מיט אַנעטן און געמורמלט עפּעס אומדײַטלעך.

אַנעט האָט זיך געפֿרייט. ס׳וועט נעמען אַ סוף, מ׳וועט איצט קאָנען באַשטימען ווען מ׳גיט אָן אויפֿן אַרויספֿאָר. שוין דער צווייטער חודש ווי די זין זענען באַפֿרײַט. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אָנצוגעבן ווי גיך זיי וועלן אַרויס פֿון תפֿיסה. מ׳האָט גערעטן אָפּצוּוואַרטן. אירענעס פּלוצ־לינגער וויזיט איז אַ גוטער סימן.

ביידע מיט מאַרעקן זענען זיי אַ גאַנצן טאָג געווען פֿאַריאָגט. מאַרעק מאַכט באַמיִונגען צו באַקומען אַ פּענסיע. מיט זײַן געזונט האָט ער פֿון לאַנג רעכט דערויף. ער האָט געהאַט אָפּגעזאָגט, געוואָלט אַרבעטן. איז ער פֿאַרבליבן אָן אַ פּענסיע און אָן אַרבעט. אַנעט טראָגט כסדר עפּעס אַרויס פֿון שטוב, לאָזט אין די „קאָמיסן", וואַרט ביז ס׳ווערט פֿאַרקויפֿט און מ׳צאָלט איר אויס, ברעכט זיך דערנאָך דעם קאָפּ וואָסער לאָך פֿריִער צו פֿאַרשטעקן. הײַנט האָט זי אַרויסגעטראָגן ביכער פֿון דער ביבליאָטעק, מען נעמט גערן אָן אַזעלכע ביכער אין ביכער־אַנטיקוואַריאַטן, מ׳דאַרף נישט וואַרטן אויפֿן געלט. ס׳איז געקויפֿט און באַצאָלט. יעדעס מאָל וואָס זי נעמט אַרויס ביכער פֿון ביבליאָטעק, פֿאַרקלעמט זיך איר דאָס האַרץ. אָבער סײַווי וועט מען זיי נישט קאָנען מיטנעמען, זיי זענען דערשינען פֿאַר דער מלחמה. הײַנט האָבן די העפֿט בײַ איר געציטערט, ווען זי האָט אויסגעפּאַקט דאָס פּעקל ביכער. ס׳איז איר געווען שווער זיך צו שיידן מיט זיי, ווי מיט אַלטע, גוטע פֿרײַנד. אירענעס וויזיט פֿאַרגיטיקט דאָס הײַנטיקע האַרץ־קלעמעניש.

אויפֿן טיש זענען געשטאַנען צוויי פֿלעשער פֿון דער לאַנד־פּראָדוק־

ציע, אַ פלעשל בראָנפן און אַ פלאַש עפּלווײַן. דאָס האָט יורי פאָרויס באַזאָרגט און אויסבאַהאַלטן. ער האָט אַרויפגעשטעלט די משקה אויפן טיש אָן אַ וואָרט צו זאָגן. מאַרעק האָט אָנגעגאָסן פיר גלעזלעך בראָנפן און אַ גלעזל עפּלווײַן, פאַרן ווײַב. ער האָט אויפגעהויבן זײַן גלעזל.

— וואָרט, פאַ, פריִער דאַרפסט איר וויסן פאַרוואָס כ׳האָב געבראַכט בראָנפן...

שטיל.

— קלאָר האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— לייג אַרויס אויפן טיש וואָס האָסט צו זאָגן און פאַרטיק.

— מאָרגן עלף אינדערפרי גייען מיר אין ציוויל־אַמט, מיר האָבן חתונה. איבערמאָרגן גיבן מיר אָן אַרויסצופאָרן, אַלע דרײַ... מיר לייגן אײַך פאָר מיר זאָלן דאָס מאַכן אַלע פינף צוזאַמען.

אַנעט האָט געשוויגן, מאַרעק איז געוואָרן ערנסט. אַן אומעטיקע ערנסטקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זײַן געזיכט.

— צוװאָס איז נויטיק געווען צו מאַכן אַ סוד דערפון? ווו פאָרט איר?

— מיר פאָרן קיין קאַנאַדע, פאַרשטייט זיך, נישט דירעקט. דאָס רײַזע־קאַרטל וועט זײַן, ווי פאַר אַלע, קיין ישראל, אָבער מיר האָבן דערליידיקט אין קאַנאַדישן קאָנסולאַט. מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט צו געבן די וויזעס אין וויען. זיי דאַרפן יונגע וויסנשאַפטלער, גייען אײַן מ׳זאָל מיטנעמען די עלטערן.

אַנעט איז בלייך געוואָרן. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לײַב. די זין האָבן זיך איבערגעקוקט. אירענע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. מאַרעק האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן:

— איר האָט דען נישט געוווסט, אַז די מאַמע וועט נישט פאָרן מיט אײַך קיין קאַנאַדע?

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער און צוגעגעבן:

— איך האָב אויך נישט קיין חשק.

— פאַ, דו האָסט נישט קיין חשק אין ערגעץ צו פאָרן, איז וואָס דער אונטערשייד?

יורי האָט צוגעוואָרפן דעם ברודער אַ שאַרפן בליק, דערנאָך זיך געווענדן צום פאָטער:

— ס'איז דער איינציקער אויסוועג. נישט נאָר פֿאַר אונדז דרײַ. פֿאַר אײַך אויך.

אַנעט האָט אויסגעבראָכן:

— באַשטימט נישט פֿאַר מיר! דאָס גאַנצע לעבן צעטרענצלט צוליב אײַך, געוואַרט איר זאָלט ענדלעך פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר אונדז איז דאָ נישטאָ קיין אָרט. איצט ווילט איר אונדז ערגעץ פֿאַרשלעפּן אויף עק וועלט!

— מאַ, מיר ווילן אײַך נישט לאָזן אַליין, אָבער איך און אירענע וועלן קיין ישראל נישט פֿאָרן. קלאָד וויל אויך נישט.

— פֿאַרוואָס קיין קאַנאַדע און נישט קיין ישראל?

קלאָד האָט געוואָלט מאַכן אַ פּשרה.

— ס'מוז נישט זײַן קיין קאַנאַדע, מ'וועט איבגיכן קאָנען פֿאָרן קיין שוועדן. דאָרט וועט פֿאַר אונדז גוט זײַן און פֿאַר אײַך אויך.

מאַרעק האָט אַרויסגעשטאַמלט ווי צו זיך אַליין:

— פֿאַר אײַך וועט אומעטום גוט זײַן, פֿאַר מיר וועט שוין אין ערגעץ נישט גוט זײַן.

אַנעט האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק.

— פֿאַרוואָס אומעטום און נישט קיין ישראל?

— מאַמיק, האָסט עפּעס פֿאַרגעסן. איך און יורי זענען נישט געמלט. דאָ זענען מיר יידן, דאָרט וועלן מיר זײַן גוים.

אַפֿילו ווען איך וואָלט געווען געמלט, וואָלט איך אַהין מיט אירענען נישט געפֿאָרן. אויב וואָלט איך שוין יאָ באַטראַכט געווען ווי אַ ייד, וואָלטן מײַנע קינדער נישט געקאָנט זײַן קיין יידן. איך ווייס נישט וועגן ישראל אַזוי פֿיל ווי דו, מאַ, אָבער וועגן די זאַכן ווייס איך מער ווי דו. איך האָב דאָס גענוג! איך וויל נישט שטענדיק האָבן אויף זיך אַ שטעמפּל.

— נאָר אין דעם גייט דיר?

— נישט נאָר אין דעם, אָבער דער עיקר אין דעם.

קלאָד איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. ער האָט כסדר געעפֿנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, לסוף זיך אויפֿגעהויבן:

— איך וועל פֿאָרן קיין שוועדן! איך דאַרף נאָך מאַכן מײַן דיפּלאָם, צוליב אײַך געלאָזט זיך אָנרעדן פֿון יורין.

אַנעט האָט אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ. דער מוח

האָט זיך אָנגעפּולט מיט בלײַ. אָט וועט ער באַלד פּלאַצן. מאַרעק האָט געקוקט אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן, געפּרוווט זײַן פילאָזאָפיש:

— ווערסט זיי שטענדיק נישט האַלטן אונטער דײַנע פליגלען. אַזוי איז דאָס לעבן. די פייגעלעך פאַרלאָזן די נעסט, ווען זיי קאָנען אַליין פליִען, פריִער, שפּעטער, זיי פליִען אַוועק.

— טרייסט מיך נישט! ס'איז נישט דאָס זעלבע.

— כ'ווייס.

ער האָט אויך אונטערגעשפּאַרט מיטביידע הענט דעם קאָפּ. דאָס רעדן איז אים אָנגעקומען שווער.

— זיי דאַרפן אַרויספאָרן. דאָס איז דאָס ערשטע. צו וועלכע ברעגן זיי וועלן דערנאָך פאַרקערעווען דאָס שיפל, דאַרפן זיי אַליין באַשליסן. איך האָב זיך צופיל טועה געווען, וויל איצט קיינעמען נישט געבן קיין עצות, אפילו נישט מײַנע אייגענע קינדער. זאָל מען זיי נאָר אַרויסלאָזן. זאָלן זיי נאָר זײַן אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ. נאָכאַמאָל טראָגן „וואַלוווקעס", גיין צו אַדוואָקאַטן, אָפּרײַסן די שוועלן בײַ מענטשן, בין איך נישט בכוח.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. אַ יעדער איז פאַרזונקען געווען אין זײַנע אייגענע געדאַנקען. קלאָר פאַרטראָגט נישט לאַנג אַזאַ שטימונג:

— מ'האָט אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס מ'איז זיך צונויפגעקומען. מאָרגן איז זייער חתונה. יורי האָט געקויפט בראָנפן אויף אַ שמחה און דאָ זיצט מען ווי...

אַנעט איז אים אַרײַן אין די רייד:

— אַזוי זעען דאָ אויס ייִדישע שמחהס.

מאַרעק האָט אָנגעזאָגט די זין זיי זאָלן זיך באַצײַטנס געזעגענען מיט חברים. ס'דאַרף נישט זײַן קיין אָנלויפעניש בײַם באַן. יענע זעגנען אומעטום, אפשר האַלטן זיי נאָך אַן אויג אויף זיי? מיט אירענען האָט ער באַזונדער גערעדט. זי נעמט אויף זיך אַן עול. זי דאַרף געדענקען, אַז איר מאַן איז אַ ייִד, נישט לאַנג אַרויס פון תפיסה. מ'קאָן קיינמאָל נישט וויסן.

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. די זין האָבן אויך צוגעזאָגט דעם פאָטער. פון אַלע צוזאַגעכצן האָט זיך אויסגעלאָזט אַן אויסגעבלאָזן איי. בײַם באַן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ דרײַ צענדליק חברה-לײַט. זייער

שושקען זיך איז ערגער ווי רעדן הויך. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטילער געזאַנג. חברה האָט דורכגעשמוגלט אין געזאַנג עטלעכע רעוואָלוציאָנערע לידער. אַנעט מיט מאַרעקן האָבן זיך געטרייסט וואָס מיטן זעלבן צוג פֿאָרן אַפּ אַ סך ייִדישע משפּחות. דער געזאַנג מישט זיך אויס מיטן טאַראַראַם פֿון די אָפּפֿאָרנדיקע. איינע שלעפּן זיך מיט פּעקלעך און זעקלעך, מיט קינדער פֿאַר דער האַנט. אויף זייערע פּנימער איז אויסגעשפּרייט מידקייט, פֿאַרלוירנקייט. נאָך אַנדערע טראָגן נאָך טרעגערס וואַליזקעס. אויפֿן פּעראָן שווינדלט און גריבלט פֿון באַגלייטערס. עלטערן באַגלייטן דערוואַקסענע קינדער, קינדער באַגלייטן אַלטע עלטערן. אַרום די אָפּפֿאָרנדיקע משפּחות זאַמלען זיך קרענצלעך פֿרײַנד, באַקאַנטע, מ׳זאָגט זיך צו צו טרעפֿן, מ׳גיט מיט עפּעס צו דערליידיקן מיט קרובים.

מאַרעק האָט געפּועלט בײַ אירענען זיי זאָלן אַרײַן אין זייער וואַגאָן. זיי שטעקן אַלע דרײַ אַרויס די קעפּ דורכן פֿענצטער. אַן עלטערער מענטש מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿון מאַנטל, מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, וואָס פֿאַרשטעלט די אויגן, דערנענטערט זיך צום פֿענצטער, דריקט זיי אַלע דרײַ די הענט, גיט זיי מיט אַ טרויעריקן שמייכל. ס׳איז יורעקס פּראָפֿעסאָר. צוויי איבערגעוואַקסענע מיידלעך מיט בלאָנדע האָר לויפֿן מיט פּעקלעך אין די הענט פֿון וואַגאָן צו וואַגאָן. זיי זוכן אירענען. פֿאַרסאַפּעטע שטופּן זיי איר אין די הענט די פּעקלעך. אירענע בעט זיך בײַ זיי, זי טאָר מער גאָרנישט מיטנעמען. אַנעט קומט איר צו הילף: אַלץ, וואָס מען נעמט מיט, מוז פֿריִער פֿאַרעגיסטרירט זײַן. די מיידלעך שטעלן אויס פֿאַרווונדערטע אויגן: באָמבאָניערעס, צוקערוואַרג, מתּנות פֿון קאָלעגינס, מ׳קאָן דאָך דאָס צושרײַבן צו דער רשימה.

אירענע לאַכט. אין אירע אויגן באַווײַזן זיך טרערן. די רשימה איז שוין דורכגעגאַנגען אַ קאָנטראָל, מ׳קאָן גאָרנישט צושרײַבן. די דינגעניש איז פֿאַרטויבט געוואָרן. אַ רימל יונגוואַרג האָט אָנגעהויבן זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. עמעצער וואָרנט, בעט מ׳זאָל אויפֿהערן. מאַרעק ציילט די מינוטן. אַנעט קוקט אויף די פּאַספּאָר־ווײַזערס פֿון האַנט־זייגערל. נאָך צען מינוט. די ווײַזערס רוקן זיך אַזוי לאַנגזאַם. דורך די פֿענצטער פֿון די וואַגאָנען שטעקן נאָך אַרויס קעפּ, עס ציִען זיך נאָך הענט. אַ פֿרוי מיט צעפּאַטלטע האָר און אַ פֿאַרפּלאָנטע פּנים רעדט אַרויס פֿון וואַגאָן צו אַן עלטערן מענטש:

— טאַטע איר זאָלט נישט אָפּשלעפּן, ווען די מאַמע וועט אַרויסגיין פון שפּיטאָל.

אַ קינד צעוויינט זיך יאָמערדיק. די מאַמע האָט עס צוגעטראָגן צום פענצטער צום זיידן. עמעצער האָט אַ שטויס געטאָן. אַ הונט צעבילט זיך, רײַסט זיך פון רימען, וויל מיטפאָרן מיט זײַן באַלעבאָס. אַן אַלטער ייִד מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד און אַן אָפּגעקירצטן פּוס שלעפּט זיך, אונ־טערגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. אַנעט דערקענט. ער איז פון זקנים־הויז. ער איז געקומען מיט נאָך איינעם עמעצן באַגלייטן. ער רעדט אַרײַן אין אים: „זיי וועלן אַלע אַוועקפאָרן און אונדז איבערלאָזן אַליין".

נאָך פיר מינוט. בײַ אַנעטן גייט דאָס האַרץ ווי אַן אַלטער וואַנט־זייגער. ס׳דערהערט זיך פּלוצלינג פון דער ווײַטנס אַ געשריי: „ווו איז דער טרעבלינקע־צוג"? דאָס יונגוואַרג ברעכט אויס אין אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער. אַ הויכער, יונגער בחורעץ לויפט אָן אַ פּאַרשוויצטער. ער האָט פּאַרשפּעטיקט.

— יעזשיק, דאָ, דאָ!

דער פּאַרשפּעטיקטער סטודענט טרייסלט יוריס האַנט: „פּאַניע פּראָ־פעסאָזשע, מיר וועלן זיך נאָך זען, איר וועט צוריקקומען.... פּאַניע פּראָ־פעסאָזשע..."

דאָס פײַפן פון לאָקאָמאָטיוו פאַרהילכט זײַנע ווערטער. דער צוג רירט מיט אַ סיקעניש. אַנעט און מאַרעק עטעמען אָפּ. זיי גייען אַרויס דורך אַן אַנדערן וועג. מען דאַרף נישט גיין צוזאַמען מיט דער יונגער חברה. זיי קערן זיך אום אַהיים שווײַגנדיק. די היים איז איצט ליידיק, פּוסט און קאַלט. אַנעט טראָגט צו מאַרעקן עפּעס איבערצובײַסן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, ניין, ס׳וועט נישט דורכגיין דורכן האַלדז. די ווערטער גייען אויך לײַכט נישט דורך. זיי האָבן זיך איצט אַזוי פיל צו זאָגן, נאָר די רייד קלעפּן זיך נישט. זיי זענען אײַנגעשלאָפן שפּעט מיט אַ צערודערטן שלאָף. אינדערפרי האָט זיי אויפגעוועקט אַ קלונג פון טעלעפאָן.

— איר ווייסט שוין די נײַעס? געהערט וועגן קאָמוניקאַט?

— וואָסער נײַעס? — האָט אַנעט אַ פאַרשלאָפענע צוריקגעפרעגט דאָקטאָר ביבער.

— מ׳וועט קאָנען אָנגעבן בלויז... בלויז נאָך עטלעכע חדשים. דערנאָך, אויב מען וועט וועלן אַרויספּאָרן, וועט מען זײַן „גלײַך“ מיט אַלע בירגער פון לאַנד. ס׳הייסט, אַז מען וועט נישט קאָנען.

אַנעט האָט זיך צוריקגעקערט צו מאַרעקן ווי אַ שיכורע.

— ס׳האַלט שוין גאָר שמאָל, אויב ער רעדט אַזוי וועגן דעם דורכן טעלעפאָן. זאָל נאָר אָנקומען די ערשטע ידיעה, אַז זיי זענען אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ.

קאַפּיטל 9

די שנאה איז ווי דער ים.

דער ים איז נישט געצוימט אין זײַנע קאַפּריזן. דאָ צעווילדעווען זיך די כוואַליעס, רוישן, ברומען, הייבן זיך אויף אין דער הויך, לאָזן זיך אַראָפּ און גראָבן אויס טיפֿע אָפּגרונטן. דאָ ווידער וויגן זיי זיך ריטמיש, געלאַסן, כמעט שוין אַ געקאַרבטער שפּיגל־פלאַך און אָט פּלוצים הייבן די וואַסערן ווידער אָן צו זידן און קאָכן.

דאָס יידישע צעבראָכענע שיפֿל טרייסלט זיך אויפֿן שנאה־ים. דאָ ווערט עס פֿאַרשווענקט פֿון אַ כוואַליע, אָט־אָט ווערט עס צעשמעטערט, דאָ שווימט די שוימיק־ברומענדיקע כוואַליע אָפּ. דאָס שיפֿל שווימט אַרויס אויפֿן אויבערפֿלאַך, עס זוכט צוצושווימען צו אַ ברעג, איידער אַ נײַע כוואַליע וועט זיך ווידער אויף דעם אַ וואָרף טאָן. דאָס צעבראָכענע שי־פֿעלע איז אָפּהענגיק פֿון די קאַפּריזן פֿון ים, ס'איז אַ שפּילעכל אין זײַנע שנאה־הענט.

די הויכע טענער פֿון בייזן ברומען פֿון דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען אַראָפּגעפֿאַלן. די קולות פֿאַרטויבן שוין נישט. די גרילצנדיקע קלאַנגען דערגייען איצט צו די אויערן ווי פֿאַרשטיקטע, טויבע עכאָס פֿון אַ דראָענדיקן, אונטערערדישן שטראָם. אַ קאָמוניקאַט. אַ דאַטע. אַ וואָרענונג. ס'איז ווי אַ בליץ, אַן אָפּהילך פֿון אַ דונער, וואָס זאָגט ווידער אָן אַ שטורעם. מען וויל וואָס פֿריער אַנטרינען ווערן. ס'קאָן ווערן צו שפּעט. דאָס שיפֿל וועט נישט באַווײַזן צוצושווימען צו אַ ברעג.

פֿאַרן האָלענדישן קאָנסולאַט שטעלן זיך אויס רייען דרײַ־פֿיר אַ זייגער פֿאַרטאָג. די טירן עפֿענען זיך נײַן אינדערפֿרי. יעדערער וויל זײַן פֿריער. עס קומען יידן, וואָס וואָלטן נאָך געוואָלט צוואַרטן און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך געיִשובֿט. איצט אײַלן זיך אַלע.

אַנעט קאָן זיך נאָך נישט שטעלן אין דער ריי. ווען די יינגלעך זענען

געוועז אַרעסטירט, האָט זי דאָס אָנגענומען פאַר אַ פאַטאַליזם. אַ בייזער גורל פאַרפאָלגט זי. זיי זענען אַרעסטירט, זי זאָל מיט איר משפחה נישט קאָנען זײַן פון די ערשטע. דערנאָך האָט מען געדאַרפט אָפּוואַרטן. איצט איז אונטערגעקומען אַ מעשה מיט אַ פּענסיע. מ׳דאַרף ווײַטער וואַרטן.

מאַרעק האָט געהאַלטן אין איין אַרײַנרעדן אין איר, אַז דאָס איז איינע פון זייערע שפּיצלעך. דער קאָמוניקאַט אין דער פּרעסע־אַגענטור איז צו שאַפן אַ פּאַניק. זיי ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פון ביסל ייִדן. אָפּפאַרטיקן זיך מיטן עסק. ער האָט גענומען צו הילף דאָקטאָר ביבער. ער לויפט אויך נישט אין פּאַניק. און ער, מאַרעק, מוז פריִער דערליידיקן די פּענסיע. ס׳דאַרף נעמען צײַט. ער רוט ווידער נישט, גייט פון איין אַמט אין צווייטן. ער האָט רעכט צו פאַרלאַנגען אַ נאָרמאַלע אַרבעטס־רענטע.

— זיי נעמען אונדז אַלץ אַוועק, זאָלן זיי נעמען די רענטע אויך. זאָלן זיי דערשטיקט ווערן מיט אונדזער האָרעוואַניע און לאָמיר נישט וואַרטן.

— ווײסט זיי נישט פאַרשעלטן, זיי וועלן נישט דערשטיקט ווערן. מיר וועלן זיי נאָר טאָן אַ טובה. זיי ווילן מ׳זאָל זיי אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן. איך וויל זיי נישט טאָן די טובה.

— ווילסט זיי נישט טאָן די טובה? ווילסט וואַרטן ביז ס׳וועט זײַן צו שפּעט?

ער האָט פאַרביסן די ליפּן. דערנאָך אָנגעהויבן בײַסן די נעגל. אַנעט ווייסט, אַז ער טוט דאָס אין מאָמענטן פון גרויסער צערודערונג. ער וואָקלט זיך אפשר ווידער, קאָן זיך נאָך אַלץ נישט דעצידירן, שלעפּט אָפּ. זאָל זי ריזיקירן? זי וועט פאַרשפּילן אויך דאָס לעצטע שטיקל צעריסענע לעבן. פאַרוואָס זאָל זי אַליין נישט...? אָבער דעמאָלט חתמעט זי צו זײַן גורל. צי מעג זי? צי טאָר זי...?

מאַרעק האָט איבערגעריסן אירע צעשרויפטע רעיונות:

— אַנוש, צווישן אונדז ביידע דאַרף אַלץ קלאָר זײַן. פאַר די ייִנגלעך האָבן מיר אויסבאַהאַלטן. ס׳איז שלעכט געשען. זיי ווייסן סײַווי, אַז איך בין נישט זייער אמתער פאָטער. זיי זענען זיכער, אַז מיר ווייסן נישט דאָס, וואָס זיי ווייסן... „זיי שפּילן פאַר אונדז, וועלן מיר שפּילן פאַר זיי", טראַכטן זיי זיך. שווערע פעלערן זענען זיך נוקם.

ער האָט געעטעמט, ווי ס׳וואָלט אים פאַרפעלט לופט, געמאָסטן אַלע מאָל מער די ווערטער.

— צווישן אונדז בײדע טאָרן מער נישט זײַן קײן נישט־דערזאָגענישן.

— פאַרוואָס הערזאָגסטו טאַקע נישט? האָסט ווידער אויפגעהערט צו ענטפערן אויף מײַנע פראַגן.

— נישט געענטפערט, ווײַל ס׳איז צו שווער. נישט לײַכט זיך אַליין צו משפטן. איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פאַרשטיי דאָס, ווי אַזוי דו ווילסט. איצט קומט עס מיר אויך לײַכט נישט אָן. מײַן עלטער־זיידע, דער אויפשטענדלער פון 1863 האָט פאַרן טויט זיך באַקלאָגט בלויז דערויף וואָס ער שטאַרבט ווײַט פון געבוירן־לאַנד. ער האָט אָנגעזאָגט דעם זון, מײַן זיידן, זיך צוריקצוקערן אויב ס׳וועט נאָר זײַן די מינדסטע מעגלעכקייט. דער זיידע איז געקומען אין טיפן עלטער, געקומען שטאַרבן... ער האָט געוואָלט זײַנע ביינער זאָלן רוען אין דער־אָ ערד. דו ווייסט, זײַן קבר געפינט זיך אויף געגנשער בית־עולם. דער טאַטע פלעגט מיך אַהין מיטנעמען. אין שווערע צײַטן, ווען מ׳האָט נישט געזען קיין צוריקוועג, איז באַפאַלן אַ באַגער, אַז איך זאָל כאָטש קומען אַהער, ווי דער זיידע. דעמאָלט איז דאָס געווען אַ טרוים. זעסטו, טראַכטנדיק וועגן טויט, קאָן מען אויך זײַן אַ ראָמאַנטיקער. מיר זענען אַמאָל אַלע געווען ראָמאַנטיקער. הײַנט אויס מיטן ראָמאַנטיזם.

ער האָט גערעדט אַלע מאָל לאַנגזאַמער.

— כ׳וויל זאָלסט וויסן: כ׳האָב אָנגענומען דעם באַשלוס קודם צוליב דיר. ס׳קומט צו אָן אַנדערע סיבה: מײַן פּראָטעסט קעגן דעם אַלעמען. מײַן אָוועקפאָרן וועט זײַן מײַן שטאַרקסטער פּראָטעסט, אפשר מער ווי אַ פּראָטעסט... דאָס דאַרפסטו אויך וויסן.

ער האָט צוגערוקט זײַן שטול צו אַנעטס פאָטעל, אָנגענומען איר האַנט.

— מיר האָבן אָפּגעטאָן... ניין, איך, איך האָב אָפּגעטאָן אַ סך נישט באַטראַכטע זאַכן. יאָ געטראַכט, אַפילו זייער אַ סך געטראַכט, אָבער נישט פעיִק געווען פאַריסצוזען. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל זיך נאָך אַרומדרייען אויף דער ערד. איך פיל אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ראשית פאַר דיר. פאַר קלאָדן, ביז וואַנען ער שטייט נישט אויף די אייגענע פיס. איך וויל כאָטש האָבן די אַרבעטס־פּענסיע. זי קומט מיר פאַר מײַן שווערער אַרבעט.

— אין ישראל וועט זי גאָרנישט ווערט זײַן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווילסט נישט פאָרן קיין ישראל?

— ניין.

— צוליב דער רענטע? ערגעץ אַנדערש וועלן זיי דען אָפּגעבן? אַ פּנײַג וועלן זיי ייִדן געבן אַרבעטס־רענטעס.

— נישט צוליב דער רענטע. איך וויל נישט פאָרן אַהין.

— פאַרוואָס? דאָרט וועלן מיר האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, מיר וועלן אויפהערן צו זײַן פרעמדע, וועלן זײַן בײַ זיך אין דער היים.

— כ׳האָב נישט קיין רעכט דערויף. קומען אין אַ לאַנד, צו מענטשן, וואָס כ׳האָב דאָס גאַנצע לעבן באַקעמפט. דער באַגריף תשובה, בעל־תשובה איז מיר פרעמד און דערווידער.

אַנעט האָט אים, האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאָס, געבראַכט אַ ציטאַט און פאַרטײַטשט: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד".

— זעסטו, אַ בעל־תשובה איז מער ווי אַ צדיק...

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז אַזאַ געפיל איז מיר פרעמד. מײַנע חשבונות פיר איך אַליין דורך. ווונדן היילט מען אַליין, מען שטעלט זיי נישט אויס אויף פרעמדע אויגן. איך קאָן זיך נישט אויסטאָן נאַקעט און אַוודאי נישט אַראָפּרײַסן פון זיך די אייגענע הויט. דו, אַזאַ שטאָלצע, דאַרפסט דאָס פאַרשטיין. פאַראַן צײַטן, ווען אַ מענטשן איז נויטיק אַ זײַטיק ווינקל ער זאָל קאָנען מיט זיך אַליין אין דער שטיל זיך אויסטענהן, מיט זיך אַליין דאַרף מען קאָנען קומען צו אַ טאָלק. אַ פאַרוואונדעטע חיה זוכט אַ נאָרע, קריכט אַהין אַרײַן אָפּצולעקן דאָס בלוט פון די ווונדן. אַ מענטש איז צײַטנווײַז אויך אַזאַ חיה. מען לעקט נישט אַרום די ווונדן אויף אַלעמענס אויגן. יעדנפאַלס, פון אַנהייב איז נייטיק אַ זײַטיק ווינקל.

— איך האָב מורא פאַר אַ זײַטיק ווינקל. איך וויל זײַן דאָרט, ווו ס׳זענען פאַראַן פרײַנד, באַקאַנטע.

— יעדער מענטש דאַרף האָבן פרײַנד. שווער צו לעבן אָן פרײַנד. מען מוז אָבער אַמאָל בלײַבן מיט זיך אַליין. דיר איז דאָס אויך נויטיק. סײַווי רעכן איך נישט אויף קיין פרײַנד, באַקאַנטשאַפטן, נאָר אויף זיך, אויב נישט אויף דער רענטע. אַלס כעמיקער וועט מען מיך מסתמא אין מײַן

עלטער נישט צונעמען, גיכער וועלן די שפּראַכן צונויף קומען, נו, איך רעכן אויף מײַנע צען פינגער. מיר וועלן אומעטום מוזן אַליין אָנהייבן פון אָנהייב. מיר זענען נישט קיין אויסטויגער. דו נישט מער, ווי איך. געדענקסט דײַנע אַכט חדשים אין פּאַריז? אין ערגעץ טויגן מיר זיך נישט אויס. דערמאָן דיך וואָס לענע זילבער האָט דיר געהאַט געשריבן: „די, וואָס האָבן זיך גוט אַן עצה געגעבן אין פּוילן, גיבן זיך אומעטום אַן עצה. די, וואָס האָבן זיך דאָרט געמאַטערט, מאַטערן זיך אומעטום". מיר געהערן נישט צו דער ערשטער, נאָר צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. דו מיינסט, אַז דיר וועט בײַשטיין דער זכות וואָס דו האָסט אַלע יאָרן זיך דאָ אַרומגעריסן, זיך אָנגעליטן און נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן? בײַ די קאָמוניסטן וועסטו ווײַטער זײַן אַן אַנטיקאָמוניסט, בײַ אַלע אַנדערע וועסטו זײַן אַ פּאַרטײַבענער קאָמוניסט. דו וועסט זיך נישט אויספּײַנען, וועסט אַפילו נישט דערציילן וואָסערע שבעה מדורי גיהנום ביסט דורכגעגאַנגען. צוליב דײַן ערלעכקייט וועסטו ווײַטער אָפּקומען. וועסט אומעטום זײַן אַליין, איך קען דיך, פּונקט ווי איך קען זיך גופא. דײַנע היגע אַנטאַגאָניסטן, די זעלבע, וואָס האָבן דיר אַלע יאָרן פאַרביטערט דאָס לעבן, שטענדיק געווען פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט, וועלן אַ סך גיכער געפינען אַן אָנשפּאַר, אַ הילף, ווי דו. ווי גיך זיי פאָרן דורך די גרענעץ, וואַשן זיי זיך אָפּ די הענט. דײַנע צוויי גרעסטע אַנטאַגאָניסטן זענען אַנטלאָפן די ערשטע און אָנדערציילט וועגן זייער אָפּקומען נישט געשטויגן נישט געפלויגן. ווי אַזוי הייסט זי, די, וואָס דו האָסט גערופן סטאַליניסטישע שלאַנג? יאָ, די פּאָגעלסאָן. דאָקטאָר ביבער האָט דיר דערציילט, אַז זי האָט שוין אַ גוטן פּאָסטן אין אַ ציוניסטישער אינסטיטוציע. אַזעלכע ווי מיר דערציילן נישט פאַר קיינעמען קיין שום מעשיות. נישט ווײַל מ׳וויל נישט אויסזאָגן פון חדר, נאָר ווײַל מ׳האָט ווירדע, מ׳וויל נישט וועקן קיין רחמנות צו זיך. מיר וועלן אומעטום זײַן אַליין.

אַנעט האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ שווערן זיפץ.

— נישטאָ פאַר אונדז קיין שטיקל אָרט אונטער דער זון. קיין ווינקל אויף דער ערד.

— כ׳האָף צו געפינען אַ ווינקל, וווּ דערווײַל אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. אין דער ערשטער צײַט לכל הפחות דאַרף עס זײַן אַ זײַטיק ווינקל, אָן רעש, אָן טומל. דו גיסט זיך נישט אָפּ קיין חשבון ווי שטאַרק דײַנע נערוון

זענען אָנגעצויגן. דיך טראָגט בלויז דער אימפּעט, די אילוזיע. קיין גע־זונט, קיין כּוח פֿאַר קיין גראַשן, אָן אימפּעט בלויז אַ גרויסער. אַזוי קאָן מען לאַנג נישט ציִען. אַ שטיקל צײַט מוז מען ערגעץ אין אַ ווינקל אָנזאַמ־לען אַ ביסל כּוח.

— אין וואָסער ווינקל ווילסטו מיך ווידער פֿאַרשלעפּן?

— איך וויל דיך נישט פֿאַרשלעפּן, כ׳וויל מיר זאָלן צוזאַמען טראַכ־טן, זוכן. פֿאַראַן אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרלאַגן, וווּ מען דאַרף איבערזע־צער. מ׳דאַרף זיך אַרומקוקן, נישט לויפֿן אין אַנילעניש. אַזוי טראַכט איך, נאָר טאָן קאָנסטו איצט, ווי דו ווילסט.

אַנעט האָט אײַנגעהאַלטן אַ שלוכץ.

— איך וויל נישט וואַרטן. איך קאָן נישט מער.

די נאַכט האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעטראָטן פֿאַרן ווינטערדיקן טאָג, ווי אַנעט האָט זיך אויפֿצומאָרגנס אַרויסגעשלייכט אויף די שפּיץ־פֿינ־גער פֿון שטוב און אין גרויעם, קאַלטן פֿרימאָרגן געשטעלט זיך אין דער ריי פֿאַרן האָלענדישן קאָנסולאַט.

וואַנדע זאַוויעלסקאַ וווינט אויף דער דריטער גאַס. מ׳דאַרף צו איר נישט אָנקלינגען, אין דער צײַט איז זי שטענדיק בײַ זיך אין שטוב. קערט זיך אום מיט אירע צוויי הינט פֿון שפּאַציר, גיט זיי צו עסן אָוונט־ברויט. די מאָלצײַטן פֿאַר די הינט, ווי די שפּאַצירן זענען אײַנגעשטעלט לויטן זייגער. אָפּילו אין דער צײַט פֿון דער אָקופּאַציע האָט זי געהאָדעוועט אַ הונט, געטיילט זיך מיטן ביסן. דער הונט האָט דעמאָלט געבראַכט גרויסע נוצן. זי האָט אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישע משפּחה, פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנ־גענומען אויף איבערצונעכטיקן אַן אַנטלאָפֿענעם פֿון געטאָ. זי האָט אַרומ־געוואַשן, אָפּגעשוירן די פֿאַרוואַקסענע האָר, געגעבן אַ לײַטיש מלבוש ער זאָל קאָנען ווײַטער זיך טאַרעווען אַ וועג צום לעבן. „זשעגאָטאַ״ האָט געגעבן געלט אויף די הצטרכותן פֿון די פּלוצמדיקע געסט, וואָס האָבן זיך געיאָוועט בײַ איר. דער הונט האָט געוואַכט. זײַנער אַ האַווקע, אַ ביל איז געווען אַ סיגנאַל, אַז עמעצער דערנענטערט זיך צום גאָרטן, צו איר זשאָליבאָזשער, דעמאָלסטיקער ווילע. זי האָט געראַטעוועט אַ סך ייִדן און אַ סך דערוועגן דערציילט, געשריבן. וועגן דער הילף פֿון הונט אויך.

אַנעט האָט דורך וואַנדען באַקומען סימפּאַטיע צו דעם הינטישן מין, אָפּגעצאָלט פאַר די טובות מיט וואָס זי האָט געקאָנט. אין אָפּרו־הויז פון „זאַיִקס" האָט מען נישט געטאָרט מיטברענגען קיין הונט, הײַנט ווער שמועסט נאָך צוויי צוזאַמען. וואַנדע זאַוויעלסקאַ האָט אויסגעפּועלט מען זאָל איר לאָזן מיטנעמען אַ הונט. איינעם. דעם צווייטן האָט זי איבערגע־געבן אין אַנעטס רשות. ס'האָט געהייסן אַז יעדערע פון זיי האָט אַ הונט. די ערשטע צײַט האָט ער געוווינט מיט אַנעטן, כאָטש זי, אַנעט, האָט נישט גערן געהאַט אַזאַ סובלאַקאַטאָר. שפּעטער האָט וואַנדע שטילערהייט אים אײַנגעקוואַרטירט בײַ זיך.

צווישן וואַנדען און אַנעטן האָט זיך פאַרבונדן אַ הייסע פרײַנדשאַפט נישט בלויז צוליב די גערעטעטע ייִדן, צוליבן אַרויסהעלפן איר בײַם אַרײַנשמוגלען אין אָפּרו־הויז די הינט. די היסטאָריקערין זאַוויעלסקאַ איז צעקריגט מיט דער הײַנטצײַטיקער געשיכטע. „דאָס הײַנטיקע פּוילן באַ־גראָבט די וויסנשאַפט", פלעגט זי זאָגן. ווער נאָך אַזוי ווי זי ווייסט ווי אַזוי מ'קאָן פעלשן געשיכטע.

אַנעט האָט פון אונטער דער אָנוואַלגעריניש אין קעלער אַרויסגענומען די קליינע וואַליזקע, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט מאַנוסקריפּטן און נאָ־טיצן, אָפּגעריייניקט זי פון שטויב און דורך אַן אומוועג זיך געלאָזט צו וואַנדע זאַוויעלסקאַ. זעליג איז גערעכט, ווען דאָס הויז ברענט, ראַטעוועט מען וואָס מ'קאָן און מען לויפט נישט אַרום זוכן דעם ווינט אין פעלד. זי האָט שוין אויפגעהערט צו יאָגן זיך נאָך פאָטאָגראַפיעס, דאָקומענטן. איצט דאַרף מען באַוואָרגן, וואָס ס'האָט זיך ביז הײַנט אָנגעזאַמלט. ווער ווייסט זי אַזוי פאַרשטיין ווי וואַנדע? זי וועט פריִער אַ ביסל שמועסן מיט איר, דערנאָך וועט זי פאַרלייגן צו לאָזן בײַ איר דאָס וואַליזקעלע. אַז זי האָט נישט מורא געהאַט דעמאָלט אויסצובאַהאַלטן ייִדן, וועט זי הײַנט אַוודאי נישט מורא האָבן.

די היסטאָריקערין זאַוויעלסקאַ האָט אויפגענומען אַנעטן פרײַנדלעכער ווי שטענדיק. זי איז אויפגעבראַכט אויף אַלץ וואָס עס טוט זיך. ס'איז אַ חרפּה פאַר פּוילן. די ייִדן אַליין זענען אָבער נישט ווייניק שולדיק אין דעם אַלעמען. די באָלשעוויקעס האָבן זיך באַנוצט מיט זיי צו באָל־שעוויזירן דאָס לאַנד, אַרויפגעזעצט זיי אויף אַלע אָנפירנדיקע פּאָסטנס. זיי האָבן צוגעהאָלפן צו פּוילנס אומגליק. איצט מוזן זיי אַליין אויפעסן די

קאַשע, וואָס זיי האָבן פאַרקאָכט. אַנעט האָט, ווי איר שטייגער, נישט נאָכ־געגעבן, אויפגעוויזן איר טעות. וואַנדע האָט זיך צוגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדערער פּרשה. פאַרוואָס פאַר־שוואַרצן די ייִדן אין אויסלאַנד פּוילנס פּנים? וואָס איז פּוילן שולדיק, אַז רוסלאַנד דיקטירט די הערשער אַזוי זיך צו באַגיין מיט די ייִדן?

דער אָוונט איז צוגעפאַלן אַ פינצטערער. זי האָט זיך געזעגנט און אַוועק מיטן וואַליזקעלע. האָט גענומען אַ לענגערן וועג. דאָרט זענען די גאַסן באַלויכטן. זי איז צופעליק אַרײַנגעפאַלן אין דער זײַטיקער זויבע־רער גאַס, ווו עס וווינט די דיכטערין קאַנילסקאַ. אַן איינזאַמע, אַלטע פרײַלין האָט זי ליב, אַז מען שטאַט איר אָפּ אַ וויזיט. „ווען איר וועט נאָר אַרויפקומען צו מיר, וועט איר זײַן אַן אַנגעלייגטער גאַסט", פלעגט זי זאָגן צו אַנעטן.

קאַנילסקאַ האָט אַ גוט האַרץ, אָבער אַ שווער געמיט. זי קאָן נישט פאַרגעסן די עוולות וואָס מ'האָט איר געטאָן. בעת דער אָקופּאַציע האָט זי געהערט צו דער א. ק.[1] אָבער ייִדן האָט זי געהאָלפן, די ערשטע אָנגע־שריבן אַן אויפרוף און געמאַכט אַ רוף צו ראַטעווען ייִדישע קינדער. זי האָט דאָס נישט איין מאָל אַנעטן געלייענט. „...אויף אונדזערע אויגן ווערן באַגאַנגען די שרעקלעכסטע מאָרדן. מ'וועט אַמאָל פרעגן אַ פּוילישע מאַמע: צי האָסטו געפּרוווט ראַטעווען אַ ייִדיש קינד?..." נאָך דער מלחמה איז איר גאַנצער אָפּטייל פון א. ק. אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אויף סיביר. דורך אַ צופאַל האָט זי זיך געראַטעוועט, אויסבאַהאַלטן זיך, דער־נאָך געלעבט אין שאָטן. ערשט אין 1954 האָט זי געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ.

אַנעט איז פאַרבײַגעגאַנגען איר וווינונג. ס'איז געווען ליכטיק. אַ גע־דאַנק האָט אויפגעבליצט אין מוח. זי וועט דערוויַיל לאָזן בײַ איר דאָס וואַליזקעלע, וועט איר זאָגן דעם אמת. וועט איר אויך דערציילן, אַז זי האָט דאָ אַ חנוכה־לעמפּל, וואָס זי האָט געבראַכט פון ישראל. אַזאַ חפץ אין אַ ייִדישער שטוב איז הײַנט פאַרדעכטיק. קאַנילסקאַ איז געווען אין ישראל, זי געהערט צו די חסידי אומות־העולם, מ'האָט זי אַהין אײַנגעלאַדן, זי האָט מיטגעבראַכט ענלעכע מתנות.

---

[1] אַרמיאַ קראַיאָוואַ

אַנעט איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל. קאַנילסקאַ האָט איר צו דער־צײלן אַן אויסטערלישע מעשה. זי, אַנעט, ווייסט דאָך וואָס פֿאַראַ צרות מ׳האָט איר אַמאָל אָנגעטאָן. זי האָט בעת דער אָקופּאַציע אײַנגעשטעלט דאָס לעבן אויסצובאַהאַלטן איר אַמאָליקע ייִדישע שול־חברטע. ווען מ׳האָט נאָך דער מלחמה זיך גענומען צום א. ק., איז זי אַוועק זוכן הילף צו דער גערעַטעוועטער. יענע האָט זיך נישט געשעמט איר אָפּצוזאָגן, פֿאַרענט־פֿערט זיך דערמיט וואָס זי אַרבעט אין דער פּאַרטיי, האָט נישט קיין רעכט צו האָבן באַציִונגען מיט דער א. ק. פֿון דעמאָלט אָן האָט זי זיך קיינמאָל מער נישט באַגעגנט מיט איר. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי געקלונגען, זי וויל זיך טרעפֿן מיט איר. „צו שפּעט״, האָט זי איר געזאָגט. נאָר דאָס וואָלט זי אַראָפּגעשלונגען. ס׳איז אַן אַלטע מעשה, וואָס מ׳קאָן נישט פֿאַר־געסן, אָבער מען פֿאַרגעסט פֿאַרט. ערגער זענען די נײַע צרות. ייִדן מאַכן איצט אָן אַ טומל אויף דער וועלט, אַז פּאָליאַקן האָבן געהאָלפֿן היטלע־ריסטן אויסמאָרדן די ייִדישע באַפֿעלקערונג. אַזאַ אומגערעכטיקייט! אַזאַ בילבול! אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט! פּאָליאַקן האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צו ראַטעווען ייִדן. פֿאַרוואָס זאָל אַנעט עפּעס נישט אָנשרײַבן דערוועגן? פֿאַרוואָס זאָל זי נישט אָפּלייקענען דעם בילבול? זי איז דאָך אַ היסטאָרי־קערין און ווייסט דעם אמת.

— אויב איך וועל שרײַבן דעם אמת, וועט אײַך נישט געפֿעלן.

קאַנילסקאַ האָט זיך שיער נישט צעוויינט. אַנעטס בליקן האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעהאַנגען אין וואַליזקעלע. זי האָט זיך שטומערהייט אויסגעמו־סרט, אויסגעפּרעגט װעגן געזונט און אָנגעהויבן זיך אײַלן; זי איז אַרויפּ־געגאַנגען פֿאַרבײַגייענדיק, זי מוז זײַן צו דער צײַט אין שטוב.

ווו זאָל זי איצט גיין באַשטאַטן דאָס וואַליזקעלע? זי וואָלט געקאָנט גיין צום מאָלער זדאַנסקי. ער האָט נישט קיין טענות צו ייִדן, פֿאַרקערט, אַ גרויסער אוהב־ישראל, אָבער ער איז אַ פּלאַפּלער, קאָן נישט האַלטן קיין סוד. זי וואָלט געקאָנט זיך איצט לאָזן צו וואַלעצקאַ, יענע האָט זיך צע־שיידט מיטן מאַן, פֿאַרגעוואָרפֿן אים צווישן אַנדערע זינד אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק... זי קאָן נאָך גיין צו... זי איז נישט געגאַנגען, אומגעקערט זיך צו איר גאַס, אַרויפֿגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ צו דאָקטאָר ביבער. זי האָט אים דערציילט וועגן אירע וואַנדערנישן און ווי געווײנלעך געפּרעגט אַן עצה.

— איר האָט געדאַרפֿט פֿריִער בײַ מיר פֿרעגן אַן עצה, איר וואָלט אײַנגעשפּאָרט אַנטוישונגען. הײַנט שווער צו וויסן מיט וועמען מ׳האָט צו טאָן. לאָזט אײַער אוצר בײַ מיר און גייט אין שטוב אײַך אָפּרוען. איר זעט אויס, ווי מען וואָלט אײַך געפֿירט צו דער גילאָטינע.

ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט:

— איך האָב זיך אויך געלאָזט נעמען אויף דער ווענדקע, געוואָרן צעטומלט מיט דער ידיעה וועגן אַ טערמין צו קאָנען אַרויספֿאָרן. די מעשה איז גאָרנישט אַזוי גלאַטיק. זיי ווילן אונדז אונטערטרײַבן מ׳זאָל פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד וואָס פֿריִער. ס׳האָט זיך זיי ווידער אײַנגעגעבן. ס׳איז געוואָרן אַ לויפֿעניש אין האָלענדישן קאָנסולאַט.

שוין איבער דרײַ חדשים ווי זיי וואַרטן אויפֿן רײַזע־קאַרטל. מאַרעק האָט שוין צוויי מאָל אָנגעפֿרעגט. „ווען ס׳וועט דערלידיקט ווערן, וועט קומען אַן ענטפֿער. נישט נויטיק צו קומען זיך דערוויסן״. דעם וועג פֿאַר־מאַכט מען אים אויך, מען דאַרף נישט קומען זיך דערוויסן. מיטן ווײַב רעדט מען שוין מער נישט ווו אויפֿצושטעלן אַ געצעלט. מ׳האָט זיך אויפֿ־געהערט צו שפּאַרן, צו זוכן ערגעץ אַ ווינקל. אַבי מ׳זאָל זיי נאָר אַרויס־לאָזן. דאָס איבעריקע וועט מען שפּעטער זען.

אַנעט האָט שוין כמעט צעטרענצלט די גרויסע ביבליאָטעק. אַ טייל ביכער זענען אַוועק צו די אַנטיקוואַרן, אַנדערע שענקט זי. אַ טייל מעבל איז פֿאַרקויפֿט. מיט די קויפֿערס איז געוועזן אָפּגערעדט, אַז זיי וואַרטן אַ חודש, די צײַט וואָס עס נעמט צו באַקומען דאָס רײַזע־קאַרטל. איצט בעט מען אָדער דאָס געלט צוריק, אָדער דאָס מעבל. עטלעכע קעסטלעך, וואַ־ליזקעס וואַרטן מ׳זאָל אין זיי אַרײַנלייגן דאָס נויטיקסטע מיטצונעמען. בלויז דאָס נויטיקסטע. זי וועט זיך נישט שלעפּן מיט קיין סך פּעק. פֿון אײן זאַך בלויז וויל אַנעט נישט רעזיגנירן — פֿונעם אויסבאַהאַלטענעם וואַליזקעלע. דערווײַל איז עס פֿאַרשטעקט בײַ דאָקטאָר ביבער. ער אײַלט זיך נישט, אָבער גרייט זיך אויך צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. זי דאַרף עס באַצײַטנס באַוואָרענען, מעסט און וועגט ווו ס׳וועט בעסער זײַן. דער אַל־טער פּוילישער שרײַבער איז פֿאַרדעכטיק. ער וויל נישט „צופּאַסן זיך״. דער מאָלער זדאַנסקי איז באַרעדעוודיק. ער האָט זיך אײַנגעשאַפּט אַ

הונט און אים אַ נאָמען געגעבן האַמאַ. אויפן שפּאַציר רעדט ער צו אים הויך: „האַמאַ, פיר זיך אויף מענטשלעך, זאָלסט נישט בילן, ווי זיי אויף ייִדן".

זייַנער אַ קאָלעגע האָט אים פאַרגעוואָרפן פּלאַגיאַט. ער האָט גע־גנבעט דעם נאָמען פון הונט בײַ וויקטאָר הוגאָ.

— ווו איז בײַ וויקטאָר הוגאָ פאַראַן אַ הונט מיטן נאָמען האַמאַ? — האָט ער געפרעגט.

— אין „דער מענטש, וואָס לאַכט".

— כ'האָב דאָס בוך נישט געלייענט. כ'דאַרף נישט זוכן קיין נאָמען פאַר מײַן הונט אין ביכער. אַז גאָמולקאָ און מאָטשאַר עט קאָמפּאַני קאָנען זיך אָנרופן מענטשן, פאַרוואָס זאָל מײַן הונט נישט קאָנען געהערן צום מענטשלעכן מין? האַמאַ הייסט אַ מענטש. מײַן הונט איז אַ סך מענטשלע־כער פון זיי.

דאַנקע איז געקומען אָנעטן העלפן איבערקוקן מאַנוסקריפּטן, וואָס מ'קאָן יאָ ריזיקירן מיטצונעמען און וואָס נישט. זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די מעשה.ביידע האָבן געפּלאָצט פון געלעכטער פון זדאַנסקיס אײַנ־פאַל. פריילעך אויפן האַרץ איז פון דעם אָנעטן נישט געוואָרן. ס'איז איר אָפּגעקומען אַן אָרט, ווו מ'קאָן עפּעס לאָזן. זי האָט דעם אַרכיוו איבערגע־קוקט צענדליקער מאָל. וואָס מער זי קאָנטראָלירט, אַלץ מער לייגט זי אָפּ אין אַ זײַט. אַ שאָד אײַנצושטעלן. דאָס לאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן אויפן רײַזע־קאַרטל איז נישט קיין גוטער סימן. מ'וועט בײַ זיי מער בודק זײַן ווי בײַ אַנדערע.

— אפשר לאָזטו דאָס בײַ דאָקטאָר פאָזנער? ער וועט נישט אַוועק־פאָרן.

— כ'האָב פאַרלוירן דאָס האַרץ צו אים. זינט ער האָט אָנגעשריבן דאָס אַרטיקל ווי אַזוי פּאָליאַקן האָבן געראַטעוועט ייִדן.

— מ'האָט אים פאַרעלייגט. ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן. מען דערקענט אין אַרטיקל ווי ער האָט זיך געדרייט. אַז אַך און ווײ וואָס פאַראַ פּנים ס'האָט. אַן אַ האַנט און אַן אַ פוס.

— אַלצאיינס, ער האָט געדאַרפט אָפּזאָגן.

— משפּט נישט. דו ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך בײַ אים אין שטוב. ער האָט אַ ווײַב, צוויי טעכטער. די עלטערע האָט אַ נישט־ייִדישן מאַן,

די ייִנגערע גרייט זיך אויך חתונה צו האָבן. די מאַמע וויל זיך נישט שיידן מיט די קינדער. צוליב דעם קאָן ער זיך נישט רירן פון אָרט. דו ווייסט אפשר נישט וויפל אַרומרײַסעניש, צעריסנקייטן ס׳זענען הײַנט פאַראַן אין ייִדישע משפחות. מיינסט יעדערן קומט אָן אַזוי לײַכט, ווי דיר מיט מאַרעקן?

אַנעטן האָט געגעבן אַ שטאָך אין האַרץ, ווי מיט אַ דין נאָדעלע. מאַרעק. זי. לײַכט מיט אים. אין מוח האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען געדאַנקען. דאַנקע לאָזט איר נישט לאַנג מיט די אייגענע מחשבות. זי האָט אַ נײַעם אײַנפאַל.

— פאַרוואָס נישט בײַ מאַריען? איר מאַן איז אַוועק קיין ישראל, דער זון קיין שוועדן.

— אַ גאָלדענער איינפאַל, דאַנקע. דער שכל איז בײַ מיר אַ קריכער. און דער זכרון נאָך אַ גרעסערער קריכער געוואָרן. מאַריע איז מיר אינגאַנצן אַרויס פון זינען, כאָטש ס׳איז נישט אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן זיך געזען.

מאַריע איז געווען בײַ אַנעטן בעת דער גרויסער סומאַטאָכע. זי איז דעמאָלט געווען די רויקסטע, האָט געחוזקט פון דעם גאַנצן שדים־טאַנץ. זי איז געקומען צו איר מיטן פיר־יעריקן אייניקל. ס׳איז איר גאַנץ לעבן. דערלעבט נחת פון דער טאָכטער. מיטן מאַן איז קיין זיס לעבן נישט געווען. אַן אַמאָליקער בונדיסט, איז ער געוואָרן אַ פאַרברענטער קאָמוניסט. זי האָט נישט געטאָרט זאָגן קיין שלעכט וואָרט, ס׳האָט בײַ אים געהייסן זי דרייט מיט דער נאָז, ס׳געפעלט איר נישט די נײַע אָרדענונג. דער זון איז געווען אויף דער זײַט פון טאַטן, די טאָכטער אויף איר זײַט. די מאַמע — אַ קראַנקן־שוועסטער, די טאָכטער אַ יונגע מעדיקערין. מאַריע האָט אויך געזאָלט זײַן אַ דאָקטער־מעדיצין. צוויי יאָר האָט זי זיך געהאָט אַמאָל געמאַטערט אויפן אוניווערסיטעט. דאָס, וואָס די מאַמע האָט נישט געקאָנט דערגרייכן, האָט די טאָכטער דערגרייכט. מיט אַלעמען האָט זיך דער טאָכטער בעסער אײַנגעגעבן, ווי איר. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פוילישן אינזשעניער, האָט נישט צו טאָן מיט ייִדישע דאגות און צרות. מאַריע האָט בײַ דער טאָכטער געפונען אַ שטיקל מקום מקלט, זי האָט אין שטוב קיין מנוחה נישט געהאַט, אויפסנײַ נישט געקאָנט אויסקומען מיטן מאַן און זון. פריִער איז בײַ זיי אַלץ געווען גאָלד און בריליאַנטן, איצט

איז אַלץ בלאָטע, זיי וועלן דערטרינקען ווערן אין דער פֿלייצנדיקער בלאָטע. זי האָט זיך אַמאָל געהאַט פֿאַר זיי אַרויסגעכאַפּט, אַז די רעוואָלוציע עסט אויף אירע אייגענע קינדער, איז געווען כאָטש הימל עפֿן זיך, זיי האָבן זי שיער נישט פֿאַרדזשאָבעט. הײַנט האָבן זיי מורא געקריגן די פּאַרטיי זאָל זיי נישט אויפֿפֿרעסן מיט די ביינער. אַז זיי זענען געזעסן בײַ דער טעלעוויזיע, האָבן זיי געהאַט אַן אויסזען, ווי מען וואָלט געשינדן פֿון זיי די הויט.

אַז דאַנקע האָט דערמאָנט מאַריען, איז אַנעט אויפֿגעשפּרונגען פֿון שמחה. קאָן דען זײַן אַ בעסער אָרט ווי בײַ איר טאָכטער? אָדער בײַ איר גופֿא? זי האָט גלײַך געוואָלט נעמען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל. דאַנקע האָט זי אָפּגעהאַלטן.

— קלינג נישט דאָרט, ווו דו דאַרפֿסט עפּעס לאָזן. איך וועל אַליין צוגיין אין זאַקסישן גאָרטן, זי שפּאַצירט דאָרט יעדן טאָג פֿאַרמיטאָג מיטן אייניקל.

דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַנעט אַ צופֿרידענע. זי וועט ענדלעך קאָנען באַשטאַטן דאָס וואַליזקעלע אין אַ זיכער אָרט. דאַנקע וועט עס אַוועקטראָגן צו מאַריען. די טאָכטער איז די לעצטע וואָכן נישט מיט אַלעמען. זי קאָן נישט דערגיין וואָס ס׳קומט בײַ איר פֿאָר. צי זי האָט ווײַטער דאגות אין שפּיטאָל, צי מיטן מאַן. זי גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. זי האָפֿט ס׳וועט אַריבערגיין, זי האָט אַ נייגונג אַרײַנצופֿאַלן אין אַ דעפּרעסיע. מ׳וועט דאָס וואַליזקעלע דערווײַל לאָזן בײַ דער מאַמען און נישט בײַ דער טאָכטער. פֿרי׳ער דאַרף זי, אַנעט, זיך טרעפֿן מיט מאַריען אין זאַקסישן גאָרטן. זי האָט זיך געגרייט צו דער טרעפֿונג, געהאַלטן אין ענדערן די גאַרדעראָבע, ווי מאַרעק איז אָנגעקומען.

— קלײַבסט זיך ערגעץ?

— צו מאַריען, איך וואַרט אויף דאַנקען.

— צי וואָלט נישט גלײַכער געווען צו לאָזן דײַן אוצר בײַ איר טאָכטער?

— דאָס וועלן מיר זען צוזאַמען, כ׳וויל נאָך פֿרי׳ער דורכרעדן מיט דאַנקען.

דאַנקע האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. זי איז אַרײַנגע־

פֿאַלן ווי זי וואָלט אַנטלאָפֿן פֿון אַ גרויסער סכנה. דאָס מויל אָפֿן, די אויגן צעטראָגן.

— דאַנקע, ס'איז עפּעס געשען?

— מאַריעס טאָכטער... זי איז... נעכטן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זי האָט זי געפֿונען פֿאַרסמט, ווען זי איז געקומען מיטן איניקל פֿון שפּאַציר, לעבן בעט אַ צעטל, עטלעכע ווערטער: „איך קאָן דאָ מער נישט לעבן".

קאַפּיטל 10

אין דער וווינונג איז ווי נאָך אַ פּאָגראָם. דאָס פּאַרקויפטע מעבל האָבן די קונים צוגענומען. מ'האָט זיי גענוג אָפּגעשלעפּט. ס'האָט געדויערט לאַנג ביז זיי האָבן באַקומען דאָס צעטל זיך צוצושטעלן אָפּנעמען די רייזע־קאַרטלעך. ביי אַנעטן איז דורך דער צייט דער אַנגסטיקער אומרו געוואַקסן. עס געשעט, אַז מען זאָגט אָפּ. מענטשן גיבן דעמאָלט אָן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און וואַרטן ווייטער. זיי, נישט מען האָט אָפּגעזאָגט, נישט מען האָט געגעבן דאָס רייזע־קאַרטל. צי שלעפּט מען זיי נישט אָפּ ספּעציעל זיי נישט אַרויסצולאָזן? זיי זאָלן נישט קאָנען אָנגעבן אויפסניי? דער קאָפּ ביי אַנעטן איז צעזעצט געוואָרן פון נאָכטראַכטן. וואָס לענגער מען מוז וואַרטן, אַלץ ווייניקער כוחות פאַרבלייבט אָנצוהייבן אין דער פרעמד פון אָנהייב. זיי ציִען אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער.

די ישועה איז געקומען אומגעריכט. דאָס צעטל אַרויסצונעמען די רייזע־קאַרטלעך איז דערגאַנגען צו זיי מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ וואָך. מ'האָט זיך דאָרט נישט געאיילט עס צוצושיקן צו דער צייט. עס בלייבן איבגאַנצן דריי וואָכן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש, אַן אײַלעניש. אַ נס וואָס מאַרעקס פריינד, דאָקטער פרעדעק לאַסקאָוויטש איז זיי געקומען צו הילף אַזש פון לאָדזש.

די שטוב גייט כאָדאָראָם. אין די צימערן אַן אָנוואַלגערניש פון פאַרבליבענע, אַלטע מעבל־שטיקער. אין אַ ווינקל אַ מאַטראַץ אויף דער פּאָדלאָגע, אַן אַלטע קאָלדרע, לײַלעכער. דאָ דאַרף מען נאָך איבערשלאָפן אַ קאַרגע וואָך. אין קיך אַ ביסל געשיר, אַ ביסל שפּייז. מ'דאַרף נאָך דאָ עסן אַ וואָך־צייט. אין גרויסן צימער זענען אויסגעשטעלט פאַרפּאַקטע וואַליזעס, קעסטלעך מיט ביכער, זעקלעך מיט בעטגעוואַנט. מען דאַרף דאָס היינט אָװעקפירן אין קאָנטראָל־אַמט. איבערמאָרגן הייבט זיך אָן די קאָנטראָל. ווער ווייסט ווי לאַנג זי וועט זיך ציִען, צי נישט ביזן

סאַמען אָפּפּאָרן? פיר־פינף טעג איז דאָס מינימום. דאָס קאָנטראָלירן לויט די צוגעשטעלטע רשימות, דאָס בודקן יעדע זאַך באַזונדער קומט פאָר יעדן טאָג פון ניין פרי ביז אָוונט. מ׳דאַרף דערצו האָבן פערדישע כוחות און אײַזערנע נערוון.

מאַרעק האָט אָנגעוואָנדן אַלע דיפּלאָמאַטישע מיטלען, אַז אַנעט זאָל נישט בײַזײַן די קאָנטראָל. פרעדעק איז אים אויך דאָס מאָל געקומען צו הילף.

— איר זעט וואָס אַן אמת בײַדע אויס ווי „מוזולמענער". ווען מ׳וואָלט אײַך אָנגעטאָן די געשטרײַפטע קליידער, וואָלט איר אַרויסגעקומען אמתע לאַגער־סטראַשידלעס.

דאָקטער פרעדעריק לאַסקאָוויטש פאַרלירט קיינמאָל נישט דעם קאָפּ. דעם גוטן הומאָר אויך נישט. ער פלעגט אַמאָל אַ קעגנער קאָנען „אַוועקלייגן אויף די לאָפּאַטקעס" מיט רייד, מיט ווערטלעך. מאַרעקס אַן אוניווערסיטעט־קאָלעגע, פלעגט ער נישט איין מאָל דעליקאַט אים פאַרפאָרן אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט געהערט צום „השומר הצעיר", געווען אַ פײַערדיקער רעדנער, אַ יונג אַ כוואַט. אין „מכבי" האָט מען אים גערופן „אונדזער אַטלעט", כאָטש מיט קיין אַטלעטיק האָט ער זיך נישט פאַרנומען. אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט אַ „באָיוווקאַזש" געהאַט זיך פאַרמאָסטן אויף אים מיט אַ שטעקן, פרעדעק האָט אַזוי קונציק אויסגעמיטן דעם שטעקן, אַרויסגעריסן אים פון יענעמס הענט, צעבראָכן און צוגעוואָרפן דעם שלעגער די צעבראָכענע טיילן, אַז יענער האָט אים פון דעמאָלט אָן פון דער ווײַטנס אויסגעמיטן. נאָכן ענדיקן כעמיע האָט זיך פרעדעק מישב געווען און אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין. ער האָט געוואָלט זײַן אַ כירורג. די מלחמה האָט איבערגעריסן דאָס שטודירן. ווען מ׳האָט אים נאָכן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעפירט מיט די לעצטע אויפשטענדלער, האָט ער אין אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן אויפגעריסן דאָס פאַרקלאַפּטע פענצטער. אָנצורוען אַנדערע צו אַנטלויפן, איז ער געשפּרונגען דער ערשטער. מיט אַ צעבראָכענער האַנט געשלעפּט זיך דורך דער פינצטערניש פון דער נאַכט, פאַרטאָג אָנגעקלאַפּט צו דעם שטעטלדיקן דאָקטער. די יונגע טאָכטער פון אַלטן דאָקטער האָט מיט טרערן אויסגעפועלט בײַם טאַטן אויסצובאַהאַלטן דעם פאַרטאָגיקן פּאַציענט. נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט מיט זײַן שיינער רעטערין, געענ־

דיקט מעדיצין און אין גיכן געוואָרן אָרדינאַטאָר פון לאָדזשער שטאָטישן שפּיטאָל. ער איז געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט פּאָרש־אַרבעטן, געזוכט ווי אַזוי צו היילן דעם ראַק. יעדע אָפּעראַציע איז געווען פאַר אים הן אַ פּערזענלעכער דורכפאַל, הן אַ נייַער עקספּערימענט.

איצט האָט פרעדעק צייַט זיך אַרומצוקוקן אַרום זיך. זייַן צוואַנציקיעריקער זון, דער סטודענט, איז נאָך אין תּפיסה, ער וואַרט אויף אַ פּראָצעס. אָבער דער פאָטער האָט גלייַך באַצאָלט פאַרן זונס זינד, מ׳האָט אים באַזייַטיקט פון דער אַרבעט. צו מאַרעקן האָט ער זיך דערנענטערט ערשט זינט דער „ייִדישער מלחמה״. דאָס מאָל איז ער געקומען צו אים הן זיך שואל עצה צו זייַן, הן אים צו העלפן.

—ביידע האָט איר אַ שיינעם אויסזען. ס׳וואָלט געווען אַ טראָפן יושר, וואָלט מען אייַך קודם געשיקט אין אַ סאַנאַטאָריע, ווייניקסטנס אין אַן אָפּרו־הויז. נאָר גייט זוכט יושר ביי אַ קאָזאַק.

מאַרעק האָט שטאַרק אָפּגעמאָגערט. די הויט אויפן פּנים האָט זיך אָנגעהויבן ווינקלען אין פאַלדן. דער אָנצוג איז פון אים אַראָפּגעהאַנגען, ווי ער וואָלט נישט געווען געמאַכט אויף זייַן מאָס.

— עס פעלן צו אַ זעקס קילאָ, האָט זיך מאַרעק פאַרענטפערט, ווען פרעדעק האָט אָנגעוויזן אויפן צו לויזן מלבוש.

— איי, אַ ווערטל. גאָט האָט עס באַשאַפן אַ וועלט מיט ווערטלעך!

אַנעט האָט נישט ווילנדיק זיך אַרויסגעכאַפּט:

— ווי אַזוי האָט איר, דאָקטער, געלאָזט זיך אַרייַנפּאַקן אין דעם היגן ווערטל?

— אחר המעשה איז יעדערער אַ חכם. וואָס שייך מיר, האָב איך געהאַט פאַרגעסן, אַז אַ בעזעם איז געטרייַ, ווען ער איז נייַ. נאָר נישט געזאָרגט, אויף דעם פערדל וועלן זיי ווייַט נישט פאַרפאָרן.

— דערווייַל פאָרן זיי גאַנץ גוט אויפן פערדל.

— דאָס הייסט גוט געפאָרן? זיי טאָפּטשען אין אַ פאַסקודנער בלאָטע, קאָנען נישט אַרויסציִען די פיס. קוקט אָן די ריטערס! שיסן מיט שווערע האַרמאַטן אויף אַ פליג. געמאַכט אַ ספּעקטאַקל צו פאַרווייַלן דאָס פאָלק. דאָס פאָלק וויל אָבער ברויט, פרייַהייט, דער ספּעקטאַקל וועט דאָס נישט פאַרטרעטן.

— וואָס פאַרוואָ טרייסט? דערוויַל צעטרעטן זיי אונדז.

— הע, זיי וועלן נישט צעטרעטן. איר ווייסט וואָס מ׳פלעגט זאָגן ביַי ייִדן? ווען אַ חזיר וואָלט געהאַט הערנער, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. אַ חזיר האָט אָבער נישט קיין הערנער.

ער האָט זיך געוואָנדן צו מאַרעקן:

— יאָ, יאָ, מאַרעק, געדענקסט וויספּיאַנסקיס „חתונה״? „האָסט גע־האַט, דו כאָם, אַ גאָלדענעם האָרן״...

ביז איצט איז מאַרעקן לײַכטער געווען מיט פרעדעקן. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט מיט אים אַזוי נאָענט און חבריש. פון זײַן ציטאַט איז אים שווער געוואָרן אויפן האַרץ. ער האָט געוואָלט פאַרמײַדן ענלעכע ציטאַטן.

— מיר האָבן פאַר זיך בלויז זעקס טעג. אַנעט מוז זיך אָפּרוען, לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צײַט.

— אַנעט, מיר וועלן פאַרענדיקן דעם שמועס ערגעץ אַנדערש. איך בין אַ דאָקטער, איך פאַראָרדן מינימום דרײַ טעג אָפּרו. איך נעם זיך אונטער אײַך צו עקספּעדירן.

אויף אים קאָן זיך אַנעט פאַרלאָזן. זי האָט באַגערט פאַרן צעשיידן זיך מיטן לאַנד צו פאָרן אין איר געבורט־שטעטל, ס׳וועט זײַן ווי גיין אויף קבר־אָבות. זי האָט געוואָלט נאָך אויך אָנקוקן ערטער, וואָס זענען ביַי איר אײַנגעקריצט אין זכרון, אײַנגעבאַקן אין האַרץ.

דאַנקע איז אײַנגעגאַנגען זי צו באַגלייטן. דעם פּלאַן האָבן זיי גע־האַלטן בסוד.

די גרויסע, דאָרפישע כאַטע, אַן אַרומגערינגלטע מיט אַ צעפוילטן פּלויט, ליגט אַ קילאָמעטער פון שטעטל, בײַם סאַמע וואַלד. אַנעט האָט דאָ נישט איין מאָל זיך פאַרהאַלטן. דאָס פויערישע, אַלטע פּאָרפּאָלק גע־דענקט גוט אירע עלטערן, דערמאָנען זיי שטענדיק מיט אַ זיפץ, דער־ציילן ווי גוט ס׳איז געווען אַמאָל צו האַנדלען מיט ייִדן. ייִדישע דאָרפס־גייער זענען דאָ געווען אָפטע געסט. אין די זומערדיקע שבתים פלעגן חברה יונגוואַרג, שפּאַצירנדיק צום וואַלד, דאָ אָפּטרעטן זיך צו דערקוויקן

מיט אַ פרישן עפּל, מיט אַ באַרגע פון סעדל. ייִדישע מאַמעס זענען געקומען מיט זייערע קינדער זיי געבן מילך צו טרינקען גלייך פון דער קו.

איצט איז דאָ פּוסט און שטיל. ס׳הערט זיך בלויז דאָס קוואַקען פון די הינער. די דערוואַקסענע קינדער זענען זיך צעלאָפן אין די שטעט. דאָס אַלטע פאָרפאָלק לעבט ווי אויף אַן אינדזל. קיין ראַדיאָ, קיין טעלעוויזיע ברענגט נישט קיין נייעס פון דער וועלט. קיין צייטונג איז נישטאָ. זיי קענען סיי ווי נישט לייענען.

זיי האָבן די געסט אויפגענומען גאָר פריינדלעך. פונדעסטוועגן זיך געוווּנדערט: זאַלבע צוויי? אַנעט פלעגט דאָ שטענדיק קומען אַליין. אָבער אין פאַרמאַכטן קאַמער איז דאָס בעט אַ ברייטס. קאַרטאָפל, ברויט און מילך וועט סטאַיען פאַר צוויי.

זיי זענען געגאַנגען מיטן שטיינערנעם שאָסיי אין שטעטל. אַנעט קען דאָ יעדן בוים, יעדן שטיין. דאָ האָט זי אין די יונגע מיידלשע יאָרן שפּאַצירט פון שטעטל אין וואַלד און צוריק. דאָ האָט אַמאָל אין די אָוונטן געקלונגען מיט יונגן געזאַנג, מיט געלעכטער. דאָ צווישן די ווערבעס און בעריאָזעס, וואָס לענגאויסביידע זייטן וועג, האָבן זיך געטראָפן יונגע פּאָרלעך אין די זומערדיקע אָוונטן.

דער וועג איז שטיל, פאַראייניזאַמט און פאַראומערט. דאָס שטעטל איז פאַרעלטערט און פאַרטרויערט. אַמאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז ס׳איז אַ כרך, היינט איז דאָס קליין, איינגעקאַרטשעט ווי אַ זקן, וואָס די עלטער בויגט איין און מאַכט קלענער. די ייִדישע אַמאָליקע הייזקעס, די זעלבע און נישט די זעלבע. זיי זענען איינגעשרומפּן. אין די שוי־פענצטער פון די אַמאָליקע ייִדישע געוועלבער און קלייטלעך הענגען פאַרהענגלעך; דורך די שויבן קוקן אַרויס פּעליאַרגאָניעס אין ערדענע טעפּלעך. אַנעט זעט ווי דורך די פענצטער קוקן אויך אַרויס אַלטע, באַקאַנטע פּנימער, עס ווירבלט אומעטום מיט געשטאַלטן; זיי ווינקען צו איר געהיימניספול, שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ. זייערע אויסגעלאָשענע אויגן גיסן זיך צוזאַמען מיט די פענצטער. גרויסע אויסגעלאָשענע אויגן, אַזעלכע ווי זי האָט געזען דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע אין די פענצטער־לעכער פון די אויסגעברענטע געטאָ־הייזער.

זי שפּאַנט מיט שטומע טריט דורך די געסלעך, רירט קוים אָן די

ערד. דאַנקע האַלט זי אונטערן אָרעם. זי פילט דאָס נישט. זי איז אַליין צווישן שאָטנס. זי הערט דעם אַמאָליקן יידישן געדויש. עס רופן צו איר באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטימען. מען רינגלט זי אַרום. יעדער האָט איר עפּעס צו דערציילן. מען זאָגט איר אָן. מען גיט איר מיט שליחותן: זיי ווילן נישט מען זאָל זיי פאַרגעסן, זייער געדעכעניש זאָל אומקומען, ווי זיי זענען אומגעקומען.

— ווו זענען מיר?

דאַנקע קען נישט די היגע וועגן און שטעגן. זי לאָזט זיך שווייגנדיק פירן. אַנעט לאָזט זיך פירן פון די שאָטנס. זי האָט אַליין נישט באַמערקט ווי זיי זענען אָנגעקומען צום ראַנד שטעטל. פון דאַנען פירט דער וועג צום בית־עולם. זי ווייסט ער איז צעשטערט. זי וועט זיכער געפינען דאָס אָרט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז זי דאָ געווען. זי האָט איצט נישט געפונען. אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, צעאַקערט רוי־ערד, פעלדער, לאַנקעס און קוסטעס.

אַ קאַרגער קילאָמעטער פון דאַנען פליסט אַ שמאָל טייכל. איבערן טייכל זענען געווען פאַרוואָרפן עטלעכע דיקע ברעטלעך. מ׳האָט דאָס גערופן דאָס בריקל. אויך דורך דאַנען זענען פריילעכע קרענצלעך יונגוואַרג געגאַנגען אויף ווייטע שפּאַצירן, געלאָזט זיך צופוס אין אַנדערע שטעטלעך. און דורך דאַנען האָט געפירט דער לעצטער וועג. נישט ווייט פון דאַנען האָט מען צונויפגעטריבן די עדה יידן. מ׳האָט זיי באַפוילן צו גראָבן גריבער, ברייטע און לאַנגע. די פויערים פון דער אַרומיקער געגנט האָבן געהערט די שיסערייַ, די יאָמערלעכע געשרייען. מ׳האָט אַנעטן דערציילט, אַז די אָנגעשאָטענע ערד האָט זיך געהויבן, געטרייסלט זיך. ס׳האָט געשפּריצט מיט בלוט. דאָס וואַסער אין טייכל איז לאַנג רויט געווען.

— וווהין פירסטו מיך?

— דאָרט, אַהין, כ׳וועל געפינען דאָס אָרט.

— ניין!

דאַנקע האָט זי פעסטער אָנגענומען אונטערן אָרעם. זי האָט אָנגעשטעלט אויף איר פאַרטרערטע אויגן.

— אַהין נישט!

זיי זענען געגאַנגען דורכן פעלד צוריק. אַנעט האָט זיך באַפרייט

פון דאַנקעס האַנט, געגאַנגען אַ שטיק פאָרויס, די אויגן אײַנגעגראָבן אין דער ערד. אַ שטומע שטימע האָט געשריִען אין אירע אינגעווײדן, געקײַ־קלט זיך אין דעם פאַרשמיקטן האַלדז: „אָ, ערד פוילישע, אין דיר ריזלט נאָך דאָס בלוט פון אונדזערע געשאָכטענע טאַטע־מאַמעס. ווײנטן פוילישע, אין אײַך טראָגט זיך נאָך דאָס אַש פון אונדזערע פאַרברענטע שוועסטער און ברידער. איך פיל נאָך דעם ריח פון זייער פאַרשרפעטע לײַבער. די בלעטער און גראָזן מורמלען נאָך די לעצטע גסיסה־צאַפּלענישן פון די געשאָכטענע און געברענטע, פאַגראַמירטע און פאַרמוטשעטע אין אַלע צײַטן. מער ווי טויזנט יאָר האָבן מיר מיטן שווייס פון אונדזער לײַב, מיטן מאַרך פון אונדזער מוח באַפרוכפּערט דיך, ערד פוילישע, געהאָרעוועט אויף אונדזער אויסהאַלט און דייי אויפבלי. מער ווי טויזנט יאָר האָבן מיר געטאָגט און געגנעכטיקט אונטער דײַן הימל, געשפּיגלט זיך אין שפּיגל־פלאַך פון דער ווײַסל. מיר האָבן ליב באַקומען מיט עכטער ליב־שאַפט די פליי־ען, די לאַנקעס און וועלדער. די ווערבעס און בעריאָזעס האָבן אונדז באַגלייט אויף די שבתדיקע שפּאַצירן. איז זייער שאָטן האָבן מיר טויזנט יאָר געטרוימט, געהויקט, געשפּינט חלומות, געוויינט אין גייפּרייט זיך. טויזנט יאָר זענען דאָ אונדזערע נגונים און געוויינען געגאַנגען אין די הימלען. ערד פוילישע, אַהער, צו דיר האָבן אַמאָל, ווען דו האָסט גע־דאַרפט זיי, געצויגן אַנטלאָפענע פון גזירות, אַנטרונענע פון שײַטער־הויפנס, פאַרטריבענע פון גרושים.

דאָ, אויף די פוילישע פליי־ען האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער בראשית פון ייִדישקייט. ס'האָט זיך דאָ געעפנט אַ נײַער קוואַל פון ייִדישער יצירהדיקייט, וואָס איז שטראָמיק געפלאָסן אין אַלע צײַטן, אין גוטע און שלעכטע. דאָ זענען ייִדן געגאַנגען אויף קידוש השם פאַר זייער גלויבן און געגאַנגען אויף סיביר, געשמידטע אין קייטן, פאַר דער פרײַהייט פון לאַנד. דאָ האָבן ייִדישע גבורים די ערשטע אין לאַנד אויפגעהויבן אין די געטאָס די פאַן פון אויפשטאַנד קעגן די היטלעריסטישע רוצחים, — אַרויסגעהאַנגען די ווײַס־בלויע פאָן צוזאַמען מיט דער ווײַס־רויטער „פאַר אונדזער און אײַער פרײַהייט". ערד דורכגעווייקטע מיט ייִדישן שווייס און בלוט, צי האָבן מיר נישט קיין גלײַכן חלק אין דיר? אין דײַנע גרענעצן, ערד פוילישע, איז פאַרבליבן אַ טויזנט־יאָריקע ירושה. מיליאָ־

נען קדושים וטהורים האָבן געלאָזט אַ צוואה די ירושה צו היטן, נישט צו לאָזן פאַרלוירן גיין דאָס, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון היטלעריסטישן מבול. ווער העט זאָלן זײַן די יורשים, אויב נישט די שארית הרוגה? וועלן מיר דערלאָזן מ׳זאָל נאָכן פאַרטרײַבן אונדז אויך אַוועקרויבן די טויזנט־יעריקע ירושה? וועלן מיר...

— אַנעט, אַנעט, הערסט נישט? וואָס מורמלסטו? וואָס איז מיט דיר?

דאַנקע האָט זי אַרויסגעריסן פון האַלוצינאַציע. די ליפּן האָבן זיך בײַ איר באַוועגט. דאָס פּנים איז געווען ערגעץ פאַרטראָגן.

— אַנעט, ס׳איז נישט קיין ריכטיקער וועג. מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

אַנעט האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שטאַרע אויגן. געוואָרפן צעטראָגענע בליקן אויף אַלע זײַטן.

— אַ ביסל פאַרקראָכן. מיר האָבן שוין געקאָנט זײַן דאָרט. מ׳קאָן נאָך איצט. ס׳איז נישט ווײַט. פון דאַנען נענטער.

— ניין! מיר וועלן אַהין נישט גיין!

אַנעט האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס, געפונען אַ נײַעם וועג. זי קען אויך דאָ אַלע וועגן און שטעגן. דאַנקע האָט זי מער נישט אָפּגעלאָזט, נישט געלאָזט איר מער זיך אָפּשטעלן. זיי זענען אָנגעקומען אין דער פּויערישער כאַטע מידע, הונגעריקע.

אין אָוונט האָבן זיי בײדע געחשבונט, האָבן אויסגערעכנט גענוי דעם וועג פון אויטאָבוס אַרום דער געגנט. אויפצומאָרגנס האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין דרײַ שטעטלעך. זיי זענען אַנעטן אײַנגעקריצט אין זכרון. אין איר דמיון לעבן זיי אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען אַמאָל. איצט זענען זיי פּוסט, וויסט, פאַרשטומט. שאַטנס. שאָטנס. זיי רינגלען זי אומעטום אַרום. געשטאַלטן גייען איר נאָך אויף טריט און שריט. שטומע געשרייען, הייסע תפילות רײַסן זיך אין דער הויך, שפּאַלטן די פּוילישע הימלען.

יידישע שטעטלעך אָן יידן. די הײַזער, די באַוווּנטע קרעמלעך, דער פּירקאַנטיקער מאַרק, אַלץ איז אויפגעבויט געוואָרן דורך יידישע הענט. יענע הענט זענען די ערשטע אָפּגעהאַקט געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער האַק. יידן פון די שטעטלעך האָט מען די ערשטע אָן שום

צערעמאָניעס, געטריבן צו דער שחיטה, געוואָרפן אויפן פײַער. די איינצעלנע, וואָס האָבן זיך על פי נס געראַטעוועט, זענען נאָך דער מלחמה אָדער דערמאָרדעט געוואָרן אויפן שוועל פון זייער צוריקגעפונענער היים, אָדער געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפ צווישן ייִדן. איצט פאַרטרײַבט מען זיי פון זייער נײַ־אויפגעבויטער היים.

ייִדישע שטעטלעך אָן ייִדן. נישטאָ קיינעם דאָ צו פאַרטרײַבן און פאַריאָגן. די שאָטנס קאָן מען נישט פאַרטרײַבן. מען וועט זיי קיינמאָל נישט פאַריאָגן.

די קאָנטראָל האָט זיך געצויגן פיר טעג. מאַרעק איז געפאַלן פון די פיס, געטרייסט זיך אָבער דערמיט וואָס ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַנעט זאָל דערבײַ נישט זײַן. מ׳האָט בײַ זיי קאָנפיסקירט פערזענלעכע דאָקומענטן, אַרבעטס־צײַגענישן, אַלע זײַנע אַרבעטס־אויסצייכענונגען, מאַנוסקריפטן, בריוו, וואָס האָבן אויסגעזען אינגאַנצן אומשולדיק. זיי זענען געווען העפלעך און אָנגעגעבן אַ סיבה: זיי האָבן נישט געהאַט ווען צו לייענען די מאַנוסקריפטן, מ׳האָט זיי צוגעשטעלט צו שפעט. מאַרעק האָט זיך געוואַקלט צי זאָל ער דערציילן דעם ווײַב, צי נישט. ער קען זי גוט. זי איז פעיִק צו גיין זיי זאָגן, אַז געבעלס וואָלט זיך געריבן די הענט, ווען ער וואָלט זיי געזען בײַ דער שיינער מלאכה, פונקט ווי זי האָט זיי דאָס געזאָגט, ווען מ׳איז פון דער אַדמיניסטראַציע געקומען אויסמעסטן די דירה, כדי צו באַשטימען די סומע, וואָס מען דאַרף אָפצאָלן. ס׳איז דעמאָלט געווען לעבעדיק. מאַרעק האָט דאָס קוים פאַרטושט. ס׳איז זיי אפשר אויך דורכגעגאַנגען טרוקן, ווײַל איינער פון די אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע האָט געדאַרפט איבערנעמען די וווינונג. ס׳האָט זיך אים מסתמא נישט געגלוסט אָפצושלעפן זייער אַרויספאָר. נישט אויסזאָגן אָבער, אַז מ׳האָט פון די ביכער אָפגעוואָרפן גרעצס געשיכטע, האָט ער נישט געקאָנט. געפסלט האָט עס דער צענזאָר פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, און זי, אַנעט ווי אַ היסטאָריקערין, וואָלט זיך אפשר געקאָנט פאַרטיידיקן. ווי איבעראַשט איז ער געווען, ווען אַנעט האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „זאָלן זיי זיך אָנפרעסן דערמיט, דאָס וועל איך באַקומען אומעטום. ערגער וואָס

מ'האָט צוגענומען פּערזענלעכע דאָקומענטן, דײַנע אַלע אַרבעטס־אויסצײ־כענונגען, פֿאַרשידענע פֿאַרצייכענונגען, נאָטיצן, געלאָזט נאַקעט. נאַ־קעטע מענטשן, אָן שום פֿאַרגאַנגענהײט, אָן אַ נעכטן".

דאָקטער לאַסקאָוויטש האָט זיך געוויזלט:

— מיט אַזאַ נאַקעטקייט קאָן מען בלײַבן לעבן. וואָס וואָלט מען גע־טאָן, ווען זיי טוען אויס בפועל ממש נאַקעט? מ'וואָלט זיך דען געקאָנט ווערן?

— דאָקטער פּרעדעק, גאָמולקאַ איז אַ גרויסער פּוריטאַנער, ער איז קעגן מינדסטן נודיזם.

— גערעכט. זיי זענען אַלע גרויסע פּוריטאַנער. אין ראַטנפֿאַרבאַנד מוז די ליטעראַטור אַפֿילו זײַן פּוריטאַניש.

מאַרעק איז געזעסן מיט צעשפּרייטע פּיס, דאָס העמד צעכראַסטעט, די הענט אַראָפּגעלאָזן, דאָס פּנים פֿאַרשוויצט. די מידקייט האָט אַרויס־געשפּאַרט פֿון די גלידער. דער אײַנגעהאַלטענער סאַרקאַסטישער שמייכל האָט אַרויסגעקוקט פֿון די מויל־ווינקלען, וואָס איז אַ סימן, אַז ער גיט זיך נישט אונטער. אַנעט האָט, קוקנדיק אויף אים, געפּרוווט זיך פֿאָרשטעלן אים בײַ אַן אויספֿאַרשונג. ער האָט אויפֿגעכאַפּט איר מיסטעריעזן בליק, געוואָלט זי אַרויסשלאָגן פֿון בייזע רעיונות, אָנגעהויבן זיי אונטעריאָגן.

— מיר זענען דאָך אַלע פֿאַרבעטן צו דאָקטאָר ביבער אויף מיטאָג. לאָמיר זיך נישט סערווירן מיט קיין שלעכטער פֿאָרשפּײַזע. די מעשיות וועלן אונדז אַוועקנעמען דעם אַפּעטיט.

מאַרעק איז געווען וואַכזאַם. זעלטן ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ וואַכזאַמקייט.

— דײַן נאָטיץ ־ ביכעלע איז אָנגעפּיקעוועט מיט פֿאַרשידענע אַד־רעסן, טעלעפֿאָן־נומערן. אין באַן וועט נאָך זײַן אַ רעוויזיע. דו ווייסט, אַז מען טאָר נישט מיטנעמען קיין היגע אַדרעסן, קיין טעלעפֿאָנען אויך נישט. אויסלענדישע קאָנסטו לאָזן, קיין היגע נישט.

ער האָט דאָס געזאָגט צום ווײַב, ליגנדיק אויפֿן מאַטראַץ. די נאַכט האָבן זיי ווייניק געשלאָפֿן, געקומען שפּעט, פֿאַרענדיקט דעם האַנט־באַ־

גאַזש, נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט צי ס׳איז נישטאָ עפּעס, וואָס דאַרף נישט זײַן. ער האָט איבערגעחזרט:

— מ׳דאַרף גוט דורכקוקן דײַן אַדרעסן־ביכל.

— זיי ווילן אונדז איבערהאַקן אַלע דרימען מיטן לאַנד, מיט מענטשן, מיט אַלץ, וואָס...

— אַלצאיינס וואָס זיי ווילן, מיר טאָרן זיך איצט נישט אויסשטעלן אויף קיין שלעכטע סיורפּריזן. רעכן נישט אויסצובאַהאַלטן. ס׳געשעט, אַז זיי נעמען אַרײַן באַזונדער און טוען אויס נאַקעט. דו מיט פרעדעקן האָט איר זיך געטרייסט מיט זייער פּוריטאַניזם. ווען זיי דאַרפן טוען זיי אויס נאַקעט.

— כ׳האָב אויסגעמעקט די היגע אַדרעסן, פריִער איבערגעשריבן, גע־לאָזט בײַ זדאַנסקין. אפשר וועט מען זיי מיר ברענגען. כ׳וויל נישט איבעררײַסן מיט פרײַנד.

אים איז אויך נישט לײַכט צו צערײַסן די פעדים, ס׳איז ווי צו רײַסן שטיקער פון זיך גופא. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך ביידע דעם לעצטן טאָג אויסטאָן פון אַזעלכע געדאַנקען, זיי זאָלן נאָך פאַרברענגען מיט פרײַנד, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרלאָזן. וועלן זיי ערגעץ־ווו געפינען נײַע פרײַנד? ער איז צוגעשטאַנען צו איר.

— די ליטעווסקיס בעטן דו זאָלסט אויך קומען אין רעסטאָראַן אויף מיטאָג. וועסט נישט האָבן קיין אַנדער געלעגנהײַט זיך צו געזעגענען מיט זיי. כ׳וויל נישט זיי זאָלן קומען צו דער באַן. דאָ וועט נאָכמיטאָג זײַן אַ יאַריד.

— איך קאָן נישט.

— פאַרוואָס?

— כ׳בין צו מיד, כ׳וועל בלײַבן אין שטוב, גיי אַליין, געזעגן זיי אין מײַן נאָמען אויך.

ווי גיך מאַרעק איז אַוועק, האָט אַנעט זיך אויפגעריסן, אָפּגעשפּריצט זיך מיט קאַלט וואַסער צו פאַרטרײַבן די שלעפעריקייט און מידקייט, אָנגעטאָן זיך, עפּס איבערגעכאַפּט און אַרויס פון שטוב. זי איז אײַנגעשטיגן מיט צוויי בזקעטן רויטע רויזן אין טראַמוויי, וואָס פירט צו די נאַלעוו־

קעס. פון דאָרט איז זי געגאַנגען צופוס, דורכגעהאַקט נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע, אַרײַנגעדרייט זיך אין דער אַניעלעוויטש־גאַס און ערשט דערנאָך זיך אַרויסבאַקומען אויפן פרײַעם פּלאַץ.

פריִער איז זי צוגעגאַנגען צום געטאָ־דענקמאָל, אויפגעוויקלט פון גלאַנץ־פּאַפּיר די בלומען און אַוועקגעלייגט צופוסנס פון מאָנומענט. ווי לאַנג איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך אָנגעבויגן? זי האָט אַליין נישט געוווּסט. שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין אירע אויערן. דער פאַרבײַגייער האָט זיך דערווײַטערט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. דער פּלאַץ זעט איצט אויס נאָך מער באַגרענעצט. די נײַע הײַזער נאָך נענטער, זיי דריקן אויפן דענקמאָל. יעדעס מאָל ווען זי פלעגט אַהער קומען האָט זי מיט צער און צאָרן געפרעגט: פאַרוואָס האָט מען כאָטש אַ טייל פון צעשטערטן געטאָ נישט געלאָזט אַרום דענקמאָל ווי אַן אָנדענק אויף דור־דורות? פאַרוואָס האָט מען די אויסגעמאָרדעטע פּוילישע ייִדן, די גבורים פון אויפשטאַנד געקאַרגט אַ שטיקל גרעסער אָרט? פאַרוואָס נישט געלאָזט קיין צייכנס פון גרויסן חורבן?

איצט קוקט זי אַרום זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן. ס'דוכט זיך איר, אַז די נײַע געבײַדעס רוקן זיך צוזאַמען נענטער און נענטער. זיי פאַרשטעלן דעם דענקמאָל. אין ווענעמס הענט לאָזט מען אים?

די קניִען האָבן אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט מיט פאַמעלעכע, לײַכטע טריט געטראָגן זיך איבער דער באַגראָזטער ערד, ווי אויסצומײַדן נישט אָנצוטרעטן אויף הרוגים. זי ווייסט, אַז אונטער די ערשטע שיכטן ערד, אונטער די נײַע געבײַדעס, וואָס אַרום, ליגן די ביינער פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער דערמאָרדעטע, פאַרברענטע, פון מאַרטירער און גבורים.

זי האָט קוים אָפּגעפונען דעם בונקער. דאָס בינטל בלומען איז צוגעפאַלן צו דער ערד מיט אַ שטילער תפילה. אַנטקעגן האָט זיך געדוכט, אַז די רויטע רויזן דרענגען זיך צוזאַמען, באַהעפטן זיך מיט דער ערד און שעפּטשען אַרײַן אין אירע טיפענישן.

זי האָט פּלוצלינג דערפילט אויף זיך אויגן. צוויי יונגע מיידלעך מיט שול־טעקעס אין די הענט האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָבסערווירט זי זײַטיק. צי ווייסן זיי וואָס עס שמידט זי צו צו דעם־אָ אָרט? פאַר וועמען זי

האָט געבראַכט בלומען? די היינטצייטיקע פוילישע געשיכטע לערנט מען אין שול, אָבער נישט די געשיכטע פון דעם, וואָס איז דאָ פאַרלאָפן. זיי האָבן ווייטער געקוקט מיט נייגיר, דאָ אויף אַנעטן, דאָ אויף די בלומען. ס'איז איר שווער געוואָרן צו פאַרטראָגן די זייטיקע, נייגיריקע בליקן. זי האָט זיך געלאָזט אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

אויפן פעראָן פון וואָקזאַל גייט די געדיכטע, פאַרנאַכטיקע דעמער־רונג גיך איבער אין פינצטערניש. דער אָוונט פאַלט צו איין אייַלעניש. אין דער אוונטיקער פינצטערניש פינקלט דאָס ברעקלדיקע ליכט פון די שיטער צעוואָרפענע לעמפלעך, ווי בלאָנזשנדיקע שטערנדלעך אויף אַ שוואַרץ־פאַרוואָלקנטן, נידעריקן הימל. אַנעטן איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אַ דערמאָנונג אין מוח מיט אַ וואָסערע צוואַנציק יאָר צוריק איז זי אין אַזאַ אָוונט אָנגעקומען אין דער שטאָט. כמעט צוואַנציק יאָר. אַזוי פיל צייַט האָט גענומען דער וועג צוריק.

מענטשן באַוועגן זיך אויפן פעראָן ווי שאָטנס. מען גייט הין און צוריק, מען זוכט זיך, מען באַגערט צו זיין נאָך אַ ביסל ביי דער זייט פון נאָענטע. ביי דעם איז יענעם טויכט אויף אַ ווייַטע הערינערונג. דער גדאַנסקער וואָקזאַל ליגט אין דער אַמאָליקער יידישער געגנט. אין דער זעלבער געגנט האָט זיך געפונען דער אומשלאַג־פלאַץ. מיט אַ פערטל יאָר־הונדערט צוריק זענען פון דאָרטן אָפּגעגאַנגען צוגן קיין טרעבלינקע. די אָפּגעראַטעוועטע פון יענע טויט־צוגן זענען איצט געצוווּנגען צו לאָזן זיך אויף וואַנדער־וועגן.

דער צוג קיין ווין פילט זיך גיך אָן. די וואַגאָנען זענען געפּאַקט. ביי די פענצטער פון די וואַגאָנען שטייט מען מיט פלאַטער אין די אויגן. דער אָטעם פון צעשיידונג מאַכט שאַרפער דעם קאַלטן ווינט. מען שטעלט אויף דעם קאָלנער פון מאַנטל, מען נורעט איין דעם קאָפּ אין די אַקסלען און מען ווייסט נישט צי מער פון קעלט, צי פון אומעט.

מאַרעק און אַנעט זענען אָנגעקומען די לעצטע. אין דער טאַקסי האָבן זיי באַגלייט דאַנקע און הערמאַן. פרעדעק און יצחק זענען פריער

אָפּגעפּאָרן מיטן האַנט־באַגאַזש. הערמאַן האָט נאָך אין דער לעצטער מי־נוט מיטצוגעבן אַ שליחות. זינט ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן, האָט די מרה־שחורה אים אָפּגעלאָזט. ער רעדט אַריין אין אַנעטן שטיל און געדיכט, פאַרענטפערט זיך: ער האָט דעם גאַנצן טאָג נישט געקאָנט אָנקומען צו איר. אין שטוב ביי איר איז געווען אַן אַריין און אַרויס. אַנעט האָט אויפגענומען אַדרעסן, טעלעפאָנען, איינ־געחזרט זיך וואָס דער און יענער בעט צו דערליידיקן, מ׳זאָל דאָס נישט דאַרפן שרייבן אין קיין בריוו.

פּרעדעק האָט גערעכנט האַציייטנס איינצוקוואַרטירן דאָס פּאָרפאָלק אין וואַגאָן. זיי האַלטן זיך קוים אויף די פיס. ביים צוג האָט אָבער אָפּגע־וואַרט דאָקטאָר ביבער, אַ ביסל ווייטער פון אים איז געשטאַנען דאָקטאָר פּאָזנער. ער איז זיי מקנא. ער זאָגט עס אַזוי שטיל, אַז אַנעט האָט קוים דערהערט. עס ווערט איר פּריקרע. זי האָט דאָך אים שוין געהאַט געמשפּט. צי ווייסט ער כאָטש נישט?

דאָס רימל באַגלייטער פאַרגרעסערט זיך. פונעם שוואַרץ-גרויעם נעפּל קריכן אַרויס געשטאַלטן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט אַן עלטערע פרוי מיט אַ בוקעט בלומען. ס׳איז אַנעטס אַמאַליקע הויז־פרוי. זי דער־נענטערט זיך נישט דרייסט, דערלאַנגט אַנעטן די בלומען און רוימט איר איין מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע:

— איך פיל מיך אַזוי צוליב אייער אַוועקפאָרן, ווי איך גופא וואָלט אָפּגעטאָן די ערגסטע זאַך. ס׳איז מיר פון דעם אַלעמען אַזוי שרעקלעך, אַז ס׳ווילט זיך מער נישט לעבן.

זי ווישט אויס אַ טרער. אַנעט טרייסט זי. זיי האַלטן שוין ביים איינשטייגן, ווי עס דערהערט זיך אַ רופן. ס׳איז אַנגעלאָפן דער מאָלער זדאַנסקי אַ צערודערטער. דעם הונט האַלט ער לעבן זיך, אויף אַ רימען.

— איך זוך אייך שוין אפשר אַ האַלבע שעה, לויף פון איין וואַגאָן צום אַנדערן.

— מיר האָבן זיך דאָך געזעגנט מיט אייך.

— און אַז איר האָט זיך געזעגנט, האָט איר געמיינט, אַז איך וועל נישט קומען באַגלייטן? טויזנטער, צענדליקער טויזנטער דאַרפן אַזוי ווי איך

זײַן בײַ יעדן צוג, וואָס גייט אָפּ קיין ווין. אויב מיר קאָנען גאָרנישט טאָן קעגן זייערע שיינע מעשים, דאַרפֿן מיר זיי כאָטש געבן צו פֿילן פֿון דער ווײַטנס זייער שאַנדע. האָמאָ, ווי מײַנסטו, די צוויי־פֿיסיקע הינט וועלן נאָך לאַנג באַדעקן אונדז מיט חרפּה?

ער האָט אַ צי געטאָן האָמאָן פֿאַרן רימען. דער הונט האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו אים און אַ האַווקע געטאָן. מאַרעק און אַנעט האָבן זיך צוגעאײַלט אײַנצושטײַגן. דאָס ווײנענדיקע האַווקען פֿון האָמאָ האָט זיי אָפּגעקלונגען אין די אויערן.

דער צוג האָט גערירט, ריטמיש פֿאַרשנעלערט דעם גאַנג. אַנעט און מאַרעק זענען געגאַנגען צו זייערע ערטער מיט וואַקלענדיקע טריט, ווי שיכורע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער, צוגעטוליעט זיך צו זיך, ווי צוויי פֿאַרלוירענע קינדער. ס׳האָט זיך זיי געדוכט, אַז דער צוג לויפֿט מיט אַן אויסטערלישער גיכקייט, פֿירט זיי אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט, ערגעץ העט ווײַט־ווײַט.

ביכער פון דער זעלבער שרײַבערין:

1. עסייען און סקיצן (ליטעראַטור־קריטיק) פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע 1962;
2. פון הײַנט און נעכטן (נאָוועלן) „יידיש בוך", וואַרשע 1965;
3. נאָכן מבול (ראָמאַן), פּרעמירט דורכן יעקב וויסליץ־פאָנד פאַר ליטע־ראַטור, קונסט און יידישער מחשבה „יידיש בוך", וואַרשע 1967;
4. אָפּגעריסענע צווײַגן (נאָוועלן און דערציילונגען), פּאַריז 1970;

אין דער פּוילישער שפּראַך:

5. דאָס וויעטנאַמישע פאָלק אין קאַמף; פאַרלאַג „קזשאָנזשקאַ אי וויעדזאַ" וואַרשע 1954;
6. יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרײַך — פאַרלאַג „דאָם קזשאָנזשקי", וואַרשע 1960.

איבערזעצונגען:

7. בריוו פון טויטן הויז פון עטל און יוליוס ראָזענבערג — „יידיש בוך", וואַרשע 1953;
8. דער וועג צום הימל (אויסגעוויילטע ווערק פון אַדאָלף רודניצקי, פאַרזען מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפונג פונעם שרײַבער) פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע 1962.

Copyright by
Lili Berger - France

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Hecho el depósito que
fija la Ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir en el mes de enero de 1974, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman S.R.L., Corrientes 1976 - Buenos Aires

LILI BERGER

ENTRE TEMPESTADES

(Tzwiszn Szturems)

Novela

☆

EDITORIAL "AMISTAD"
Buenos Aires - París, 1974